This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָװעטיש

6 1976

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

■

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

■

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

■

דערשײַנט פון 1961

■

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

יוני

1976

אינהאַלט

ארן ווערגעליס. נײַע לידער 3

פובליציסטיק. א. קיסלאָוו, ס. ראָגאָוו. נאָטיצן וועגן דעם ייִדישן ייִשעוו אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אמעריקע 6

גענריקאס זימאנאס. דער ציִעניזם און די ייִדן 20

טעוויע גען. אונדזערע צײַטן (ראָמאַן. פאָרזעצונג) 26

מענדל ליפשיץ. די גאַנצע וועלט אין שײַן (לידער) 60

סערגיי בארוזדין. די באָבע מאשע. מוזיק. די לע־וואָנע און די זון. יאַן־וואַניטש. (דערציילונגען) 63

דינע קאַלינאָווסקאַיאַ. פּאַראמאָן און אַפּאָלינאַ־ריע. פון פרידקעס געשיכטעס (דערציילונגען) 81

לידער פון איוואן ריאַדטשענקאָ, ייִזמאַיִל גאָרדאָן, אלעקסאנדער אווואראָוו, ווי־טאלי בערעזינסקי, סטאַניסלאַוו סטרי־זשעניוק, איגאָר נעוועראָוו, וולאַדימיר העטמאַן, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש 104

אף די שפורן פון געשעענעם. וו. סאָלאָוויי. דער טאַטע און זײַן זון; א. פּריבלודע. רעפאָעל מילנערס לעבנס־וועג; י. הוטנער, ה. שפּילבערג. פונעם געהענעם ארויס 109

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. ב. שאַפּיר. די ליד פון א שטריק; באַ גאָט אף קעסט און אנד. לידער 117

מענטשן, זייער צײַט און זייער גורל. אלעקסאנדער האַק. א מישפּאָכע פון אַלטע באָלשעוויקעס 122

זיכרוינעס. כאַיִם טאַמאַרקין. וואַרשעווער יאָרן 135

אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו. אין געציילטע ווער־טער (לידער) 142

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע, פראַגן פון קונסט

אירמע דרוקער. נאָטיצן וועגן י.־ל. פּערעץ 144

לעוו אָזעראָוו. וויאַזוי ווערט געבוירן א ליד 149

פון דער ליטעראַטור־געשיכטע. אָשער מאַרגוליס. אימאַנועל האָרוימי (צום 700־טן יאָר פון זײַן געבורט) 154

פונעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. שמועל גאָרדאָן. די פאָרזעצונג פון איינער א פאַרצייכענונג 163

עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימ־לאַנד” האָט אָנגעהויבן. קלאַרע פּעסטשאַנסקע און אירע לידער 166

בריוו פון לייענער 168

מיר ענטפערן אף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. אוזי בורשטיין. די שאָלעם־קויכעס פון ייִסראָעל 171

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. צו די געשעענישן אין יערושאָלאַיִם און אפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן 174

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. א טערעץ פאַר די בענטש־ליכט; וואַנדאַליזם און אמעראַצעס 177

פאַרשיידנס 178

פריילעכע שורעס 180

זיאַמע טימענטשיק. מײַן ענטפער (פעליעטאָן) 181

ביבליִאָגראַפיע. אַבע פינקעלשטיין. ווערק וועגן י.־ל. פּערעצן, דערשינענע אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין די יאָרן 1917 — 1974 182

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטי־שער ליטעראַטור 189

כראָניק 134, 176

עליע פאַלקאָוויטש. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּריִ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר
י. שוסטער

אַרן ווערגעליס

נײַע לידער

טאַמוז

דו שנײַד מיר אָפּ אַ לוסטע הינטערמאָסקווער אינדערפרי,
דעם צוגעפּרוווירענעם אַ קאַפּעלע אויך אינעם כוידעש טאַמוז,
אַ שפּריץ טאָן זאָל, ווי פון אַ קיסליצע, און טאָן עס זאָל אַ ברי
די ליפּן מיר
אַ טראָפּן טוי,
וואָס איז שוין פול מיט זון מיסטאַמע.

דו שפּרייט מיר אויס דאָס הינטערמאָסקווער אויסגעקווייטלט גראָז
(די וואָרצלען נאַס און קאַלט, די גלעקלעך הייס אין טאַמוז),
און לעם דער לוסטע שטעל אַוועק אַ ליידיקן מײַן קאָס,
סע זאָל פאַרפולן אים דאָס קוואַל־וואַסער, וואָס מאָלע־טאָם איז.

דו זעץ אַוועק לעם מיר די מאַלקע רוסלאַנד אין איר פּראַכט,
ס׳זאָל צאַפּלען זיך מײַן האַרץ, אין בענקשאַפט אַ פאַרקלאַמערטס, —
און מער שוין אונדז ניט רוף, און מער אַף אונדז ניט וואַרט,
ווײַל זיצן וועלן מיר אַזוי — פון טאַמוז און ביז טאַמוז.

מײַן ערד־שטיבל

אין דער רוסלענדישער פּרעריע
שטייט מײַן ערד־שטיבל, זיך
גרענעצנדיק
מיט דער פייגלשער אימפּעריע,
מיט דעם אָדלערס רעזידענציע.

אַף דעם ברעג פון אונדזער סאַזשלקע,
אין מײַן שיפּל דעם פאַראַנקערטן
זיך צעלייגט צוויי הינטלעך ראַשיקע,
ווי באַם טאַטן אינעם ווײַנגאָרטן.

בענעמאָנעס, עס איז גלענצנדיק
יענער סטויג — די ווייכע פּערענע
לעם דעם אָדלערס רעזידענציע
אין דער פייגלשער אימפּעריע.

דאָ, אין פלאַסטן ערד געזאַלצענע,
מיט געלערנטע פאַרוווּנדערטע,
זוך איך אַ ציוויליזאַציע
פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער.

און קעדיי דער מענטשהײַטס איינציקע
סוידעס וויסן (זײַ אַ בעריע!),
כ׳קום צום אָדלערס רעזידענציע
אין דער פויגלשער אימפּעריע.

היינטיקע דיכטער

גיי איך אריין אינעם דרויסן,
ווי אין א סאַד א גרויסן.

אויסגעשפרייט און צוזאַמענגעפלאָכטן,
איבערגעשאָטן מיט ווייסן,
פארצירעוועט — אַף ניט צו צערייסן,
הענגען די שטערן,
ווי ס׳הענגען אין גאָרטן
בוזיקעס איבער די בייטן,
איבער די גראָזן — קווייטן.

זאָגט מיר מיין כאַווער, דער היינטיקער דיכטער:
„עפּעס,
מיר דאַכט,
איז דער הימל געדיכטער,
איידער געווען״...

און איך ענטפער מיט ציטער:
ספּוטניקעס פליִען אין רוימען איצטער...

דער בוירע אין הימל, ער וועט שוין פארשפּאָרן
באַפּוצן מיט נייע שטערן די נעכט, —
אויסגענייט האָט מען אין הימל אוזאָרן
פון ספּוטניקעס — מיט גאָלדענע שטעך.

זאָג איך דעם דיכטער: שרייב וועגן הימל
אנדערע הימנען. היינטיקע הימנען.
די אַלטע לעוואָנע זאָל איצט אין דיין ליד
האָבן
אַף זיך
מענטשישע טריט.

שטייען צווי היינטיקע דיכטער אין דרויסן,
ווי אין א סאַד א גרויסן...

* * *

האָט שוין אויסגעטייטשט די גאַס צום שלעכטן
מיין זיך־אויסוויינען
און דיין געלעכטער.

האָט שוין אויסגעלאַכט דער זנוס—דאָס פלעשל
מיין זיך־אָנצינדן
און דיין זיך־לעשן.
(כאָטש געשראָקן האָט, פארוואָס עס שווינדלט—
מיין באַוויזן־זיך

און דיין פארשווינדן.
און ס׳האָט קיינעם מער שוין ניט געוווּנדערט
מיין אריבערגיין
און דיין — ארונטער).

איז אַדורך א צייט, מינוטן איינע:
מיינע אויגן — טרוקן,
דיינע — וויינען.

צוויי לידער וועגן ייִדיש

ערשטע ליד (ווו מע רעדט אין נאָמען פון ייִדיש)

...און ייִדיש אַ לאָשן־קוידעש וועט ווערן,
און נאָכזאָגן ייִדיש מע וועט מיט טרערן.

אַף זאָגן ייִדיש מ׳וועט זוכן אַ טערעץ.
אופזוכן וועט מען אין סייפער, אַף רעכטס —
אַ בלאַט מענדעלע, אַ פּאַרשע פּערעץ

און זינגען „מיר שטאַמען" האָפּשטיינס מיט
אַ קרעכץ.

עס וועלן פאַנאַטיקער גלייבן אין וווּנדער,
אַז פּונקט ווי די עלטערע שוועסטער, וועט אויך
אין איינעם אַ אויסגעבענקטן יאָרהונדערט
זיך אָנעמען נאָכאַמאָל ייִדיש מיט קויך...

צווייטע ליד (ווו ייִדיש רעדט אין אייגענעם נאָמען)

איך — דאָס לאָשן פון די בראָדער,
לאָשן כעלם־און־אַסטראַפּאָליע, —
כ׳וויל ניט זײַן קיין לאָשן־קוידעש,
נאָר אַ מאָנטיק־דינסטיק־מיטוואָך־
דאָנערשטיק־פרײַטיק־שאַבעס־זונטיק־
מאָנטיק־לאָשן
וויל איך זײַן.

איך — ס׳פאַרשמאַלצעוועטע, קרומע,
אויסגעוואַלגערטע אין קויטן
און אין סאַזשע און אין פּאָרעך,
ס׳צוגעפּראַוועטע, באַטאַמטע
אָט מיט קלאָלעס, אָט מיט וויצן,
דאָס פאַרצויגענע מיט לייכעץ,
און מיט קיזיק דאָס פאַרשמעקטע,
דאָס פון צאָרעס און פון ליידן
און פון דאַכקעס און פון הונגער
אויסגעקנאָטענע — צום שטיינען,
דאָס גענעכטיקטע אין העקדעש,
מיט פאַרשטשעמעטע געפילן,
מיט פאַרבלוטיקטע געדערים,
מיט פאַרליאַפּעטע בעגאָדים,
מיט פאַרקלעפּטע אויגן־לעכער,
מיט צעבײַלטן קאָפּ־און־פּאָנעם;
איך — דאָס שטאַרק געדיכטע לאָשן —
ניט געוואַשן, ניט געכאַליעט,
כ׳בין פון גלאָז — פאַר פרעמדע שטיינער,
און באַ זיך — אַ שטאַרקע פעסטונג;
איך — אַ פייגעלע אין שטײַגל,
אַ מענוירע אין אַ קוימען,
זשאַנע ד׳אַרק אַף די יאַרידים,
אויב איר ווילט — אויך אַ מאַדאָנע;
ווי סע זאָגט זיך באַ אונדז, ייִדן:
אַף די טראַנטעס פונעם לעבן —
ווײַסע טפילן, שוואַרצע ציצעס;
איך — אַ בסולע, אַ פאַרשעמטע,
אַן אַלמאָנע, אַן אַגונע,
איך — אַ סעדעכע, אַ יאַכנע,
נײַן מאָס רייד, אַ וואָרט — אַ רענדל;

איך — אַ נאָגיד און אַ שלעפּער,
איך — דער צאַדיק און דער גוילעם;
די מעשאָרעסטע אין קיכן,
די באַוויינערן באַ מיטעס,
איך — די סאַרווערן אַף סימכעס,
איך — די טוקערן אין מיקוועס;
איך — דער שמיד, דער באַלעגאָלע,
דער ייִשוּווניק, לאַמעדוואָווניק, —
כ׳וויל ניט זײַן קיין לאָשן־קוידעש,
נאָר אַ מאָנטיק־דינסטיק־מיטוואָך־
דאָנערשטיק־פרײַטיק־שאַבעס־זונטיק־
מאָנטיק־לאָשן
וויל איך זײַן.

איך — דאָס לאָשן פון טרעבלינקע,
ס׳אויסגעשאָכטענע, פאַרגאַזטע,
באַבי־יאַריש ליקווידירטע,
דאָס געדיכטע אופשפראַץ־לאָשן
(פון האַריגע ביז האַריגע),
איך — דער אָקס (געבראַכט אין יאַטקע,
און ער שטייט אין שטאַל שוין ווידער);
ס׳לאָשן פון די דושעגובקעס,
ווו געטאָן די זאַך געפעליק —
פון ראַכמאָנעס מ׳האָט געהאַרגעט:
מאַכט אַ ציגענע פּעגירע! —
נאָר עס דעכנעט ס׳לאָשן ווײַטער,
ניט פאַרשטענדלעך: ווו? פון וואָס גאָר?
איך — דאָס גאַרגל־לאָשן דעמלט,
ווען מ׳האָט לעקערטן געהאָנגען,
איך — דאָס לאָשן פון די אַנגלען,
ווען בומאַגין האָט זײַן שלוקערץ
אויסגעשטעלט צום דזאָט דעם שוואַרצן,
איך — דאָס לאָשן אַשער שוואַרצמאַנס! —

כ׳וועל ניט זײַן קיין לאָשן־קוידעש,
נאָר אַ מאָנטיק־דינסטיק־מיטוואָך־
דאָנערשטיק־פרײַטיק־שאַבעס־זונטיק־
מאָנטיק־לאָשן
וועל איך זײַן.

פובליציסטיק

א. קיסלאָוו, ס. ראָגאָוו,

וויסנשאפטלעכע מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט
פון פשא און קאנאדע
בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר

נאָטיצן וועגן דעם ייִדישן ייִשעוו אין די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע

אנטיסעמיטיזם איז אין אמעריקע א געוויינלעכע דערשייַנונג. מיט פאלן פון אָפענער דיסקרימינאציע באגעגענען זיך די אמעריקאנער ייִדן באם אייַנאָרדענען זיך אָף ארבעט, באם דינגען א דירע, באם וועלן אָנקומען אין א לערן־אנשטאלט. דער זשורנאל „קאָנגרעס בי־וויקלי", אָרגאן פונעם „אמעריקאנער ייִדישן קאָמיטעט", שרייַבט: „פאקטן באווייַזן, אז אינעם גאנצן לאנד זאָגט מען זיך אָפ, ווי פריִער, אָנצונעמען אָף ארבעט א ייִדן, פארדינגען א דירע א ייִדן — אין יענע פאלן, ווען דער ארבעטסגעבער, אָדער דער הויז־אייגנטימער האלטן זיך בא דער פאָליטיק „ייִדן זייַנען ניט געוווּנטשן". אין אנדערע פאלן נעמט מען קיין ייִדן ניט אָן אָף ארבעט דערפאר, ווייַל די באָסן דיסקרימינירן די מענטשן, וועלכע היטן אָפ שאבעס. אָפיציִעל זייַנען איצט אין די אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשן ניט אייַנגעפירט קיין ייִדן־קוואָטעס (פראָצענט־נאָרמע), אָבער אין א רייִ הויכשולן פון די פארייניקטע שטאטן איז די צאָל ייִדישע סטודענטן באגרענעצט. דאָס ברענגט דערצו, אז די מערהייַט ייִדישע סטודענטן איז קאָנצענטרירט אין עטלעכע צענדליק קאָלעדזשן און אוניווערסיטעטן.

די אמעריקאנער פרעסע טיילט מיט וועגן באנדיטישע אָנפאלן, וואנדאלישע פארשוועכונגען פון ייִדישע בעסאלמענס, וועגן האקנקרייצן, וועלכע מע מאָלט אָן אָף די ווענט פון באָטע־מעדראָשים און פון צענטערס פון דער ייִדישער קעהילע. אנטיסעמיטישע סטערעאָטיפן פיגורירן קעסיידער אין דער אמעריקאנער קינאָ און טעלעוויזיע. בלויז אין די יאָרן 1965 — 1970 זייַנען אין די אמעריקאנער סינאגאָגעס פאָרגעקומען 165 אונטערצינדונגען און אופרייַסן.

די אמעריקאנער געשיכטע באהאלט ניט אויס, אז אמעריקע איז קיינמאָל ניט געווען קיין גאניידן פאר די ייִדן. נאָך אין יאָר 1654, ווען די ערשטע גרופע ייִדן האָט זיך ארויסגעזעצט אָף דער טעריטאָריע פון די הייַנטיקע פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע, האָט דער גובערנאטאָר פון דער קאָלאָניע ניו־אמסטערדאם (שפעטער ניו־יאָרק) פיטער סטיוויסענט אָפגעזאָגט זיך אריַינצולאָזן אין דער קאָלאָניע די מענטשן פון „אָט דער פאלשער ראסע, די ביז גאָר פארהאסטע פייַנט". האגאם די ייִדן זייַנען פונדעסטוועגן יאָ אריַינגעלאָזט געוואָרן אין די צאָפן־אמעריקאנישע קאָלאָניעס, האָט מען, אלס קלאל, אָפגענומען בא זיי די פאָליטישע רעכט, גאנץ אָפט פלעגט מען זיי פארבאָטן צו פארנעמען זיך מיט געוויסע פאָרמען פון עקאָנאָמישער טעטיקייַט. אפילע נאָך דער אויסבילדונג פון די פארייניקטע שטאטן האָט די פאָליטישע דיסקרימינאציע קעגן ייִדן עקזיסטירט אין אייניקע שטאטן אין פארלויף פון פיל צענדליקער יאָרן. אין סאָף XIX יאָרהונדערט האָט די אנטיסעמיטישע כוואליע, וואָס האָט פארפלייצט די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע, דערגרייכט אזא מאסשטאב, אז די

דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן איז דורכגעפירט געוואָרן פּראַקטיש אין אַלע געביטן פונעם אַמעריקאַנער לעבן. די צײַטונגען זײַנען געווען פול מיט רעקלאַמעס „ייִדן זײַנען ניט גע־וווּנטשן", די אוניווערסיטעטן האָבן אײַנגע־פירט ייִדן־קוואָטעס, און אין 1913 איז פאַר־פיקסירט געוואָרן דער ערשטער פאַל פון לינטשן אַ ייִדן.

אין דער רעזאָלוציע פונעם XXI צוזאַמענ־פאָר פון דער קאָמפּאַרטײַ פון די פאַרייניקטע שטאַטן (1975) ווערט באַטאָנט: „די ייִדן פון די פאַרייניקטע שטאַטן זײַנען קאָרבאָנעס פו־נעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר — ווי אַנדערע פאָרמען פון ראַסיזם און שאָוויניזם — אַ מיטל, מיט דער הילף פון וועלכן דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל שיידט פאַנאַנדער דעם אַרבעטער־קלאַס און פאַר־שטאַרקט די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג". דער אַנטיסעמיטיזם איז גענומען געוואָרן אַף באַוואָפענונג סײַ מיצאַד די „רעספּעקטאַבעלע" קרײַזן פון דער אַמערי־קאַנער בורזשואַזיע, סײַ מיצאַד די סאַמע רעאַקציאָנערע, אולטראַ־רעכטע קרײַזן פונעם רעגירנדיקן קלאַס פון פּשא. די אַמעריקאַנער געשיכטע ווייסט פון בײַשפּילן, ווען אין די פאַרייניקטע שטאַטן זײַנען אויסגעבראָכן אַנ־טיסעמיטישע מאַסן־באַוועגונגען מיט אַ פּאָלי־טישער פּלאַטפאָרם, וואָס האָט פאַרייניקט אַנ־טיסעמיטיזם און ראַסיזם מיטן צעיושעטן אַנטי־קאָמוניזם. אַזאַ איז אין די 30־ער יאָרן געווען, לעמאָשל, די באַוועגונג פונעם גאַלעך קאָפלין, הײַנט פירן די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנ־דע אין די פאַרייניקטע שטאַטן די סאַמע רעאַקציאָנערע אַנטיקאָמוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס.

די גרעסטע אָרגאַניזאַציע פון דעם מין איז די „דזשאָן בערטש־געזעלשאַפט". זי ציילט אָן 60 טויזנט מיטגלידער און פאַרמאָגט 4 טויזנט אָרטיקע פיליאַלן. אַ צעיושעטע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע פירט די „פרײַהײַט־לאָבי" (20 טויזנט מיטגלידער), דער „קריסטלעכער נאַ־ציאָנאַליסטישער קרייץ־צוג" פונעם פאַרביסע־נעם אַנטיקאָמוניסט דזשעראַלד סמיט, די „מי־ניטמענער", „קו־קלוקס־קלאַן" און אַ סאַך אַנ־דערע אולטראַ־רעכטע אָרגאַניזאַציעס. אין די פאַרייניקטע שטאַטן ווערט אָפן פאַרשפּרייט אַנטי־ייִדישע ליטעראַטור, דערונטער די „פּראָ־טאָקאָלן פון זיקני־ציִען", „דער אינטערנאַציאָ־נאַלער ייִד" פון ה. פאָרד און די בראָשור „קיי־נער דערוועגט זיך ניט אָנצורופן עס פאַרשווע־רונג" — אַ בראָשור, וואָס איז ברייט פאַר־שפּרייט געוואָרן אין 1972 דורך דער אולטראַ־רעכטער „אַמעריקאַנער פּאַרטיי", וועלכע האָט באַקומען אַף די וואַלן העכער אַ מיליאָן שטי־מען. דער אַנטיסעמיטישער זשורנאַל „קאָנספּי־ראַסי" לעמאָשל, האָט , אין נאָיאַבער 1972 גע־רעדט אַזעלכע רייד צו די אַמעריקאַנער: „די ייִדישע ראַדיקאַלן וועלן אין אונדזערע קירכעס אַראָפּרײַסן די קרייצן — דעם סימבאָל פון קריסטנטום, און אַף זייער אָרט צופּעסטיקן אַ מאָגנדאָוויד צוזאַמען מיט אַ סערפּ און האַמער, דערנאָך וועלן זיי אַלע פרײַהײַטסליבנדיקע מענטשן שמײַסן מיט דער בײַטש פון ייִדיש־קאָמוניסטישער פאַרשקלאַפונג... די ייִדן זײַנען געווען און פאַרבליבן די סיבע פון די וועלט־רעוואָליוציעס, וועלט־מילכאָמעס און קאַטאַקליז־מען פון די פעלקער... ייִדן — דאָס איז אַן אַנ־שטעקנדיקע קרענק, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט און גרייט אַ נײַע, אַ דריטע, מינאַסטאַם די לעצטע וועלט־מילכאָמע". אַ צווייטער אַנטיסעמיטישער זשורנאַל „קראָס ענד פלעג" רופט צו „פאַרהיטן אַמעריקע אַלס אַ קריסטלעכע נאַציע", נעמענדיק אין אַכט, אַז עס ווערט געפירט אַ גוט אָרגאַניזירטע קאַמ־פּאַניע מיטן ציל צו פאַרבײַטן די קריסטלעכע טראַדיציע אַף אַ ייִדישער. דער זשורנאַל פאָ־דערט צו „דעמאַסקירן דעם קאָמוניזם, קעמפן קעגן אים און פאַרבאָטן אים".

אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען האָבן אַן אָרט אויך אין די „רעספּעקטאַבעלע" פּאָליטי־שע קרײַזן פון פּשא. אַזוי, לעמאָשל, האָבן די וואַלן אין דער שטאָט וויין, ניט ווײַט פון ניו־יאָרק, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין 1967, געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישן כאַ־ראַקטער. אייניקע אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער טרעטן אַרויס מיט אַנטי־ייִדישע דערקלערונגען. אין 1974, לעמאָשל, האָט די אַנטיסעמיטישע סטערעאָטיפּן אָפן פּראָקלאַמירט דער יוסטיץ־מיניסטער או. סעקסבי. אין 1975 האָט דער פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פון די שטאַב־שעפן דער גענעראַל דזש. בראַון אין זײַנער אַן אַרויסטרעטונג אין איינעם פון די דאַרעם־אוני־ווערסיטעטן גערופן די אַמעריקאַנער, זיי זאָלן זיך „אָנעמען מיט אַנטשלאָסנקייט, קעדיי מאַכן אַ סאָף צום ייִדישן אײַנפלוס אין די פאַרייניק־טע שטאַטן פון אַמעריקע".

וועגן דער געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם אין די פאַרייניקטע שטאַטן רעדט אויך דער פאַקט, וואָס אַ היפּשער טייל אַמעריקאַנער (37 פּראָץ. פּראָטעסטאַנטן און 32 פּראָץ. קאַטוילעקער) פאַרהיטן אין דער אָדער אַנדער מאָס די אַנטי־ייִדישע סטערעאָטיפּן. ווי עס ווערט אָנגעוויזן אינעם בוך „די געטאָ, און הינטער אירע ווענט", דערקלערט איינער פון יעדע פינף אַמעריקאַנער, אַז ער וועט ניט שטימען פאַר דעם קאַנדידאַט אַפן פּאָסט פון פּרעזידענט, אויב דער קאַנדידאַט איז אַ ייִד.

דער אַנטיסעמיטיזם ברענגט דערצו, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן ווערן אַלץ מער איזאָלירט. נאָר דער דאָזיקער אומשטאַנד איז, נאַטירלעך, ניט דער איינציקער, וואָס ווירקט אַפן גאַנג פון דער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע אין די פאַרייניקטע שטאַטן. צווישן די דאָזיקע פאַק־טאָרן דאַרף מען אויסטיילן, קוידעמקאָל, די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך די אַמעריקאַנער ייִדן, זייער אָרט אינעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון דעם לאַנד אינגאַנצן גענומען.

דאָס אָרט פון די ייִדן אין אמעריקע

די ייִדישע באפעלקערונג אין אמעריקע ציילט בערך 6 מיליאָן מענטשן. זי איז קאָנצענטרירט אין די גרעסטע אורבאניסטישע צענטרען פון די פאראייניקטע שטאטן און שטאמט פון אימיגראנטן פון פארשיידענע לענדער, וועלכע האָבן זיך בעהאדראָגע צוגעפאסט צו די באדינגונגען פון אָט דעם לאנד, געוואָרן א באשטאנדטייל פון דער אמעריקאנער נאציע און נעמען אן אומיטלבארן אָנטייל אין איר עקאָנאָמיש, פאָליטיש און קולטורעל לעבן. די אמעריקאנער ייִדן האלטן זיך ניט פאר א טייל פון דער אויסגעטראכטער מיצאד די ציִעניסטן און אנטיסעמיטן „ייִדישער וועלט־נאציע", זיי שטעלן מיט זיך אויך ניט פאָר קיין איינהײַטלעך גאנצעס אינעם סאָציִאלן פלאן.

די אימיגראנטישע גרופעס, פון וועלכע עס האָט זיך אויסגעפורעמט די הײַנטיקע אמעריקאנער ייִדישע באפעלקערונג, האָבן זיך שטארק אונטערשיידט איינע פון דער אנדערער. זיי זײַנען באשטאנען פון ספרדים און אשקענאזים, דײַטשישע ייִדן און מיזרעך־אייראָפעיִשע. זיי האָבן זיך אונטערשיידט צווישן זיך אויך אין רעליגיִעזער הינזיכט: געווען צווישן זיי אטעיִסטן און אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואטיווע ייִדן און רעפאָרמיסטן. אין סאָציִאלן פלאן איז געווען אן אומבאדײַטנדיקער טייל פון דער גרויס־בורזשואזיע, אָבער ברייטערע שיכטן קליין־הענדלער און באלמעלאָכעס, גרויסע מאסן ארבעטער, דעריקער שנײַדער. מיט דער צײַט זײַנען געוויסע אונטערשיידן צווישן די אמעריקאנער ייִדן בעהאדראָגעדיק פארשווּנדן, די הערשנדיקע „אלגעמיין־אמעריקאנער קולטור" איז צוביסלעכווײַז געוואָרן די קולטור פון דער איבערוועגנדיקער מערהײַט ייִדן, איבערהויפט פון דער יוגנט. אָבער די קלאסן־אונטערשיידן צווישן די אמעריקאנער ייִדן טראָגן אויך הײַנט פונקט אזא שארפן כאראקטער, ווי אין דער גאנצער אמעריקאנער באפעלקערונג.

דער XXI צוזאמענפאָר פון דער קאָמפארטיי פון די פאראייניקטע שטאטן האָט אָפגעמערקט: „דער קלאסן־באשטאנד פון דער ייִדישער געמיינדע שפיגלט אָף דעם קלאסן־באשטאנד פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט אינגאנצן גענומען. אף איין פאָליוס — די ייִדישע גרויסבורזשואזיע, וועלכע האָט אירע פאָרשטייער צווישן די קארפן־קעפ פונעם אמעריקאנער פינאנץ־קאפיטאל, אף דעם צווייטן פאָליוס — בא 15 פראָצענט ייִדישע מישפאָכעס, וועלכע זײַנען אָפיציִעל פארעכנט צו דער קאטעגאָריע אָרעמע. די מערהײַט אָבער אמעריקאנער ייִדן זײַנען ארבעטער און אָנגעשטעלטע... לײַדן הײַנט, אזוי ווי אנדערע, פון ארבעטסלאָזיקײַט און אינפלאציע, און זיי ווערן — אויך צוזאמען מיט אנדערע — ארײַנגעצויגן אינעם קאמף... די ייִדישע מאסן זײַנען א מעכטיקע קראפט אין קאמף פאר פראָגרעס, אז זיי זײַנען א וויכטיקער פאקטאָר אין דעם אנטימאָנאָפאָליסטישן קאמף, א פאקטאָר, וועלכן מ׳דארף אין זינען האָבן".

ניט ווייניקער פון 30—40 פראָצ. אמעריקאנער ייִדן זײַנען לוין־ארבעטער און אָנגעשטעלטע און שטעלן מיט זיך פאָר א טייל פונעם אמעריקאנער פראָלעטאריאט[1]. מיר האָבן דאָ אין זין די ארבעטער פון דער ניו־יאָרקער ניי־אינדוסטריע, די פילצאָליקע ארבעטער אין די קאָנטאָרן און האנדלס־אונטערנעמונגען אין גאנצן לאנד. האגאם די ארבעטער אין די קאָנטאָרן און האנדלס־אונטערנעמונגען, וואָס זייער צאָל האלט אין איין וואקסן (דאָס קומט פאָר אונטער דער ווירקונג פון דער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע). באלאנגען צו דער קאטעגאָריע „ווײַסע קעלנערלעך", זײַנען זיי אָבער א באשטאנדטייל פונעם ארבעטער־קלאס און ניט פונעם אזויגערופענעם „מיטל־קלאס".

באדײַטנדיק איז דער שיכט פון שטאָטישן קליינבירגערטום, פון מענטשן מיט פרײַע פראָפעסיעס (ניט ווייניקער פון 50 פראָצ. פון אלע באשעפטיקטע אמעריקאנער ייִדן). צו די, וואָס געהערן צום שטאָטישן קליינבירגערטום, דארף מען פארעכענען די אייגנטימער פון קלענערע מאגאזינען און דעליקאטעס־קלייטן, קליינע רעסטאָראנען, רעמאָנט־ווארשטאטן, אטעליעס, אפטייקן אדג. זייער האכנאָסע איז א גאנץ נידעריקע. זיי לײַדן פון דער קאָנקורענץ פון די גרויסע אוניווערסאלע מאגאזינען, פון די מערק, פון דער ביוראָ פון קאָמונאלער באדינונג. זייער סאָציִאלע לאגע איז ניט קיין פעסטע. די לעצטע יאָרן איז צו מערקן א היפשן וווּקס פון דער צאָל ייִדן, וואָס געהערן צו מענטשן פון פרײַע פראָפעסיעס. דאָס זײַנען קוידעמקאָל יוריסטן, דאָקטוירים, וויסנשאפטלעך־טעכנישע טוער, לערער פון קינדער־שולן און הויכשולן, אינזשעניערן, שעפערישע טוער און טוער אין די אנשטאלטן פון מאסן־אינפאָרמאציע. די איבערוועגנדיקע מערהײַט ארבעט אין גרויסע קאָרפאָראציעס, קליניקעס, יורידישע קאָנטאָרן, דה. זיי זײַנען פאָשעט אָנגעשטעלטע. אין דער זעלבער צײַט איז א געוויסע צאָל פון די מענטשן פון פרײַע פראָפעסיעס „ביזנעסמענער־אינטעליגענטן" און באלאנגען גיכער ניט צו די שטאָטישע מיטלשיכטן, נאָר צום קלאס קאפיטאליסטן, וועלכע האלטן אויס גרויסע פריוואטע קליניקעס, יורידישע קאָנטאָרן, וויסנשאפטלעך־טעכנישע ביוראָען.

ייִדן שפילן אן אָנגעזעענע ראָליע אינעם קולטור־לעבן פון לאנד, שטעלן פאָר א היפשן טייל פון דער אמעריקאנער אינטעליגענץ. זיי זײַנען ברייט פארטראָטן אין טעאטער, קינאָ, ראדיִאָ און טעלעוויזיע, אין דער ליטעראטור און קריטיק. אן ערעך 10 פראָצ. פון אלע לע־

[1] די דאָזיקע ציפער האָבן די אווטאָרן גענומען פון די אָנגאבן, וועלכע זײַנען געבראכט אינעם האנטבוך, וואָס ווערט ארויסגעגעבן פונעם „אמעריקאנער ייִדישן קאָמיטעט", און פונעם בוך פון דעם באוווּסטן אמעריקאנער סאָציִאָלאָג מארשאל סקלער.

רער אין די הויכשולן, דערונטער 20 פראָצ. פון די לערער אין די סאמע פריווילעגירטע אוניווערסיטעטן, זײַנען ייִדן. די ייִדן באטרעפן 20 פראָצ. פון אלע אמעריקאנער יוריסטן, 9 פראָצ. פון די דאָקטוירים (אין ניו־יאָרק באטרעפן די ייִדן העכער א העלפט פון דער אלגעמיינער צאָל דאָקטוירים). עס איז גוט באוווסט, וואָס פאר א ראָליע עס שפּילן די ייִדן־געלערנטע, זייער היפשער צושטײַער אין דער אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט, טעכניק, מעדיצין. די קולטור פון דער אמעריקאנער נאציע שפּירט דעם אײַנפלוס פון די קולטורן פון פארשיידענע פעלקער, וואָס זייערע פאָרשטייער האָבן אימיגרירט אין די פאראייניקטע שטאטן, זי איז אין קיין פאל ניט די „ריינע" קולטור פון דער גרונט־גרופּע אמעריקאנער־פּראָטעסטאנטן פון אנגלאָ־זאקסישער אָפשטאמונג, וואָס ארום איר האָט זיך פאָרמירט די אמעריקאנער נאציע.

די אקטיווע אינטעגראציע פון די אמעריקאנער ייִדן אינעם אמעריקאנער לעבן איז צו זען אויך פון זייער אקטיווער עקאָנאָמישער אסימיליאציע. באזונדערס בוילעט באווײַזט דאָס דער בײַשפּיל פונעם פראָלעטאריאט און פון די קאפיטאליסטן. ביז 10 פראָצ. פון די אמעריקאנער ייִדן געהערט צו דער גרויס־ און מיטל־בורזשואזיע און צו די אָנפירער פון די גרויסע קאפיטאליסטישע קאָמפאניעס. אָט דער שיכט שפּילט א קענטיקע ראָליע אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון די פאראייניקטע שטאטן, דעריקער אינעם באנק־וועזן, וואָס רעגולירט דעם אינוועסטיציע־קאפיטאל, אינעם הורט־ און לאאכאָדים־האנדל (אין דער נעץ אוניווערסאלע מאגאזינען, אין די קאָמפאניעס, וועלכע פירן דעם האנדל דורך פאָטשט), אין דער לײַכטער אינדוסטריע (באזונדערס אין דער ניי־, טעקסטיל־, פוטערוואַרג־ און שוך־אינדוסטריע), אין דער שפּײַז־אינדוסטריע (אמערסטנס אין דער פראָדוקציע פון ליקער און בראנפן און פון קאָשערע פראָדוקטן), אין דער בויונג (ערד־ספעקוליאציעס און הויז־באזיץ), אינעם זאמלען מעטאל־ברוך און מאקולאטור, אין דער פארווײַלונגס־אינדוסטריע (האָליוווּד־קאָמפאניעס און בראָדוויי־טעאטערן, האָטעלן און נאכט־קלובן, קינאָ־טעאטערן און קאזינאָס), אין די אנשטאלטן פון מאסן־אינפאָרמאציע (פירנדיקע טעלעוויזיע־ און ראדיאָ־קאָרפאָראציעס „איי־בי־סי", „סי־בי־עס", „ען־בי־סי", די צײַטונגען „ניו־יאָרק טײַמס", „ניו־יאָרק פאָסט", „וואשינגטאָן פאָסט" אא., ניט ווייניקער ווי א העלפט ביכער־פארלאגן אדג.), אין יורידישן און מעדיצינישן ביזנעס. אייינצײַטיק זײַנען די ייִדישע קאפיטאליסטן גאנץ שוואך פאָרגעשטעלט אין די גרעסטע קאָמערץ־בענק און סטראכיר־קאָמפאניעס, אויך אין די גרעסטע אינדוסטריעלע קאָרפאָראציעס. עמעס, אין די לעצטע יאָרצענדליקער האָבן זיך באוויזן גרויסע ייִדישע קאפיטאליסטן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער נאפט־אינדוסטריע און מיט דער מעטאלורגישער, באזונדערס מיט דער עלעקטראָנישער און אעראָקאָסמישער, דה. מיט די צווײַגן, וועלכע געהערן צום קריגס־אינדוסטריעלן קאָמפלעקס. די ייִדישע אונטערנעמער באטרעפן 20 פראָצ. פון די אמעריקאנער מיליאָנערן.

די גרעסטע ייִדישע קאפיטאליסטן זײַנען אָרגאניש פארבונדן מיט דער אמעריקאנער מאָנאָפאָליסטישער בורזשואזיע. די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די ייִדישע קאפיטאליסטן אין פשא אונטערשיידן זיך ניט פרינציפּיִעל מיט קיין זאך פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אנדערע אמעריקאנער קאפיטאליסטן, צו וועלכער נאציע זיי זאָלן ניט געהערן, האגאם עס זײַנען ברייט באקאנט די פאמיליען־נאָענטקײַט און געשעפט־פארבינדונגען צווישן איינציקע ייִדישע קאפיטאליסטן, דערונטער אין די אמעריקאנער אָפצווײַגונגען פון די באנקירקלאנען פון די זעליקמאנס, וואָרבורגן, לאזארן. פונדעסטוועגן פילט זיך, אז פאר דער ייִדישער גרויס־בורזשואזיע איז ספעציפיש פריִער פאר אלץ ניט די באזונדערע עקאָנאָמישע אינטערעסן, נאָר דער אָפשטאם און די אָנפירנדיקע ראָליע אין די אָרגאניזאציעס אף דער אמעריקאנער ייִדישער גאס.

די ראָליע פונעם יודאיִזם

דער יודאיִזם איז געוואָרן אין אמעריקע איינער פון די באשטאנדטיילן פון דער „דרײַ־איייניקער אמעריקאנער רעליגיע", און האָט צוזאמען מיט די פראָטעסטאנטישע און קאטוילישע קירכעס דורכגעמאכט היפשע ענדערונגען.

אין פראָצעס פון צופאסן זיך צו די אמעריקאנער באדינגונגען האָבן אינעם יודאיִזם זיך אויסגעטיילט דרײַ גרונט־ריכטונגען, וועלכע האָבן באקומען די נעמען אָרטאָדאָקסאלער, קאָנסערוואטיווער און רעפאָרמיסטישער יודאיִזם. אויב דער אָרטאָדאָקסאלער יודאיִזם האָט געשטעלט פאר זיך די אופגאבע צו פארהיטן אומבארירט אלע דאָגמאטן און ריטואלן פון דער אוראלטער רעליגיע, האָבן די רעפאָרמיסטן ארײַנגעטראָגן וועזנטלעכע ענדערונגען פון טעאָלאָגישן און ריטועלן כאראקטער. די קאָנסערוואטיווע יודאיִסטן, וועלכע פארנעמען א צווישן־לאגע, אנערקענען, אז ענדערונגען אינעם יודאיִזם זײַנען נייטיק, נאָר זיי באמיִען זיך צו דערפירן די ענדערונגען ביז א מינימום. הײַנט־צו־טאָג פארנעמט דאָס פירנדיקע אָרט דער קאָנסערוואטיווער יודאיִזם, וואָס איז געוואָרן די מאסן־ריכטונג און האָט א היפשע ווירקונג אף די „לינקע" אָרטאָדאָקסן און אף די „רעכטע" רעפאָרמיסטן. פונעם געזאָגטן איז צו זען, אז ווען מע רעדט וועגן דעם „אמעריקאנער יודאיִזם", דארף מען, אפאָנעם, האָבן אין זין גראָד אָט דעם טייל פונעם יודאיִזם אין פשא, דעם קאָנסערוואטיוון, אף וויפל די אונטערשיידן צווישן די סאמע ראדיקאלע רעפאָרמיסטן און די אולטרא־אָרטאָדאָקסן זײַנען אזוי

גרויס, אַז אינעם רעליגיעזן פּלאַן איז צווישן זיי ניטאָ קיין שום געמיינזאַמס.

דער אַמעריקאַנער יודאיזם איז געוואָרן אַ סאָציאַלער אינסטיטוט און לויט זײַנע פֿונקציעס שיידט ער זיך איצט ווייניק אונטער פֿון די פּראָטעסטאַנטישע דענאָמינאַציעס און פֿון דער קאַטוילישער קירך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דער אַמעריקאַנער יודאיזם פֿאַרמאָגט אָבער אַ ריי וועזנטלעכע באַזונדערקײַטן. אין אַמעריקע פֿאַרעכנט מען אָפּט צו דער ייִדישער רעליגיעזער אידענטיפֿיקאַציע דעם גאַנצן ייִדישן קלל. אַרויסגייענדיק פֿון דעם, שליסט אײַן די אַמעריקאַנער סטאַטיסטיק אַלע ייִדן אין דער צאָל אָנהענגער פֿון יודאיזם. די עמעסע לאַגע איז אָבער אַזאַ, אַז 53 פּראָצ. ייִדישע געזינדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען ניט קיין מיטגלידער פֿון די יודאיִשע קאָנגרעגאַציעס. אַפֿילע לויט די אָנגאַבן פֿון די רעליגיעזע פֿאַראייניקונגען גופֿע (און די דאָזיקע אָנגאַבן זײַנען, אָן שום ספֿק, איבערגעטריבענע) באַטרעפֿט די צאָל מיספּאַלעלים אין די באָטעמעדראָשים אומגעפֿער אַ העלפֿט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. נאָך מער, פֿאַרשיידענע סאָציאָלאָגישע אויספֿאָרשונגען באַווײַזן דעם נידעריקן ניוואָ פֿון רעליגיעזקײַט צווישן די ייִדן. בלויז 20 — 30 פּראָצ. ייִדן גייען דאַוונען אין בעסמעדרעש כאָטש איין מאָל אין כוידעש (בײַ די קאַטוילישער 80 פּראָצ., בײַ די פּראָטעסטאַנטן 60 פּראָצ.). די מערהײַט מיספּאַלעלים באַזוכן די באָטעמעדראָשים בלויז 1 — 2 מאָל אין יאָר, אין די טעג פֿון די וויכטיקסטע רעליגיעזע יאָמטויוועם. מע דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז צווישן די גלויבנדיקע איז פֿאַראַן אַ באַשטימטע צאָל, וואָס איז אַריבער צום יודאיזם פֿון אַן אַנדער עמונע, אַלס קלל אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ געמישטער כאַסענע. צווישן די, וועלכע שטאַמען פֿון אַנדערע עמונעס, געפֿינען זיך עטלעכע טויזנט שוואַרצע ייִדן פֿון ניו־יאָרקער האַרלעם און פֿון אייניקע אַנדערע נעגערישע געטאָס. מע דאַרף אויך אָנווײַזן, אַז ניט ווייניק ייִדן האָבן אָנגענומען די קריסטלעכע עמונע (באַזונדערס דעם „אוניטאַריזם”) און די מיזרעכדיקע רעליגיעס (באַזונדערס דעם דזען־בודיזם), וואָס דאָס איז געוואָרן אַ מאָדעזאַך אין די 60־ער יאָרן.

דעריבער האַלטן מיר, אַז עס איז ניט ריכטיק צו ריידן וועגן דעם אַמעריקאַנער יודאיזם, ווען מע האָט אין זין דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום. אין דער זעלבער צײַט זײַנען די אינסטיטוטן פֿונעם אַמעריקאַנער יודאיזם אַ באַשטאַנדטייל פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער קעהילע.

די אַמעריקאַנער ייִדישע קעהילע

די אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער ייִדישע קעהילע איז אַ סיסטעם פֿון ענג פֿאַרבונדענע צווישן זיך ייִדישע פּאָליטישע, רעליגיעזע, געזעלשאַפֿטלעכע, קולטורעלע, אויפֿקלערערישע און פֿילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿאַראייניקן די מערהײַט אַמעריקאַנער ייִדן. מיטן באַגריף אַמעריקאַנער ייִדישע קעהילע אַסאָציִירט זיך אויך אַ היפּשער טייל אַמעריקאַנער ייִדן, וועלכע געהערן ניט פֿאָרמעל צו קיין שום ייִדישער אָרגאַניזאַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אין רעשוס פֿון די אָרטיקע ייִדישע קעהילעס געפֿינען זיך באָטעמעדראָשים, וועלטלעכע ייִדישע קעהילע־צענטערס, קלוב־אָרגאַניזאַציעס, שולן, שפּיטאָלן, פֿילאַנטראָפּישע פֿאָנדן, אויך פֿעדעראַציעס, וועלכע האַלטן אין איינע הענט דאָס זאַמלען און דאָס צעטיילן די מיטלען אויף קעהילע־באַדערפֿענישן. צו די אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנען טעטיק אין די מאַסשטאַבן פֿונעם גאַנצן לאַנד, באַלאַנגען די געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישע קערפּערשאַפֿטן, וועלכע פּרעטענדירן אויף דער ראָליע פֿון „פֿאַרטיידיקער פֿון די אינטערעסן” פֿון אַלע אַמעריקאַנער ייִדן אָדער פֿון באַזונדערע גרופּעס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג — גלויבנדיקע פֿרויען, יוגנט, מילכאָמע־וועטעראַנען, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניקונגען, ווי אויך די ציִעניסטישע פּאָליטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן, פֿון זייער זײַט, אייגענע פֿיליאַלן, וואָס זײַנען טעטיק צווישן די אויבן־אָנגערופֿענע גרופּעס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַ מאַסן־באַזע: די באָטעמעדראָשים ציילן אָן ביז 3 מיליאָן מיטגלידער, די קעהילע־צענטערס — 750 טויזנט, די קינדער־שולן — 550 טויזנט שילער, „בני ברית” — 450 טויזנט, דער „ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט”, אין וועלכן עס גייען אַרײַן די פּראָפֿאַראיינען און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, — ביז אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער, דער „נאַציאָנאַלער ראַט פֿון די ייִדישע פֿרויען” — 130 טויזנט, די אָרגאַניזאַציע „ייִדישע מילכאָמע־וועטעראַנען פֿון פּשאַ” — מער פֿון 100 טויזנט, דער „אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס” — 50 טויזנט געזינדן, דער „אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט” — 40 טויזנט מיטגלידער אאַוו. אדג.

די ערשטע אינסטיטוטן פֿון דער ייִדישער קעהילע זײַנען געווען די יודאיִשע קאָנגרעגאַציעס, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אויף דער טעריטאָריע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן נאָך אין די קאָלאָניִאַלע צײַטן. אינמיטן פֿון XIX יה. זײַנען אויפֿגעקומען די סעקוליאַרע[1] ייִדישע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ צאָל מיטגלידער, וואָס האָט גיך איבערגעשטיגן די צאָל מיספּאַלעלים אין די באָטעמעדראָשים. די מערהײַט פֿון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט טיפּישע אימיגראַנטישע פֿאַראייניקונגען, וועלכע האָבן געהאָלפֿן די אימיגראַנטן צופּאַסן זיך צו די נײַע באַדינגונגען. האַרט ביזן אָנהייב פֿונעם XX יה. זײַנען אַ סך אָרגאַניזאַציעס פּאַקטיש געווען אימיגראַנטישע לאַנדסמאַנשאַפֿטן, וועלכע האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ קאָנקורענץ.

[1] וועלטלעכע באַפֿרײַטע פֿון רעליגיעזן אײַנפֿלוס.

אָבער אונטערן אײַנפלוס פונעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געוואָרן אַן ערנסטע קראַפט אין פשא, און אויך מאַכמעס דעם, וואָס אין פּראָצעס פון אַמעריקאַניזירונג זײַנען פאַרשוווּנדן די אונטערשיידן צווישן די ייִדישע אימיגראַנטן פון פאַרשיידענע לענדער, האָבן פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער זיך היפּש געענדערט דער כאַראַקטער און די סטרוקטור פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער קעהילע. די הײַנטיקע קעהילע האָט איר לאָקאַלע סיסטעם פון בילדונג, מעדיציִנישע אַנשטאַלטן, קולטור־אינסטיטוציעס, סאָציִאַלע אינסטיטוטן, וועלכע פירן אַן אַרבעט צווישן די באַזונדערע גרופּעס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג (פּראָפעסיִאָנעלע גרופּעס, פרויען־גרופּעס, יוגנטלעכע, וועטעראַנען, זקיינים אדג.). זי האָט געשאַפן פאַר זיך אַ שטאַרקן פינאַנץ־אַפּאַראַט, אויך געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע „פּאַרטיידיקונגס"־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פּרעטענדירן אַף דער ראָליע פון פּאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער ייִדן.

די טעטיקײַט פון די אָרטיקע קעהילעס ווערט קאָאָרדינירט דורך פאַרשיידענע בורזשואַזע אַנשטאַלטן, ווי דער „נאַציִאָנאַלער ייִדישער ראַט פאַר די קעהילע־פאַרהעלטענישן", די „פּרעזידענטן־קאָנפערענץ פון די גרעסטע אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס", „נאַציִאָנאַלער ראַט פון ייִדישן וווילשטאַנד" און אַנד.

די פירנדיקע ראָליע אין די אַנשטאַלטן פון דער ייִדישער קעהילע שפּילט די ייִדישע גרויס־בורזשואַזיע, וואָס איז אַ באַשטאַנדטייל פונעם אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. די ייִדישע גרויס־בורזשואַזיע איז פאַרטראָטן אין די סאַמע אײַנפלוסרײַכע אָרגאַניזאַציעס פון דער קעהילע. דער בודזשעט פון דער קעהילע באַטרעפט מער פון אַ מיליאַרד דאָלער. די פאַקטישע ציפער איז, קאָן זײַן, נאָך אַ גרעסערע. גענוג צו זאָגן, אַז דאָס פאַרמעגן פון די יודאַישע קאָנגרעגאַציעס ווערט געשאַצט ניט ווייניקער ווי אין אַ סומע פון 7 מיליאַרד דאָלער.

די אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער ייִדישע קעהילע פאַרמאָגט 4 טויזנט 500 באָטעמדראָשים און רעפאָרמיסטישע טעמפּלען. זי האַלט אויס ניט ווייניקער פון 100 טויזנט געצאָלטע פונקציאָנערן — באַאַמטע, ראַבאָנים, כאַזאָנים, שאָכטים, יוריסטן אאַוו.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער מאַסן־באַזע, באַשטייט זי דעריקער פונעם קליינבירגערטום. דער ייִדישער ביזנעסמען פון אַ קליינעם מאַסשטאַב, וועלכער איז קולטורעל און סאָציאַל פאַרבונדן מיט דער ייִדישער קעהילע, רעדט, מיסטאָמע, ענגליש מיט אַ ייִדישן אַקצענט, רײַסט זיך ניט אַרײַנצוטרעטן אין אַ פּריווילעגירטן קלוב, ווען מע זאָל אים אַפילע אָנעמען, — אַזאַ ביזנעסמען האַלט פאַר קאָמפאָרטאַבעל און אָנגענעם אַזאַ לעבן, וואָס אַסאָציִירט זיך מיט ייִדישע הענדלער, מעקלערס און ביזנעסמענער פון זײַן צווײַג. אָט דער שיכט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די פּאַרטייניקטע שטאַטן האָט זיך אַסימילירט ווייניקער, איידער די אַנדערע שיכטן אַמעריקאַנער ייִדן. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן געס האָל האָט געשריבן: „אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זײַנען די מאַסן־טרעגער פון דער אידעאָלאָגיע פון נאַציִאָנאַליזם אַמערסטן די קליינבירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע קאָנען ניט פולשטענדיק פאַרייניקן זייערע אינטערעסן ניט מיט די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס, ניט מיט די אינטערעסן פונעם קלאַס גרויס־בורזשואַזיע. זיי שטרעבן צו געפינען אינעם נאַציִאָנאַליזם סײַ אַ פאַרטיידיקונג פון זייערע אינטערעסן, סײַ אַ מין סינטעז פון די אינטערעסן פון ביידע קלאַסן". דאָס געזאָגטע איז אינגאַנצן שײַך אויך צום ייִדישן קליינבירגערטום.

די אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער ייִדישע קעהילע איז, פון איין זײַט, איינע פון די סאָציִאַלע אינסטיטוטן פון פשא, זי פאַרלײַכטערט אין אַ געוויסער מאָס די ייִדישע בירגער דאָס צופּאַסן זיך צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען. פון דער צווייטער זײַט, שטייען בעראָש פון דער מערהײַט אַנשטאַלטן אירע בורזשואַז־נאַציִאָנאַליסטישע עלעמענטן, אין די לעצטע יאָרן — אַלץ מער ציִעניסטישע עלעמענטן, וואָס זייער טעטיקײַט טראָגט אַן אויסגעשפּראָכן נאַציִאָנאַליסטישן כאַראַקטער.

אייניקע מאָמענטן פון דער געשיכטע פונעם אַמעריקאַנער ציִעניזם

די ערשטע ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע אין פשא איז אויפגעקומען אין 1898. צום אָנהייב פון דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מילכאָמע זײַנען שוין געווען עטלעכע ציִעניסטישע פּאַרטייען (אַלגעמיינע ציִעניסטן, אַרבעטער־ציִעניסטן, רעליגיעזע ציִעניסטן), וועלכע האָבן צוגעגרייט אַ היפּשע צאָל פונקציאָנערן. ספּעקולירנדיק אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע אַף די ליידן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך געפונען אין דער זאָנע פון די קריגס־אָפּעראַציעס, האָבן די ציִעניסטן גענוצט די מעגלעכקײַט צו דערשלאָגן זיך דערצו, אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס האָט געמוזט אָנעמען זייערע רעזאָליוציעס. נאָך דער מילכאָמע זײַנען די לידערס פונעם אַמעריקאַנער ציִעניזם אַרויסגעטראָטן מיט פאָדערונגען, ס'זאָל זיי צוגעטיילט ווערן אַן אָנפירנדיקע ראָליע אינעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם (דער קאָנפליקט צווישן בראַנדייסן און ווייצמאַנען), זיי האָבן אָבער אין דעם פּראַט געליטן אַ מאַפּאָלע, ווײַל די פאַרייניקטע שטאַטן זײַנען אַריבער צו דער פּאָליטיק פון איזאָליאַציאָניזם און די אַמעריקאַנער ציִעניסטישע באַוועגונג גופא האָט אין די 20־ער יאָרן פאַרלאָרן דעם גרעסטן טייל פון אירע מיטגלידער. דאָך האָבן די ציִעניסטן זיך דערשלאָגן, אַז די פאַרשיידענע ייִדישע פילאַנטראָפּישע פאָנדן זאָלן אויסגענוצט ווערן אַף די באַדער־

פּעניש פון דער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע.
אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָ־
מע, ווען די אַמעריקאַנער יִדישע באַפעלקע־
רונג איז געוואָרן דערשיטערט פון די יעדיִעס
וועגן די פאַשיסטישע פאַרברעכנס אין אייראָ־
פּע, דערונטער פון די יעדיִעס, אַז עס ווערן
פאַרטיליקט מיליאָנען יִדן אין די נאַציסטישע
טויט־לאַגערן, האָט די ציִעניסטן פּראַקטיש זיך
אײַנגעגעבן צו אײַנשטעלן זייער קאָנטראָל
איבער דער אַמעריקאַנער יִדישער קעהילע.
טײַנענדיק, אַז דער איינציקער וועג צו ראַטע־
ווען די אייראָפּעיִשע יִדן איז שאַפן אַ יִדישע
מעלוכע אין פּאַלעסטינע, האָט די ציִעניסטישע
פּראָפּאַגאַנדע אײַנגערעדט אַ סאַך אַמעריקאַנער
יִדן, און ניט בלויז יִדן, זיי זאָלן אונטער־
האַלטן די ציִעניסטישע פאָדערונגען. האָבנדיק
דערגרייכט דעם העכסטן גראַד אַקטיווקײַט
אינעם פּעריִאָד פון דער אויסבילדונג פון דער
מעלוכע יִסראָעל, האָט דער ציִעניזם אין די
50־ער יאָרן איבערגעלעבט אין די פאַרייניקטע
שטאַטן אַ געוויסן קריזיס — לעמאָשל, די צאָל
מיטגלידער פון דער „ציִעניסטישער אָרגאַניזאַ־
ציע פון אַמעריקע" איז פאַרקלענערט געוואָרן
אין דרײַ מאָל. העיויס די מערהײַט אַמעריקאַ־
נער יִדן, דערונטער די מיטגלידער פון ציִע־
ניסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך קלאָר ניט
געקליבן און קלײַבן זיך אויך איצט ניט צו
פאַרלאָזן זייער לאַנד און אַריבערפאָרן קיין
יִסראָעל, האָט די ציִעניסטישע אָנפירונג גע־
מוזט פּאַטערן אַ סאַך צײַט אָף איבערבויען זיך.
די דאָזיקע איבערבויונג האָט זיך אין טאָך
פאַרענדיקט אינמיטן פון די 60־ער יאָרן.

אָנגעהויבן פונעם 1967, האָבן די ציִעניסטן
געהאַלטן די אַמעריקאַנער יִדישע קעהילע אין
אַ צושטאַנד פון קעסיידערדיקער אָנשטרענגונג,
צעבלאָזנדיק די היסטעריע, אַז „דעם קיִעם פון
יִסראָעל" דראָעט אַ געפאַר. אַ באַזונדערן
פאַרנעם האָט די דאָזיקע קאַמפּאַניע אָנגענומען
נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע (אין אָקטיאַבער
1973). הײַנט־צו־טאָג איז דער ציִעניזם די
פירנדיקע פאָרם פונעם בורזשואַזן יִדישן נאַ־
ציִאָנאַליזם אין די פאַריינקטע שטאַטן פון אַמע־
ריקע.

פיל אַפּאָלאָגעטן פונעם ציִעניזם באַהויפּטן,
אַז ער איז אויפגעקומען אַלס אַ „נאַציִאָנאַלע"
אָדער אַפילע „נאַציִאָנאַל־באַפרײַערישע" באַ־
וועגונג פון די יִדישע מאַסן פון מיזרעך־איי־
ראָפּע, וועלכע האָבן אים אַרײַנגעפירט קיין
אַמעריקע אין גאַנג פון דער אימיגראַציע. דאָ,
אין אַמעריקע, האָט דער ציִעניזם קלוימערשט
אָנגעטראָפן אָף אַ ווידערשטאַנד מיצאַד דער
יִדישער גרויס־בורזשואַזיע, וואָס שטאַמט פון
דײַטשלאַנד און האָט נאָך אין די פריִערדיקע
יאָרן זיך אַמעריקאַניזירט. די געשיכטע פונעם
אַמעריקאַנער ציִעניזם מאָלט אָט די פּראָפּאַ־
גאַנדע אַלס אַ קאַמף פון די יִדישע מאַסן פון
די פאַרייניקטע שטאַטן קעגן דער גרופּע אַריס־
טאָקראַטן — אַסימיליאַטאָרן. דיווירקלעכקײַט
אָבער איז ווײַט פון אַזעלכע באַהויפּטונגען.

וואָס עמעס איז, דער ציִעניזם אין
פּשאַ האָט זיך באַוויזן אינעם פּעריִאָד, ווען די
אימיגראַציע פון יִדן אין לאַנד האָט אָנגענו־
מען אַ ביז גאָר אינטענסיוון כאַראַקטער (פונעם
1877 ביזן 1917 איז די יִדישע באַפעלקערונג
פון די פאַרייניקטע שטאַטן אויסגעוואַקסן פון
230 טויזנט ביז 3 מיליאָן 400 טויזנט). אין די
דאָזיקע יאָרן האָבן קיין פּשאַ איבערגעוואַנ־
דערט 2,5 מיליאָן יִדן פון מיזרעך־אייראָפּע,
ווען קיין פּאַלעסטינע זײַנען אַריבערגעפאָרן
ווייניקער פון 100 טויזנט. אָבער אין 1914 זײַ־
נען אין ניו־יאָרק, וווּ עס האָבן געלעבט 1,5
מיליאָן יִדישע אימיגראַנטן פון מיזרעך־אייראָ־
פּע, געווען ניט מער פון 500 מיטגלידער פון
ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס, און די אַלגעמיינע
צאָל ציִעניסטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט
באַטראָפן סאַכאַקל 12 טויזנט. די צאָל יִדישע
עמיגראַנטן פון פּשאַ קיין פּאַלעסטינע האָט
באַטראָפן סאַכאַקל וואָסערע עטלעכע צענדליק
מענטשן. האַגאַם צווישן די אַמעריקאַנער ציִע־
ניסטן פון יענער צײַט איז געווען פאַרטראָטן
דאָס מיזרעך־אייראָפּעיִשע קלייןבירגערטום,
זײַנען אָבער די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער
פון די אַמעריקאַנער ציִעניסטישע אָרגאַניזאַ־
ציעס געווען די פאָרשטייער פון דער בורזשואַ־
זער אינטעליגענץ, וועלכע האָט געהערט צו
די באַזונדערס שטאַרק אַמעריקאַניזירטע שיכטן
פון די אַמעריקאַנער יִדן. דער צוגאַנג פון די
דאָזיקע קרײַזן צום ציִעניזם איז געווען אַ
גענוג פּראַגמאַטישער (דה. אַ פּראַקטיש נוצ־
לעכער פאַר דער בורזשואַזיע). אינעם ציִעניזם
האָבן זיי אײַנגעזען קוידעמקאָל אַ מיטל צו
אָפּשטעלן דעם שטראָם פון יִדן־אימיגראַנטן,
וואָס האָט, לויט זייער מיינונג, אַרויסגערופן
אין די פאַרייניקטע שטאַטן אַנטיסעמיטיזם.

דער ערשטער פּרעזידענט פון דער ציִעניס־
טישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, פּראָפעסאָר
פונעם קאָלומביִער אוניווערסיטעט ר. גאָטייל,
האָט, ריידנדיק וועגן די ציִלן פונעם ציִעניזם,
אַרויסגעשטעלט אַזעלכע טעזיסן: „דער ווײַ־
טערדיקער שטראָם פון יִדן, וועלכע זײַנען ניט
קיין אַמעריקאַנער, שאַפט אַ שטענדיקע סאַקאָ־
נע פאַר יענע, וועלכע ווילן זיך דערשלאָגן צו
אַ מער־ווייניקער פולער אַבסאָרבציע... צי
דאַרפן אַלע קומען קיין אַמעריקע, קיין ניו־
יאָרק? עס איז פאַר קיינעם קיין סאָד ניט, אַז
עס איז ניט פאַר אונדזערע קויכעס צו אויס־
האַלטן 400 טויזנט יִדן אין אונדזער שטאָט.
באָסטאָן, באַלטימאָר, פילאַדעלפיע און טשיקאַ־
גאָ וועלן אײַך פונקט אַזוי ענטפערן". ווײַטער
האָט ער באַטאָנט, אַז „אויב דער ציִעניזם וועט
זײַן בעקויעך צו געפינען אַ שטענדיקע היים
אין פּאַלעסטינע פאַר יענע יִדן, וועלכע מוזן
אַהין פאָרן אָדער וועלכע ווילן אַהין פאָרן"
וועט דאָס ברענגען נוצן. אַזוי־אַרום האָבן די
ערשטע אַמעריקאַנער ציִעניסטן אָנגענומען
דעם אַנטיסעמיטישן טעזיס וועגן דער „אוממ־
פייִקײַט פון די יִדן צו אַמעריקאַניזירן זיך".
זאָגנדיק בלויז (קלוימערשט צוליב פּינקטלעכ־

קײַט), אז דאָס איז שײַעך נאָר צו די נײַע אימיגראנטן.

בא אזעלכע אַנשויונגען האָט זיך געהאלטן אויך די גרויס־בורזשואזיע, וואָס איז געשטא־נען בעראָש פון די קערפּערשאפטן פון דער אמעריקאנער ייִדישער קעהילע. די סאמע גרעסטע אין יענער צײַט פיגור צווישן די אמעריקאנער ייִדישע קאפּיטאליסטן, דער באנ־קיר דזש. שיף האָט אָן דערפאָלג געפאָדערט, אז די רעגירונג פון פּשא זאָל אופּווירקן אף דער רוסישער צארישער רעגירונג, זי זאָל אָפּשטעלן די עמיגראציע פון ייִדן קיין אמערי־קע. דאָס דערשײַנען פונעם ציִעניזם אין די פאראייניקטע שטאטן האָט פון סאמע אָנהייב באקומען שטיצע מיצאד די קרײַזן פון דער גרויס־בורזשואזיע, וועלכע האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָליע אין דער קעהילע, אשטיי־גער מיצאד דער מישפּאָכע סולצבערגער. די זעלבע קרײַזן, וועלכע האָבן פריִער מוירע גע־האט פאר דער באשולדיקונג אין „צווייענדי־קער לאָיאליטעט", האָבן איצטיקן פארשטאנען די גרויסע מעגלעכקײַטן, וועלכע דער ציִעניזם באקומט מיטן קאמף קעגן דער ארבעטער־בא־וועגונג, קוידעמקאָל צווישן די ייִדישע ארבע־טער. עס איז ניט קיין צופעליקײַט, וואָס גראָד נאָך דעם, ווי די שטרײַקן פון די ייִדישע אר־בעטער אין דער ניי־אינדוסטריע, וועלכע האָבן ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע באקומען א גרויסן רעזאָנאנס (אויך די מערהײַט אונ־טערנעמער אין דער ניי־אינדוסטריע זײַנען גע־ווען ייִדן), האָבן די ייִדישע קאפּיטאליסטן אָנ־געהויבן פארשטארקן זייער שטיצע פאר די ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס, און די ניט־ציִע־ניסטישע קערפּערשאפטן פון דער קעהילע, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט די גרויס־בורזשוא־זיע, זײַנען אריבער צו אקטיווער מיטארבעט מיטן אָפיציעלן ציִעניזם. די ווײַטערדיקע פאר־שטארקונג פון דער ארבעטער־באוועגונג און די פארשפּרייטונג פון די סאָציאליסטישע אידייען צווישן די ארבעטנדיקע ייִדן פון די פאראייניקטע שטאטן האָבן געבראכט דערצו, אז די ניט־ציִעניסטישע קערפּערשאפטן האָבן אינ־גאנצן אָפּגעשטעלט זייער אָפּאָזיציע קעגן דעם ציִעניזם, און די ייִדישע קאפּיטאליסטן האָבן גענומען ברייט פינאנסירן אים.

דעם פאקט, וואָס דער ציִעניזם אין די פאריי־ניקטע שטאטן איז פארוואנדלט געוואָרן אין א גוט אָרגאניזירטער און פינאנסירטער בא־וועגונג, פארבינדט מען געוויינלעך מיטן נאָמען פון ל. בראנדייס, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן אמעריקאנער ציִעניזם אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. לויִס בראנדייס, א מיטגליד פונעם אויבער־געריכט פון פּשא, דער זײַל פונעם אמעריקאנער ליבעראליזם, איז גע־ווען דער „פארמיטלער" בייס די בארימטע שטרײַקן אין דער „ייִדישער" ניי־אינדוסטריע. בייס דער פּאריזשער פרידנס־קאָנפערענץ האָט בראנדייס אליין דערקלערט דעם לאָרד באל־פור, דעם אויטאָר פון דער באלפור־דעקלארא־ציע, אז ער האָט זיך פאראינטערעסירט מיטן ציִעניזם „צוליב אמעריקאנער סיבעס", דה. ווײַל ער האָט געזוכט א מיטל ניט צו דער־לאָזן, אז די רעוואָליוציאָנערע אידייען זאָלן זיך פארשפּרייטן צווישן די ייִדן. בראנדייס האָט אײַנגעזען אינעם ציִעניזם די לייזונג פון דער „ייִדן־פּראָבלעם", וואָס מיט איר הילף וועלן „די זעלבע מענטשן מיט די זעלבע אייגנשאפטן, וועלכע דינען איצט דער רעוואָ־ליוציאָנערער באוועגונג, געפינען, און אין פּשא האָבן זיי שוין געפונען, קאָנסטרוקטיווע קא־נאלן אף אויסצודריקן און ארײַנטראָגן א פּאָ־זיטיוון בײַטראָג אין דער (בורזשואזער) ציווי־ליזאציע". באלפור האָט זיך גײַלט מאסקים צו זײַן מיט בראנדייסן: „אוודע, אוודע, טא־קע אָט די סיבעס מאכן אײַך און מיך פאר אזעלכע הייסע ציִעניסטן".

וואָס עס איז געמיינט געוואָרן מיט די ווער־טער „קאָנסטרוקטיווע קאנאלן", איז צו זען פון דעם, וואָס אונטער בראנדייסעס אָנפירונג האָבן די ציִעניסטן געהיים פינאנסירט יענע לידערס פון די ייִדישע ארבעטער־אָרגאניזא־ציעס און סאָציאל־דעמאָקראטישע אָרגאניזא־ציעס, וועלכע האָבן אקטיוו מיטגעהאָלפן די ציִעניסטן אינעם פירן זייערע פּאָליטישע קאמ־פּאניעס. די נאציאָנאליסטישע אָרגאניזאציעס, וואָס זײַנען געווען טעטיק אין דער ייִדישער ארבעטער־באוועגונג פון פּשא, און קוידעמקאָל די „ארבעטער"־ציִעניסטן, האָבן ניט ווייניק גע־טאָן און טוען אויך איצט ניט ווייניק אף צו „מאכן שאָלעם" צווישן די ייִדישע קאפּיטא־ליסטן און די ייִדישע ארבעטער, דערנאָך, צו־זאמען מיט די אנדערע סאָציאל־רעפאָרמיסטי־שע און אָפן בורזשואזע פּארטייען, אף ארי־בערגיין צו דער אקטיווער פּראָפּאגאנדע פון אנטיסאָוועטיזם און אנטיקאָמוניזם.

דער ציִעניזם איז געוואָרן באזונדערס פּאָפּו־לער צווישן דער אמעריקאנער ייִדישער גרויס־בורזשואזיע, ווען יענע האָט פארשטאנען, אז ער גיט איר גרויסע מעגלעכקײַטן צו פאר־שטארקן אירע פּאָזיציעס אף דער פּאָליטישער ארענע פון פּשא. צעבלאָזנדיק צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג דעם נאציאָנאליזם, רופנדיק צו שאפן א ייִדישן וואָל־בלאָק, קעדיי דערנאָך ארויסטרעטן אין זײַן נאָמען, האָט די ייִדישע בורזשואזיע באקומען די מעגלעכקײַט צו שפּילן אן ערנסטע ראָליע אינעם פּאָליטישן לעבן פון יענע שטאטן, ווו עס זײַנען קאָנ־צענטרירט די ייִדישע וויילער (די דאָזיקע שטאטן פארנעמען דעם צענטראלן פונקט אין דער עקאָנאָמיק און אין דער פּאָליטיק פון די פאראייניקטע שטאטן).

אין אונדזער צײַט טרעט ארויס דער ציִעניזם אף דער אמעריקאנער ארענע, ערשטנס, אלס אן אָרגאניזירטע פּאָליטישע באוועגונג, וואָס באשטייט פון א ריי ציִעניסטישע פּאָליטישע פּארטייען און אָרגאניזאציעס; צווייטנס, אלס א קראפט, וועלכע ווירקט דורך די קערפּער־שאפטן פון דער אמעריקאנער ייִדישער קע־

הילע, וואָס אָפּיציִעל זײַנען זיי ניט קיין ציִעניסטישע, אָבער אָפט ווערן זיי אָנגעפירט מיצאַד ניט פארמאסקירטע ציִעניסטן און זיי נעמען אָן אומיטלבארן אָנטייל אין די ציִעניסטישע קאמפּאניעס. אויסדריקנדיק די אינטערעסן פון יענע קרײַזן פון דער אמעריקאנער ייִדישער בורזשואזיע, וואָס זײַנען געשטימט באזונדערס שאָוויניסטיש, איז דער ציִעניזם אין פּשא א באשטאנדטייל פון דער צווישנפעלקערלעכער ציִעניסטישער באוועגונג.

אין די פאַרייניקטע שטאטן זײַנען פאַרטראָטן אלע פיר גרונט־ריכטונגען פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם: אלגעמיינער ציִעניזם „ארבעטער"־ציִעניזם, רעליגיִעזער ציִעניזם און ציִעניזם־רעוויזיִאָניזם. די אמעריקאנער לידערס פון אָט די ריכטונגען גייען ארײַן אין די אָנפירנדיקע אָרגאנען פון דער „ציִעניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע". אזוי, לעמאָשל, באטרעפן די אמעריקאנער ציִעניסטן א דריטל מיטגלידער פונעם „ציִעניסטישן גענעראל־ראט" (צק פון דער „ציִעניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע"), פאַרנעמענדיק לויט דער צאָל דאָס צווייטע אָרט נאָך די פאָרשטייער פון ייִסראָעל. פון די 36 מיטגלידער פונעם ציִעניסטישן גענעראל־ראט פון דער „אלוועלטלעכער ציִעניסטישער ארבעטער־באוועגונג" זײַנען 7 פאָרשטייער פון די אמעריקאנער סאָציִאל־ציִעניסטן און 20 פון ייִסראָעל, פון די 7 מיטגלידער פונעם „אלוועלטלעכן ראט פון מאפּאם" איז די אנטשפּרעכיקע צאָל פאָרשטייער 1 און 4; פון די 19 אָנפירער פונעם „וועלט־פארבאנד פון די אלגעמיינע ציִעניסטן" — 8 און 5; פון די 14 אָנפירער פון דער „וועלט־פעדעראציע פון אלגעמיינע ציִעניסטן" רעפּרעזענטירן 10 אמעריקע (קיין פאָרשטייער פון ייִסראָעל זײַנען דאָ ניטאָ); פון די 14 אָנפירער פון די „רעליגיִעזע ציִעניסטן" — מיזראכי — האפּאָעל האמיזראכי" זײַנען 4 פון פּשא און 4 פון ייִסראָעל, פון די 11 אָנפירער פונעם רעוויזיִאָניסטישן „וועלט־פארבאנד פון כערוט־האצאָכאר" איז איינער פון פּשא, 4 — פון ייִסראָעל אאוו. אין א געוויסער מאָס גיבן די ציפערן א בילד וועגן דער קרעפטן־פארהעלטעניש צווישן די ציִעניסטן פון אמעריקע און ייִסראָעל, און אויך צווישן פארשיידענע ציִעניסטישע ריכטונגען אָדער פארטייען.

אויב אין ייִסראָעל שפּילן די פירנדיקע ראָליע די „ארבעטער־ציִעניסטן", וועלכע שטייען בעראָש פון דער מעלוכע זינט איר פּראָקלאמירונג, איז אין די פאַרייניקטע שטאטן די שטארקסטע קראַפט אין דער ציִעניסטישער באוועגונג דער „אלגעמיינער ציִעניזם", וועלכער אָריִענטירט זיך אויף דער ייִדישער בורזשואזיע און אינטעליגענץ און האלט זיך בא קאָנסערוואטיווע און נאציִאָנאליסטישע אָנשויונגען. די דאָזיקע ריכטונג איז אין פּשא פארטראָטן דורך דער „ציִעניסטישער אָרגאניזאציע פון אמעריקע" (צאָא) און דער „ציִעניסטישער פרויען־אָרגאניזאציע פון אמעריקע" („האדאסא"). די ציִעניסטישע אָרגאניזאציע פון אמעריקע אָריִענטירט זיך דירעקט אויפן רעכטן פּאָליטישן בלאָק אין ייִסראָעל „ליכּוד" וואָס פארנעמט א דורכויס רעאקציִאָנערע פּאָזיציע אין אלע פראגן. די צאָא שטיצט פולשטענדיק דעם אגרעסיוון אויסערן־פּאָליטישן קורס פון ייִסראָעל, פאָדערט צו אנעקסירן די אָקופּירטע אראבישע טעריטאָריעס. גאנץ אָפט קריטיקירט ער די ייִסראָעל־רעגירונג פאר דער קלוימערשטער נאָכגיביקייט און פארורטיילט יעטווידע פאָרם פון דיפּלאָמאטישער איניציִאטיוו, וואָס איז מעסוגל צו ברענגען צו א יושערדיקער פּאָליטישער אײַנרעגולירונג פונעם קאָנפליקט אויפן נאָענטן מיזרעך.

אין פּשא גופא טרעט די „ציִעניסטישע אָרגאניזאציע פון אמעריקע" ארויס קעגן דער באוועגונג פאר בירגער־רעכט. אירע אָנפירער האָבן גערופן די אמעריקאנער ייִדן שטיצן די אוואנטיורע פון דער רעגירונג פון פּשא אין וויעטנאם. זי טרעט ארויס אלס איינע פון די סאמע אקטיווע איניציִאטאָרן פון דער אנטיסאָוועטישער קאמפּאניע אין די פאַרייניקטע שטאטן און באמיט זיך מיט אלע קויכעס אראָפּצורײַסן די סאָוועטיש־אמעריקאנישע אנטשפּאנונג.

ציילנדיק אין אירע רייען מער פון 100 טויזנט מיטגלידער, פּרעטענדירט די „ציִעניסטישע אָרגאניזאציע פון אמעריקע" אויף אַן אָנפירנדיקער ראָליע אין דער ציִעניסטישער באוועגונג פון נעם לאנד. די דאָזיקע פּרעטענזיעס שטויסן זיך אָבער אָן אויף א ווידערשטאנד מיצאד די אנדערע ציִעניסטישע פארטייען. דאָס איז געווען די סיבע דערפון, וואָס די „ציִעניסטישע אָרגאניזאציע פון אמעריקע" איז אין 1971 ארויס פון דער „פעדעראציע פון די אמעריקאנער ציִעניסטן".

א גרויסע לויט דער צאָל ציִעניסטישע אָרגאניזאציע אין פּשא איז „האדאסא" (300 טויזנט מיטגלידער). זי געהערט אויך צום „אלגעמיינעם ציִעניזם". צום אונטערשייד פון דער „ציִעניסטישער אָרגאניזאציע פון אמעריקע" איז זי ניט פארבונדן מיט די פארטייען פון ייִסראָעל. „האדאסא" מאָביליזירט פאר די ציִעניסטישע קאמפּאניעס אַן ארמיי שטוב־באלעבאָסטעס. זי רעקלאמירט העפּטיק די „פילאנטראָפּישע" טעטיקײַט (דאָס פינאנסירן אין ייִסראָעל אייניקע מעדיציניסע אינסטיטוציעס, קינדער־אנשטאלטן און לערן־אנשטאלטן) און נעמט אַן אקטיוון אָנטייל אין די פּראָייִסראָעלדיקע און אנטיסאָוועטישע קאמפּאניעס פון די ציִעניסטן.

העכער 100 טויזנט מיטגלידער פארמאָגן די ציִעניסטישע „ארבעטער"־אָרגאניזאציעס. צו זיי געהערן „פּויאלע ציִען", די יוגנט־אָרגאניזאציע "ייִכוד האבאָנים", דער ציִעניסטישער ארבעטער־אָרדען „פארבאנד" אאַ. וועלכע זײַנען פאַרייניקט אינעם „ציִעניסטישן ארבעטער־אליאנס", וואָס האלט אונטער ענגע פארבינדונגען מיט דער רעגירנדיקער פּארטיי פון ייִס־

ראָעל. אין די פאריייניקטע שטאטן פונקציאָנירן אויך די אָרגאניזאציעס „האשאָמער האצאָיִר" און „אמעריקאנער פאר א פּראָגרעסיוון ייִסראָעל", פיליִאלן פון דער ייִסראָעלדיקער פארטיי „מאפאם". די דאָזיקע אָרגאניזאציעס פארטיידיקן די אינטערעסן פונעם ציִעניזם אין די אמעריקאנער פּראָפאריינען, סאָציִאליסטישע פארטייען און אנדערע לינקע אָרגאניזאציעס. מיט אלע קויכעס באמיִען זיי זיך דורכצושלעפּן אין דער אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג אנטיסאָוועטיזם און אנטיקאָמוניזם. אין באזונדערע פאלן קריטיקירן זיי די אָנשוילעך פארברעכערישע טריט פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, אינגאנצן גענומען אָבער טראָגט זייער טעטיקײַט אין דער אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג אן אָפענעם שפּאלטונגס־כאראקטער.

די אָרגאניזאציעס פון די רעליגיִעזע ציִעניסטן זײַנען טעטיק אין גרונט צווישן די אָרטאָדאָקסאלע ייִדן. זיי זײַנען ענג פארבונדן מיט די רעליגיִעזע פארטייען פון ייִסראָעל, דערונטער מיט יענע, וועלכע גייען ארײַן אין דער רעגירונגס־קאָאליציע. עטלעכע צענדליק טויזנט מיטגלידער ציילט די אָרגאניזאציע „רעליגיִעזע ציִעניסטן פון אמעריקע", וועלכע האָט אירע פיליאלן פאר דער יוגנט און פאר די פרויען („מיזראכי", „פּויאלע אגודאט ייִסראעל אָף אמעריקא" אא.).

אָף דער אולטרא־רעכטער ייִסראָעל־פּארטיי „כערוט", וואָס איז דער רוקנביין פונעם רעאקציאָנערן בלאָק „ליקוד", אָריִענטירן זיך די „פאריייניקטע ציִעניסטן־רעוויזיִאָניסטן פון אמעריקע" און די יוגנטלעכע אָרגאניזאציע „בעטאר", וועמעס טעטיקײַט עס טראָגט אן אָפן שאָוויניסטישן, פאשיסטישן כאראקטער. די דאָזיקע אָרגאניזאציעס פירן א צעיושעטע פּראָפּאגאנדע פאר דער טעריטאָריִעלער עקספּאנסיע פון ייִסראָעל, זיי פארנעמען אן אולטרא־רעכטע פּאָזיציע אין אלע פראגן פון דער אמעריקאנער אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק. מיטן רעוויזיִאָניזם איז פארבונדן אויך „דזשויִש דעפענס ליג" — א באנדיטישע אָרגאניזאציע, וואָס באמיט זיך דורך טעראָר אראָפּרײַסן די סאָוועטיש־אמעריקאנישע אנטשפּאנונג, צעבלאָזן דעם ראסיזם און אנטיקאָמוניזם אין דער ייִדישער סוויווע. די „דזשויִש דעפענס ליג" ווערט אונטערגעהאלטן מיצאד „רעספּעקטאבעלע" ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס און אנשטאלטן. פארורטיילנדיק אין דער עפנטלעכקײַט די מעטאָדן פון די טעראָריסטן, זײַנען אָבער די דאָזיקע „רעספּעקטאבעלע" אָרגאניזאציעס און אנשטאלטן סאָלידאר מיט די צילן און מאָטיוון פון די פּראָוואָקאציעס.

אין אמעריקע פונקציאָנירן נאָך אייניקע ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס פון פארשיידענעם כאראקטער. כוץ דעם, דארף מען נעמען אין אכט, אז פיל אנדערע בירגערלעכע ייִדישע אָרגאניזאציעס אין די פאריייניקטע שטאטן, כאָטש זיי רופן זיך „ניט־ציִעניסטישע", שטייען זיי אָבער אָף פּראָציִעניסטישע פּאָזיציעס און האָבן פאקטיש נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק אײַנגעשלאָסן אין זייערע פּראָגראמעס ציִעניסטישע פּלאטפאָרמעס און באטייליקן זיך ניט ווייניקער אקטיוו, איידער די אָפיציִעלע ציִעניסטן, אין די ציִעניסטישע און אנטיסאָוועטישע קאמפּאניעס. נאָך מער, האָבנדיק אײַנפלוסרײַכע פארבינדעטע אָף דער אמעריקאנער פּאָליטישער ארענע און באנוצנדיק זיך מיטן סטאטוס פון די אמעריקאנער סאָציִאלע אינסטיטוטן, שפּילן אזעלכע אָרגאניזאציעס א פירנדיקע ראָליע אין די דאָזיקע קאמפּאניעס און נעמען אָף זיך די דירעקטע אָנפירונג מיט זיי.

אָט זײַנען בײַשפּילן:

דער „אמעריקאנער ייִדישער קאָנגרעס" זאָגט, אז זײַן ציל איז — „מיטהעלפן דעם ייִדישן פאָלק אויסצולעבן זיך רעליגיִעז און קולטורעל, העלפן ייִסראָעל צו אנטוויקלען זיך". פאקטיש אָבער האָט ער אָף זיך גענומען „דאָס רעכט צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון די ייִדן אין אלע לענדער פון דער וועלט". איינער פון די אָנפירער פון דער אָרגאניזאציע „בניי בריט", וועלכע פארמאָגט פיליִאלן אין 40 לענדער, קויפמאן, האָט געשריבן, אז „בניי בריט" „שפּילט איצט נאָך א גרעסערע ראָליע אינעם גוירל פונעם ייִדישן גאָלעס, זי פּילט אויס די אויפגאבן, וועלכע די מעלוכע ייִסראָעל קאָן ניט אויספילן אין העסקעם מיט אירע יורידישע רעכט, ווײַל ייִסראָעל איז א סווּוערענע מעלוכע און טאָר זיך ניט ארײַנמישן אין די אָנגעלעגנהײַטן פון אנדערע לענדער". א צווייטער פונקציאָנער, א געוועזענער אָנפירער פון אָט דער אָרגאניזאציע, האָט געזאָגט, אז „אירע ליידערס פאָרן אָפט קיין ייִסראָעל, ווו מע וואשט זיי דורך די געהירן און מע גיט זיי אינסטרוקציעס".

די „ניט־ציִעניסטן" האָבן אן עפנטלעכע פארבינדונג מיט די אָפיציִעלע ציִעניסטן דורך דער „קאָנפערענץ פון די פּרעזידענטן פון די גרעסטע אמעריקאנער ייִדישע אָרגאניזאציעס", דורך דער „נאציִאָנאלער קאָנפערענץ וועגן דער לאגע פונעם סאָוועטישן ייִדנטום", דורך דעם „אמעריקאניש־ייִסראאיילישן קאָמיטעט פאר געזעלשאפטלעכע באציִונגען", וועלכע ארבעטן אומיטלבאר פאנאנדער און פארווירקלעכן אין לעבן דעם פּראָייִסראאיילישן לאָביזם אין די פאריייניקטע שטאטן, אויך די אנטיסאָוועטישע ציִעניסטישע אקציעס. קיין ייִסראָעל גייט איצט די גאנצע האכנאָסע פון דער סיסטעם פילאנטראָפּישע פינאנץ־אנשטאלטן פון דער ייִדישער קעהילע. פארשיידענע אָרגאניזאציעס, וועלכע זײַנען אָפיציִעל ניט קיין ציִעניסטישע, גיבן רעגולער איבער קאָלאָסאלע סומעס דער „ייִדישער אגענץ", פונוואנען דאָס געלט פליסט גלײַך ארײַן אין די קאסעס פון דער מעדינע. די צײַטונג „אטלאנטא קאָנסטיטיושען" האָט געשריבן, אז האגאם פאָרמעל גייען ניט די דאָזיקע געלט־סומעס אָף קריגס־הויצאָעס, גיבן זיי אָבער דער רעגירונג פון ייִסראָעל די מעג־

לעכקײַט צו פאַרגרעסערן דעם קריגס־בודזשעט אַף 30 — 40 פּראָצ. פון די דאָזיקע קוועלן האָט די ייִסראָעל־רעגירונג שוין באַקומען ניט ווייניקער ווי 3 מיליאַרד דאָלער. אין די לעצטע צען יאָר האָט זיך פאַרשטאַרקט די „ציִוניזאַציע" פון די אַנשטאַלטן און אינסטיטוטן פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער קעהילע, וועלכע איז אָפיציִעל ניט קיין ציִוניסטישע. די דאָזיקע אַנשטאַלטן און אינסטיטוטן פאַרנעמען דאָס צענטראַלע אָרט אין דער „קאַמפּאַניע צו שוץ פון ייִסראָעל". די „ניט־ציִוניסטישע" אָרגאַניזאַציעס פירן אומיטלבאַר דעם פּאָליטישן לאָביזם לעטויוועס ייִסראָעל, זיי אָרגאַניזירן יעדעס יאָר א זאַמלונג פון מיליאָנען דאָלער אַף צו פינאַנסירן די מעדינע, זייערע אָנפירער זײַנען מיטגלידער פון דער „ייִדישער אַגענץ", ווו פון 40 ערטער פאַרנעמען די אַמעריקאַנער 20, וואָס די מערהײַט פון זיי זײַנען „ניט קיין ציִוניסטן".

אַלזאָ, דער אונטערשייד צווישן די ציִוניסטישע און „ניט־ציִוניסטישע" לידערס אין דער ייִדישער בירגערלעכער סוויווע פון פּשאַ ווערט אַלץ באַדינגלעכער. די „ניט־ציִוניסטישע" ריכטונג אינעם ייִדישן נאַציִאָנאַליזם טרעט איצט ניט אַרויס קעגן דעם ציִוניזם, נאָך מער — זי פירט דורך אין לעבן די ציִוניסטישע פּראָגראַם אונטער „נייטראַלע" לאָזונגען דורך די אַנשטאַלטן פון דער אַמעריקאַנער קעהילע. דער כילעק צווישן די דאָזיקע ריכטונגען ווערט נאָך מער לעפּיִערכדיק, ווען מע נעמט אין אַכט, אַז אַפן אַמעריקאַנער באָדן האָט דער ציִוניזם איבערגעלעבט באַשטימטע ענדערונגען, וועלכע האָבן אים פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די גרונט־רינגען פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִוניזם. באַזונדערס דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אַף דעם, ווי מע טראַקטירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַזאַ גרונט־טעזיס פונעם ציִוניזם, ווי די „אַליִע".

די פּלאַטפאָרם פונעם אַמעריקאַנער ציִוניזם שטעלט מיט זיך פאָר אַן עקלעקטישן געמיש פון די אײַנשטעלונגען פון די לידערס פונעם קלאַסישן ציִוניזם (אײַנשטעלונגען, וועלכע זײַנען אָרגאַניש פאַר די אָנפירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל) מיט די דעמאַגאָגישע דעקלאַראַציעס וועגן דער „טרײַהײַט צו אַמעריקע". אַף וויפל די אַמעריקאַנער ציִוניסטן זײַנען אַליין ניט קיין גרויסע כסידים פון דער אַליִע, האָט די עמיגראַציע פון פּשאַ קיין ייִסראָעל באַטראָפן פאַר אַלע יאָרן ניט מער ווי 50 טויזנט מענטשן, דערבײַ האָבן אַרום 40 פּראָצ. אוילים זיך אומגעקערט קיין פּשאַ, און א גרויסער טייל פון די פאַרבליבענע אין ייִסראָעל זײַנען אָרטאָדאָקסאַלע ייִדן, וועלכע זײַנען אַהער געקומען צוליב רעליגיִעזע סיבעס. קאָמפּענסירנדיק די אָפּוועזנהײַט פונעם פּערזענלעכן דראַנג צו פאָרן אַף דער „הייליקער ערד פון די אָוועס", האָבן די ציִוניסטישע לידערס אין פּשאַ קאָנצענטרירט אַלע זייערע באַמיִונגען אַף צו געבן מאַקסימאַלע פּאָליטישע און פינאַנסיִעלע הילף ייִסראָעל. אין דעם פּראַט האָבן מיט זיי פולשטענדיק זיך סאָלידאַריזירט די נאַציִאָנאַליסטיש געשטימטע „ניט־ציִוניסטן", וועלכע זעען אין ייִסראָעל, ריכטיקער — אינעם נאַציִאָנאַליסטישן טומל אַרום ייִסראָעל, א גאַראַנטיע, אַז זיי מעגן זײַן רויִק פאַר זייער הערשאַפט אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער קעהילע.

ווען מע קוקט אַרײַן אין א פרעמדן טאָפּ...

די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער קעהילע האָבן איבערגעלאָזט אַף גאַס באַראַט הונדערטער טויזנטער אָרעמע ייִדן. ווי עס גיבן אָן אייניקע אַמעריקאַנער פאָרשער, זײַנען אין אַמעריקע שוין פאַראַן באַ 900 טויזנט אָרעמע ייִדן, וועלכע נייטיקן זיך אין קיצווע. בלויז אין ניו־יאָרק באַטרעפט זייער צאָל 272 טויזנט. נאָך 432 טויזנט ייִדן פון ניו־יאָרק געפינען זיך אַפן ראַנד פון דאַלעס. אין אָרעמקײַט לעבן צענדליקער טויזנטער ייִדן פון מײַאַמי, באַזונדערס שווער איז די לאַגע פון אַלטע לײַט, וועלכע לעבן אַף פּענסיע. נעמענדיק אין אַכט די גרויסע פינאַנציִעלע מעגלעכקײַטן פון דער ייִדישער קעהילע, מעג מען האַלטן, אַז די געלטסומעס, וועלכע ווערן אַריבערגעשיקט קיין ייִסראָעל, וואָלטן געקאָנט שפּילן א היפּשע ראָליע אינעם לייזן די פּראָבלעם פונעם דאַלעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, יעדנפאַלס צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. ליידער קומט דאָס ניט פאָר.

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז בייס דער וואַל־קאַמפּאַניע פון 1972 זײַנען די אַמעריקאַנער ייִדן אָפן גערופן געוואָרן צו שטימען אויסשליסלעך פונעם שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון ייִסראָעל. אין ייִסראָעל גופע זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן צוויי פאָרוואַל־קאָמיטעטן: איינער פון זיי האָט געפירט אַן אַגיטאַציע לעטויוועס די קאַנדידאַטן פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, דער צווייטער — פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי. דער איציקער פּרעמיער פון ייִסראָעל, וואָס איז דעמלט געווען געזאַנדטער פון ייִסראָעל אין וואַשינגטאָן, האָט אָן שום צערעמאָניעס געפירט די פאָרוואַל־קאַמפּאַניע צווישן די אַמעריקאַנער ייִדישע וויילער. די אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען גערופן געוואָרן צו אַרויסזאָגן זייער שטעלונג בענעגייע אַלע פראַגן פון דער אינערן־פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָפּהענגיק דערפון, צי איז דאָס גוט פאַר ייִסראָעל". אַזאַ פּרעצעדענטלאָזע אַרײַנמישונג אין די אינערלעכע איניאָנים פון פּשאַ איז א גרויסע סאַקאָנע פאַר די אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער ייִדן.

אין די לעצטע יאָרן האָט די אַנטיסאָוועטישע קאַמפּאַניע באַקומען א באַזונדערס ברייטן פאַרנעם. מיט איר פירן אָן, אָדער זי געפינט זיך

אונטערן קאָנטראָל פון אַזעלכע אַנטיסאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי „נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ וועגן דער לאַגע פונעם סאָוועטישן ייִדנטום", „קאָמיטעט פאַר רעפּאַטריִירן די סאָוועטישע ייִדן", „דזשויִש דעפענס ליג", „סטודענטן, וועלכע קעמפן פאַר די סאָוועטישע ייִדן".

אויסער דער קאַמפּאַניע „צו פאַרטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן" אַטאַקירן די ציִעניסטן די סאָוועטיש־אַמעריקאַנישע אָנטשפּאַנונג אין אַלע אירע אַספּעקטן. עס ווערן געמאַכט פּרוּוון צו אויסנוצן דעם קולטור־אויסטויש צו דינסט דער אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע. די הויפּט־קלעפּ ווערן דערלאַנגט איבער די האַנדלס־עקאָנאָמישע באַציִונגען.

די געשיכטע פונעם אַמעריקאַנער ציִעניזם באַווײַזט, אַז באַם פירן אַ פּאָליטישע קאַמפּאַניע איגנאָרירט ער פולשטענדיק די אינטערעסן פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט אַמעריקאַנער ייִדן. באַזונדערס איז אָנשוילעך זײַן אַנטיפּאָלקישע פּאָליטיק אין דער פראַגע וועגן אימיגראַציע: די ציִעניסטן האָבן גאַנץ קונציק אָרגאַניזירט אַ שטאַרקן דרוק אויפן אַמעריקאַנער קאָנגרעס, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די ציִעניסטישע פּלענער, זיי האָבן אָבער קיין פינגער אין קאַלט וואַסער ניט אײַנגעטונקט, כּדי פאַרלײַכטערן די אימיגראַציע קיין פּשאַ פאַר די ייִדן פון די לענדער, וווּ ס'האָט געווילדעוועט דער נאַציזם.

אין די 20־ער יאָרן האָט דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס אָנגענומען אַ רעזאָלוציע לטובֿת דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און אין דער זעלבער צײַט האָט ער אַזוי געענדערט די געזעצגעבונג וועגן אימיגראַציע, אַז פאַר ייִדן זײַנען די גרענעצן פון פּשאַ געוואָרן פּאַקטיש פאַרמאַכט. ווען אין דײַטשלאַנד איז געקומען צו דער מאַכט היטלער, האָט דער קאָנגרעס ווײַטער געשטיצט די פאָדערונג וועגן שאַפן אין פּאַלעסטינע אַ ייִדישע מלוכה, אָבער ער האָט גאָרנישט ניט געטאָן, כּדי ראַטעווען די ייִדן פון דער פאַשיסטישער אויסראָטונג. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זײַנען די גרענעצן פון פּשאַ געווען פאַרמאַכט פאַר ייִדישע אימיגראַנטן, ביז עס איז ניט פּראָקלאַמירט געוואָרן די מלוכה ישׂראל.

אין די לעצטע יאָרן האָבן די פאַרשיידענע רעאַקציאָנערע קרעפטן פון פּשאַ זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּראָוואָקאַציאָנעלער קאַמפּאַניע פון די ציִעניסטן צו „פאַרטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן". אַגעוו, איז אַ הויפּט־פיגור אין אָט דער קאַמפּאַניע געווען דער אַנטיסעמיטישער סענאַטאָר באַקלי.

אין איינער פון די רעזאָלוציעס פונעם XXI צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט געזאָגט: „אַזוי אַרום, דאַרף דאָס גרינטלעכע אינעם קאַמף פאַר די אינטערעסן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג זײַן דער קאַמף קעגן ווירוס פון אַנטיסעמיטיזם און דאָס פאָדערן פולע דעמאָקראַטישע רעכט און אַלזײַטיקע גלײַכהייט פאַר ייִדן. אָט דער קאַמף דאַרף זיך פאַנאַנדערוויקלען אויפן באַזיס פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם — אויף דער פאַראייניקונג מיט אַלע אַרבעטנדיקע — אין קאַמף קעגן יעטווידער נאַציאָנאַלער און ראַסעווער אונטערדריקונג".

מע דאַרף אָבער אָפּמערקן, אַז די אַנטיסעמיטן באַקומען ניט קיין געהעריקן ווידערשטאַנד מצד אַפילו אַזעלכע אינסטיטוטן אויף דער אַמעריקאַנער ייִדישער גאַס, ווי די אַזוי־גערופענע „ייִדישע פאַרטיידיקונגס־אָרגאַניזאַציעס". אַלס בײַשפּיל קאָן אין דעם פּראַט דינען די פּראַקטיק פון דער אַנטידיפאַמאַציע־ליגע: אָנשטאָט צו פירן אַ קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, אָנשטאָט פאַרטיידיקן די בירגער־רעכט פון די ייִדן, פאַרנעמט זיך די דאָזיקע ליגע מיט באַשמוצן דעם אַנטיציִעניזם און די אַנטיציִעניסטן, מיט אומפאַרשעמטן אַנטיסאָוועטיזם אין גײַסט פון דער „קאַלטער מלחמה". דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָר פון דער אַנטידיפאַמאַציע־ליגע ב. עפּשטיין און דער אַסאָציִירטער דירעקטאָר און הויפּט־ראַטגעבער פון דער ליגע א. פאָסטער דערקלערן אין זייער בוך „דער נײַער אַנטיסעמיטיזם" (אַרויסגעגעבן אין 1974) אַלס אַנטיסעמיטן יענע אַלע, וועלכע האַלטן ניט אונטער אינגאַנצן און פולשטענדיק דעם אַגרעסיוון קורס פון דער ישׂראל־רעגירונג. אַ סאַקאָנע פאַר די ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן שטעלן מיט זיך פאָר, לויט דער מיינונג פון פאָסטערן און עפּשטיינען, די פּראָגרעסיווע קרעפטן. אָנפאַלנדיק אויף די אָביעקטיווע פאַרבינדעטע פון די אַמעריקאַנער ייִדן אינעם קאַמף קעגן ראַסיזם, פאַר דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס, דערמאָנען די אַוטאָרן בלויז פאַרבײַגייענדיק די ווירקלעכע אַנטיסעמיטן. באַ די זעלבע אָנשויוּנגען האַלט זיך אויך אַזאַ „פאַרטיידיקער פון די ייִדן", ווי ס. קאַרסאָן. זײַן בוך וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין פּשאַ פאַרענדיקט ער אַזוי: „דער סוינע פון די ייִדן זײַנען די דיקטאַטאָרן און אַגרעסאָרן פונעם צווישנפעלקערלעכן קאָמוניזם און די אַראַבישע דעמאַגאָגן. די נײַע לינקע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אויך די אולטראַ־רעכטע זײַנען זייער געצײַג". ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ענלעכע אָנשויוּנגען געפינען מיר אין די „ווערק" פונעם אַטאַמאַן פון „דזשויִש דעפענס ליג" ס. קאַהאַנע.

די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן באַווײַזן, אַז פיל אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע דעקן זיך צו מיטן פלאַג פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַרנעמען זיך פּאַקטיש מיט באַשמוצן די קריטיקער פון דער אַגרעסיווער פּאָליטיק פון דער ישׂראל־רעגירונג, אייניצײַטיק איגנאָרירן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס דעם קאַמף קעגן די אולטראַ־רעכטע, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם מאָקער פונעם אַנטיסעמיטיזם אין פּשאַ.

די אַמעריקאַנער ייִדן פאַרשטייען אַלץ מער דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פונעם איצטיקן

קורס פון דער אָנפירונג פון דער אמעריקאנער ייִדישער קעהילע, וועלכע טײַנעט, אז די הויפּט־אופגאבע פון דער קעהילע איז — פארשפרייטן צעיושעטן נאַציאָנאַליזם און ראַפינירטן אנטי־סאָוועטיזם. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי פון פשא ג. האָל האָט געזאָגט: „א היפּשער טייל אמעריקאנער ייִדן ווארפט אָפּ די דאָזיקע (ציִעניסטישע — א.ק. און ס.ר.) טעזיסן, זיי זײַנען ניט מאסקים מיט דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון די ייִדישע נאַציאָנאַליסטישע קרײַזן. דער דאָזיקער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז אָבער ניט אָרגאַניזירט, ער האָט ווייניק פאָרשטייער, וועלכע קאָנען אָפן אויסדריקן און פארטיידיקן זייער מיינונג".

די קאָמוניסטישע פארטיי פון פשא פירט אָן אײַנגעשפּארטן קאמף פאר ארײַנציִען די ייִדישע ארבעטנדיקע אינעם אײנהײַטלעכן אנטימאָנאָפּאָליסטישן פראָנט, קעגן ראַסיזם און אַנטיקאָמוניזם, פאר שאָלעם און סאָציאַלן פּראָגרעס. דער XXI צוזאמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון פשא האָט געשטעלט די אופגאַבע „ארויסרײַסן די ייִדישע מאסן פון אונטערן ציִעניסטישן אײַנפלוס", ער האָט אויך גערופן צו אָן „אנטשיידענעם אָנגריף קעגן דעם אנטיסעמיטיזם אין די פאַרייניקטע שטאַטן". די אמעריקאנער קאָמוניסטן געפינען זיך אין די ערשטע רייען פון די קעמפּער פאר די אינטערעסן פון די ייִדישע ארבעטנדיקע. מיט דער טעטיקײַט פון די קאָמוניסטן צווישן די ייִדן פירט אָן די נאַציאָנאַלע ייִדישע קאָמיסיע פון דער קאָמפּאַרטיי פון פשא בעראָש מיטן כ' א. קאָלקין. דעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם און ציִעניזם שענקט די הויפּט־אופמערקזאמקײַט די פּעריִאָדישע אויסגאבע פון דער קאָמפּאַרטיי — דער זשורנאַל „דזשויִש אפערס", וועלכן עס רעדאַגירט איינער פון די אָנפירער פון דער קאָמפּאַרטיי פון פשא כ. לומער. די אמעריקאַנער קאָמוניסטן טרעטן אַקטיוו ארויס פאר א יושערדיקער לייזונג פונעם קאָנפליקט אפן נאָענטן מיזרעך, זיי שטרעבן צו שאַפן א ברייטע פרידנס־קאָאַליציע מיט דער הילף פונעם „קאָמיטעט פאר א יושערדיקן שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך".

אינעווייניק אין דער אמעריקאנער ייִדישער סוויווע זײַנען אין מעשעך פון פיל יאָרן געשטאנען אף פּראָגרעסיווע פּאָזיציעס א ריי געזעלשאפטלעכע און קולטור־אָרגאניזאציעס, וועמענס קאמף פאר שאָלעם, קעגן ציִעניזם, אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע האָט ארויסגערופן אָפּשײַ און צוטרוי בא די פאָלקסמאסן. איצט גייט אָן אין די פּראָגרעסיווע ייִדישע אָרגאניזאציעס א קאמף צווישן די אָפּאָרטוניסטן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אף נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס, און די בעעמעס פּראָגרעסיווע קרעפטן, וואָס שטרעבן צו מאכן א סאָף צו דער נאַציאָנאַליסטישער פארבלענדעניש. ריכטיק האָט אָפּגעמערקט דער אָנגעזעענער קאָמוניסט הערבערט אפטעקער, אז די אמעריקאַנער קאָמוניסטן קענען אונטערשיידן צווישן די נאַציאָנאַליסטישע לידערס פון אָט די אָרגאניזאציעס און די פּראָסטע מיטגלידער, וועלכע זײַנען „מענטשן מיט פּראָגרעסיווע איבערצײַגונגען, מענטשן, וואָס שטרעבן צו פאַנאַנדערקלײַבן זיך, ווו עס ליגט דער עמעס". אין די פּראָגרעסיווע ייִדישע קרײַזן וואַקסט די איבערצײַגונג, אז עס איז נייטיק צו פארשטאַרקן דעם קאמף קעגן דער רעאַקציאָנערער געפאַר אף דער אמעריקאַנער ייִדישער גאַס.

די ייִדישע יוגנט האָט, ווי באַוווּסט, טאָמיד אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער אנטימילכאָמעבאַוועגונג, אינעם קאמף פאר בירגער־רעכט, פאר ראַדיקאַלע סאָציאַלע ענדערונגען אין דער אמעריקאַנער געזעלשאַפט. א סאַך קרײַזן פון די אַזויגערופענע „נײַע לינקע", ווו עס איז ברייט פארטראָטן די ייִדישע יוגנט, פארורטיילן די ייִסראָעל־אַגרעסיע, דריקן אויס זייער סאָלידאַריטעט מיטן פּאַלעסטינער פאָלק, קריטיקירן אנטשיידן די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק. די אומצופרידנקײַט מיט דער פּראָציִעניסטישער פּאָליטיק פון דער ייִדישער בירגערלעכער סוויווע וואַקסט אפילע אין יענע קרײַזן פון דער ייִדישער יוגנט, וועלכע זײַנען ארײַנגעצויגן אין די יוגנטלעכע ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס און געפינען זיך אונטערן אײַנפלוס פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. האַגאַם די דאָזיקע קרײַזן קאָנען ניט געפינען קיין ריכטיקן ענטפער אף די פראַגן, וועלכע זיי שטעלן, קריטיקירן זיי פונדעסטוועגן אָפט באַזונדערע אַספּעקטן פון דער ציִעניסטישער טעטיקײַט. דער אָנפירונג פון דער קעהילע פונעם לאַנד גיט זיך אײַן צו פארהיטן דעם קאָנטראָל איבער זיי בלויז מיט דער הילף פון באַזונדערס כיטרער דעמאַגאָגיע.

אָן אָפּאָזיציע קעגן דעם ציִעניזם עקזיסטירט אויך אין אייניקע בורזשואַזע קרײַזן. פאר די לעצטע יאָרן האָבן זיך פארשטאַרקט די ווידערשפּרוכן צווישן א ריי פּראָציִעניסטישע און ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס. די אײַנפלוסרײַכע קרײַזן זײַנען אומצופרידן דערמיט, וואָס די ייִדישע קעהילע פון פשא ווערט אַלץ מער אונטערגעאָרדנט די אינטערעסן פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, און דאָס דראָעט מיט א סאַקאָנע די אמעריקאַנער אינטערעסן פון דער ייִדישער בורזשואַזיע. עס פארשטאַרקן זיך די פאָדערונגען, אַז די ייִדישע קעהילע פון פשא זאָל ענדערן איר אָריענטאַציע, לייגן מער אַכט אף די אייגענע נויטן, אפן קאמף קעגן דעם וואַקסנדיקן אנטיסעמיטיזם. אָן אומצופרידנקײַט רופן ארויס אויך אַזעלכע האַנדלונגען פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, ווי דער פּרוּוו צו באַשליסן, פאר וועלכן קאַנדידאַט אפן אַמט פונעם פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן דאַרפן שטימען די אמעריקאַנער ייִדן, אָדער די באַשלוסן אין דער פראַגע „ווער איז א ייִד?". די רעאַליסטיש־דענקענדיקע קרײַזן אין דער ייִדישער קעהילע זאָגן אויך ארויס זייער כשאַד וועגן

די צילן און מאסשטאבן פון דער אנטיסאָוועטישער קאמפּאניע, וועלכע די ציִעניסטן האָבן צעבונדן. א באזונדערע זאָרג רופט בא זיי ארויס די שטרעבונג פון די ציִעניסטן צו פארוואנדלען די אמעריקאנער ייִדישע קעהילע אין איינעם פון די זײַלן פונעם קאמף קעגן דער סאָוועטיש־אמעריקאנישער אנטשפּאנונג.

דאָס געזאָגטע פירט צום אויספיר, אז די געזעלשאפטלעכע פּראָבלעם פונעם קאמף פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין די פאראייניקטע שטאטן האָט ניט באקומען קיין דעמאָקראַטישע לייזונג. געשטערט דערין האָט, פון איין זײַט, די איזאָלירנדיקע ווירקונג, וועלכע עס האָט אף דער אמעריקאנער ייִדישער באפעלקערונג די ראסן־אטמאָספער אין לאנד, דער אנטיסעמיטיזם; פון דער צווייטער זײַט, די אקטיווקײַט פון די ייִדישע בורזשואזע נאציאָנאליסטן, וועלכע שטרעבן מיט אלע קויכעס צו האמעווען דעם פּראָצעס פון פאראייניקן די אמעריקאנער ייִדן מיט דער גאנצער באפעלקערונג פונעם לאנד. אין דער קעהילע גופא שפּילן א פירנדיקע ראָליע די ייִדישע בורזשואזע נאציאָנאליסטן, קוידעמקאָל די ציִעניסטן און זייערע „ניט־ציִעניסטישע" פארבינדעטע. די אָרגאניזירטע אמעריקאנער ייִדישע געזעלשאפטלעכקײַט פאלט אלץ מער ארונטער אונטערן קאָנטראָל פון די צווישנפעלקערלעכע ציִעניסטישע צענטערן און פון דער ייִסראָעלרעגירונג. דער ציִעניזם האָט אין א היפּשער מאָס ארײַנגעצויגן די אמעריקאנער ייִדישע סוויווע אין דער אנטיסאָוועטישער פּאָליטישער קאמפּאניע, צווינגענדיק זי אָנצונעמען די ציִעניסטישע אָפּשאצונג אלס די איינציקע אינעם צוגאנג פון די אמעריקאנער ייִדן צו פראגן פון דער אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק פון די פאראייניקטע שטאטן. אזא פּאָזיציע, וועלכע איז אין ווידערשפּרוך מיט די אינטערעסן פון די אמעריקאנער ייִדן, פונעם גאנצן אמעריקאנער פאָלק, שטויסט זיך אָן אף אן אלץ שטארקערן ווידערשטאנד פון פארשיידענע שיכטן פון דער אמעריקאנער ייִדישער באפעלקערונג. די קריטיק קעגן דעם ציִעניזם ווערט אלץ מער פארשפּרייט צווישן די דעמאָקראטיש געשטימטע אמעריקאנער ייִדן, וועלכע נעמען אן אקטיוון אָנטייל אינעם קאמף פאר שאָלעם און פּראָגרעס, פאר די בירגער־רעכט און פאר דעמאָקראטיזירן דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן, צווישן דער אינטעליגענץ און דער סטודענטנשאפט, צווישן רעאליסטיש געשטימטע פאָרשטייער פון די בורזשואזע קרײַזן, ווי אויך אין די רעליגיִעזע קרײַזן פון פארשיידענע ריכטונגען.

גענריקאס זימאנאס
פראָפעסאָר, דעפּוטאַט פון אויבער־סאָוועט פון פסםר

דער ציוניזם און די יידן

ווען עס גייט א רייד וועגן דעם שאָדן, וואָס דער ציוניזם פאַרשאַפט דעם שאָלעם און דער זיכערהייט פון די פעלקער, באַזונדערס פון די יידן, קאָן מען צומאָל הערן אַזעלכע דערווידערונגען: „מיר סימפּאַטיזירן ניט דעם ציוניזם, מיר זיינען ניט קיין ציוניסטן, מיר קלייבן זיך ניט פאָרן קיין ישׂראל, אָבער אַז דער ציוניזם פאַרשאַפט שאָדן די יידן — דאָס איז צו שטאַרק געזאָגט...” עס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן מענטשן, וואָס כאָטש זיי אַליין זיינען ניט קיין ציוניסטן, האַלטן זיי אָבער דעם ציוניזם פאַר א באַוועגונג, וועלכע שטיצט דעם קאַמף פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן, פאַר פאַרפעסטיקן די יידישע מעלוכע, פאַר געבן מאָראַלישע הילף די יידן, וועלכע שטייען אויס רעדיפעס אין א סאַך קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פאַר א באַוועגונג, וואָס פירט א קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

דאָס איז א טעות. א געפערלעכער און א טראַגישער טעות. אין דער ערשטער ריי פאַר די יידן גופא.

מיר אַלע ווייסן גוט, אַז מע טאָר ניט אָנעמען פאַר ערנסט אַלץ, וואָס א מענטש רעדט אָדער טראַכט וועגן זיך. קעדיי וויסן אָט דעם קלאַל, איז גאָר ניט נייטיק צו זיין א געלערנטער פילאָסאָף, צי א פּסיכאָלאָג. דעריבער אורטיילן מיר וועגן מענטשן ניט לויט דעם, וואָס זיי ריידן אָדער טראַכטן וועגן זיך, נאָר דעריקער לויט דעם, וואָס זיי טוען, לויט די רעזולטאַטן פון זייערע מעשׂים.

דער ציוניזם איז געקומען אַף דער וועלט ניט היינט און ניט נעכטן. אויב אָנעמען אַלס זיין געבורטס־דאַטע די צייט, ווען עס איז דערשינען אין ווין די בראָשור פון טעאָדאָר הערצל „די יידישע מעלוכע”, דאָס יאָר 1896 — האַלט שוין די געשיכטע פונעם ציוניזם ניט ווייט פונעם הונדערטיאָריקן יובילײ. דאָס איז א טערמין, וועלכער גיט א גרונט צו מאַכן באַשטימטע אויספירן.

הערצל, וואָס האָט פריער אין זיין שרייבן ניט באַרירט קיין יידישע פראַגן, נאָר קאָלערליי אַנדערע, אָנגעהויבן פון „בייס וועגן ווענערע” און געענדיקט מיטן אַנטישן טוער אין אַטען סאָלאָן, — ער, הערצל, האָט אין זיין בראָשור „די יידישע מעלוכע” אַפילע ניט אָנגעוויזן, אַז פּאַלעסטינע איז דאָס אָרט, ווו עס דאַרף געשאַפן ווערן א יידישע מעלוכע. צו אַזא אויספיר איז ער געקומען ערשט שפּעטער, אונטערן איינפלוס פון די ראַבאָנים.

די ציוניסטן באַהויפּטן, אַז צום געדאַנק וועגן שאַפן א יידישע היים איז הערצל קלויערשט געקומען אויסשליסלעך אין רעזולטאַט פונעם דרייפוס־פּראָצעס, ווען אין פראַנקרייך האָבן זיך אַנטפּלעקט אַנטיסעמיטישע שטימונגען. דער עמעס איז, אַז דער דרייפוס־פּראָצעס האָט אַנטפּלעקט ניט בלויז אַנטיסעמיטישע שטימונגען, נאָר אויך א פאַרשטאַרקונג פונעם קאַמף קעגן זיי. עס איז דאָך גוט באַוווּסט, אַז דער דרייפוס־פּראָצעס איז רעווידירט געוואָרן גראָד אונטערן איינפלוס פון דער עפנטלעכער מיינונג פון פראַנקרייך, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם ניט ריכטיק באַשולדיקטן אָפיצער דרייפוס און האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז דרייפוס איז געוואָרן פריי געשפּראָכן און רעאַביליטירט. הערצל האָט אָבער דערזען בלויז איין זייט פון אָט דעם פּראָצעס — דעם אַנטיסעמיטיזם. ס'איז פאָרגעלייגט געוואָרן „שאַפן א יידישע היים” אַלס רעטונג פונעם אַנטיסעמיטיזם. צי איז אָבער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער קלענער געוואָרן פון דעם דער אַנטיסעמיטיזם און וואָס פאַר א ראָליע האָט דאָ געשפּילט די מעלוכע ישׂראל?

אין דעם, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן קלענער אין דער וועלט, קאָן קיין שום ספק ניט זיין. עס איז צעשמעטערט געוואָרן דער דייטשישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם אין א מעלוכע־דאָקטרין און האָט די דאָזיקע פּאָליטיק פאַרווירקלעכט אין דער פּראַקטיק, פאַרטיליקנדיק אַרום זעקס מיליאָן יידן אין דער גאַנצער וועלט און דראָענדיק פולשטענדיק אויסצוראָטן די יידן. היינט שטייען די יידן אונטער דער געפאַר צו פאַרטיליקט ווערן בלויז אין איין אָרט — אין דער מעלוכע ישׂראל, די רעגירער פון וועלכע עס האָבן ביז דער העכסטער מאַדרייגע פאַרשאַרפט די באַציונגען מיט אַלע אַראַבישע שכיינים, און, האָפנדיק בלינד אַף דער שטיצע פון די אימפּעריאַליסטן פון פּשא, פירן זיי קעגן די אַראַבער א פּאָליטיק פון אַנעקסיע און אַגרעסיע.

און ווער האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז עס זאָל באַקעמפט ווערן דער אַנטיסעמיטיזם? ווע־

מען געהערט דער הויפּט־פּאַרדינסט אין ראַטעווען דאָס ייִדישע פאָלק? דאָס אַלץ איז דער פאַרדינסט פון די סאָציאַליסטישע לענדער, דאָס איז אַ רעזולטאַט פונעם וווּקס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין גאָר דער וועלט, דער פאַרדינסט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. וועגן דעם ווייסט די גאַנצע וועלט. דאָס ווילן ניט אָנערקענען בלויז די ציִעניסטן, וועלכע טרײַבן רעכילעס אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד און אויף די קאָמוניסטן.

די ציִעניסטן פאַרנאַרן ייִדן פון אַלע לענדער קיין ייִסראָעל, באַזונדערס פיל קויכעס לייגן זיי אַוועק אויף צו פאַרנאַרן אַהין די ייִדן פון די סאָציאַליסטישע לענדער. מע קאָן אָבער זאָגן, אַז דאָס האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן. די עמיגראַציע־כוואַליע, וואָס האָט אין אייניקע סאָציאַליסטישע לענדער אַ שטיקל צײַט זיך אַ הייב געטאָן, האָט שנעל געגומען פאַלן. פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען פאַר 30 יאָר אַרויסגעפאָרן אינגאַנצן אַרום 5 פּראָצענט ייִדן, דערצו נאָך מערסטנטייל פון די ייִנגערע רעפּובליקן (בײַ־באַלטישע, מאָלדאַוויע), וווּ די ייִדן האָבן געהאַט די גרעסטע צאָל קרויווים אין ייִסראָעל.

ווען די ציִעניסטן רופן די ייִדן, זיי זאָלן פאַרלאָזן זייער היימלאַנד און עמיגרירן קיין ייִסראָעל, און אין אייניקע פאַלן גיט זיך זיי דאָס אײַן, זײַנען זיי אין טאָך אויסן צו אַרײַנקלאַפּן אַ קלין צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג און די ייִדן און אַזוי אַרום מיטהעלפן דעם וווּקס פון אומצוטרוי צו די ייִדן, ווי צו בירגער, וועלכע „זיצן אויף די טשעמאָדאַנעס״ און וואַרטן אויפן מאָמענט אַרויסצופאָרן קיין ייִסראָעל. פאַרשטייט זיך, אַז ניט שטענדיק גיט זיך די ציִעניסטן אײַן צו פאַרווירקלעכן זייערע צילן, אָבער ניט אַלע מאָל זײַנען זייערע באַמיִונגען אומזיסטע. דערשלאָגנדיק זיך, אַז עס זאָלן אַרויספאָרן איינצלנע, רופן זיי דערמיט אַרויס אַזאַ אָדער אַנדער כשאַד בענעגייע דעם פּאַטריִאָטיזם פון טויזנטער ייִדן, וועלכע זײַנען פולבאַרעכטיקטע און גלײַכע בירגער אין די מעלוכעס, ווו זיי וווינען.

דאָס, וואָס אַזאַ כשאַד אָדער אומצוטרוי מיצאַד דער אָרטיקער באַפעלקערונג פאַלט אויף די ייִדן, וועלכע קלײַבן זיך ניט פאָרן קיין ייִסראָעל, באַאומרויִקט לאַכלוטן ניט די ציִעניסטן, פאַרקערט — זיי באַגריסן דאָס, ווײַל זיי האָפן, אַז דער כשאַד וועט פאַרגרעסערן דעם צופלוס פון אוילים קיין ייִסראָעל.

הערצל נאָך האָט בעשײַטע געשטעלט די פראַגע — פונוואַנען נעמט זיך דער אַנטיסעמיטיזם? אין זײַן בראָשור „די ייִדישע מעלוכע״ האָט ער אָנגעוויזן, אַז „אין דער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די ייִדישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט קאָנקורירט מיט דער ניט־ייִדישער״. אַנדערש געזאָגט, הערצל האָט פאַרשטאַנען, אַז די סיבעס פונעם אַנטיסעמיטיזם זײַנען קלאַסאָווע און עקאָנאָמישע, נאָר פון די ריכטיקע פאַרהאַנאָכעס האָט ער געמאַכט אַ פעלערהאַפטן אויספיר. אַנשטאָט ריידן וועגן דעם, אַז אין דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט איז אוממעגלעך בײַצוקומען די נאַציאָנאַלע רײַסערײַ, איז ער געקומען צום געדאַנק, אַז עס איז ביכלאַל אוממעגלעך בײַצוקומען די נאַציאָנאַלע רײַסערײַ, און אַז די גלײַכבאַרעכטיקונג פון די ייִדן וועט נאָך מער שפּײַזן און פאַרטיפערן דעם האַס צו זיי, וואָס עס וועט אַרויסרופן אַן ענטפער־האַס מיצאַד די ייִדן צו די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן.

די קאָעקזיסטענץ צווישן ייִדן און ניט־ייִדן איז, הייסט עס, אוממעגלעך און וועט קיינמאָל ניט זײַן מעגלעך, און מע דאַרף צו איר ניט שטרעבן, — אַזאַ איז דער אויספיר פון די ציִעניסטן. מע דאַרף, אַלזאָ, שאַפן פאַר אַלע ייִדן אַ מעלוכע. ווו אויסקלײַבן אַן אָרט פאַר אַזאַ מעלוכע? „פאַלעסטינע צי אַרגענטינע? מיר וועלן נעמען דאָס, וואָס מע וועט אונדז געבן, און דאָס, וואָס די ייִדישע עפנטלעכע מיינונג וועט אויסקלײַבן״, — אַזוי האָט געזאָגט הערצל.

צי הערצל און די ציִעניסטן, וועלכע זײַנען געקומען נאָך אים, האָבן ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט דאָס פאַרשטיין, אָבער זייער אויספיר איז אַזוי אָדער אַנדערש צונויפגעפאַלן מיט די אויספירן פון אַלע אַנטיסעמיטן.

דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט בעשײַטע אונטערגעהאַלטן די אידיי וועגן שאַפן מעדינאַס ייִסראָעל. ווען זי האָט זיך אָבער אויסגעפורעמט, האָט דער ציִעניזם טייקעף זי אַוועקגעפירט מיטן וועג פונעם סאַמע צעיושעטן אימפּעריִאַליזם, לעצטנס — פונעם אַמעריקאַנישן. אין די יאָרן 1947 — 1948 זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער דוירעסדיקער ערד די פאַלעסטינער אַראַבער, דערבײַ ניט קיין געציילטע מענטשן, נאָר אַ גאַנץ פאָלק. און ביז הײַנט נאָך ווילן די אָנפירער פון דער רעגירונג פון ייִסראָעל אַפילע ניט ריידן מיט די געזעצלעכע פאָרשטייער פונעם פאָלק פון פאַלעסטינע, וואָס איז געצוווּנגען אַרומצוּוואָגלען און זוכן אין דער פרעמד וווּהין זיך אַהינצוטאָן.

אין ייִסראָעל גופע האָבן די ציִעניסטן פאַרוואַנדלט די אַראַבער אין בירגער פון צווייטן סאָרט. עס שיטן זיך אויף זיי אומגעזעצלעכע רעדיפעס, זייערע הײַזער טראָגט מען אַראָפּ פון דער ערד מיט בולדאָזערן. עס באַקומט זיך, אַז אין ייִסראָעל באַגייען זיך די ציִעניסטן מיט די אַראַבער פונקט אַזוי, ווי די אַנטיסעמיטן באַגייען זיך אין גאָר דער וועלט מיט די ייִדן. וועגן דעם האָט איבערצײַגנדיק דערציילט אין איר בוך „מיט די אייגענע אויגן״ דער ייִסראָעלדיקער אַדוואָקאַט פעליציע לאַנגער.

מיט אַ געוויסער צײַט צוריק האָבן זשורנאַליסטן געפרעגט באַם פּרעמיער־מיניסטער פון ייִסראָעל ייִצכאָק ראַבין, וואָס ער האָט בעדייע צו טאָן, אויב די פּאַלעסטינער, פאָדערנדיק זייערע רעכט, וועלן דערבײַ ניט פאַרמעסטן

זיך אַף דער מעלוכע ייִסראָעל. י. ראַבין האָט געענטפערט, אַז די פראַגע קלינגט אומגעפער אַזוי: „אויב מע וועט אײַער מומע אָנטאָן רעדער, צי וועט זי ניט ווערן אַ וואָגן?”. אַזאַ ענטפער קלינגט דאָך ווי שפּאָט און כויזעק.

די פּאַלעסטינער האָבן הײַנט בעעמעס דורכגעמאַכט אַ גרויסע עוואָליוציע, זיי קלײַבן זיך ניט אָנצופאַלן אַף די רעכט פון דער מעלוכע ייִסראָעל. באַ אַזאַ לאַגע ווי דאַרף מען פאַרשטיין ראַבינס ענטפער?

וו. אי. לענין האָט בעשײַטע געשריבן, אַז דאָרט, ווּ די ייִדן לעבן ניט אין קאַסטע־באַדינגונגען, אָפּגעזונדערט, דאָרט האָבן זיך קלאָר געלאָזט פילן די גרויסע וועלט־פּראָגרעסיווע שטריכן אין דער ייִדישער קולטור: איר אינטערנאַציאָנאַליזם, איר פילבאַרקײַט צו די פאָרגעשריטענע באַוועגונגען פון דער עפּאָכע (דער פּראָצענט ייִדן אין די דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען איז אומעטום העכער פונעם פּראָצענט ייִדן צווישן דער באַפעלקערונג ביכלאַל) (פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 24, ז. 122 — 123).

מע מעג זאָגן אָן גוזמע, אַז די ציִעניסטן טוען אַלץ, קעדיי אָפּלייקענען די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק, וואָס עס האָט געגעבן דער גאָניאַלער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטן־מעלוכע; דאָס האָט מען קלאָר געקאָנט זען מיט אַ קורצער צײַט צוריק, ווען די גענעראַלע אַנסאַמבליי פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דעם ראַסיסטישן כאַראַקטער פונעם ציִעניזם. ניט בלויז די גרעסטע מערהײַט מעלוכעס — מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס, נאָר אויך די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט האָט אָנערקענט, אַז ייִסראָעל, ווּ באַ דער מאַכט שטייען די ציִעניסטן, פירט דורך אַ ראַסיסטישע פּאָליטיק בענעגייע די אַראַבער.

אין אָט דער שײַן ווערט קלאָר, וואָס פאַר אַ שאָדן עס קאָן ברענגען דער ציִעניסטישער טעזיס, אַז ייִסראָעל און ייִדן ביכלאַל זײַנען איינס און דאָס זעלבע, האַגאַם די גרעסטע מערהײַט ייִדן לעבן ניט אין ייִסראָעל. עס פרעגט זיך: צי קאָן דאָס פירן צו דער פאַרשטאַרקונג פון פרײַנטלעכע געפילן בענעגייע די ייִדן? קיין איין מענטש מיט אַ געזונטן פאַרשטאַנד וועט אַזוי ניט זאָגן, ווײַל די פּאָליטיק פון ייִסראָעל, די פּאָליטיק פון די ציִעניסטן בענעגייע די אַראַבער קאָמפּראָמעטירט, אַלס קלאַל, דעם קאַמף, וואָס די ייִדן פירן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט פאַר גלײַכע רעכט, קעגן ראַסיזם, פון וואָס עס לײַדן אין דער ערשטער ריי די ייִדן.

ווען מע וואַרפט פאָר די ציִעניסטן זייער פּאָליטיק, פאַרענטפערן זיי זיך, געוויינלעך, דערמיט, וואָס זיי האָבן קיין אַנדער אויסוועג ניט. דאָס איז דאָס באַרימטע ווערטל באַ די ציִעניסטן פון ייִסראָעל: „אין ברירה (איין ברירע — ניטאָ קיין ברירע).

אַ ליגנערישער, אַ פאַלשער און פּאַכדאָנישער טערעץ. צו אַזאַ טערעץ קומען די ציִעניסטן אָן שטענדיק, ווען זאָגן אָן עמעס לוינט זיי ניט. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן די רעדלפירער פון די ציִעניסטן געזאָגט צו די ייִדן „אין ברירה”, ווען די קאָמוניסטן האָבן גערופן אַרײַנצוטרעטן אין קאַמף קעגן די היטלעריסטישע פאַרכאַפּערס. איצט זײַנען זיי זיך אַליין מוידע דערין.

אינעם בוך פון דעם שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דעם ראַט פון די עלטסטע אין קאָוונער געטאָ ל. גאָרפינקעל ווערט קלאָר געזאָגט: „די ייִדן — די געטאָ־קאַצעטלער האָבן געהאַט פאַר זיך צוויי וועגן: איין וועג — אײַנהאַלטן די געפילן, פאַרקלעמען די ציין, קעדיי געווינען צײַט און, עפּשער, דערוואַרטן זיך אַף רעטונג; דער צווייטער — אָן אָפענער אופשטאַנד קעגן די פײַניקער אינעם זין פון: „טאָמוס נאַפשי אים פּלישטים” — איך וועל אומקומען צוזאַמען מיט די פּלישטים” („קאָוונאָ היהודית בחורבנה” — דער כורבן פון דער ייִדישער קאָוונע. איווריט, יערושאָלאַיִם, 1959).

עס איז דאָך טאַקע אַף אָן עמעס געווען אַן אַנדער וועג — דער וועג פון קאַמף קעגן דער היטלער־אָקופּאַציע, צו וואָס עס האָבן גערופן די קאָמוניסטן. ניט קיין פאַרצווייפלטער קאַמף, קעדיי אומקומען „אַל קידעש האַשעם”, נאָר אַ דורכגעטראַכטער און באַרעכטיקטער ווידערשטאַנד. די ציִעניסטן אָבער, וועלכע זײַנען געשטאַנען בעראָש פונעם ראַט פון די עלטסטע, זײַנען געווען קעגן אַזאַ קאַמף, זיי האָבן אײַנגעהאַלטן די ייִדישע יוגנט, ניט געלאָזט זי אַרײַנטרעטן אין קאַמף, טײַנענדיק, אַז דער קאַמף וועט ברענגען צו אַ פולן אומקום.

די ווירקלעכקײַט האָט פולשטענדיק אָפּגעלייקנט די פּראָגנאָזן פון די ציִעניסטן. יענע ייִדן, וועלכע האָבן „פאַרקלעמט די ציין”, געוואַרט ביז זייערע פּײַניקער וועלן אומקומען, ד. ה. ביז וואַנען די רויטע אַרמיי, קעגן וועלכער די ציִעניסטן האָבן אָן אויפהער געטריבן רעכילעס, האָט פאַר דער פּרײַז פון גרויסע קאָרבאָנעס געמאַכט פון זיי אַ טעל, — יענע זײַנען, וואַרטנדיק, אומגעקומען קימאַט אַלע ביז איינעם. די ייִדן אָבער, וועלכע זײַנען געגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער און מיט געווער אין די הענט געקעמפט אין די פּאַרטיזאַנישע רייען, האָבן, נאַטירלעך, אויך געהאַט פאַרלוסטן, אָבער די דאָזיקע פאַרלוסטן האָבן, אַלס קלאַל, באַטראָפן ניט מער פון צען פּראָצענט.

עס איז, הייסט עס, יאָ געווען אַ ווירדיקער און ערלעכער אויסוועג, נאָר די ציִעניסטן האָבן אים ליגנעריש פאַרלייקנט, אָדער זיי האָבן אים ניט געוואָלט זען צוליב זייער פּאַכדאָנעס.

די ייִדן פון ייִסראָעל, יענע, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרנאַרן פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן איצט דעם זעלבן אויסוועג,

צוזאַמען מיט די אַראַבער. אויף דעם אויסוועג האָט שוין לאַנג אָנגעוויזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישׂראל. דער אויסוועג איז — אַ געמיינזאַמער קאַמף קעגן די אימפּעריאַליסטן, דערונטער קעגן די סאַמע מעכטיקע, און דערפאַר די סאַמע געפערלעכע, קעגן די אימפּעריאַליסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

אַ געמיינזאַמער קאַמף קעגן דעם סוינע פון אַלע פעלקער — קעגן דעם אימפּעריאַליזם וואָלט פאַראייניקט די ייִדן און די אַראַבער אויפן נאָענטן מיזרח. דאָס וואָלט געווען די עמעסע גאַראַנטיע, און אַ שיר אַ שטאַרקערע פון אַלע יענע גאַראַנטיעס, וועלכע עס דערשלאָגן זיך איצט די ציוניסטן. זיי פאַרגעסן, אַז יענע נעבעכדיקע קילאָמעטערס, וואָס זיי מאָנען, האַלטנדיק זיי פאַר „לעבנסוויכטיקע גאַראַנטיעס" פון זייער מעלוכישקייט, זײַנען אין אונדזער צײַט אין טאָך ניט מער ווי אַ שפּיל, דערצו אַ קינדער־שפּיל און אַ נאַיווע לויטן אינהאַלט און אַ פאַרברעכערישע לויט די רעזולטאַטן, אַ שפּיל, וואָס צעפלאַקערט נײַע קאָנפליקטן, וועלכע פאַרפלאָנטערן די אַזוי אויך שוין פאַרפלאָנטערטע באַציִונגען אויפן נאָענטן מיזרח.

די רעדלפירער פון ישׂראל, די מיליטערישע קנויפּיע פון דער מעדינע ווילן דאָס ניט זען, ווײַל אַ ניכטערער קוק וואָלט געווען אַ שטערונג פאַר זייער בונד מיט די אימפּעריאַליסטן, און מיט דער הילף פון די אימפּעריאַליסטן האָבן זיי דאָך בעדייע צו פאַרזעצן די אַגרעסיע, וואָס וועגן איר האָט אַזוי אָפן גערעדט דער שוץ־מיניסטער פון ישׂראל דאַיאַן בײַס דער מילכאָמע אין 1967, וועלכער האָט געטרוימט בעקויל ראָם וועגן דעראָבערונגען אין אַפריקע. צי קאָן דאָס ברענגען צו אַ וווּקס פון דער פּאָפּולערקייט פון ישׂראל אין אונדזער צײַט, ווען די נאַציעס, וועלכע ווערן אונטערדריקט דורכן אימפּעריאַליזם, קעמפן פאַר זייער הייליקן רעכט אויף מעלוכישקייט, אויף אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ?

פאַרשטייט זיך, אַז די פּראָגרעסיווע וועלטקרעפטן שטעלן ניט קיין גלײַכצייכן צווישן די ייִדן פון דער וועלט און די ציוניסטן, די רעדלפירער פון ישׂראל. אין אונדזער צײַט אָבער זײַנען דאָך פאַראַן ניט בלויז פּראָגרעסיווע קרעפטן. צום באַדויערן, דערלאָזן אַ סאַך מענטשן צו שטעלן אַזאַ גלײַכצייכן, און עס איז צומאָל שווער צו איבערצײַגן זיי, אַז די טראַדיציע פון די ייִדן איז — אינטערנאַציאָנאַליזם. די פאַרברעכערישע פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ישׂראל גיט וועמען־ניט־איז אַ גרונט צו מיינען, אַז די ייִדן ביכלאַל זײַנען פאַרבינדעטע פון די קאָלאָניאַליסטן און אימפּעריאַליסטן־אַגרעסאָרן.

אָט דאָס איז דער רעאַלער סאַכאַקל פונעם פאַרווירקלעכן די ציוניסטישע אידיי וועגן „אַ מעלוכע פון אַלע ייִדן", וועלכע האָט, לויטן פאַרטראַכט פון די גרינדער פונעם ציוניזם, געדאַרפט באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם. אין דער פּראַקטיק האָט די דאָזיקע אידיי געבראַכט אין אייניקע לענדער צו אַ נײַעם אויסברוך פונעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז שוין געווען פיל שוואַכער אַדאַנק דעם וווּקס פון דער קאָמוניסטישער וועלט־באַוועגונג.

די ציוניסטן פאַרשטייען דאָס אויסגעצייכנט. זיי קימערט אָבער ניט די אידייִשע נאָענטקייט מיטן עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם, מיטן שאָוויניזם, אַנטיסעמיטיזם, פאַרקערט, זיי האַלטן דעם אַנטיסעמיטיזם פאַר זייער פאַרבינדעטן. מענטשן, וועלכע זײַנען פּאָליטיש ניט רײַף, פאַרשטייען דאָס ניט און זײַנען גענייגט אויפצונעמען די קריטיק קעגן דעם ציוניזם אַלס אַנטי־ייִדישע, אַפילו אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. אָבער דער בונד צווישן ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם פאַרבלײַבט אַ פאַקט.

בעעמעס, די ציוניסטן טײַנען: אַלע ייִדן דאַרפן פאָרן קיין ישׂראל. ווער פון די אַנטיסעמיטן וועט מיט פאַרגעניגן ניט אונטערשרײַבן זיך אונטער אַזאַ באַהויפּטונג? ייִדן און ניט־ייִדן קאָן מען ניט צווינגען צו לעבן אין שאָלעם, צווישן זיי וועט אומבאַדינגט זײַן אַן אייביקער אומבעשאָלעמדיקער אַנטאַגאָניזם — טײַנען מיט אונדז אײַן די ציוניסטן. פּונקט אַזוי אָבער ריידן דאָך די אויסגעשפּראָכענע שאָוויניסטן און ראַסיסטן.

ווײַטער. דײַן עמעסער ברודער איז יעדער ייִד, מעג ער אַפילו לעבן אין אַ צווייט לאַנד, ניט קענען דײַן לאָשן, מעג ער אַפילו זײַן אַן עקספּלואַטאַטאָר, און דו — אַ האָרעפּאַשניק, — אַזוי טײַנען די ציוניסטן. אָבער פּונקט דאָס זעלבע ריידן דאָך אויך די אַנטיסעמיטן פון אַלע לענדער, וועלכע פאַרשפּרייטן די באָבעמײַסעס וועגן „פּראָטאָקאָלן פון זיקניי־ציִען" און פּלוידערן וועגן עפּעס אַ צווישנפעלקערלעכער ברודערשאַפט און קעגנזײַטיקער שטיצע פון אַלע ייִדן — פון די עקספּלואַטאַטאָרן און פון די אַרבעטנדיקע.

אַלע ייִדן זײַנען פּאָטענציעלע ציוניסטן — אַזוי ווילן אונדז אײַנריידן די אידעאָלאָגן פונעם ציוניזם. אָבער גראָד וועגן דעם ריידן אויך אַלע אַנטיסעמיטן, וועלכע רופן, מע זאָל ניט טרויען די ייִדן דערפאַר בלויז פאַר זייער אָפּשטאַמונג. בלויז אין ישׂראל קאָנען ייִדן זײַן עמעסע פּאַטריאָטן, טײַנען די ציוניסטן, אין גאָלעס זײַנען זיי, זעט איר דאָך, קלוימערשט, פרעמדע מענטשן, זיי אינטערעסירן זיך ניט מיט די איניאָנים פון זייער צײַטווײַליקן היימלאַנד. אַזוי דענקען אָבער אַלע שאָוויניסטן, וועלכע באַשולדיקן די ייִדן, אַז עס פעלט זיי דאָס געפיל פון פּאַטריאָטיזם.

אַ ייִד טאָר ניט כאַסענע האָבן מיט ניט קיין ייִדישער פרוי. דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע פאָדערונגען פון די ציוניסטן. די מאַכט־אָרגאַנען פון ישׂראל האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַררעכענען אַלס אַ בירגער פון דער מעדינע אַן אייניקל פון בען־גוריאָן (וועלכער איז פיל יאָרן געווען דער הויפּט פון דער רע־

גירונג), אָפּגעזאָגט דערפאַר, וואָס די מאַמע איז געווען אַן ענגלענדערן. אָבער דאָס איז דאָך טאַקע די ליניע פון די ערגסטע סאָנים פונעם ייִדישן פאָלק — פון די ראַסיסטן, פאַר זיי איז כאַסענע האָבן מיט אַ פרוי פון אַן אַנדער נאַציע אַזאַ כעט, וואָס פאַר אים איז מען כײַעור־מיסע, ווײַל מע „פאַרמיסטיקט" די נאַציע, איר בלוט.

וואָס איז דאָס, פרעגט זיך, אַ צופעליקע ענלעכקײַט פון די אַנשויונגען פון די ציִעניסטן און פון די ראַסיסטן־אַנטיסעמיטן? מיר אַלע ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דאָס איז ניט אַזוי. אַזעלכע זײַנען די אויספירן, וועלכע דרינגען אומפאַרמײַדלעך אַרויס פון די הויפּט־אײַנשטעלונגען פון די ציִעניסטן און ראַסיסטן, און זיי פאַלן צונויף דערפאַר, ווײַל עס פאַלט צונויף די באַזע, דער פונדאַמענט, פון וועלכע די אײַנשטעלונגען שטאַמען. אַזאַ באַזע איז — די נאַציִאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע, די נאַציִאָנאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע, פּאָליטיק און מאָראַל, קורץ — די נאַציִאָנאַליסטישע וועלט־אַנשויונג, וועלכע מוז אומבאַדינגט זײַן נאָענט און קרויוויש מיט יעטווידן נאַציִאָנאַליזם.

לאָמיר זיך דערמאָנען: די היטלעריסטן פלעגן ריידן וועגן די אויסשליסלעכע אייגנשאַפטן פון דער נאָרדישער ראַסע; די ציִעניסטן באַהויפּטן איצט, אַז די ייִדן זײַנען אַ פאָלק, וואָס איז אויסדערוויילט פון גאָט, — אַן „אַטאָבעכאַרטאָנו"־פאָלק. דער ציִעניזם גיסט זיך צונויף אין אַלע זײַנע פּראַקטישע פאָדערונגען מיטן ראַסיזם און שאָוויניזם, ווײַל דער ציִעניזם איז אַ ראַסיסטישע לערע, וואָס איז געצילט קעגן דער פרײַנטשאַפט און ברידערשאַפט פון די פעלקער, קעגן זייער מיטאַרבעט.

אָט פאַרוואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין גאָר דער וועלט שטעלן באַנאַנד, ווי צוויי זײַטן פון איין אויפגאַבע, דעם קאַמף קעגן ציִעניזם און דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. אַזוי איז דאָס פאַרשריבן אויך אין דעם גרונט־דאָקומענט פון דער אינטערנאַציִאָנאַלער באַראַטונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און אַרבעטער־פּאַרטייען (פאָרגעקומען אין מאָסקווע אין 1969), וועלכער רופט אַלע ערלעכע מענטשן פון דער וועלט, זיי זאָלן פאַרייניקן זייערע אָנשטרענגונגען „... קעגן ראַסעווער און נאַציִאָנאַלער דיסקרימינאַציע, ציִעניזם און אַנטיסעמיטיזם, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציִאָנערע קרײַזן פאַרמערן און נוצן אויס צוליב דער פּאָליטישער דעזאָריִענטאַציע פון די מאַסן" („אינטערנאַציִאָנאַלע באַראַטונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און אַרבעטער־פּאַרטייען. דאָקומענטן און מאַטעריאַלן". פּאָליטיזדאַט, 1969, ז. 323, רוס.).

די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן און פּאָליטיקער ציטערן איימאַס־מאָוועס פאַר דעם, וואָס נאָך מיט העכער 60 יאָר צוריק האָט געשריבן וו. אי. לענין: „יענע ייִדן־מאַרקסיסטן, וועלכע גיסן זיך צונויף אין אינטערנאַציִאָנאַלע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט די רוסישע, ליטווישע, אוקראַיִנישע און אַנדערע אַרבעטער, אַרײַנטראָגנדיק זייער כיילעק (סײַ אויף רוסיש, סײַ אויף ייִדיש) אינעם שאַפן די אינטערנאַציִאָנאַלע קולטור פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, יענע ייִדן... זעצן פאָר די בעסטע טראַדיציעס פונעם ייִדנטום..." (פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 24, ז. 123).

צום אויספיר וועגן דער נאָענטקײַט פון די גרונט־האַנאָכעס פון די ציִעניסטן און ראַסיסטן ברענגען ניט בלויז די טעאָרעטישע באַטראַכטונגען. וועגן אַזאַ נאָענטקײַט רעדט איבערצײַגנדיק די פּראַקטישע פּאָליטיק פון די ציִעניסטישע אָנפירער.

הערצל נאָך האָט געפּרוווט זיך אופריידן מיטן דײַטשישן קײַזער ווילהעלם II, מיטן צאַרישן מיניסטער פּלעווע. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן די ציִעניסטן געמאַכט פּרוּוון צו אופריידן זיך מיט די היטלעריסטן. אַ גאַנצע ריי ציִעניסטישע עמיסאַרן זײַנען געפאָרן קיין דײַטשלאַנד און אין די אָקופּירטע לענדער, קעדיי צו פירן אומווירדיקע אונטערהאַנדלונגען.

בען־גוריאָן און גאָלדע מעיִר זײַנען די ערשטע אוועק מיטן וועג פון שליסן אַ פּרינציפּלאָז געשעפטל מיט מײַרעוו־דײַטשלאַנד, מיט זײַנע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיקער, די היטער פון היטלערס יערושע. מיט אַקשאָנעס רופן זיי אָן די דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק אַנטיסעמיטיש לאַנד בלויז דערפאַר, וואָס ד.ד.ר. דעמאַסקירט זייער אַגרעסיווע פּאָליטיק. און ווער איז ניט באַקאַנט מיט די אַרויסזאָגונגען פון אוּוראָם שאַראָן, וועלכער האָט פאָרגעלייגט צו זאַמלען גרופּעס ייִדישע יונגעלײַט, שיקן זיי אין אַלע לענדער, קעדיי זיי זאָלן דאָרט, אונטערן אָנשטעל פון ניט־ייִדן, אָפּסאַמען די ייִדן דאָס לעבן און צווינגען זיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד, עמיגרירן קיין ייִסראָעל. אַזאַ פאָרשלאָג, וואָס איז פּונקט אַזוי פּראָוואָקאַציִאָנעל, ווי נאַריש, האָט געקאָנט געבוירן ווערן בלויז אין אַזאַ פאַרוּרטיילטער באַוועגונג, ווי דער ציִעניזם.

און מיט וואָס איז בעסער פון שאַראָנס פאָרשלאָג די אויפירונג פון די כוליגאַנישע ציִעניסטן פון מייער קאַהאַנעס באַנדע אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, וועלכע באַפאַלן און שלאָגן די אָנגעשטעלטע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס, באַשיסן די געזאַנדשאַפטן פון די סאָציִאַליסטישע לענדער, אויך די ייִדן, וועלכע ווילן ניט נאָכטאַנצן די אידייען פונעם ציִעניזם?

ווי יעדער נאַציִאָנאַליזם, דריקט אויס דער ציִעניזם אין די צווישן־נאַציִאָנאַלע באַציִונגען די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. ער שפּיגלט אָפּ די אינטערעסן פון דער גרויס־בורזשואַזיע, וועלכע איז פאַראינטערעסירט צו אָפּנאַרן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אָפּציִען זיי פונעם קלאַסנקאַמף קעגן דער עקספּלואַטאַציע, אַרויסשטויסן זיי פון זייער היימלאַנד, קעדיי זיי זאָלן ניט שטערן די ייִדישע

נעגידים צו ראַבעווען די אָרטיקע באַפעלקע־
רונג, וועלכע געהערט צו אַן אַנדער נאַציע.
דער ציִוניזם איז אַ סינע פון אַלע אַרבעטנ־
דיקע ייִדן.

צום באַדויערן אָבער האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפן, און עס טרעפט אויך איצט אַזוי, אַז די ציִוניסטן האָט זיך אײַנגעגעבן צו פאַרטונקלען דאָס באַוווסטזײַן פון די פּאָליטיש־אָפּגעשטאַנענע מענטשן, אָנגעהעריקע צו ייִדישע קליינבירגערלעכע קרײַזן, און אַפילע פון אַזעלכע, וואָס געהערן צום אַרבעטער־קלאַס און צו דער אָרעמשאַפט. די פאַרקריפּלטע סטרוקטור פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, אַ סטרוקטור, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין מעשעך פון דורעס, האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרטומלען די אַרבעטנדיקע ייִדן, אין פיל פּראָטים האָט דערצו מיטגעהאָלפן אויך די רעליגיע, וואָס האָט פאַרשפּרייט די אידייען פון מעשיכיזם און פון „אומקערן זיך אַהיים״ — קיין ערעץ־ייִסראָעל, אויך דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז פאַרשפּרייט אין פיל בורזשואַזע לענדער און וואָס העלפט די ציִוניסטן צו באַהעפטן די ייִדן ניט לויטן קלאַסן־פּרינציפּ, נאָר לויטן ראַסיסטישן און רעליגיעזן פּרינציפּ. דאָס אַלץ מאַכט, פאַרשטייט זיך, קאָמפּליצירטער דעם קאַמף קעגן דעם ציִוניזם.

דער ציִוניזם פּאַראַזיטירט אָפּן באָדן פון אַנטיסעמיטיזם, פּונקט ווי אין אַ טוכלע ווינקל פּאַראַזיטירט שימל מיט דער הילף פון פוילעכץ. און אויב דער אַנטיסעמיטיזם איז, ווי מע זאָגט, דער סאָציאַליזם פון טיפּשים, איז דער ציִוניזם — גאַנץ אָפּט — די „ליבע״ צו זייער פאָלק מיצאַד מענטשן, וועלכע זײַנען סאָציאַל ניט רײַף און לויט זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען נאַיוו.

די ציִוניסטן שרײַען אַף אַלע ראָגן, אַז זיי זײַנען קאָרבאָנעס פון אַן אַגרעסיע, אין טאָך אָבער פירן זיי די סאַמע כוצפּעדיקע און אָפענע אַגרעסיע אין די אינטערעסן פון די מאָנאָפּאָליעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אָבער פול מיט ווידערשפּרוכן. העלפנדיק צו פאַרשפּרייטן די ציִוניסטישע אידייען, העלפט מיט אין דער זעלבער צײַט די מעלוכע ייִסראָעל מיט איר פּאָליטיק צו דעמאַסקירן דעם ציִוניזם סײַ אַף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע, סײַ אין ייִסראָעל גופע.

איצט איז מער, איידער ווען־עס־איז, פאַראַן אַ גרונט צו האָפן, אַז די אַרבעטנדיקע מאַסן אין ייִסראָעל וועלן אַלץ מער באַגרײַפן, וווּהין עס פירן זיי די ציִוניסטן און וועמען די ציִוניסטן דינען. זיי וועלן פאַרשטיין, אַז די ציִוניסטן זײַנען פײַנט פון די ייִדן, טראָץ די „פּאַטריאָטישע״ היסטערישע קוויטשערײַען. זיי וועלן פאַרשטיין דעם פּאַשעטן עמעס, אַז „עס איז ניטאָ קיין אַנדער מיטל פון קאַמף קעגן דעם נאַציאָנאַלן האַס, ווי אָרגאַניזירן און באַהעפטן דעם קלאַס אונטערדריקטע צום קאַמף קעגן דעם קלאַס אונטערדריקער אין יעדן באַזונדערן לאַנד, ווי פאַראייניקן אַזעלכע נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין איין צווישנפעלקערלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע צוליבן קאַמף קעגן דעם צווישנפעלקערלעכן קאַפּיטאַל״ (וו. אי. לענין, פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 1, ז. 155).

און כאָטש דאָס איז אַ קאָמפּליצירטע אויפגאַבע, כאָטש מע מוז טאָן זייער פיל, קעדיי באַפרײַען די אַרבעטנדיקע מאַסן פון ייִסראָעל פונעם טשאַד פון די רעליגיעזע און נאַציאָנאַליסטישע אידייען, וועלכע הילן אײַן דעם באַוווסטזײַן אין אַ געדיכטן נעפּל פון ציִוניסטישע שקאָרים, איז אין די באַדינגונגען פון דער איצטיקער צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע און פון דער סיטואַציע אין ייִסראָעל דער דערפאָלג פון לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע נעענטער, איידער ווען־עס־איז פריִער.

וואָס אָנבאַלאַנגט די ייִדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן זיי שוין געגעבן זייער ענטפער דעם ציִוניזם און די ציִוניסטן. פון די צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן סאָוועטישע ייִדן איז קיין ייִסראָעל אַרויסגעפאָרן ניט קיין גרויסע צאָל. די סאָוועטישע ייִדן האָבן באַוויזן, אַז זיי זײַנען פאַרבליבן טויב צו די שרײַענדיקע האָפּטאָכעס און צוזאָגענישן פון די ציִוניסטישע מאַגידים.

די סאָוועטישע ייִדן זײַנען שטענדיק געווען, זיי זײַנען אויך איצט און וועלן זײַן פּאַטריאָטן פון זייער סאָציאַליסטיש היימלאַנד, זיי זײַנען שטענדיק געווען, זיי זײַנען אויך איצט און וועלן זײַן טרײַ צו די אומשטערבלעכע אידייען פונעם קאָמוניזם, פאַר וועלכע זיי האָבן געקעמפט און קעמפן אין דער ברידערלעכער פעלקער־מישפּאָכע פון אונדזער לאַנד. צוזאַמען מיט אַלע פעלקער פון פססר בויען זיי די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. זיי קאַרגן ניט קיין מי, און אויב מע וועט דאַרפן, וועלן זיי ניט שאַנעווען אויך דאָס לעבן, קעדיי פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע היימלאַנד.

קיינעם וועט זיך ניט אײַנגעבן צו צערײַסן דעם ברידערלעכן בונד פון די ייִדן פון פססר מיט אַלע פעלקער פון אונדזער לאַנד — ניט די פאַרהאַסטע ציִוניסטן, ניט די ניט ווייניקער פאַרהאַסטע אַנטיסעמיטן וועט זיך עס ניט אײַנגעבן.



טעוויע גען

אונדזערע צײַטן

ראָמאַן

פערטער טייל

אָף דער שיף „דעלפין“

אין איינעם א זומערדיקן אָוונט איז ליזע פרילוצקע געפאָרן אהיים פון אינסטיטוט אין א גאַנץ געהויבענער שטימונג. אין האַנט־בײַטעלע איז געלעגן דער דיפּלאָם, וועלכן זי האָט אָקאָרשט הײַנט געקראָגן און ווו ס'איז געווען אָנגעשריבן, אז יעליזאַוועטא מיכײַ־לאָוונא פרילוצקאיא האָט מיט דערפאָלג פאַרענדיקט דעם אָוונטיקן אינסטיטוט פאַר אויס־לענדישע שפּראַכן.

אין די אויגן האָט נאָך געפינקלט דער העל־באַלויכטענער אקטאָווער זאַל, דער אוילעם, וואָס האָט דעם זאַל פאַרפולט, אין די אויערן האָבן נאָך געקלונגען די צוויי ווערטער, וועלכע דער דעקאַן פון פאַקולטעט האָט געזאָגט יעדן סטודענט, דערלאַנגענדיק דעם דיפּלאָם און דריקנדיק די האַנט — „פּאָזדראַוולײַו וואַס“ און די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אין זאַל. דערנאָך זײַנען געווען טענץ, און ס'האָט געשפּילט א דזשאַז־אָרקעסטער, סטודענטן איז געווען ווינציקער פון סטודענטקעס, נאָר באָכערים האָבן פונ־דעסטוועגן ניט אויסגעפעלט, די שיינע מיידלעך פון „איניאַז“ ציִען צו אן אוילעם אויך פון אנדערע אינסטיטוטן. ליזען האָט אײַנגעלאַדן אָף א „טאַנגאָ“ א באָכער פון אוויִאַציע־אינסטי־טוט און אָף א „טוויסט“ — א יונגערמאַן פון אינזשעניער־פיזישן אינסטיטוט. זי האָט גע־טאַנצט, און ס'איז איר געווען פריילעך. די פינף יאָר, ווען זי האָט באַטאָג געאַרבעט און אין די אָוונטן געלערנט, זײַנען געווען ניט קיין גרינגע יאָרן, נאָר אָט זײַנען זיי שוין דורך.

דעם ערשטן און צווייטן טייל זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 11 — 12 פאַרן 1967, נומ. 3 פאַרן 1970 און נומ. 12 פאַרן 1972.

עמעס, זי האָט נאָך ניט געוווסט, ווו וועט זי איצט אהינטאָן די פרײַע אָוונטן, עס איז איר ביכלאל נאָך ניט געוועזן קלאָר, ווו זי וועט ארבעטן. זי האָט א „פרײַען״ דיפלאָם, און זי קען אָנקומען אף ארבעט, ווו זי וויל, נאָר ווײַל עס איז „ווו זי וויל״, איז עס געוויינלעך שווערער, ווי דאָן, ווען די מעלוכע־קאָמיסיע באשטימט אליין אלץ און זי שיקט דעם יונגן ספּעציאַליסט אהין, ווו זי געפינט פאר נייטיק.

פאָרנדיק אין מעטראָ אהיים, האָט ליזע ניט געוואָלט טראכטן וועגן די פארשיידענע פּראקטישע „וואָכעדיקע״ זאכן, נאָר עס האָט זיך יאָ געטראכט... און ניט נאָר זי האָט גע־טראכט וועגן דעם. ווען זי איז ארײַנגעקומען אין שטוב, האָבן איטע און מיכל ארומגענומען זי און זיך צעקושט מיט איר. איטע האָט געשפּיגלט זיך אין דיפלאָם, איין מאָל און א צווייטן מאָל דורכגעלייענט די ווינציקע אָבער באדײַטפולע ווערטער, וואָס זײַנען דאָרטן ארײַנגעשריבן.

— ביסטו שוין, ליזעטשקע, א געקאָנטשעטע. — האָט זי געזאָגט — זאָל זײַן מיט מאזל. איטע האָט דערלאַנגט ליזען איר באליבט מײַכל — בלינטשיקעס מיט קעזז, און זיצנדיק אנטקעגן און קוקנדיק מיט האנאָע, ווי די טאָכטער עסט איין בלינטשיק נאָכן צווייטן, האָט זי א פרעג געטאָן:

— נו, און מע האָט דיר שוין אלץ געזאָגט?

— וואָס „אלץ״?

— כ׳מיין, ווו דו וועסט ארבעטן...

— דו ווייסט דאָך, מאמע, אז בא מיר איז א פרײַער דיפלאָם. איך וועל ארבעטן, ווו איך וועל וועלן.

— אוואדע, ווו דו וועסט וועלן... נאָר איך האָב דאָ גערעדט מיט א פּאָר מענטשן. זיי זאָגן...

— מיט וועמען און וועגן וואָס האָסטו גערעדט? און וואָס האָבן זיי צו זאָגן? — האָט ליזע זי איבערגעשלאָגן. — איך האָב דאָך דיך, מאמע, וויפל מאָל געבעטן, אז וועגן מיר זאָלסטו מיט קיינעם ניט ריידן.

— איך רייד דען עפּעס, כאָלילע, שלעכטס? אלע ווייסן מיך דאָ, שטעלט מען מיך אָפּ און מע טוט א רעד, — מע טוט א פרעג, וואָס מאכט די טאָכטער? אין דער פערצנטער דירע פון דריטן פּאָדיעזד אין אונדזער הויז לעבט א מענטש, וואָס האָט אמאָל פאַרענדיקט דעם זעלבן אינסטיטוט, וואָס דו, איז ער שוין אויסגעוועזן א וועלט — אין אמעריקע, אין אפריקע, און ווו ניט.

— ווילסטו, מאמע, אז איך זאָל אויך פאָרן קיין אפריקע?

— אין אפריקע איז דאָך הייס... — האָט איטע אוועקגעמאכט מיטביידע הענט. — איך וויל דען, כאָלילע, טאָכטער מײַנע, דו זאָלסט ערגעץ אוועקפאָרן פון דער היים? איך וויל נאָר זאָגן, סארא גוטן אינסטיטוט דו האָסט פאַרענדיקט. איינעם אנדערן הויז, אין דער דירע אכט און דרײַסיק וווינט א פּרוי, וואָס האָט אויך פאַרענדיקט דײַן אינסטיטוט, פאָרט זי אף דער ארבעט נאָר אין א טאַקסי. און ניט ווײַט פון אונדז וווינט נאָך א מענטש...

— ווילסט מיר, מאמע, דערציילן וועגן אלע מענטשן, וואָס וווינען אין אונדזער ראיאָן?

— לאָך ניט, טאָכטער, נאָר אז מע רעדט מיט עמעצן, דערוויסט מען זיך עפּעס. שטעל זיך פאָר — אלע, מיט וועמען איך האָב גערעדט, זאָגן — דו וועסט האָבן ארבעט. דײַן ספּע־ציאַלנאָסט דאַרף מען אומעטום.

— הערסט, מאמע, וואָס איך וועל דיר בעטן: הער אוף צו זאָרגן וועגן מיר. איך וועל אליין געפינען, וואָס איך דאַרף. — און ליזע, קעדיי איבערצורײַסן דעם געשפּרעך, וואָס האָט געקאָנט זיך פארציִען, האָט אופגעהויבן זיך פון בענקל און איז ארײַן צו זיך אין צימערל.

— אז דו לאָזט קיינמאָל ניט צורו, אפילע אין אזא אָוונט, ווי הײַנט, — האָט מיכל ניט אויסגעהאלטן און א זאָג געטאָן צו איטען, אָבער אזוי שטיל, אז די פּלוימעסטע זאָל ניט דערהערן, נאָר איטע האָט יאָ דערהערט.

— זײַ זיכער, — האָט זי זיך ארופגעלאָזן אף אים — דיך וועל איך לאָזן צורו, ווײַל ריידן צו אזא עקסעלע, איז אלצליינס, ווי צו דער וואנט. עס ליגט דען דיר עפּעס אין זינען? ווען דו וואָלסט געהאט געהירן אין קאָפּ און וואָלסט געטראכט אזוי ווי אנדערע טאטעס טראכטן וועגן זייערע קינדער...

— אָן עק, אָן עק, איך האָב גאָרניט געזאָגט, — האָט מיכל געוואָלט שאָלעם מאכן.

— דאָס איז דאָך די צאָרע, וואָס דו זאָגסט קיינמאָל גאָרניט, — האָט איטע נאָך מער געהעכערט דאָס קאָל. עס איז ארויסגעלאָפן פון איר צימערל ליזע.

— מאמע, דו וועסט אמאָל אופהערן?

— גיי, טאָכטער, צום טיש, האָסט דאָך ניט פּאַרענדיקט עסן, און דו, מיכל, האָסט נאָך אויך ניט געגעסן. — בא איטען איז דאָס קאָל שוין געווען אַן אַנדערס, אַ פּיל ווייכערס, איידער אַ מינוט צוריק. זי האָט גאָר ניט געוואָלט פאַרשטערן די יאָמטעוודיקע וועטשערע.

אינעם קאַדרען־אָפּטייל פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וווּהין ליזע איז אַרײַנגעקומען פרעגן, צי מע דאַרף ניט אַן איבערזעצער פון טעכנישער ליטעראַטור, איז געזעסן אַ מאַנצבל, וואָס האָט אויסגעזען שטאַרק אומצופרידן — אומבאַוווּסט פון וואָס: עפּשער פון דער אַרבעט זײַנער אַלס אינספּעקטאָר, וועלכע איז אים ניט געווען געפעלן, און עפּשער פון אַן אַנדער זאַך. מיט אַ זויערער מינע האָט ער געקוקט אויף דער אַרײַנגעקומענער, דערנאָך האָט ער מיט דער זעלבער זויערקייט איבערגעלייענט אַלץ, וואָס עס איז געווען פאַרשריבן אין איר דיפּלאָם און אין איר פּאַס, צולעצט העפלעך־געצוווּנגען אַ שמייכל געטאָן און מיט קלוימערשטער באַדויערונג געזאָגט, אַז קיין איבערזעצערנס דאַרף מען ניט.

דער דאָזיקער גאָר קורצער וויזיט, וואָס האָט געדויערט ניט מער ווי אַ צוויי מינוט, אין אַ קאַדרען־אָפּטייל פון אַן אַנשטאַלט, האָט דערנאָך אויף אַ גאַנצן טאָג געפּאַטערט בא ליזען די שטימונג, איבערגעלאָזט אַ פאַרדראָס און אומאָנגענעמען געפיל, ווי זי וואָלט געהאַט צוגערירט זיך צו זייער ניט קיין פײַנער זאַך. עס איז זייער מעגלעך, אַז אויף הײַנט צו טאָג האָט מען אין יענעם אינסטיטוט טאַקע ניט געדאַרפט קיין איבערזעצער, נאָר דער אופנאַם באַם קאַדראָוויק איז געווען אַזאַ אָפּגעפרעמדטער, אַזאַ קאַלטער, אַז ער האָט געמאַכט אַ שווערן אײַנדרוק.

אויף מאָרגן איז ליזע, האַלטנדיק צונויפגעקלאַמערט מיט די פינגער דאָס העַנטל פונעם בײַטעלע, אין וועלכן ס'זײַנען געלעגן די דאָקומענטן, ניט זיכער און אין אַ פאַרלעגנהייט אַרײַנגעקומען אין אַ קאַדרען־אָפּטייל פון אַ צווייטן אַנשטאַלט. דאָס איז געווען אַן עקסקורסיע־ביוראָ פאַר טוריסטן. דאָ האָט דער אינספּעקטאָר אויפגענומען זי מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט.

— מיר דאַרפן איבערזעצער, און ס'וועט אײַך זײַן זייער אינטערעסאַנט צו אַרבעטן בא אונדז, — האָט ער גלײַך געגומען זי פאַרזיכערן. דערבײַ אַ זײַטל געטאָן מיט די אויגן אויף דער טיר, וואָס איז געבליבן אַ ביסל אָפן, ווי ער וואָלט געשראָקן זיך, אַז דער נײַער קאַדער זײַנער וועט טייקעף אַרויסלויפן צוריק. ער האָט זי אָוועקגעזעצט לעבן זיך באַם טיש און געבעטן אָנפילן אַן אַנקעטע און אָנשרײַבן אינקורצן די אויטאָביאָגראַפיע. זי האָט דאָס געטאָן, ער האָט איבערגעלייענט און איז געבליבן צופרידן.

— ווען קאָנט איר צוטרעטן צו דער אַרבעט? — האָט ער געפרעגט.

ליזע האָט געוואָלט צוליב טאָן דעם ווילן קאַדראָוויק, און זי האָט געענטפערט:

— ווען איר דאַרפט. כ'קאָן אפילו פון מאָרגן.

— אויסגעצייכנט, נאָר צוויי כאָדאָשים וועט איר מוזן זײַן אויף קורסן, באַקאַנען זיך מיט דער ספּעציפיק. די סטיפּענדיע איז אַ הויכע, אַזוי, אַז מאַטעריעל וועט איר גאָרניט פאַרלירן... אַלזאָ, איר מעגט שוין רעכענען זיך אַלס אונדזערע אַ מיטאַרבעטערן, — ער האָט ליבלעך און וואַרעם אַ דריק געטאָן איר די האַנט בײַסן געזעגענען זיך.

אַזוי איז ליזע אָנגעקומען אַרבעטן אין אַן עקסקורסיע־ביוראָ פאַר טוריסטן. אין מעשעך פון אַ קורץ שטיקל צײַט איז איר שוין אויסגעקומען צו פליען קיין גרוזיע, פאָרן קיין לע־נינגראַד, און אין דער ערשטער וואָך פון מײַ, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די נאַוויגאַציע אויף דער וואָלגע, האָט מען איר פאָרגעלייגט באַגלייטן אַן אויסלענדישע טוריסטישע גרופּע אויף אַ שיף.

— אײַך איז געוויס שוין אויסגעקומען שווימען אויף שיפן? — האָט דער אָנפירער פון דער עקסקורסיע־ביוראָ געפרעגט בא איר.

— ביז איצט — נאָר אויף שיפלעך, — האָט ליזע געענטפערט.

— איז אַ קליינע דערפאַרונג האָט איר שוין פונדעסטוועגן... קיין כאַראָטע וועט איר ניט האָבן. עס שטייט אײַך פאָר אַ פּרעכטיקער מאַרשרוט איבער דער וואָלגע, — און דער אָנפירער האָט איר צוגעווונטשן אַ גליקלעכן וועג.

מאָנטיק, דעם זיבעטן מײַ, צוויי אַזייגער באַטאָג, איז די שיף „דעלפין” אָפּגעשווומען פון מאָסקווער צאָפנדיקן טײַך־וואָקזאַל און זיך געלאָזט אין אַ צוואַנציקטאָגיקער רײַזע — מאָסקווע — אַסטראַכאַן. אַנדערע שיפן זײַנען שוין אָפּגעשווומען אין ווײַטערע און נעענטערע רײַזעס מיט אַ טאָג־צוויי צוריק, אייניקע וועלן אופהייבן די אַנקערס און אַוועקשווימען מאָרגן — איבערמאָרגן.

אן אויסגערוטע נאָכן ווינטער, א בלענדיק־ווײַסע, א פינקלדיקע אָף דער העלער מאיאַ־
ווער זון, איז די שיף „דעלפין” וואָס האָט אין די פּילצאָליקע קאַיוטעס אַרײַנגענומען א סאַך
טוריסטן — סאָוועטישע בירגער און אויסלענדער — לאַנגזאַם דורכגעפאָרן דעם ניט־ברייטן
כימקי־אויסגוס און אַרײַנגעשווומען אין קאַנאַל, וואָס הייסט „מאָסקווא”. ליזע איז אַרײַן צו
זיך אין קאַיוטע, אָף דער דריטער, סאַמע אייבערשטער, פּאַלובע, קעדיי א ביסל אָפּרוען זיך.
אזוי ווי א קוואָטשקע מיט הינדעלעך, האָט זי פון אינדערפרי אַרומגעפירט זיך מיט איר
גרופּע טוריסטן פון קאַנאַדע. זי איז צוערשט געווען מיט זיי אין רעגיסטראַציע־צימער פון
וואָקזאַל, ווו מע האָט אַרויסגעגעבן יעדערן א שיין רײַזע־ביכעלע, אין וועלכן ס׳זײַנען אָנגעצ־
וויזן די שטעט און יישובֿים, ווו מע וועט אָפּשטעלן זיך אין וועג. דערנאָך האָט זי שפּאַצירט
מיטן אוילעם אין דערבײַיקן פּאַרק, געגאַנגען מיט זיי צו די קיאָסקן, ווו מע קאָן קויפן
סוווענירן, און שפּעטער, ווען מע איז אַרויף אָף דער שיף, האָט זי זיי געהאָלפן אײַנאָרדענען
זיך אין די קאַיוטעס. אין דער גרופּע איז געווען נײַנצן מענטשן און אויבנופיק איז זי מיט
אלעמען שוין געווען באַקאַנט. ווי עס פּאַסט פאַר טוריסטן, זײַנען זיי אַלע געווען זייער
נײַגעריקע און האָבן געוואָלט אַלץ וויסן. פראַגעס האָבן זיי פאַרגעבן, אזוי ווי קינדער, אָן
אן אופהער. עס זײַנען געפאָרן אין דער גרופּע צוויי שוועסטער קעטרין און דזשעני ריט־
האַרד, — סימפּאַטישע פרויען, וואָס טרעטן ניט אָפּ איינע פון דער אַנדערער און ווען איינע
פון זיי פרעגט עפּעס, כאַזערט די זעלבע פראַגע איבער די צווייטע, נאָר א ביסל אַנדערש,
מיט א געניוויערער אויסטײַטשונג און פאַרטיפערונג. אָנגעטאָן זײַנען זיי אין זאַמשע — זאַמ־
שענע מאַנטעלעך, זאַמשענע טופל, זאַמשענע היטעלעך. זיי זײַנען לערערנס אין קוועבעק.
עס פאָרט א סטראַכיר־אַגענט אין א העל־געלער סינטעטישער טוזשורקע און אין גאָלפן.
די אויגן זײַנע זעט מען ניט, ווײַל ער נעמט ניט אַראָפּ פון זיי די טונקעלע ברילן. א טעווע
האָט ער — אָפּטלעך א צי טאָן מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט געשמעקט, צי אין ערגעץ ברענט
ניט. ער הייסט עדוואַרד ווונסטערטאָן. עס פאָרט א פּאָרפּאָלק — מיסטער און מיס שניידער־
מאַן — ער א קלערק אין א קאָנטאָר, זי א שטוב־באַלעבאָסטע, וואָס גייט דרײַ מאָל א וואָך
אופראַמען בא יענעם, אויך העלפן צוגרייטן צום טיש באַם אופנעמען געסט. זי זאָגט, אז
דרײַ יאָר האָט זי אָף אזא אויפן ספּעציעל צופאַרדינט, קעדיי דערמעגלעכן די רײַזע קיין
רוסלאַנד. בא די ביידע שניידערמאַנס הענגען אַראָפּ פון פאָרנט איבער דער ברוסט, פּאָטאָ־

אפּאַראַטן — באַ אים אַ „צײַס”, באַ איר אַ „צײַס”, און באַ יעדער געלעגנהײַט, ווען עס מאַכט זיך אַן אויסטערלישקײַט, אַ זעלטנהײַט, לעמאַשל אַן אוראַלטער קלויסטער, אָדער אַן אַנדער אַלטערטימלעכע געבײַדע, בעטן זיי די גאַנצע גרופּע אוועקשטעלן זיך באַם דאָזיקן „פּאָן”, קעדיי זי אָפּצופּאָטאָגראַפירן, דערבײַ שטעלן זיך די פּרוי מיטן מאַן אײנעם צענטער; אַראָפּלאָזן דאָס צינגל פונעם אַפּאַראַט פּאַרטרויען זיי עמעצן פון די פאַרבײַגייענדיקע, אַ זײַטיקן מענטשן. בּיכלאַל, פאָטאָגראַפן אין דער גרופּע זײַנען אַלע, יעדערער האָט פאָטאָגראַפירט די שיינע געבײַדע פון טײַך־וואָקזאַל מיט איר היכער „שפּילקע”, וואָס שטעקט אין הימל, די הייב־קראַנען און די באַרזשעס פונעם האַפן, דעם כימקער פּליאַזש, מע האָט אַפילו אָפּגעפּאָרט־רעטלט די פּרוי, וואָס שטייט אין אַ רונדוקל און האַנדלט מיט אַפּעלסינען. ווען עס האָט אָנגעצילט אַף דער פּאַרקויפערן דאָס אייגל פון אַפּאַראַט נאָר איין טוריסט, האָט זי זיך געמאַכט ניט ווײסנדיק, נאָר ווען נאָך עטלעכע האָבן אָנגעשטעלט די אייגלעך, האָט זי אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר.

— איר האָט שוין ניט וואָס מער צו פאָטאָגראַפירן? — האָט זי גענומען שרײַען — איר האָט באַ זיך קיין אַפּעלסינען ניט געזען?

מאַקס זילבער, אַן אינזשעניער פון טאָראָנטאָ, אַלט באַ די דרײַסיק יאָר, מיט אויסדריק־לעכע געזיכט־שטריכן און בלויע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען, האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל אָפּגעזונדערט פון דער גרופּע, ער איז קעסיידער געגאַנגען פונהינטן, דער לעצטער. קיין פּראַגעס האָט ער ניט פאַרגעבן, פאַרשריבן האָט ער אויך גאָרניט אין בלאָקנאָט און אויך זעלטן־ווען פאָטאָגראַפירט — כאָטש אַן אַפּאַראַט האָט ער געהאַט. ס'איז געוווען צו זען, אַז גופא די באַקאַנטשאַפט מיט דער שטאָט, די פּייזאַזשן פון דער לאַנדשאַפט איז באַ אים ווײַט ניט די איקער־זאַך, צוליב וועלכער ער האָט זיך געלאָזט פון קאַנאַדע קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, עמעס, געהערט האָט ער דעם גידס דערקלערונגען גאַנץ אויפמערקזאַם. ליזע האָט די גאַנצע צײַט געפילט אַף זיך זײַן בליק — אַן ערנסטן און גלײַכצײַטיק אַ ווייכן, אַזוי ווי מיט אַ מיטגעפיל, וואָס עס קומט איר אויס אַ סאַך צו ריידן און דערקלערן. איר האָט אַפילו געוו־מען דוכטן, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן שטעלט ניט קיין קאַשעס נאָר דערפאַר, ווײַל ער וויל איר פּאַשעט ניט דערקוטשען, אַזוי ווי די אַנדערע טוריסטן.

אין אַ פּאָר שאָ אַרום נאָך דעם, ווי די שיף איז אָפּגעשווומען, האָט דער זעלבער מאַקס זילבער אָנגעקלאַפּט צו ליזען אין קאַיוטע. זי האָט אַפּגיך זיך אויפגעהויבן פונעם בעטל, אַף וועלכן זי האָט געהאַט אַף אַ ווײַלע זיך צוגעלייגט אָפּרוען. „אַן אומגליק מיט די טור־ריסטן, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — זיי לאָזן אַ מינוט ניט צורו”. דערזען דעם יונגנמאַן, וואָס האָט ביז איצט ניט אויסגערעדט מיט איר קיין איין וואָרט, איז זי פונדעסטוועגן געווען צופרידן, וואָס איצט וועט זי כאָטשבי דערהערן זײַן קאָל. זי האָט אים געבעטן אוועקזעצן זיך אַפן איינציקן שטול, וואָס איז געשטאַנען אַ צוגעשרויפטער לעבן טישל.

— איך האָב צו אײַך אַ ביטע, — האָט ער געזאָגט, — נאָר פריער וועל איך פאַרגעבן אַ פראַגע. ווען וועלן מיר זײַן אין דער שטאָט גאָרקי?

— אין דרײַ מעסלעס אַרום, — האָט ליזע געענטפערט נאָך דעם, ווי זי האָט אַ קוק גע־געבן אַף דער רעשימע, וואָס איז געלעגן באַ איר אַפן טישל.

— און וויפל וועט דאָרטן שטיין די שיף? — האָט מאַקס ווײַטער געפרעגט, און ליזע האָט ווידער אַ קוק געטאָן אין דער רעשימע.

— לויטן גראַפיק — אַכט שאָ, — האָט זי געענטפערט. — דאָרט וועלן מיר האָבן אַ קאָמבי־נירטע עקסקורסיע — מיר וועלן גיין צופוס און אויך פאָרן מיט אַן אויטאָבוס.

— איך דאַרף אין גאָרקי זיך פאַרהאַלטן מער ווי אַף אַכט שאָ, — האָט מאַקס געמאָלדן. — דערנאָך וועל איך די שיף אָניאָגן, אָדער כ'וועל זיך אופזעצן אַף איר, ווען זי וועט קומען צוריקוועגס.

— איך אַליין קאָן אַזעלכס ניט באַשליסן, — האָט ליזע זיך אָפּגערופן — דאָס דאַרף איך אײַנפאַרשטענדיקן מיטן שעף.

— ביטע, מיט ווײַעמען מע דאַרף, נאָר איך מוז אין גאָרקי פאַרהאַלטן זיך. — ער האָט גע־קוקט אַף איר און ניט געאײַלט זיך אָפּצווענדן די אויגן זײַנע פון איר פּאָנעם, ווי ער וואָלט דאָס מיידל ערשט איצט דערזען צום ערשטן מאָל, אַ באַלויכטענע פונעם העלן בינטל זון־שטראַלן, וואָס האָבן פון דער פּאַרענטש פון דער פּאַלובע איבערגעבראָכן זיך, געלייגט זיך אַף די קאָלירטע פּלאַסטיק־קעסטעלעך פונעם דיל און דערנאָך אַרײַנגעשטראָמט אין פענצטער פון דער קאַיוטע.

— אין גאָרקי לעבט מײַן פאָטער, — האָט ער געזאָגט, — און די גאַנצע רײַזע האָב איך פירגענומען, קעדיי זען זיך מיט אים.

— א צײַט, ווי איר האָט זיך צעשיידט? — האָט ליזע ניט אײַנגעהאַלטן איר נײַגעריקײַט.

— גלײַך נאָך דער מילכאָמע. איך בין דאַן אַלט געווען דרײַ יאָר...

ליזען איז שוין אויסגעקומען צו הערן פאַרשיידענע רירנדיקע געשיכטעס, ווו ס׳כאַזערט זיך אָפּט איבער דאָס וואָרט „צעשיידונג". צווישן די אויסלענדישע טוריסטן זײַנען קימאַט שטענדיק פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד קרויווים, מיט וועלכע מע האָט אַמאָל זיך צעשיידט, און ווען זיי קומען צו פאָרן אַהער, ווילן זיי, געוויינלעך, מיט די קרויווים זיך זען. באַם דאָזיקן יונגנמאַן איז, ווײַזט אויס, אויך אַזאַ „געוויינלעכע" געשיכטע. ליזע האָט געוואָלט דערוויסן זיך אַלץ גענויער, אָבער זי האָט אים איצט ניט געבעטן דער־ציילן, באַשלאָסן עס אָפּלייגן אויף שפּעטער, אויף אַן אַנדער מאָל, ווען ס׳וועט זײַן דערצו אַ געלעגנהײַט. זי האָט זיך אַליין ניט געוואָלט מודה זײַן, אַז מאַקס זילבער אינטערעסירט זי מער פון די אַנדערע טוריסטן אין איר גרופּע.

— איר האָט טעלעגראַפירט, אַז איר קומט צו פאָרן? — האָט זי געפרעגט.

— פונדאַנען נאָך ניט, — האָט ער געענטפערט. — די שיף קאָן פאַרשפּעטיקן, דער פאָטער וועט וואַרטן, ער וועט איבערלעבן. פאַרן אַרויספאָרן, — האָט מאַקס צוגעגעבן, — האָב איך אים אָנגעשריבן, אַז איך שליס זיך אײַן אין אַ טוריסטישער גרופּע, און מיר וועלן אינגיכן זיך זען.

— גיט איצט פונדעסטוועגן אַ דעפּעשע, — האָט ליזע געייצעט. — אַזוי וועט זײַן זיכערער.

דערנאָך, אינעם פרימאָרגן, ווען זי האָט דערציילט אירע טוריסטן וועגן דער שטאָט גאָרקי, צו וועלכער די שיף האָט זיך דערנעענטערט, האָט ליזע אַלץ געטראַכט וועגן יונגנמאַן, וועגן זײַן פאָרשטייענדיקער באַגעגעניש מיטן טאַטן, זי האָט אים געווונטשן, אַז די באַגעגעניש זאָל דורכגיין אין פריידן, און אַלץ זאָל זײַן בעשאָלעם.

יאַקאָוו זילבער, מאַקס׳ טאַטע, אַ מאַן אין די זעכציקער, נאָך ניט אײַנגעבויגן, אָבער די אַקסל שוין היפּשלעך פאַרקײַלעכיקט, אין אַ גרינעם זומער־מאַנטל און אין אַ גרינער הוט האָט געײַלט צו דער שיף. ער איז ניט געשלאָפן די נאַכט, אַן אויפגערודערטער פון דער נאָענטער באַגעגעניש מיטן אייניציקן זון. וויאַזוי דער זון זעט אויס, האָט ער געוווּסט, ער האָט געהאַט זײַנע פאָטאָגראַפיעס, צוגעשיקטע פון קאַנאַדע, נאָר אים האָט געדוכט, אַז אָן זיי וואָלט ער אים אויך גלײַך דערקענט. ער איז געגאַנגען איבער דער אָראָפּבאַרגיקער גאַס, וואָס פירט צו דער וואָלגע — צום האַפן און צום וואָקזאַל, און פאַר זײַנע אויגן, ריכטיקער געזאָגט, פאַר זײַן אייניציקן לעבעדיקן אויג, — דאָס אַנדערע אויג, דאָס רעכטע, איז געווען בלינד, אין אויגן־כאָלעל האָט געשטעקט אַ האַרט גלאַנציק פּראָטעז־קײַקעלע — האָבן אַזוי ווי דורכגעשווינדלט אייניקע בילדער פון יענער צײַט, ווען ער, דער טאַטע, איז געווען ייִנגער פונעם זון, צו וועלכן ער האָט איצט געײַלט. ער האָט דאַן געלעבט אין קירגיזיע, און דאָרטן, אין אַ האַפן אויף דער אָזערע איסיק־קול, איז דעמלט אויך געשטאַנען אַ שיף...

אין אַ ווײַטן דאָרף

— בירגער, זײַט באַוווּסטזיניק, לויפט ניט, אײַלט ניט, אַלע וועלן באַווײַזן, קיינער וועט ניט בלײַבן אויפן ברעג. לאָזט פריִער דורך פרויען מיט קינדער, אינוואַלידן און אַלטע לײַט!

אַזוי האָט מיטן אוילעם אײַנגעטײַנעט דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, וועלכע איז געשטאַנען אַ פאַראַנקערטע אינעם קליינעם האַפן ריבאַטשיי, באַ דער אָזערע איסיק־קול. דער קאַפּיטאַן איז בעקיוון געשטאַנען ניט אויף זײַן הויכן בריקל, נאָר אונטן, באַם סאַמע ראַנד פון דער פּאַלובע, קעדיי מע זאָל אים בעסער הערן, אָבער זײַנע רייד מיט זײַן אײַנטײַנען האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. די גרעסטע מערהײַט פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם האַפן, זײַנען געווען גראָד פון די פּריווילעגירטע קאַטעגאָריעס, וועלכע דער קאַפּיטאַן האָט איבערגערעכנט און געבעטן דורכלאָזן אין דער ערשטער ריי. דער ברעג איז פול געווען מיט פרויען, מיט קינדער, מיט אַלטע לײַט און אינוואַלידן. דעם צונויפגעשלאָגענעם פון דרײַ שמאָלע ברעטער הוידענדיקן טראַפּ, וועלכער איז געווען אַריבערגעוואָרפן פון דער שיף צום ברעג, האָט דער אוילעם אײַנגענומען, ווי אַ פעסטונג. יעדערער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַרופטרעטן אויף דער פּאַלובע, דערפילן אונטער די פיס די פידלאָגע פון דער שיף.

די שיף איז געווען אָן קאַיוטעס, אָן „קלאַסן", אָן אַן אייבערשטער פּאַלובע. עס האָט נאָר געשטאַרצט דאָס הילצערנע שטיבעלע פונעם קאַפּיטאַן. ס׳איז געווען אַ פראַכט־שיף, וואָס

אין א נויטפאַל פירט זי אויך פּאַסאַזשירן. אַף דער איינציקער פּאַלובע זײַנען געווען אויסגעשטעלט געדיכטע רייען בענק, אַזוי ווי צוליב עפּעס א ספּעקטאַקל, וואָס מע וועט דעם אוילעם בייס דער רײַזע ווײַזן.

די שיף האָט קורסירט צווישן דער שטאָט פּרזשעוואַלסק און דעם יישעוו ריבאַטשי. אין פּרזשעוואַלסק און אין די קלענערע האַפנס, וואָס ליגן באַ דער אָזערע, איז זי געוואָרן אָנגעלאָדן מיט טווּע, מיט בוימל, מיט אוריוק און דאָס גלײַכן, וואָס עס גיט בעשעפע די רײַכע לאַנדווירטשאַפטלעכע איסיק־קולער געגנט, און אין ריבאַטשי האָט אַף איר געוואַרט א האַמוין מענטשן, דעריקער עוואַקוירטע, וואָס האָבנדיק פאַרלאָזן די אַלטע היים, זײַנען זיי נאָך אַלץ געווען נאַווענאַד, האָבן נאָך ניט געפונען קיין מאָקעם־מענוכע, זיך ניט באַזעצט אַף א שטענדיקן אָרט און געפּאָרן פון די געדיכט־באַפעלקערטע שטעט, וווהין זיי זײַנען צוערשט אָנגעקומען, לעמאָשל, פון אזא שטאָט, ווי פרונזע, אַלץ ווײַטער, אין די טיפערע ווינקלען, ווו דער מענטשן־אָנגעלאָף איז ניט אַזוי גרויס און ס'איז דאָרטן, ווי מע האָט געהערט זאָגן, א ביסל גרינגער דאָס לעבן.

יאַקאָוו זילבער, א צוויי און צוואַנציק־יאָריקער סערזשאַנט, וואָס איז נאָך דער פאַרווונדונג אַפּן פראָנט דרײַ כאָדאָשים געלעגן אין פרונזער מיליטערישן שפּיטאָל און איז אַרויס פונדאָרטן מיט א שוואַרצן בענדל אַפּן רעכטן אויג, איז געשטאַנען אין א זײַט פון דער שטופּעניש און עפּעס אַראָפּגעמאָלט אין זײַן בלאָקנאָט, וואָס ער אַליין האָט צונויפגענייט פון באַזונדערע בלעטלעך און אַרײַנגענומען זיי אין קאַרטאָנענע טאָוולעך. די טאָוולעך זײַנען שוין געווען אויסגעשליפן און אויסגעריבן פון האַלטן זיי אין קעסיידער אין די הענט. פאַרן מעסלעס, וואָס יאַקאָוו געפינט זיך דאָ, וואַרטנדיק אַף דער שיף, האָט זײַן לעבעדיק לינק אויג ניט באַוויזן זיך אָנצוזעטיקן מיט דער שיינקײַט פון דער ריזיקער בלויער וואַזע, וואָס מע רופט זי אָזערע איסיק־קול, מיטן יישעוו ריבאַטשי, וואָס האָט צום פלאַכן זאַמדיקן ברעג זיך צוגעמאָסטעט מיט זײַנע הילצערנע הײַזער און ניט־אַרומגעצוימטע הויפן. ס'איז א יישעוו אַזוי ווי אַף העפקער — אַלץ איז פרײַ און אַלץ איז אָפן, דאָס גאַנצע ביסל גוטס זײַנס איז אויסגעשטעלט אין דרויסן. אַף די פלאַכע דעכער טריקנט זיך אוריוק, אָדער טאַבאַק; פון די סטרעכעס הענגען אַראָפּ בינטלעך פיש, אָנגעשנירלטע אַף שטריקלעך; אַנטקעגן די נידעריקע פענצטער און זאַוואַלינקעס איז אויסגעהאַנגען גרעט, באַ די אָפענע טירן פון די הײַזער קאָכט מען אַף זומערדיקע אייוועלעך וואַרמעס, און פונדערווײַטנס גרויט דער מעכטיקער פעלדזיקער אָנגעוואַלגער באַרג־שפּאַלט, וואָס וויל, דוכט, אין א שיינעם פרימאָרגן אַראָפּקײַקלען זיך אַהער מיט זײַן גאַנצן ריזיקן שטיינערנעם פאַרמעגן און אין איין רעגע אײַנשלינגען דעם יישעוו מיט דער אָזערע צוזאַמען.

יאַקאָוו איז געווען א טאָקער, ער האָט פאַרענדיקט א פראָפעכשול און צוויי יאָר געאַרבעט אַף א טאָקער־ווערקשטעל אַפּן כאַרקאָווער לאָקאָמאָטיווני־זאַוואָד. כוץ דעם, האָט ער ליב געהאַט צו מאָלן, ער האָט אַלץ געטרוימט אָנצוקומען לערנען אין א מאָלערײַ־שול, זײַנע אָנפאַנגערישע בילדער און בילדלעך, זײַנע געמעלן האָבן נאָר געזען די עלטערן און די יינגלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך געכאַווערט. די עלטערן (דער טאַטע — א בוכהאַלטער אין א קאָנטאָר, די מאַמע — א קעכן אין א זאַוואָדישער גאַרקיך), האָבן געשעפּט נאַכעס פון זייער אויסגעשפּילטן זון, און די כאַווײרים האָבן אים אויך געליבט. אַף דער מילכאָמע איז יאַקאָוו אַוועק אַפּן דריטן טאָג נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן, און שוין זײַענדיק אַפּן פראָנט, בייס די פרייוואַלן אין וואַלד, האָט ער, ווען ס'איז נאָר מעגלעך געווען אין דער קורצער אומרויִקער שאָ, בייס מע האָט „גערוט", אַראָפּגעמאָלט, „אַראָפּגעכאַפּט" פון דער נאַטור עמעצן פונעם סאָלדאַטסקן אוילעם, געמאַכט עמעצנס א פּאָרטרעט, אָדער אַן עסקיז, וואָס וואָלט דערנאָך געקאָנט צוניץ קומען פאַר א גרעסער בילד. באַ די סאָלדאַטן האָט זײַן קונסט אויסגענומען, און דער פּאָליטרוק פון דער ראָטע האָט אים אַפילע געייצעט שיקן א פּאָר געמעלן אין דער אַרמייִשער צײַטונג. אָבער גאָר אײַנגיכן, אין אָקטיאַבער 1941, אין דער ערשטער שלאַכט, אינדערנאָענט פון מאָסקווע, האָט די פײַנטלעכע קויל, וואָס מע זאָגט וועגן איר, אַז זי איז א טיפּעש און זי ווייסט ניט, ס'איז איר אַלצײינס, וווהין און ווועמען צו טרעפן, האָט יאַקאָוו דאַפקע געטראָפן אין סאַמע פּינטעלע, אין סאַמע שוואַרצאַפּל, פון רעכטן אויג, מיט איין קלאַפּ אָפּגענומען באַ אים א האַלבע שײַן פון דער וועלט. נאָר א האַלבע שײַן איז אויך עפּעס־וואָס ווערט, און איצט, נאָכן שפּיטאָל, קימאַט א גליקלעכער, וואָס עס האָט כאָטשבי זיך פאַרהיט איין אויג, צעשיידט ער זיך ניט מיט זײַנע צונויפגענייטע בלעטלעך פּאַפּיר, אַרײַנגענומענע אין האַרטע, קאַרטאָנענע טאָוולעך. ער האָט שוין פּייזאַזשגעמעלן פון דער אָזערע איסיק־קול, עסקיז־פּאָרטרעטן פון די מענטשן, וואָס ער זעט דאָ אַפּן ברעג.

— יאַקאָוו, וואָס באַהאַלט איר זיך אויס, איר וואָלט כאַטשבי מיר געהאָלפֿן אַרופֿטראָגן די זאַכן!

דאָס שרײַט כאַנעלע, א מיידל, מיט וועמען יאַקאָוו האָט זיך באַקאַנט דאָ, אין ריבאַטשי. כאַנעלע איז פֿון ווילנע. זי איז שוואַרצכיינעוודיק, האָט ברייטלעכע באַקן, שמאָלע אויגן מיט אַ טיפֿן קוק,— אַ קוק גלײַך אין יענעמס נעשאָמע אַרײַן, און צוויי געדיכטע, לאַנגע צעפּ. ווען עס זאָל זײַן נאָר איין צאָפּ באַ איר, ניט צוויי, און עס זאָל זײַן אופֿגעהאַנגען אָפּן עק אַ זילבערנער רובל, וואָלט זי גאָר ענלעך געווען אַף אַ קירגיזקע. די היגע טוישווים, די קיר־גיזן, האָבן שוין ניט איין מאָל געווענדעט זיך צו איר אַף קירגיזיש און זײַנען געווען שטאַרק פֿאַרוווּנדערט, וואָס זי קען ניט ריידן אַף זייער לאָשן.

ווען יאַקאָוו האָט באַ איר געפֿרעגט, וו׳אַזוי זי הייסט, האָט זי קלוג אַ שמייכל געטאָן:

— איך הייס — ווי פֿאַר וועמען. אין פּאַספּאָרט בין איך פֿאַרשריבן כאַנצע, באַקאַנטע רופֿן מיך כאַנע, גוטעפֿרײַנט — כאַנעלע, און פֿאַר אַלע אַנדערע הייס איך אַנזשעליקע. קלײַבט אויס וואָס עס געפֿעלט אײַך און רופֿט מיך, ווי איר ווילט.

—אַנזשעליקע איז אַ שיינער נאָמען, נאָר איך וועל אײַך רופֿן כאַנעלע. מע מעג?

— אַוודע מעג מען, — האָט זי זייער פּאַשעט געענטפֿערט.

די וואַנדערנישן און וואָגלענישן האָבן אויסגעלערנט כאַנעלען צו זײַן פּראַקטיש. מיט ליידיקע הענט פֿאָרט זי ניט. שטופּנדיק זיך צווישן אוילעם צום טראַפּ אַף דער שיף, איז באַ איר אָפּן רוקן געווען אַ רוקזאַק, פֿונפֿאָרנט, צוגעדריקט צו דער ברוסט האָט זי געטראָגן אַ היפּש בינטל, אַ פֿאַרוויקלטס אין אַ טוך און פֿון אויבן האָט זי זיך נאָך אויסגעקליגערט אַרופֿצולייגן עפּעס אַ רענצל. כאַנעלע האָט דאָס רענצל אונטערגעהאַלטן מיט דער קין, עס איז איר דאָ צוניץ געקומען דאָס קיינעוודיקע גריבעלע אַף דער קין, ס׳האָט זיך אַרײַנגע־גראָבן אינעם רענצל און עס ניט געלאָזט אַראָפּפֿאַלן.

יאַקאָוו האָט אין דער דרענגעניש דורכגעשטויסן זיך צום מיידל. באַ אים גופֿע זײַנען קיין זאַכן ניט געווען, נאָר אַ ציכל, אין וועלכן ס׳איז געלעגן דער טרוקענער פּאַיאָק, וואָס ער האָט, אַרויסגייענדיק פֿון שפּיטאָל, באַקומען אַף זײַן מיליטערישן אַטעסטאַט, און דער שינעל, וועלכן ער האָט אַ צוזאַמענגעוויקלטן, געהאַלטן אַריבערגעוואָרפֿן איבערן לינקן אַקסל, אַזוי ווי אַ געלן אָפּגעוועלקטן קראַנץ. ער האָט איבערגענומען באַ כאַנעלען דאָס בינטל, דערבײַ איז דאָס אייבערשטע פּעקל שיר ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער.

— פֿאַרזיכטיקער, איר זײַט דאָך גאָר, ווי אַ בער! — זי האָט מיט אַ האַנט פֿלינק אונ־טערגעכאַפּט און אונטערגעהאַלטן דאָס רענצל.

בעשאָלעם אַרופֿגעטראָטן אַף דער שיף, האָט כאַנעלע אָנגעוויזן יאַקאָוון אַף דער לעצטער באַנק אין עקסטן ווינקל, צווישן דרײַ מעשופּעדיק־אַראָפּהענגענדיקע אײַזערנע באַלקעס. מע קען גוט צעקלאַפּן אין די באַלקעס דעם קאָפּ, אָבער דאָס אָרט איז אַ באַקוועמס — פֿאַררוקט, דערווײַטערט פֿון די דורכגאַנג, ס׳וועט, מאַשמאָעס, אויך אַזוי ניט טראַסקען אין די אויערן די קלאַפּערײַ און הודזשערײַ פֿון די שיף־מאָטאָרן בייס דער רײַזע.

— איר זאָלט ניט פֿאַרגעסן אָנבייגן דעם קאָפּ, ווען איר וועט זיך אופֿהייבן, — האָט כאַנעלע אָנגעזאָגט איר באַהעלפֿער, ווען יענער האָט אַוועקגעלייגט די זאַכן אַף דער באַנק, און ער אַליין האָט אויך זיך אַוועקגעזעצט, שווער אָפּסעמענדיק. אין שפּיטאָל האָט מען אים געזאָגט, אַז אַ כוידעש־צוויי וועט ער ניט טאָרן טראָגן קיין שווערע מאַסעס, ער טאָר זיך ניט אָנשטרענגען, אָבער אַז כאַנעלע האָט געבעטן? ער איז געזעסן אַ ווײַלע אַף דער באַנק, דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט און באַשלאָסן, אַז דאָס אָרט טויג ניט פֿאַר אים: די באַלקעס פֿאַרשטעלן די גאַנצע פּאַלובע, ער וועט ניט זען די שיף מיט איר האַקל־פּאַקל, איר לעבעדיקן אינגעוויד, — די טומלענדיקע, זשומענדיקע, שרײַענדיקע, שעפּטשענדיקע פּאַר־סאַזשירן, און ער וועט ניט האָבן וואָס צו מאָלן אין בלאָקנאָט.

— וווּהין? — האָט כאַנעלע פֿאַרוווּנדערט אים אָנגעקוקט, ווען ער האָט זיך אופֿגעהויבן אַוועקצוגיין, זי האָט אַרופֿגעלייגט די האַנט אירע אַף זײַן אַקסל, וואָגיק אַ דריק געטאָן:

— זיץ!

כאַנעלע איז אַזוי גיך געוואָרן היימיש און זי האָט אַף „דו״ אַזוי פֿרײַ גענומען קאָמאַנ־דעווען מיט אים, ווײַל זי איז געווען זיכער, אַז דער באָכער איז אין איר פֿאַרליבט. ער האָט זיך אין איר פֿאַרליבט גלײַך, ווי ער האָט זי דערזען אין ריבאַטשי, אָפּן ברעג פֿון דער אָזערע. אַ סימען האָט זי געהאַט: ער האָט טײַקעף אַראָפּגעמאָלט זי אין זײַן בלאָקנאָט, דערנאָך האָט ער ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל זי געמאָלט, און דאָס אויג זײַנס האָט געגלאַנצט פֿון אַנציקונג, סײַ בייס ער האָט געמאָלט, סײַ בייס ער האָט גלאַט אַזוי געקוקט אַף איר. באַ כאַנעלען איז ניט ווילנדיק אַרײַן אַ געדאַנק אין קאָפּ: עפּשער איז ער איר באַשערטער?

עפשער איז איר באַשערט אָט־דאָ, אין דער וויַטער קירגיזיע, געפינען איר ביסל גליק מיטן האַלב־בלינדן מאָלער? ער האָט אַן איידל פּנים, ער איז אַ שטילער, אַ באַשיידענער. שטילקייט און באַשיידנקייט זייַנען ביכלל ניט פון די גרויסע מעלות, ביפּראַט מילכאָמע־צייַט, און אַ פּראַקטישער מענטש איז ער, ווייַזט אויס, אויך ניט. אַנדערע אינוואַלידן האָבן אין פּרונזע באַוויזן אומבייַטן די אַלטע גימנאַסטיאָרקעס און די אַלטע גאַליפע־הויזן אויף נייַע, און ער גייט אין זייַנע אָפּגעבליאַקעוועטע מאַלבושים, מיסטאַמע האָט ער אַפילע ניט געפּרוווט קריגן נייַע, אָבער ס׳איז צו זען, אַז אַ באָכער איז ער אַ גוטער, אַפילע זייער אַ גוטער, און כאַנעלען האָט געדוכט, אַז זי האָט זיך שוין צוגעוווינט צו אים, אַפילע צום שוואַרצן בענדל אויף זייַן אויג. ווען כאַנעלע האָט זיך דערוווסט, אַז ער פאָרט אין קאָלווירט „אַכטער מאַרט״, עס האָט אים געשיקט אַהין דער פרונזער וואָיענקאָמאַט אויף צו אָפּרוען זיך און פאַריכטן דאָס געזונט נאָכן שפּיטאָל, האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט.

— איך פאָר דאָך אויך אַהין! — און זי האָט אייַנגעפונען אין דעם, וואָס זיי פאָרן ביידע אין איין אָרט, נאָך אַ באַשטעטיקונג צו איר פאַרבאָרגענעם געדאַנק, אַז עפשער איז די באַגעגעניש מיטן באָכער אַ באַשערטע זאַך, איר אייגן מילכאָמע־מאַזל.

טראַכטנדיק אַזוי וועגן יאַקאָוון, האָט כאַנעלע ניט געהאַט קיין גרויסן טאָעס. דאָס מיידל איז אים געווען געפעלן. אַ שוואַרצכיינעוודיקע, אַ שטאַלטנע, אַ ציכטיקע. דאָס ווייַסע קאָפּטל אירס, דאָס בלויע געפּאַלדעוועטע קליידל, די ווייַסע טופל — אַלץ איז געווען אַקוראַט און ציכטיק־ריין בא איר, פּונקט ווי זי וואָלט זיך ניט געשטויסן און זיך ניט געמאַטערט אויפן ברעג, וואַרטנדיק אויף דער שיף און זי וואָלט גאָרניט געהאַט קיין „באַגאַזש״, וואָס עס קומט איר אויס איבערצושלעפּן פון איין אָרט אויפן צווייטן. יעדעס מאָל באַקוקט זי אירע מאַלבושים, טוט אַ גלעט־צו די פאַלדן פונעם קליידל, אַ רייניק אָפּ מיט אַ שמאַטקעלע די טופל. עס איז אים אָנגענעם געווען צו הערן איר ייִדיש־ריידן, איר פייַנע, קלאָרע אויסשפּראַך. מיט אַזאַ לאָשן האָט אין דער כאַרקאָווער ייִדישער שול, וווּ יאַקאָוו האָט געלערנט, נאָר גערעדט דער לערער פון ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך.

אָבער בא זייַן איצטיקן צושטאַנד, ווען דאָס אויסגערונענע אויג האָט באַטאָג און באַנאַכט, ווען ער איז געווען וואַך און ווען ער איז געשלאָפן, געהאַלטן אין איין דערמאָנען וועגן זיך מיט אַ טעמפּן ווייטעק אין קאָפּ און אַ קלעמעניש אין האַרצן, האָט יאַקאָוו אַפילע ניט צוגעלאָזט צו זיך דעם געדאַנק, אַז ער זאָל אין עמעצן זיך פאַרליבן, ביפּראַט נאָך, אַז מע זאָל זיך פאַרליבן אין אים. וועלכע מיידל וועט זיך פאַרליבן אין אַן איינויגיקן? ער האָט זיך איצט געהאַלטן פאַר אַ פאַרזעעניש.

אויב סע וועט זיך געפינען אַזאַ, וואָס וועט וועלן כאַסענע האָבן פאַר אים, איז נאָר צוליב עפּעס אַ נוץ, אָדער פון ראַכמאָנעס־וועגן. אַ געליטענער, אַן אינוואַליד, אַן עלנטער באָכער. אָבער קיין ראַכמאָנעס דאַרף ער ניט. און וואָס מער כאַנעלע האָט געשטרעבט באַפרייַנדן זיך מיט אים און זייַן היימישער, אַלץ מער האָט ער באַמיט זיך צו זייַן צוריקגעהאַלטן, אַזוי ווי מוירע האָבנדיק אַריבערטרעטן די ליניע, ווען ס׳וועט אים שוין זייַן דערנאָך שווער אָפּצוטרעטן, ער וועט שוין אָן איר ניט קאָנען אויסקומען.

אויף דער באַנק, וואָס כאַנעלע האָט אויסגעקליבן פאַר זיך און פאַר יאַקאָוון, האָט זיך באַזעצט אַ ייִד אַ זאָקן, וועלכער האָט גלייַך גענומען דרעמלען, און דרעמלענדיק עפּעס געמורמלט מיט די בלויע ליפּן. לעבן אים איז געזעסן זייַן פרוי, אַלט ווי ער, נאָר אַ סאַך לעבעדיקערע פון אים. זי האָט אים געטאָרקעט אין זייַט, ער זאָל ניט דרעמלען, ער זאָל ניט שלאָפן, זי האָט מוירע געהאַט, אַז ער קאָן, כאָלילע, אייַנשלאָפן אויף אייביק. אויפן אַנדערן ברעג פון דער באַנק האָט זיך באַשטאַט אַ קירגיז, וואָס פירט אַ גאַנצן פּאַק פערד־געשפּאַן — לייצעס, כאָמוטעס, צייַמלעך. ס׳האָט געדוכט, אַז באַלד וועט אויף דער באַרזשע אַרופקומען אַ צענדליק פערד און ער וועט נעמען אָנזאָטלען זיי. גאָר אויף דער שפּיץ באַנק, עס זאָל נאָר הייסן, אַז ער האָט אויך אַן אָרט און ער זיצט אויך, האָט זיך ווי־עס־איז אָנגעהאַנגען דער זון זייַנער, אַ קליין ייִנגל מיט אַזאַ געדיכט קוטשמעלע האָר אויפן קייַלעכיקן קאָפּ, אַז ס׳איז אַ סוואָרע, קיין איין אייַזערן קעמל קאָן די קוטשמע ניט פאַנאַנדערקעמען, אויב ס׳וויל בלייַבן מיט גאַנצע ציינדלעך.

כאַנעלע מיט יאַקאָוון זייַנען געזעסן אינמיטן, צוגעדריקט אין ענגשאַפט איינער צו דעם אַנדערן. כאַנעלען איז געווען גוט, יאַקאָוון איז געווען אי גוט, אי ניט גוט. ס׳איז אים געווען אָנגענעם פון דער נאָענטשאַפט און ווייטעקדיק, וואָס דאָס ליבע מיידל איז ניט פונזייַנעטוועגן, די מאַלקע איז ניט פאַר אַזאַ מיילעך, ווי ער.

די אָזערע איסיק־קול, וואָס איז אין אָנהייב, ווען די שיף איז אָפּגעשווומען פון ברעג, געווען שטיל, רויִק, אַ ווינטל, ווי אויף אַ קאַטאָוועס, האָט געשפּילט איבער דער וואַסער־

אויבערפלאַך און אַרויסגערופן קלײניטשקע בלעזעלעך, אַזעלכע, ווי עס ווערן אין אָפּענער גרויסער שיסל, ווען דאָס וואַסער אין איר נעמט זייער פויל, זייער לאַנגזאַם פאַרזידן אונטער גאָר אַ שוואַכן קאַמצאַנעסדיקן פײַער, — די רויִקע בלויע אָזערע האָט דערנאָך אָנגעהויבן בונטעווען. די שטילע אומשולדיקע בלעזעלעך זײַנען וואָס ווײַטער געוואָרן אַלץ גרעסער, שטאַרקער, אַלץ פילבאַרער האָט זיך גענומען בייגן פון זײַט אויף זײַט די מעגעשעמדיקע שווערע שווים־קיילע מיט איר גאַנצן לעבעדיקן און טויטן פאַרמעגן. די אָזערע איסיק־קול, די דאָזיקע קאַלטע, גלײַכגילטיקע פּרינצעסן, קאָן, ווײַזט זיך אַרויס, נעמען בושעווען און אַרויסציִען די אַצאָמעס, ווען ס׳איז אפילו קיין גרויסער ווינט ניטאָ, עס קאָכן און זידן אירע טיפענישן, זי וויל זיך אַרויספּלעסקען פון דער שיסל, אין וועלכער די נאַטור האָט זי אַף אייביק פאַרקלאַמערט אין דער נאָענט פון גרויזאַמען באַאָמער באַרג־שפּאַלט.

יאַקאָוו לײַדט ניט פון דער יאַם־קרענק, כאַנעלע לײַדט אויך ניט. כאַנעלע האָט געהאַלטן אַ האַרטן, אַזוי ווי אַ שטיינדל, מאָנפּאַנסיע אין מויל און ס׳איז איר געווען ניט שלעכט. מיטאַמאָל האָט זי געגעבן יאַקאָוון אַ לײַכטן שטויס מיטן עלנבויגן.

— קום, — האָט זי געזאָגט צו אים.

דעם באָכער האָט צוערשט אפילו אויסגעדוכט, אַז ער האָט אַ טאָעס, עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז זי רופט אים. נאָר זי האָט נאָכאַמאָל אַ שטויס געטאָן און ווידער איבערגעכאַזערט, שוין מיט אומגעדולד: „קום!“

אָבער דער ראַנד בא דער פּאַלובע, וווּ ס׳איז פרײַער צו עטעמען, איז באַקלעפּט און באַהאַנגען מיט מענטשן. וווּהין נאָך איז דאָ פאַראַן צו גיין? נאָר זי האָט אים שוין גענומען פאַר דער האַנט און אַוועק מיט אים אין דורכגאַנג צווישן די בענק, אַהין, צו יענעם ווינקל, וווּ עטלעכע אײַזערנע טרעפּ פירן אַף אונטן, אין טריום. זיי זײַנען אַראָפּגעשטיגן איבער די זייער שמאָלע אײַזערנע טרעפּ, זי פאָרויס, ער נאָך איר.

אַף דער שיף־דעק איז געווען געראַם, פרײַ, פּוסט. די גרויסע מאַסע ווייץ, וואָס די שיף האָט געבראַכט אין איר פריִערדיקן רייס פון פּרזשעוואַלסק, האָט מען אין ריבאַטשי אויסגעלאָדן, איצט איז דאָ געווען אַן אײַנגעשטאַנענער רייעך פון טרוקענעם ווייצענעם שטויב, צו וועלכן ס׳האָבן זיך צוגעמישט נאָך רייכעס, אָבער שוין ניט אַזעלכע פילבאַרע. אַ רעגלמעסיקע הודזשערײַ האָט זיך געטראָגן פון מאַשינען־אָפּטייל. די הוידעניש איז, דוכט זיך, ניט געווען אַזוי גרויס, ווי אויבן, ס׳האָט ניט אַזוי שטאַרק געוואָרפן אַהין און אַהער.

— דאָ איז בעסער, ווי אין דער געדיכטעניש און שטיקעניש פון אויבן, עמעס? — זי האָט אים ווידער גענומען, ווי אַ קינד פאַר דער האַנט און אַוועקגעפירט אין דער טונקל, ווײַטער, צום עק. — „אָט האָסטו דיר אַ כאַנעלע“, — האָט יאַקאָוו געטראַכט.

נאָך מער, ווי דעם אײַנגעשטאַנענעם, וואַרעמען רייעך פונעם טריום האָט ער געפילט דעם רייעך פון אירע האָר אפן קאָפּ, נאַסע פון די שפּריצן וואַסער, וואָס זײַנען געפאַלן, ווען זי איז פריִער געגאַנגען איבער דער פּאַלובע, דעם רייעך פון איר קאָפּטל, וואָס האָט נאָך געהאַלטן אין זיך די וואַרעמקײַט פון זיצן ענג באַנאַנד אַף דער באַנק, דעם רייעך פונעם וואַרעמען און געזונטן מיידלשן לײַב.

— וווּהין פירסטו, צי ווילסטו מיט מיר עפּעס ניט אָפּטאָן אַ שפּיצל? — האָט יאַקאָוו געלאַכט, האָבנדיק האַנאָע שוין פון דער פראַגע אַליין, פון דעם, וואָס אַזאַ נאַרישע קאַשע איז גאָר מעגלעך צו שטעלן כאַנעלען.

— ביסט דאָך אַ סאָלדאַט, דאַרפסטו פאַר גאָרניט מוירע האָבן, — האָט זי אויך געלאַכט. נאָר איר געלעכטער איז געווען אַ צוגעדעמפּטער, אַ געשטיקטער. אויב אַ געלעכטער קאָן זײַן אַן ערנסטער, איז עס געווען אַן ערנסטער געלעכטער.

בא יאַקאָוון האָט גענומען שווינדלען דער קאָפּ, ס׳האָט אים געדוכט, אַז אפילו דאָס אויסגערונענע אויג אונטערן שוואַרצן בענדל זעט שוין אויך די רייצנדיקע, יעיצערהאָרעדיקע באַשעפעניש, וואָס איז די מינוט גרייט אים, זיך אונטערצוגעבן. ער האָט זי אַרומגענומען און אָנגעהויבן קושן. זי האָט אָבער ווי פון יויִצע־וועגן געענטפערט מיט אַ גיכן און קאַלטן קוש.

— בא באָכערים אין זינען ליגט נאָר קושן זיך, — זי האָט אים לײַכט אַ שטויס אָפּגעטאָן. — צוליב דעם האָב איך דיך טאַקע גערופן? טו בעסער אַ קוק אַף די פּאָליצעס...

יאַקאָוו האָט אין דער טונקלעניש זיך אײַנגעקוקט, געציילט דאָס אויג אַף די אונטערשטע און אויבערשטע ברייטע ברעטער און אַראָפּהענגענדיקע באַלקעס איבער זיי, אָבער ער האָט גאָרניט געזען. עס האָבן נאָר זייער מעטושטעשדיק ווו־ניט־ווו אַרויסגעפינקלט פאַרשטעקטע, אין די שפּאַלטן פאַרבליבענע, פאַרוואַלגערטע קערנדלעך טווע.

— נא דיר אַ ציכל און קלײַב. איך האָב אויך אַ זעקעלע. מע האָט מיר געזאָגט, אַז נאָך

יעדן רייס, וואָס די באַרזשע מאַכט פון פּרזשעוואַלסק קיין ריבאַטשי, קאָן מען צוזאַמענקלײַבן א פּוד ווייץ, ס׳וואַלגערט זיך גאָלד אונטער די פיס. וועסט פאָרן ווייץ קויפן א פּאָר נײַע הויזן...

אַזוי האָט צו אים געשעפּטשעט דאָס מיידל, און יאַקאָוו האָט געפילט, אַז דאָס גאַנצע פּאָנעם איז בא אים געוואָרן רויט, דאָס בלוט איז צוגעפלאָסן צו די באַקן, עס איז אים געוואָרן א בושע, וואָס זי לייגט אים פאָר אַזאַ שטיקל אַרבעט, און ס׳איז ביכלאל א האָזע — זי זאָרגט וועגן זײַן קליידונג, וועגן זײַנע הויזן. אָקאָרשט האָבן זיי זיך באַקאַנט, און ס׳קי־מערט איר שוין זײַן הוילעך. אַבי ער, דער גלאָמפּ, איז שוין געקראָכן זיך האַלדזן מיט איר.

— איר זײַט זייער א פּראַקטישע, כאַנע, — דערמיט, וואָס ער האָט זי אָנגערופן כאַנע און ניט כאַנעלע און ניט „דו״, נאָר „איר״ — האָט ער בעדייע געהאַט געבן אָנצוהערן, אַז ער איז נאָך ניט אינגאַנצן קאָרעוו מיט איר. — ס׳איז ניט פײַן, עס פּאַסט גאָרניט...

— און אַז די מײַז וועלן אופעסן, וועט זײַן בעסער? — זי האָט אים פונדעסטוועגן נאָך אַלץ געשטופּט דאָס ציכל אין די הענט. — וואָס האָט איר מוירע? ס׳איז דען גנייווע? עס איז דאָך קיינעמס ניט, עס איז העפקער.

— וואָס הייסט העפקער? — האָט יאַקאָוו ניט געקאָנט פאַרשטיין. — מע דאַרף זאָגן דעם קאַפּיטאַן.

— נו, איז גייט און זאָגט! — איז זי געוואָרן אין קאַס. זי האָט זיך אָנגעבויגן צום דעק, אונטער די פיס האָבן א טרישטשע געטאָן עטלעכע קערנדלעך, זי האָט זיי אופגעהויבן, די קערנדלעך, ארײַנגעוואָרפן אין ציכל, ווידער א שאַר געטאָן מיט די פינגער איבערן דיל, דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו א פּאָליצע בא דער מעשופּעדיק־אַראָפּהענגענדיקער וואַנט און גענומען פון די קלייניטשקע כאָלעלן און שפּאַלטן אַרויסשאַרן די ווייצעלעך, וואָס האָבן זיך דאָרטן פאַרשטופּט. יאַקאָוו איז געשטאַנען הינטער איר און געהערט, ווי עס שורשען די ווייצעלעך אין אירע הענט, ער האָט אומקלאָר געזען די דינע שנירעלעך שטויב, וואָס האָבן בא איר פון אונטער די הענט זיך געצויגן אַרוף־צו.

— הער זיך אוף נאַריש מאַכן, — ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און אַרופגעלייגט די הענט זײַנע אַף אירע הענט, ניט לאָזנדיק זיי אַרבעטן. — איך זאָג צו...

— וואָס זאָגסטו מיר צו? — זי האָט האַסטיק אויסגעדרייט דעם פּאָנעם צו אים. — וואָס קאָנסטו מיר צוזאָגן? אין פּרזשעוואַלסק וועל איך אָפּן מאַרק אויסבײַטן דעם ווייץ אַף א ניי־מאַשינקע. נו, איז העלף זשע! באַלד וועלן אָנפליִען אַנדערע, און מיר וועלן בלײַבן בא גאָרניט.

עפּשער טאַקע העלפן, — האָט יאַקאָוו א טראַכט געטאָן. — וואָס איז דאָ אַזוי דער פאַר־ברעכן און די שאַנד? מע וועט נאָך עפּשער זאָגן א דאַנק, וואָס מע האָט אופגעראַמט, געמאַכט ריין, עס זאָלן זיך ניט פלאָדיען די מײַז. כאַנעלעס אײַנפאַל, איר „אונטערנעמונג״ האָט זיך אים שוין ניט אויסגעוויזן צו זײַן אַזוי אומגעלומפּערט און אומדערלאָזבאַר.

א ווײַלע איז ער געשטאַנען אומבאַוועגלעך הינטער כאַנעלעס רוקן, ער האָט זיך גע־קווענקלט, ער האָט שוין אויך געוואָלט נעמען שאַרן מיט די פינגער איבער דער פּאָליצע, נאָר אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָט ער פונהינטן מיט איין האַנט אַרומגעכאַפּט כאַנעלען, צוגעדריקט זי צו זיך און מיט דער צווייטער האַנט אַרויסגעריסן בא איר דאָס ציכל, אויס־געדרייט עס מיט דער אָפענער זײַט אַף אונטן און אויסגעשאָטן דאָס ביסל טווע, וואָס זי האָט באַוויזן צוזאַמענקלײַבן.

— מאַך זיך ניט נאַריש! אַז איך זאָג ניט — איז ניט!

איצט האָט ער זי שוין געהאַלטן פאַרקלאַמערט ניט מיט איין האַנט, נאָר מיטביידע הענט, און כאַנעלע האָט געפילט זייער פעסטקײַט. זי האָט אַף אים געקוקט אָן איבעראַשטע, א פאַרכידעשטע. די אופגעבראַכטע, צאָרנדיקע ווערטער, וועלכע זי האָט געוואָלט און גע־דאַרפט אים זאָגן, אַז „ווי־אַזוי וואַגט ער, ווער איז ער פאַר איר?״ זײַנען געבליבן שטעקן בא איר אין האַלדז און דער גאַנצער גרימצאָרן אירער איז אויסגערונען.

— כ׳האָב גאָרניט געמיינט, אַז דו ביסט אַזאַ, — האָט זי נאָר אַרויסגעמורמלט, פילנדיק צוזאַמען מיט איר פאַרדראָס אויך עפּעס א שטיקל האַנאָע, א פריידן, וואָס ער איז דאַפקע „אַזאַ״ און ניט קיין אַנדערער.

דאָס דאָרף, ווו יאַקאָוו און כאַנע זײַנען אַראָפּגעקומען, געפינט זיך אין צאָפנדיקן ווינקל פון דער איסיק־קוליער געגנט. עס איז א האַלב־אוקראַיִניש, האַלב־קירגיזיש דאָרף. די קיר־גיזן לעבן דאָ אַף זייער ערד פון קאַדמוינים אָן, די אוקראַיִנער זײַנען געוואָרן היגע טוישווים פאַרהעלטנסמעסיק ניט אַזוי לאַנג, ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, און אַז מע זעט

די ווײַס־געקאַלכטע כאַטעס מיט די זאַוואַלינקעס, מיט די געשניצטע קאַרניזן בא די פענצטער, מיט די „האַנקעס" אױף די דעכער, דוכט זיך אױס, אַז די באַלעבאַטים האָבן די כאַטעס זײערע אַקאָרשט אַריבערגעפירט פון אַ פּאַלטאַוװער, פון אַ זשיטאָמירער, צי פון ערגעץ אַן אַנדערער אוקראַיִנישער געגנט און, ניט געענדערט אױף אַ האָר, אַוועקגעשטעלט זײ אָט־דאָ, לעבן די קופּאָלאַרטיקע יורטעס, בא די אָריקן און באַם שױמענדיקן און רױשנדיקן באַרג־טײַכל, אין דער ווײַטער קירגיזיע.

צווײ װעגענער — יעדן װאָגן האָבן געשלעפּט אַ פּאָר נידעריקע, קרעפּקע קירגיזישע פערד, — זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין דאָרף און אױפגעהױבן אַ מעהומע צווישן די אױפּעס, װעלכע האָבן שפּאַצירט אױפן טראַקט. די װעגענער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן דאָרף לעבן דער געבײַדע פון דאָרפסראַט. אין דער זעלבער געבײַדע האָט זיך אױך געפונען די פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט. איבער די סקריפּענדיקע צווײ־טרעפּלעך פונעם גאַנעק — דאָס דריטע, מיטלסטע, איז געווען אײַנגעבראָכן און מע האָט עס געדאַרפט אַריבערשפּאַנען, — האָט זיך אַ שאָט געטאָן דער אַראָפּגעקומענער נײַער אוילעם — דרײַ פּאַרוואונדעטע אױפן פראָנט רױטאַרמײער, װאָס זײַנען נאָך דער הײלונג אין שפּיטאָל געשיקט געוואָרן אַהער, אין קאָל־ווירט אונטערקרעפטיקן דאָס געזונט, אױף „פּאַפּראַוקע" האָט עס געהײסן. צווישן די דרײַ איז אױך געווען יאַקאָוו זילבער, און עלף נעפּאַשעס עוואַקוירטע, — פאַמיליען־מענטשן מיט קינדער און יעכידים. די פּעקלעך, די בינטלעך זײַנען דערווײַל געבליבן ליגן אױף די װעגענער.

צווײ פּאַרזיצערס — דער פּאַרזיצער פון קאָלווירט און דער פּאַרזיצער פון דאָרפסראַט האָבן צוזאַמען מיט זײער בעשוטפעסדיקן סעקרעטאַר — אַ פּאַרוואונדעטן רױטאַרמײער, װאָס איז געקומען אַהער אױף „פּאַפּראַוקע" מיט צווײ װאָכן פריִער און איז שױן געווען דאָ באַקאַנט מיט אַלץ און מיט אַלעמען, זײַנען געזעסן באַם טיש, װאָס איז גלײַך באַלאַגערט געוואָרן דורך די געסט, און יעדן פון די אַראָפּגעקומענע באַקוקט, אַ ביסל אױסגעפרעגט, דערנאָך באַשלאָסן װעמען, װוּהין אײַנאָרדענען אױף קוואַרטיר. אײניקע דאָרף זײַנען געווען גענוג באַ־לאַנים אױף אַרײַנצונעמען צו זיך אין שטוב אַ קוואַרטיראַנט, ביפראַט אַ פּאַרוואונדעטן רױטאַר־מײער, אָדער אַ מענטשן, װאָס האָט אַ גוטן פאַך אין דער האַנט.

די אײדעלע, שטאַרק מידע פון װעג יעווע לאַזאַרעוונע באַרנבױם האָט גלײַך דערפילט, אַז זי איז דאָ אַ גרױסע מעיוכעסעס.

בא די בײדע פּאַרזיצערס — פון קאָלווירט און פון דאָרפסראַט האָבן זיך צעפינקלט די אױגן, װען זײ האָבן דערהערט, אַז זי איז אַ צײן־דאָקטערשע. די קאָלווירטניקעס װעלן ניט דאַרפן זיך שלעפּן מיט אַ קראַנקן צאָן אין דער אַמבולאַטאָריע אין װאָזנעסענאָווקע — צוואַנ־ציק קילאָמעטער פון דאָרף.

— איר האָט, עפּשער, אינסטרומענטן אױך געבראַכט מיט זיך? — האָט געפרעגט בא איר דער פּאַרזיצער פונעם דאָרפסראַט.

— די באָר־מאַשין און די קרעסלע האָב איך געמוזט איבערלאָזן, אָבער קלײניקײטן, אַ צווענגל, אַ שפּריצער און דאָס גלײַכן האָב איך פאַרכאַפּט מיט זיך, — יעווע לאַזאַרעוונע האָט אױפגעהױבן די האַנט אַ ביסל אײנדרעהײך און אין אַ זײַט, פּונקט װי זי װאָלט שױן געוואָלט עמעצן בעטן, מע זאָל עפענען ברײטער דאָס מױל, זי זאָל קאָנען װײַזן די מעלאָכע.

אױסגענומען, גלײַך פונעם ערשטן בליק, האָט אױך כאַנעלע, װאָס האָט זיך אָנגערופן אַנזשעליקע. יונג און געזונט, און שײן. װען מע האָט זיך דערוווּסט פון איר, אַז זי האָט פאַרענדיקט נײַ־קורסן, האָט דער פּאַרזיצער פון קאָלווירט אונטערגעהױבן זיך פון זײַן בענקל און כאַנעלען אָנגעוויזן דורכן פענצטער אױף דער שטוב אַנטקעגנאיבער דער גאַס.

— אָט דאָ לעב איך, — האָט ער געזאָגט. — װעסט אַרײַנגײן צו ניורען — ניורע איז מײַן װײַב, און װעסט איר זאָגן, אַז איך האָב דיר געשיקט פאַר אַ קוואַרטיראַנטקע.

כאַנעלע איז רױט געוואָרן פון פאַרלעגנהײַט און פון פאַרגעניגן. זי װעט װױנען, װי אַ מאַלקע, באַם ערשטן מענטשן פון דאָרף, באַם פּאַרזיצער! אפילו די צײן־דאָקטערשע האָט אַ קוק געטאָן אױף איר מיט קינע. פאַרװאָס קומט אַ יונג מײדל אַזאַ קאָוועד?

זײער גערן, מיט געפּיל און פאַרשטאַנד, האָבן דרײַ קאָלווירטניצעס פונעם דאָרף, װען מע האָט זײ אַרױסגערופן און געפרעגט, צי זײ װעלן קענען צו זיך אין שטוב נעמען פּאַר־וואונדעטע רױטאַרמײער, געענטפערט, אַז יאָ, זײ װעלן נעמען, דערבײַ האָבן זײ געווישט מיט אַ ברעג פונעם קאָפּ־טיכל די אױגן. בא אַלע דרײַ פרױען זײַנען די זין געווען אױפן פראָנט.

שווערלעך איז געווען אײַנצואָרדענען אױף קוואַרטיר דאָס אַלטע פּאָרפאָלק, מענדל און גיטע באַרגמאַן, װאָס זײַנען אױף דער שיף געזעסן לעבן כאַנעלען און יאַקאָוון. דער אַלטער האָט אױסגעזען זײער אָפּגעשוואַכט, אַ כאַלוש. מע װאָלט אים גאָר געדאַרפט אַוועקלײגן אין אַ שפּיטאָל, ער האָט די גאַנצע צײַט געדרעמלט, און דאָס װײַב זײַנס האָט אים געטאָרקעט.

— האָב ראַכמאָנעס, מענדל, — האָט זי אים געשטורכעט — דרעמל ניט, שלאָף ניט. מע וועט אונדז געבן באַלד א קוואַרטיר, וועסטו זיך צולייגן...

מענדל, ווען ער האָט געהאַלטן אָפן די אויגן, האָט געהאַט צום ווײַב נאָר איין טײַנע.

— ווער האָט דיך געבעטן מיך שלעפּן אַהער? אין פּרונזע וואָלט איך ניט געקאָנט שטאַרבן? איך וויל קיינעם ניט זײַן צו לאַסט... אַדאָם יעסוידוי מיאָפאָר וועסױפוי לעאָפאָר...

— ער פילט זיך אָפּגעשוואַכט פון וועג, אַזוי איז ער נאָך גאָר נישקאָשע, — האָט דאָס ווײַב געפּרוּווט צעשטרייען דעם אײַנדרוק וועגן איר מענדלען. — ער דאַרף זיך אָפּרוען. קיין סאַך באַדאַרפן מיר ניט, נאָר א צימערל, א קליין צימערל און א בעטל אַף צולייגן דעם קאָפּ. באַדינען קאָנען מיר זיך אַליין. די הענט, האַלעוואַי ווײַטער, אַרבעטן נאָך. — זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט איבערן טיש, זיי האָבן אויסגעזען, אַזוי ווי אָפּגעבערענטע פליגל, וועלכע זײַנען נאָך, פונדעסטוועגן, בעקויעך א פלי טאָן, זאָל זײַן ניט הויך, נאָר נידעריק, אָבער פליִען א ביסל קענען זיי נאָך.

עס האָט ניט געדויערט קיין צײַט און אין פאַרשיידענע שטיבער אַף דער איינציקער גאַס פונעם דאָרף איז געוואָרן לעבעדיקער, — עס זײַנען צוגעקומען קוואַרטיראַנטן.

שפּעט באַנאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין א פענצטער פון דער כאַטע, ווו עס האָט געקראָגן „קוואַרטיר” יאַקאָוו זילבער. די באַלעבאָסטע פון דער כאַטע, מאַרפּע הלושאַק, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער פאַרטקע און א היפשע ווײַלע זיך אײַנגעקוקט אין דער פרוי, וואָס איז געשטאַנען הינטערן פענצטער.

— אַנטשולדיקט, כ׳האָב געמיינט, אַז בא אײַך שלאָפט מען נאָך ניט, — די פרוי האָט געמאַכט א טראָט אַף אָוועקצוגיין, האַבנדיק שוין, קענטיק, כאַראָטע, וואָס זי האָט אָנגעקלאַפּט.

— דו ביסט פון די נײַ־געקומענע? — בא דער אַלטער מאַרפּע הלושאַק איז דער שלאָף שוין אָוועק פון די אויגן, און זי האָט גאָרניט אַזוי גיך געוואָלט אָפּלאָזן דעם שפּעטן גאַסט.

עס איז עפּשער ניטאָ אין דאָרף נאָך אַזאַ איינע, וואָס זאָל, ווי מאַרפּע, זײַן זשעדנע דורכצורײדן זיך מיט א מענטשן. א גאַנצן טאָג איז זי איינע אַליין אַף דער אויפעס־פערמע און זי האָט צו טאָן נאָר מיט די הינער. זי רעדט מיט זיי, מוסערט זיי, זידלט זיי, טײַנעט מיט זיי, האַלעמײַ זיי פאָלגן ניט, שפּרינגען ווו זיי ווילט זיך, לייגן ניט די אייער, ווו מע דאַרף. מאַרפּעס מאַן, טימאָפיי, איז ביכלאַל א גרויסער שווײַגער, כוץ דעם איז ער זייער ווינציק צײַט אין דער היים, ווײַל ווען זי קומט פון דער אויפעס־פערמע, גייט ער אַהין אָוועק, ער איז דאָרטן דער נאַכט־וועכטער.

דערפאַר האָט הײַנט מאַרפּע שוין גוט זיך אָנגערעדט מיט איר נײַעם טוישעוו. דער באָכער איז איר געפעלן געוואָרן. ער האָט געבראַכט וואַסער פון אַריק, אָנגעהאַקט האָלץ און זייער גערן געהערט אַלץ, וואָס זי האָט אים דערציילט. זיי האָבן גערעדט דעם גאַנצן אָוונט, ער האָט גערעדט בעקיצער און זי — בעאַריכעס. איצט איז מאַרפּע פול געווען מיט ווײַבערשן נײַגער. אויב א מיידל קלאַפּט האַלבע נאַכט אין פענצטער צו א באָכער, איז א סימען, אַז עפּעס איז פאַראַן צווישן זיי. אָבער ווי׳אַזוי דערוויסט מען זיך וועגן דעם א ביסל גענויער?

— איר זײַט געקומען הײַנט צוזאַמען, אַף איין פור? — האָט מאַרפּע געפּרוּווט אַרײַנטרעטן אין א שמועס, אָבער יענע האָט גאָר קורץ און ניט גערן געענטפערט מיט א ברומקע:

— יאָ, אַף איין פורל...

— אָט שוין וועל איך א קוק טאָן, צי ער שלאָפט, — האָט מאַרפּע געזאָגט.

— מע דאַרף ניט. איך גיי אָוועק. דאָס האָב איך פּאָשעט אַזוי, ניט באַטראַכטערהייט אָנגעקלאַפּט...

אָבער מאַרפּע איז שוין אַרײַן צו יאַקאָוון אין קליין צימערל, וואָס זי האָט אים אָפּגעגעבן אין זײַן רעשוס. דער באָכער איז ניט געשלאָפן. זײַן לעבעדיק אויג האָט צו איר א פינקל געטאָן אינדערפינצטער.

— עס רופט דיך א באַרישניע — האָט מאַרפּע אים אָנגעזאָגט מיט א שטילן געלעכטער. — אַזוי גיך האָט זי באַוויזן צו פאַרליבן זיך אין דיר, צי איר קענט זיך שוין פון פריִער?

— וואָס פאַר א באַרישניע?

— כ׳ווייס? דו ווייסט מיסטאָמע בעסער פון מיר. — זי איז אַרויס פונעם אַלקער, קעדיי געבן א מעגלעכקײַט יאַקאָוון זיך אָנצוטאָן.

„צי דען איז עס כאַנעלע?” — האָט יאַקאָוו געטראַכט מיט פאַרוווּנדערונג און אויך מיט פרייד. ער האָט געגעבן א קוק אין פענצטער, אָבער קיינעם ניט געזען. ער איז אַרויס אין

הויף. דער הונט, וואָס מע רופֿט אים שאַריק, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט אַ בייזער ריטשערײַ. יאַקאָוו האָט אים אַ גלעט געטאָן דאָס פּעלכל באַם האַלדז. „דערקענסט מיך ניט, שאַריק? — האָט ער געפֿרעגט בײַ אים״. — מיר האָבן דאָך מיט דיר הײַנט באַטאָג זיך באַקאַנט״. און שאַריק האָט זיך דערמאָנט, אַז טאַקע אַזוי, ער איז באַקאַנט מיט אים. ער האָט ווידער אַ ריטשע געטאָן אָבער שוין אָן בייזקײַט, פֿאַרקערט, אַ לאַשטשע זיך געטאָן און אַפֿילע אַ לעק געטאָן די פֿאַלע פֿונעם שינעל, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט אַזאַ שוואַכן זיקאָרן און דערקענט ניט אָן אייגענעם מענטשן.

דערהערט, ווי ס׳האָט זיך אויפֿגעעפֿנט די קאַליטקע און מע איז אַרויס פֿון הויף, האָט כאַנעלע, וואָס האָט שוין באַוויזן אָפּצוגיין פֿון טויער עטלעכע שפּאַן, אומגעקערט זיך אויף צוריק. דעם קלייניטשקן מעהאַלעך, וואָס האָט זי אָפּגעטיילט פֿון יאַקאָוון, האָט זי דורכגע־מאַכט אימפּעטדיק, קימאַט לויפֿנדיק, ווי ער וואָלט געווען איר נאָענטסטער מענטש אויף דער וועלט, וועלכן זי האָט ווער ווייסט וויפֿל צײַט ניט געזען.

— כאַנעלע, — האָט יאַקאָוו, אַ באַוועגטער פֿון אַ וואַרעמען געפֿיל, אַרומגענומען זי און אַ צי געטאָן צו זיך. — ס׳האָט עפּעס געטראָפֿן?

— ס׳האָט גאָרניט געטראָפֿן. ס׳איז מיר פּשוט געוואָרן זייער אומעטיק. אין שטוב בײַ מיר איז הייס, דושנע, אַ שטיקעניש. אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ. כ׳האָב געמיינט, אַז ווינען באַם פּאַרזיצער איז אַ גליק. נאָר בײַ אים איז אַזאַ ענגשאַפֿט, עפּשער אַ טוץ קינדער. און ער איז דאָך אַ קאַפּצן אין זיבן פּאָלעס. אוואַדע, דער ערעמסטער אין דאָרף. און ביכלאַל, לאָזט זיך אויס, אַ קוניִלעמל.

— אַזוי גיך, כאַנעלע, האָסטו אַלץ זיך דערוווּסט וועגן פּאַרזיצער? — האָט יאַקאָוו געשמייכלט.

— וואָס דאַרף מען זיך דערוויסן, אַז מע זעט. נו, און ווי איז בײַ דיר? בײַ דיר איז גוט?

— בײַ מיר איז גוט. איך האָב אַ באַזונדערן צימער, און די באַלעבאָסטע איז אַ טײַערער מענטש.

— אַלע זײַנען בײַ דיר טײַערע...

— זי האָט מיר אַלץ דערציילט וועגן זיך... כ׳וועל אומבאַדינגט אַמאָלן איר פּאָרטרעט.

— קיין שענערע פּרויען צו מאָלן וועסטו שוין ניט געפֿינען?

— כ׳פֿאַרשטיי דיך ניט, כאַנעלע. דו ביסט דאָך אַ קלוג מיידל.

— אַ דאַנק פֿאַרן קאָמפּלימענט.

— וואָס הייסט „פֿאַרן קאָמפּלימענט״? שלוימע האַמעלעך האָט צווישן טויזנט פֿרויען ניט געפֿונען אַפֿילע איינע אַ קלוגע. און איך האָב געפֿונען.

— זאָג איך דאָך — אַ דאַנק.

זיי זײַנען דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ דעם קאָלווירטישן פּלאַץ, ווו די פֿאַרווונדעטע רויטאַר־מייער און די עוואַקויִרטע האָבן הײַנט געקראָגן אין דער קלאַדאָווע אויף אַ כוידעש מעל, קאַרטאָפֿל און אַ ביסל האָניק. יאַקאָוו האָט אוועקגעטראָגן אויף זײַן קוואַרטיר אַ זעקל בולבע, אַ האַלב זעקל מעל און אַ טעפּל האָניק. כאַנע האָט געקראָגן די זעלבע פּראָדוקטן, נאָר ווינציקער.

— וויפֿל קילאָ מעל האָסטו באַקומען? — האָט כאַנעלע אַ פֿרעג געטאָן.

— 16 קילאָ — האָט יאַקאָוו געענטפֿערט.

— מיר האָט מען געגעבן צוועלף.

— און וויפֿל האָניק, וויפֿל בולבע? — האָט כאַנעלע ווײַטער זיך נאָכגעפֿרעגט.

— נו, הער שוין אויף וועגן דעם. — יאַקאָוו האָט זיך צעלאַכט. עס האָט געקאָנט מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז זי האָט אים אויפֿגעהויבן פֿון שלאָף און אוועק מיט אים שפּאַצירן באַנאַכט, קעדיי צו דערוויסן זיך, וויפֿל קילאָ בולבע ער האָט געקראָגן. אַפֿילע די באַלעבאָסטע זײַנע, מאַרפֿע, ווען ער האָט אַרײַנגעטראָגן דאָס ביסל פֿאַרמעגן אין שטוב, האָט ניט אויסגעפֿרעגט וועגן דער וואָג, ווי עס פֿרעגט אויס וועגן דעם דאָס מיידל.

— עס וווּנדערט דיך, — האָט כאַנעלע געזאָגט, — וואָס איך בין אַזאַ פּראַקטיש. פֿאַר דער מילכאָמע בין איך אַזוי ניט געווען. קילאָגראַמען און פֿונטן האָבן מיך זייער ווייניק אינטערעסירט. נאָר כ׳האָב שוין געזען דעם הונגער אין די אויגן. לויפֿנדיק פֿון דער ברער־בענדיקער ליטע, האָב איך געזען הענט, וואָס ציִען זיך נאָך אַ פֿענעצל ברויט, מײַן אייגענע האַנט האָט אויך זיך געצויגן, און כ׳האָב געזען, ווי׳אַזוי פֿאַרשמאַכטע מענטשן פֿאַלן אויפֿן וועג. כ׳האָב שוין געפֿילט דעם טאַם פֿון הונגער.

אויפֿן גאַנעק פֿון דער קאָלווירט־פּאַרוואַלטונג זײַנען געזעסן מיידלעך מיט צוויי רויטאַר־מייער, וואָס זײַנען הײַנט צוזאַמען מיט יאַקאָוון אַראָפּגעקומען אין דאָרף. איין סאָלדאַט איז

געזעסן אף איין באַנק אין א מיידלשן „מאַליניק", און דער צווייטער — אף דער אַנטקעגנ־דיקער באַנק אויך אין אַזאַ זיסער און וואַרעמער מעסיבע. א דאָרפישער כעוורעמאַן איז געזעסן אפֿן אונטערשטן טרעפּל און געפּעכערט זײַן האַרמאָשקע, ער האָט געשפּילט, און די באָכערים מיט די מיידלעך האָבן געזונגען:

На позицию девушка
Провожала бойца...

כאַנעלע האָט אונטערגעכאַפּט דעם מאָטיוו און אויך געגומען זינגען. א שטים איז געוועזן בא איר א שוואַכע, נאָר אַן אַנגענעמע, מיט א זיסלעך־טרויעריקער באַפֿאַרבונג פון די טענער, וועלכע זײַנען שטיל, אײַנגעהאַלטן אַרויסגעשוועמען פונעם מויל. די ליד גופא איז ניט געווען קיין פריילעכע, נאָר עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס זינגען אפילע די פריילעכסטע ליד און דאָך פּלעכטן זיי אַרײַן אינעם מאָטיוו, אין דער מעלאָדיע א ביסל טרויער. א סוואַרע, אַז כאַנעלע האָט אויך געהערט צום דאָזיקן מין זינגער.

— זינגסט זייער וויל, עס נעמט באַם האַרצן, — האָט יאַקאָוו זי געלויבט.

— קיין אַרטיסטקע קלײַב איך זיך ניט צו ווערן...

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אף צוויי שטיינער באַם טייכל, וואָס האָט אַראָפּגעפּליצט פון א ניט־הויכן באַרג־שפּאַלט. כאַנעלע האָט אַרײַנגענומען דעם קאָפּ אין די אַקסל, און דאָס פּאָנעם האָט זי אײַנגעגוירעט אין איר קאַפּטל.

— ס'איז דיר קאַלט? — ער האָט נעענטער זיך צוגערוקט צו איר, אַרומגענומען זי.

— כ'האָב געמיינט, אַז דאָ איז שטענדיק הייס. עס איז מיטל־אַזיע, — האָט זי געזאָגט.

— מיטל־אַזיע איז גרויס, און דו זעסט, כאַנעלע, די בערג פונדערוויַטנס. זייערע שפּיצן זײַנען אייביק באַדעקט מיט שניי.

כאַנע האָט אופגעהויבן די אויגן אַרויף־צו, — זען דעם שניי אף די שפּיץ בערג, נאָר שניי האָט מען ניט געזען. עס האָט אין דער הייך געשוואַרצט עפּעס א הליבע, אַזוי ווי א ריזיקער ברוכשטיק, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן גופא פון הימל און א פאַרגליווערטער געבליבן הענגען אינדערלופטן.

— מיר זײַנען פאַרוואָרפן געוואָרן עק וועלט — האָט כאַנעלע געמורמלט. — אַזאַ פאַרוואָרפן דאָרף. אפילע ניט קיין דאָרף, א דערפל. ווי דערלעבט מען שוין די צײַט, ווען מיר וועלן קענען אוועקפאָרן פונדאַנען אהיים? די אוקראַיִנישע פעיערים און די קירגיזן, וואָס לעבן דאָ, וועלן אונדז פאַרגעסן און מיר וועלן פאַרגעסן זיי. צופעליק זיך געטראָפן, צופעליק אָפּגעשטעלט זיך, אַזוי ווי אין אַן אײַנפאָר־הויז באַם וועג.

— איך טראַכט אַנדערש, — האָט יאַקאָוו זיך אָפּגערופן. — אומעטום, ווו איך נעכטיק איבער א נאַכט, ווויל איך, אַז מע זאָל מיך דאָרטן דערנאָך דערמאָנען צום גוטן. כ'וויל איבערלאָזן א גוטן שפּור, א גוטן געפיל. עמעצן געזאָגט א גוט וואָרט, איבערגעלאָזט נאָך זיך א צוגעראַמט ווינקל.

— דו ווילסט, אַז מע זאָל זאָגן — אָט איז געווען א גוטער, א ציכטיקער ייִד?

— פאַרוואָס נאָר ייִד? ייִד אויך, נאָר פריער פון אַלץ — א מענטש. בא מײַן באַלעבאָסטע האָב איך נאָך ניט איבערגענעכטיקט אפילע איין נאַכט, נאָר כ'פֿיל זיך שוין א ביסל אין דער היים. כ'האָב א היימיש ווינקל. ווייסטו, כאַנעלע, ווען בא מיר אפֿן פּראָנט איז געווען דער עמעסער אָפּרו? ווען מיר פֿלעגן אַרײַן אין א שטוב, אין א כאַטע. כ'האָב געקוקט אף די פאָטאָגראַפיעס אף די ווענט. כ'בין אַזוי ווי א קאַץ. כ'האָב ליב שטוביקע ווינקלען.

— אויך מיר א מאַנצבל. „אַזוי ווי א קאַץ" — כאַנעלע האָט זיך צעלאַכט.

— די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, — האָט יאַקאָוו געזאָגט ווײַטער — מיר וועלן זיך אומקערן אהיים... עס שרעקט מיך נאָר די ערשטע מינוט, די ערשטע רעגע פון מײַן באַגעגעניש מיט פרײַנט, מיט באַקאַנטע... אויב כ'וועל נאָר אין יענער ערשטער רעגע באַמערקן בא זיי אַן אויסדרוק פון מיטלייד, פון ראַכמאָנעס, וועט זיך בא מיר אַלץ איבערקערן אין דער נעשאָמע.

— נו, און איך? — האָט כאַנעלע געפרעגט. — ס'איז דיר אַלצייגס, ווי־אַזוי איך קוק אף דיר? די פראַגע איז געווען אַזאַ אומגעריכטע, אַז יאַקאָוו האָט זיך פאַרלוירן און ניט געוווסט, וואָס צו ענטפערן.

— כ'וועל דיר זאָגן דעם עמעס — האָט כאַנעלע פאַרגעזעצט, ווי א מענטש, זייער אַן אייגענער, א נאָענטער, און דערפאַר מעג זי זיך ניט באַגרענעצן שטאַרק אין איר רייד און ניט איבערקלײַבן די ווערטער, וואָס זי ברענגט אַרויס. — כ'וועל דיר זאָגן דעם עמעס —

פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב דיך דערזען, האָב איך געקראָגן אַף דיר ראַכמאָנעס...
עס איז דען א שלעכט געפיל — ראַכמאָנעס?

א ווײַלע איז שטיל געווען. עס האָט נאָר געראַשט בא די פיס דאָס בארג־טײַכל, און פאַרטויבט האָט זיך דערטראָגן אַהער דאָס געלעכטער פון די מיידלעך, וועלכע זיצן אפן גאַנעק פון דער קאָלווירט־פּאַרוואַלטונג.

— ראַכמאָנעס איז א גוט געפיל — האָט יאַקאָוו נאָכן שטילשווײַגן געענטפערט. — ס'איז מיסטאָמע איינער פון די בעסטע מענטשלעכע געפילן. מיטלייד, ראַכמאָנעס צו א מענטש, צו א כײַע. אָבער ס'ווענדט זיך ווי און צו וועמען. כ'דאַרף ניט און וויל ניט, אז מע זאָל האָבן אַף מיר ראַכמאָנעס. כ'בין ניט קיין זאַקן און ניט קיין קינד.

— זע נאָר, האָסט זיך טאַקע באַליידיקט, אויב אַזוי ביסטו אפּדערעמעסן א קינד, — כאַנעלע האָט אַנגעבויגן איר אַקסל און זיך צוגעטוליעט צו יאַקאָווס פּלייצע. — יאָ, ראַכמאָנעס, ניט ראַכמאָנעס. איך האָף אומצוקערן זיך אַהיים, דו האָפסט אומצוקערן זיך אַהיים, ביידע האָפן מיר צו טרעפן אונדזערע אייגענע, נאָר צי וועלן מיר טאַקע טרעפן?.. נו, וואָס זיצסטו אַזוי?.. ס'איז מיר קאַלט... און... און דו ווייסט, איך האָב זיך שוין צוגעוווינט צו דיר...

— איך אויך, כאַנעלע. — ער האָט זי געגעבן א קוש, ווי מע קושט א קינד, אין באַק, דערנאָך איז ער צוגעפאַלן צו אירע ליפּן. זי האָט די ליפּן ניט אַוועקגענומען, נאָר די קושן ניט געענטפערט.

— האָסט דען מיך האָלט? — האָט זי געשעפּטשעט. — ביסט פּאַשעט זשעדנע אין א קוש. וועסט זיך באַקאַנען מיט א דאָרפיש מיידל, וועסטו קושן זי.

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי? — האָט יאַקאָוו אויך אַזוי שטיל, קוים צו הערן, געדעדט צו איר. — ביסט מיר זייער צום האַרצן...

— כ'פּיל דאָך, און דו האָסט אליין געזאָגט — כ'בין א פּראַקטישע. מע האָט האָלט פּראַקטישע ווײַבער, אָבער ניט פּראַקטישע מיידלעך.

— דו געפעלסט מיר, כאַנעלע, אַזאַ ווי דו ביסט... נאָר איין זאַך וועל איך דיך בעטן, האָב אַף מיר ניט קיין ראַכמאָנעס.

— גוט, זאָל זײַן אָן ראַכמאָנעס, — איז זי מאַסקים געווען און שטיל געלאַכט צו זיך אליין.

יעדן אָוונט האָט מען געזען יאַקאָוון און כאַנעלען שפּאַצירן איבערן דאָרף. איז פאַר קיינעם ניט געווען קיין כידעש, ווען אין איינעם א טאָג איז דאָס פּאָרל אַרײַנגעקומען אין דאָרפסראַט און זיי האָבן זיך „פאַרשריבן". דער פּאָרזיצער פון ראַט, דער סעקרעטאַר און אויך די אָופּראַמערן, וואָס איז געווען דערבײַ האָבן דעם יונגן פּאָרפּאָלק געדריקט די הענט און געווונטשן אַלדאָס גוטס. כאַנעלע האָט זיך אַריבערגעקליבן צו יאַקאָוון אינעם צימערל, וואָס די באַלעבאָסטע זײַנע, מאַרפע הלושאַק, האָט אים נאָך פּריִער אָפּגעגעבן און שוין גלײַך אַף מאָרגן, נאָך דער שטילער כאַסענע, האָט דאָרטן גענומען קלאַפּן די ניי־מאַשינקע, וואָס כאַנעלע האָט באַוויזן אײַנצושאַפן. דאָס צימערל איז געוואָרן א ניי־וואַרשטאַט. דער אוילעם האָט זיך געניייטיקט אין כאַנעלעס מעלאָכע, זי האָט אַרויסבאַוויזן גרויסע קונסט אין איבערנייען, מאַכן פון אַן אַלטער קלייד צוויי קימאַט נײַע קליידלעך, אויסמאַרקירן פון איין פּאָר לאַנגע הויזן צוויי פּאָר הייזלעך פאַר קינדער. ס'האָט זיך אויך געמאַכט, אז א פּויערטע, בא וועלכער עס איז יאָרנלאַנג געלעגן אַפן דעק פון איר קאַסטן א שטיקל נײַע שטאָף, האָט עס, ענדלעך, באַשלאָסן אַרײַנגעבן אין כאַנעלעס הענט, פאַרלאָזנדיק זיך אַף איר, אז זי וועט מאַכן פון דעם אַן אַנטיקל, עפּעס אַזעלעכס, אז דאָס גאַנצע דאָרף וועט דערמיט זיך קוויקן און מעקאַנע זײַן דער אייגנטימערן. אַלעמען איז שוין געווען גוט באַוווסט, אז כאַנעלע איז א נייטערן פון ערשטן קלאַס.

צו יאַקאָוון האָט דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט, וואַסילי איוואַנאָוויטש, אַזוי געזאָגט:

— מיר וועלן דיר געבן אַן אַרבעט, אז פון דײַנע באַקן וועט נעמען שפּריצן מיט מילך. דו וועסט זיך אַזוי פאַריכטן, אז אין א כוידעש־צוויי אַרום וועט מען דיך ניט דערקענען...

און די אַרבעט איז טאַקע געווען א גוטע, א „מילכיקע". יאַקאָוו האָט אָפּגענומען דעם מילך־שטײַער בא די קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן אייגענע בעהיימעס — אַזויפיל און אַזויפיל ליטער פון א בעהיימע, דערבײַ האָט די פעטקײַט פון דער מילך געדאַרפט זײַן 3,9 פּראָצענט, אויב פעטקייט איז ווייניקער, דאַרף מען ברענגען מער מילך, אויב פעטקײַט מער — איז ווייניקער מילך. פראָסט און פּאַשעט — א גרינגע מעלאָכע, און כוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַפּן אויסהאַלט פון קאָלווירט, האָט אים נאָך אויך געצאָלט כוידעשלעכן געהאַלט דער פוטער־זאַוואָד, ווו ער איז געווען פאַררעכנט אַלס א שטאַטנער מיטאַרבעטער.

אף דער מילך־פּערמע, אין עק פון דער לאַנגער און שמאָלער גאַלעריי, וואָס איז פון דרויסן צוגעבויט צו דער קו־שטאַל, האָט יאַקאָוו זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט מיט זײַן גאַנצער ווירטשאַפט — אַפן דיל זײַנען געשטאַנען די בידאָנעס, דער מילך־מעסטער, אַף דער פּאָליצע באַ דער וואַנט — די פּלעשעלעך אַף צו נעמען אין זיי די פּראָבעס פון מילך. אַ לאַנגע ריי פּלעשעלעך, מיט אופגעקלעפּטע אַף זיי עטיקעטקעס, ווי, לעהאַוודל, אין אַן אַפּטייק. די גאַלעריי איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכן שטאַקעטניק, קעדיי די בעהיימעס, ווען מע לאָזט זיי אַרויס פון שטאַל, זאָלן פון דער באַלעבאַטישקײַט ניט מאַכן אַ טעל.

מיט די מעלקערנס האָט יאַקאָוו זיך באַפרײַנדעט אינעם ערשטן פריִען פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך באַוויזן אַף דער פּערמע. אַניוטע, אַ זיבעצניאָריק מיידל, די ייִנגסטע מעלקערן, האָט געבעטן יאַקאָוון אַראָפּנעמען פונעם דאַך אַ ווילע, וואָס האָט זיך דאָרטן געהאַט פאַר־וואַלגערט. יאַקאָוו האָט אַרופגעקלעטערט אַפן פּלאַכן, אָנגעבעטן מיט שטרוי דאַך און קוים באַוויזן צו מאַכן צוויי טריט פונעם ראַנד, ווי ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ לאָך, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ באַלקע און געבליבן הענגען אינדערלופטן.

— שפּרינגט! האָב ניט מוירע! — האָבן די מעלקערנס געשריִען צו אים, און אויסגעשטעלט זיך אין אַ ראָד, קעדיי אונטערכאַפּן אים מיט די הענט.

מיסטאַמע קיין איין מאַנצבל איז נאָך ניט זוכע געווען אַרײַנצופאַלן גלײַכצײַטיק אין אַזויפיל טרײַ־צעשפּרייטע פרויִשע אָרעמס. ער האָט אַרײַנגעטראָפן אין זיי, אַזוי ווי אין אַ ווייך, וואַרעם וויגל. ווען יאַקאָוו איז שוין געשטאַנען מיט די פיס אַפן דיל, האָט די יונ־גיטשקע אַניוטע אַזוי זיך צעלאַכט, אַז די בעהיימעס פון שטאַל און די קעלבלעך הינטער דער וואַנט, אין דער אַנדערער שטאַל, האָבן זיך צעמוקעט, אַזוי ווי זיי וואָלטן אויך געלאַכט און געהאַט האַנאָע, וואָס עס האָט זיך געענדיקט אַלץ בעשאָלעם.

די פאַרוואַלטערן פון דער פּערמע, אַנאַסטאַסיִע איוואַנאָוונאַ, אַ פרוי, וואָס אַלץ, וואָס זי דערגרייכט אין איר אָנפירערשאַפט, איז נאָר מיט גוטן, מיט אַ ווייך, בעטנדיק קאָל, האָט מיטן זעלבן ווייכן קאָל אירן געפּרוווט זיך אויסטײַנען מיט אַניוטקען אין דער שטיל:

— שעמסט זיך גאָרניט, אַליין האָסטו ניט געקאָנט אַרופקריכן אַפן דאַך? פלעגסט דאָך קריכן אַף אַלע ביימער בעסער פון די ייִנגלעך... און דעם באָכער האָט מען ניט לאַנג גע־מאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע...

ווי פרי יאַקאָוו זאָל ניט קומען אַף זײַן „מילך־פּונקט" אַף דער פּערמע, קומען נאָך פריִער די קאָלווירטניצעס מיט זייערע קריגלעך און עמערס, פון אויבן איבערגעדעקט מיט אַ ריינער מאַרליעטשקע אָדער טיכל. אין אויג באַ יאַקאָוון האָט נאַכאַנאַנד געוויִסלט. די מילך האָט געשטראָמט אין שמאָלן און הויכלעכן מילך־מעסטער, דערנאָך אין בײַכיקן בידאָן, און פון דער שטאַל האָט זיך אויך געהערט, ווי עס טריפט אַ שטיל נאַכאַנאַנדיק מילכיק רעגנדל. עס האָט זיך געהערט, ווי די מעלקערנס ריידן זיך דורך מיט די בעהיימעס, וועלכע זיי מעלקן: „נו, טײַערינקע, בריקעווע זיך ניט, שטיי אַף אַן אָרט!" „רויִק, מאַניעטשקע, רויִק, אָט אַזוי ביסטו אַ כאַכאַמע..." אַף דער גאַלעריי שטייט העכער אַ צענדליק בידאָנעס, אַ פּאָר פון זיי געהערן צו יאַקאָוון, די איבעריקע זײַנען גופע פאַר דער פּערמע. די מעל־קערנס האַלטן אין איין טראָגן פון דער שטאַל די עמאַלירטע ווײַסע עמערס, מיט דער נאָר־וואָס אויסגעמאָלקענער וואַרעמער מילך, וואָס זיי גיסן אַרײַן אין די בידאָנען.

יאַקאָוו איז געווען ניט נאָר אַ נעמער, נאָר אויך אַ געבער. באַ אים, אַף זײַן קליין טישעלע, ליגט אַ צעטל פון די מענטשן, וועמען דער קאָלווירט גיט יעדן טאָג מילך, דער־הויפּט זײַנען דאָס עוואַקויִרטע. ווען ער גיסט אַרײַן אַ ליטער מילך אין גיטע באַרגמאַנס קריגל, ווינטשט אים די אַלטע יעדן מאָל צו:

— דו זאָלסט לעבן און געזונט זײַן, טײַערער... גאָט צו דאַנקען, מײַן מענדלען איז שוין בעסער. ער גייט צום רופאַר הערן די סאָווינפּאַרמביוראָ...

די צײַן־דאָקטערשע יעווע לאַזערעוונע, ווען זי דערלאַנגט איר קריגל, האָט זי ליב צו דערמאָנען:

— מײַן קאַבינעט אַרבעט. טאָמער אַ צאָן, אַ פּלאָמבעטשקע, איז ביטע.

אַף דער גאַלעריי טרעט אַרוף אַ מיידל, וואָס צייכנט, אייגנטלעך, מיט גאָרנישט זיך ניט אויס פון אַנדערע אוקראַיִנישע מיידלעך אין דאָרף: רויטע באַקן, ליכטיקע האָר און אויך אַזעלכע ליכטיקע ברעמען און ווִיעס, וואָס באַשירעמען אַ פּאָר העל־בלויע אויגן. אויב ס'איז אַ קאַלטער פרימאָרגן, איז זי אין אַ וואַרעם געשטריקט טיכל און אין אַ פּליושן קורץ סעקעלע — אַקוראַט ווי באַ די אַנדערע דאָרפישע יונגע פרויען און מיידלעך, אָבער ווי נאָר דאָס דאָזיקע מיידל באַווײַזט זיך אַף דער פּערמע, מאַכט מען פאַר איר אַ וועג אין ענגן

דורכגאַנג פון דער גאַלעריי, עס טראָגן זיך פון אַלע זײַטן „אַ גוט־מאָרגן, סערגייעוונאַ." און יעדע קאַלויִרטניצע וויל איר זאָגן אַ גוט וואָרט.

נינע סערגייעוונע איז אַ לערערן. עפּשער דערפֿאַר, ווײַל אַלע האָבן פֿאַר איר אַזאַ אָפּשײַ און עפּשער דערפֿאַר, ווײַל זי איז יאַקאָוון שטאַרק געפֿעלן, האָט ער איינמאָל אָנגעהויבן ספּעציעל פֿאַר איר אַ נײַעם בידאָן. ער האָט אַראָפּגענומען פּונקט די גאַנצע שמאַנט און אַרײַנגעגאָסן אין נינע סערגייעווונעס קריגל.

— איר גיט דאָך אָפּ דאָס גאַנצע פֿעטס, — האָט נינע סערגייעוונע געזאָגט. — מע דאַרף פֿריִער געבן די מילך אַ קאַלויִצע.

— עמעס, — האָט יאַקאָוו זיך געכאַפּט. — נאָר זאָל שוין הײַנט זײַן אַזוי. מאָרגן וועל איך אַ קאַלויצע טאָן. איר האָט ניט קיין אייגענע בעהיימע?

— ניין, איך וווין דאָ ניט לאַנג, דאָס אַנדערע יאָר, און ביכלאַל, צוליב וואָס דאַרף אַ לערערקע אַ בעהיימע?

— אָבער איר דאַרפֿט טרינקען פֿעטע מילך, עס זאָל ניט טריקענען אין האַלדז.

— אַ דאַנק פֿאַר דער אייצע.

זיי האָבן ביידע זיך צעלאַכט, בייסמײַסע געקוקט איינער אָפּן אַנדערן, ווי יעדערער פֿון זיי וואָלט דערזען אָדער געוואָלט דערזען באַם צווייטן אַ טשיקאַוון שטריך, וואָס עס איז געפֿעלן און מע דאַרף אים פֿאַרגעדענקען. „סאַראַ וווּיל מיידל, — האָט יאַקאָוו אַ טראַכט געטאָן, — כ'וועל אומבאַדינגט זי אָנמאָלן".

די בידאָנען מילך, „זײַנע" און פֿון דער פֿערמע, האָט יאַקאָוו יעדן פֿרימאָרגן אָפּגעפֿירט אין שכײַנסדיקן גרויסן דאָרף, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער פּוטער־זאַוואָד. געפֿאָרן איז ער ניט אַליין, נאָר מיט אַ מעלקערן, יעדן מאָל מיט אַן אַנדערער. באַלאַנים צו פֿאָרן זײַנען געווען געניג. די פֿאַרוואַלטערן פֿון דער פֿערמע, אַנאַסטאַסיִע איוואַנאָוונע, האָט זיך אַפֿילע געוווּנדערט. פֿריִער האָט קיינער ניט געוואָלט, איצט קריגט מען זיך, יעדער וויל זיצן אויף דער פֿור מיט יאַשען... עמעס, בייס דער צוגרייטונג צום ערשטן אַרויספֿאָר, איז יאַקאָווס קאָוועד און כשיוועס אַ ביסל געפֿאַלן אין די אויגן פֿון די מעלקערנס. די מעלאָכע פֿון אײַנשפּאַנען אַ פֿערד און וואָגן איז אים געווען אומבאַקאַנט. דאָס פֿערדל, וואַליעט האָט עס געהייסן, האָט געבריקעוועט מיט איין פֿוס און מיט אַן אַנדערן, געדרייט דעם קאָפּ און געוואָלט אײַנבײַסן דעם נײַעם זײַנעם. אַרויסגעהאָלפֿן האָט ניורקע. איר האָט וואַליעט געפֿאָלגט זייער גוט.

אויף צוריקוועגס מיטן גרינגן וואָגן, האָט יאַקאָוו, איידער ער האָט פֿאַרקערעוועט צו דער פֿערמע, אָפּטמאָל אָפּגעשטעלט זיך לעבן זײַן שטוב, און כאַנעלע פֿלעגט דאַן אַרויס צום טויער, קעדיי אַ ווײַלע אַ רעד טאָן מיט אים. כאַנעלע האָט זיך גוט פֿאַריכטעט. עמעס, די באַקן זײַנען באַ איר געווען בלייכע און די אויגן רויטלעך, זי האָט ביז שפּעט אין די אוונטן גענייט אויף דער ניי־מאַשינקע באַ אַ גאַזע־לאָמפּ, נאָר עס האָט באַוויזן זיך באַ איר אַ גוידערל — אַ פֿעט גוידערל. יאַקאָוו קאָן אויף דעם ניט קוקן.

— ווי קומט עס צו דיר? — פֿרעגט ער זי.

— עס געפֿעלט דיר ניט? — און זי הייבט אויף בעקיוון דעם האַלדז, זי רייצט זיך מיט אים, זי לאַכט. — ס'איז ניט קיין שיין גוידערל?

— עס פּאַסט דיר ניט.

— ווו זאָל איך עס אַהינטאָן? — און זי לאַכט ווידער, זי פֿאַרגייט זיך אין אַ געלעכטער.

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן איז כאַנעלע אַרויסגעלאָפֿן יאַקאָוון אַנטקעגן, איידער ער האָט נאָך באַוויזן אָפּשטעלן דעם וואָגן אַנטקעגן איר פֿענצטער.

— האָסט זיך שוין אַזוי פֿרי אומגעקערט פֿון זאַוואָד? — האָט זי אים געפֿרעגט.

— יאָ, — האָט ער געענטפֿערט. — אָפּגעגעבן דאָס ביסל מילכיקס, אַ דריי געטאָן די פּלעשעלעך אויף דער צענטריפֿוגע — און צוריק אַהיים.

— און וועמען פֿירסטו דעם „אַבראַט"? — זי האָט אָנגעוויזן אָפּן בידאָן, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן וואָגן. דורך די אויערן פֿון בידאָן איז געווען דורכגעצויגן אַ שטריק, אַ צוגעבונדענע צו די אייבערשטע דראַבינעס.

— איך וויל אים אָפּפֿירן צו דער דידענטשיכע, — האָט יאַקאָוו געזאָגט. — אירע כאַזײַרימלעך זײַנען ניט קיין גערעטענע און מע דאַרף זיי אונטערהאָדעווען.

— קיין בילכערע פֿון דער דידענטשיכע האָסטו ניט? וואָס ביסטו מיט איר פֿאַר אַ מעכוטן?

— אַלע זײַנען באַ מיר קליינע מעכוטאָנים, איך האָב געפּרוּווט זי אָנמאָלן. באַ איר

איז זייער אַן אויסדריקלעך פּאַנעם. אַזעלכע גוטע שטריכן פון אַן אַלטער אויסגעהאָרעוועטער פויערטע. אַן ערלעכע נעשאָמע, נאָר קיין מאַזל האָט זי ניט.

— אַלעמען, וועמען דו מאָלסט, ברענגסטו בידאָנען „אַבראַט”? — כאַנעלע האָט איראָניש געשמייכלט.

— וואָס אַרט עס דיר? — האָט יאַקאָוו זיך געוווּנדערט. — דער פּוטער־זאַוואָד דאַרף ניט די אַראָפּגענומענע מילך נאָכן סעפּאַראַטאָר און ער גיט מיר אָפּ. דו ווייסט דאָך, עטלעכע מאָל האָב איך געבראַכט אונדזער באַלעבאָסטע, איצט פיר איך פאַר אַנדערע, וואָס האָבן מיך געבעטן.

— זיי גיבן דיר עפּעס פאַר דעם?

— זיי זאָגן אַ דאַנק.

— און מער גאָרניט? הער נאָר, דערקענט האָב איך דיר שוין אָף דער שיף. נאָר אַז דו ביסט אַזאַ, האָב איך נאָך אַלץ ניט געוווּסט. אַ גליק, וואָס דו האָסט נאָר אָפּצוגעבן דעם „אָבראַט” און ניט קיין מילך.

— מילך גיב איך אויך אָפּ.

כאַנעלע האָט אָף אים אָנגעשטעלט אירע אויגן, פולע מיט פאַרוווּנדערונג.

— מילך אויך? ווו נעמסטו איבעריקע מילך?

— ס׳איז אַ נאַרישע געשיכטע. איך ברענג אָפּן זאַוואָד די מילך, און ס׳באַקומט זיך, אַז איך גיב אָפּ מער, ווי ס׳איז בא מיר פאַרשריבן אין מײַן ביכל. איין מאָל אַזוי, דאָס צווייטע מאָל אַזוי, דאָס דריטע מאָל אַזוי. דערנאָך האָב איך ערשט זיך געכאַפּט, אַז מײַן מילך־מעסטער פאַלשעוועט, ער ווײַזט ווייניקער. נו, און דערווײַל האָט זיך אָנגעקליבן בא מיר איבעריקע מילך.

— איז וואָס האָסטו געטאָן דערמיט?

— דאָס, וואָס מע האָט באַדאַרפט טאָן. אויב ס׳איז בא מיר געווען פאַרשריבן, אַז די גאָראָבטשיכע אָדער דידענטשיכע האָבן אָפּגעגעבן צו פופציק ליטער, האָב איך אַרופגעוואָרפן פינף ליטער און פאַרצייכנט, אַז זיי האָבן אָפּגעגעבן פינף און פופציק. באַסטיען האָב איך געזאָגט, אַז זי האָט שוין אויסגעפּילט דעם שטײַער אינגאַנצן — מער קיין מילך דאַרף זי ניט טראָגן.

— זע נאָר, סאַראַ גוטינקער דו ביסט, אָף אַלעמען האָסטו ראַכמאָנעס. און אָף זיך אַליין האָסטו ראַכמאָנעס? — כאַנעלע האָט ניט געקוקט אָף זײַן פּאָנעם, זי האָט מער געקוקט אָף זײַן הוילעך, אָף זײַן אָפּגעבליאַקעוועטער גימנאַסטיאָרקע, אָף די הויזן גאַליפע, אין וועלכע עס איז אַרײַנגעשטוקעוועט אַ גרויסע לאַטע. טאַקע כאַנעלע אַליין האָט די לאַטע געלייגט.

— וואָס זשע אײַצעסטו מיר? עפּשער פאַרקויפן די מילך אָפּן מאַרק?

כאַנעלע האָט זיך אומגעקוקט. אָף דער גאַס איז קיינער ניט געווען, פונדעסטוועגן האָט זי גערעדט שטיל.

— הער מיך אויס און היץ זיך ניט. ווען מיר וואָלטן געווען פרעמדע, וואָלט איך אַ וואָרט ניט געזאָגט. מײַן דײַגע, לעב ווי דו ווילסט... נאָר מיר זײַנען דאָך מאַן און ווײַב. וואָס וועט דיר אַרן, אַז מירן האָבן אַ ביסל געלט? ביז דו וועסט ווערן אַן אָנערקענטער מאָלער און פאַר יעדן בילד דײַנס וועט מען זיך שלאָגן, יעדער מוזיי וועט אים וועלן אופהענגען בא זיך אָף דער וואַנט, וועסטו דערווײַל האָבן מעזומענס, כאָטשבי צו קויפן עפּעס...

אַזוי האָט כאַנעלע אײַנגעטײַנעט מיט יאַקאָוון, און יעדעס וואָרט אירס האָט אים געבריט. אין די דאָזיקע מינוטן האָט ער פײַנט געהאַט ניט נאָר דאָס פעטע גוידערל, זי אינגאַנצן איז אים געווען נימעס און דערווידער.

— נו, אַן עק, יאַנקעלע, — האָט זי אים פלוצעם אָנגערופן פאַרצויגן. — דאַרפסט הײַנט נאָך ערגעץ פאָרן?

— יאָ, קיין פרזשעוואַלסק. וואַסילי איוואַנאָוויטש האָט מיך געבעטן קריגן אייניקע דעטאַלן פאַרן אינוועטאַר.

— זאָלסטו ניט פאַרגעסן אין פרזשעוואַלסק אַרײַנגיין אין אַ פאַבריקמאַכערסקע...

יאַקאָוו האָט געהאַט איין מעסערל „זשילעט”, מיט וועלכן ער האָט שוין אַ סאַך מאָל זיך געגאָלט. דאָס מעסערל האָט ער געשאַרפט אין די קאַנטן פון אַ טײַ־גלאָז, ס׳האָט אָבער ווייניק געהאָלפן, און אָפּגאָלן זיך איז געווען אַ קאַטאָרגע. וויפל ער האָט ניט געשאָבן, זײַנען הערעלעך געבליבן, און די הויט איז געווען צעדראַפּעט, ווי פון אַ ריבײַזן.

— דו ביסט גערעכט, — איז יאַקאָוו געוון מאַסקים געווען. — עס שאַדט טאַקע ניט לײַטיש זיך אָפּגאָלן.

— און זיך אונטערשערן אויך, — זי האָט א פּיר געטאָן מיט דער האַנט פון אונטן אַרויף איבער זײַנע געדיכטע קרויזן האָר אפן קאָפּ. — ווײַטער האָב איך צו דיר א קליינטשקע ביטע... שטיי א ווײַלע מיטן וואָגן און פאָר נאָך ניט אוועק... — כאַנעלע איז אַרײַן אין שטוב און אײַנגיכן אַרויס פון דאָרטן מיט ניט קיין גרויס געפלאָכטן קוישל אין איין האַנט און מיט א סלאָיִקל אין דער אַנדערער האַנט. זי האָט דאָס סלאָיִקל געהאַלטן צוגעשפּאַרט צו דער ברוסט.

— כ'האָב זיך נאָך ניט אויסגעלערנט, אַזוי ווי די קירגיזן, צו טראָגן די קריגלען אפן קאָפּ, — האָט זי פריילעך געזאָגט.

— וועסט זיך אויסלערנען. וואָס איז דאָרטן בא דיר אין קוישל? — האָט ער געפרעגט.

— צוויי מיט א האַלבן צענדליק אייער... זע, צעברעך זיי ניט, און אײַנגעוויקלט אין א פּאַפּיר איז א פונט פּוטער און א קילאָגראַם קעז. אין קריגל איז סמעטענע.

— ווו האָסטו עס אַזויפיל אָנגענומען? — איז יאַקאָוו געווען פאַרכידעשט.

— איך האָב געגאַנוועט! איך בין אַרײַנגעקראָכן אף דער אויפעס־פערמע און פון די סידלקעס אַרויסגעשלעפּט די אייער, דערנאָך האָב איך זיך פאַרקליבן אין דער קאָלווירטישער קלאַדאָווע און גענומען קעז און סמעטענע. די מילך, האָב איך צוגעלאַקכנט בא אונדזער באַלעבאָסטע און אַוועקגעטראָגן אפן סעפּאַראַטער — אויסגעשלאָגן פּוטער, — איצט האָט זי געזעדט הויך, און זי האָט הויך געלאַכט, און דאָס גוידערל אפן האַלדז האָט זיך געטרייסלט.

— שרײַ ניט און לאַך ניט אַזוי אף דער גאַנצער גאַס, — האָט ער זי געבעטן.

— הער נאָר... — איז זי געוואָרן ערנסט. — פאַרוואָס האָב איך ניט קיין רעכט צו פאַר־קויפן דאָס, וואָס איך האָב ערלעך פאַרדינט? איך זיץ דורך די נעכט און אַרבעט, און די פויערטעס צאָלן ניט מיט געלט, זיי ברענגען אן איי, א שטיקל קעז... וואָס איז דאָ מײַן פאַרברעכן?

— קיין פאַרברעכן איז דאָ ניטאָ, אָבער האַנדלען דערמיט... ניין, כאַנעלע, אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל עס פאַרקויפן אין פּרזשעוואַלסק אפן מאַרק, וועל איך עס ניט טאָן. איך האָב אף מײַן לעבן ניט געהאַנדלט. עמעצער אַן אַנדערער וועט פאָרן, וועסטו אים בעטן, אָדער דו וועסט אַליין צופאָרן.

— ווען איך זאָל האָבן צײַט צו פאָרן...

— וועסט פאָרן זונטיק...

— ביז זונטיק וועט אַלץ קאַליע ווערן. — זי האָט אַרײַנגעשטעלט אינעם וואָגן, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט שטרוי, איר פאַרמעגן. יאַקאָוו האָט אויסגעצויגן די הענט אַרויס־צונעמען די סכוירע אף צוריק. — נו, נו! — האָט זי מיט א שמייכל אָבער אַנטשיידן אַוועק־גענומען די הענט זײַנע. — נאַרעלע, וועסט ניט באַווײַזן זיך אַרומקוקן, ווי מע וועט בא דיר אַלץ פאַרצוקערן. און זאָג אַליין... אויב מיר וועלן גאָרניט ברענגען אין שטאָט, וועט דאָך די שטאָט אויסגיין פון הונגער...

„עפּשער איז זי גערעכט, — האָט יאַקאָוו א טראַכט געטאָן. ער איז געווען צעפרידן וואָס עס איז ניט דערגאַנגען צו א קריג און זי האָט אים געקאָנט אײַנריידן. פאַרוואָס טאַקע ניט, — האָט ער איצט שוין געקלערט, אַז איך פאָר סײַוויסײַ אין שטאָט, און זי איז פאַר־נומען, און זי האָט ערלעך פאַרדינט...”

— פאַר וויפל דאַרף איך פאַרקויפן? — האָט ער שוין מײַסע־סויכער געפרעגט.

— וועסט זען לויט די פּרײַזן, וואָס זײַנען אפן מאַרק, נעם ניט מער און ניט ווייניקער...

— נאָ־אָ! — ער האָט אויפגעהויבן ניט נאָר דאָס בײַטשל, נאָר פאַרהויבן אויך די לייצעס. דאָס פערדל, וואַלעט, האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט. — נאָ,־אָ! — א כוואָראָבע אין דיר! — האָט יאַקאָוו, גאָר ווי אן עמעסער פויער, געשריִען, וווּנדערנדיק זיך אף זיך אַליין, פונוואַנען עס האָט זיך בא אים אין לעקסיקאָן מיטאָמאָל גענומען אַזאַ וואָרט, ווי „כוואָראָבע”.

געקראָגן אין דער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע, וואָס האָט זיך געפונען באַם סאַמע אַרײַנ־פאָר אין דער שטאָט, די דעטאַלן, וואָס ער האָט באַדאַרפט, עמעס, ניט אַלע, און דערצו איז אים אויסגעקומען א פאָר גוטע שאָ נאָך וואַרטן, ביז מע האָט זיי אים געגעבן, איז יאַקאָוו אַרופגעפאָרן אפן מאַרק. עס איז שוין געווען סאָף טאָג, און די צוויי רייען טישן אונטערן דעכל אפן מאַרק זײַנען געווען פּוסט און האָבן אומעטיק געטונקלט אין זייער נאַקעטקײַט און ליידיקײַט. נאָר בא איינעם אַן עקסטן טיש האָט א פרוי געהאַנדלט מיט ניסלעך און אײַנגעדאַרטן אוריוק, און לעבן איר איז געשטאַנען א צווייטע סויכערטע מיט דרײַ קוקורו־זענע פלעצלעך — איינס פון זיי איז געווען צוגעברענט, די אַנדערע צוויי — בלייך און רוילעך.

יאקאָוו האָט קוים באַוויזן אַרויסנעמען פון וואָגן און אַוועקלייגן אויף אַ טיש זײַן ביסל מילכיקס און דאָס הײַפּל אייער, ווי ס'איז גלײַך געוואָרן צו אים אַ ריי. איינער אַ מאַנצבל, געקליידט האַלב-מיליטעריש, — אין אַ בלויען פרענטש און בלויע הויזן-גאַליפע, נאָר אויף די פיס זײַנען בײַ אים געווען עכט-ציווילע געלע טופליעס מיט לעכעלעך, — האָט מײַסע-בא-לעבאָס אָפּגעשטופּט דעם איבעריקן עולם, און ביידע הענט זײַנע, אַזוי ווי פליגל, אויסגע-שפּרייט איבער די פּראָדוקטן.

— איך נעם אַלץ! וויפל דאַרף איך באַצאָלן? — אין האַנט האָט ער איבערגעלאָזט ליגן אויפן טיש, און די אַנדערע אַרײַנגעשטופּט אין דער בוזעם-קעשענע אַרויסצונעמען דעם טײַסטער.

צווישן עולם איז געוואָרן אַ טומל. מע האָט גענומען שרײַען:

— גיט אים ניט!

— ווי געפעלט ער אײַך? נאָר ער איינער דאַרף!

— אַ כאַכעם! ער האָט ליב אַ פּרעזשעניצע פון אַ צענדליק אייער!

— גיט נאָר יעדן צו איין-איינציקע איי!

— בײַ מיר ליגט אין שטוב קראַנק אַ קינד...

דעם האַלב-מיליטעריש-געקליידטן מאַנצבל האָבן די ווײַבער, אַלע צוזאַמען, גאַנץ העפּ-טיק אָפּגעשטויסן אין אַ זײַט און שוין ביכלאַל אים ניט צוגעלאָזט צו דער „קראַם". איצט איז יאקאָוו געווען באַלאַגערט נאָר פון פרויען.

— וויפל קאָסט אַן איי?

— ווי טײַער איז אײַער קעז?

— וואָס איז בײַ אײַך אין קריגל — סמעטענע?

— זעט נאָר, אַלץ איז בײַ אים פאַראַן.

— ער רײַסט מיסטאָמע די הויט.

יאקאָוו האָט זיך אָנגעבויגן צו אַ קליין ווײַבעלע אין אַ גרויסער פאַטשיילע, וואָס איז געשטאַנען האַרט לעבן אים, און שטילערהייט געפרעגט בײַ איר די פּרײַזן אויפן מאַרק.

— אינדערפרי האָט מען געריסן די הויט, — האָט זי געענטפערט. — אַ רובל — אַן אייעלע די גרויס פון אַ נאָגל. בײַ אײַך זײַנען אַוואַדע גרעסערע. וויפל נעמט איר?

יאקאָוו האָט אַ ווײַלע געטראַכט און באַשלאָסן:

— פופציק קאָפּעקעס...

— וויפל? — האָט דאָס ווײַבעלע איבערגעפרעגט.

— איך זאָג דאָך — פופציק קאָפּעקעס, אַ האַלבן רובל.

די פּרײַזן, וואָס ער האָט געשטעלט, איז געווען אַ סאַך נידעריקער אַפילו ווי אין די מאַגאַזינען, עמעס, אין די מאַגאַזינען האָט מען לעצטנס ביכלאַל ניט געזען קיין אייער, ס'איז געווען נאָר אייער-פּראָשעק.

דאָס ווײַבל אין דער פאַטשיילע און דער איבעריקער עולם, ווען מע האָט זיך דער-וווּסט דעם מעקעך, האָבן אָנגעקוקט דעם „סויכער", ווי אַ מעשוגענעם.

איינע אַ פרוי, ווען ס'איז צוגעגאַנגען איר ריי, האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט ניט קיין געלט. אַ מעוווּלוועלע, מיט אַ פּאַרדראָס אויף זיך, האָט זי זיך אויסגעדרייט אויף אַוועקצוגיין, נאָר יאקאָוו האָט שוין געהאַט אַרײַנגעלייגט אין איר קוישל צוויי אייער און אַ שטיקל קעז. מיט האַרצווייטיק האָט זי עס אַרויסגענומען פון קוישל און צוריק אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

— איך האָב ניט קיין געלט — האָט זי געזאָגט.

— ס'מאַכט ניט אויס, — האָט ער זי באַרויִקט. — ס'איז אַ קלייניקייט. איר וועט מיר אָפּגעבן אַן אַנדערש מאָל.

אין מעשעך פון דרײַ מינוט איז פון יאקאָווס קראָם ניט געבליבן קיין סימען.

אַ העלפט פון דעם פּידיען האָט ער דערנאָך אויסגעגעבן אין קיִאָסק „סאָיוזפּעטשאַט". דער פּאַרקויפער האָט פון דער וויטרינע דערלאַנגט איין ביכל נאָכן אַנדערן, און יאקאָוו האָט געפּאָדערט נאָך, אַזוי לאַנג, ביז דער קנאַפּער אַסאָרטימענט פון קיִאָסק איז געוואָרן אויסגעשעפּט.

ווען יאקאָוו האָט שוין געהאַט אַרײַנגעלייגט דאָס פּעקל ביכער אינעם וואָגן און גענומען די בײַטש אין דער האַנט צו לאָזן זיך אין וועג, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ הויכער שטאַלטנער יונגערמאַן, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן אויפן טונקעלן איידעלן און שײנעם געזיכט, וואָס איז שוין געוואָרן אַ ביסל פאַרווינטיקט, מאַשמאָעס, בײַ דער אַזערע איסיק-קול.

— איר פאָרט ווײַט? — האָט ער געפרעגט.

— ווײַטלעך, — האָט יאקאָוו געענטפערט.

— איר זײַט פון אַ דאָרף? — האָט דער יונגערמאַן ווײַטער זיך נאָכגעפרעגט.

— פון א דאָרף.

— און וואָס טוט איר דאָרטן, כ׳מיין, וואָס איז אײַער באַשעפטיקונג?

— איך בין אַף דער מילך־פֿערמע.

— און נישקאָשע? מע קען וויִ־עס־איז זיך דורכלעבן?

ניט וואָרטנדיק אַף אַן ענטפֿער אַף דער לעצטער קאַשע זײַנער, נאָר, אַליין האָבנדיק, וויזט אויס בא זיך באַשלאָסן, אַז, יאָ, ס׳איז נישקאָשע, און מע קען זיך דורכלעבן, האָט דער יונגערמאַן א זאָג געטאָן:

— איך בעט אײַך... הערט מיך אויס, עפּשער וועט איר אַף א מינוט, אַף איין מינוט זיך פֿאַרהאַלטן? איר האָט הײַנט געגעסן מיטיק?

— איך וועל עסן וואַרמעס און וועטשערע צוזאַמען, — יאַקאָוו האָט שוין געוואָלט אַרופֿ־כאַפּן זיך אַף דער קעלניע.

— אָבער איך בעט אײַך, — האָט דער יונגערמאַן אוועקגעלייגט אים א האַנט אַף דער פּלייצע. — וואָס וועט אײַך אַרן, אַז איר וועט אָפּעסן? איך האָב טאַלאָנעס. איר זעט די פֿורן, וואָס שטייען אָט דאָרטן, — ער האָט אָנגעוויזן אַפֿן ראָג גאַס. היטערן מאַרק, ווו עס זײַנען געווען אויסגעשטעלט עטלעכע וועגענער, און פֿערד האָבן רויק געקײַט פֿון די טאָרבעס. — איר זעט, די פֿערד רוען אָפּ און די באַלעבאַטים זיצן און טרינקען ביר. דאָ איז פֿאַראַן ביר וויפֿל מע וויל. קומט, קומט, ס׳איז א שטיקל בירהויז. איר וועט גאָרניט פֿאַרלירן, — האָט יענער, זעענדיק, אַז יאַקאָוו קווענקלט זיך, גענומען מיט נאָך מער היץ אים אײַנריידן.

אין ביר־הויז איז געווען טונקל און פֿול מיט מענטשן. רעכטס פֿונעם פֿענצטערל, פֿונ־וואַנען אַן אָפּיציאַנטקע האָט פֿאַנאַנדערגעטראָגן צו די טישלעך עפּעס־וואָס פֿון עסנוואַרג, האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער — א פֿידל, א פֿלייט און א פּאָר מעשענע טעלער; פֿון די דזשימדזשענדיקע טעלער האָבן אונטערגעקלונגען די פֿלעשלעך ביר אַף די טישן.

— געהערט פֿון אַזא שטעטל, ווי וואַרשע? — האָט געפֿרעגט דער יונגערמאַן בא יאַקאָוון, נאָכדעם, ווי ביידע האָבן אויסגעטרונקען צו גלעזער ביר און פֿאַרביסן מיט צוגעברענטע און צוגעפּעפּערטע שטיקלעך שאָפֿן־פֿלייש.

— געהערט פֿון אַזא שטעטל, — האָט יאַקאָוו א שמייכל געטאָן.

— איך וואָלט איצט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אַף דער וועלט, — האָט יענער פֿאַרגעזעצט, און די אויגן זײַנע זײַנען פֿאַרנעפּלט געוואָרן אַזוי, ווי ער וואָלט שוין געווען שיקערלעך פֿון דער איינציקער גלאָז ביר, וואָס ער האָט באַוויזן אויסצוטרינקען.

— א סאַך גליקלעכע מענטשן וואָלטן געווען, ווען ניט די מילכאָמע, — האָט יאַקאָוו געזאָגט.

— אוודע, — האָט יענער גערן צוגעשטימט. — איך הייס איטשע. ניט איטשע־מייער, נאָר פּאַשעט איטשע. אין דער היים האָט מען מיך גערופֿן איטשיקל. דאָ הייס איך איסאַק.

— מיך רופֿט מען יאַקאָוו.

זייער אָנגענעם, זײַנען מיר שוין באַקאַנט, איז לאָמיר זיך געבן די הענט, — די שפּאָגל־נײַע באַקאַנטע האָבן א דריק געטאָן איינער דעם אַנדערן די האַנט און אויסגעטרונקען נאָך צו א גלאָז ביר. — איר זײַט מיר געפֿעלן געוואָרן פֿון דער ערשטער מינוט. — האָט איטשע געערדעט ווײַטער, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פֿון יאַקאָוון. — איך האָב געזען, ווי איר האָט געהאַנדלט אַפֿן מאַרק. קיין הענדלער זײַט איר ניט, נאָר א מענטש זײַט איר.

— וואָס איז אײַער פֿאַך? — האָט יאַקאָוו געפֿרעגט.

— מײַן פֿאַך! אומעטום פֿרעגט מען דאָ וועגן פֿאַך. אין וואַרשע האָב איך געשעמט פֿאַר אַן אילוי, איר ווייסט, וואָס הייסט אַן אילוי?

— איך ווייס. פֿערעץ, זאָגט מען, איז געווען אַן אילוי.

— איר האָט געהערט פֿון פּערעצן?

— פֿאַרוואָס האָב איך ניט געהערט? ניט נאָר געהערט, נאָר געלערנט. איך האָב גע־לערנט אין כאַרקאָוו אין א ייִדישער שול.

— אָבער כומעש האָט איר ניט געלערנט, געמאַרע אוודע ניט.

— ניין.

— און איך האָב גאַנץ שאַס געוווּסט אויסווייניק. אָבער מיינט ניט, א פֿאַך האָב איך אויך. איך האָב נאָך געלערנט אין א קאָמערץ־שול. איך קען זײַן א בוכהאַלטער.

— איז דאָך זייער גוט, — האָט יאַקאָוו באַמערקט.

— וואָס איז די גוטסקײַט? יעדע ווײַבל איז דאָ בא אײַך א בוכהאַלטער, און ווי הייסט עס — מע איז א סלוזשאַשטשע. 400 גראַם ברויט אַף א סלוזשאַשטשע קאַרטל... לעבן לעבן איך דאָ אין „דאָם דעכקאַנינאַ“, — האָט ער פֿאַרגעזעצט, — נאָר מע הייסט מיר אונטערזוכן

אַן אַנדער ווינונג. זאָגט מיר, — האָט איטשע אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו יאַקאָוון, דאָס פּאָנעם זײַנס איז פונעם אויסגעטרונקענעם ביר שוין געווען ראָזלעך, — זאָגט מיר, ביטע, אָבער דעם ריינעם עמעס, אַזוי ווי אין אייגענעם מענטשן — אין דאָרף קאָן מען זיך דורכלעבן? אין אָרמיי נעמט מען דערווײַל ניט... אָף מײַן לעבן בין איך ניט געווען אין אַ דאָרף, נאָר פאַרבײַגע־פּאָרן. די קליינע הילצערנע שטיבלעך האָבן שטענדיק אָף מיר אָנגעוואָרפן אַן אומעט.

— איך האָב אויך ניט געוווינט פריִער אין אַ דאָרף, — האָט יאַקאָוו געזאָגט.

— נו, און ווי איז אײַך דאָרטן?

— איך אָרבעט.

דער ביר האָט אוואדע צוגעהאָלפן, אַז די נײַע באַקאַנטע זאָלן מיט יעדער מינוט אײינער צום צווייטן קריגן אַלץ מער סימפּאַטיע און צוטרוי.

— ווי קוקט איר אָף דעם, אַז איך זאָל, אָט אַזוי ווי איר זעט מיך, אופּזעצן זיך צו אײַך אָפּן וואָגן און פאָרן צוזאַמען מיט אײַך? — האָט מיט פינקלענדיקע אויגן געפרעגט איטשע.

— שוין טאָקע, באַלד? — האָט יאַקאָוו געפרוווט אָפּקילן זײַן היציקייט.

— באַ מיר איז גערעדט און געטאָן. איך זאָג אײַך דאָך: איר זײַט מיר געפעלן. מיט אײַך וועל איך ניט פאַרפאַלן ווערן.

— אָן מיר וועט איר אויך ניט פאַרפאַלן ווערן.

— יאָ, אָבער האָבן אַ מענטשן, וואָס מע ווייסט שוין, וואָס קאָן העלפן די ערשטע צײַט...

— כ׳ווייס ניט, מיט וואָס וועל איך קאָנען העלפן, נאָר אויב איר ווילט פאָרן, איז פאָרט. אין דאָרף דאַרף מען האָבן יונגע מענטשן. איר האָט אַ סאַך זאַכן?

— וואָס פאַרא זאַכן? כ׳וועל אַרײַנלייפן אין „דאָם דעקאַנינאַ”, באַצאָלן דירע־געלט, וואָס עס קומט פון מיר און נעמען מײַן קעסטל. אײַך וועט אויסקומען וואַרטן ניט מער פון דרײַ פערטל שאָ.

— עפּשער וועט איר פונדעסטוועגן אָפּלייגן און ניט פאָרן אַזוי ראַפּטום, איר וועט זיך באַטראַכטן, — האָט יאַקאָוו געפרוווט אים צוריקהאַלטן.

— איך האָב ניט וואָס צו באַטראַכטן. דאָ דאַרף איך נאָר גרוזיען די באַרזשעס אָף דער אָזערע.

— אין דאָרף גרוזעט מען אויך...

— איך ווייס, נאָר איך בעט אײַך, רעדט מיך ניט אָפּ. איך פּאָר, מיר פאָרן צוזאַמען...

...אין דאָרף זײַנען זיי געקומען אין אָוונט, און יאַקאָוו, אַזוי ווי אָן אַרטיקער טוישעוו, וואָס ווייסט, ווו אײַן, ווו אויס, האָט גאַנץ גיך אָפּגעזוכט פאַרן נײַעם אײַנוווינער אַ קוואַרטיר. די זוכעניש איז ניט אָנגעקומען שווער — אַ ווינונג קריגן אין דאָרף איז געווען אַ סאַך גרינגער, ווי אין שטאָט.

— האָסט זיך ניט אונטערגעשוירן און זיך ניט אָפּגעגאָלט, — האָט כאַנעלע באַגעגנט יאַקאָוון, ווי נאָר ער איז אַרײַן אין שטוב. — נו, מײַלע, פאַרפאַלן. וועסט ווי־עס־איז ווײַטער זיך אָפּשקראַבען מיט דײַן מעסערל... האָסט אַלץ פאַרקויפט?

— אַלץ. און מע האָט געוואָלט נאָך.

— אַניט האָב איך ניט געוווסט, אַז אַזאַ סכוירע כאַפּט מען אויס. און פון שטאָט האָסטו גאָרניט געבראַכט? — האָט כאַנעלע געפרעגט.

אַ שײַנענדיקער האָט יאַקאָוו אָנגעוויזן אָפן פּאַק ביכער, וואָס ער האָט אוועקגעלייגט אָף אַ טאַבורעטקע אין פירהויז.

כאַנעלע האָט געקוקט אָפן פּאַק, און יאַקאָוו האָט דערווײַל ווײַטער גערעדט:

— עס איז דאָרטן פאַראַן זייער אַ גוטער קיאָסק אין שטאָט און אַ גוטער פאַרקויפער, ער האָט געגעבן פון דער וויטרינע אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט. און «Костромская порода коров», «Советы огороднику», «Борьба с долгоносиком и другими сельхозвредителями». מע דאַרף דאָס אַלץ וויסן, אויב מע לעבט אין אַ דאָרף.

— און וואָס נאָך, כוץ די ביכלעך, האָסטו געבראַכט?

— איך האָב נאָך געבראַכט אַ שיינעם יונגנמאַן, — האָט יאַקאָוו געענטפערט, אַ צופרי־דענער, וואָס די יאָזדע זײַנע אין שטאָט איז געווען אַ פּרוקטבאַרע, און כאַנעלע קאָן ניט האָבן צו אים קיין איבעריקע טײַנעס.

די אַרבעט אָף דער מילך־פאַרמע איז געווען אַ גוטע, אָבער אַ צו גרינגע, און יאַקאָוו האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, ער האָט באַ זיך אין די אויגן אויסגעזען ווי אַ שטיקל לײַדיק־גייער. אין דאָרף האָט מען שווער געהאָרעוועט פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט, און ער

איז געווען פאַרנומען אין טאָג נאָר א צוויי־דרײַ שאָ. אלס צוגאָב צו דער גרינגער ארבעט, האָט ער גענומען פירן וועגענער היי פונעם סטעפּ, אליין אָנגעלאָדן, אליין אויסגעלאָדן, גע־האַט צו טאָן מיט די אָקסן, וואָס זײַנען, געוויינלעך, אָקסיש אײַנגעשפּארט און ווילן ניט פאָלגן. געשלאָגן האָט ער זיי ניט, נאָר ער איז געוואָרן הייזעריק פונעם שרײַען „צאָב־צאָבע".

אין איינעם א זומערדיקן טאָג, ווען דער וואָגן זײַנער איז שוין געווען הויך אָנגעלייגט, און ער האָט זיך שוין געקליבן ארופכאַפּן אף אויבן און פאָרן, האָט זיך בא אים פארשטויבט דאָס לעבעדיקע אויג. אזעלכס, געוויינלעך, האָט פריִער אויך געטראָפן, ס׳פּאלט ארײַן א שטויבעלע אין אויג. ער האָט דאַן געטאָן, ווי די מאמע זײַנע האָט אים אמאָל געלערנט: אופגעהויבן מיט א פינגער דאָס לעפל פונעם אויג און דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן. אָפט איז אויס־געקומען שפּײַען מער פון דרײַ מאָל, אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט עס געהאָלפן. איצט — וויפל ער האָט ניט געשפּיגן, איז קיין סגולע ניט געווען, דאָס אויג האָט געבריט און געשטאָכן, און ער איז געווען אינגאַנצן בלינד. צום אומגליק האָט זיך אופגעהויבן א ווינט, פון יענע ווינטן, וואָס הייסן אין קירגיזיע „בוראַן" און וואָס האָבן א טעווע מיט יעדער מינוט זיך צו שטארקן. דער ווינט האָט אומגעוואָרפן יאקאָוון פון די פיס. בלינדערהייט האָט ער צוגעפּויזעט צום סטויג, פונוואַנען ער האָט גענומען דאָס היי, ארײַנגעקראָכן אין אים, אזוי ווי אין א הייל, אײַנגעגניורעט זיך דאָרטן מיטן קאָפּ און מיטן גאַנצן קערפּער.

דערנאָך איז געשען א נעס. דאָס לעבעדיקע אויג איז ווידער געוואָרן לעבעדיק, ס׳האָט זיך געעפנט. יאקאָוו האָט דערזען די טרער, וואָס איז ארויסגערונען פונעם אויג. א גליקלע־כער האָט ער נאָכגעשפּירט, ווי זי האָט זיך אראָפּגעקײַקלט אף דער באַק, און נאָך איר — א צווייטע, א דריטע, און וויאַזוי צוזאמען מיט די טרערן האָט זיך פארענדיקט די פינצטער־ניש, ער האָט ווידער געזען! אָבער איינער אליין איז ער שוין אין סטעפּ מער ניט געפאָרן, נאָר אומבאַדינגט מיט נאָך א מענטשן.

ווינטער־צײַט איז יאקאָוו אריבער ארבעטן אין די ווארשטאטן פון מטס, וואָס האָבן זיך געפונען ניט ווײַט פון דאָרף. קיין גרויסע מאשינעריע האָט דער קאָלווירט ניט פארמאָגט, אָבער דאָס ביסל, וואָס איז געווען, האָט מען געדארפט רעמאָנטירן צום קומענדיקן פארזיי. יאקאָוו האָט אין מטס זיך געשטעלט בא א „דריגעלקע" מיט א רימען, וואָס איז צען מאָל א טאָג אראָפּגעפאלן פון קראָנשטיין אָדער געפּלאַצט און זיך צעריסן, און מע האָט עס גע־דארפט נעמען פארנייען. אפן דאָזיקן קאליקע האָט ער פונדעסטוועגן אויסגעטאָקט אייניקע דעטאלן, וואָס מע האָט געדארפט זייער נייטיק האָבן.

סאָף מארט, בייס ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פארזיי, איז ער געווען אפן פעלד, געלעבט אין א וואגאָנטשיקל, און ווען דער בריגאַדיר פון דער פעלד־בריגאַדע, דער פארווונדעטער סערזשאַנט סאַוטשוק האָט שוין אף אַזויפיל פאַריכט דאָס געזונט, אז מע האָט אים ווידער גענומען אין ארמיי, איז יאקאָוו געוואָרן בריגאַדיר.

— פּרוביר, יאקאָוו, — האָט אים אײַנגערעדט דער פאָרזיצער פון קאָלווירט, — וועסט זיך ספּראווען. אין דער אגראנאָמיע וועלן מיר דיר העלפן, דאָס איז ניט אזוי שווער. דעריקער — איז דער אווטאָריטעט בא מענטשן, און אַן אווטאָריטעט האָסטו, מע וועט דיך פאָלגן און ס׳וועט זײַן רעכט...

זײַן נײַע ארבעט האָט יאקאָוו אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט גענומען כאַנעלען וועקן אין די פריִע פארטאָגן:

— מע דאַרף שוין גיין אין פעלד!

פריִער האָט כאַנעלע געהאַט א פּריווילעגיע. וויבאלד ביז שפּעט אין דער נאכט נייט זי און באַנייט אלעמען, עס קלאַפּט נאָכאַנאַנד איר ניי־מאשין, האָט זי געמעגט שלאָפן א ביסל שפּעטער. יאקאָוו האָט די פּריווילעגיע אָפּגעשאַפט.

— כאַנע! — האָט ער זי געטאָרקעט — וואָס ביסטו פאר אַן אויסנאַם? אנו, הייב זיך די מינוט אוף!

— האָסט גאָר קיין ראַכמאָנעס ניט אף מיר — זי האָט געריבן מיטן ווארעמען פויסטל אירן די פארשלאָפענע אויגן, און די פארלעגערטע באַק, וואָס זי האָט קוים אופגעהויבן פון קישן.

— כאַנעלע, איך זאָג דיר צו, אז ווי נאָר מיר וועלן פארענדיקן אויסיעטן דאָס ווילדע גראָז, וועל איך דיר לאָזן שלאָפן, וויפל דו וועסט וועלן.

— דאַן וועט מען אָנהייבן שנײַדן — האָט כאַנעלע קאַפּריזעוועט, אָבער שוין אויסגע־צויגן די נאַקעטע האַנט אף צו נעמען דאָס קליידל פונעם בענקל.

יאקאָוו האָט געריטן אף זײַן „בריגאַדירסקע" פערד פון שטוב צו שטוב, דערבײַ האָט ער פריִער ארײַנגעקוקט אין צעטל, ניט צו האָבן א טאָעס באם אָנרופן דעם נאָמען.

— פּולכעריאַ! — האָט ער מיטן בײַטשל אָנגעקלאַפּט אין פּענצטער.
— שוין, שוין גיי איך. איך בין שוין פאַרטיק, — האָט זיך געהערט פון דער שטוב יענערס קאָל. — כ׳וועל נאָר אַראָפּטראָגן די מילך אין קעלער.
— טילגינײַ! — האָט יאַקאָוו ווידער גערופן, און פון אַ יורטע האָט זיך באַוויזן אַ פרוי אין אַן אַלטן געקווייטלטן כאַלאַט און אַלטע איטשיגעס אַף די פיס. זי איז געלאָפן צום אַריק אָנעמען וואַסער אין אַ קרוג, און לויפנדיק, האָט זי געהאַלטן אויפגעהויבן דעם געלן האַלדז אַרוף־צו, צו יאַקאָוון. געמאַכט צו אים מיט דער האַנט, אַזוי ווי באַרויקט, אַז באַלד וועט זי קומען אַפן קאָלווירטישן פּלאַץ, צו דער פור, וואָס וועט אָפּפירן די בריגאַדע אין פעלד.
דורכרײַטנדיק פאַרבײַ דער שטוב, ווו עס האָט געוווינט די ציין־דאָקטאָרשע, האָט יאַקאָוו שוין געוואָלט פאָרן ווײַטער, נאָר פּלוצעם האָט ער צוריקגעהאַלטן דאָס פערד, אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך גרינג, ניט איבערצושרעקן און אַזוי ווי ניט גאָר זיכער בײַ זיך, אָנגעקלאַפּט אין אַ שויב.
— ווער איז? — האָט יעווע לאַזאַרעוונע געפרעגט מיט אַ פאַרשלאָפן קאָל.
— ס׳בין איך, יאַקאָוו.
— אַזוי פרי? וואָס איז געשען? — די דאָקטאָרשע האָט אײַליק אַרופגעוואָרפן אַף זיך דעם כאַלאַט און האָט צוגעפּלעטשט דאָס פּאָנעם צו דער שויב, ווי וועלנדיק דורכן גלאָז שוין דערזען און זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ צאָן עס טוט ווײ דעם באַגינענדיקן באַזוכער.
— יעווע לאַזאַרעוונע, — האָט יאַקאָוו גערעדט הויך, זי זאָל דערהערן דורכן פּענצטער. — עס פעלן מענטשן. אויב מיר וועלן ניט דורכיעטן, וועט ניט זײַן וואָס אַראָפּצונעמען. און ביכלאַל... איר וועט זײַן אין פעלד אַף דער פרײַער לופט, איר וועט זיך דערפילן קרעפטיקער.
— און ווער וועט היילן די ציינער?.. — האָט זי געפרעגט.
— דאָס האָב איך אײַך טאַקע געוואָלט זאָגן. בײַ אונדז איז דאָרטן פאַראַן אַ וואַגאַנטשיקל, טאָמער וואָס — איז פאַראַן ווו אויפצונעמען.
— יאַקאָוו, וואָס טוט מען מיט אײַך, אַז איר זײַנט אַ כאָכעם? — האָט זי זיך געוווּנדערט, נאָר פונדעסטוועגן געגומען קלײַבן זיך אין וועג.
די אַלטע גיטע באַרגמאַן איז שוין געזעסן אַף דער פור מיט אַ קליין טאַרבעלע עסנוואַרג אַף די קני. זי האָט דאַפקע געמעגט ניט פאָרן, זי איז ניט געווען אין צעטל און מע האָט זי ניט גערופן, נאָר זי האָט זיך געפעדערט פריִער פון אַנדערע.
— אַז איך שלאָף סײַווי ניט, — האָט זי זיך אַזוי ווי אַנטשולדיקט, וואָס זי פאַרנעמט אַן אָרט אַפן וואָגן — איך וואָלט עפּשער יאָ אײַנגעשלאָפן, שלאָפט ניט מײַן מענדל און לאָזט מיך אויך ניט...
איר מאַן, מענדל, פילט זיך שוין אַ ביסל בעסער אין געזונט, נאָר נאָך ניט אַף אַזויפיל גוט, אַז ער זאָל קאָנען אַרבעטן אין פעלד. דאָס ביסל קויכעס, וואָס ער פאַרמאָגט, קלעקט אים נאָר אַף אופצוהייבן זיך יעדן טאָג גאַנצפרי און צוגיין אַפן קאָלווירטישן פּלאַץ, צום סלופּ, ווו עס הענגט דער ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר. מענדל פעדערט זיך אין די פריִע באַגינענס, ווי צו סליכעס, ניט דורכצולאָזן די מיטיילונג פון „סאָווינפאָרמביוראָ“; ער האָפט, אַז מע וועט עפּשער איבערגעבן «В последний час» און מע וועט דערציילן וועגן באַפרײַטע שטעט, אָבער די ראַדיאָ הייבט אָן ריידן 6 אַזייגער, און מענדל אין זײַן בלויען וואַטניק און אינעם וואַרעמען ווינטערדיקן היטל שטייט דערווײַל באַם וואָגן, לעבן זײַן גיטען, און הערט מיט איין אויער דאָס, וואָס יענע זאָגט אים אָן:
— מענדל, — שרײַט זי צו אים פון וואָגן, — דו זאָלסט דאָס טעפּל באָרשטש אַליין ניט אַרויסשאַרן פון אויוון, וועסט נאָך איבערקערן. עס דערווײַל דאָס, וואָס עס שטייט אַפן פּענצטער. איך וועל קומען, וועלן מיר דעם באָרשטש עסן צוזאַמען.
אַ שטיק פעלד בײַ דער באַלקע, הינטערן קאָלווירטישן סאַד, איז געווען פאַרזעצט מיט קאַרטאָפל. די שטענגלעך האָבן זיך שוין אַרופגעכאַפּט גאַנץ הויך און האָבן שטיל געוויגט זיך פון ווינטל, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך באַקלאָגט, וואָס מע לאָזט זיי ניט גוט וואַקסן, דאָס ווילדגראָז פאַרהלושעט זיי. אַפן פעלד האָט מען טאַקע ניט געזען קיין דורכלויכט, קיין פּיצל פרײַ אָרט צווישן איין געוויקס און אַ צווייטן, אַף יעדעס קאַרטאָפליע־בערגעלע האָבן זיך צוגעלאַנטשעט אומגעבעטענע שכיינים, ווילדע געוויקסן, וואָס קאָנען גרינג אומברענגען די גאַנצע גערעטעניש.
אַראָפּגעקראָכן פון די וועגענער און אָפּגעגורט זיך אַ ווײַלע פון וועג, אויסגעגלײַכט אַ ביסל די רוקנס, האָט דער אוילעם גענומען זיך צו דער אַרבעט. יאַקאָוו האָט געגעבן יעדערן צוויי צי דרײַ רייען קאַרטאָפל, וואָס מע דאַרף זיי ריין מאַכן פונעם ווילדגראָז.
איטשע האָט זיך אָוועקגעשטעלט באַנאַנד מיט כאַנעלען, און יענע האָט אים גאָר איינגיכן

אריבערגעיאָגט אין איר ריי, געלאָזט אים הינטער זיך. קיין גרויסע קונסט ליגט ניט אין אזא מעלאָכע, ווי דורכיעטן א פּאָר רייען קארטאָפּל. פונדעסטוועגן דארף מען עס קענען. צוערשט האָט איטשע ביכלאל ניט אונטערשיידט — ווו איז קארטאָפּל און ווו איז גראָז. די טיאפּקע האָט ער אראָפּגעלאָזט אף דער ערד לאַנגזאַם און זיך ארומקוקנדיק, אָבער אז ער האָט זי שוין אראָפּגעלאָזט אפן ווילדן געוויקס, האָט ער עס געטאָן שווער, מיט א היכץ, אזויווי ער וואָלט געלאָזט פאלן א האמער. ער איז גיך געוואָרן פארמאַטערט, און ס׳איז גערונען פון אים שווייס. דאָס פּאָנעם זיַינס, היפּש שוין אָפּגעברענט פון דער זון און דורכגעווינטיקט פון די ווינטן, וואָס זיַינען אינעם דאָזיקן צאָפּנדיקן ווינקל פון דער געגנט גאָר אָפּטע געסט, איז געווען פארפארעט און רויט. פון ציַיט צו ציַיט האָט כאנעלע אומגעקוקט זיך אפהינטן צו זען, ווו עס האלט באם שאַכן, און ס׳איז איר געווען אָנגענעם, וואָס זי האָט אים אריבערגעיאָגט, און זי האָט אויך געהאט א ביסל ראכמאָנעס אף אים. ווען זי האָט פארענדיקט דורכיעטן איר ערשטע ריי, איז זי, איידער זי האָט אָנגעהויבן די צווייטע ריי, צוגעגאנגען צו איטשען, גענומען בא אים פון דער האנט זיַין טיאפּקע און אָנגעהויבן וויַיזן, וויאזוי מע דארף אָרודעווען מיט איר. דער יונגערמאן האָט געקוקט אף דער לערערן זיַינער, וויאזוי זי פאָכעט פלינק מיטן איינפאכן קלייזיַיען אין איין זיַיט, אין דער אנדערער, פאָרויס פון זיך און פונהינטן, וויאזוי אין אן אויגנבליק ווערט ריין דאָס קארטאָפּל־שטענגל און ס׳ווערט ארויסגעהויבן אף זיַין בערגעלע, עס זעט זיך און ס׳גלאנצט אנטקעגן דער זון יעדעס בלעטעלע זיַינס.

— בא איַיך באקומט זיך גוט, — האָט איטשע געזאָגט.

— א קליינע טוירע, — זי האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ, ניט אופהערנדיק צו ארבעטן מיט דער טיאפּקע, און איטשע האָט געקוקט אף אירע פלינקע הענט, אף איר פולבלעכן קרעפּטיקן קערפּער, וואָס האָט גרינג זיך געבויגן צו דער ערד פונקט אף אזויפיל, וויפל מע האָט באדארפט, א האָר ניט מער.

זינט יאקאָוו האָט געבראכט איטשען אין דאָרף, האָט איטשע זי געזען יעדן טאָג, ניט איין מאָל אריַינגעקומען צוגאסט צו איר אין שטוב, און זי איז פריִער אויך אים געווען געפעלן. איצט, אין פעלד, האָט זי באזונדערס בא אים אויסגענומען. די באקן אירע זיַינען געווען באדעקט מיט א העלער ראָזקיַיט, אזוי ווי זיי וואָלטן פון אינווייניק געווען אונטערגעלויכטן פון עפּעס א שטילן און ניט הייסן פלאם, און פונקט אזוי שטיל און ניט הייס, נאָר מיט א ליבלעכער ווארעמקיַיט האָבן געברענט צוויי ליכטיקע פלעמעלעך אין דער טיף פון אירע שווארצע אויגן.

„זי איז כיִעסדיק” — האָט איטשע אן אנציקטער פון זיַין אנטדעקונג, געטראכט וועגן כאנעלען.

— קוקט ניט אין דער זיַיט, — האָט כאנעלע געלאכט — קוקט אף דער טיאפּקע.

— יאָ, יאָ, אף דער טיאפּקע, — איז איטשע מאסקים געווען.

זיַיענדיק א בריגאדיר, האָט יאקאָוו, געוויינלעך, אומגעקערט זיך אהיים שפּעטער פון כאנעלען. א בריגאדיר האָט נאָך ארבעטן, ווען אלע האָבן די ארבעט שוין פארענדיקט, ער דארף פארשריַיבן וואָס און וויפל האָט מען אופגעטאָן, דערנאָך דארף ער זיַין אין דער קאָלווירט־פארוואלטונג.

ס׳מאכט זיך, אז ער פארהאלט זיך זייער שפּעט — דאן לעבט איבער ניט נאָר כאנע, נאָר אויך די באלעבאָסטע, מארפע, בא וועמען דאָס פּאָרפאָלק איז אף קווארטיר. ווען ער קומט אהיים, דערפרייט זיך די אלטע, ווי זי פלעגט זיך פריִער דערפרייען מיט איר זון, פעדקען, ווען יענער פלעגט זיך אומקערן שפּעט באנאכט, נאָך א לאנגער ווארטעניש אף אים. אויב כאנע איז פארנומען, דערלאנגט זי יאקאָוון עסן, אזוי ווי זי האָט עס געטאָן, ביז ער האָט כאסענע געהאט. מיט כאנעלען האָט זי ניט אינגאנצן געהויזט, און ווען יענע איז געווען אין שטוב, האָט זי אין דער באלעבאטישקיַיט פונעם יונגן פּאָרל ניט געמישט זיך, געווען דאָן קארג אף א וואָרט, מער געשוויגן, ווי גערעדט. בייס יאקאָוו איז אָבער געווען אליין, האָט זי ליב געהאט מיט אים צו שמועסן, דערציילן אים די טאָג־פּאסירונגען אף דער אויפּעספערמע און ביכלאל אינעם דאָרף.

— דיַין אניע, — די אלטע האָט קיינמאָל ניט געזאָגט פּאָשעט „אניע”, נאָר אומבאדינגט „דיַין אניע” — האָט דיר געהייסן אריַינקומען צו דער ציין־דאָקטאָרשע. זי איז אוועק אהין. — די דאָזיקע ניַיעס האָט מארפע איבערגעגעבן יאקאָוון אין איינעם א שפּעטן ווינטערדיקן אָוונט, ווען ער איז געקומען אהיים נאָך דער ארבעט.

— וואָס איז דאָרטן פּאַר אַ סימכע? צוליב וואָס איז זי אַהין געגאַנגען? — האָט יאַקאָוו געפּרעגט.

— כ׳ווייס? מע האָט זי אײַנגעלאַדן. ס׳איז דאָרט אַ וועטשערינקע, — געזאָגט האָט עס מאַרפע מיט אַ האַלבן מויל, ניט גערן און אַזוי ווי באַרויגעז, וואָס זי דאַרף איבערגעבן וועגן דעם.

— וואָס עפּעס אינמיטנדערינען אַ וועטשערינקע? — האָט יאַקאָוו געוואָלט דערוויסן זיך גענויער, אָבער מאַרפע האָט גאָרנישט ניט געוווּסט. אַדער, עפשער האָט זי באַשלאָסן מאַכן זיך טאַמעוואַטע, זי האָט אַ קנייטש געטאָן מיט אַן אַקסל און ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערט:

— כ׳ווייס?

— נו, און אַליין כ׳זאָל ניט גיין?

— וועט מיסטאַמע אויך די וועלט זיך ניט איבערקערן, — האָט מאַרפע צוגעשטימט. — ביסט דאָך פאַרמאַטערט, רו זיך אָפּ.

באַ די רייד איז אַרײַנגעקומען כאַנעלע. זי איז געווען אינעם נײַעם קלייד, וואָס זי האָט זיך ניט לאַנג אָפּגענייט און וואָס האָט איר זייער געפּאַסט. — אַ שיינע בלויע קלייד מיט אַ פּינקלענדיק-ווײַסן קראַגן און מיט אַן אויסגעהעפטער זשאַבאָ אַף דער ברוסט. די ליפּן זײַנען געווען אָנגעפאַרבט, און פון די געקרויזטע האָר האָט זיך געטראָגן אַ רייעך פון אָדעקאָלאָן „סירען”. קיין אַנדער מין פּאַרפומען איז אינעם דאָרף ניט געווען, און סײַ די מאַנצבילען, סײַ די פרויען האָבן אַף סימכעס און באַגעגענישן אָנגעזאַפּט די לופט נאָר מיט „סירען”.

— טו זיך איבער און קום אַפגיך, מע וואַרט דאָך אַף דיר, — האָט כאַנעלע נאָך פון דער שוועל אַ זאָג געטאָן.

— וואָס איז די אײַלעניש און וואָס איז בכלל דאָרטן?.. האָסט זיך אַזוי פאַרפּוצט, — יאַקאָוו האָט זי געפּרוווט אַרומנעמען און אַ קוש טאָן.

— וועסט מיך אויסשמירן, — האָט זי מיט אַ געלעכטער אים אָפּגעשטופּט. — דו ביסט פול מיט שטרוי פונעם וואָגן.

— זאָג מיר: לעקאָוועד וואָס און לעקאָוועד וועמען איז די סימכע? — האָט יאַקאָוו געוואָלט דערגיין אַ טאַלק.

— לעקאָוועד גאָרניט, — האָט זי געענטפערט, — ס׳מוז דען אומבאַדינגט עפּעס זײַן?

— אָבער פאַרט? איך וועל ניט גיין, ביזוואַנען כ׳וועל ניט וויסן, — האָט יאַקאָוו זיך געעקשנט.

— נו, און אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז דײַן איציקל, וואָס דו האָסט אַראָפּגעבראַכט פון פּרזשעוואַלסק, איז אַן אימעניניק, ביסטו שוין צופרידן, וואָס דו ווייסט?

— איך בין ניט נאָר צופרידן, איך בין גליקלעך פון אַזאַ געשעעניש. וויפל ווערט ער אַלט?

— גענוג וויפל האָב איך פאַרגעסן באַ אים צו פרעגן, נאָר דו ווייסט דאָך אַליין — ער איז אין דײַנע יאָרן. אָבער אַן עק, — האָט זי זיך אַליין איבערגעשלאָגן — טו אָן די נײַע גימנאַסטיאָרקע, איך האָב דיר זי הײַנט געקראָגן, און קום!

איר קאָל איז געווען אַ באַפעלערישער, אַ קאָל פון אַ ווײַבעלע, וואָס אַז זי הייסט עפּעס דעם מאַן, דאַרף ער פאָלגן, ניט פאָלגן איז ניט שײַך. יאַקאָוו האָט נאָך אַ ווײַלע געקוקט אַף כאַנען, ווי ער וואָלט געוואָלט דערזען אין איר עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט פריִער ניט באַמערקט.

— האָסט אַ גוידערל, — האָט ער געזאָגט צו איר.

— האָסט מיר שוין געזאָגט וועגן דעם הונדערט מאָל. פאַרגינסט מיר ניט?

— אָן דעם ביסטו געווען שענער.

דאָס הויז, ווו עס האָט געלעבט די צײַן־דאָקטערשע יעווע לאַזאַרעוונע איז געשטאַנען אינמיטן דאָרף, דה. אין צענטער פון דער איינציקער גאַס, בישכיינעס מיטן פּאַרזיצערס שטוב, און פונקט ווי באַם פּאַרזיצער פאַרמאַכט זיך ניט אַ גאַנצן טאָג די טיר — אויב ער איז ניטאָ אין דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג, גייט מען צו אים אין שטוב, — אַזוי פאַרמאַכט זיך אויך ניט די טיר באַ יעווע לאַזאַרעוונען. דאָס צימער פונעם הויז, ווו זי וווינט, איז פאַרוואַנדלט אין אַ דאָקטערשן קאַבינעט, דערבײַ היילט זי ניט נאָר פון צײַן־ווייטעק, נאָר אויך פון אַנדערע קרענק. אַ גוטער דאָקטער דאַרף היילן פון אַלץ. פּאַציִענטן האָט זי ניט נאָר אין אייגענעם דאָרף, מע קומט אויך פון די אַרומיקע דערפער.

אין די אָוונטן קלײַבן זיך באַ יעווע לאַזאַרעוונען צונויף געסט. אין פּאָדערצימער אַפן טיש שטייט באַ איר אַ שעלעכל מיט מאָנפּאַנסיע, אַזעלכע האַרטע, אַז מע קאָן האַלטן אַ קאָנפעט אַ שאָ אין מויל און אַלץ זויגן פון אים זײַן זיסלעכע זויערקײַט.

אַרײַנגעקומען מיט כאַנעלען פון דרויסן אין שטוב אַרײַן, האָט יאַקאָוו שטאַרק פאַרזשמורעט דאָס אויג, כאָטש דאָ איז גאָרניט געווען אַזוי שטאַרק ליכטיק. — ס׳האָט געברענט ניט קיין גרויסער לאָמפּ, עמעס, דער קנויט איז געווען אַרויסגעדרייט, וויפל עס האָט זיך געלאָזט. עפּשער האָט אים דערפאַר אַזוי אַ בלענד געטאָן אין אויג, ווײַל גלײַך ווי זיי זײַנען אַרײַן, האָט איטשע, אַ שײַנענדיקער, זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט אויבנאָן באַם טיש לעבן יעווע לאַזאַרעוונען, קעדיי אָפּצוטרעטן עס כאַנעלען.

— איר זײַט דאָך דער אימענינניק, דאַרפט איר זיצן לעבן דער באַלעבאָסטע, — האָט כאַנעלע געזאָגט.

— ניין, דער אויבנאָן געהערט סײַווי אײַך, און יאַקאָוו וועלן מיר אויך באַשטאַטן — ער האָט גענומען כאַנעלען פאַר דער האַנט און זי צוגעפירט צו זײַן געוועזענעם אָרט, דערנאָך האָט ער פאַרכאַפּט אַ בענקל, פון אַ ווינקל און עס אַוועקגעשטעלט דערבײַ.

— ביטע, יאַקאָוו, זעץ זיך. — האָט ער געזאָגט מײַסע־באַלעבאָס.

אין צימער זײַנען געווען אַ מענטשן צען. צווישן זיי די לערערקע נינע סערגייעוונע. מע האָט געמיטלעך פאַרבראַכט. כוץ דעם טעצעלע מאָנפּאַנסיע איז איצטיקס מאָל געווען אויך עפּעס־וואָס פון צובײַסנס און אַפילע צום אויסטרינקען. מע האָט געטרונקען בראַגע און פאַרטרונקען מיט קוואַס. די גלעזער זײַנען געווען גרינגע און גרויסע — לויטן קאָליר און פאַרנעם פון די פלעשער, פון וועלכע מע האָט אָפּגעשניטן די העלדזלעך.

יאַקאָוו האָט אויך געטרונקען, אָבער די בראַגע האָט אים ניט גענומען און פריילעך איז ער ניט געוואָרן, פאַרקערט, עפּעס אַ שווערע מאָרעשכוירע איז אַרופּ אָף אים. כאַנעלע איז אָבער געווען אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, ווי נאָך קיינמאָל ניט. זי האָט, — אַזוי האָט געדוכט יאַקאָוון, — קיינעם ניט געזען אין צימער, ווי נאָר דעם בוכהאַלטער איטשען. וואָס מער איטשע האָט געטרונקען, אַלץ העכער האָט ער געזונגען „מײַן שטעטעלע בעלץ״, און כאַנע האָט אים אונטערגעזונגען. זיי האָבן געזונגען גוט, אָבער יאַקאָוון איז געווען אומאַנגענעם זייער דועט. כוץ דעם האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין צימער איז אַ געפּערלעכע היץ, כאָטש אינדערעמעסן איז געווען קיל. מיט יעדער מינוט איז יאַקאָוון אַלץ שווערער געוואָרן צו זיצן באַם טיש.

— נו, מיר וועלן שוין גיין, — ער האָט זיך אַנטשיידן אופגעהויבן פון בענקל. — קום, כאַנע.

— וואָס עפּעס אַזוי גיך? — האָט יעווע לאַזאַרעוונע געפרעגט, און איטשע, היפּשלעך בעגילופן, איז אופגעשפּרונגען פון זײַן אָרט.

— מיר וועלן ניט אַרויסלאָזן! — האָט ער געשריגן.

— קום, כאַנע, איך בין פאַרמאַטערט, — האָט יאַקאָוו זי געבעטן.

— נו, איז רו זשע, — האָט זי בייזלעך אַוועקגעדרייט זיך פון אים.

יאַקאָוו איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. עס איז ניט געווען פײַן פון זײַן זײַט, ער האָט ניט געטאָרט איבערלאָזן כאַנען אַליין, אָבער פאַרוואָס האָט זי אים ניט געפאָלגט און ניט אַוועק מיט אים?

ער איז געשטאַנען באַם טויער און געוואַרט, אַז זי זאָל אַרויסגיין. אָפּגעוואַרט אַזוי עטלעכע מינוט, האָט ער פאַוואָליע גענומען שפּאַנען איבער דער גאַס. נאָך די אומופהערלעכע רעגנס, וואָס זײַנען געווען אָנהייב האַרבסט, האָט דאָ, אינעם צאָפּנדיקן ווינקל, ווו עס איז שטענדיק אַ ביסל קעלטער, ווי לאָמיר זאָגן, אין פּרוונץ, האָט דער אָוונט דאַפקע אויסגעגעבן זיך אַ וואַרעמער, אַ שטילער, ווי ס׳וואָלט זיך ניט געשניטן אַלץ נעענטער צום ווינטער, נאָר ס׳וואָלט געגאַנגען צו פרילינג. עלעקטרע אין דאָרף איז ניט געווען, אַ ביסל נאַפט איז געווען אין גרויסן דעפיציט, איז אַוואַדע איצט, שפּעט אין אָוונט אומעטום געווען פינצטער, כוץ עפּשער אין אַ פּאָר שטיבער, — אַ בלאַס שטראַלעכל שײַן האָט זיך אַרויסגעזופּט פון ערגעץ אַ שפּעלטל פון אַ פאַרהענגל אָפן פענצטער.

ווי געוויינלעך, אין אָוונט, האָבן גאַנעק פונעם הויז פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג, אָף די צווײ שמאָלע בענק, וואָס שטייען איינע אַנטקעגן דער אַנדערער, פאַרבראַכט די פאַרווונדעטע רויטאַרמייער מיט די דאָרפישע מיידלעך. עס איז געווען אַ פריילעכער גאַנעק — מיט געזאַנג און מיט געלעכטער. די באָכערים — אינוואַלידן, די מיידלעך — בלוט און מילך. יאַקאָוו האָט געוואָלט דורכגיין פאַרבײַ, האָבן אים אַ רוף געטאָן עטלעכע שטימען מיטאַמאָל, ווי מע וואָלט נאָר געוואַרט און אַרויסגעקוקט אָף אים אין דער פינצטער.

— עס איז דאָך יאַקאָוו, — די מעלקערן אַניוטע מיט איר שאַרפער ריִע האָט אים דערזען, ווען ער איז נאָך געווען אַ צען שפּאַן פונדערווײַטנס, — אַהער, אַהער! — האָט זי געשריִען.

— פאַרקערעווע אַהער! — האָבן די איבעריקע פון גאַנעק אויך אים גערופן.

יאַקאָוו איז צוגעגאַנגען. אַניוטע האָט זיך אופגעהויבן פון באַנק צו באַפרײַען אים אַן אָרט.

— זיץ, זיץ, — ער האָט אַ דריק געטאָן מיט דער האַנט אַף איר אַקסל.

— ניין, כ׳וועל זיך בעסער זעצן צו דיר אַף די קני, — האָט אַניוטע געלאַכט.

— היט זיך, אַניוטקע, עס וועט זיך דערוויסן דײַן אַניע, וועט דיר זײַן שלעכט, — דער סאָלדאַט פּיליפּאָוו האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ גוטמוטיק, פריילעך קאָל, אַז ס׳איז דאַפקע אויסגעקומען, אַז ס׳איז ניט געפערלעך און זי מעג זיך זעצן.

— צו גיך כאַסענע געהאַט, — האָט אַניוטקע באַדויערט. — איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט גאָר פאַרליבט אין דער לערערקע, נינע סערגייעוונען. האָסט דאָך צוליב איר אַראָפּגענומען די גאַנצע אייבערשטע מילך פון מײַן בידאָן.

— און צוויי מאָל איז ער געווען באַ איר אין דער היים, — האָט צוגעגעבן אַן אַנדער מיידל, די „טעליאַטניצע” וואַריע.

אַך, דאָס דאָרף, דאָס דאָרף, דאָס קליינע דערפל, ווו יעדער מענטש איז שטענדיק אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמען, ווי אַף אַ בינע. אַלע זײַנען צושויער, און זעען אַלץ, און הערן אַלץ, און ווייסן אַלץ. אַף צוויי מינוט איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו דער לערערקע און גענומען באַ איר אַ ביכל צום לייענען, ווייסט מען שוין וועגן דעם.

— ליבע מיידעלעך, — האָט יאַקאָוו זיך אָפּגערופן, — קעדיי איר זאָלט ניט ריידן קיין נאַרישקײַטן, וועל איך אײַך בעסער מאָרגן ביידן אָנמאָלן, נאָר מיט אַ טנײַ — אַז איר זאָלט בייסן מאָלן שווײַגן...

ער איז אוועקגעגאַנגען ווײַטער, אָפּגעשטעלט זיך לעבן דער שטוב, ווו ער וווינט, געשטאַנען באַ דער קאַליטקע, טראַכטנדיק — אַרײַנגיין צי ניט. אָבער דער הונט האָט אים שוין דערשמעקט, אַרויסגעלאָפן פון דער קאָנורע און געגראַבלט מיט די לאַפּעס די קאַליטקע, געבילט, ער זאָל וואָס גיכער אופהייבן די קליאַמקע פונעם טירל און אַרײַנקומען אין הויף. מאַרפע, אַ באָרוועסע, איז אַרויס צום טויער.

— דו, יאַקאָוו? — האָט זי געפרעגט. — וואָס זשע שטייסטו דאָרטן?

די אַלטע ליבע פרוי איז געווען פאַרוווּנדערט. צום ערשטן מאָל האָט זי געזען, אַז איר קוואַרטיראַנט זאָל זײַן בעגילופן.

— עס שמעקט פון דיר גאָר אַזוי, ווי עס פלעגט שמעקן פון מײַן פעדקען.

— וואָס זשע, איך טרינק נאָר מילך? איך קען דאָס אויך.

— נו, נו, האָב קיין פאַריבל ניט. נאָר קיין גרויסע גוורע שטעקט ניט אין דעם. ווו איז אַניע?

— אַניע וועט באַלד קומען.

— ס׳איז דאָרטן געווען עפּעס פריילעך? — האָט מאַרפע גענומען אויספרעגן, אָנצינדנדיק אין קיך דאָס אַכטער לעמפּל.

— ווי ווען, — האָט יאַקאָוו קורץ געענטפערט, ניט וועלנדיק אַרײַנלאָזן זיך אין אַ געניויערן געשפּרעך.

— טרינק אויס אַ ביסל קוואַס, עס קילט. — מאַרפע האָט אָנגעגאָסן פונעם ליימענעם קרוג אין אַ בלעכענעם קענדל קוואַס און דערלאַנגט יאַקאָוון.

דער געטראַנק איז געווען אַ גוטער, ער האָט געקילט און אָפּגעפרישט.

— איך וועל נאָך אַ ביסל אַרויסגיין, — האָט ער געזאָגט אַזוי ווי אַ קינד, וואָס מע דאַרף אים געבן אַ דערלויבעניש.

— אָבער ניט אַף לאַנג, — האָט די אַלטע פרוי אים געבעטן, אַזוי ווי זי פלעגט בעטן איר פעדקען. — נעם אוועק אַניען פונדאָרטן און קומט צוריק. איך וועל ניט אײַנשלאָפן, ביז איר וועט ניט קומען. — אַזאַ טעווע איז באַ מיר — אויב ס׳פעלט עמעצער אין שטוב, קאָן איך ניט צומאַכן די אויגן.

— איר מעגט רויִק אײַנשלאָפן. אומבאַדינגט שלאָפט! — האָט יאַקאָוו קימאַט אַף אַ מיליטערישן אויפן באַפוילן.

איצט איז אָפּן גאַנעק פונעם דאָרפסראַט אויך שוין קיינער ניט געווען. דער וועג, וואָס שנײַדט דורך דעם דאָרף און וואָס איין עק זײַנער פירט צו די דערבײַיִקע דערפער און צו דער שטאָט פּרזשעוואַלסק, און דער אַנדערער עק — צו דער בײַגרענעץ־זאַסטאַווע, אַהין, צו די בערג, איז איצט געלעגן, ווי אַ מעס, אײַנגעהילט אין שוואַרצן. דער איינציקער מאָ־נאָטאָנער רויש, וואָס האָט זיך אַהער דערטראָגן, איז געווען פונעם נאָמענלאָזן באַרג־טײַכל. זײַנע שוימיקע וואַסערן האָבן געקלאַפּט איבער די שאַרפשפּיציקע שטיינער, און ס׳האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ערגעץ דאָרטן, באַ די האַרע־כּוישעך שטייט אײַנדערפינצטער אַ פרוי, אַן איישעס־כאַיל און מיט איר גאַנצער בערייִשאַפט און קראַפט קלאַפּט זי אויס אַף

די שטיינער א באַליע גרעט, וועלכע זי שווענקט דערנאָך אין טײַכל. יאַקאָוו איז געגאַנגען ווײַטער איבער דער גאַס. עס האָבן זיך צעבילט די הינט. די לעוואָנע איז ניט געווען. אַף וועמען זשע בילן זיי? דאָס גייט מיסטאָמע כאַנעלע. — האָט ער א קלער געטאָן, — ער הערט די הילכיקע קלאַפערײַ פון די קנאָפּל. נאָר אים האָט געדוכט, אז ער הערט נאָך עמעצנס טריט, און ס'האָט זיך אים געוואָלט פאַרקערעווען פון וועג צו א פּלויט, מע זאָל אים ניט דערזען.

כאַנעלע איז געווען אַליין.

— וואָס ביסטו אַנטלאָפן? — האָט זי אים געפרעגט. — איבערגעלאָזן מיך... אַזוי טוט מען דען?

יאַקאָוון איז געוואָרן פרײלעכער, גרינגער אַפן האַרצן. ער האָט זיך דערפילט אַזוי האָפערדיק, אז ער האָט זיך אפילו פאַרגונען צו שטעלן א פראַגע:

— ער האָט דיר געלאָזן, דער כאַסן־באָכער, גיין אַליין, ניט ארויס באַגלייטן?

— עס טוט מיר ווײ דער קאָפּ, פיר מיך אַפ אַהיים — האָט זי נאָר געזאָגט, אַנשטאָט צו ענטפערן אים אַף דעם, וואָס ער האָט געפרעגט.

ער האָט זי גענומען אונטער דער האַנט און א שטיקל וועג זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק, נאָר ווען זיי זײַנען דורך פאַרבײַ דעם קאָלווירטישן פלאַץ, ווו עס איז דער טויק און די טוווע־שפּײַכלערס, האָט כאַנעלע א זאָג געטאָן:

— אַך, נאַרעלע, נאַרעלע... איך האָב קיינמאָל גאָר ניט געקלערט, אז דו ביסט אַזאַ... אז דו קענסט זײַן אַזאַ, — דאַרפסט מיך איצט היטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ניט לאָזן באַנאַכט אומקערן זיך אַליין...

— האָסט מוירע?

— יאָ. איך האָב מוירע...

— פאַר וועמען?

אין דער פינצטערער נאַכט, א נאַכט אָן א לעוואָנע און אָן שטערן, אָן א מינדסטן לויכט פון א לעמפּל ערגעץ אין א פענצטער, האָט דאָס יונגע פאָרפאָלק געקוקט איינער אַפן אַנדערן אין פאַרגליווערטער וואַרטעניש. ער האָט געוואַרט אַף דעם, וואָס זי וועט ענטפערן אַף זײַן „פאַר וועמען?", זי האָט געוואַרט און ארויסגענומען זיך די אויגן צו זען אַף זײַן פּאָנעם דעם אײַנדרוק, וואָס דער ענטפער אירער וועט מאַכן אַף אים. זי האָט אויסגעהאַלטן א לענגערע פּויזע, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— וועסט זײַן, יאַנקעלע, א טאַטע...

אַלע פריידן און גליקן זײַנען אויסגעפאַלן יאַקאָוון דאַפקע אין מילכאָמע־צײַט, אינעם פאַרוואָרפענעם דאָרף אין קירגיזיע. דאָ האָט ער זיך פאַרליבט, כאַסענע געהאַט, און דאָס ווײַב, כאַנעלע, האָט אים געבוירן א זון, וועלכן זיי האָבן א נאָמען געגעבן מאָטל, מאָטעלע. ווען די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט, איז מאָטעלע געווען אַלט דרײַ יאָר. ס'איז געווען א שיין ייִנגעלע מיט געדיכטע שוואַרצע קוטשערלעך אַפן קאָפּ און מיט א גריבעלע אַף דער קין — כאַנעלעס גריבעלע.

...עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעעוואַקואַציע. וויפל מענטשלעכע פרייד און טרויער, וויפל נײַע זאָרגן, וויפל נײַע האָפענונגען, וויפל נײַע איבערלעבונגען און ווייטעקן האָט ארויסגערופן דאָס דאָזיקע שווערלעכע און האַמעטלעכע וואָרט — רעעוואַקואַציע!

די ערשטע האָט זיך רעעוואַקויִרט די ציין־דאָקטערשע יעווע לאַזאַרעוונע. מע האָט געפּרוווט זי אײַנריידן, אז זי זאָל בלײַבן.

— ניין, — האָט זי געזאָגט. — כ'וועל זיך אומקערן אַהין, פונוואַנען איך בין געקומען.

גיטע באַרגמאַן האָט ניט אַזוי גרינג געקאָנט באַשליסן בא זיך — אוועקפאָרן צי ניט אוועקפאָרן. וויאַזוי קאָן זי אוועקפאָרן, אויב איר מאַן, מענדל, בלײַבט דאָ? אינדערנאָענט פון אוקראַיִנישן צווינטער און ניט ווײַט פון קירגיזישן פעלד, גלײַך הינטער די יורטעס איז צוגעקומען א בערגעלע פון א ייִדישן קייווער. טאָג נאָך טאָג איז גיטע געגאַנגען און גע־ווײנט אַף מענדלס קייווער און געבעטן אים, ער זאָל איר מויכל זײַן, וואָס זי פאַרלאָזט אים.

פון די עוואַקויִרטע איז נאָך געבליבן אין דאָרף די פאַמיליע זילבער — יאַקאָוו מיט כאַנען און מיט זייער קינד, און כוץ זיי איטשע פון וואַרשע. אַלץ אָפּטער האָט איטשע ארופגעכאַפּט זיך אַף א פור, וואָס איז געגאַנגען קיין פרזשעוואַלסק, און יעדן מאָל האָט ער זיך אומגעקערט פונדאָרטן אָן אופגעהייטערטער. ער האָט דערציילט:

— אַלע פּוילישע קליַיבן זיך אין וועג אַריַין, מע האָט שוין דערלויבט די רעעוואַקואַציע, מע זיצט שוין אַף די פּעקלעך.

— אָבער איך בין דאָך ניט פון פּוילן, — איז יאַקאָוו געווען אַזוי ווי גליַיכגילטיק צו יענעמס רייד.

— איַיער כאַנעלע איז פון געוועזענעם פּוילן, און איר זיַיט כאַנעלעס מאַן, — קאָנט איר אַרויספאָרן, — האָט איטשע דערוויזן. — מיר וועלן זען, וואָס עס טוט זיך דאָרטן, — האָט ער וויַיטער גערעדט. — וועט אונדז ניט געפעלן ווערן, וועלן מיר אוועקפאָרן פון פּוילן — קיין פראַנקריַיך, קיין ענגלאַנד, קיין אַמעריקע. פונדאָרטן לאָזט מען אַרויס — ס'איז אַ פריַיע וועלט. וואָס צווייפלט איר? וואָס האַלט איַיך דאָ? די קירגיזישע יורטעס האַלטן איַיך? זייערע איַיזלען מיט די בורדיוקעס? איר זיַיט דאָ געבוירן געוואָרן, איר זיַיט דאָ אויסגעוואַקסן?

— איך בין דאָ ניט געבוירן געוואָרן און ניט אויסגעוואַקסן, נאָר...

— וואָס נאָר? אַדרעבא, זאָגט מיר, וואָס נאָר?

— כ'האָב דען עפּעס צו פּוילן? — האָט יאַקאָוו אַזוי ווי זיך פאַרענטפערט. — נאָר אוועקפאָרן אַף שטענדיק?.. כ'האָב זיך ניט ווו צו רעעוואַקוירן, איך בין אין דער היים.

ווען כאַנעלע איז געבליבן אין שטוב זאַלבעצוויַיט מיט יאַקאָוון, האָט זי געזאָגט:

— אויב דו ווילסט בליַיבן און דאַרפסט מיך ניט, וועל איך פאָרן אָן דיר, איך וועל פאָרן אַליין, דאָס הייסט, ניט אַליין, נאָר מיטן זון.

— דער זון איז אויך מיַינער.

— אָבער פריִער איז ער דער מאַמעס. באַ וועמען דו וועסט ניט פרעגן, וועט מען דיר זאָגן, אַז ער דאַרף בליַיבן באַ דער מאַמען. ער איז אַלט דריַי יאָר און ער בייטיקט זיך אין אַ מאַמען.

— און אין אַ טאַטן אויך.

— אַוודאי, אין אַ טאַטן אויך, — אָבער דערוויַיל קען ער נאָך אָן מיר ניט אויסקומען.

יאַקאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז גערעכט, נאָר ער האָט ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי־אַזוי וועט ער לעבן אָנעם קינד, ער וועט אים ניט זען, ניט קענען אַ רוף טאָן אים, ניט האָבן די מעגלעכקייט אים אַרומצונעמען. און ווי־אַזוי וועט ער זיַין אָן כאַנעלען? קיין גרויסער שאָלעם־באַיִס איז, עמעס, ניט געווען צווישן זיי, אָבער ער האָט זי ליב. דאָס ווייסט ער. און זי — אים?

יעדעס מאָל, ווען איטשע פאָרט אין שטאָט, דאַרף שוין אויך אַהין פאָרן כאַנעלע. מע האָט זיי געזען דאָרטן שפּאַצירן אין שטאָטישן גאָרטן, אין איַינפאָר־הויז זיַינען זיי געקומען שפּעט אין אָוונט און געזעסן אַ ציַיט אַפן גאַנעקל... געליובעט זיך. ווען מע האָט די ניַיס אָפּגעטראָגן יאַקאָוון, האָט ער געוואָלט אופזעצן זיך אַפן פערד און פיַיל־אויסן־בויגן אוועקפליִען אין שטאָט און הארגענען זיי ביידן — עס האָט אין אים געקאָכט. דערנאָך האָט ער זיך באַמיט אָפּצוקילן. אַ סוואָרע, אַז זי האָט אים קיינמאָל ניט ליב געהאַט, זאָל זי שוין בעסער אוועקפאָרן און אויס, אַרויסגעריסן פון האַרצן. און מיַין ייִנגעלע, מאָטעלע? — האָט אים נאָך מער צונויפגעקלעמט דאָס האַרץ פונעם געדאַנק, אַז ער וועט מוזן אויך צעשיידן זיך מיטן קינד.

...די זעלבע אַלטע אויסגעדינטע שיף, אַף וועלכער כאַנע איז אינעם ערשטן מילכאָמע־יאָר געקומען צו פאָרן פון ריבאַטשי קיין פרזשעוואַלסק, די זעלבע שיף האָט זי איצט ווידער אָפּגעפירט קיין ריבאַטשי. פונדאָרטן איז דער וועג געווען — קיין פרונזע און וויַיטער — קיין מאָסקווע, און פון מאָסקווע נאָך וויַיטער — קיין פּוילן.

פאַרן אָפּפאָרן האָט יאַקאָוו אָנגעמאָלט מאָטעלעס פּאָרטרעט. דאָס בילד האָט ער אופגעהאַנגען באַ זיך אין צימערל. ער האָט אָבער איַינגיכן עס אַראָפּגענומען פון דער וואַנט. ווען ער האָט געקוקט אַפן פּאָרטרעט, האָבן מאָטעלעס אויגן אַזוי ווי זיך איַינגעזויגן אין אים און דערמאָנט, געמאָנט, געהאַט עפּעס אַ ניט־אַרויסגעזאָגטע קינדערשע טיַינע צו אים, צום טאַטן...

וויפל יאָר איז אוועק זינט יענער צעשיידונג מיט כאַנען און מיטן קלייניטשקן זון? כאַנע איז מיטן קינד אין אַ געוויסער ציַיט אַרום אַרויסגעפאָרן פון פּוילן קיין קאַנאַדע, ווו ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אירס אַ שוועסטערקינד. זי האָט דאָרטן כאַסענע געהאַט פאַר ניט קיין ריַיכן מענטשן, אַ מעקלער און מיט דער הילף פון אירע קרויווים און זיַינע קרויווים האָט דעם פאַרפאַלק מיט דער ציַיט זיך איַינגעגעבן איַינצושאַפן אַן אייגענעם מאַגאַזין, אַ קליידער־קאָנפעקציאָן. דער געשעפט איז געגאַנגען ווי אַמאָל — אַמאָל ערגער, אַמאָל בע־

סער, די פאַרנאָסע האָט מען זיך אויסגעשלאָגן. איינמאָל האָט יאַקאָוו אומגעריכט געקראָגן פון זײַן געוועזענעם ווײַב א פּאָסילקע, אַזוי ווי אַן אָרעמער קאָרעוו. די מאַטאָנע האָט אים פאַרשאַפן אַגמעסנפעש. די וואַרעמע לײַבלעך און זײַדענע פאָרלעך גרעט, וואָס זײַנען געווען אין קעסטל, האָט ער ניט אָנגעטאָן, אים האָט געדוכט, אַז זיי זײַנען אַראָפּגענומען פון א פרעמד לײַב. ער האָט אין א קאַטעגאָרישן טאָן אָנגעשריבן, אַז קיין שום פּעקלעך זאָל מען אים ניט שיקן.

זאָגן, אַז ער האָט זיך דעמלט, אין יענער צײַט, אין גאָרנישט ניט געניײטיקט, וועט ניט זײַן עמעס. פון קאָלווירט איז ער אַוועק, קעדיי אויסשליסלעך פאַרנעמען זיך מיט מאָלערײַ — עס האָט אים צו דעם זייער שטאַרק געצויגן. מע האָט אײַנגעאָרדנט אין דער שטאָט פּרזשעוואַלסק זײַנע א בילדער־אויסשטעלונג, זי איז דורך מיט היפּשן דערפאָלג, מע האָט וועגן איר געשריבן אין דער אָרטיקער צײַטונג, געגעבן דאָרטן דעם מאָלערס פּאָרטרעט און צוויי רעפּראָדוקציעס פון די געמעלן. די זעלבע אויסשטעלונג האָט מען דערנאָך אויך געוואָלט אײַנאָרדענען אין פרונזע, נאָר יאַקאָוו האָט צום גרויסן וווּנדער פון די אײַנאָרדנער ניט געגעבן דערויף זײַן האַסקאָמע. ער האָט זיך באַטראַכט, אַז מע וואָלט ניט געווען אַזוי אַנציקט און מע וואָלט ניט אַזוי געלויבט די בילדער, ווען ער זאָל ניט זײַן קימאַט א בלינדער און ניט האָבן פאַרלאָרן די ריזע אַף דער מילכאָמע. מע לויבט אים א סאַך מער אַלס א גוטן קאָלווירטניק און אַלס א געוועזענעם סאָלדאַט, איידער אַלס א גוטן קינסטלער. א מענטש א שטאָלצער, אַזאַ, וואָס פאַרטראָגט ניט דעם מינדסטן בײַטאַם פון א להאָטע, וועלכע מע גיט אָפּטמאָל ניט צוליב די עמעסע פאַרדינסטן, נאָר צוליב אַנדערע טײַמים, האָט ער מיטאַמאָל באַ זיך באַשלאָסן, אַז קיין איין בילד זײַנס, וואָס ער האָט ביז איצט אָנגעמאָלט און וואָס מע לויבט עס אַזוי, האָט ניט די ווערט, אַז מענטשן זאָלן אַף דעם קוקן. דאָס גוטע בילד דאַרף ער נאָך ערשט אָנמאָלן. די פריִערדיקע זײַנען מינדערווערטיקע, טויגן ניט און מע טאָר זיי קיינעם ניט ווײַזן. אינעם צימער, ווו ער האָט געאַרבעט, האָט ער ניט גערן אַרײַנגעלאָזט אַפילע די נאָענט־באַקאַנטע.

— ניטאָ וואָס צו זען, — האָט ער זיי אָפּגערעדט. — ס'איז גאָרנישט מיט נישט...

א געוויסע צײַט האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו מאָלן בילדער. ער האָט גענומען מאָלן פּלאַקאַטן, וואָס עס באַשטעלן פאַרשיידענע מיניסטעריִומס און אַמטן צוליב זייערע ענג־פראַפעסיאָנעלע צוועקן, ער האָט זיך אַריבערגעקליבן פון קירגיזיע קיין גאָרקי, און דאָ איז ער געווען באַשעפטיקט אין אַן אַנשטאַלט, וואָס רופט זיך „קאָמבינאַט פאַר קינסטלערישער אַרבעט”. פאַרדינט האָט ער גאַנץ גוט. א געוויסע צאָל פּלאַקאַטן, וואָס הענגען אַף די אײַזנבאַן־סטאַנציעס, זײַנען געווען זײַנע. די פּלאַקאַטן וואָרענען די פּאַסאַזשירן, מע זאָל ניט לויפן, ניט שפּרינגען, האָבן געדולד און אויסוואַרטן, ביז עס וועט דורכגיין דער פּאָיעזד, ניט קריכן אונטער די רעדער. אָבער וועלכער פּאַסאַזשיר האָט עס צײַט צו קוקן אַפן אָנגעמאָלטן בלעכל, בייס ער אײַלט אינדערפרי אַף דער אַרבעט און אין אָוונט פאָרט ער אַהיים נאָך דער אַרבעט? יעדערער איז פאַרטאָן, פאַרטראָגן און די ווערטער פון פּלאַקאַט: «Что тебе дороже — жизнь или сэкономленная минута?» האָבן בא אַזאַ פּאַסאַזשיר א שפּײַ די ווערט. ער האָט ניט קיין צײַט זיי איבערצולייענען, ער האָט ניט קיין צײַט א קוק צו טאָן אַפן פּלאַקאַט, ווו עס איז אָנגעמאָלט א לאָקאָמאָטיוו, וואָס רײַסט זיך אַרויס פון א שוואַרצן טונעל, אַזוי, ווי פון געהענעם, און טראָגט זיך מיט די פײַערדיקע פּאַרעס גלײַך אַפן יונגנמאַנטשיק, וועלכער גייט איבער די רעלסן, אָן אויסגעפּוצטער, אין א פּעטראָווע הוט אַפן קאָפּ, און מיט בלאַנקענדיקע טופל אַף די פיס. די אויסגעפּרעסטע הויזן, די שקאַרפּעטן פינקלען און לויכטן. ער ווייסט ניט, דער אויסגעטראָצלטער פאַרשוין, אַז אין א מינוט, אין א רעגע אַרום וועט פון אים ווערן א מאָטשינקע. יאַקאָוו האָט באַמיט זיך צוצוטראַכטן עפּעס נײַס, אַזעלעכס, וואָס ווי מע זאָל ניט זײַן פאַרטאַראַראַמט, פאַרכושט, צעיאָצט, זאָל מען מוזן א קוק טאָן אַף זײַן פּלאַקאַט, און כאַפּנדיק א קוק, צוריקהאַלטן דעם טראָט, פאַרלאַנגזאַמערן דעם גאַנג, ניט לויפן דעם אומגליק אַנטקעגן. ווער דאַרף די פּעטראָווע הוט, די שיינע שקאַרפּעטן? זיי צעשפּליטערן נאָר די אויפמערקזאַמקײַט, ווענדן אָפּ פונעם איקער. עפּשער וועט מער ווירקן, אויב מע זאָל אָנמאָלן א מענטשלעכן קנויל, א צעשניטענעם קערפּער, אַן אָפּגעשלײַדערטן פון די שפּאַלעס?

אינעם קינסטלערישן ראַט, וואָס שאַצט אָפּ די אַרבעט, לויט וועלכער קאַטעגאָריע אָנצונעמען זי און צו באַצאָלן פאַר איר — לויט דער העכסטער קאַטעגאָריע, לויט דער מיטלסטער, צי לויט דער נידעריקסטער, אָדער עפּשער אינגאַנצן אָפּוואַרפן, זײַנען די מיינונגען וועגן יאַקאָוו זילבערס נײַע פּלאַקאַטן געווען פאַרשיידענע.

— די עקספּרעסיע איז גוט, נאָר צוליב וואָס דאַרף מען אָנוואַרפן אַזויפיל גרויל און

שרעק? צוליב וואָס דאַרף מען פּאַטערן די שטימונג בא מענטשן, וואָס גייען צו דער אַר־בעט? — אַזוי זאָגט פיאָדאָר מאַרטינאָוויטש מאַרטשוק, אַ קינסטלער, וואָס זײַנע פּייזאַזשן זײַנען שטענדיק באַלויכטן און דורכגעוואַרעמט פון דער זון, אַפילו דאַן, ווען די זון איז ניטאָ. מע פילט זי, די זון, ווען זי איז אויך פון יענער זײַט האָריזאָנט. די טײַנע זײַנע צו יאַקאָוו זילבערן, מיט וועמען ער איז אין גוט־פרײַנטלעכע באַציִונגען, ברענגט פיאָדאָר מאַרטינאָ־וויטש אַרויס שטיל, טמימעסדיק, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער קאָן ניט גיין קעגן געוויסן און מוז זאָגן דאָס, וואָס ער מיינט.

— וואָס זשע, איר האַלט, פיאָדאָר מאַרטינאָוויטש, אַז מע טאָר ניט אָנרירן באַם צושוּיער די נערוון, מע דאַרף אים ווײַזן אַן אידיליש בילד? — דערווידערט אַ צווייטער מיטגליד פון ראַט, וויקטאָר וואַסיליעוויטש, אויך זייער אַ גוטער קינסטלער, אַ פּאָרטרעטיסט, וואָס איז שוין אויסגעוועזן אַף אַלע גרויסע זאַוואָדן און בויונגען פונעם לאַנד, און ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער איז שוין אַן אַלטער מאַן, פאָרט ער נאָך אַלץ אַרום אין דער באַגלייטונג פון זײַן טרײַער טאָכטער אַדע. איצט האָט ער זיך באַזעצט, און ווי ער זאָגט, שוין אַף שטענדיק מיט זײַן טאָכטער אַדען אין גאָרקי, ער מאָלט די מענטשן פון סאָרמאָווער שיפּבוי־זאַוואָד און פון גאָרקער אויטאָמאָביל־זאַוואָד.

— מיר ווייסן אַלע, — זאָגט וויקטאָר וואַסיליעוויטש, — אַז יאַקאָוו זילבער איז אַ פּעיִקער קינסטלער און אײן וואָס פּאַר אַ זשאַנער ער זאָל ניט אַרבעטן, זוכט ער זײַן אייגענע פּאַ־ליטרע, זײַן אייגענעם צוגאַנג, זײַן אייגענע זעונג. מיר געדענקען גוט די מילכאָמע־בילדער, וואָס ער האָט געמאָלט. מיר זעלבסט האָט אַפילו געדוכט, אַז ער איז אַ באַטאַליסט, זײַן באַרוף איז מאָלן גרויסע לײַוונטן. איך האָף, מיר האָפן אַלע, אַז ער וועט נאָך אַרבעטן אויך אין זײַן פּריִערדיקן זשאַנער און ער וועט אונדז אַלעמען דערפרייען. ביז איצט שטייט מיר פאַר די אויגן דער פּאָרטרעט פונעם מיידל — די סאַניטאַרקע אַפן פראָנט. איך האָב עס געזען מיט יאָרן צוריק אַף אַן אויסשטעלונג און ס׳איז בא מיר פריש אין זיכּאָרן. ער איז אַ קינסטלער, וואָס זוכט קעסיידער אַ נײַעם קער, אַ נײַעםווענד.

— אוודאי, — איז מאַרטשוק מאַסקים, — אָבער אין זײַנע פּלאַקאַטן, דוכט מיר, פּאַר־לירט ער די מאָס. די וועלט ווערט בא אים פּאַרוואַנדלט אין אַ שטיק כאַאָס, אין אַ קנויל.

— אַ פּרווו קאָן מאָפּל זײַן, קוקנדיק אַף אַזעלכע גרוילן, — דערהערט זיך די שטים פון אַ דריטן מיטגליד פון ראַט, וואָס טרעט קיינמאָל ניט אַרויס, וואַרפט נאָר רעפּליקעס פון אָרט. די אַמפּערניש אין ראַט האָט ניט קיין ווענזנטלעכן פּראַקטישן באַטײַט. דעם פּלאַקאַט נעמט מען צו, ער ווערט אָפּגעשאַצט לויט דער הויכער קאַטעגאָריע, און יאַקאָוו מעג זײַן צופרידן, נאָר עס עסט אים און נאָגט אים אַ גוואַלדיקע אומצופרידנקײַט מיט זיך.

— דער פּלאַקאַט־צעך האָט געקראָגן אַ גרויסע באַשטעלונג פון דער הויפּט־פּאַרוואַל־טונג פון די פּײַערלעשער, — גיט צום שלוס צו וויסן דער פּאַרזיצער פונעם ראַט.

— די סרייפעס דאַרף מען אויך מאָלן מיט אַ מאָס, — האַלט זיך באַם זײַניקן מאַרטשוק, — דאָס קינד טאָר ניט ווערן פּאַרברענט, מע דאַרף עס אומבאַדינגט ראַטעווען. עס דאַרף ניט מאַכן דעם אײַנדרוק פון אַ גרויסער טראַגעדיע...

— און פון הוילן פּעסימיזם, — גיט צו איראָניש וויקטאָר וואַסיליעוויטש. — דאָס פײַער דאַרף נאָר עטוואָס אַרומלעקן די ווענט און ניט דערגיין ביז צו די פענצטער. ווײַטער אַ ביסל דאַרף זײַן אָנגעמאָלט אַ פּילשטאָקיקער מויער, וואָס לײַכט און שײַנט...

נאָך איינער אַזאַ זיצונג, ווען יאַקאָוו, ווי געוויינלעך, די לעצטע צײַט, זייער אַן אומ־צופרידענער מיט זיך, קימאַט אַן אַנטוישטער אין זײַנע מעגלעכקײַטן, האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אַ שכיינע אים אַרײַנגעטראָגן די טעלעגראַם, וואָס מע האָט געבראַכט נאָך מיט דרײַ שאָ צוריק, ווען ער איז ניט געווען אין שטוב.

„איך פאָר מיט דער שיף „דעלפין“, — האָט ער דורכגעלייענט אין דער טעלעגראַם. — מאָרגן אַכט אינדערפרי וועל איך זײַן אין גאָרקי. דײַן זון מאַקס“.

די טוריסטן זײַנען געשטאַנען אַף די פּאַלובעס און געקוקט אַף דער שטאָט גאָרקי, וואָס מע רופט זי — די הויפּטשטאָט פון דער וואָלגע. די שטאָט האָט מיט יעדער מינוט אַלץ מער זיך דערנענטערט. מע האָט שוין גוט געזען דעם קרעמל מיט זײַנע רויטע שפּיציקע טור־רעמס און גראָבע ווענט — ס׳איז איינער פון די קרעמלס, וועלכע מע האָט מיט הונדערטער יאָרן צוריק געבויט אין פּאַרשיידענע רוסישע שטעט, וואָס האָבן געדאַרפט זיך באַוואָרענען פון פאַרשיידענע מעגלעכע פײַנטלעכע אָנפאַלן. מע האָט געזען די טרעפּ, וואָס פירן צום טײַך און די ביניאַנים, וואָס הייבן זיך אַלץ מער אַרויף־צו. הייכקײַט איז, מאַשמאָעס, דער גרונט־שטריך פון גאָרקי. הויך איז דער וואָלגע־ברעג, זייער הויך איז דער טײַך־וואָקזאַל,

הויך איז דער קרעמל, הויך און אָן א צאָל זײַנען די טרעפּ, און הויך, פּילשטאָקיק זײַנען די שטאָטישע מויערן. ס׳איז א שטאָט, וואָס רײַסט זיך פון וואסער צום הימל.

דער זעלבסטעטיקער שיף־אָרקעסטער האָט געשפּילט און די טוריסטן — די אויסלענדישע — נאָר מיטן ניגן, די אונדזעריקע — אויך מיט די ווערטער האָבן געזונגען:

Под городом Горьким,
Где ясные зорьки,
В рабочем поселке
Подруга живет.

און ווען די שיף איז שוין גאָר נאָענט געווען צום וואָקזאל, האָט מען מיט נײַגער געקוקט, ווי׳אזוי איינער פון די טוריסטן — דאָס איז געווען מאקס זילבער — האָט זיך אריבערגעבויגן איבער דער פּאָרענטש פון דער פּאלובע און געפאָכעט מיט דער האנט צו אן עלטערן מאנצבל, וואָס איז געשטאנען באם דעבארקאדער, אין א גרינעם זומער־מאנטל און אין א גרינער הוט, דער הוט איז געווען א ביסל מער אראָפּגעלאָזן, ווי ס׳וואָלט געוואָלט פארשטעלן דאָס אויג. ס׳איז געווען צו מערקן, אז פארן עלטערן מאן אפן ברעג און פארן יונגן פּאסאזשיר אף דער פּאלובע גערויערט אן אייביקײַט, ביז די שיף שטויסט זיך צו צום ווענטל פון דעבארקאדער און מע פארווארפט די שטריק אף די קנעכט. נאָר אָט האָט מען שוין אוועקגעלייגט דעם טראַפּ, און דעם ערשטן האָט מען דורכגעלאָזט מאקסן.

— טאטע!

— זון מײַנער!

סאָף קומט

די גאַנצע וועלט אין שײַן

רײַפקײַט

א בארנבוים לויכט, ווי א הימל מיט שטערן,
די דאָרפישע ייִנגלעך באפאלן אים גערן.
פון פעלדער — שוין פאזשניעס[1] מיט נעפל פארצויגן,
די סעדער די קופּערנע שטייען געבויגן.

פאר קינדער — א ראכוועס אף צענדליקער ווערסטן,
פון ייִנגלעך דער פלינקסטער איך בין און דער ערשטער.
אף בארנבוים קלעטער איך, קלעטער און קלעטער,
און ס'שיטן זיך בארן איניינעם מיט בלעטער.

אַט שפרינג איך אראָפּ, און אַט קלעטער איך ווידער,
די צווײַגן א כאפּ און א בייג אין דער נידער.
מע האָט אין די פעלדער שוין אלץ אופגעקליבן
און ווייניק איז צײַט שוין ביז ווינטער געבליבן...

מיט אײַך צוזאמען

גאָר ניט גוט און גאָר ניט שיין
איז אין שטוב צו זיצן,
ריידן נאָר מיט זיך אליין,
ווערטלען זיך און וויצלען.

גאָר ניט שיין און גאָרניט פײַן
האלטן זיך באם צימער.
פון פארפרי ביז נאכט־ארײַן,
מאָרגן, הײַנט און אימער.

כ'גיב אײַך אָפּ דאָס פולע רעכט,
כ'מעלד, ווי איר, אנטשיידן:
זײַן אליין איז זייער שלעכט,
וואָס איז דאָ צו ריידן?

סײַ אין צימער, סײַ אין גאס,
ווו זאָלסט זיך ניט קערן,
סײַ אין ערנסט, סײַ אין שפּאס —
איינעם ווער וועט הערן?

און דערפאר, וואָס ס'זאָל ניט זײַן,
וועל איך זיך ניט זאמען:
ניכטער פאלן, צי פון ווײַן,
נאָר מיט אײַך צוזאמען...

ייִמאך שמוי

ווילסטו אופריכטיק געפינען
פאר דײַן פאָלק און פאר דײַן זינען
ליכטיק־לויכטנדע פּאָעמעס, —
דענסטמאָל זינג דעם ריינעם עמעס.

דענסטמאָל ווינטש דעם מערדער ווײַ,
ייִמאך שמוי.

ווו דער פײַנט זאָל זיך ניט קערן,
זײַן זאָל שווערער אים און שווערער,

[1] פאזשניעס — אופגעקליבענע פעלדער.

שטרויכלונג זאָל דעם טראָט אים היטן,
אָפּהאַקן אים גרייט אינמיטן
און פאַרדעקן אים מיט שניי,
יימאַך שמוי.

אָפּגעמערקט זײַן נאָמען ווערן
זאָל מיט שאַנד אונטער די שטערן.
ווו ס'איז פרייד און זון און ווּנסע,
זאָל דער שאָטן זײַן פאַרגעסן.
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
יימאַך שמוי.

לעבן מוז איך

לעבן וויל איך,
לעבן דאַרף איך,
לעבן מוז איך
אומבאַדינגט.
ווו די קינדער,
דאָרטן בין איך,
דאָרטן בין איך,
ווו די יוגנט,
דאָרט איך זינג.

און ווו ס'קלײַבן
אויף זיך זקיינים,
כ'בין א זאָקן,
גרוי און אַלט.

נאָר ס'וועט קיינמאָל,
מיר די יוגנט
ניט פאַרוווערן
איר געשטאַלט.

ריין, ווי זילבער,
ווי די סטרונעס,
אייביק פּילבאַר,
הילכט זי, קלינגט.

לעבן וויל איך,
לעבן דאַרף איך,
לעבן מוז איך
אומבאַדינגט.

ברידער, לאָמיר שטענדיק שפּאַנען

ווינטער ווייבען ווײַסע ווינטן,
גריבע זאַנגען זינגען זומער.
גרויסט זיך, פרייט זיך, מענטשן־קינדער,
וואָס איר זײַט אַף דר'ערד געקומען.

אַף דער ערד, ווו ווינטן ווייען,
מענטשן גייען און פאַרגייען.

ריי נאָך ריי, גאָר אָן אָן אָפּהאַלט,
יונג און אַלט, אין גאַנג פון דורעס,
דרייסט דעם קאָפּ האַלט, שטאָלץ דעם קאָפּ
האַלט
קעגן יעדן ווונד און ווײַ־ריס.

כ'קום מיט דיר אהער צוזאַמען,
זײַן דאָ, זייען, טראָגן, פלאַמען,
און מיך מונטערט, וואָס א רעגע
אַף דער ערד האָט אויך מײַן טײַנע
אָפּגעקלונגען איבער וועגן,
איבער וואָך און יאָמטעוו מײַנעם.
ווי די ערד, מײַן בענקשאַפט אַלט איז,

ווי די יוגנט, איר געשטאַלט איז,
ווי דער שניי, פליט שנעל די יוגנט,
טראָגט זיך גיך אַדורך, צעטײַעט,
און אין האַרץ, נאָך אומבאַנוגנט,
בלײַבט דער דראַנג, און ברענט און פײַערט.

טיפסטע טיפן, העכסטע הייכן
וויל איך מיט מײַן מוט דערגרייכן.
אַז די רעגעס, — בליצן פלינקע, —
זאָלן זיך מיט מיר ניט שיידן.
ריידן נאָר, ניט אויסצווזינגען,
זינגען נאָר, ניט אויסצורייידן;
אַז זיי זאָלן אין די ווײַטן
בײַטנדיק, זיך גאָרניט בײַטן,
נאָר פאַרבלײַבן, ווי פאַראַנען,
ווי די פונקען זיך פאַרהיטן, —
ברידער, לאָמיר שטענדיק שפּאַנען,
שטענדיק שפּאַנען אינדערמיטן.

אינדערמיט, ווו בלוטן זיידן,
און מיט דעם שוין זײַן צופרידן...

פליט א פייגל

אייגל, בייגל, זייגל, טייגל,
פליט אין מיטן טאָג א פייגל.
וווּהין פירט דײַן שטעגעלע,
זעץ זיך צו א רעגעלע.

כ'האָב קיין צײַט ניט אָף צו זיצן,
מײַנע רעגעס, ווי די בליצן,
ניט צו וועגן, ניט צו מעסטן,
פרילינג דארף מען בויען נעסטן.

נעסטן דארף מען טייקעף בויען,
ווײַל ניט לאנג די הימלען בלויען,
ס'קומט נאָך פרילינג זומער אָן,
איך בין א פארנומענע.

יאָ, די ווּסנע וועט אנטרינען,
און אין איינעם א באגינען
וועט דער זומער אויך ניט ווערן,
דארף מען שוין צוריק זיך קערן.

אייגל, בייגל, זייגל, טייגל,
פליט אין מיטן טאָג א פייגל...

אלפי־כעזשבן

אלפי־כעזשבן, אלפי־דיך,
דארפן זײַן שוין פעלדער גרין.

יוירן דארף דער קליאַן מיט קוואָס,
זאפט דארף אָנפילן די פאס.

פייגל פריילעכע אין נעסט
דארפן ווארטן שוין אָף געסט.

און די גאנצע וועלט אין שײַן
דארף שוין מונטער־גליקלעך זײַן.

בעסער זײַן שוין אָף דער ערד

און דער זיידע מיט דער באָבען,
ווי געניטע, אלטע ראָבן,
זיצן אָפן שוועל און הערן,
וואָס עס ריידן פּיאָנערן.

וואָס אן ערעך קענען ריידן
פּיאָנערן שטילערהייט,
אז דער באָבען מיטן זיידן
זאָלן אָנשטיין אָט די רייד?

וועגן ערדן, וועגן הימלען...
הערן זיי באנאנד און דרימלען,
און זיי גלויבן און ניט גלויבן,—
זיך אין קאָסמאָס אופגעהויבן!

אויב עס זײַנען טאקע עמעס
אָט די רייד, ניט קיין טומאַן,—
די גאנײידנס און די גענעמס
ווו זאָל מען אהינטאָן דאָן?

ס'איז דאָ זײַן זיי קנאַפּ פארבליבן,
האָבן זיי אהין געקליבן
זיך אין געטלעכע פאלאצן.
פלוצלינג — אלע טרוימען פלאצן.

וואָס מיר הימלען, ווער גאנײידן?
וואָס באשערט, זאָל זײַן באשערט,—
און די באָבע זאָגט צום זיידן:
בעסער זײַן שוין פראָסט אָף דר'ערד.

וואָס הייסט ווארטן?

איך וויל אויסזינגען די ליד פון צארטן,
אומגעדולדיקן און הארטן,
אײַנגעשפּארטן
ווארטן...

ווארטן הייסט ניט — די מעסלעסן,
טיילן, ציילן און צעדרעשן,
פיל פארלעשן,
פיל פארגעסן...

ווארטן הייסט — מיט אומרו דענקען,
שטערונגען אין וועג צעשווענקען,
גוטס פארהיטן,
שלעכטס ניט שענקען,
בענקען...

„סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט שוין ניט איין מאָל באַקאַנט די לייענער מיט דער שאַפונג פון שרײַבער פון דער פּילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. דאָס מאָל פאַרעפנטלעכן מיר סערגיי באַרוזדינס און דינע קאַלינאָווסקעס דערציילונגען (פון רוסיש) און די לידער פון א רײ דיכטער, וועלכע לעבן און שאַפן אין אָדעס (איוואַן ריאַדטשענקאָ, איגאָר נעווערּאָוו, אַלעקסאַנדער אַווואַראָוו און איזמאַיל גאָרדאָן שרײַבן אַף רוסיש, וויטאַלי בערעזינסקי, וולאַדימיר העטמאַן, סטאַניסלאַוו סטריזשעניוק און וולאַדימיר איוואַנאָוויטש — אַף אוקראַיִניש).



סערגיי באַרוזדין איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע אין 1926. אין 1941 הייבט ער אָן אַרבעטן אין א סאָווירט, דערנאָך אין דער דרוקערײַ „מאָסקאָווסקי באָלשעוויק“. פונדאַנען גייט ער אַוועק אַפן פראָנט, און אַלס אויסשפּירער פון אַן אַרטילערישער טייל מאַכט ער דורך דעם וועג ביז פּראָג און בערלין.

נאָך דער מילכאָמע פאַרענדיקט ס. באַרוזדין דעם ליטעראַרישן אינסטיטוט אַף מ. גאָרקיס נאָמען און לאָזט אַרויס אין 1950 צוויי ביכער פאַר קינדער. פון דעמלט אָן דערשײַנען פיל זײַנע ווערק, וועלכע זײַנען איבערגעזעצט אַף העכער 50 שפּראַכן פון די פעלקער פון ססר און פון אויסלאַנד.

סערגיי באַרוזדין איז דער אַוטאָר פון די פּאָעטישע זאַמלונגען „די פּיִאָנערישע פאָן“, „ווער האָט אויסגעבויט דאָס הויז“, „ווער עס לערנט זיך הײַנט“, פון די פּראָזאַיִשע ווערק „וועגן סוועטלאַנען“, „לאַסטאָטשקין דער ייִנגערער און לאַסטאָטשקין דער עלטערער“ און אַנד. לעצטנס איז דערשינען זײַן ראָמאַן „דאָס איבערגעכאַזערטע פונעם פאַרגאַנגענעם“ און דער בוך „דער — ציילונגען וועגן פרויען“.

ס. א. באַרוזדין איז דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו“ („פעלקער־פרײַנטשאַפט“).

די דערציילונגען „די באָבע מאַשע“, „מוזיק“, „די לעוואָנע און די זון“ און „יאַן־וואַניטש“ דרוקן מיר הײַנט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שרײַבערס 50־טן געבורטסטאָג.

מיר באַגריסן האַרציק סערגיי באַרוזדינען און ווינטשן אים געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

סערגיי באַרוזדין

די באָבע מאַשע

די שפּעטע עלעקטריטשקע גייט לעם דעם ברעג פונעם יאַם. פון דעם וואַרעמען יאַם, אַפילע איצט, אין נאָיאַבער. פון איין זײַט — דער יאַם, פון דער צווייטער — פאָרשטעט און בערג, וועלדער און ווידער פאָרשטעט. עס שעמערירן פײַערן, הײַנט אָפטער, ווי אין געוויינלעכע טעג, און איבערן יאַם הענגען, שווימען שטיל וווּנדערבאַרע וואָלקנס. איינעם מיטן הימל זעען זיי אויס, ווי א בילד פון אַן אומבאַוווּסטן מאָלער, ווײַל קיינער פון די באַוווּסטע וועט זיך ניט וואַגן אָנמאָלן אַזאַ פּראַכט.

וואָלקנס שוואַרצע, לופּטיקע, גרויע. גרויסע וואָלקנס און פּיצינקע וואָלקנדלעך, גאָר קלייניקע, עטוואָס גרעסערע, אומגלויבלעך לאַנגע, ווי מע וואָלט זיי אויסגעוואַלגערט און

אויסגעצויגן אזוי אומנאַטירלעך. צוליב וואָס? עפּשער, קעדייַ פאַרווייַלן די מענטשן? אָדער צוליב דער אויסטערלישער שייַנקייַט? און עפּשער גלאַט אַזוי?

פונעם וואַגאָן־פענצטער האָט מען געזען די וואָלקנס — איינעם מיטן הימל און מיטן יאַם, מיט די שפּליטערס פון דער פאַרגייענדיקער זון און פון דער בלייכער קאַלטער לעוואַנע, מיט דער שפּיל פון די כוואַליעס און פייַלן פון פּראָזשעקטאָרס אַפן האָריזאָנט. דאָס זייַנען די גרענעצלער.

דער באַן גייט גיך, כאָטש ער שטעלט זיך אָפּט אָפּ, די וואָלקנס איבערן יאַם באַוועגן זיך. זיי זייַנען ווי לעבעדיקע. אָט האָט זיך איינער עטוואָס א רוק געטאָן צום ברעג, צו די בערג, און אָט יענער, דער לענגלעכער, אַן אומנאַטירלעך־צעצויגענער, האָט זיך געענדערט — אויפגעהויבן דעם רעכטן ראַנד ארויף, נעענטער צו דער לעוואָנע, און אראָפּגעלאָזט דעם לינקן, קימאַט אָפּטויוולענדיק אים אין יאַם. סייַ דער הימל, סייַ די וואָלקנס, סייַ דער יאַם אַליין בייַטן זיך די גאַנצע צייַט, עפּשער דערפאַר, וואָס דער צוג איילט זיך, און דער טאָג איז הייַנט ניט קיין געוויינלעכער — א יאַמטעוודיקער.

אגעוו, זייַנען די מענטשן מיד פונעם יאַמטעוו, און אינעם וואַגאָן איז שטיל, ניט אַזוי ווי ס'איז געווען פריִער, ווען דער יאַמטעוו איז געווען אין פולן ברען. עמעצער טומלט נאָך עטוואָס, נאָר רויִק; עמעצער זינגט, אָבער מידלעך; עמעצער דרעמלט.

— וואַלעריק, שטילער!

א פרוי, נאָך גאָר א יונגע, מיט עטוואָס מערקבאַרע קנייטשעלעך אונטער די אויגן, האַלט אַף די הענט א קינד, איר וואַלעריקן, קוקט אין פענצטער און כאַזערט איבער:

— נו, וואַלעריק!

וואַלעריק, וועלכער איז אַלט ניט מער ווי א יאָר מיט עפּעס, באַרויִקט זיך באַ איר אַף די קני, און דאַן, לאַשטשענדיק דאָס קינד, קוקט די פרוי ווידער אין פענצטער. וואַלעריק הייבט אָן שפּרינגען, בושעווען, ער רייַסט זיך ערגעץ און כאַזערט איבער איינס און דאָס זעלבע:

— ליאַ־ליאַ!

— יאָ, דאָס איז א ליאַ־ליאַ, — זאָגט רויִק די פרוי. — קוק זיך אייַן, סאַראַ פייַנע ליאַליע. עמעס, א פייַנע?

וואַלעריק פּאַטשט מיט די הענטלעך, שפּרינגט אונטער באַ דער פרוי אַף די קני און רופט אויס מיט היספּייַלעס:

— אָר־אָו! ליאַ! אָו־אָו־אָו! ליאַ־ליאַ־ליאַ!

בישכיינעס, איבער א באַנק, זיצט א יונג פּאָרפאַלק מיט אַן אייפּעלע, א מיידעלע. דער פאָטער איז אין א הוט, די מאַמע — אין אַן אָפּגעבליאַקעטער קאָסינקע מיט רעשטן פון אויסלענדישע ווערטער, וואָס איז שוין פון לאַנג ארויס פון דער מאָדע. דער פאָטער איז סאָליד, ער האַלט דאָס מיידעלע אַף די הענט. ער גרויסט זיך זייער, וואָס ער האַלט דאָס קינד, ער קוקט אַפן ווייַב, באַגריסט זיך מיט דער שכיינע און זאָגט צו זייַן טעכטערל:

— זעסט, דו ביסט — ליאַליע! דיך, געוויינלעך, רופט מען ניט ליאַליע, אָבער פאַר דעם ייִנגעלע ביסטו — ליאַליע. ליאַליע — דאָס איז וואָס? א ליאַלקע? ריכטיק. א ליאַלקע. און ער ציט זיך צו דיר, ווייַל פאַר אים ביסטו א ליאַליע... פאַרשטאַנען?

ליאַליע, וואָס איז ניט ליאַליע, פאַרשטייט געוויס קיין זאַך ניט, אָבער זי קוקט מיט אינטערעס אַפן פאָטער און אַף דער באַנק, וווּ עס זיצט דאָס ייִנגעלע וואַלעריק, איר גלייַכן, אויך א ליאַליע, אָבער עס ווילט זיך איר ניט ריידן: זי וויל שלאָפן, זי וויל זייער שלאָפן.

— א פייַנינק מיידעלע, — זאָגט די פרוי צו וואַלעריקן, — עמעס, א פייַנינקע?

און זי נעמט ווידער קוקן אין פענצטער, ווען וואַלעריק הייבט אָן אייַנדרעמלען. היינטערן פענצטער איז דער יאַם און וואָלקנס. און זיי זייַנען ווידער אַנדערע. שייַן איז, דוכט זיך, מער, נאָר די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטערן יאַם, און די לעוואָנע לייַכט קוים. זיי זייַנען, אפּאַנעם, פאַרבייַגעפאָרן יענץ אָרט, וואָס מע האָט צום יאַמטעוו אַמערסטן באַלויכטן און פאַרפּוצט. דאָ זייַנען סאַנאַטאָריעס און פּאַנסיאָנאַטן, און זומער דער בעסטער פּליאַזש. איצט לעבט דאָ, מיסטאָמע, אויך עמעצער.

די וואָלקנס הענגען און בלאָנקען ארום — אין דער שייַן פונעם יאַם, אין די פייַערן פון פּראָזשעקטאָרן. עס איז טאַקע א מאָדנער פאַרגלייַך, אַז וואָלקנס זייַנען ענלעך אַף כייַעס? אָבער זיי זייַנען פּאַרט ענלעך, זייער ענלעך! אַף העלפאַנדן, בעהיימעס, מוילוורפן, קראָליקעס, זשיראַפן, הידרעס. און נאָך — אַף אויטאָבוסן, ראַקעטעס, עלעקטריטשקעס, אַלץ, וואָס ס'איז איצט. און נאָך דערמאָנען זיי אין לאַנגע וועגן, מאַשינעס, וואָס זינקען אין בלאָטעס און אין שניי, און „קאַטיושעס", אין וואָס איר ווילט, — פון דער מילכאָמע...

אנטקעגן דער פּרוי מיט וואַלעריקן זיצט אַ מיידעלע, נאָך גאָר אַ קלייניִנקס, נאָר אַ בלייכס, מיט בלויע קרייזן אונטער די אויגן. זי איז גלייכגילטיק צו אַלעמען און צו אַלץ, זי קוקט ניט אין פענצטער, זעלטן־ווען טוט זי אַ מידן שמייכל און אייצעט:

— דעם קאַלנער פאַריכט אים... וויש אויס דאָס מויל... טו אַ קוק, ער איז ניט נאַס?

און די פרוי רייסט זיך אָפּ פון פענצטער, טוט גלייך אַלץ, וואָס עס זאָגט דאָס מיידעלע. זי טוט אַלץ זייער פלינק און גיך, אַזוי ווי זי וואָלט ביז איצט עפּעס געטאָן ניט אַזוי און אַציִנד אַנטשולדיקט זי זיך פאַר איר.

— ניין, ניין, — זאָגט זי. — זע, ווי געשמאַק ער שלאָפט...

די עלעקטריטשקע גייט, פאַסאַזשירן ווערן אַלץ ווייניקער. וואַלעריק שלאָפט. פּאַרמאַ־טערט, נעבעך.

אַ טאָנעל. ווידער איז פון רעכטס דער יאַם, און פון לינקס אַ טאָל.

ס'איז שוין נאַכט, און די זון איז פאַרשווונדן אינעם יאַם, נאָר עס שיינט די לעוואָנע, ניט אַזוי ווי פריִער, נאָר העל און הייס, כאָטש קיינמאָל איז אַזוי ניט געווען, נאָר עס איז דאָך יאָמטעוו, דאַרף הײַנט אַזוי זײַן.

אויף איינער פון די סטאַנציִעס איז דער וואַגאָן איינגאַנצן געבליבן אַ פּוסטער. נאָר עמעצער איז אַרײַן. און צווישן די אַרײַנגעקומענע מיטאַמאָל:

— מאַשע, מאַשענקע? דו, צי ניט דו?

זי האָט אויפגעציטערט, זיך דערשראָקן פאַר וואַלעריקן און פאַר דער טאָכטער, נאָר גיך געגומען זיך אין די הענט און אָפּילע פאַריכט די האָר:

— קאָליע? ווי קומסטו אַהער?

און ווידער, אויף יעדן פאַל, אַ וויג געטאָן וואַלעריקן, ער איז אָבער געשמאַק געשלאָפן. זי האָט גענומען אַ טיכעלע, אים אויסגעווישט דאָס נעזל און דאָס מויל, און האָט אַ קוק געטאָן אויף קאָליען:

— צי דען ביסטו עס? גאָט מײַנער!..

די לעצטע ווערטער האָט זי ניט אַרויסגערעדט אויף אַ קאָל, נאָר פאַר זיך.

ער איז פאַרבליבן דער זעלבער, ווי געווען. עס זײַנען אָבער דורכגעגאַנגען אַזויפיל יאָרן, און זיי האָבן זיך ניט געזען. און ביכלאַל איז עס שרעקלעך — טרעפן זיך אַזוי אומ־געריכט, ווען אויף יענער זײַט פענצטער פון דער עלעקטריטשקע זײַנען אַזעלכע וואָלקנס...

— נו, דערציילן! וואָס מאַכסטו? וואָס, דאָס איז דײַנער? — ער האָט באַוויזן אויף וואַלעריקן.

— מײַנער, — האָט זי געזאָגט. — מײַן איינעקל, פאַרשטייסט? — פון איר פּאָנעם איז פאַר־שוווּנדן די מוירע פאַר דער אומגעריכטער באַגעגעניש, עס איז אויסגעלײַטערט געוואָרן, עס זײַנען אויסגעגלײַכט געוואָרן די קנייטשעלעך, און זי איז גרייט געווען זיך וואַרפן צו אים, זיך וואַרפן, זיך וואַרפן... ווען וואַלעריק וואָלט ניט געזעסן באַ איר אויף די קני.

— וואָס פאַרא אייניקל, וואָס רעדסטו? הייסט עס, אַז דו ביסט אַ באָבע, מאַשע? — ער האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער פלעגט עס שטענדיק פריִער טאָן, און איבערגעפרעגט: — דו ביסט דאָך אַ יונגע, מאַשקע, מאַשענקע!

זי האָט געשוויגן, און ער האָט פאַרשטאַנען:

— זײַ אויף מיר ניט ברויגעז. כ'האָב הײַנט אויסגעטרונקען... יאָמטעוו! דו געדענקסט אַפּרעלעווקע? דאָס איין־און־פערציקסטע? דו געדענקסט?

— ווי זשע?

— און דאָרעם־מײַרעוו? געדענקסט?

— ווי זשע?

— און דעם שפּיטאָל אונטער קעניגסבערג?

— נאָך אַ מין...

— און נאָך דער מילכאָמע נאָוואָסיבירסק, דאָס אַקאַדעם־שטעטל?

זי האָט דען געקענט פאַרגעסן?..

ער איז איצט געזעסן מיט איר זײַט־באַ־זײַט, אויף איין באַנק פון דער עלעקטריטשקע, פונקט אַזאַ, ווי ער איז געווען אין איין־און־פערציקסטן, צוויי־און־פערציקסטן, דרײַ־און־פערציקסטן, פיר־און־פערציקסטן, פינף־און־פערציקסטן און נאָך דער מילכאָמע אין נאָוואָסי־בירסק. ער האָט זיך גאָרניט געענדערט! קיין קאַפּ ניט! און אויב ער האָט זיך יאָ געענדערט, וועט זי עס ניט דערזען, ווײַל זי אַליין האָט זיך אויך געענדערט.

— דו האָסט היפּש אויסגעטרונקען, קאָליע, — האָט זי געזאָגט, ניט געפינענדיק וואָס צו זאָגן, אָבער אָן אַ פאָרוואורף.

— כ׳דערקען דיך, מאשענקע, — האָט ער געזאָגט. — כ׳דערקען דיך, און דו שטעלסט זיך גאָר ניט פֿאָר, ווי איך בין צופֿרידן, וואָס איך זע דיך... ווי טײַוולאָניש נאַריש ס׳איז דאָס לעבן!

— דו האָסט טאַקע אויסגעטרונקען, — האָט זי איבערגעכאַזערט שטיל און זיך דערמאָנט אין וואַלעריקן.

וואַלעריק האָט זיך א דריי געטאָן בא איר אָף די הענט און זיס געסאָפּעט.

— און דאָס איז מײַן טאָכטער, קאָליע, — האָט זי זיך דערמאָנט און געוויזן אָף דער קעגניבערדיקער באַנק.

— ווערע, — האָט געזאָגט ווערע, קימאַט א מיידעלע, א בלייכס, מיט בלויע רייפֿן אונטער די אויגן, — זייער אָנגענעם!

— מיר אויך, — האָט ער געזאָגט אין פֿאַרלעגנהײַט.

מאַם! שוין צײַט, — האָט מיטאַמאָל געזאָגט ווערע. — אונדזערע איז די קומענדיקע. נאָר כ׳בעט דיך, וועק ניט אוף וואַלעריקן...

— יאָ, יאָ, יאָ, כ׳וועל ניט אופֿוועקן, — האָט זי צוגעזאָגט ווערען.

די עלעקטריטשקע האָט זיך גערירט פֿון דער סטאַנציע. מע האָט געדאַרפֿט אופּשטיין. זייערע — איז די קומענדיקע.

— שוין צײַט, — האָט זי געזאָגט.

— מאשע, מאשענקע... — האָט ער עפּעס געפּרוּווט זאָגן. — ווען דו ווייסט!

— איך ווייס, קאָליע, איך ווייס, — האָט זי געזאָגט, — נו, דערוויַיל...

אָף זייער סטאַנציע זײַנען זיי אַרויס פֿון וואַגאָן. דאַנקען גאָט, איצט האָט וואַלעריקן קיין זאַך ניט געשטערט — ער האָט פֿאַרגעזעצט שלאָפֿן בא איר אָף די הענט.

ווערע האָט איר געזאָגט:

— מאַם, איך בעט דיך, פֿאַרזיכטיקער, אויב וואַלעריק וועט זיך אופּכאַפּן...

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט זי איבערגעכאַזערט.

און מיטאַמאָל, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין דינוועכעזשבן פֿאַרוואָס, איז זי אוועק צוריק איבער דער פּלאַטפֿאָרמע מיט וואַלעריקן אָף די הענט צו יענעם פֿענצטער פֿון וואַגאָן. זי האָט עס באַלד דערקענט. און ער איז, פֿאַרשטייט זיך, געשטאַנען בא יענעם פֿענצטער.

— קאָליע, — האָט זי אויסגעשריִען, — איך האָב דיר געוואָלט פֿרעגן...

ער האָט גאָרנישט ניט געקענט פֿאַרשטיין, ער האָט געשמייכלט, געקוקט זי דורך דעם צווייענדיק פֿאַרכאַסמעטן אָף ווינטער פֿענצטער און איז געווען אַזאַ, ווי אַמאָל.

— מאַם, נו וואָס טוסטו? — האָט געפֿרעגט ווערע. — קום אַהיים, איך בעט דיך! איך בין דאָך אַזוי מיד, און וואַלעריק...

— יאָ, יאָ, קום, — האָט זי געזאָגט שולדיק. — און פֿאַר וואַלעריקן זאָרג זיך ניט. גיב א קוק, ווי רויִק ער שלאָפֿט.

זיי זײַנען געגאַנגען אַהיים. מאָדנע זײַנען געווען די כמאַרעס איבערן יאַם און איבער די בערג, זיי האָבן זיך געענדערט, אָפּהענגיק פֿונעם שטאָרם, וויכער אָדער פֿון א געוויינלעכן ווינטל. און עס זײַנען געווען עלעקטריטשקעס נאָך שפּעטערע, פֿון וועלכע עס זײַנען אַרויסגעשטיגן יונגע כעוורע מיט גיטאַרעס און באַנדזשאָס. און עס איז געווען דער יאַם און א יאַם פֿון פֿײַערן לעקאָוועד דעם יאַמטעוו.

דאָס אַלץ האָט געפֿרייט.

— מאַם, און ווער איז יענער זיידע? — האָט געפֿרעגט ווערע, ווען זיי זײַנען געגאַנגען אַהיים, און טייקעף צוגעגעבן: — ביכלאַל איז הײַנט אַלץ אַזוי שיין! עמעס? אי די פֿײַערלעך, אי די רעקלאַמעס, און אַלץ? וועק נאָר ניט אוף וואַלעריקן.

— כ׳וועל ניט אופֿוועקן.

זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו זייער שטוב און רויִק אײַנגעלײגט וואַלעריקן שלאָפֿן. איצט איז שוין געווען ניט שרעקלעך, וויבאַלד ער האָט איבערגעטראָגן די נעסיִע און שלאָפֿט, וועט אַלץ זײַן גוט.

עטוואָס שפּעטער פֿון צוועלף האָבן זיך די מוטער און די טאָכטער אויך געקליבן לייגן שלאָפֿן.

— איך ווייס ניט, ווי דו, מאַם, נאָר איך בין הײַנט זייער מיד, — האָט געזאָגט ווערע. — אויב נאָר וואַלעריק...

— גיי, א גוטע נאַכט, און אָף וואַלעריקן וועל איך אכטונג געבן, — האָט זי געענטפֿערט. — גראָד הײַנט בין איך קיין קאַפּעלע ניט פֿאַרמאַטערט. גיי!

פֿונעם יאַם האָט געווייעט מיט פֿרישער, געזאַלצענער מעכײַעדיקער לופֿט. מע האָט ניט

געזען קיין וואַלקנס, ניט קיין קאַמישע און ניט קיין שרעקלעכע, ניט קיין שפּילעוודיקע און ניט קיין אומפאַרשטענדלעכע. ווײַזט אויס, די וואַלקנס זײַנען ערגעץ אַוועק — אַף יענער זײַט, אָדער אַף דער, צו די בערג, און די בערג... די בערג האָבן ניט מורא פאַר קיין שום וואַלקנס. וואַלעריק איז געשמאַק געשלאָפן. אַפילו ווען מע האָט פון אים אַראָפּגענומען אַלע זאַכן, האָט ער זיך ניט אויפגעכאַפּט. ווערע איז, דוכט זיך, אויך געשלאָפן. זי איז הײַנט זייער פאַרמאַטערט. ניט אײַנגאַנצן קלאָר, פאַרוואָס, נאָר ווײַבאַלד זי איז פאַרמאַטערט, איז פאַרמאַטערט. אַזוי־אָ, אַ נײַער דאָר...

— מאַם, — האָט זי דערהערט פון דעם שכיינעסדיקן צימער.

— וואָס?

— קום אַהער צו מיר, — האָט געבעטן ווערע. — וואַלעריק שלאָפט?

— ער שלאָפט...

— און דו טוליע זיך צו מיר צו, גוט? — האָט זי געבעטן. — זײַ אַף מיר ניט ברוגעז, גוט?

אַ מיידעלע, נאָך אינגאַנצן אַ מיידעלע, אַן אומשולדיקע און הילפלאָזע, אַ בלייכע, מיט בלויע קרײַזן אונטער די אויגן, האָט געקוקט אַף איר מוטער. און אַליין איז זי שוין אויך געוואָרן אַ מוטער.

— און ווער איז דער זיידע, מאַם? אַט יענער, אינעם צוג?..

איר איז זייער שווער געווען צו ענטפערן אַף דער פראַגע, זי איז נאָך אַלץ געווען צערודערט פון דער באַגעגעניש:

— קאָליע?

— יאָ, דו האָסט אים אָנגערופן „קאָליע", און ער דיך — „מאַשע, מאַשענקע"... ער איז אַזאַ אַלטער, אַ סימפּאַטישער, ווער איז ער, מאַם?

צווערשט איז זי אויפגעבראַכט געוואָרן:

— ווערקע, ווי שעמסטו זיך ניט! פאַרוואָס — „אַן אַלטער"?

— נו, ניט קיין אַלטער, אַן עלטערער מענטש.

זי האָט פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיך:

— איך האָב בײַ דיר ניט געפרעגט און איך פרעג ניט, ווער איז וואַלעריקס טאַטע.

— מאַם! פאַר דעם, וואָס דו האָסט ניט געפרעגט — אַ דאַנק, נאָר איך בעט דיך, זײַ אַף מיר ניט ברוגעז. איך פרעג דאָך ניט דערפאַר... ער האָט דיך אָנגערופן באַבע מאַשע. ווערע האָט גערעדט אַזוי צערטלעך, ווי קיינמאָל פריִער.

הינטערן פענצטער האָט מען ניט געזען ניט דעם יאַם, ניט דעם הימל, ניט די בערג, ניט די וואַלקנס, וווּהין זײַנען זיי פאַרשוווּנדן, אַוועקגעשוווּמען, די וואַלקנס? זיי זײַנען געבליבן הענגען איבערן יאַם, זיך אַוועקגעטראָגן צו די בערג? זיי זײַנען אַוועק אַף דער אַנדער זײַט יאַם, צי פאַרגליווערט געוואָרן? די שטוב איז ניט קיין עלעקטריטשקע, זי באַ־וועגט זיך ניט, און דערפאַר זעט מען פונדאַנען ניט די וואַלקנס. כאָטש זיי זײַנען אַזוי שיין.

— מאַם!

— נו וואָס, ווערקע?

— און פונדעסטוועגן ווער איז ער, אַט דער, נו זאָל זײַן ניט קיין אַלטער?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן, טאָכטערקע... ווען דו וואָלסט זיך געלערנט ווי עס געהער צו זײַן, וואָלסטו אים געדענקט פון די לערן־ביכלעך און אַנדערע ביכער. בירגערקריג. פּאַ־טערלענדישע מילכאָמע. אַ גענעראַל־לייטענאַנט. דערנאָך — סיביר, נײַבוייונגען. ער איז נאָך געווען אין אַרמיי. ער האָט געאַרבעט אינעם אַרמיי־שטאַב. ער האָט אונדז געהאָלפן בויען דאָס אַקאַדעם־שטעטל. אַט אַזוי. פון דעמלט האָבן מיר זיך ניט געזען...

— און נאָך? — האָט געפרעגט ווערע.

— וואָס נאָך?

— וועגן אים נאָך! — האָט ווערע געבעטן.

די פרוי, די באַבע מאַשע, האָט אַ קוש געטאָן די טאָכטער און געזאָגט:

— איך וועל גיין צו וואַלעריקן. טאָמער כאַפּט ער זיך פלוצעם אויף. שלאָף רויק! גוט? ס'איז שוין שפּעט.

דערציילן ווערען, אַז קאָליע איז איר פאָטער, איז נאַריש. אַפילו קאָליע ווייסט וועגן דעם ניט. און הײַנט אין עלעקטריטשקע האָט ער ניט פאַרשטאַנען, אַז ווערע — דאָס איז זײַן ווערע. ער האָט געזען נאָר זי, מאַשען, די באַבע מאַשע. צוליב וואָס דערציילן וועגן אַזוינס. ס'איז אַזוי קאָמפּליצירט. כאָטש ווערען איז שוין פיר און צוואַנציק? נאָר צוליב וואָס?

וואלעריק איז געשלאָפן. ווען זי איז ארויס אפן באלקאָן, איז אַף דער גאס שוין געווען אינגאנצן רויִק, ווי איין געווייִנלעכע טעג. דער יאם און דער הימל האָבן זיך שוין געקאָנט באגיין אָן דער הילף פון די יאָמטעוודיקע איליומינאציעס. פארבליבן זײַנען בלויז די בײַגרער־נעץ־פראָזשעקטאָרס. קיין וואָלקנס זײַנען אינגאנצן ניט געווען. ערגעץ פארשוווּנדן...

מוזיק

אקאָמאנדירונג. א סאָבאָר. אן אָרגאָן. א לעקציע. דער אוניווערסיטעט. באַך. אוליאנאָוור־סקער אָרקעסטער. עסטלענדישער אנסאמבל פון פידלער. לעטלענדישער כאָר. גענדעל, טשײַ־קאָווסקי, גײַדן, בעטהאָווען, באָראָדין, און פריִער אינגאנצן אומבאוווּסטע — עקעלס, רעגער, פראנק, בוקסטעכודע.

מוזיק. ווען האָט ער זי ליב געהאַט? און ניט פארשטאַנען, און דאָ... פרעלידיע און פוגע רע מאַזשאָר.

• • •

מאָדנע, צוליב וואָס איז ער געקומען אַהער? אין קאָמאנדירונגען איז ער געווען אויך פריִער, אָבער זיי זײַנען געווען זאכלעכע — אַף זאָוואָדן, ווו מע פלעגט פארענדיקן די ארבעט איבער ספּוטניקעס און קאָסמישע שיפן, צוויי מאָל — אַף די קאָסמאָדראָמען. דאָרט איז אַלץ געווען קלאָר. אָדער א דערפאָלג, אָדער א דורכפאַל. נאָך א דערפאָלג איז געווען א גרויסע פרייד. און באלוינונגען, וועלכע ער האָט באקומען מער, ווי פאר אַלע יאָרן פון דער מיל־כאָמע. דערפאָלגן זײַנען געווען מער, ווי דורכפאַלן, נאָר דורכפאַלן פארוווּנדן שטארקער.

און בּיכלאַל איז געווען ניט אזוי פיל קאָמאנדירונגען. ווען דו האָסט א לאבאָראטאָריע און דו ביסט פאר איר פאראנטוואָרטלעך, קאָנסטו דען זיך ארויסרײַסן? אין אורלויב איז ער אויך געגאנגען איין מאָל אין דרײַ־פיר יאָר. און בײַסן אורלויב האָט ער אויך געהאַט ארבעט, די סאמע גליקלעכע. פארמולעס, עקספּערימענטן — אַלץ, וואָס ער האָט ניט באוויזן אויפטאָן אַף דער ארבעט. און מע האָט עס טאַקע ניט געקאָנט טאָן. דאָרט זײַנען דערנעבן מענטשן, און ווען דו טוסט עפּעס דײַנס, מוזסטו פארבלײַבן אויג־אַף־אויג מיט זיך. דאָס בעסטע פלעגט זיך בא אים באקומען גראָד אין אזוינע שאָען, טעג און וואָכן, אויב אזעלכע פלעגן זיך טרעפן.

און אָט — די קאָמאנדירונג.

אין האָטעל האָט מען אים קיין אָרט ניט געגעבן, מע האָט געזאָגט:

— ס׳קאָן זיך מאכן, עפּעס־וואָס מאָרגן...

און זיי זײַנען טאַקע געווען גערעכט.

דו ווערסט דאָך ניט גיין דערקלערן, ווער און וואָס דו ביסט, און אויב ערנסט א קלער טאָן, איז דײַן קומען צוליב איין לעקציע, און דערווײַל עפּעס אומקלאָרע באגעגענישן און שמועסן, לאכלוטן ניט קיין סיבע, מע זאָל דיך דארפן אײַנאָרדענען אין א פרעמדער שטאָט. גערעכט איז די הארבע אדמיניסטראַטאָרשע!

ער אַליין האָט אויך געפרעגט, ווען ער איז ניט מאַסקים געווען צו פאָרן:

— צוליב וואָס?

נאָר מע האָט געזאָגט:

— מע דארף! איר פארשטייט, מע דארף, איר זײַנט דער סאמע... אײַך... גראָד אײַך דארף מען דאָרטן האָבן זייער נייטיק!

דעם אָוונט און ביז האַלבער נאכט האָט ער ארומגעבלאָנקעט איבער דער פארשנייטער און עפּעס זייער ניט קיין ענלעכער אַף א רוסישער שטאָט.

נייך, דאָס איז ניט אזוי, ניט אינגאנצן אזוי. גוט, וואָס אין די הענט האָט ער נאָר א פּאַפּקע מיט קלײנינקײַטן, און עמעצער האָט אים נאָך געראַטן נעמען א טשעמאָדאַנדל.

די שטאָט איז מיט עפּעס ענלעך געווען אָפן קאַלטן לענינגראַד און אַף פּאריז, אויב אורטיילן וועגן איר לויט קינאָ־פילמען און טעלעוויזיע, און אַף עפּעס זייער אוראַלטס, באַ־זונדערס מיט די אַלטע געסלעך. מיטלאַלטער? ס׳קאָן זײַן...

נאָר ס׳איז געפאַלן א שניי, געפאַלן א וואַרעמער און צאַרטער, און די אַלטע געסלעך מיט די לאַמטערנס און מיט די לעמפּלעך איבער די פאַראַדנע טירן, מיט די האַלב־באַלויכ־טענע פענצטער און פינצטערע ווענט זײַנען געווען שיין.

ער האָט מיטאמאָל זיך דערמאָנט וועגן יורין, יורי גאַגאַרינען, זײַן ייִנגערן גוטן פּרײַנט, וועלכן מע קאָן שוין איצט פּאַשעט ניט אָנרופן באַם נאָמען, און אַ קלער געטאָן: „ער איז דאָ, דאַכט זיך, ניט געווען?"

ער האָט אַ קלער געטאָן: „כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער, זיי האָבן מיך ניט אַרײַנגעלאָזט אין האָטעל! און איך בין דאָ!"

צוליב דעם איז טאַקע קעדײַ געווען צו קומען אַהער.

אַרויסגייענדיק פֿון עפּעס געסלעך און הינטערגעסלעך, קרומע און פֿינצטערע, האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף אַ פּלאַץ און דערזען אַ ריזיקן קלויסטער־סאָבאָר. זייער אַ הויכער, אפֿילו באַנאַכט, האָט ער זיך געצויגן אין דער הייך און איז אים מיט עפּעס געווען זייער באַקאַנט. מיט וואָס?

יאָ, ס'זײַנען געווען פּונקט אַזוינע. ווו? בײַס דער מילכאָמע? יאָ, בײַס דער מילכאָמע. אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע? דאָרט זײַנען אויך אַזעלכע סאָבאָרן, נאָר אָט דער סאָבאָר...

און ער האָט זיך דערמאָנט... קראַקאָוו. דאָס פֿינף־און־פֿערציקסטע, יאַנוואַר. מע האָט דעמלט געראַטעוועט די שטאָט, מע האָט דעמלט מעקאַבער געווען די אומגעקומענע. דער־נעבן איז געווען אַ סאָבאָר, פּונקט אַזאַ, קימאַט פּונקט אַזאַ, און ווען מע האָט אַראָפּגעלאָזט אין קייוועה די פּרײַנט, האָט דער סאָבאָר פּלוצעם זיך צערעדט, ווי ער וואָלט אַ זיפֿץ געטאָן: עס האָט אָנגעהויבן שפּילן דער אָרגאַן. עמעצער פֿון די פּאָליאַקן האָט אַרײַנגעבלאָזן לעבן אין די איינגעווייידן פֿונעם אָרגאַן, און זײַן קלאַנג — אַ טראַגישער און מוטיקער — האָט פֿאַר־טויבט אונדזער שוואַכינקן מיליטערישן אָרקעסטער.

דאַן איז דערנעבן געווען נינע. דער וואָיענפֿעלדשער נינאַ קאָראָליאָוואַ. נינאַ פּיאַדאָ־ראָוונאַ. פֿון מאָסקווע. מיט אים אין איין עלטער. ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס, נאָר זי איז געווען פֿונעם אָטריאַד פֿון יאַם־פּעכאָטע, און די יאַם־פּעכאָטע האָט געשטורעמט קראַקאָוו. דאָס אַלץ האָט אים דערנעענטערט מיט איר, און ניט נאָר דאָס. ער איז אָבער דאַן געווען אַ נאַר, דער אכצניאָריקער ייִנגערער לייטענאַנט. און זי איז, דוכט זיך... אין דרעזדען האָבן זיי זיך צופֿעליק באַגעגנט, דערנאָך אין פּראַג — און וואָס איז געווען דערנאָך? אין עסטרײַך און אין אונגאַרן האָט ער זי שוין ניט געזען.

אַ באַנאַכטיקע שטאָט. ווינטער. שניי. אַ לינדער וועטער. און דערנעבן אַ סאָבאָר, אַזאַ קענטלעכער, כאָטש...

סײַוויסײַ איז גוט. ניט אַרײַנגעלאָזט אין האָטעל — גוט. אָט אַ נאַרישע קאָמאַנדירונג — ווידער גוט. מײלע...

לעבן סאָבאָר און שפּעטער אין די דערבײַיקע גאַסן האָט ער באַמערקט אַפֿישן, באַשײַ־דענע און גרויסע, רוסישע און אָרטיקע, און ווידער אַן אַנטדעקונג: דאָ, אין אָט דעם סאָבאָר, לאָזט זיך אויס, איז פֿאַראַן אַ זאַל, און מע קען הערן אָרגאַן־מוזיק.

ער פֿאַרשטייט גאָרנישט ניט אין אָרגאַן־מוזיק, בכלל — אין מוזיק. נאָר מע דאַרף זי, אַפּאָנעם, הערן.

* * *

ווען ס'האָט שוין גענומען שאַרײַען אויף טאָג, האָט זיך אים פֿאַרוואָלט אָפּרוען. הײַנט איז באַ אים אַ לעקציע אין אוניווערסיטעט. ער וועט פֿאַרשטייט זיך, דערציילן די סטודענטן וועגן אַלץ, וואָס מע קען דערציילן, און וועגן דעם, אויב ניט צו זײַן צו באַשיידן, אַז אין אַ סאַך פּלי־אַפּאַראַטן איז פֿאַראַן אַ קיילעך פֿון זײַן מי, ריכטיקער געזאָגט, אין אַלע פֿון זיי האָבן אָנטיילגענומען די מיטאַרבעטער פֿון זײַן לאַבאָראַטאָריע, ווײַל אָן ברענשטאָף, דאָס פֿאַרשטייט דאָך יעדער איינער, קאָן זיך קיין איין אויטאָבוס ניט באַגיין אויף דער ערד, און דאָס זעלבע — מער קאָמפּליצירטע מאַשינעס... אין הימל. און דאָ, אויף דער ערד, ווי ער ווייסט, איז פֿאַראַן זײַנער אַ מאַכשיר, ריכטיקער געזאָגט, זייערער אַ מאַכשיר, מע האָט אים דערפֿונדן אין זײַן לאַבאָראַטאָריע, וועלכער קאָנטראָלירט און באַשטעטיקט די ווירקונג פֿון ברענשטאָף באַ גרויסע שנעלקײַטן און באַ אַ גרויסן אַטמאָספֿער־דרוק. דערנאָך דאַרף ער זיך באַגעגענען מיט די פּראָפֿעסאָרן פֿונעם אוניווערסיטעט, ער דאַרף באַזוכן די וויסנ־שאַפֿט־אַקאַדעמיע און, דוכט זיך, די געזעלשאַפֿט „קענטעניש".

ער האָט זיך אוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג צום וואָקזאַל, קעדײַ כאָטש דאָרטן גע־פֿינען אַ שטול און כאָטש אויף וויפֿל־ניט־איז זיך צוזעצן, נאָר מיטאמאָל האָט ער דערזען אַ נאַכט־קאַפֿע. דאָס איז פּאַשעט געווען אַ נעס! און ווען ער איז אַהין אַרײַן, און מע האָט באַ אים גענומען פֿיר רובל („הײַנט איז ניטאָ קיין ספּעציעלע פּראָגראַם"), איז ער געווען

גליקלעך און צופרידן, ווען ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט די וואַרעמקייט און קלאַנגען פון ראַ־שיקער מוזיק.

א כיינעוודיקע פרוי איז צו אים טייקעף צוגעגאַנגען, ווי נאָר ער האָט זיך געזעצט בא א באַזונדער טישל, און געזאָגט:

— גוטן־אָוונט! אויסער דעם אָנגעוויזענעם, וועט איר עפּעס באַשטעלן? איר זייט אַליין?

אים איז געפעלן געוואָרן די פרוי און די געמיטלעכקייט פון דער קאַפע, די העפלעכ־קייט, צו וועלכער ער איז ניט געוווינט געווען, און דערפאַר האָט ער געענטפערט:

— גוטן־אָוונט! אַלץ, וואָס איר וועט פאָרלייגן, איך בין אַליין. — און האָט צוגעגעבן האַלב אין שפּאַס: — נאָר אויסערבעכנענדיק, איך זאָל פאַרהיטן מײַן פיגור! גוט?

די פרוי האָט זיך פאַרויטלט און מיט א שמייכל געזאָגט:

— נו, לויט מײַן מיינונג, דאַרפט איר ניט אַזאַ געפאַר. איר זייט אַזאַ עלעגאַנטער.

אין דער רעגע האָט זיך אים מיטאַמאָל דערמאָנט דער זאַל אין סאָבאָר און אַז מע דאַרף ניט פאַרגעסן נעמען אינדערפרי בילעטן, ווײַל ס'קען זיך מאַכן, ס'איז ניט אַזוי פּאַשעט.

* * *

וויאַזוי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, איז שווער צו זאָגן.

זי האָט אָנגערופן איר נאָמען — אַליע, האָט ער געפרעגט דעם פאָטער־נאָמען.

— וואַסיליעוונא, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זי עפּעס ניט געקענט אָנרופן אָן דעם פאָטער־נאָמען, כאָטש זי איז, אין פאַר־גלײַך מיט אים, א מיידעלע, זייער א יונגע.

ווען זי פלעגט צוגיין צו זײַן טישל, וועגן עפּעס פרעגן, און ער האָט עפּעס געדאַרפט ענטפערן, פלעגט ער איר ענטפערן און דערבײַ געברויכט ווערטער, וועלכע זײַנען אים געווען פרעמד, און אַלעמאָל:

— אַלגאַ וואַסיליעוונאַ...

אין קאַפע האָט זיך איצט געהערט א שטילע, אומפאַרשטענדלעכע טויבע מוזיק.

— עס געפעלט אײַך?

און ער האָט געענטפערט:

— יאָ, עס געפעלט מיר.

אַלגאַ וואַסיליעוונאַ איז געווען א שיינע, אַן אופמערקזאַמע און זייער א יונגע, און ער האָט זי ניט געקענט באַליידיקן. און אים איז דאָ געווען גוט.

אינדערפרי, ווען די קאַפע האָט זיך פאַרמאַכט, זײַנען זיי אַרויס איינציינעם. אַזוי האָט זיך באַקומען. ער האָט עפּעס געזאָגט, און אַלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט אים געבעטן:

— איר וועט אױף מיר וואַרטן? איך וועל אין איין מאָמענט, אָבער אױף דער גאַס און ניט לעבן דער קאַפע, עטוואָס אױף לינקס. גוט?

ער האָט געוואַרט, און דערנאָך זײַנען זיי איינציינעם געגאַנגען איבער דער באַנאַכטיקער שטאָט. כאָטש אױפן זייגער איז שוין קימאַט געווען אינדערפרי, נאָר ווינטער — איז ווינטער, און ביז טאָג איז געווען נאָך ווײַט.

— און איר זײַנט ניט געווען פאַרהייראַט? — האָט זי געפרעגט.

אים האָט זיך אויסגעוויזן לעכערלעך צו ענטפערן אױף אָט דער פראַגע, אויך אין דעם האָט זיך געפילט איר יונגקייט.

— ניין, ניט געווען... ס'האָט זיך עפּעס ניט באַקומען.

— פאַרוואָס? — האָט זי געפרעגט.

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן, אַלגאַ וואַסיליעוונאַ? כ'האָב אַמאָל ליב געהאַט א פרוי, נאָר דאָס איז שוין געווען פון לאַנג, בײַס דער מילכאָמע... און דערנאָך... אָט אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן...

— און קינדער האָט איר ניט? — האָט זי פלוצעם געפרעגט.

ער האָט זיך פאַרלוירן און האָט א שפּאַס געטאָן:

— אַז ס'איז קיין ווײַב ניטאָ, זײַנען, פאַרשטייט זיך, קיין קינדער אויך ניטאָ.

ווי זאָל ער זיך אופירן מיט איר, וועגן וואָס ריידן — האָט ער ניט געוווּסט. נאָר עפּעס איז אים געווען אַזוי אָנגענעם, וואָס זי גייט זײַט־בא־זײַט מיט אים, אַזאַ יונגע און שיינע, און ער איז איר ניט דערווידער, בייטיק.

— וויפל איז זי אַלט? צוואַנציק, צוויי און צוואַנציק?

ער האָט זיך אַנטשלאָסן און געפרעגט.

— זעקס און צוואַנציק, — האָט זי געענטפערט, — אײַנגאַנצן זעקס און צוואַנציק. נאָר

ווען איר ווייסט, ווי איך בין מעקאנע אײַך און ביכלאל אזעלכע מענטשן, ווי איר. איר האָט דורכגעמאכט אזא מילכאָמע, אלץ האָט איר... און מיר? מיר איז מיט אלעמען פון מײַן עלטער עפּעס ניט אינטערעסאנט, לאנגווײַליק.

דערנאָך האָט זי דערציילט וועגן דעם טרעסט פון די גאָרקיכן און רעסטאָראנען, ווו זי ארבעט, ווו אלע ליבן זי. מע האָט אפילע אופגעהאנגען איר פּאָרטרעט אפן ערן־טאָוול — די פאָטאגראפיע, צום באדויערן, איז ניט פון די געלונגענע — און וועגן דער קאפע, וואָס האָט א גוטן שעם אין דער שטאָט און ווו אלע מיידלעך סטאַרען זיך זייער, ווײַל די ספערע פון געפעליקײַטן איז איצט אפן אויבן־אָן, און מע רעדט וועגן דעם אומעטום. און נאָך וועגן עפּעס־וואָס...

„כ'האָב זיך אײַנגעליבט! טיפּעש! אידיאָט! זיך אײַנגעליבט! צוליב וואָס?" — האָט ער געטראכט, הערנדיק איר פּלאפּלערײַ.

ער האָט דערהערט:

— און איר?

— וואָס איך?

— איר ארבעט ניט אין דער ספערע פון געפעליקײַטן?

ער האָט זיך פארלוירן:

— וואָס רעדט איר, אָלגא וואסיליעוונא! — ער האָט א טראכט געטאָן און צוגעגעבן: — אגעוו, אין א געוויסן זין...

— און אינדערעמעסן, פארוואָס איז טאקע זײַן זאך — ניט די ספערע פון געפעליקײַטן! דאָס איז אפילע טשיקאווע, וואָס אָלגא וואסיליעוונא האָט אים אונטערגעזאָגט אזא געדאנק.

איבער דער שטאָט האָבן זיך באוויזן וואָלקנס. און ס'האָט אָנגעהויבן פאלן א שניי. א שטארקער, שנײַדנדיקער ווינט האָט געשניטן אין פּאָנעם. אָלגא וואסיליעוונא האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, און זיי האָבן פארגיכערט די טריט.

באגלייטנדיק זי, האָט ער, קעדיי ניט שווײַגן, פארגעבן נארישע פראגן:

— און איר זײַנט פארהייראט?

— און קינדער?

— און די מאמע מיטן טאטן?

אָלגא וואסיליעוונא האָט געענטפערט.

לאָזט זיך אויס, אז בא איר האָט זיך אויך ניט באקומען, זי האָט געהאט א מאן, פּעטיא, א לייטענאנט. זייער א גוטער מאן, און א גלענצנדיקער מענטש, נאָר א יונגער, און זיי האָבן ניט געפונען קיין געמיינזאמס אײַנער באם אנדערן, כאָטש זי איז צוליב אים געקומען פון נאָוואָסיבירסק. ס'קען זײַן, אז זי איז אויך אין עפּעס שולדיק. זי איז א מענטש א ניכ־טערער, און זי פארשטייט אלץ, און מע דארף ניט ארופוואַרפן די אייגענע כעסרוינעס אף די מאנצבלען. נאָר אזוי האָט זיך שוין באקומען. און קינדער? דאָס איז שרעקלעך. געווען קינדער, נאָר זיי זײַנען געשטאָרבן. און קיין טאטן און קיין מאמען האָט זי אויך ניט.

„אן אינטערעסאנטע, טיפּזיניקע, — האָט ער א קלער געטאָן. — כאָטש זי איז זייער יונג... איך בין אנטקעגן איר..."

אים איז אָבער מיט איר געווען זייער גוט.

דאָס הויז, ווו עס האָט געוווינט אָלגא וואסיליעוונא, איז געווען קימאַט לעבן סאָבאָר.

— רופט מיך, ביטע, פּאָשעט לויטן נאָמען! — האָט זי געבעטן, — ווײַל מיר איז עפּעס ניט באקוועם. און מאָרגן וועלן מיר זיך זען? — און האָט זיך צעלאכט: — פארוואָס „מאָרגן", הײַנט?

און ער האָט זי אָנגערופן באם נאָמען.

— אינדערעמעסן, ווי קוקט איר אף דעם, מיר זאָלן צוגיין אין סאָבאָר אף א קאָנצערט פון אָרגאן־מוזיק? אַליא, איך וואָלט גענומען בילעטן. ווי מיינט איר?

— אויסגעצייכנט! — האָט זי געזאָגט. — א גלענצנדיקע אידיי! איך בין דאָרט קיינמאָל ניט געווען, און אלע זאָגן, ס'איז אינטערעסאנט.

ער האָט א קוש געטאָן איר האנט, וואָס אזוינס האָט זיך בא אים געמאכט זעלטן.

— אָט אוועלכער איר זײַנט! — האָט זי זיך פארלוירן.

— ביזן אָוונט, אַליא!

* * *

זיבן אינדערפרי, בלאָנקענדיק איבער דער שטאָט, וועלכע האָט זיך אים איצט אויסגע־וויזן אזוי פּרעכטיק, איז ער צוגעקומען צום האָטעל. עפּעס אויסלענדער זײַנען מיט א טומל ארויסגעגאנגען פון דער טיר. ער האָט זיך אנטשלאָסן ארײַנגיין און געפרעגט:

— וואָס הערט זיך מיט אַ נומער?

און פּלוצעם — אומגעריכטס. די אַדמיניסטראַטאָרשע האָט אים באַגעגנט מיט צעשפּרייטע אָרעמס:

— נו, צוליב וואָס זײַנט איר זיך אַזוי באַגאַנגען? ווי האָט איר געקענט! אַזאַ מענטש! ווען איר וואָלט נעכטן!.. אַגעוו, מע קען אײַך באַגריסן מיט אַ באַלוינונג? מיר האָבן געהערט, געהערט! זײַט ניט אַזוי באַשיידן! נו, אינדערעמעסן, איר זײַט אַזוי באַשיידן! זיך באַווײַזן און אַפילו ניט אָנרופן די פאַמיליע. און מיט אײַך אינטערעסירן זיך שוין דאָ אַלע. מיר האָבן אַף אײַך געוואַרט! פאַר אײַך איז גרייט אַ נומער ליוקס, פונעם העכסטן ראַזריאַד...

* * *

אין אָוונט האָט ער זיך באַגעגנט מיט סטודענטן, מיט פּראָפעסאָרן און איז אַרויסגעטראָטן אין דער געזעלשאַפט „קענטעניש", ווו אַלץ איז געווען אַזוי ניט געוויינלעך, רירנדיק, נאָר גוט, ער האָט אַפילו נאָך באַוויזן קויפן בילעטן אַפן קאָנצערט. דאָס האָט אים באַאומרויִקט.

זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט אַליען, ווי מ'האָט אָפּגערעדט, אין אַ פערטל זיבן, לעבן סאַמע סאָבאָר.

און דערנאָך איז געווען דער קאָנצערט. דער אָרגאַן. באַך. דער אָרקעסטער און אַ כאָר. גענדעל. טשײַקאָווסקי. גײַדן, בעטהאָווען, באָראָדין. און אינגאַנצן אומבאַוווּסטע פּריִער — עקעלס, רעגער, פראַנק, בוקסטעכודע, וועמענס פאַמיליעס ער האָט פּריִער אַפילו ניט געהערט.

אַליע איז געזעסן לעבן אים און האָט געהערט, און ווען עס איז דערגאַנגען צו דער פּרעלודיע און דער פוגע רע מאַזשאָר, האָט ער אין אַלץ פאַרגעסן און איז ווידער געווען אין קראָקאָוו, אין יאַנוואַר פון פינף־און־פערציקסטן, ער האָט ווידער דערזען נינען, קאַראַליאָווען, נינאַ פּיאַדאָראָוונאַ פונעם אַטריאַד פון דער יאַם־פּעכאָטע. זיי האָבן דעמלט געבראַכט צו קוורע וואַסיע קאַליעוון, דעם פּאַטאַ־אויסשפּירער קאָסטיע ניקאָלײַעוון, דעם ייִנגערן לייטענאַנט סאָלאָוויאָוון פון זייער טייל און נאָך אַ סאַך — פון אַנדערע טיילן. אויך פונעם אַטריאַד פון דער יאַם־פּעכאָטע, ווו נינע האָט געדינט.

און ווען אַליע האָט אָנגערירט זײַן האַנט און עפּעס אויסגעשעפּטשעט, האָט ער ניט פאַרשטאַנען.

— וואָס, נינע?

נאָר אויך זי האָט, אַפּאַנעם, ניט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַ טאָעס געהאַט און האָט זיך ניט באַליידיקט:

— איך זאָג, אַז אויב אָט די בילעטן אין דער נײַן־און־פערציקסטער ריי קאָסטן אַ רובל מיט פופציק, וויפל זשע קאָסט אַ בילעט אין דער ערשטער ריי?

ער האָט ניט געקענט איר דערקלערן, כאָטש די ערשטע ריי איז דאָ ניט פון די בעסטע, זי האָט זיך געפונען אונטערן סאַמע אָרגאַן, נאָר ניט אין דעם גייט עס.

נאָכן קאָנצערט זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק. אַליע האָט זעלטן־ווען עפּעס געפרעגט, ער האָט עפּעס געענטפערט.

די שטאָט איז געווען פאַרפּאָראָשעט מיט אַ פוכקן שניי, און דאָס אַלץ — דער שניי, די גאַסן, דער פּלאַץ און דער סאָבאָר, און די קלאַנגען פונעם אָרגאַן — איז געווען ניט דאָ, נאָר דאָרטן — אין קראָקאָוו. דעמלט, אין פינף־און־פערציקסטן האָט געשאָטן פונקט אַזאַ ווייכער שניי.

זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו איר טיר.

— באַ מיר איז דאָך קיינער ניטאָ, — האָט געזאָגט אַליע, — איר וועט אַרײַנגיין?..

ער האָט ניט געענטפערט.

— און אויב איך וועל אײַך זייער בעטן, — האָט געזאָגט אַליע, — זייער, זייער?

— ניין, ניין, אַ צווייטן מאָל, — האָט ער געזאָגט אַזוי, ווי ער וואָלט זיך פילן שולדיק אין עפּעס, און האָט נאָך עפּעס צוגעגעבן — אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען און וועגן עמעצן, וואָס דאַרף אים אָנקלינגען אין האָטעל.

ער האָט אַ קוש געטאָן אַליעס האַנט און איז אײַליק אַוועקגעגאַנגען. „ווען איך וועל זיך אומקערן, וועל איך אומבאַדינגט אָפּזוכן נינען! מעגלעך, אַז זי האָט אַ מאַן, קינדער, איך האָב דאָך אָבער רעכט פאָשעט זיך דערוויסן, ווי איז זי, וואָס איז מיט איר?"

* * *

אָלגאַ וואסיליעוונא, אָליע, איז ניט געשלאָפן א גאנצע נאכט. זי האָט די גאנצע צײַט געזען פאר זיך דעם שרעקלעכן סאָבאָר אָן א סטעליע און אָן א דאך, און עס האָט געהילכט די מוזיק, און ס׳איז געווען אזוי וואַרעם און געמיטלעך מיט אָט דעם מאָדנעם מענטשן.

און זי האָט געוויינט פון גליק און פון באַליידיקונג, און געקלערט: צוליב וואָס האָט זי אויסגעטראכט וועגן פעטיען און וועגן קינדער, וועלכע זײַנען קיינמאָל ניט געווען.

פון רוסיש — ד. גראַזאָווסקע

די לעוואָנע און די זון

אינעם צוויי־און־פערציקסטן יאָר, אין יאנואר, האָט מען אונדזער מיליטער־טייל אריבער־געוואָרפן אַף צאָפן. ווײַט פונעם פראָנט, נאָר פונדעסטוועגן ניט קיין רעזערוו־פאָלק. פאַר־שטייסט דאָך אליין, וואָס עס הייסט א רעזערוו־פאָלק אין הינטערלאנד. עס גייט אזא מיל־כאָמע, וועלכע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען, און מיר, רויטארמייער, שלאָגן בײַדעקעס!

און דאָ, אפן צאָפן, — אָנפליִען פון דער דײַטשישער אוויִאציע, אליארמען, און עס איז אזא געפיל, אז דו געפינסט זיך דאָ ניט פּאָשעט, קעדיי צו האָדעווען די לײַז אין קאזארמע, דו דינסט ניט גלאַט אזוי, נאָר דו פארנעמסט זיך מיט נייטיקע איניאָנים. מע האָט אפילע געזאָגט, אז פון אונדז, און טאקע נאָר פון אונדז, זײַנען אָפּהענגיק אלע אָפּעראציעס אפן יאַם, אפילע דאָס צושטעלן שפּײַז־פּראָדוקטן פון ענגלאנד און אמעריקע לויטן לענד־ליז. דעמלט האָבן מיר ניט געוווּסט, וואָס איז עס אזוינס און צוליב וואָס. ערשט שפּעטער האָבן מיר עס פארשטאנען, נאָר גופע די ווערטער „לענד־ליז" האָבן זייער וואזשנע געקלונגען פאר אונדז, ייִנגלעך. אלע האָבן געמיינט, אז מעגלעך, פון אָט דעם דאָזיקן ניט פארשטענד־לעכן הייבט זיך טאקע אָן די אמעריקאנישע און ענגלישע הילף — די עמעסע הילף אין דער מילכאָמע.

אין מאַלי אוכטי — א טיפּיש צאָפּן־דאָרף — האָט מען אונדז באזעצט. צוויי וואָכן האָבן מיר געגראָבן זעמליאנקעס, נו, און נאָך עפּעס: בייס אָן אליארעם, ווען די דײַטשן פלעגן אָנפליִען, האָבן מיר געהאָלפן די זעניטלער דערלאנגען סנאריאדן, געהאָלפן באגראָבן די אומגעקומענע — מיט איין וואָרט, א באטאליאָן מיט ספּעציִעלע צוועקן. א ספּעציִעלער — דאָס איז שוין שפּעטער געווען, דערווײַל אָבער — א באדינונגס־קאָמאנדע. טו אלץ, וווּהין מע שיקט דיך, העלף אלעמען, ווען מע דאַרף, און אכוץ דעם האָבן מיר נאָך געטראָגן די פּאטרול־דינסט אינעם דאָרף.

קעלטן זײַנען געשטאנען שוידערלעכע. פינף און דרײַסיק, אכט און דרײַסיק און אמאָל טאקע אלע פערציק. נאָר דאָס איז נאָך גאָלע גאָרניט, ווען עס איז קיין ווינטן ניטאָ. טוט א בלאָז פונעם יאַם א ווינט, — און דעם יאַם האָבן מיר אפילע אין די אויגן ניט געזען, ער איז געווען א קילאָמעטער פופציק פון אונדז, — נעמט ער אפילע אין א קליינעם פראָסט דורך די ביינער. אפילע די היגע אײַנוווינער, דאכט זיך, שוין גוט צוגעוווינט צו דעם צאָפּנדיקן קלי־מאט, קאָן מען אין אזעלכע טעג אין דאָרף ניט זען.

און דאָ פלוצעם אָט דער יאַט. איך האָב אָקאָרשט פונעם קאראול אין מײַן זעמליאנקע זיך אומגעקערט. עס איז געווען אזוי קאלט און אזוי שטיל, אז עס האָט זיך געדוכט, אז אלץ איז אויסגעשטאָרבן, אלץ איז פארפרוירן. די שטיבער, די ביימער, די נאָענטע סאָפּקעס און דאָס דאָרף גופע, דער הימל — א מוטנע־ראָזעווער פון דער זײַט, ווו די זון איז פארגאנגען, און א מוטנע־בלאסער פון דער אנדערער זײַט, ווו די לעוואָנע איז אופגעגאנגען. שוידערלעך. אגעוו, ווען ניט די צעבונדענע אָבמאָטקע אפן לינקן פוס, וואָלט איך אָט דאָס יאַטל אפילע ניט באמערקט.

איך האָב זיך אָקאָרשט אָפּגעשטעלט, די הענטשקעס אויסגעטאָן, גענומען מיט די פאר־פרוירענע פינגער די אָבמאָטקעס פארוויקלען, איך טו א קוק — ער שטייט אפן גאנעק, א פּארקוטעטער, א יאַטל פון א יאָר אכט־נײַן.

— וואָסי? — פרעג איך, ווען איך האָב שוין די אָבמאָטקע איבערגעוויקלט.

— גאָרנישט, — ענטפערט ער, — איך קוק.

— אף מיר? — פרעג איך. — ס'איז דאָך אזא שרעקלעכע קעלט, וועסט פאַרפרוירן ווערן, גיי אַרײַן.

— כ'וועל ניט פאַרפרוירן ווערן, — ענטפערט ער מיט א קאָל פון א דרייסט האָנעכל. — דאָס האָב איך אף דיר ערשט איצט א קוק געטאָן, און אזוי האָב איך אף דער לעוואָנע גע־קוקט. דו ביסט דאָך נאַרוואָס צוגעגאַנגען, און איך קוק שוין פון ווען אָן...

גערעדט האָט ער מיט אזא צאַפּנדיקער אויסשפּראַך, אז איצט איז דאָס שווער איבער־צוגעבן, נאָר דעמלט בין איך געווען שטאַרק איבעראַשט און גלײַך צוגעגאַנגען צום יאָטל:

— וואָס־זשע איז דאָרטן, אף דער לעוואָנע, אזוינס אויסערגעוויינלעכס?

ערגעץ האָב איך געהערט, אז היינט און וועלף קאָנען קיין אויג פון דער לעוואָנע ניט אראָפּנעמען, קוקן אף איר לאַנג און וואָיען, און נאָך, זאָגט מען, זײַנען פאַראַן אזעלכע לונאַטיקעס — זיי כאַפּן זיך אוף פונעם בעט, ווען עס שײַנט די לעוואָנע, און ציִען זיך צו איר, קריכן אף די ביידעמער און אף די דעכער און גייען דאָרטן אַרום, ווי פּאַרקישעפטע. אָפּטמאָל בלאָנקען זיי אזוי אַרום גאַנצענע נעכט, און דערנאָך קערן זיי זיך אום אין די בעטן און שלאָפן רויִק, און אינדערפרי געדענקען זיי גאָרניט. וועגן די לונאַטיקעס האָב איך פון מײַן מאַמע געהערט, ווײַל זי פלעגט שטענדיק פאַרהענגען די פאָרהענגלעך, ווען די לעוואָנע האָט אינעם פענצטער געלויכטן.

און דאָ — אָט דאָס יאָטל אפּן גאַנעק, און עס איז איצט נאָך ניט נאַכט, ערשט אכט אזייגער אין אָוונט. און ער איז ניט ענלעך אף קיין לונאַטיקער — אזא ערנסטער, כאָטש נאָך גאָר א קינד, און רעדט מיט מיר אף „דו", ווי א סאָלדאַט.

דאָס יאָטל האָט געציטערט, כאָטש ער איז געווען וואַרעם אײַנגעקוטעט, ניט ווי מיר, סאָלדאַטן, און איך האָב ווידעראַמאָל אים איבערגעפרעגט, שוין אין א שפּאַס:

— וואָס זשע איז דאָרטן, אף דער לעוואָנע?

— דו גיב א קוק, — האָט דאָס יאָטל געזאָגט, — גיב א קוק אופמערקזאַם, אוועלכע זי איז! פון אויבן און פון לינקס, גיב א קוק!

איך האָב א קוק געטאָן, דעריקער צוליב אים, פאַרשטייט זיך. א מוטנע לעוואָנע. גיכער א האַלבע לעוואָנע, אָפּגעהאַקט פון אויבן און פון לינקס און עטוואָס אָפּגערוקט אין א זײַט, ווי א האַלבע קאַוענע, וואָס ליגט ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

— נו, וואָס, ניט קיין פולע? — האָב איך געפרעגט.

— און פאַרוואָס ניט קיין פולע? — האָט זיך א כאַפּ געטאָן דאָס יאָטל, — פאַרוואָס?

— נו, עס טרעפט, — האָב איך געזאָגט ניט זיכער. — עס מאַכט זיך אזוי סײַ זומער, סײַ ווינטער. אָט א לעוואָנע און אָט א מוילעד...

— גאָרנישט פאַרשטייסטו ניט, — האָט ער אופגערעגט אויסגערופן, — גאָרנישט ניט, אבסאָליוט גאָרניט! און נאָך א רויטאַרמייער, אויך מיר! אפילו די אַבמאַטקעס קענסטו ניט פאַרוויקלען, ווי עס באַדאַרף צו זײַן!

איך מוז זיך מודה זײַן — ער האָט מיך אינגאַנצן צו נישט געמאַכט. איך בין געוואָרן אין קאַס אף אים, און די קעלט האָט מיר אויך געבייזערט, און דעריקער דאָס, וואָס ער ווייסט עפּעס אזוינס, וואָס איך ווייס ניט...

— זאָג זשע, אויב דו ווייסט! — האָב איך קימאַט אויסגעשריגן. — דו שטייסט אָט דאָ, האָסט ניט וואָס צו טאָן און דולסט א קאָפּ.

און ער האָט מיר געזאָגט:

— אויב דו ווייסט ניט, וועל איך זאָגן. ס'איז איך פּאַשעט קאַלט, דער לעוואָנע. דו פאַרשטייסט? און די זון דערוואַרעמט זי, זאָרגט זיך פאַר איר, זי נעמט בא איר אָט א קליין שטיקעלע, אָט א גרעסער שטיקעלע — און דערוואַרעמט עס, ווען דער פראָסט איז, ווי איצט, מיט א ווינט, און זי, די זון, א וואַרעמע, א הייסע, באַהאַלט זיך אין די ווײַטע היציקע מעקוי־מעס, נאָר זי פאַרגעסט ניט וועגן דער לעוואָנע, זי ווייסט, אז דער לעוואָנע איז קאַלט. אָט אזוי נאַכט נאָך נאַכט...

דער באָכער האָט מיך איבעראַשט. וואָס מיר פראָסט, וואָס מיר קעלט און ווינט! איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן סײַ זיך, סײַ דעם פראָסט. אַן אינטערעסאַנטער באָכער!

און איך, איך בין דאָך דעמלט אויך נאָך א יונג באָכערל געווען, אכצן יאָר, — און מיר האָט זיך געוואָלט אים אויך מיט עפּעס־וואָס פאַרוווּנדערן.

— זאָג מיר, — האָב איך אים געפרעגט, — און ווען אפּן הימל זײַנען סײַ די זון, סײַ די לעוואָנע מיטאַמאָל, איז עס פאַרוואָס? עס מאַכט זיך אזוינס פאַרנאַכט, אין אָוונט און אינדערפרי, פאַרטאָג. פאַרוואָס?

— די לעוואַנע מיט דער זון מיטאַמאָל — דאָס ווייס איך, — האָט ער געזאָגט, — נאָר פאַרוואָס מיטאַמאָל — דאָס ווייס איך ניט.

ער ווייסט ניט!.. מיר איז אפילע וואַרעמער געוואָרן. גוט, וואָס כאָטש אָט דאָס ווייסט ער ניט! אַניט זע נאָר: אַ נישטיק יאַטל — און פּלוצעם מיט מיר אַזוי. און די אָבמאַטקעס מיר דערמאַנט, און...

— איז הערער אויס, — האָב איך אַ זאָג געטאָן מיט אַ געפּיל פון שטאָלץ. — ווען די זון זעצט זיך, און די לעוואַנע אָדער דער מוילעד באַווייזט זיך נאָר, איז דאָס, לעהאוודל, ווי עס בײַט זיך דער קאַראָול באַם קרעמל אָדער אַף אַן אַנדערן וויכטיקן פּאָסטן. די זון גיט איבער דער לעוואַנע דעם פּאָסטן, און אינדערפרי די לעוואַנע — דער זון...

איך האָב זיך דערמאָנט און אים דערציילט אַלץ, וואָס איך האָב נאָך אין דער קינדהײַט פון מײַן פּאָטער געהערט. איך האָב זיך וועגן דעם דערמאָנט דערפאַר, ווײַל איך האָב איצט גערעדט מיט אַ יאַטל און איך האָב געוואָלט זיך צופּאַסן צו אים און פאַרוונדערן אים מיט אָט די קינדערישע דערמאָנונגען. און נאָך, געוויינלעך, זיך אַ באַרים טאָן, אַז איך בין ניט אַזאַ נישטיקער רויטאַרמייער, ווי עס ווײַזט זיך אים אויס...

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — און ווידעראַמאָל מיטן אָקצענט פון זײַן צאָפּנדיקער אויס־שפּראַך, — און דו, פונוואַנען ווייסטו עס?

אַף אַזאַ פראַגע האָב איך ניט געענטפערט. דעמלט, אין יענער מינוט, ניט געוואָרט, און, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט מײַן פּאָטער מיר אַמאָל געזאָגט, דיפּלאָמאַטיש פאַרשוויגן.

— איך ווייס, און אַן עק, — האָב איך געזאָגט, — און פּאָטער!

— גוט — האָט ער איבערגעכאַזערט. — ווי באַם מאַוזאָליי, בײַט זיך דער קאַראָול. אַ דאַנק! — ער איז אַנשוויגן געוואָרן, אַ קוק געטאָן אַף דער לעוואַנע און ווידעראַמאָל אַף מיר: — און איך האָב ניט אַליין זיך דערוווּסט, אַז די זון דערוואַרעמט די לעוואַנע. מײַן טאַטע האָט עס מיר דערציילט, און איך האָב פאַרגעדענקט, און ווען איך קוק אַף איר, געדענק איך אַלצדינג. און דעם פּאָטער.

— און ווו איז ער עס, דײַן פּאָטער?

— אַף דער מילכאָמע אומגעקומען, די דײַטשן האָבן אים דערהאַרגעט. דאָ ניט לאַנג איז אַ „פּאָכאָראָנקע" אָנגעקומען, — האָט דאָס יאַטל געזאָגט. — און דײַן טאַטע איז אַן אַלטער?

איך האָב ניט אויסגעהאַלטן, צוגעדריקט דאָס יאַטל צו זיך, אַרומגענומען, אַ טרייסל גע־טאָן, קעדיי דערוואַרעמען אים, און, מעגלעך, ס'איז אַ ביזאָיען, אַז אַ רויטאַרמייער זאָל וויינען, און די גאַנצע מילכאָמע האָט זיך פאַר מיר ערשט געדאַרפט אָנהייבן, און איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געוויינט, — נאָר דאָ האָב איך זיך אײַנהאַלטן ניט געקאָנט.

— אַנטשולדיקן! איך האָב אויך... וועגן דער זון און דער לעוואַנע ניט אַליין... מײַן טאַטע האָט מיר אין דער קינדהײַט דערציילט. ניט קיין אַלטער איז ער געווען. אויך אַף דער מילכאָמע. הינטער מאָסקווע. האָבן אים די דײַטשן דערהאַרגעט. נאָך אין איין־און־פער־ציקסטן...

יאַן = וואַניטש

מיר זײַנען מיט אים ניט באַקענט. מיר גייען ניט צוגאַסט איינער צום אַנדערן. איך האָב מיט אים ניט קיין שום געשעפטן. פונדעסטוועגן זײַנען מיר אַלטע באַקענטע און אפילע פרײַנט — לויט דער גאַס. לויטן טראָטואַר. דאָ באַגעגענען מיר זיך אָפט, ווען איך קום אין אָט די קאַנטן, און בלאָנקע אַהין־אַהער. אַמאָל — פּאָשעט אַזוי, ווען עס אַרבעט זיך ניט, און צומאָל אין פאַרלוירנקײַט, ווען דו ווייסט ניט וואָס צו טאָן. גענוג אָבער צו דערזען יאַן־וואַניטשן, אַז אַף דער נעשאָמע זאָל ווערן רויקער.

יאַן־וואַניטש קערט דעם ברוק און דעם טראָטואַר — דרײַ הונדערט מעטער פאָרויס און דרײַ הונדערט צוריק. זײַן באַצירק דאַרף זײַן ריין און אַקוראַט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט לײַכט, אַמאָל אפילע זייער שווער. ווינטער, אַשטייגער, ווען עס שיט אַ שניי, מוז ער זיך אומבאַדינגט אומקערן צוריק און נאָכאַמאָל אַ קער טאָן דעם נאָרוואָס אָנגעשאָטענעם שניי. אָדער אפילע זומער, ווען עס גייען פאַרבײַ קינדער און וואַרפן אָן פּאַפּירלעך פון קאָנפעטן דאָרטן, וווּ מע טאָר ניט וואַרפן, מוז מען זיך אומקערן צוריק. הײַנט, ווען עס מאַכט זיך אַ שטאַרקער ווינט און אַ שטורעם אַפן יאַם, ברעכט ער צווײַגן פון די ביימער, רײַסט אַראָפּ בלעטער — אָ, דעמלט גייסטו אַרויס מיטן בעזעם איין מאָל, און צוויי מאָל, און דרײַ מאָל...

יאַן־וואַניטשן קען איך שוין עפּשער הונדערט יאָר, ריכטיקער — צוואַנציק, זינט איך קום אַהער צו פאָרן. און שטענדיק איז ער דאָ. און שטענדיק באַ זײַן אַרבעט. קערט און קערט מיטן בעזעם, האַלט אין אָרדענונג די גאַס.

אַמאָל, ס׳איז געווען מיט ווײַסעד וויפל יאָרן צוריק, ווען מיר האָבן זיך באַקענט און דאָס ערשטע מאָל זיך צערעדט, האָט מיך זייער פאַרווונדערט זײַן נאָמען: וואָס עפּעס יאַן־וואַניטש? נו, יאַן איז נאָך פאַרשטענדלעך, אָבער דער פאָטער־נאָמען וואַניטש! מיילע, זאָל זײַן יאַן־יאַניטש, אַף וויפל יאַן איז איוואַן, אָדער איוואַן־איוואַניטש.

— וואָס רעדט איר? — זאָגט יאַן־וואַניטש, — איך בין קימאַט אַ רוס... און ער האָט דעמלט געזאָגט פיל גוטע ווערטער וועגן די רוסן, מיך האָט עס זייער גערירט.

דעריבער האָב איך, אין אַ שפּאַס, פאַרשטייט זיך, געענטפערט יאַן־וואַניטשן:

— אַ רוס — דאָס איז דאָך ניט קיין גענעראַל־טיטל, כאָטש עס זײַנען פאַראַן פאַרשיי־דענע — סײַ גענעראַלן, סײַ סאָלדאַטן.

— ניין, ניין, זאָגט ניט! די רוסן — דאָס...

היכע ווערטער זײַנען שטענדיק היכע, נאָר אַמאָל, אויב זיי זײַנען טאַקע בעעמעס אָפּריכטיקע, ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין האַרציקע. יאַן־וואַניטש האָט גערעדט פונעם פולן האַרצן.

מיר האָבן זיך באַפרײַנדעט.

און ווען איך זאָל ניט געווען קומען צו פאָרן — זומער, ווינטער, פרילינג, — פלעג איך שטענדיק באַגעגענען יאַן־וואַניטשן באַ זײַן אַרבעט — דרײַ הונדערט מעטער פאָרויס און דרײַ הונדערט צוריק.

מיר שטייען און שמועסן.

איך פרעג אים אויס וועגן די ביימער, אין וועלכע איך פאַרשטיי זייער ווייניק.

ער דערקלערט מיר.

פאַרבײַ גייען קינדער.

— אַ גוט־מאָרגן, זיידע יאַן!

— יאַן־וואַניטש, אַ גוט־מאָרגן!

יעדערער באַגריסט יאַן־וואַניטשן אַף זײַן שפּראַך, און יאַן־וואַניטש, דוכט זיך, קען אַלע קינדער אין דעם קאַנט, יעדערן באַם נאָמען, און ענטפערט זיי — יעדערן אַף זײַן שפּראַך.

ער איז ניט קיין זיידע, אַף וויפל ער איז אין מײַנע יאָרן, נו, מעגלעך, אַף אַ יאָר פינף עלטער. אָבער די מילכאָמע האָבן מיר ביידע דורכגעמאַכט. יאַן־וואַניטש זאָגט מיר, אַז ער איז אויך אַלע פיר יאָר געווען אַף דער מילכאָמע.

יאַן־וואַניטש איז אַ גוטער און, כ׳וואָלט געזאָגט, עפּעס אַ ווונדערלעך אינטעליגענטיש־צוגעלאָזטער מענטש. אַלצדינג ווייסט ער, אַלץ פאַרשטייט ער, און קינדער האָט ער ליב...

צוויי וועווערקעס באַווײַזן זיך אַף די ביימער־שטאַמען, שפּרינגען אַריבער אַפן פּלויט, און פּלוצעם גיבן זיי זיך אַ וואָרף אַפן אַספאַלטירטן ברוק.

— אוי, זיי זאָלן, כאַלילע, ניט אַרונטערפאַלן אונטער אַ מאַשין, — זאָגט יאַן־וואַניטש, — נאַרעלעך.

די וועווערקעס זײַנען פּיצינקע: איינס מיט אַ טונקעלן ווידעלע, דאָס צווייטע — מיט אַ ליכטיקס. פאַר מענטשן האָבן זיי קיין מוירע ניט, פאַר מאַשינען — אויך ניט, זיי זײַנען דורכגעלאָפן איבערן וועג, צום טײַך.

— זיי וועלן זיך אומקערן, — זאָגט יאַן־וואַניטש און באַטאַנט דערבײַ זאָרגזאַם: — זיי וועלן נאָכאַמאָל לויפן צוריק, אָך, עס זאָל קיין אומגליק ניט געשען! מע דאַרף אַף זיי אַכטונג געבן, מע דאַרף... לעבעדיקע באַשעפענישן! זיי זײַנען דאָך לעבעדיקע!

יאַן־וואַניטש האָט ליב אי די וועווערקעס, אי די ביימער, ער האָט ליב אַלץ, כאָטש די נאַטור באַלוועט אים ניט, דעם הויז־וועכטער. אַזוי פאַרשטיי איך, פאַר אַ הויז־וועכטער איז בעסער אַן אײַנגעשטעלטער זומער, אַ שיינער ווינטער, אַ גוטער פרילינג און אַ וואַרעמער האַרבסט. דאָ איז די נאַטור קאַפּריז. און אָט איז האַרבסט, און בלעטער פאַלן. בלעטער...

* * *

בלעטער, בלעטער, בלעטער. זיי זײַנען, ווײַזט זיך אויס, פאַרשיידענע.

— אָט דאָס איז אַ ליפּע, — זאָגט מיר יאַן־וואַניטש, — און דאָס איז אַ טאָפּאָל.

ער הייבט אויף איין בלאַט, אַ צווייטן און דערקלערט, פאַרוואָס אָט דער בלאַט איז אַזעל־כער און אָט יענער אַן אַנדערער.

— דאָס איז א דעמב.

— און דאָס איז א קליאָן.

— דאָס איז אַן אקאַציע.

— און אָט דאָס איז אונדזער לײַבלעך־רוסישע בערעזע... נאָך גאָר א גרינינקע.

מענער און פרויען, מיידלעך און יינגלעך — פון לינקס און פון רעכטס, פאָרויס און ווײַט פונדאַנען, און הינטער אונדזערע פלייצעס, ראַנגלען זיך, ווי יאַן־וואַניטש, מיט אָט די בלעטער. ראַנגלען זיך אײַנדערפרי, באַטאָג און פאַרנאַכט. מע קערט זיי מיט בעזעמער, מיט שטאַרקע בעזעמער פון בערעזע־צווײַגן. דאָס זײַנען, ווײַזט אויס, יאַן־וואַניטשעס פרײַנט, זיי זײַנען אויך אַזעלכע הויז־וועכטער אָדער קינדער פון הויז־וועכטער. און איצט גייען זיי אָנגעטאָן אין געלע זשילעטן, מע זאָל זיי זען פונדערווײַטנס און ניט איבערפאָרן.

— פאַרוואָס טוט איר ניט אָן, — פרעג איך בא יאַן־וואַניטשן, — אזא זשילעט?

— צוליב וואָס? איך בין דאָך ניט קיין וועוורקע. איך וועל דעם וועג ניט איבערגיין, ווען מע טאָר ניט, — ענטפערט ער.

און ווידעראַמאָל וועגן בלעטער.

צוואַנציק יאָר קום איך צו פאָרן אהער און זע דאָ אלץ, — וואָס עס בײַט זיך צום בע־סערן און וואָס ניט, נאָר אזא בלעטערפאַל האָב איך נאָך ניט געזען.

איך פריי זיך און באַדויער יאַן־וואַניטשן.

— און איך האָב אלץ ליב, — זאָגט ער, — אָט בין איך שוין אף פענסיע, און מע צאָלט איצט זייער פײַן. ס'א לעבן!

— ניט שוין זשע אף פענסיע?

— ווי עס פירט זיך, נאָר, ווי איר זעט, אַרבעט איך נאָך...

און ווידעראַמאָל בלעטער. א יאַם מיט בלעטער. קליאָן, דעמב, ליפּע, אָלכע, טאָפּאָל, אָסינע, בערעזע, אקאַציע און אָן א שיר קוסטעס, וועגן וועלכע איך האָב נאָך ניט באַוויזן זיך דערפרעגן בא יאַן־וואַניטשן. די בלעטער פליען און קלעפּן זיך צום נאַסן אַספאַלט. די אווטאָמאָבילן, וואָס לויפן לענגויס דעם טראָטואַר, אלטע און נײַע, אפילו „פּאָבעדעס”, וועל־כע זענען אויס שפּאַגל־נײַ, און די לעצטע מאָדעלן פון „וואָלגעס”, „מאָסקוויטשן”, „זאַפּאָ־ראָזשצעס”, „זשיגולי”, אינוואַלידן־וועגעלעך, — הייבן אוף די בלעטער פון דעם ברוק, זיי פליען און לייגן זיך אפן טראָטואַר.

— מענטשן לעבן איצטער זייער גוט, — זאָגט יאַן־וואַניטש, — יעדער אײנער האָט א מאַשין. איצט כאַפּן זיך אלע קויפן „זשיגולי”.

פונעם יאַם האָט געבלאָזן א ווינט, און די מעוועס זײַנען אוועקגעפלויגן צום טײַך, ווו עס איז שטילער און רויִקער.

דער יאַם און דער טײַך זײַנען זײַט־בא־זײַט. א שמאָל פּאַסיקל ערד צווישן זיי — אונד־זער גאַס און די אײַזנבאַן־ליניע. קוים ווערט דער יאַם ברויזנדיק, קלײַבן זיך די מעוועס אריבער צום טײַך. זיי פליען איבערן וועג, איבער די מאַשינעס, איבער די הײַזער, איבער די מענטשן, צום טײַך און קערן זיך אום, ווי נאָר דער יאַם שטילט זיך אײַן.

— זיי זוכן, ווו עס איז בעסער, — זאָגט יאַן־וואַניטש וועגן די מעוועס, ווי ער וואָלט געוווסט, וועגן וואָס איך טראַכט, — און וואָס געפינען זיי? א ראַכמאָנעס, זיי קומען אום... איך ווייס ניט, וואָס די מעוועס ווילן. איך האָב פאַשעטע ניט ליב אָט די ווילדע פויגלען. נאָר דעם טײַך און דעם יאַם האָב איך ליב.

דער יאַם איז דאָ שטענדיק א קאַלטער, אפילו זומער, און דער טײַך, צום באַדויערן, ברענגט פאַר די ליבהאָבער פון פישפאַנג ווייניק פרייד, כאָטש מיר האָבן זיך זייער געסטאַ־רעט, איך און מײַן זון.

און דאָך, ווי פּרעכטיק עס איז דער טײַך און דער יאַם, באַזונדערס דעמלט, ווען זיי קריגן זיך. בייס א שטאָרם שלאָגט דער יאַם אין טײַך און לאָזט ניט, ער זאָל אַרויסוואַרפן זײַן זיס וואַסער און צעמישן עס מיט דער געזאַלצענער. דער טײַך הייבט דעמלט אָן צו ווילדעווען: ער גייט אַרויס פון די ברעגן, פאַרגיסט דאָס אינדזל, דעם ראַוו, די לאָנקע און, אָפּצולאָכעס אַלעמען, רײַסט ער זיך צו מענטשן — צו זייערע הײַזער און שטאַלן. און די מענטשן מוזן אוועקגיין מיט די קינדער און מיטן פי. נאָר דערפאַר זײַנען זיי דאָך מענטשן, קעדיי זיך אומקערן צוריק אהיים אין זייערע אײַנגעזעסענע ערטער. דער טײַך ווייסט דאָס און שטייט ניט אוף קעגן די מענטשן, נאָר קעגן דעם יאַם. דער טײַך איז רויִקער, איידער דער יאַם.

— אפן וועג פונעם טײַך צום יאַם קומען אום פיל מעוועס, ווען דער ווינט טרײַבט זיי

פון דער ערד צוריק צום יאַם, — פֿאַרטײַטשט מײַן געדאַנק יאַן־וואַניטש, — פֿאַרטשעפּען זיי זיך אין די דראָטן.

ווײַל די דראָטן טראַכט איך ניט, איך זע נאָך איין בלאַט — אַ זשעקסאַנטיקן, עפּעס, דאַכט זיך, אַ באַקאַנטער, נאָר אַ זעלטענער אין אַט די ערטער, און ניט איין בלאַט, אַ סאַך בלעטער — גרויסע, ווי קרויט, און עטוואָס קלענערע, גרינע, פֿאַרגעלטע און טונקל־ברוינע.

— דאָס איז דאָך פֿון אַ קאַשטאַן, — דערקלערט מיר יאַן־וואַניטש מיט אַן אוקראַיִנישן אַקצענט, — נאָר דעם היגן קאַשטאַן קאָן מען ניט עסן.

און איך האָב געמיינט, אַז קאַשטאַנעס וואַקסן נאָר אין קיִעוו און אין דאָרעם־רוסלאַנד.

מיר שמועסן שטענדיק גייענדיק, עס ווילט זיך ניט אָפּרײַסן יאַן־וואַניטשן פֿון זײַן אַרבעט. און איך אַליין שאַנעווע זייער די צײַט — ניט אָפּרוען בין איך דאָך אַהער געקומען. הײַנטיקס יאָר זעט אויס יאַן־וואַניטש געעלטערט. עפּשער דערפֿאַר, ווײַל עס איז האַרבסט, און פֿריִער בין איך דאָ אין אַזאַ שפּעטער צײַט ניט געווען. אָבער האַרבסט און בלעטער זײַנען דאָך פֿריִער אויך געווען.

יאַן־וואַניטש טראָגט אַ היפּש אָפּגעריבענעם הוט, מיט פֿלעקן און מיט אַ ברודיקער סטענגע. דאָס פּאָנעם איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט גאָר קיין יונגס, נאָר אויך ניט קיין אַלטס. לויט מײַן פֿאַרשטאַנד, איז בײַ יאַן־וואַניטשן אַ גוט פּאָנעם, אַ מילדס און אופֿמערקזאַמס צו אַלעמען אַרום, און קרעפּטיקע הענט האָט ער. ווען דו קוקסט ווי ער אַרבעט, ביסטו אים מעקאַנע. איך בין אַן אַלטער סאָלדאַט, ווי ער, נאָר אַזױפֿיל קויכעס און געניטקײַט האָב איך, געוויינלעך, ניט. איך האָב אים געזאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן זײַנע הענט.

— וואָס זאָל מען טאָן? אַזאַ אַרבעט! ווערסט צוגעוווינט, — האָט געענטפֿערט יאַן־וואַניטש.

און ווידעראַמאָל גייען פֿאַרבײַ מענטשן.

— אַ גוט־מאָרגן, יאַן־וואַניטש!

— זײַט געגריסט, זיידע יאַן!

ווען יאַן־וואַניטשן באַגריסן קינדער, ענטפֿערט ער זיי, אייניקע אויף רוסיש, אַנדערע — אויף זײַן לשון.

פֿרויען גייען אין מאַרק אַרײַן, אין קראָם, גריסן זיי זיך אויך מיט יאַן־וואַניטשן. פֿאַר זיי נעמט ער אַראָפּ די הוט, פֿאַרנייגט זיך, פֿרעגט בײַ זיי אויס דאָס און יענץ. ס'איז צו באַוווּנדערן, צו יעדערן האָט ער אַן אַנדער צוגאַנג — אָט טוט ער זיך אַ וויצל אויף רוסיש, אָט רעדט ער מיט אַן אוקראַיִנישן אָדער ווײַסרוסישן אַקצענט, און אָט גאָר אויף קאַווקאַזיש: „גענאַצוואַלי", „קאַצאַ"...

ווען איך גיי באַנאַנד מיט יאַן־וואַניטשן, מוז איך אויך באַגריסן זײַנע באַקאַנטע און בײַזײַן בײַ זייערע געשפּרעכן, נאָר מיך קען דאָ קיינער ניט. אַמאָל פֿאַרנייגט ער זיך פֿאַר די מאַשינעס, וואָס פֿאָרן פֿאַרבײַ, נאָר וועמען באַגריסט ער, ווייס איך ניט.

אָט דאָ ניט לאַנג איז געווען אַ צופֿאַל, וואָס איך באַדויער אים זייער.

ווי געוויינלעך, האָב איך אויף אַ מינוט זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי צו באַגריסן יאַן־וואַניטשן. פּלוצעם האָט זיך באַוויזן עפּעס אַן אַלטיטשקע, אַן אָנגענעמע, און האָט אונדז פֿאַרעדט. אַלץ אויסגעפֿרעגט, אַלץ געוווּרע געוואָרן, אַ גוטע אַלטיטשקע.

יאַן־וואַניטש האָט אַרײַנגעשטעלט אַ פֿראַזע, מיר דוכט, אויף דײַטש.

אַ וווּנדערלעכער מענטש, יאַן־וואַניטש! אויך די דײַטשישע שפּראַך קען ער.

— אַגעוו, איז דאָס אַ באַוווּסטע פֿרוי. פֿון די עלטסטע פּאַרטיי־מיטגלידער, אַן אַלטע באָלשעוויטשקע, אַ ייִדישקע, אָבער אַ גוטע פֿרוי...

מיך האָט עס עפּעס אַ שטאָך געטאָן. איך בין אַוועק, און יאַן־וואַניטש איז געבליבן זיך ראַנגלען מיט די אָקטיאַבער־בלעטער...

* * *

דער וועטער בײַט זיך דאָ אויך אין די אָקטיאַבער־טעג. אָט גייט אַ רעגן, אָט שיט אַ שניי, אָט באַווײַזט זיך די זון און עס ווערט וואַרעם. נאָר די בלעטער שיטן זיך און שיטן, און עס דאַכט זיך, עס וועט קיין סאָף ניט האָבן. די ביימער און די קוסטעס זײַנען נאָך קימאַט אינגאַנצן גרין.

— איך בין אײַך ניט מעקאַנע, יאַן־וואַניטש, — זאָג איך אים, ווען מיר באַגעגענען זיך.

— וואָס רעדט איר? אָט בײַ אײַך איז אַ שווערע אַרבעט, און מײַנע? — לאַכט יאַן־וואַניטש, — מײַנע איז פּאָשעט אַ פֿאַרגעניגן!

די טויבן פלאַנטערן זיך אונטער יאַן־וואַניטשעס פיס. מענטשן גריסן זיך. אין הימל פליִען די מעווס פונעם יאַם צום טײַך און פונעם טײַך צום יאַם. די וועוועקעס לויפן איבער די פּאַרקאַנעס און פון דאָרט גלײַך אַפן ברוק. פון מיר אַנטלויפן זיי, און פון יאַן־וואַניטשן ניט.

— איך האָב דאָס ליב, אוי, האָב איך עס ליב! — זאָגט יאַן־וואַניטש. — ס'א לעבן! איר ווייסט, די מילכאַמע, דער פּראַנט לערנען אויס ליב האָבן דאָס לעבן!

איך האָב זיך דערמאָנט אין דער אַלטער באַלשעוויטשקע, זיך דערמאָנט, אַז יאַן־וואַניטש האָט מיט איר גערעדט אַף דײַטש. איך האָב ניט קיין פעיִקייטן צו שפּראַכן. קיין איין שפּראַך האָב איך ניט געקענט באַהערשן אפילע פּראַקטיש אין אַנדערע לענדער. און אָט יאַן־וואַניטש, א הויז־וועכטער, און קען אויך דײַטש.

אין די לעצטע אָקטיאַבער־טעג איז פּלוצעם געוואָרן וווּנדערלעך שטיל און וואַרעם. דער יאַם האָט ניט געשטורמעוועט, דער טײַך איז אַרײַן אין זײַנע ברעגן, און בלויז נעפּלען האָבן זיך געכמורעט אינדערפרי, אָבער באַטאָג פלעגן זיי זיך צעזייען.

אַרבעטן אין אַזעלכע טעג איז שווערער. איך פלעג פּאַרטאָג אַרויסגיין פון שטוב, בלאָנקען: עפּשער וועט עפּעס בא מיר זיך באַקומען.

איין מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבער דער באַקאַנטער גאַס, דאָס צווייטע מאָל, אַף מאָרגן דאָס זעלבע, נאָר יאַן־וואַניטשן זעט מען ניט. דער טראָטואַר איז ניט צוגעקערט, פאַרשאָטן מיט בלעטער, נאָך די באַנאַכטיקע פּרעסטלעך איז נאַס און גליטשיק.

אַנדערע אופראַמער קערן. מענער און פרויען, מיידלעך און ייִנגלעך — פון לינקס און פון רעכטס, פאַרויס און אינדערוויַיטנס פון מיר. און הינטער מײַנע פּלייצעס ראַנגלען זיי זיך מיט די בלעטער, מע קערט זיי מיט שווערע בערעזע־בעזעמער. אייניקע — אין געלע זשילעטן, עס זאָל זיי צופעליק ניט פאַרטשעפען קיין פאַרבײַפאָרנדיקע מאַשין, און בלויז יאַן־וואַניטש איז ניטאָ, און דער טראָטואַר, א פאַרשאָטענער מיט בלעטער, — דאָס איז זײַן באַצירק.

„עפּעס האָט געטראָפן? קראַנק געוואָרן? צי אין דער היים? מאַלע־וואָס עס מאַכט זיך. בא וועמען פרעגט מען?"

א טעג פינף זײַנען אַזוי דורכגעגאַנגען, און איך האָב אַלץ זעלטענער שפּאַצירט אַף דער גאַס — כ'האָב געאַרבעט. נאָר יאַן־וואַניטש איז מיר פונעם קאָפּ ניט אַרויס.

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי די ייִנגלעך האָבן אַזוי ליב געהאַט יאַן־וואַניטשן, דעם זיידע יאַן, און בין אומיסטן אַרויס שפּאַצירן דאַן, ווען זיי קערן זיך אום פון דער שול.

די ערשטע, וועמען איך האָב באַגעגנט, האָבן מיך דערקענט און זיך געגריסט. מיר האָבן זיך צערעדט — וועגן שול־איניאַנים, וועגן באַלן, ווי געווייַנלעך, און דערנאָך האָב איך געפרעגט:

— אונדזער זיידע יאַן, וואָס הערט זיך בא אים? עפּעס זעט מען אים ניט?

דער קלענסטער, מיט גרויסע אויגן, האָט א צוק געטאָן מיטן אַקסל:

— מע זאָגט, מע האָט אים אײַנגעזעצט.

— ערנסט? פאַרוואָס?

— כ'ווייס ניט, מע זאָגט, מע האָט אים אײַנגעזעצט.

— וואָס הייסט, דו ווייסט ניט? — האָט איבערגעשלאָגן א צווייטער, ער האָט גערעדט מיט אַן אַקצענט. — דו ווייסט ניט, קלוימערשט! ער האָט געהאָלפן די פּאַשיסטן, יאָ, וואָס איז דאָ צו ריידן!

א דריטער, א שוואַכינקער, א דאַרער, האָט עפּעס געזאָגט, אַז, מעגלעך, ער האָט עמעצן באַגאַנוועט, עס מאַכט זיך אַזעלכס. אָט אַזוי איז, לעמאָשל, געווען מיט דער מומע אינדרע, דער פאַרקויפערן, זי וווינט דאָ ניט ווײַט, נאָר דערנאָך האָט מען זי אַרויסגעלאָזט.

— א מאָשל, די מומע אינדרע! — האָט אויסגעשריגן א צווייטער. — געהאָלפן די פּאַשיסטן! דו פאַרשטייסט, די פּאַשיסטן, און דו רעדסט וועגן דער מומען!..

פון דאָקומענטן:

1. „אָרדער אַף אַרעסטירן לידייסן. יאַ. יאַ... 71 X/16".

2. „... פאַר באַזונדערע פאַרדינסטן לעטויוועס דער אָקופּאַציע־אַרמיי און דער אַדמיניסטראַציע פונעם לאַגער אַרויסטראָגן א דאַנק פאָלגנדע לאַגער־אָנגעשטעלטע:

1. פּלעגאַנטאַוון אי. יאַ.
2. גלושקאָ פּ. וו.
3. לידייסן יאַ. יאַ...

די לעצטע האָבן באַוויזן זייער איבערגעגעבנקייט דעם דײַטשישן רײַך און דער זאַך פֿונעם פֿירער און פֿאַרדינען העכסטע לויב און באַלוינונג.

אָבער־קאָמענדאַנט מיולער. 12 סענטיאַבער 1943״

3. „... אויפֿן סמך פֿון פֿיל דאָקומענטן, וועלכע זײַנען פֿאַראַן אינעם איניען (פּונקט 334־338, 485־496), איז פֿעסטגעשטעלט, אַז לידיִיס יאַן יאַנאָוויטש, געבוירן אין 1921, ... האָט אין 1941 (יוני) פֿרײַוויליק זיך אָפּגעגעבן אין געפֿאַנגענשאַפֿט און נאָך אַ צוגרייטונג געשיקט געוואָרן אין לאַגער „×××״, וווּ ער האָט זיך באַטייליקט אין די יאָרן 1942 — 1943 אין מאַסן־פֿאַרניכטונגען פֿון די קאַצעטלער — רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן, עסטן, מאָלדאַוואַנער, גרוזינער, לעטן און פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. געווען צווערשט קאָמענדאַנט פֿון אַ באַראַק (נומ. 44), דערנאָך אַרויסגערוקט געוואָרן אויף דער שטעלע פֿון געהילפֿס־קאָמענדאַנט אויף די טאָרף־באַאַרבעטונגען, ווּ עס זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן מאַסן־צעשיסונגען. סאַכאַקל זײַנען אינעם לאַגער „×××״ פֿאַרניכטעט געוואָרן 518 טויזנט קאַצעטלער, דערונטער העכער 93 טויזנט פֿרויען און קינדער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. ניט איין מאָל געווען אָפּגעמערקט און באַלוינט אין די באַפֿעלן פֿונעם לאַגער־שעף מיולער... אין 1944 אינטערנירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער דײַטשישער אַרמיי... צווישן אַנדערע באַפֿרײַט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי אין דער שטאָט עלסע. דורכגעגאַנגען דעם קאָנטראָל. די פֿאַרגאַנגענהײַט פֿאַרבאָרגן... אויפֿן סמך פֿון די באַווײַזנע דאָקומענטן און גוויִס־איידעס פֿון די לעבן געבליבענע...

24 אָקטיאַבער 1971״.

בלעטער... בלעטער... טרוקענע בלעטער. קליאָן און דעמב, אָלכע און ליפּע, בערעזע און טאָפּאָל, אַקאַציע און היגע קאַשטאַנעס, וועלכע טויגן ניט, ווי איך האָב זיך דערוווּסט, צום עסן.

— און געזאָגט האָט ער, אַז ער איז געווען אויף דער מילכאָמע, אַזוי ווי איך...

איצט פֿאַרשטיי איך שוין, פֿונוואַנען ווייסט יאַן־וואַניטש אַלע שפּראַכן.

מיר רעדן מיט אַ פֿרוי אין אַ געלער זשילעטקע:

— טאַקע אויף דער מילכאָמע, נאָר אויף אַ וועלכער זײַט...

זי שווײַגט אַ מינוט:

— און לידיִיס איז אין דעם פֿאַל אַ פּאַסיקע פֿאַמיליע!

— און וואָס הייסט דאָס — לידיִיס? — פֿרעג איך.

— וויִאַזוי זאָל איך אײַך דאָס פֿאַרטײַטשן? נו, אַ מין שערעץ, אַ קריכנדיקס...

טויבן פֿלאַנטערן זיך אונטער אונדזערע פֿיס. מעוועס פֿלִיִען איבער פֿונעם טײַך צום יאַם, און דער יאַם שטורעמט הײַנט. הייסט עס, זיי זוכן ניט, ווו בעסער, און וועווערקעס לויפֿן אַרום איבערן טראָטואַר און אויפֿן ברוק, און זיי האָבן אַפֿילע ניט מוירע פֿאַר קיין מאַשין. איינס מיט אַ ברוין ווײַדעלע, אַ צווייטס — מיט אַ ווײַדעלע פֿון אַש־קאָליר, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך שוין צום ווינטער געגרייט.

איך גיי ניט אַריבער אויף יענער זײַט גאַס, ווו איך פֿלעג זיך באַגעגענען מיט יאַן־וואַניטשן, — דאָרטן איז אַ סאַך בלעטער. נאַסע, גליטשיקע קלעפּן זיי זיך צום אַספֿאַלט...

פֿון רוסיש — יע. דאָקטאָראָוויטש

ד. קאַלינאָווסקאַיאַ

„...איינמאָל האָט זי געבראַכט אַ רויטע פּאַפּקע, זי אַוועקגעלייגט אויף אַ שטול אין סאַמע ווינטן ווינקל און, ווי דערעכאָגעוו, געזאָגט, אַז זי האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן און בעט, אויב עס וועט זיך מאַכן פרײַע צײַט, אים איבערלייענען. דעם עמעס, געזאָגט, האָב איך דעמלט אַ קלער געטאָן, אַז דאָס איז עפּעס אַ פאַבריקאַציע פון אַ באַנאַלער פרוי, און קימאַט אַ גאַנץ יאָר זיך ניט צוגערירט צו דער פּאַפּקע, וועלכע האָט שוין באַוויזן זיך צו באַדעקן מיט שטויב...

נאָר אָט האָב איך גענומען די רויטע פּאַפּקע, פאַנאַנדערגעבונדן די שנירעלעך, גענומען לייענען און זיך שוין ניט געקאָנט אָפּרײַסן.

דאָס איז געווען אַ ראָמאַן וועגן דעם לעבן פון אַ גאַנצן דאָר אין אַ ייִדישער מישפּאָכע פון אָדעס, וועלכע האָט איבערגעטראָגן אַלע גרוילן פון צוויי מילכאָמעס און לעבט ביז הײַנט אין דער שטאָט, וואָס איז אײַנגעבאַקן אין האַרצן בײַ אָט די מענטשן. איך האָב גענומען קוקן אויף דעם אַווטאָר מיט גאָר אַנדערע אויגן. „נאָר עפּשער איז דאָס אַ צופעליקייט?" — האָב איך געטראַכט. עס מאַכן זיך אַזעלכע פאַלן, ווען אַ מענטש שרײַבט אָן אַן אויסגעצייכנטע זאַך, נאָר שפּע־טער פאַרשווינדט פון אים די שכינע שוין אויף שטענדיק. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז פאַר אָט דער צײַט האָט דינע קאַלינאָווסקאַיאַ אָנגעשריבן נאָך עטלעכע דערציילונגען, איך האָב זיי איבערגע־לייענט: איינע בעסער פון דער אַנדערער. און דעריקער, אַלע זײַנען זיי געבויט אויף פאַרשיידענעם מאַטעריאַל. דינע איז ניט געוואָרן אַ טיפּיש „אָדעסער" שרײַבערן. מיט דעם זעלבן כיין און מײַסטער־שאַפט האָט זי אָנגעשריבן, אַשטייגער, אַ פּרעכטיקע דערציילונג וועגן דעם לעבן פון אַ וואָלאָגדער דאָרף, ווו פּאָרטרעטן־קונסט באַהעפט זיך מיט וווּנדערלעכע וואָלאָגדער פּייזאַזשן, און די שפּראַך איז אַ בילדערישע, יאָדערדיקע, פינקטלעכע, אַ צאָפן־רוסישע.

מיך האָט צוגעצויגן אין דער פּראָזע פון דינע קאַלינאָווסקאַיאַ די האַרמאָנישע איינהײַט פון דעם ביל־דערישן מיטן דערציילערישן, וואָס איך האַלט עס פאַר אַ גרויסער מײַלע, ווי אויך דער איידעלער, ניט־אײַנגעגעסענער הומאָר"...

אַזאַ כאַראַקטעריסטיק האָט געגעבן דינע קאַלינאָווסקעס שאַפונג דער באַוווּסטער רוסישער פּראָזאַיִקער וואַלענטין קאַטאַיעוו, רעקאָמענדירנדיק די דערציילונגען פון דער יונגער שרײַבערן פאַרן זשורנאַל „נאָווי מיר". דער ראָמאַן „אַלטע לײַט", וועלכן עס דערמאָנט וו. קאַטאַיעוו, איז פאַרעפנטלעכט אין דער איבערזעצונג אויף ייִדיש אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 2 און 3 פאַרן 1975. הײַנט דרוקן מיר דינע קאַלינאָווסקאַיאַס צוויי נײַע דערציילונגען.

דינע קאַלינאָווסקאַיאַ

פּאַראַמאָן און אַפּאָלינאַריע

פּאַראַמאָן האָט אין שלאָף פאַרגעסן, אַז דער פעטער וואָלאָדיע האָט נעכטן אין אָוונט מיט אַ מאַשינקעלע אים אָפּגעשוירן, מאַמעש אָפּגעגאָלט. אינדערפרי האָט פּאַראַמאָן ניט געקאָנט פאַרשטיין, האַלעמײַ דער קאָפּ קילט אים. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן די שלייפן, אַ גלעט געטאָן דעם נאַקן, און זיך געכאַפּט, וואָס נעכטן איז געווען. ער האָט זיך דערמאָנט ווי אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן אַ הורבעלע געלע האָר. דאָס ייִנגל איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, אַרופגעצויגן די פּליודערן, דאָס העמדל, און ניט קיין געוואַשענער, ניט קיין גע־געסענער אַוועקגעלאָפן צו אַפּאָלינאַריען באַווײַזן די „נײַע פריזור".

איבער דער אָזערע האָט געבלאָנקעט אַ שלעפעריקער באַגינענדיקער נעפּל. אָבער די מומע מאַשעס זײַצעווע מיט דער שנור האָבן שוין אַוועקגעפּאַטשט מיט זייער שיפל, ווײַל זיי האָבן געאַרבעט אין דער סלאָבאָדקע. אַהינטערן האָבער־פעלד האָט זיך געפיטערט די טשערעדע. דאָרטן האָט געשלעגנלט זיך און געקנאַקט איבער דער ערד דעם זיידן וואָלאָ־דיעס שוועדע בײַטש, דערבײַ האָט ער אַרויסגעבראַכט „אי — איך!" דער שוואַרצער האָן

האָט אַן א שום נעגינע־קאָל, מיט האס אַנגעקוקט פּאַראַמאַנען. פּאַראמאַן וואָלט אים נאָך מיט א צײַט צוריק אַנגעבויקערט, וואָרעם ער האָט קיין שום שולד ניט געפילט און ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער שוואַרצער האָן קוקט אַף אים מיט אַזויפיל סינע. אָבער, ערשטנס, איז דער האָן געווען אַפּאַלינאַריעס האָן, צווייטנס, איז ער געווען דער איינציקער האָן אין גאַנצן דאָרף, ווײַל די אויפעס־פערמע אין סלאַבאַדע האָט צו יענער צײַט פאַרקויפט אייער אַכציק קאָפּקעס א צענדליק. האָבן זיך די דאָרפישע באַלעבאָסטעס מעיאשעוו געווען און מע האָט אויסגעקוילעט אַלע הינער. דערווײַלע האָבן זיך די אייער אויסגעלאָזט אין סלאַבאַדע. זיצן זיך די באַלעבאָסטעס, ווי די קוקאַוועס. בלויז איין אַפּאַלינאַריע האָט ניט געקוילעט אירע דרײַ הינער מיטן שוואַרצן האָן, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקרייעט, וואָרעם ער איז געווען שטאָק־שטום און ער האָט געהאַט א צונאָמען „דער שוואַרצער פאַשיסט״.

אַפּאַלינאַריע ווױנט איבער צוויי שטיבער אין דער דריטער. איז פּאַראַמאַן איינס־און־צוויי בא איר. ער האָט זיכער געוווּסט, אַז זי איז שוין אופגעשטאַנען און זי זיצט זיך מיטן לעפל בא דער קאַשע. אויב זי האָט שוין אפילע אָפּגעטרונקען טיי, שטייט דער סאַמאָוואַר אַלציינס אַפן טיש, ווײַל דער סאַמאָוואַר וואַרט אַף אים, אַף פּאַראַמאַנען. זי, אַפּאַלינאַריע גופא, איז אַנגעטאָן אין דעם ציצענעם קאָפּטל מיט דער ווײַסינקער פּאַטשיילקע אַפן קאָפּ. קוים האָט זי געענדיקט מיטן אָנבײַסן, זיצט זי באַם פענצטער און שטריקט דאָס קעלנערל, וועלכס זי האָט אַנגעהויבן אייערנעכטן, וואָרעם זי איז דאָך די ערשטע האַנטאַרבעטערן אין גאַנצן דאָרף. אַלע אַלטע היגע שטריקערנס ווייסן דאָס. די פּאַטשיילעכלעך, קראַגנדלעך, וואָס אַפּאַלינאַריע שטריקט אויס ווינטער־צײַט, צעצוקערט זי זומער בייס די טוריסטן קומען. אָבער סײַוויסיי שטריקט זי זומער־צײַט אויך, אַנדערש קאָן זי ניט. טאָמער הערט זי אוף שטריקן, פּילט זי גלײַך א ווייטעק אין די הענט און א ברעכעניש אין די פינגער. פּאַראַמאַן ווייסט עס אַזוי גוט, ווי ער ווייסט, אַז זײַנע הענט און זײַנע פינגער טוען אים אפילע א האָר ניט ווי.

די טויערן פון אַפּאַלינאַריעס נאַכלע זײַנען צעפּראַלט. זי האָט שוין געוויס אַנגעשלעפּט וואַסער פון דער אָזערע. פּאַראַמאַן איז אַרופגעשפּרונגען אַפן בריקל, א הוידע געטאָן זיך אַף דער אָפּגעשפּרונגענער ברעט, וואָס שטעקט דאָ שוין אַזוי לאַנג, ווען פּאַראַמאַן איז נאָך אַף דער וועלט ניט געווען. אָבער ער האָט געהערט, ווי די דאָרפישע ווײַבער האָבן דער־ציילט, אַז איינמאָל האָט א ציגײַנער אַרופגעפירט זײַן פערד אַפן בריקל און דאַן האָט זיך די ברעט אײַנגעבראָכן, דערפאַר האָט דער ציגײַנער באַגנעדיקט אַפּאַלינאַריען מיט א שפּאָגל נײַעם סאַמאָוואַר. און זי איז געבליבן גאַנץ צופרידן. אָבער די איבערגעבראָכענע ברעט איז פון זיך אַליין גאַנץ ניט געוואָרן. דעריבער האָט פּאַראַמאַן געהאַט ווו זיך צו הוידען. א רעכטע ווײַלע אונטערגעטאַנצט אַף דער ברעט, האָט ער מיטן אַקסל א שטויס געטאָן די פעסטע טיר פון פאָדערהויז.

ווי פּאַראַמאַן האָט זיך אויסגעמאָלט, אַזוי איז עס טאַקע געווען. באַם פענצטער איז גע־זעסן אַפּאַלינאַריע, זי האָט געזשמורעט די אויגן, געשמייכלט צו דער שטריקערײַ. אַף דער וואַנט איז קעסיידער היך־און־הער געגאַנגען דער צעלאָכעסניק — דער זייגער־פּאַמפּעדיקל. די שטריק־העקלעך האָבן געקנאַקט אין אירע הענט, ווי טאָמיד:

— קוק, — האָט ער אויסגעשריִען, שטייענדיק אַף דער הויכער שוועל.

זי האָט אים אַנגעקוקט, אופגעהערט שטריקן, א שאַר געטאָן דאָס העל־בלויע פאַרהענגל אַפן פענצטער, קעדיי בעסער צו זען, און אויסגערופן:

— א סאָלדאַט, איך זאָל אַזוי לעבן, אַן עמעסער סאָלדאַט ביסטו!

דאָס ייִנגל האָט געקוואָלן. ווי אַלעמאָל, האָט אַפּאַלינאַריע אַלץ פאַרשטאַנען בעסער פון אַלעמען, וואָרעם פּאַראַמאַן האָט דאָך אַליין געבעטן דעם זיידע וואָלאָדיען, ער זאָל אָפּשערן ביז א האָר, עס זאָל ניט בלײַבן אפילע קיין סימען פון קיין טשובטשיקל. דאַן וועט ער אויסזען ווי די סאָלדאַטן, וואָס שטייען אין אינטערנאַט באַם ברעג פון דער אָזערע.

— ליב סאָלדאַטיקל, טיי וועסטו טרינקען?

— אויב דו וועסט אַרײַנשיטן פיר לעפעלעך צוקער, וועל איך טרינקען, — איבערן צו־קער האָבן זיי זיך טאָמיד געאַמפּערט, אָבער דאָס מאָל איז אַפּאַלינאַריע אײַנגעגאַנגען.

— פיר, איז פיר.

פּאַראַמאַן האָט זיך געוווּנדערט. מער ווי דרײַ האָט זי ניט געגעבן קיינמאָל. זי האָט אַלעמאָל געזאָגט, אַז א סאַך זיסוואַרג איז פאַר א מאַנצבל שעדלעך. פון זיסוואַרג צעפּויזעט זיך בא די מאַנצבלען פון די סאַמע יונגע יאָרן א פּליך ביזן האַלדז, — פּלעגט זי פאַרזיכערן.

— ווי א האָז, שפּרינגט די צײַט איבערן דאָרף, — האָט זי באַמערקט, פלינק אַרבעטנדיק מיט די שטריק־פּלעקעלעך. — קאָן זײַן, אַז אָסיען־צײַט וועסטו גיין אין שול, כאָטש דו ביסט

באַך קיין זיבן יאָר ניט אַלט. דערנאָך וועסטו ניט באַוויַזן זיך אַרומצוקוקן, וועט מען דיך שוין נעמען אין אַרמיי אַריַין, — האָט זי זיך געוועריטלט. אָבער ער האָט ערנסט געלאָזט וויסן:

— פריִער וועל איך כאַסענע האָבן, דערנאָך ערשט וועל איך גיין אין אַרמיי. —

— ווער זשע האָט עס פריִער כאַסענע, און אָן אַ קאַלע קאָן מען דען זיַין אַ כאָסן? — האָט זי אויסגעזונגען, ווי דאָס פלעגט טרעפן באַ איר. זי רעדט, רעדט, און דערנאָך זינגט זי שוין מיט אַ ניגן.

פּאַראַמאָן האָט זי ערנסט אָנגעקוקט, פלוצעם זיך צעשמייכלט און אויך אויסגעזונגען:

— אַז מע וועט באַדאַרפן, וועט זיך אָפּזוכן אַ קאַ־לע־ע!

זיי אויסגעזונגען, האָט ער: אָנגעגאָסן טיי אין אַ קריגעלע, נעענטער צוגערוקט זיך צום פענצטער, ער זאָל בעסער זען ווי זי שטריקט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן זייער געוויינלע־כער אינדערפריִעדיקער שמועס.

— וואָס מאַכסטו? מער ביסטו ניט געפאַלן? — האָט ער, ווי אַ דערוואַקסענער, שטרענג געפרעגט.

ער האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן, ווי פרילינג־ציַיט איז אַפּאָלינאַריע אַוועקגעפאַלן אין היגער־שטיַיג און איז דאָרט געלעגן אַ היפשע ציַיט אָן באַוואוסטזיַין. נאָך גוט, וואָס ער איז דעמלט אַריַינגעלאָפן צו איר. ער האָט זי געזען, גערופן, דערנאָך האָט ער אַריַינגעקוקט אין היגער־שטיַיג, דערזען ווי זי ליגט, האָט ער זיך מוירעדיק דערשראָקן, וויַיל ער האָט געמיינט, אַז זי איז, כאָלילע, געשטאָרבן. ער איז אַוועקגעלאָפן רופן די אַלטע וויַיבער, אַפּאָ־לינאַריעס כאַווערטעס, זיַינען זיי געקומען. זיי האָבן זי אופגעהויבן, זי אַרומגעלייגט מיט וואַרעמע פלעשער, און זי איז אינגיכן צו־זיך געקומען. דערנאָך האָט זי געזאָגט צו פּאַראַ־מאָנען:

— איך הייב ניט אָן צו געדענקען, פאַרוואָס איך בין אַוועק צו די הינער. — און צו אירע כאַווערטעס האָט זי אַלעמאָל געזאָגט:

— ווען ניט פּאַראַמאָן, שטאַרב איך אָפּן אָרט. אָף מיַין וואָרט, איך וואָלט פאַרפרוירן געוואָרן. ס'איז דאָך געווען אַזאַ פראָסטעג, מ'איז דאָך געפאָרן אין שליטנס.

אָט, דעריבער, פרעגט פּאַראַמאָן אַלע אינדערפרי אַפּאָלינאַריען „וואָס מאַכסטו?", וויַיל פון דעמלט אָן לעבט אין אים אַ געוויסע אַכריַיעס פאַר איר וווילגעזונט.

— וואָס מיינסטו, איך דאַרף פאַלן אַלינקע טאָג? — ענטפערט זי קלוימערשט באַרויגעז.

— איך זאָג דען? דו פאַלסט ניט, איז דאָך וויַיטער גוט, — רופט אויס פּאַראַמאָן.

זי הערט אוף שטריקן, — קוקט אים אָן און טראַכט: „אַ כאָכעם, אָן אַלטער קאָפּ". אָבער איצטיקס מאָל שמועסן זיי ניט צווישן זיך, וויַיל זי האָט אָנגעטאָן די רויט־שעמערירנדיקע פאַטשיילקע, וועלכע זי טוט אינדערוואָכן קיינמאָל ניט אָן.

— וואָס איז מיט דיר דער מער, וואָס פאַר אַ יאָמטעוו איז באַ דיר? — וויל ער וויסן.

פון זיַין פראַגע האָט זי זיך פּלוצעם צעלאַכט. און אַז זי נעמט לאַכן, קאָן מען אופעסן אַ מעסטל זאַלץ. זי איז די גרעסטע לאַכערקע אין דאָרף. געלאַכט און געלאַכט, אַ וואָרף געטאָן די שטריק־פּלעקלעך, געפּליעסקעט מיט די הענט און זיך ווידער פאַרגאַנגען אין געלעכטער. און לאַכנדיק אָנגעזאָגט:

— זיי האָבן אויסגעטרונקען דעם גאַנצן ביר, איז געוואָרן יאָמטעוו!

— ווער האָט אויסגעטרונקען דעם ביר? — האָט ער ערנסט געפרעגט, וויַיל ער האָט געוווּסט, אַז ביר מאַכט זי פון בולבע, און האַלט אים פאַר די מיַיסטערס. עס טרעפט, די ראַדיאָ ווערט מאַכולע, דער זייגער הערט אוף גיין, צי די עלעקטרע, די שאָ זאָל ניט זיַין, לויכט ניט, דעמלט דאַרף מען רופן די מיַיסטערס. און ניט מעכאַבעד זיַין זיי מיט ביר, קאָן דאָך ניט געמאָלט זיַין.

— זאָג אָקאָרשט, ווער האָט אויסגעטרונקען דעם גאַנצן ביר? — האָט פּאַראַמאָן איבער־געכאַזערט זיַין פראַגע.

דאָס געלעכטער איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון איר מיטן קוק, און זי האָט צו אים געזאָגט:

— ווער האָט אויסגעטרונקען? מיַין ניקאָלאַשקע איז געווען! ער איז געקומען מיטן שאָדכן. דעם שאָדכן געלאָזט אַהינטערן פענצטער, — און זי איז זיך ווידער פאַרגאַנגען אין געלעכטער.

פּאַראַמאָן האָט געוואַרט ביז זי וועט זיך אויסלאַכן און זייער ערנסט געווענדט זיך צו איר:

— גאָר אַזוי, אַ פיַינע מיַיסע.

— אַזוי, אַזוי. ער איז געקומען זיך שאָדכענען צו דעם אייגענעם געוועזענעם וויַיב.

— קעדיַי געווען אויסצוברענגען דעם גאַנצן ביר. — האָט פּאַראַמאָן, ווי אַ דערוואַקסע־נער, באַמערקט. — איצט וועסטו וואַרטן ביז נײַע קאַרטאָפליעס.

— זאָג איך דאָך, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און איר פּנים איז געוואָרן ערנסט און שטרענג.

— נו? — איז פּאַראַמאָן געוואָרן נייגעריק.

— גיי, מאַך זיך ניט נאַריש, — מאַך איך צו אים, — די הינער דאַרפֿן דאָך לאַכן! וואָס זשע מיינסטו, נעמסט מיך ניט? — זאָגט ער, — זאָלסטו וויסן זײַן, פֿאַליע, אַז איך וועל אומ־קומען.

— זאָל ער טאַקע אומקומען, דאָס איז זייער גוט! — האָט פּאַראַמאָן אויסגערופֿן, — ביסט אַ מיליון אָף אים, אַזאַ כּאַכעם! געוואַרט און געוואַרט, און פּלוצעם געקומען.

— זאָג איך דאָך, — האָט זי אײַנגעשטימט. — איצט ביסטו געקומען צום סייכל? ווו איז דיר דער קאָפּ פֿריִער געווען? דרײַסיק יאָר האָב איך אַלמאָנעוועט, אָף די פּיס געשטעלט די קינדער אָן דיר, ניט געמאָנט בא דיר קיין אַלימענטן, די סטראַכאָווקע ביז אַ קאָפּעקע פּאַר דער שטוב אויסגעצאָלט, אין קאָלכאָז געהאָרעוועט, אין שטוב געשטריקט, אָף דער אָזערע געפֿישערט, אומעטום איינינקע אַליין, אַלץ מיט די אייגענע בידנע הענטעלעך, און אַצינד, אַז דײַן יונג ווײַב איז געשטאָרבן, ביסטו זיך מעיאַשעוו און קומסט צו מיר מיט אַ שאַדכן? וואַרף דאָס אַרויס פֿון קאָפּ, הערסט, ניקאָלאַשע.

— רעכט אַזוי, — האָט פּאַראַמאָן באַגיטיקט. — נו זײַנען זיי לאַנג געזעסן?

— אויסגעזשליאָקעט דעם ביר, זײַנען זיי אַוועק. דו ווייסט, פּאַראַמאָשע? — האָט זי שולדיק און סירדעספּול געשעפּטשעט. — מאָרגן, דאָס הייסט הײַנט, האָבן זיי מיר צוגעזאָגט, וועלן זיי ווידער קומען.

פּאַראַמאָן איז אויסער זיך געוואָרן פֿאַר קאַס.

— זאָלסט זיי איבער דער שוועל ניט אַרײַנלאָזן, זאָלן זיי זיך טראָגן, ס'איז ניט דײַן אייסעק!

— ביסט גערעכט, — איז זי מאַסקים געווען.

— נו, אויב דו זאָגסט, אַז איך בין גערעכט, האָסטו ניט געדאַרפֿט אויסבריענגען דעם ביר. וואָס וועסטו טאָן, אַז די מײַסטערס וועלן קומען? אָדער ווען דו וועסט דינגען, מע זאָל צעזעגן און צעהאַקן דאָס האָלץ, מיט וואָס וועסטו מעכאַבעד זײַן?

אַפּאָלינאַריע איז אומעטיק געוואָרן. זי האָט זיך אַליין פֿאַרגעוואָרפֿן — „דאָס קינד איז גערעכט, איך זאָל אַזוי לעבן. איך בין אַ שוטע, איינע אין דער וועלט". די שטריק־פּלעקלעך האָבן געקנאַקט אין אירע הענט, און זי האָט צו אים געזאָגט:

— כּאַכעם מײַנער, אייצעגעבער, אַוואַדע ביסטו גערעכט, — און אין האַרצן האָט זי געטראַכט: „אים באַדאַרף איך פֿאָלגן, ער האָט מער סייכל פֿון מיר".

פּאַראַמאָן האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ קריגעלע טיי, פֿאַנאַנדערגעמישט מיטן לעפֿעלע די צוקער־געדיכטעניש, פֿאַרזוכט, און אויסגעדריקט זײַן מיינונג:

— וואָס האָסטו אָנגעטאָן די שיינע פּאַטשיילקע? אַ יאָמטעוו הײַנט בא דיר?

זי האָט זיך צעשמייכלט מיט אַלע אירע שיטערע, קאַליע געוואָרענע ציין, צונויפֿגענומען קנייטשעלעך אָפֿן שטערן, אָנגעקוקט דעם אייצעגעבער:

— פֿאַרשטייסט ניט, פּאַראַמאָשע, פֿאַר אַ פּרוי איז דאָך אַ ליאַדע שאַדכאָנעס אַ גאַנצער יאָמטעוו.

— אַזוי גאָר! — האָט ער אויסגערופֿן, ווי ער וואָלט ניספּאָעל געוואָרן פֿון אייביקן ווײַ־בערשן לײַכטזין, — דאָס איז פֿאַר דיר מער ווי דער אַכטער מאַרט?

— וואָס אַרט דיר? מער, ווינציקער — ס'איז מיר אָנגעלייגט.

פּאַראַמאָן האָט פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט אַ האַנט אין העמדל, אַ קראַץ געטאָן, ווו ס'האָט אים ניט געביסן, און ווידער געפֿרעגט:

— אַזאַ מין שאַדכענען זיך איז בא דיר כּאַשעווער פֿונעם ערשטן מײַ אַפּילע?

— כ'קאָן דיך ניט אָפּנאַרן, אָף מײַנע נעמאָנעס, כּאַשעווער.

— אַ שיקער איז דער זיידע ניקאָלאַשע דײַנער. — און פּאַראַמאָן האָט אָנגעשטעלט אַ מוירעדיקן פּאַרצעף. ער האָט פֿאַרקרימט דאָס מויל, זײַנע אויגן האָבן זיך אוועקגעשיפּט צו דער נאָז, און ער האָט אויסגערופֿן: אַ מעציִע פֿאַר דיר! מיט פּיצלעך קינדער האָט ער דיך אוועקגעוואָרפֿן, דיך געלאָזט אונטער אַ לעכערדיקן דאַך! אָן האָלץ אָף ווינטער, אָן היי פֿאַר דער בעהיימע, און דו האָסט אַלץ פֿאַרגעסן?

זי איז געזעסן, זי האָט געשוויגן, אירע הענט זײַנען געלעגן אָף די קני, און זי האָט פֿאַרגאַפֿט געקוקט אָף אים.

— איך וואָלט אַזאַ כּאַסן... האָסט ניט קיין קאָטשערע? דרײַסיק יאָר האָט ער זיך ניט געיאַוועט. איצט האָט ער זיך פּלוצעם אָפּגעזוכט. איך ווייס אַלצדינג, איך האָב געהערט, וואָס

דער זיידע וואָלאָדיע האָט געזאָגט. זײַן כאַטע איז פאַרברענט געוואָרן אין קנישעווע, איז ער צוגעשטאַנען צו דיר. איך ווייס, וואָס ער וויל. ער וויל, דו זאָלסט הויקערן דעם רוקן דײַנעם, שטריקן קרושעווע, אַבי ער זאָל האָבן די קלינגערס אַף צו זשליאָקען...

— ווער האָט עס דיר געזאָגט? ווו האָסטו זיך אָנגעהערט אַזוינס, מײַן קינד. די אויוועררבאַטלניצעס פלעכטן מיט די צינגער, און דו נעמסט עס צונויף?

— איך ווייס. זאָלסט אים ניט אַרײַנלאָזן, זאָל ער גיין פונוואַנען ער איז געקומען.

אַפּאָלינאַריע האָט שולדיקלעך צונויפגענומען די ליפּן.

— וואָס פאַרשטייסטו, קינד מײַנס. ער זאָגט, אַז ער האָט מיך ליב. דו ביסט צופרידן, אַז די מאַמע האָט דיך ליב? אַלע ווילן דאָס. ער זאָגט מיר, ניקאָלאַשע, איך האָב דיך ליב געהאַט, ראַק דיך איינע האָב איך ליב, פּאָלינקע.

— דאָס פאַרשטיי איך ניט. די מאַמע האָט מיך ליב, וואַרפט זי מיך ניט אַוועק. און אים האָב איך דאָ קיינמאָל ניט געזען.

— האָסט אים ניט געזען, ווײַל ער איז דאָך אַוועק צו נאַטאַליען. אָבער נעכטן האָט ער מיר געזאָגט, אַז נאַטאַליע איז געווען אַ פינצטערער טשאַד. פּאָליע, זאָגט ער, ס׳איז אַ זינד צו האָבן אַ בייז האַרץ אַף אַ באַרמינען.

— אויב ס׳איז אַ זינד, טאָ לאָז אים אַרײַן, ווײַל די מאַמע זאָגט, אַז זינדיקן טאָר מען ניט! — אַזוי האָט פאַראַמאָן געפּאַסקנט, און ער האָט געקוקט, ווי זי שטריקט. דאָס קעלנערל האָט זי געשטריקט מיט שוואַרצע באַוול, ברייט געקרויזט באַם ראַנד און מיט שמאָלע וועלעכלעך אין דער מיט. פאַראַמאָן האָט ניט באַגיטיקט די שוואַרצע פּאָדעם.

— וואָלסט בעסער אַרײַנגעשטריקט רויטע פּאָדעם, — האָט ער געייצעט.

— ווו זאָל איך נעמען רויטע פּאָדעם?

— אין סלאָבאָדער מאַגאַזין נעם.

— כ׳וועל גיין אַף פּאָטשט נאָך דער פּענסיע, וועל איך קויפן. — אָבער אינדערעמעסן זײַנען איר געפעלן געווען איינפאַרביקע שוואַרצע אָדער ווײַסע. נאָר אַמפּערן זיך צוליב דעם מיט פאַראַמאָנען האָט זי ניט געוואָלט.

— וואָס דאַרף מען וואַרטן ביז דו וועסט גיין נאָך דער פּענסיע, גיב געלט וועל איך צושפּרינגען און קויפן.

— קינדער קאָנען ניט קויפן קיין פּאָדעם, — האָט אַפּאָלינאַריע אים פאַרזיכערט.

פאַראַמאָן האָט געשוויגן. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צום טיש, צעשמירט מיטן פינגער אַ ביסל העלע טיי אַפן טיש. אַפּאָלינאַריע האָט ניט אַריבערגעטראָגן, בייס פאַראַמאָן איז געווען אין קאַס. און זי האָט צוגעזאָגט:

— איך וועל אים ניט אַרײַנלאָזן, איך זאָל אַזוי לעבן. זײַ ניט ברויגעז. זײַן פּוס און זײַן דוך וועט דאָ ניט זײַן! אַף וואָס פאַר אַ רוכעס דאַרפן מיר אים?

פאַראַמאָן איז אַראָפּגעקראָכן פון דער טאַבורעטקע, אַרופגעקראָכן אַף דער באַנק און אַרויסגעשטעקט זיך דורכן פענצטער. באַ זײַצעווס ניט דערבויטן מערכעצל האָבן אַרומגעיאָגט זײַצעווס־זין, די ברידערלעך. זיי זײַנען געווען האַלב־נאַקעט, אַפּאָנעם זיי זײַנען ערשט אַראָפּ פון די געלעגערס. זיי זײַנען געלאָפן איינער נאָכן אַנדערן און געשפּיגן דורך טשערעט־טרײַבלעך מיט פאַראַיאָריקע ראַבינע־יאַגעדעס.

— קאָלקע! טאָלקע! — האָט פאַראַמאָן גערופן, עלעהיי ער זאָגט זיי גוטמאָרגן. אָבער די ברידער זײַנען געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער שפּײַעניש, אַז זיי האָבן גאָרניט געהערט.

— וועסט אים טאַקע ניט אַרײַנלאָזן? — האָט פאַראַמאָן נײַגעריק געפרעגט.

— געוויס וועל איך אים ניט אַרײַנלאָזן. — האָט זי פאַרזיכערט. זי איז פאַרשוווּנדן הינטערן אויוון, פון דאָרט האָט זי זיך באַוויזן אין דער וואָכעדיקער ווײַסער פאַטשיילקע. — פאַר קיין שום מאַטאָנע אין דער וועלט וועל איך אים ניט אַרײַנלאָזן, — האָט זי איבערגעכאַזערט. אַוועקגעזעצט זיך אַף דער באַנק לעבן פענצטער, — ווי קאָן איך דאָס טאָן, אַז איך געטרוי אים ניט און גלייב אים ניט! אַף קיין גוטס האָב איך אויך ניט וואָס צו וואַרטן פון אים. אײַ, טאָמער וועל איך שטאַרבן, וועט כאַטש די כאַטע אָנקומען מײַנע קינדער. זאָלן זיי אַפילע מיט דער כאַטע אויסהייצן זייערע אויוונס. די סטראַכאָווקע האָב איך אַליין אויסגעצאָלט פון מײַן פּראַצע, זאָל ער גיין ווו ער וויל, ניט מײַן דײַגע!

אַפּאָלינאַריע האָט איצט מער ניט געשטריקט. זי איז געזעסן פאַרטראַכט. פאַראַמאָנען איז פריילעכער געוואָרן אַפן האַרצן, האָט ער אויסגעמאָסטן מיט זײַנע טריט דאָס נײַע טעפּעכל אַף דער פּאָדלאָגע. דאָס טעפּעכל איז געווען אַ ראַבינקס פון אַלערליי שמאַטקעס. קיין איין מאָל ניט קיין געוואַשנס. די אַלטע טעפּעכלעך האָט זי שוין געוואַשן הונדערט מאָל, זײַנען זיי גראָ געוואָרן. אָבער דאָס נײַע האָט מאַמעש געפינקלט. בייס אַפּאָלינאַריע

האָט עס ווינטער געפלאָכטן, האָט פּאַראַמאָן מיט דער גרויסער שער געשאָרן פּאַסיקלעך פון די שמאַטעס, און דאָס איז אים גראָד געווען טשיקאַווע. אָט שנײַדט ער פּאַסיקעס פון אַ מיידלש קליידעלע, און אָט פון אַ מאַנצבלש העמדל. אַפילו מיליציע־פּלודערן האָבן זיך אויך אַרײַנגעדרייט אין קאָן. פּאַראַמאָן האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ מיידעלע מיט סטענגעס אין די צעפּלעך, אַ ברויגעזן מיליציאָנער, אַ מאַנצבל, וואָס שטייט ניט פעסט אַף די פיס. אַפּאָלינאַריע האָט דאַן אָפּגעמאַכט מיט אירע שטאָטישע באַקאַנטע, זיי זאָלן פאַר איר צו־נויפקלײַבן שמאַטעס. און דערפאַר וועט זי זיי געבן טרוקענע שווימלעך און קליוקווע. פּאַ־ראַמאָן האָט עס אַלץ געוווּסט, און ער האָט מיט גרויס האַנאָע געשפּאַנט איבערן נײַעם טעפּעך פון דער טיר ביז צו דער וואַנט, טראָט נאָך טראָט. אַפּאָלינאַריע האָט געקוקט ווי ער שפּאַנט, און זי האָט דערציילט:

— ער האָט מיר געדראָעט, אַז ער וועט גיין צו דער טאָכטער קיין אוזקאַוווע. ער וועט שרײַבן אַ בריוו דעם זון, די קינדער זאָלן מיך אײַנריידן, איך זאָל אים יאָ נעמען. געדענק, פּאָליע, האָט ער געשריגן, איך בין דער טאַטע פון אונדזערע קינדער!

— וואָס ווילסטו טאַקע טאָן, אַז די קינדער וועלן זיך אײַנשטעלן פאַר אים? — האָט פּאַ־ראַמאָן געפרעגט און אָראָפּגעשלאָגן זיך פון כעזשבן וויפל טריט דאָס טעפּעכל האַלט.

— אין אַזאַ זאַך דאַרפן זיך קינדער ניט מישן. — האָט זי אָנטשלאָסן באַמערקט.

פּאַראַמאָן האָט אָפּסנײַ גענומען ציילן די טריט און אינמיטנדערינען האָט ער פריילעך אויסגעשריגן:

— ווילסט, וועל איך דיר ברענגען טשערעטענע טרײַבלעך.

— וואָס וועל איך טאָן מיט זיי?

— וועסט שפּילן מיט פּאַראַיאַריקע ריאַבינעס.

— מיילע, ברענג.

פּאַראַמאָן האָט געציילט אַף אַ קאָל, און ער האָט אַרום־און־אַרום אָנגעציילט נײַן און צוואַנציק טריט. ער האָט זיך איבערגענומען מיט דעם, וואָס ער ציילט אַזוי גוט. און ער האָט פאַרגעלייגט:

— אויב דו ווילסט, שנײַד איך אָן טרײַבלעך פאַר אַלע דײַנע כאַווערטעס. וועט איר שיסן מיט פּאַראַיאַריקע טרוקענע יאַגעדעס איינע אין דער אַנדערער. סײַווי איז אײַך אין אָוונט לאַנגווײַליק און אומעטיק.

— מיילע, שנײַד אָן, — איז זי פריילעך געוואָרן. זי האָט אים אַרײַנגעפּירט אין שפּײַכ־לערל, אָנגעשאָטן פון געפלאָכטענעם קאָרב אַרבעס גלײַך אין העמדל אַרײַן, ווײַל ער האָט ניט געהאַט קיין קעשענעס אין די פּלודערן. וויפל ער האָט ניט געבעטן די מאַמע, זי זאָל אַרײַננייען קעשענעס, האָט זי אים ניט געפאָלגט.

איין אָטשערעט־טרײַבל האָט פּאַראַמאָן באַהאַלטן צווישן די שײַטלעך האָלץ אונטערן אייוועלע, אָבער אַז ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, איז די מאַמע געווען ברויגעז, און פּאָרען זיך איצט צווישן דעם האָלץ האָט ער ניט געקאָנט. דעריבער האָט ער קיין ברייערע ניט געהאַט און איז געבליבן שטעקן אין דער היים אַ רעכטע ווײַלע.

טאָמיד, בײַס דער טאַטע קריגט סכירעס, איז די מאַמע ברויגעז. באַגינען שלעפּט זי שוין פונעם איוון דעם טשוהון מיט די בולבעס, דער טאַטע גאָלט זיך באַם פענצטער, ווי ניט אים מיינט מען. ער גאָלט זיך אַלעמאָל, קעדיי ער זאָל קומען אין דער וואַלד־ווירטשאַפט מיט אַ לײַטישער צורע, ווײַל פאַר באַקומען די סכירעס איז ער זיך ווויל געפעלן ניט קיין געגאָלטער אויך, וואָרעם ער איז דאָך דאַן ניכטער. קאַטיע, די עלטסטע פון די קינדער, וועלכע דאַרף דאָס יאָר ענדיקן דעם צענטן קלאַס, זיצט אַף דער באַנק מיט די פיס אונטער זיך אַ שלעפּעריקע, ניט קיין צוגעקעמטע, אײַנעם לאַנגן נאַכט־העמד און צופּט פעדעם פונעם געטעריקנטן לעשעטש. דערבײַ הערט זי ניט אויף צו וואָרטשען:

— עפּשער וועל איך גאָר ניט פאָרן אין קיין שום טעכניקום. וואָס וועט מען מיר טאָן, אויב איך וויל גיין אַף דער פערמע? נאַדקע שטשוקינע גייט אַהין, וואַלקע קאָזלאָווע אויך. איך וויל ניט פאָרן זיך לערנען אין שטאָט. דאָרטן זײַנען אַלע מיידלעך אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע. איך קאָן זיך צו זיי ניט גלײַכן.

— ביז דו וועסט ניט ענדיקן די שול, האָסטו ניט וואָס צו בראָקן מיט דער צונג! — וואָרנט די מאַמע און טוט אַזש אַ דונער מיט דער זאַסלאָנקע פונעם אויוון.

— דעם צענטן קלאַס קאָן מען ענדיקן אין אָוונט־שול. — וואָרטשעט קאַטיע, נאַדקע שטשוקינע און וואַלקע קאָזלאָווע...

— וואָס דרייסטו מיר דעם קאָפּ מיט נאַדקען און מיט וואַלקען, זיי ווילן בעסער כאַסענע האָבן איידער זיך לערנען. — באַמערקט די מאַמע.

— וואָס כאַסענע האָבן, מיט וועמען כאַסענע האָבן, — צעלאַכט זיך קאַטיע. אָבער די מאַמע איז אַלציינס באַרויגעז, זי הערט אַפילע ניט, ווי קאַטיע לאַכט.

— דער זיידע טראָשקע מיט די ביינער איז דײַן געשעצטער, אויסגעגאָסן טראָפּים אַלעקסייעוויטש! זײַן אָנבליק, זײַן ריידן, אויסגעגאָסן מיט אַלע פּישטשעווקעס, הערסט, קאַטיע? — און די מאַמע האָט, בראָקנדיק ציבעלע אין טעלער, נאָכגעקרימט ווי טראָפּים רעדט.

דאָס סקריפּען פונעם מעסער איבערן טעלער האָט דער טאַטע ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. ער האָט געטײַנעט, אַז פון דעם דאָזיקן סקריפּ ברעכן אים די ציינער. אָבער הײַנט, נאָך דער פּאַלוטשקע, האָט ער שוין געמוזט שווײַגן, ווײַל ווען ער איז אונטערן קנאַק, איז ער גרײַלעך געדולדיק.

— דער זיידע טראָשקע, — האָט די מאַמע ווײַטער אויסגעדריקט איר מיינונג, — האָט פאַרמאָגט אַ שווערע האַנט. ס'גאַנצע דאָרף האָט געוווסט, ווי גרינג זײַן האַנט איז געווען צו שלאָגן, און ווי שווער זי איז געווען אָף צו לאַשטשען. קיינער האָט גאַרניט געקאָנט פאַרשטיין, ווו די באָבע האָט גענומען אַזאַ יאַם מיט טרערן... די קינדער זײַנען אונטערגעוואַקסן, זײַנען זיי זיך צעלאָפן. ווער קיין לענינגראַד, ווער קיין מאָסקווע. דו, טאָכטערל מײַנס, וועסט זיך אויך ווייקן אין טרערן, ווי אַן אוגערקע אין ראָסל. דײַן געשעצטער כאַסינקע איז דאָך אַקוראַט, ווי דער זיידע טראָשקע. צוויי טראָפּן וואַסער! מער וועל איך דיר קיין איינציק וואָרט ניט זאָגן! טו, ווי דו ווילסט!

פאַראַמאָן האָט געוווסט וואָס ס'וועט זײַן. שוין דעם ווי־פלטן טאָג, אַז די מאַמע רעדט אײַן קאַטיען, יענע זאָל ניט כאַסענע האָבן מיט אָלעג ביביקסאַראָוון, כאָטש אָלעג האָט שוין אָפּגעדינט אין אַרמיי, ער האָט געקויפט אַ מאָטאָציקל, אויפן מאָטאָציקל ראָלט ער צו צו זייער שטוב, קאַטיע זעצט זיך אַהינטער אים, און זיי פאָרן אָף די טאַנצולקעס. אָלעג איז געפעלן פאַראַמאָנען, און ניט אַזוי אָלעג, ווי זײַן קורטקע, זי איז דורכויס פון שלענגלדיקע קייטעלעך, וואָס פאַרציִען די פאָלעס און די קעשענעס שטײַפער פון די בעסטע קנעפּ. די קורטקע איז פון פינלאַנד. לויט פאַראַמאָנס מיינונג, קאָן מען אַ באָכער אין אַזאַ קורטקע ליב האָבן.

דער טאַטע האָט זיך ניט געמישט. ער האָט געשוויגן. אַלעמאָל, ווען ער מאַכט אַ קויסע, שווײַגט ער. נעכטן האָט ער גראָד ניט געשוויגן, ער האָט געוויינט, ווי אַ ביבער, און געטײַנעט מיט לאַקרעץ:

— קינדערלעך מײַנע, שטראַלעכלעך מײַנע. קאַטיושעטשקע, ווײַבעלע מײַנס. קראַסאַוויצע מײַנע, קאַרטינקעלע פאַרטרעטנע מײַנע! באַלעבאָסטעטשקע מײַנע, קעכערקעלע גאָלדענע, כאָכמאַניעסל! אַלץ וועל איך פאַר דיר מיט אונדזערע קינדערלעך טאָן, דאָס לעבן וועל איך פאַר אײַך אָוועקגעבן. — האָט ער זיך צעגאָסן. מע האָט אים קוים מיט צאָרעס אַרײַנגעשלעפּט אין שטוב און באַלייגט אָף נאַכט. דעריבער איז ער איצט שטיל, ווי אַ קאָטינקע.

פאַרשטייט זיך, אַז קאַטיע בעט, מע זאָל איר קויפן צו דער כאַסענע דאָס, יענץ. אָבער ווייבן וויינט זי ניט, ווײַל די מאַמע ווייסט אַליין, וואָס מע דאַרף. כאָטש די מאַמע זאָגט, אַז אָלעג איז אויסגעגאָסן מיט די ביינער דער זיידע, קנײַפּט זי אָפּ עטלעכע רובל אַלע כוידעש פון דער הויצאָע. און קאַטיע ווייסט וועגן דערוף, דערפאַר וויינט זי ניט.

די מאַמע האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש דעם זידנדיקן סאַמאָוואַר, אויסגעווישט די ציבעלע־טרערן, דערלאַנגט טעלער און באַפוילן:

— פאַראַמאָן, רוף די מאַזיקים!

אָט דעריבער האָט פאַראַמאָן ניט געקאָנט אַרויסשלעפּן דאָס טשערעט־טרײַבל פון הינטער דעם האַלץ, און ער האָט קיין איין אַרבעסל ניט אַרויסגעשאָסן פון די, וואָס אַפּאָלינאַריע האָט אים געגעבן.

די זון האָט זיך אַרויסגעשיפּט פון אַהינטערן וואַסער־פּליומפּ און האָט צעיאָגט דעם נעפּל, וואָס אַהינטערן בערגל. אָף דער אָזערע מיט דער קילער שוואַרצער וואַסער האָט זיך געוויקט אַלערליי אָפּפאַל: אַ צעבראָכענע האַנטפאַס, אַ צעבויגענע בלעכענע מולטער, אַן עמער אָן אַ דעק. קיין קרעבסן זײַנען דאָרט ניטאָ. אָבער פאַר די ענטלעך איז די וואַסער גאַנץ נישקאָשעדיק. זיי פּליוסקען זיך דאָרט און טוקן זיך אונטער מיט די קעפּ אין וואַסער אַרײַן. גלײַך אַנטקעגן דער זון, צום דאָרף־צו זײַנען אַרויסגעשוווּמען קײַלעכדיקע שטײַפע וואָלקנס. זיי האָבן געשוועבט איבערן האָבער־פעלד, איבערן דאָרף, אַריבערגעשוווּמען די אָזערע, אַריבערגעקוליעט זיך איבער דער קעלבער־פּאַשע צום אַנטקעגנדיקן ברעג און אַוועק צום גרויסן וואַלד, אַהין, ווו פאַראַמאָן איז קיינמאָל־קיינמאָל ניט געגאַנגען.

— פונוואַנען נעמען זיך די וואָלקנס? — האָט פּאַראַמאַן אַנומלטן געפרעגט אַפּאָלינאַריען.

— פונדאָרטן, — האָט זי געענטפערט און אין פאַרוויטלט גוואָרן פון דער אייגענער אַמראַצעס.

— און וווהין לויפן זיי אוועק?

— אַהין, — האָט זי געוויזן, אַ צופרידענע, וואָס זי ווייסט ניט מער ווי פּאַראַמאַן.

— פונוואַנען קומען די וואָלקנס? — האָט פּאַראַמאַן דערנאָך געפרעגט באַם ייִדן וואָלאָדיע.

— פונוואַנען זאָלן זיי קומען, די וואָלקנס? זיי קומען פון ווײַט, פון דעם אײַז־אָקעאַן, פון פּאָליוס, — האָט פּעסט געשניטן דער ייִדעניו, וואָרעם אַף דער מילכאָמע איז ער געווען אַ ראַזוועדטשיק, האָט ער געמיינט, אַז ער איז מעכויעוו צו געבן אַן ענטפער אַף אַלע פּראַגעס.

— וווהין שווימען זיי פאָרט אוועק? — האָט פּאַראַמאַן געוואָלט זיך דערגרונטעווען שוין ניט אַזוי צוליב זיך, ווי צוליב דערוף, אַז אַפּאָלינאַריע זאָל וויסן, ווו זיי שווימען אוועק.

— קיין באַטומי שווימען זיי אוועק.

ווו איז דאָס באַטומי? און וואָס טוען דאָרט די וואָלקנס? — וויל דאָס ייִנגל וויסן.

— דאָרט געפינען זיך די לימענעס מיט די מאַנדאַרינעס, מוזן די וואָלקנס אַלע טאָג אַרויסלאָזן אַ שלאַקס־רעגן, אויב ניט, וועט דאָרט אַ לימענע, אַ מאַנדאַרינע אַף אַ רעפּוע ניט זײַן.

פּאַראַמאַן האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז דער ייִדיע איז ניט ז״יער באַהאַוונט אין די זאַכן, דעריבער האָט ער מער גאָרנישט באַ אים ניט געפרעגט, ער האָט פאַריסן דעם קאָפּ און פאַרדײַגעט געקוקט צום הימל, זיך צוגעהערט, וואָס אַפּאָלינאַריע פרעגט.

— זאָגסט פון אײַז־פּאַרפּאַרענעם אָקעאַן? — האָט אַפּאָלינאַריע זיך געוווּנדערט.

— געוויס. דו זעסט דאָך, וואָסערע ווײַסע זיי זײַנען, די וואָלקנס.

— ווו געפינט זיך באַטומי? — וויל זי וויסן.

— זייער ווײַט, אַהינטערן גרויסן וואַלד. פון דעם וואַלד פאָרט מען אַף אַ מאַשין. אַף די ביימער וואַקסן אין באַטומי לימענעס, ווי באַ אונדז אין וואַלד שישקעס. דאָרט דאַרף מען האָבן רעגנס. די וואָלקנס קומען גוט צוניץ.

אַפּאָלינאַריע האָט ניט נאָר געפרעגט, זי האָט אויסגעוואַשן עטלעכע שטיקלעך גרעט. די מילינקעס, וואָס זי האָט אויסגעגאָסן, האָבן זיך געבלעזלט אַפן גראָז. זי האָט אופגעהאַנגען איר יופּעצע מיט די זאָקן, זיי איבערגעדרייט מיט די נאַסערע ערטער צו דער זון, געגומען אַן אַבערעמעק האָלץ, פּאַראַמאַן האָט אויך געכאַפּט אַ צוויי־דרײַ שײַטלעך.

— קלײַבסט זיך באַקן אַ סמעטענע־קוכן?

— פאַרוואָס ניט, — האָט זי געזאָגט.

— וועסט באַקן הײַנט? — איז פּאַראַמאַן געוואָרן מאַלע־סימכע.

— דאָס טייג איז שוין פאַרטיק, — האָט זי אָנגעזאָגט.

כאָטש אַפּאָלינאַריע האָט ניט געהאַט אַזאַ ווײַסע מעל, ווי פּאַראַמאַנס מאַמע, זײַנען פונדעסטוועגן אירע סמעטענע־קוכנס געווען פּוכקער און שמעקעוודיקער, איידער דער מאַמעס.

— פאַרוואָס זײַנען דײַנע קוכנס פון דער גרויער מעל אַזוי געשמאַק, — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב אַ סעקרעט, — האָט זי געשמייכלט. — און איך זאָג אים קיינעם ניט אויס.

— האָסט מוירע, אַז באַ אַנדערע זאָלן אויך זײַן אַזוינע געשמאַקע קוכנס, ווי באַ דיר?

— איך האָב פאַר גאָרניט קיין מוירע ניט! — האָט אַפּאָלינאַריע ברוגעזלעך אַ זאָג געטאָן, — אָבער אויב מײַן סמעטענע־קוכן וועט האָבן אַזאַ טאַם, ווי באַ אַנדערע, וועסטו דאָך ניט וועלן קומען צו מיר.

ביים די זון דערקלײַבט זיך אין סאַמע מיטן הימל, טרײַבט דער ייִדיע וואָלאָדיע די טשערעדע צום בערגל, וואָס באַ דער אָזערע. די בעהיימעס, וועלכע ווילן טרינקען, לויפן, פאָכנדיק מיט די וויידלעך, צו דער וואַסער, די אַנדערע לייגן זיך אַפן גראָז, וואָס איז שוין היפּש אויסגעצופּט, און זיי ליגן אַזוי אונטער דער זון. דער ייִדיע שפּרייט אויס אַפן סאַמע שפּיץ בערגל אַ צײַטונג, קוועטשט זי צו מיט שטיינדעלעך פון אַלע פיר זײַטן, זי זאָל ניט אוועקפליִען פונעם ווינט. צוערשט שטעלט ער אוועק די פלאַש, וועלכע ער קרוינט מיטן נאָמען גענעראַל, אויב זי איז פול, מיטן נאָמען פּאָלקאָווניק, אויב זי איז האַלב־ליידיק. דערנאָך לייגט ער אַרויס ברויט, עטלעכע בולבעס, אָפּגעקאָכטע אין העמדלעך, אַ דרײַ־פיר ציבעלקעס, זאַלץ אין אַ קעסטעלע פון שוועבעלעך. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דעם אַלעם, זעצט

זיך דער זיידע מיטן פּאָנעם צום מאָנאַסטיר־צו. דאַן קאָן פּאַראַמאָן מיטן זיידנס בײַטש קנאַקן און פּאַסעווען די ערד וויפל זײַן הארץ גלוסט. אין דער געזעלשאַפט פונעם „גענעראַל" האַלט דער זיידע ביז אָוונט די טשערעדע אַפן אָפּגעצופּטן בערגל, כאַטש די אַלטע דאָרפישע ווײַבער זידלען אים און טײַנען, אַז דאָרט האָבן די קי ניט וואָס צו נעמען אין מויל אַרײַן. מיטן „פּאַלקאָווניק" פאַרברענגט דער זיידע אויך גאַנץ לאַנג. אַזוי אַז פּאַראַמאָן האָט דעם גאַנצן זומער אָפּט געהאַט די בײַטש אין האַנט און מיט איין פּאַך האָט ער, ווי מיט אַ גאָל־מעסער, אַראָפּגעשניטן פונעם שטענגל די ווײַס־באַפּליטערטע געלע ראַמונקע. פּאַראַמאָנס בײַטש־געקנאַקערײַ פאַרטויבט אַ גאַנצינקן זומער דאָס גאַנצע דאָרף.

די צײַט צו פּויען די בעהיימעס איז נאָך ניט געקומען. דער זיידע האָט נאָך אַלץ פאַר־בראַכט מיטן „פּאַלקאָווניק", און פּאַראַמאָן איז אַוועק צו אים. ער איז געגאַנגען איבערן צע־פּלאָנטערטן טײַך־געלעגער, וואָס איז פאַרן זומער אויסגעטריקנט געוואָרן. די ברעגעס פון דעם אויסגעטריקנטן טײַכל זײַנען דורכויס באַוואַקסן געוואָרן מיט קוסטעס. און פּאַראַמאָן האָט געשפּאַנט, ווי דורך אַ קאָרידאָר. ער האָט געטראָטן איבער די מאָך־באַשפּרייטע פּלאַכע שטיינער און אויסגעמיטן די קאַרטשעס, וואָס דאָס טײַכל האָט בײַסן פּליסן אָנגעוואַלגערט. ער איז געגאַנגען איבערן פײַכטלעך־טונקעלן קאָרידאָר, פון צײַט צו צײַט געריסן מאַלינעס. מער קיינער האָט זיי דאָ ניט געקליבן. דערוואַקסענע האָבן ניט געקענט אַרונטערקריכן אונ־טער די קוסטעס. אָבער פּאַראַמאָן האָט עס יאָ געקענט. יעצט ער זיך צו בא אַ מאַלינע־קוסט, ער וואָלט געקליבן און געקליבן, אָבער עס באַפאַלן אים די מוקן. האָט ער שוין קיין האַנאָע ניט. פונדעסטוועגן נעמט ער אָן אַ פולע זשמעניע און, אויסמײַדנדיק די געדיכטע, געזונ־טע קראָפּעווע, דראַפּעט ער זיך אַרויף אַפן ברעג מיט אַ פול מויל יאַגעדעס.

דער זיידע וואָלאָדיע איז געזעסן באַם סטויגל, היי, וואָס ער האָט אַליין אָנגעשניטן. פּאַ־ראַמאָן האָט דאַן דאָס גראָז נאָר איבערגעטרייסלט און צונויפגענומען.

דער זיידע וואָלאָדיע איז באַם סטויגל געווען ניט איינזאַם. ס'איז בײַגעווען נאָך איינער, וועלכער איז געווען עלטער פונעם זיידן וואָלאָדיע. דער אַלטער האָט פאַרמאָגט אַ פּאָפּעליאַטע בערדל, אַ שיטער שמייכעלע, דאָס אויסגעוואַשענע פּידזשאַקל האָט געהאַט אַזאַ בידנעם אָנ־בליק, ווי דער אַלטער גופא. די מעדאַל „פאַר געוואַגטקײַט", דאָס נײַע היטל אַפן קאָפּ האָט אַ ביסל לײַטישער געמאַכט דעם זיידנס סנאָסט.

דער שמועס, וואָס פּאַראַמאָן האָט אונטערגעהערט, איז געווען אַזאַ:

— איך ווייס ניט, ניקאָלאַשע, — האָט דער זיידע וואָלאָדיע זיך געקווענקלט און פּאַמע־לעך געריייניקט אַ בולבע. ער האָט זי דערלאַנגט דעם אַלטן מיט דער מעדאַל, זיי האָבן אָנגע־גאָסן אין אַ קריגעלע פון „גענעראַל", וועלכער האָט שוין בעפּיירעש געמעגט האָבן דעם טיטל „פּאַלקאָווניק". — איך טראַכט אַהין, טראַכט אַהער, און פאַרשטיי ניט. וויאַזוי צו פאַר־דרייען דײַן אינעון. ווי דו ווייסט, האָט אַפּאָלינאַריע פון דיר קיין גוטס ניט געזען. אַפילו קיין גוט וואָרט פון דיר ניט געהערט. זי האָט פון דיר געזען דורכויס רישעס, דורכויס שלעק!

איך בין ניט געקומען אַהער מאַכן מיט איר כעזשבוינעס! — האָט דער מעדאַל־טרעגער אַרויסגעבראַכט פון זײַן אָנצײַנערדיק מויל, — איך בין געקומען בעטן מעכילע. דאָס איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט!

פּאַראַמאָן איז געשטאַנען אַהינטערן סטויגל, זיי האָבן אים ניט געזען. אָבער ער האָט זיי געזען, געהערט יעדעס וואָרט, וואָס זיי ריידן. ער האָט געהערט ווי עס בולקעט, ווען זיי גיסן אָן פון דער פלאַש אין קריגעלע. נאָכן בולקען איז צו אים דערגאַנגען אַ קרעכצן און אָן אָכצן. דערנאָך איז ווידער געגאַנגען דער שמועס. דער זיידע וואָלאָדיע האָט פאַרגעוואָרפן דעם מעדאַל־טרעגער:

— אַפן דריטן ווינטער נאָך דער מילכאָמע האָסטו באַ איר צוגענומען די קו, זי זאָל ווינ־טערן אין דײַן שטאַל, אָף דײַן היי. איאַ, האָסט גענומען? דערמאָן זיך! האָסט דאָך שוין דעמלט געלעבט מיט נאַטאַליען אין קנישעווע, האָסט זיך דערמאָנט?

— וואַ־אַ־אָס? איך געדענק ניט... דוכט זיך, יאָ.

— דוכט זיך? אַ גאַנצן ווינטער האָט אַפּאָלינאַריע געציטערט, וועסט צוריקברענגען די בעהיימע, צי ניט? דאָס גאַנצע דאָרף האָט ראַכמאָנעס געהאַט אָף אַפּאָלינאַריען.

— אין דער מאַמען אַרײַן! כ'האָב געגומען, צוריק געבראַכט, אַ זאַטע, אַ מעלקנדיקע! ס'גאַנצע דאָרף האָט דאָך געזען, וואָס פאַר אַ פּעגירע כ'האָב גענומען. וואָס געווען, איז געווען.

— געווען, — האָט פאַרגעוואָרפן דער זיידע וואָלאָדיע. — איך בין אַ שיינער מענטש. איך האָב גענומען, אומגעקערט צוריק. אַרויסגעהאָלפן מיט היי, איבערן ווינטער אויסגעהאַלטן די בעהיימע...

— כ'האָב אַפילו אַ האָר ניט געטראַכט, אַז איך וועל ניט אָנוּעקגעבן, — האָט אַרויסגע־קוויטשעט דער מעדאַליסט.

— הער אויס, ניקאָלאַשע. כאַפּ ניט די פיש פאַר דער נעץ! גענומען, געגעבן... פאַרוואָס זשע האָסטו ניט געזאָגט, אַז דו וועסט אָוועקגעבן. אַ גאַנצן ווינטער האָט זי געפּלאַטערט, ווי אַ בלאַט, באַוואַשן זיך מיט טרערן, געוווּנען זיכער, אַז אירע קינדער וועלן קיין קאַפּעלע מילך אין די אויגן ניט זען. פונוואַנעט האָט זי געוווּסט, אַז וועסנע־צייט וועסטו ברענגען די בע־היימע.

די אַלטע לייט זיינען אַנשוויגן געוואָרן.

פּאַראַמאָן האָט דערזען, אַז צו דער שול איז צוגעפּאָרן אַ וואָגן מיט ברעטער. באַנאַנד מיט דער שקאַפּע „מייקע" איז אויף דיגע פּיסלעך דריבנע געלאָפן דער שוואַרצקייַנעוודיקער לאַשעק „פונטיק". פּאַראַמאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז ביז מע וועט אויסלאָדן די ברעטער פון וואָגן, קאָן ער זיך אַ שפּיל טאָן מיט „פונטיקן". ער האָט געוואָלט לויפן צו דער שול, אָבער ער האָט דערהערט, ווי דער זיידע וואַלאַדיע האָט אויסגעשריגן:

— ביין! זי וועט דיך ניט אַריינלאָזן!

— קיין ציילעם, קיין ציילעם איז אויף איר ניט־אַ־אַ! — האָט געריוועט ניקאַליי.

אין אַ רעגע אַרום האָט דער זיידע וואַלאַדיע אַ רוף געטאָן:

— פּאַראַמאָן! אַהער גיי! וואָס שטייסטו דאָרטן, גיב אַכטונג אויף די קי!

— צוליב וואָס זיי היטן, — האָט פּאַראַמאָן אויסגערופן. ער האָט ניט געוואָלט בלייבן מיטן מעדאַליסט.

— ניט דיין אייסעק, טרייב זיי צום בערגל! — האָט דער זיידע געהייסן. און צום „כאָסן" — כ'וועל פּרווון, ניקאַליי פּאַוווליטש. אָבער וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען, ווייס איך ניט.

— ע — עך! — האָט פּאַראַמאָן אויסגערופן, ווי דער זיידע וואַלאַדיע, און האָט אַ קנאַק געגעבן מיט דער בייטש אַזוי, אַז דער אַלטער ניקאַליי פּאַווליטש האָט אָנגעהויבן שלוקערצן, און אויסגעזידלט זיך: „אַט אַ כוליגאַן, אין דיין מאַמען אַריין!"

די קי האָבן ניט געפאָלגט פּאַראַמאָנען. זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרקערעווען צום פּליכע־וואַטן בערגל. אָבער פּאַראַמאָן האָט זיי גוט מעכאַבעד געווען, און די געלע בעהיימע, די אָנפירערן פון דער טשערעדע, האָט אָוועקגעטרייסלט אַהין, ווו פּאַראַמאָן האָט געוואָלט.

ניקאַליי פּאַווליטש האָט זיך געפּאַרעט באַם סטויגל, צונויפגענומען די שיראַים פון דער צייטונג, די ליידיקע פלאַש האָט ער אויך ניט געלאָזט אויף גאָטס באַראָט. גאָר ניט גרינג איז אים אָנגעקומען זיך אופצוהייבן פון דער ערד. מיט אַ קרעכץ האָט ער זיך איבערגעקוליעט און געשטעלט זיך אויף די קני. דערנאָך אַ ביסעלע געזעסן, קוים מיט אַלע קייכעס אויסגע־גלייכט די קרומע פיס, אָנגעשפּאַרט זיך אויפן שטעקן, געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלינקע, קעדיי דער נישטיקער, אַלטער גוף זאָל זיך צוגעוווינען שטיין אויף די קרומע פיס מיט די טרישטשענדיקע קני.

— נעם דעם קאָשעק, — האָט דער אַלטער באַפוילן פּאַראַמאָנען.

— וואָ־אָס? — האָט פּאַראַמאָן מיט רוגזע געפרעגט און מיט ביטל אָנגעקוקט דעם קאָרב מיט די נישטיקע שיראַים.

דערווייל איז דער זיידע וואַלאַדיע שוין צוגעגאַנגען צום סאַמע דאָרף. לויט דעם זיידנס אַקסל, לויט זיין פעסטן טראָט האָט פּאַראַמאָן פאַרשטאַנען, אַז יענער צווייפלט ניט אין זיין דערפאָלג. און אומרויק געפיל האָט אַרומגעכאַפּט פּאַראַמאָנען, ווייל ער האָט געוווּסט, דעם זיידנס אַקשאָנעס, ווי ער האָט געוווּסט אַפּאָלינאַריעס נאָכגיביקייט. „ע — עך!" — האָט דאָס ייִנגל אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש. פונעם בערגל האָט ער גוט געזען אַפּאָלינאַריעס גרויסע, איינגעבויגענע שטוב. ער האָט זיינע אויגן ניט אָוועקגענומען פון דאָרטן ביז דער זיידע וואַלאַדיע איז פאַרשוווּנדן אין דער טיר. דער „כאָסן" האָט, ענדלעך, אויך צוגעבלאָנ־קעט צו דער שטוב. ער איז אַהין ניט אַריינגעגאַנגען, ער איז געשטאַנען און געוואַרט, זיין אויסגעצויגענער האַלדז איז, ווי באַ אַ גאַנדז, געווענדעט געווען צו אַפּאָלינאַריעס שטוב.

אין אַ היפּשער שאָ אַרום איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען דער זיידע וואַלאַדיע. אַהינטער אים — אַפּאָלינאַריע. אויף איר קאָפּ האָט ווידער געשעמערירט די יאָמטעוודיקע פאַטשיילקע.

„דאָס שוואַנעלע איז אָפּגעשטאַנען פון דער סטייַע, אוי, אָפּגעשטאַנען פון דער סטייַע, פון די שוואַנען", — האָבן געזונגען די אַלטע אויסגעפּוצטע ווייבער, וואָס זיינען געזעסן אין אַפּאָלינאַריעס שטוב.

אַ גאַנצן ליבן טאָג זיינען די אַלטע ווייבער, אַפּאָלינאַריעס כאַווערטעס, אומגעלאָפן איבערן דאָרף שטוב־איין, שטוב־אויס, יעדערע פון זיי האָט עפּעס געטראָגן. ווער ביר אין אַ

גלעזערנעם סלוי, ווער א קראַנץ בייגל, ווער א קוכן מיט פיש, מיט שוועמלעך, אָדער מיט שוואַרצע יאַגעדעס. ס׳איז געווען ניט קלאָר לויט זייערע פּנעמער, צי זיי פרייען זיך, צי זיי כויעקן. איצט האָבן זיי זיך אַלע באַזעצט אַף דער לאַנגער באַנק, אַלע אין איין צייל, אַלע אין געבלימטע פאַטשיילקעס און אין ריינע קאָפּטלעך. אַפּאָלינאַריעס נאָענטסטע כאַווערטע, שורע, האָט מיט איר באַסאָווער שטים געזונגען אָן אופהער, פּראַסקאָוויע, וועגן וועלכער אַלע ווײַבער אין דאָרף האָבן געוווסט א „געפערלעכן סאָד”, איז דאָ אויך געווען. זיי האָבן שוין אויסגעטרונקען היפּש ביר, זיי זײַנען געווען פאַרויטלט, פאַרוויינט. זיי האָבן געקוקט אַף אַפּאָלינאַריען און ווײַטער געזונגען: „איז דאָס שוואַנעלע צוגעשטאַנען, אוי־ווי, צוגעשטאַנען צו א פרעמדער סטײַע, צו דער סטײַע פון די גראָע גענדז”. דער זיידע וואָלאָדיע איז דאָ אויך געזעסן. אַלע דרײַ מעדאַלן אַף זײַן ווײַסן העמד. זיצט ער זיך אַזוי מיט די מעדאַלן לעבן כאָסן, טוט יענעם אַלע ווײַלע א שטויס, ער זאָל ניט אײַנשלאָפן, וואָרעם לאַנג איז דער „כאָסן” געשטאַנען אַפן בריקל, געוואַרט אַף איר וואָרט, געגאָסן שיקערע טרערן. איצט איז ער, נעבעך, זייער פאַרמאַטערט, כאַפּט אים אָן א דרעמל.

אַפּאָלינאַריע זיצט לעבן אים שטילינקערהייט, זי שמייכלט ניט, זי איז ניט פריילעך. אָבער קיין אויסדריקלעכן טרויער זעט מען ניט אַף איר געזיכט. און דאָס קאָן פּאַראַמאָן ניט אַריבערטראָגן. די גאַנצע צײַט שטייט ער הינטערן פענצטער, און ערשט איצט האָט אים אַפּאָליינאַריע באַמערקט. זי האָט א ווונק געטאָן צו אים מיט די אויגן, ער זאָל אַרײַנגיין. איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין פירהויז, האָט סאַמע פון אונטן א שלעפּ געטאָן עטלעכע שײַטלעך האָלץ, אַזוי אַז דער גאַנצער שטויס האָלץ איז צעפאַלן געוואָרן. די ווײַבער האָבן גאָרנישט ניט געהערט און ווײַטער געזונגען. אַפּאָלינאַריע האָט אָבער יאָ געהערט, זי איז געזעסן א דערשראָקענע, געקוקט דורכן פענצטער, דערזען ווי פּאַראַמאָן איז צוגעלאָפן צום פּאַרקן, אַרויסגעצויגן א פעסטן דראָנג און אַרײַנגעשלײַדערט דעם דראָנג דורכן אָפענעם פענצטער אין שטוב אַרײַן. דער דראָנג איז אַוועקגעפאַלן אַף דער פּאָדלאָגע באַם אויוון. די ווײַבער האָבן א ביסעלע דערשראָקן זיך, אָבער זיי האָבן ווײַטער געזונגען: „האָט ראַכמאָנעס, גרויע גענדז. פליקט מיך ניט, ניט מיט גוטן ווילן בין איך צו אײַך צוגעשטאַנען. אויס נויט בין איך צו אײַך געפלויגן”. אַפּאָלינאַריע איז אַוועק פון טיש, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אויסגעשריִען:

— פּאַראַמאָשע, האַלעמײַ האָסטו אַרײַנגעשלײַדערט דעם פּלאָקן? שעם דיך!

— ס׳וועט דיר ניט שאַטן! — האָט ער כוצפּעדיק אויסגערופן, זי אָנגעקוקט מיט אַזויפיל ביטל, אַרײַנגעשאָטן אין מויל אַרבעס, אָנגעבלאָזן די ליפּן, ווי ער וואָלט די אַרבעס אויסגעשאָסן גלײַך אין איר פּאָנעם אַרײַן. ער האָט געמיינט, זי וועט זיך אָפּקערן, דערשרעקן זיך, אָבער זי האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. ניט אָפּגעקערעוועט דאָס פּאָנעם, געקוקט אַף אים מילד און שולדיק. דערזען דעם־אָ בליק אירן, איז פּאַראַמאָן אַוועקגעלאָפן פון פענצטער און אויסגעשפּיגן די אַרבעס אין גאָרטן. פון די בולבע־קוסטעס האָט זיך דערהערט א קוואַקנדיק פּאַכען, א הייזעריק קודאַכטשען. דערנאָך איז פּלוצעם אַרויסגעשפּרונגען און, א צעפּאָלאָשעטער, אַוועקגעלאָפן איבערן הויף דער שוואַרצער „פּאַשיסט”, דער האָן דער שלימאַזל, וואָס האָט זיך געלאָזט וווילגיין אין גאָרטן ביז שפּעטן אָוונט. ווי דאָס ווערטל זאָגט: „לויט דער פּאָגאָדע איז דאָס שפּאַצירן”.

פון הינטערן בערגל האָבן איבערן דאָרף זיך געקײַקלט און געקײַקלט רויכיק־רויטע וואָלקנס. זיי זײַנען זיך צעשוווּמען איבער דער אָזערע, רויט געמאַכט דאָס וואַסער, אַוועקגעפויזעט צום וואַלד, פאַרפּלאָנטערט זיך אין די יאָדלעס, אָנגעצונדן די בלעטער און די שטאַמען אַף די בערעזעס. עס האָט פון די וואָלקנס געאָטעמט מיט סרייפע און אומקום.

„איך וועל עפּעס אונטערצינדן” — האָט געוואָרטשעט פּאַראַמאָן. ער איז גיך פאַרבײַגעגאַנגען אַפּאָלינאַריעס שטוב, וועלכע האָט אים איצט געשלאָגן צו דער גאַל, און איז אַוועק צו דער אָזערע.

מיט קוואַקנדיקן געהויל האָט איבערן וועג געראָלט א מאָטאָציקל. קאַטיע אין רויטן קליידל האָט דריבנע דורכגעקלאַפּט אַף די קאַנאַפּעלעך, זי האָט זיך אַרופגעכאַפּט אַפן מאָטאָציקל און, זיצנדיק הינטער אָלעגן, אויסגערופן:

— פּאַראַמאָן, גיי עסן קיסעל!

„איך וועל זיי געבן א צינד אונטער, וועלן זיי באַ מיר אַלע אַרויסלויפן פון די כאַטעס, און דער זיידע ניקאָלאַשע — מיט זיי אַלעמען”. — האָט געטראַכט פּאַראַמאָן. ער האָט געוואָלט אָפּקלײַבן פאַר אַפּאָלינאַריען דאָס געהעריקע זידל־וואָרט אָבער אַלע יאָדערדיקע, געפּעפּערטע

זידלערײַען, וואָס ער האָט צוגעקליבן, האָבן ניט געפּאַסט, ווי ער האָט עס געפּילט, פאַר איר. איז ער אַוועק צו דער אָזערע.

אפֿן קלײנעם פּאַראָמל, בײַ דער אָזערע, האָט פּאַראַמאָן זיך אַוועקגעזעצט. מיט די הענט אַרומגעכאַפּט די קני. אפֿן אַנדערן ברעג האָט אַן אײן־אײנציק הונגעריק קעלבל, וואָס מע האָט פֿאַרגעסן, אומעטיק געמרוקעט, געשטרעקט דעם קאָפּ אין אַלע זײַטן. קײנער איז צו דעם ניט געגאַנגען. פּאַראַמאָן האָט דערפֿילט גרויס ראַכמאָנעס צו דעם בידנעם קעלבל. אַזוי פֿאַר־צווייפֿלט און טרויעריק איז געווען דאָס מרוקען זײַנס, אַז פֿון פּאַראַמאָנס אויגן האָבן אַ פֿלייץ געטאָן טרערן.

„איז אָפּגעשטאַנען דאָס שוואַנעלע דאָס ווי־—סע״—האָבן נאָך אַלץ געהוליעט אַף דער אומגעריכטער כאַסענע די אַלטע ווײַבער.

די מומע מאַשע זײַצעווע מיט דער שנור האָבן אין זייער רויטער לאָדקע מיט די רויטע ווײַסלעס צוריקגעפּאַטשט פֿון דער סלאָבאָדע. אַרויסגעשלעפּט די לאָדקע אפֿן ברעג, האָבן זיי מידע אַוועקגעבלאָנקעט אַהיים.

— פּאַראַמאָן! קום אַהער, מיר וועלן דיר עפּעס געבן.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט און געבליבן זיצן, ווי פֿריער.

— פּאַראַמאָניע! — האָט גערופֿן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער די מאַמע. — וועטשערע!

ער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. ער איז אַוועק פֿונעם פּאַראָמל. ער האָט געוווּסט, אַז די מאַמע וועט צווייִ מאָל ניט רופֿן. זי וועט דעם קיסעל צעטיילן די ברידער, דערנאָך וועט זי זאָגן: „וועֶר עס פֿאַרשפּעטיקט, דער באַלעקט זיך ניט״. פֿאַרן אַוועקגיין האָט ער אַ הוידע געטאָן זיך אַף די ברעטער פֿונעם פּאַראָמל. איבער דער רויטלעכער וואַסער האָט באַם גרונט אַ שלײַך געטאָן אַ שאָטן פֿון אַ קרעבס. פּאַראַמאָן האָט זיך דערמאָנט, אַז די ברידער האָבן זיך געקליבן כאַפּן קרעבסן בייס עס וועט פֿינצטער ווערן. און ער איז אַוועק זען, וויאַזוי די ברי־דער גרייטן צו שטורקאַטשעס, ווײַל בײַס עס איז פֿינצטער, כאַפּט מען קרעבסן מיט אָנגעצונ־דענער פֿאַקליע אַף דרענגלעך.

יידיש — שירע גאָרשמאַן

פֿון פֿרידקעס געשיכטעס

כאַלוימעס און לידער

מערערע פֿון זיי זײַנען דאָ געווען ניט דאָס ערשטע מאָל, און אײנע — אַפֿילע דאָס פֿערצנטע מאָל. זי האָט, קענטלעך, אַפֿילע זיך געגרויסט מיט אָט דעם אײגנאַרטיקן רעקאָרד, און די פֿריִען האָבן אַף איר געקוקט מאַמעש מיט באַגײַסטערונג. אָבער ווען די מעדיצין־שוועסטער האָט גענומען אײַנלאַדן אַף דער אָפּעראַציע, איז אָט יענע דאַפֿקע די ערשטע ניט געגאַנגען, כאָטש אַלע זײַנען גרייט געווען איר אָפּטרעטן דאָס אָרט. איז די ערשטע געגאַנגען פֿרידקע.

דער ווייטעק האָט אַ שנײַד געטאָן — און אין אײן אויגנבליק זײַנען פֿאַרשלונגען געוואָרן אין ווײַטן אָפּגרונט סײַ דער בלאַסער טאָג, סײַ די קאָפּעל־ווענט, און דער ניקעל, און די שײַן און די שטימען. די פֿענעמער זײַנען זיך צערונען, ס׳זײַנען הענגען געבליבן, ניט דערגייענ־דיק צו איר, עמעצנס ווערטער, עמעצנס פֿראַגעס. מע האָט געדאַרפֿט מיט וואָס־ניט־איז זיך אָפּווענדן, טראַכטן וועגן עפּעס וויכטיקס, פּרווון מעגוגל ווערן אין אַ פֿליג אין אַוועקפֿלִיען, נאָר דער ביטערער ווייטעק האָט זיך אײַנגעשניטן מיט זײַנע אומראַכמאָנעסדיקע צייִנער און פֿאַרשטאָפּט אַלע אַרויסגאַנגען פֿונעם באַוווּסטזײַן. בלויז אַ סינע צו זיך אַליין האָט זיך אַרויס־געריסן פֿונעם מויל מיט אַ שטיקנדיקן געשריי.

— שרײַ ניט, אַניט וועלן מיר דיך באַלד אָפּשיקן אין קלאַס.

— זי איז ניט קײן שילערן, דאָקטער, זי איז שוין אַ סטודענטקע...

אינעם אינסטיטוט האָט זיך צו פֿרידקען צוגעקלעפּט דער צונאָמען „צוציק״ — פֿאַרן קלײנעם וווּקס, פֿאַר דער בייזער שטיפֿערײַ, פֿאַר קענען פֿאַרוואַנדלען אַ מינדסטן געשפּרעך אין אַ געשלעג. זי איז פֿעיִק געווען אַרײַנצײַען אין אָט דעם געשלעג יעדן אײנעם, ווער נאָר עס איז געווען אין דערנאָענט.

— דו שוויַגסט? — האָט זיך פאַרכידעשט פרידקע. נאָך מיט א רעגע צוריק האָט זי אפילע ניט געטראַכט ניט וועגן קאָסטיען און ניט וועגן ספּאָרט. — וואָדען! ביסט דאָך אין אָט דעם געביט אויך א שטיקל צאַד אין באַרשטש!

קאָסטיע האָט זיך אָפּגערופן:

— גוטמאַרגן!

— הער א מעַיסעו! ביסט ניט מאַסקים, אַז עס איז אַן אוורע אויסצובערענגען אזויפיל ציַיט צוליבן פּסיכאָז ארום פוטבאָל?

קאָסטיע האָט זיך צעשפּרייט מיט די עלנבויגנס אפן פענצטער־ברעט. די איבערגעקרייצטע פיס אויסגעצויגן קימאַט ביז אין דער מיט פונעם קאָרידאָר, א פיר געטאָן מיט די ברעמען, צעבלאָזט די לעכער פון דער געשיילטער נאָז און א פרעג געטאָן:

— צוציק, טייַבעלע, און אויב א מענטש האָט דערפון פאַרגעניגן, אַז?

ווען שוריק איז צוגעקומען מיט א גאַנצן קראַנץ סאָסיסקעס, האָט מען ארום פרידקען און קאָסטיען זיך שוין אָנגעהויבן צונויפזאַמלען. יעדערער האָט עפּעס איַינגעטײַנעט מיט פרידקען, יעדערן האָט זי באַוויזן אויך עפּעס אָפּצוענטפערן, און איבער אירע באַקן זיַינען געדרונגען טרערן, ווי דאָס וואָלטן געווען ניט טרערן פון אזוארט, נאָר פון ראַכמאָנעס אָף דער מענטשהײַט, וועלכע דער פוטבאָל וויל באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן.

— אָט נאַראָנים, — האָט פרידקע געטײַנעט, ווען אלע ספּאָרט־פּראָבלעמען זײַנען שוין געווען געלייזט. — איך האָב מיר מײַן אייגענעם ספּאָרטיוון פּסיכאָ־טיפּ. מערקט אָפּ: א ספּאָרטיוון און ניט קיין אגרעסיוון. עס גייט מיר אין לעבן אריַינטרייַבן עמעצן אין אן אויסגאַנגס־לאַזער לאַגע, נאָר איך בין גליקלעך, ווען אָט דער עמעצער דרייט זיך ארויס פון דער דאָ־זיקער נעץ מיט ווירדע. און פאַרקערט, אויב ער בלײַבט אין איר אומבאהאָלפן שטעקן, פיל איך זיך אומגליקלעך...

און זיך ווידעראמאָל א קיינדל געטאָן:

— ספּאָרטיווע כאַראַקטערן צייכענען זיך אויס מיט גוטמוטיקייט.

— און מיט אײַנגעשפּאַרטקײַט, — האָט צוגעגעבן קאָסטיע פון זײַן באַליבטן פענצטער־ברעט.

און אויסער דעם, האָט מען געדאַרפט גיין אָף לעקציעס, און זיי זײַנען מיט קאָסטיען געגאַנגען, ניט דורכגעלאָזט. און געזעסן זײַנען זיי ביידע באַ איין טיש, זשמורענדיק זיך, וויַיל די זון איז דורך די אָפענע פענצטער פון די אאודיטאָריעס געקראָכן גלײַך אין די אויגן. אויך א ביסל געדרעמלט, וויַיל זי האָט ניט נאָר געבלענדט, נאָר פּאַשעט פריטשמעליעט. די פענצ־מער פון די לערער פלעגן דערטרונקען ווערן אין אָט דעם שטראָם. ס'איז שוין געווען קימאַט זומער. עס האָט געדוכט, אַז דאָס, וואָס מע דאַרף זיצן אָף לעקציעס, איז עפּעס א טאָעס, וועט אָט־אָט פאַריכט ווערן. באַלד דאַרף עמעצער אריַינקומען און, זשמורענדיק זיך, ווי אלע זשמורען זיך דאָ, מאַכן א פאַראָרדענונג, אַז די לערע האָט זיך פאַרענדיקט און מע־קאָן שוין גיין. און אלע וועלן פאַרלאָזן די אאודיטאָריע — ווער וווהין.

— מירן גיין אפן פּליאַזש? — האָט געפרעגט אָף דער לעקציע פון פילאָסאָפיע שוריק.

„אָט דאָס זײַנען אלע זײַנע דײַגעס. דעם יאָם דאַרף ער, דעם פּליאַזש. א מאָדנע ייִנגל. א קינד", — האָט ניט בייז א טראַכט געטאָן פרידקע, נאָר גאָרנישט ניט געענטפערט, בלויז א קוק געטאָן אָף אים. ער איז אנשוויגן געוואָרן, נאָר אָף דער לעקציע פון טעכנאָלאָגיע נאָ־כאמאָל גענומען נאָיען:

— נו, פריד, אַז! מירן זיך אין די פעלדזלעך אויסבאָדן...

— אָט צעלויף איך זיך! — איז זי שוין געוואָרן בייז.

— פריד, וואָס איז געשען? — האָט שוריק א דערשראָקענער געשעפּטשעט.

— טשעפּע זיך אָפּ, זאָג איך דיר, — האָט זי אָף אים זיך נאָך מער צעבייזערט.

„זיך צושפּאָרן ערגעץ־ווו אָף א הייסער באַנק, — האָט פרידקע א קלער געטאָן אירס, — מיט קיינעם ניט רעדן, וועגן גאָרנישט ניט טראַכטן..."

פאַרפאַלן. דאָס, וואָס איז געווען, וועט זיך שוין ניט אומקערן, — האָט פרידקע געפילט. א סאָף. און עס טוט איר ניט באַנק, וואָס עס האָט צו דעם גענומען א סאָף, וויַיל אלץ איז געווען, אלץ, וואָס עס דאַרף זײַן. און די זון האָט געסאַרפּעט אין יענעם זומער, און אויך אינעם פאַריקן זומער. און ס'איז געווען א לאַנגע אומענדלעכע קינדהײַט. און די באָבע איז גע־שטאָרבן, און פרידקע האָט איבערגעלעבט סײַ איר טויט, סײַ איר לעווייַע. און ס'איז געווען די שול, און ס'איז געווען א לאַנגע ליבע מיט עדיק מיראַנאַוון נאָך אין זעקסטן קלאַס, און

סינע צו נאַדיע אַפּרושאַק אין זיבעטן. און ס'איז געווען די באַלעט־סטודיע, און שאַפּען — נאַקטירן. און שפּאַצירן אַפּן לימאַן זײַנען געווען, און געבראַטענע לאַרכן, און שלענג אין אַטשערעט, און א ליד, וואָס פרידקע האָט פּלוצעם אַליין אָנגעשריבן. און אַפילע מיט שוריקן אָט יענץ — אַלץ, אַלץ איז געווען, אַלץ, ווי בא לײַטן.

— אאוסטעניט. אאוסטעניט־סטרוקטור, אאוסטעניט־צושטאַנד... — דעם לערערס שטים האָט זיך דערטראָגן, ווי פון אַן אַנדער ברעג. דער שכײנישער טיש האָט די לעקציע גע־הערט, ווער־ניט־ווער האָט אַפילע פאַרנאָטירט, נאָר פרידקע האָט געמאָלט אינעם העפטל צוגעפּלעטשטע קרײַזעלעך, פון די קרײַזעלעך האָבן זיך באַקומען פיגורלעך, און אויף אָט די פיגורלעך איז געווען א ראַכמאַנעס צו קוקן.

פיגורלעך — ווי פיגורלעך, נאָר פּלוצעם איז פרידקען געוואָרן א ראַכמאָנעס אויף שוריקן, און זי האָט צוגערוקט צו אים דעם עלנבויגן. ער האָט איר גלײַך א ווונק געטאָן מיט זײַנע געלינקע אויגן. פרידקע האָט ווידעראַמאָל א טראַכט געטאָן: א קינד!

— הער נאָר, וואָס פאַר א כאַלעם איך האָב הײַנט געזען.

איר האָט זיך געכאַלעמט, אַז בא דער אַפּטייק אויף סאַדאָווע־גאַס שטעלט מען אײַן א סקולפּטור: א יונגינקע נאַקעטע געטן האַלט מיט זעקספינגערדיקע הענט אַן איבערגעקערטע אַמפאָרע, און פרידקען האָט מען געהייסן צוטראַכטן אַן אונטערשריפט אַפּן פּאַסטאַמענט. זי האָט צוגעטראַכט, און מע האָט אויסגעקריצט: „ניט אַלע קרענק היילט מען מיט רעפּועס”.

אַזעלכע כאַלומעס האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזען. אַמאָל פלעגט זיך איר כאַלעמען, ווי מע יאָגט זיך נאָך איר, און ווי זי גייט איבער טרעפּ, וואָס האָבן ניט קיין סאָף, און איבער טיפע אָפּגרונטן — א שרעק! איצט אָבער — קיין שום קאָשמאַרן. בלויז גוטע מײַסעלעך, וועלכע שימערירן מיט אַלע קאָלירן און רופן אַרויס באַוווּנדערונג, ווערן געבוירן אין איר באַוווּסט־זײַן און צעוויקלען זיך, ווי א ספּעקטאַקל, — זיי קריצן זיך אַזוי אײַן אין זיקאָרן, אַז מע וואָלט זיי געקאָנט פאַרשרײַבן אָדער אָנמאָלן. די געטן — א מאַטאָווע, א בלוילעכע, דער פּאַסטאַמענט — א ברוינער, א גלאַטער, און אַרום דעם דענקמאָל — א גאַנצע לאָנקע מיט בלומען. פרײַער פלעגן זיך כאַלעמען בלויז שטיקלעך פון עפּעס נעפּלדיקס, און אָט איצט — א זעקספינגערדיקע יעפּאַס־טויאַר, וואָס מע קאָן זי ניט אויסהיילן מיט רעפּועס. און פרידקע פילט די גאַנצע מאַמאַשעסדיקײַט פונעם ווונדערלעכן כאַלעם.

— פריד, טאַקע אַן עמעס — ניט אַלץ קאָן מען היילן מיט רעפּועס, — האָט ניט אופגע־הערט צו כידעשן זיך שוריק. — פון אַלטקײַט היילט מען ניט, בלויז פון טיפשעס, פון ליבע!.. איאַ, פרידל! ווי אויך פון א מום — אָט דעם זעקסטן פינגער...

— לעדעבוריט, לעדעבוריט־סטרוקטור, לעדעבוריט־צושטאַנד פון דעטאַלן, — האָט זיך קוים דערטראָגן פונעם זוניקן שטראַם. פאַר די עקזאַמענעס האָט מען איבערגעכאַזערט די יעסוידעס פון מעטאַל־וועזן.

— זע, וואָס איך האָב אויסגעביטן אויף דער זשאַקייקע! — שוריק האָט אוועקגעלייגט אַפּן העפטל א פּעקל אַמעריקאַנער סיגאַרעטן.

פרידקע האָט אופגעעפנט דאָס פּלאַסטמאַסעווע שאַכטעלע, געגומען שמעקן — און זיך א וואַקל געטאָן פונעם איבלדיקן זיסן טוטין־רייעך.

— נעם עס צו, אַפּגעריסענער נאַר!

— איר האָט עפּעס געפרעגט? — האָט זיך אָפּגערופן פון יענעם זון־ברעג דער לעקטאָר.

— ניין... ס'הייסט, יאָ. מע קאָן אַרויסגיין?

— אײַך איז ניט גוט? — (פרידקע האָט געהאַלטן די האַנט באַם האַלדז).

— צוציקן! — האָט זיך דערשראָקן שוריק.

פרידקע האָט זיך אָפּגעקערט: גאַרניט! און איז אַרויסגעגאַנגען דורכן קאַלטן, ווי א קע־לער, קאָרידאָר אין הויף, אַפּן צעשמאָלצענעם פון דער זון אַספאַלט.

הארט בא דער וואַנט, צודריקנדיק זיך צו איר מיטן פּאַנעם, טאַפּנדיק מיט די דלאָניעס די אָנגעגליטע ציגל, האָט זי געשלונגען דעם רייעך פונעם ציגל־שטויב, פון קאַלך און צע־וואָרעמטן גודראָן. לענגויס דעם הויכן צאַקאָל זײַנען אירע פינגער דערגאַנגען צום טעמפּן ווינקל, וווּ עס איז געווען באַזונדערס הייס. דאָ האָט מען געקאָנט זיך צוזעצן הינטער א טאָפּאָל־קוסט, אָנווארעמען די דערפרוירענע פּלייצע און פאַטער ווערן, אויב עס וועט זיך אײַנגעבן, פון דער איבלקײַט.

דער קוסט האָט קלעפּיק געשמעקט. זײַנע בונטע, בלישטשענדיקע בלעטער האָבן אויס־געזען געזינטער און שטאַרקער, אַפילע פרעכער, איידער די בלעטער פונעם גרויסן טאָפּאָל, וועמענס ניט געזעצלעך קינד עס איז געווען דער קוסט. די בלעטער האָבן געפּלאַטערט פונעם שטילן ווינטל, ווי דלאָניעלעך, וואָס מע שטרעקט אויס אויף צו באַווײַזן, ווי ריין זיי

זײַנען אויסגעוואַשן. דער קוסט האָט געקענט זאָגן אַף מענטשלעכן לאַשן „קו־קו" און זיך אונטערטוקן אַף אַ רעגע אונטערן אַספּאַלט, וואָס ער האָט דורכגעבויערט, בײַס ער איז געבוירן געוואָרן, און ווידעראַמאָל אַרויסשפּרינגען. דער גרויסער טאַפּאָל אָבער האָט דאָס טאָן ניט געקענט...

אין דער פּלייצע איז וואַרעמער געוואָרן, ס'האָבן זיך דערוואַרעמט אונטערן אָנגעצויגענעם קליידל די הוילע קני. פון דער וואַנט האָט ניט געשמעקט מיט אַזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט אַרויסרופן איבל. עפּעס אַ מוקעלע האָט געגנומען אַריבערקריכן איבערן ציגל, אַף וועלכן ס'איז געווען צוגעטוליעט פּרידקעס נאָז, אַהין ווו ס'האָט זיך צוגעשפּאַרט איר אויג, און די אַנדערע פליגעלעך האָבן געשטערט דעם באַשעפענישל בײַקומען די צעמענטענע הויכעניש צווישןביידע ציגל. פּרידקע האָט זיך געסטאַרעט ניט אָטעמען, קעדיי ניט אָנמאַכן אַ ווינטעלע, וואָס וואָלט פאַרן פליגעלע געווען ווי אַ גאַנצער הוראַגאַן. דערוואַרטנדיק זיך, ביז די קוים באַמערקבאַרע הערעלעך פונעם פליגעלעס פיסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן איבער דעם גלאַטן אויבערפלאַך, איז זי אָפּגעשטאַנען און האָט זיך אָוועקגעלאָזט נאָכן מעכטיקן רייצנדיקן רייעך פון געפּרעגלטע קנישיקלעך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פענצטער פונעם אינסטיטוטישן בופעט.

די פּרוּוען אין דער פאַלאַטע האָבן געגרעדט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און אויך אַזוי האָבן זיי געהערט עמעצנס רייד. מע האָט געצײַלט זיך אויסריידן די נעשאָמע, מער פון אַלץ וועגן שלעכטס — וויאַזוי מע האָט זיך צעקריגט מיט דער שוויגער, וואָס פאַר אַ רעציייעך עס איז דער שעף אַף דער אַרבעט און סאַראַ עגאָיסטקעס עס זײַנען די כאַווערטעס. מע האָט גערעדט וועגן די מענער — אייניקע מיט צאָרן, אַנדערע — מיט פאַראַכטונג, אָבער קיינער ניט קיין גוטס. די פּרוּי, וועלכע איז דאָ שוין דאָס פערצנטע מאָל, האָט געפּרוּווט עפּעס יאָ גוטס זאָגן: מײַנער איז נישקאָשע, אָבער מע האָט זי גלײַך אָפּגעהאַקט: נאָך אַ מין צאַצקע, זע נאָר, ווי ער היט דיך אָפּ! וועגן ליבע האָט מען גערעדט גראָבלעך, בלויז וועגן דעם, וואָס עס האָט זיי אַהער געבראַכט... עסן וועטשערע זײַנען אייניקע ניט געגאַנגען — ס'האָט זיי געעיבלט, אַנדערע אָבער, פאַרקערט, האָבן געקײַט אַף ביידע באַקן.

די ליד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַף די לימאַנען, האָט זי פאַרשריבן אַזוי ווי פּראָזע: פאַרלאָזט די היים, פאַרמאַכט די טיר, — ס'איז רו, צי זאַטקייט, ניט פאַר מיר. אָן מיר באַם טיש — ווער וויפל ס'וויל — זאָל לײַגן, קליאַנטשען הויך צי שטיל! אַ פערד אַ ווײַסן כ'נעם מיר באַלד, די גריווע — זײַד, דער בליק — באַשטראַלט. אַ שווערד אין האַנט פון שטאָל פאַרשײַטן — און כ'טו אַ טראָג זיך אין די ווײַטן.

אַף מײַן פּאַן איז לויטערקײַט, און אין מײַן האַרצן — לויטערקײַט, און מײַן ערשטע שוווע — לויטערקײַט, און מײַן גרויזאַמער קאָרבן — לויטערקײַט.

איך פלי אַהין, ווו ס'גייט אַ שלאַכט, ווו יעדער קריג איז ריין, באַדאַכט. מײַן פערד — אין שוים, און איך — איך זינג, און ס'איז מײַן ליד פאַרשײַט און יונג. זאָל זײַן אָן מיר מײַן היים, מײַן טיר — ס'איז רו, די זאַטקייט ניט פאַר מיר. אָן מיר באַם טיש — ווער וויפל ס'וויל — זאָל לײַגן, קליאַנטשען הויך צי שטיל!

אַף מײַן פּאַן איז לויטערקײַט, און אין מײַן האַרצן — לויטערקײַט, און מײַן ערשטע שוווע — לויטערקײַט, און מײַן גרויזאַמער קאָרבן — לויטערקײַט!

נאָר אָט — סאַף נאַכט, ניטאָ די שלאַכט, איך זוך, די קלאָרקײַט זאָל מיך שיצן. מײַן פערד וועדט מיד, עס טאָגט — צי ניט? אַ פײַפל פײַפט, די טויען בליצן. און איך, אַ מידע, זינג מײַן ליד — אַ שטילע ליד, מע הערט זי ניט.

אַף דער פּאַן מײַנער — לויטערקײַט, און אין הארץ מײַנעם — טרײַשאַפט, און די ערשטע שוווע מײַנע — ברייטהאַרציקײַט. ווען אָפּגעבן פון מײַן נעשאָמע די צאַרטקייט, וועמען אָפּגעבן פון הענט מײַנע די שוואַכקײַט? פאַרלאָזט מײַן היים, פאַרמאַכט מײַן טיר — ס'איז רו, די זאַטקײַט ניט פאַר מיר...

אָן מיר באַם טיש — ווער וויפל ס'וויל — זאָל לײַגן, קליאַנטשען הויך צי שטיל!..

— אַלץ איז אין אָרדענונג, טײַבעלע, גוט, זייער גוט, שרעק זיך ניט... כאַפּ זיך אויף!..
— איך האָב זיך שוין אופגעכאַפּט. אַ גוטמאָרגן. וואָס האָט געזאָלט באַ מיר זײַן, דאָקטער, אַ מיידעלע צי אַ ייִנגעלע?

די פרויען אין דער פּאַלאַטע — ווי מע וואָלט זיי פאַרביטן: שוואַכע, אויסגעמאַטערטע. צאַרט־אונטערדריקטע. זיי גייען צו צום פענצטער, מאַכן מיט די הענט צו זייערע מענער, מיט עפּעס א שולדיק־מונטערנדיקן שמייכל. זיי זײַנען געריררט פון די פּעקלעך, וואָס מע גיט זיי איבער, וויקלען זיי פאַנאַנדער און זײַנען אין היספּײַלעס פון דער אומגעלומפּערטער זאָרג, וואָס די מענער האָבן צו זיי אַרויסגעוויזן. מע רעדט וויייניק, הויפּטזאַכלעך וועגן די קינדער, וועגן די קרויווים — אויב מע האָט אַזעלכע, וועגן פרעמדע — אויב קיין אייגענע קינדער זײַנען ניטאָ. וועגן דעם, וואָס עס איז געווען נעכטן, דערמאָנען זיי קימאַט ניט — אַ צופעליקייט, מאַלע־וואָס עס האָט געטראָפן, אָבער מער — ניין, קײנמאָל ניט. בלויז יענע, וועלכע איז דאָ געווען דאָס פערצנטע מאָל, לאַכט, אַרויסשטעלנדיק פאַר אַלעמען די פּרעכטיקע ציינדלעך.

ערגעץ אין דער טיף פונעם באַנאַכטיקן וואָרעמען סטעפּ האָט געבליצט אַ קלײנינק פײַערל און, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, געוואַנדערט אַהין און אַהער. שווידערלעך! כּעוורע האָט אַרויסגעזאָגט אַ האַשאָרע, אַז דאָס דאַרף זײַן אַ לאַמטערנדל, וואָס העגנגט אָף די הערנער פון עפּעס אַ בעהיימע, זי זאָל באַנאַכט ניט פאַרלאָרן גיין. עפּשער איז דאָס טאַקע אַזוי געווען.

דער שײַטער איז פאַרלאָשן, נאָר פון אונטערן אַש טליִעט נאָך עפּעס. מע וואָלט געקאָנט אונטערלייגן קאַמיש — גלאַט אַזוי, צוליב דער שטימונג, נאָר פרידקע האָט געדאַרפט זײַן שפּאָרעוודיק — הייצוואַרג איז געווען זייער וויייניק. כּעוורע האָט זיך אָנגעגעסן מיט מאַקאַראָנעס און איז געשמאַק געשלאָפן. לעבן דעם שײַטער האָט זיך געוואַלגערט אַ בידאָן, וועלכער איז נאָך נעכטן געווען פול מיט ווײַן. פרידקע האָט גענומען דעם בידאָן און איז אַוועק אים אויסשווענקען. זי האָט פאַרזיכטיק אָנגעטאַפּט מיט די קעדעס דעם ברעג, וואָס מע האָט אײַנדערפינצטער ניט געקאָנט זען, זיך צוגעזעצט. די פּרעש האָבן ניט געקוואַקעט, קיין איין פּישל האָט ניט אַ פּליעסקע געטאָן, און שטיל איז געשטאַנען באַם ברעג עפּעס אַ פאַרלאָזט שיפל. ס׳האָט זיך שוין פון לאַנג געקליבן אָף אַ רעגן, נאָך פון האַלבן טאָג אָן איז פאַרשווונדן די זון, און איצטער זײַנען אויך קיין שטערן ניט געווען, און די לעוואָנע האָט זיך ניט דורכגעשלאָגן, אָבער קיין איין טראָפּנדל איז נאָך ניט געפאַלן אין וואַסער, ניט אַ פּויק געטאָן אין דער פּאַלאַטקע. פון מאָל צו מאָל האָט ערגעץ הינטערן קורגאַן אַ שפּרונג געטאָן פון איין אָרט אַפן צווייטן עמעצנס אַ געפּענטעט פערד, און דער קלאַנג האָט זיך דערטראָגן אַהער אַ טויבער און ניט־דײַטלעכער. פרידקע האָט אָן רויש אָנגענומען מיטן בידאָן אַ ביסל וואַסער, אָן רויש אויסגעגאָסן אין זאַמד. „די היים פאַרלאָזט, פאַרמאַכט די טיר״, — האָט אַ קלער געטאָן פרידקע און אַ שמייכל געטאָן: צו הויכע ווערטער האָבן זיך באַ איר באַקומען. פון דער היים זײַנען זיי אַוועק מיט דרײַ טעג צוריק, געמיינט — ניט אָף לאַנג, אָף אַ טאָג צען, אָבער ווי נאָר מע האָט אַוועקגעשטעלט די פּאַלאַטקע, זיך איין מאָל אויסגעבאָדן אין לימאַן, צעלייגט אַ שײַטער — איז אָף אַלעמען ווי אָנגעפאַלן אַ פרעסעניש און מע האָט פאַר דרײַ טעג אופגעגעסן דאָס גאַנצע ברויט, אַלע קאָנסערוון, נעכטן — די לעצטע מאַקאַראָנעס, דאָס גאַנצע געלט איז אַוועק אָף ווײַן, און מאָרגן וועט מען דאַרפן זיך אומקערן. קאַסטיע אוטיוזשקאָ האָט צוגעזאָגט אָנשיסן ווילדע ענטלעך — ער לײַגט, קיין שום ענטלעך זײַנען דאָ ניטאָ.

„די היים פאַרלאָזט, די טיר פאַרמאַכט״, — האָט ווידעראַמאָל זיך דערמאָנט פרידקע, און זי האָט זיך פאַרכידעשט פונעם פאַרגעפּיל פון פריידיקער געפאַר, פון גליק און ריזיקע, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט. עפּעס האָט געדאַרפט פּאַסירן, דאַכט זיך, אַז אַפילע די לופט האָט געפּלאַטערט פון אָנשטרענגונג אַרום פרידקעס קאָפּ. וואָס זשע איז דאָס פאַרט? וואָס וועט פאַרקומען? דער הימל וועט זיך איבערקערן אָף דעם שטילן סטעפּ? בליצן וועלן צעשנײַדן אָט די פרידלעכע ראַכוועסן? אַ שטורעם? אַ מאַבל? וואָס? וואָס?

„ס׳איז רו, די זאַטקייט ניט פאַר מיר...״ — האָט אַ זונג געטאָן אָדער אַ שאָרך געטאָן ערגעץ אין קאַמיש.

„אָך, אַזוי גאָר! — האָט פרידקע געענטפערט דעם קאַמיש. — פאַרלאָזט די היים, פאַרמאַכט די טיר, ס׳איז רו, די זאַטקייט ניט פאַר מיר... יאָ, קלאָר... אָבער ווער איז דאָס — איך? בוכשטעבלעך — איך? אַ מאָשל... אָן מיר באַם טיש... יאָ, יאָ! נו, איז וואָס?..״

זי האָט איבערגעלאָזט דעם בידאָן אַפן זאַמד, זיך אומגעקערט אין לאַגער, אָן רויש אָנגעטאַפּט אין דער קעשענע פונעם רוקזאַק די טוריסטישע קאַרטע, דעם בלײַער. זי האָט זיך אויסגעצויגן אָף דער וואָרעמער ערד לעבן דעם שײַטער, אַ בלאָז געטאָן אָף אַ טליִענדיקער קויל. דאָס לײַכטע אַש האָט זיך צעוויט, פרידקעס פּנים האָט זיך עטוואָס באַלויכטן באַ די סאַמע אויגן. אָף דער לינקער זײַט פון דער קאַרטע האָט זי אָנגעהויבן שרײַבן מיט גרויסע

אויסיִעס, קימאַט ניט אָפּשטעלנדיק זיך, שורעס, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן, ווי אָן איר אַנטייל. הינטערן קורגאַן האָט, פון ראַכמאַנעס צו אַלעמען, ווער עס האָט פאַרלאָזט די וואַרעמע היים, א לאַנגן און אומעטיקן זיפץ געטאָן דאָס געפּענטעטע פערד. אין דער פּאַלאַטקע האָט מען זיך געוונמען רירן: רײַע כריסטינאַוווע האָט, אַפּאַנעס, געוונמען וועקן שוריקן צו דער דעזשורסטוווע.

„אַף דער פאָן מײַנער — לויטערקײַט!" — האָט זיך אונטערגעצײַלט פרידקע, און עמעצער א סוידעספּולער האָט, ווי פרײַער, געבלאַנדזשעט אין סטעפּ מיט א לאַמטערן, ניט דערנעענטערנדיק זיך און ניט דערווײַטערנדיק זיך...

פון דער פּאַלאַטקע איז, געגעצנדיק און בורטשענדיק עפּעס, אַרויסגעקראָכן שוריק. פרידקע האָט געהערט, ווי ער טוט אָן די קעדעס, ווי ער טרינקט פונעם עמער, גלײַכט אויס די ביינער. וואָס פאַר א פּרעכטיקע יאַטן זיי זײַנען פּאַרטן!.. אוי, ווי זי האָט זיי ליב אין אָט דער מינוט!.. ווען מע וואָלט געקאָנט קיינמאָל מיט זיי זיך ניט צעשיידן!..

— צוציק, ווילסט זיך ניט אויסבאָדן?

— און דאָס וואַסער איז ניט קאַלט?

— ניין. אָט וועל איך נעמען פאַר דיר א האַנטעך.

— און פאַר זיך? נעם פאַר זיך אויך.

— דו ביסט איינגאַנצן ניט געשלאָפן?

— ניין.

— איך האָב אויך ניט געוואָלט שלאָפן, אָבער פּלוצעם האָט מיך אײַנגעוויגט... האָסט זיך ניט באַליידיקט אַף מיר?

— ניין.

— אָט אהער, דאָ איז זאַמד... קוק ניט, איך וועל זיך אויסטאָן.

— סײַוויסײַ זע איך גאָרניט... איך קוק ניט.

שטיינער

בא אים אליין איז געווען א נעשאָמע פון א קינד, נאָר פרידקען האָט ער גערופן „קונדעס". ער האָט פאַרמאָגט צאַרטנדיק-לײַדנדיקע אויגן פון א סאַטיריקער, נאָר ווען ער פלעגט א שמייכל טאָן, האָט מען געזען, אַז דאָס האַרץ איז בא אים א גאָלדנס. ער איז געווען גוט סײַ צו מענטשן, סײַ צו באַלעכאַיִם, סײַ צו געוויקסן. ער האָט ליב געהאַט וואַנדערן צופוס, און איינמאָל האָט ער מיט פרידקען דורכגעמאַכט דעם וועג פון קראַסנאָדאַר ביזן אַזאָווער יאַם. אַף דער דאַמבע איבערן טײַך קובאַן האָט ער געלייענט פרידקען אַף אויסווייניק „שיר השירים". פאַרבײַ האָבן זיך געטראָגן לאַסט-אויטאָמאָבילן פון קראַסנאָדאַר אַף מעמריוק, די שאָפערן האָבן זיך לעבן זיי אָפּגעשטעלט, אײַנגעלאַדן אין קוזאָוו, נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט און אַזוי דערגאַנגען ביזן יאַם צופוס. דערנאָך האָט ער זיך אַרײַנגעטאָן אין שטיינער, און זיי זײַנען מיט פרידקען געפאָרן אין מיטל-אַזיע אַף די קופּער-אויסגראָבונגען. אַפּן סאַמע דעק פונעם קאַריער, אין וועלכן זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט דורך ספּיראַלע טרעפּ, בעקיוון אויך צופוס, כאָטש מע האָט געקאָנט צופאָרן מיט די סאַמאָסוואַלן, האָט ער איר געלייענט אַף אויסווייניק גאַנצע שטיקער פון דער ביבל.

אין הארבסט האָבן זיי אין זײַן אַטעליע פאַנאַנדערגעקליבן די געבראַכטע שטיינער, באַשטימט דעם מין און נאָמען פון יעדן מוסטער לויט פּערסמאַנס האַנט-ביכער, געלאָפן אין מינעראַלאָגישן מוזיי, צונויפגעשטעלט קאָלעקציעס. ער האָט גערעדט וועגן ווײַטע לענדער, צו וועלכע עס ציט אים, און וואָס פאַרא בילדער ער וואָלט דאָרטן געקאָנט אָנמאָלן. פרידקע האָט אָנגעשריבן א ליד — „שטיינער אין מײַן שטוב":

מע האָט מיר געזאָגט:

— „דו האָסט ליב שטיינער?

דו זוכסט שטיינער?

אין שטוב דײַנער ברענגסטו שטיינער?"

איך האָב געענטפערט:

— „איך האָב ליב שטיינער!

און אהיים וועל איך ברענגען קאַלירטע שטיינער!"

מע האָט מיר געזאָגט:

— „און אין סימאַנים גלייבסטו?
שטיינער אין שטוב — איז א שרעקלעכער סימען!”
איך האָב געענטפערט:
— „איך ווייס די סימאַנים!
קיין סודעס מע קאָן ניט פארבאָטן!”
מע האָט מיר געזאָגט:
— „וועסט ניט געניסן פון ליבע! וועסט האָבן א שווארציאָר!”
איך האָב געענטפערט:
— „טוט א קוק אף אָט דעם דורכזיכטיקן שטיין —
מיט אים קומט האצלאָכע צו גיין.
און אָט דער ראָזעווער, מיט פעדעם-געפלעכט:
טירן און וועגן, קאַיאָרן און נעכט.
און אָט די גרינע קריסטאַלן —
פול מיט האָפענונג באָקאַלן!
און פריינטשאפט קעסיידער!
און פרעכטיקע קליידער!
דאָס טעלערל פון הימל, א זעגל אין אָקעאַן
וועט מיר ברענגען אָט דער רויטער, וואָס איז בא מיר פאראַן!”
איך האָב געזאָגט:
— „אָט דער בלויער מיט שפרענקלעך
וועט א זון מיר שענקען!”
זיי האָבן געזאָגט:
— „דו האָסט ליב שטיינער,
דו האלטסט אין איין טראָגן אין שטוב דיינע שטיינער.
און צי ווייסטו,
וויפל פלאָגן
פאר דיין פאָלק מע גרייט?
ס׳וועט ניט האָבן קיין פרייהייט, ס׳וועט ניט האָבן קיין פרייד!”
איך האָב געענטפערט:
— „יאָ!
איך האָב ליב שטיינער!
יאָ, יאָ, יאָ!
איך זוך שטיינער!
און ברענגען איך וועל זיי צו מיר
אָן א שיר —
פרעכטיקע שטיינער! אָ, שטיינער! אָ, שטיינער!
און פון מיין פאָלק אלע פלאָגן
וועט מיין גליק פארזאָגן!”
זיי האָבן געזאָגט:
— „מיר האָבן דיך געוואָרנט!”
איך האָב געענטפערט:
— „נישקאָשע!”
זיי האָבן געזאָגט:
— „ביסט אַן איינגעשפארטע!”
איך האָב געענטפערט:
— אָט אין דעם גייט עס!

פון אלע אייגענע איז בא אים פארבליבן בלויז א זיידע, א ניינציקיאָריקער, שוין זייער אַן אומבאהאָלפענער, און מער קיינער ניט. אָבער אומעטום האָט ער געהאַט א סאך פריינט — ווולקאַנאָלאָגן אף קאַמטשאַטקע, געאָלאָגן אין יאַקוטיע, קינסטלער אין סאַמאַרקאַנד. אלע טאָג פלעגט דער זיידע פארגעבן פרידקען איין און די זעלבע פראַגע:
— פונוואַנען זיינט איר?
און אלעמאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ, דערוויסנדיק זיך, אז זי איז פון אָדעס, — ווי ער וואָלט געזאָגט: אזוי טאָקע האָב איך געמיינט.

דעם זיידן איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. „נאָכן זיידנס טויט וועל איך אוועקפאָרן", — האָט ער געזאָגט פרידקען. פרידקע האָט באַוויזנט זײַן קינפּטיקן אוועקפאָר. איינמאָל האָט זי, פילנדיק, אַז זי וועט ניט אויסהאַלטן די צעשיידונג, צוגעטראַכט, אַז מע דאַרף באַצײַטנס מיט אים זיך צעקריגן, און טאָן עס אַזוי, ער זאָל זי באַליידיקן — דעמלט וועט איר שוין ניט אַרן, צי ער פאָרט, צי ניט... זי האָט גוט געוווּסט, ווען עס קומט אָף אים אָן אַ מין אַכזאָריעס, און אַט אין אַזאַ מאָמענט האָט זי גענומען אים טאָן אין דער גאַל אַרײַן. איז ער פּלוצעם ווי געפּלעפּט געוואָרן, זיך שיר ניט פאַרכלינעט מיט קאַס פון איר כוצפּע. ער האָט זי אַרויסגעטריבן, און ווען זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, האָט ער איר נאָכגעוואָרפן אָף די טרעפּ דאָס פאַרגעסענע טאַשל...

שפּעטער האָט פרידקע געהערט, אַז זײַן זיידע איז טאַקע געשטאָרבן, אַז עס איז געווען אַ לעוויע. דערנאָך האָט ער, אַפּאַנעם, זיך גענייסעקט מיט שטעלן אַ מאַצייווע. זי איז אומיסטן געגאַנגען אָף דער לעצטער אויסשטעלונג און זיך איבערצײַגט, אַז זײַנע בילדער זײַנען דאָרט ניטאָ. דערנאָך איז צו איר דערגאַנגען, אַז ער האָט גענומען עפּעס זייער אַ גרויסע, אָף יאָרנלאַנג, באַשטעלונג.

אַמאָל, ווען זי הערט גאָרניט וועגן אים, קלינגט זי אים אין טעלעפאָן.

— אַל־לאָ! — זאָגט ער מיט אַ טאָן פון אַ זייער פאַרנומענעם מענטשן, און די אומגליקלעכע פרידקע זיפצט לײַכט אָפּ און לייגט אוועק דאָס טרײַבל.

אַ געשיכטע מיט אַ ביבל און מיט אַ שרײַב־מאַשינקע

פרידקע האָט זייער ליב די אַדעסער טאָלקוטשקע. באַ די טוירערן, אין שאָטן פון צאַנקנדיקע אַקאַציעס, פאַרקויפט מען שטענדיק געקאָכטע קראַבן. זי נעמט אַ פּאָר פון די סאַמע בעסטע, לייגט זיי אַרײַן אין טאַשל און לאָזט זיך אוועק, אָפּבערעכנדיק די קליעשטשעס אין סאַמע מיט פּונעם האַמוין. זי האָט שוין דאָ אירע אייגענע אָריענטירן — צוויי זילבערדיקע טורעמס פון דער הויכוואָלטיקער עלעקטראָ־ליניע: אייגער אָפּן מײַרעוודיקן, דער צווייטער — אָפּן מיזרעכדיקן ראַנד פּונעם אָנגעשפּיקעוועטן מיט מענטשן פּלאַץ. ביז האַלבן טאָג — און נאָך מיטיק צעגייט זיך די טאָלקוטשקע — זעט מען דעם מײַרעוודיקן טורעם פון דער באַלויכטענער זײַט און דעם מיזרעכדיקן — פון דער באַשאָטנטער. אין דעם שאָטן גייט ניט פרידקע. דאָרט קאָכט זיך אינעם טשאַד פון אומגעהערטע פּרײַזן אַ שווער טייגעכץ פון איבערגעשפּיצטן ענטוזיאַזם אַרום לאַקירטע שטיוועלעך, ניילאָנענע העמדער, קאַלערליי זאַכן פון מעייווער לאַיאָם — קרעמפּלינענע שטאָפן און אויסטערלישע דזשינסן... אונטער דעם זוניקן טורעם זעט מען די ערד, די פּענעמער. אָן שטופּעניש און אַזאַרט. דאָ האַנדלט מען מיט קאַלערליי אַנטיקוואַרע קליייניקײַטן, מיט פיגלען, פּישעלעך, סיאַמער קעץ, מיט ביכער, נאָטן, שפּילעכלעך. האַרט באַ דעם טורעם הענגט מען אַרויס ווערק פון דער מאַרק־קונסט. ביז איצטער קאָן מען דאָ זען אַפילו טעפּיכלעך מיט שוואַנען און פּאַנטאַנען.

— פּוילע סכוירע, פרעמדע קונסט, געבראַכט פון די אויסלאַנדס, — שעפּטשעט צו פרידקען אַ דאַמע, טײַטלענדיק מיטן פינגער אָף די שוואַנען. די ראַמע האָט זיך איר סכוירע: אַ בילד „הערמאַן אינעם שלאָף־צימער פון דער גראַפינעי" אין אַ באַגעטן־ראַם. דאָס בילד איז, אַפּאַנעם, געמאַכט פון שטיקלעך שטאָף און סטרוזשקעס.

— אַדעס האָט ליב זײַן אָפּערע־טעאַטער און באַהאַלט פון קיינעם ניט אויס די ליבע! — שרײַט נאָך די דאַמע פרידקען, פאַרשטייענדיק, אַז יענע וועט דאָס בילד ניט קויפן.

אונטן באַ דעם טורעם זײַנען צוגעשפּאַרט בילדער, אויסגעקריצטע אָף מעש: זעגל־שיפן פון אַלע צײַטן און אַלע פעלקער, — אַדעס האָט ליב יאַם־געשיכטעס און באַהאַלט פון קיינעם ניט אויס די ליבע.

פון איין טורעם צו דעם צווייטן שטראָמט אין פינף מעטטיקע רייען אַ האַמוין אַדעסיטן. זיי זײַנען אַהער געקומען פאַרברענגען דעם אָפּרו־טאָג, אין איינוועגס פאַרקויפן עפּעס אַ פאַרוואַלגערטע זאַך און צעטרענצלען אַ ביסל מינץ. אַדעס האָט ליב זײַן טאָלקוטשקע און באַהאַלט פון קיינעם ניט אויס די ליבע.

אַט זיצט אַ זאַקן מיט אַלטע כפּייצים. אַ גאַנצע וואָך קויפט ער אָפּגעניצטע זאַכן באַ מענטשן אין די הויפן, און אין די אָפּרו־טעג קומט ער אַהער. פרײַער פאַר אַלץ שפּרייט ער אויס אָף דער ערד אַן אַלטע אָפּגעריבענע צעראַטע, דערנאָך צעלייגט ער אָף איר הונדערטער זאַכענישן, אָפּגעראַטעוועטע פון די אויטיל־פּאַלאַטקעס: מעשענע און קופּערנע טרײַבלעך, בּרעקלעך בליי און צין, קאָריקעס, סאָסקעס, קרענדעלעך, פאַרזשאַווערטע שלעסער, טשוועד־

קעס, שרײַפּעלעך, כירורגישע נעדעלעך — דאָס אַלץ איז סכוירע. אַ טינטער פֿון בראָנדזע, אַ ליכטל פֿון אַן אַמאָליקער ליוסטרע, אַ בראָכשטיק פֿון אַ גריכישער וואַזע, סטרונעס פֿון עפּעס אַ זעלטענעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט, אַ בוך מיטן צעטל פֿון די אַבאָנענטן פֿון דער ניו־יאָרקער טעלעפֿאָן־סטאַנציע נאָך פֿאַר דער מילכאָמע — אַלץ ליגט אויף דער צעראַטע.

פּרוּווט באַ דעם אַלטן כּפֿייצים־הענדלער אַ בעט טאָן עפּעס נייטיקס צי אומנייטיקס: לעמאָשל, אַ קאָקאַרדע פֿון אַ קלאַסישער גימנאַזיע אָדער אַ קײַלעכל פֿון אַ ניקעלירטער בעט, — וועט ער באַהאַלטן פֿון אײַך די אויגן און דערבײַ נעמען איבערלייגן זײַנע אוצרעס פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן, מאַכנדיק זיך ניט הערנדיק.

אויב אָבער איר זײַנט געקומען אַהער דאָס ערשטע מאָל און איר וועט איבערכאַזערן אײַער פֿראַגע מיקויעך דער קאָקאַרדע, וועט דער אַלטיטשקער קימאַט מיט סינע אַ קוק טאָן אויף אײַערע שיך און וועט אַ וואָרף טאָן בייזע ווערטער, אַז מיט אַ וואָך צוריק האָט ער דאָס, וואָס איר זוכט, פֿאַרקויפֿט, און דאַפּקע פֿאַר אַ טײַערער פּרײַז, און אַז ער איז לאַכלוטן ניט שולדיק, וואָס דער, וואָס האָט געקויפֿט דאָס, וואָס איר דאַרפֿט איצט אַזוי דרינגנד האָבן, איז געווען אַן אַנדערער און ניט איר. ער וועט שרײַען, נעמענדיק שוין שלײַדערן עפּעס־וואָס פֿון זײַנע זאַכן, וועלכע בראָכן זיך ניט, אַז אָט דאָס, וואָס איר דאַרפֿט האָבן, מאַכט זיך באַ אים און אַפֿילע גאַנץ אָפֿט, נאָר איר זײַנט אַ שלימאַזל און צוליב וואָס קומען פּונקט דעמלט, ווען אָט די זאַך איז צופֿעליק ניטאָ. אָבער דאָס הייסט ניט, יאָ, דאָס הייסט ניט לאַכלוטן — שרײַט ער אויף אײַך, — אַז עס איז ביכלאַל ניטאָ. אָט דאָ — איז עס בעעמעס ניטאָ. נאָר אין דער היים באַ אים איז עס דאָ — זיכער! און אויב איר, די פֿאַרשלאָפֿענע נעשאָמע, וועט קומען אַהער אין קינפֿטיקן שאַבעס, וועט ער — ווייסט איר, וואָס ער וועט מיט אײַך טאָן? ער וועט זיך סטאַרען אײַך קומען צו הילף...

אין קומענדיקן שאַבעס וועט ער אײַך גלײַך דערקענען און ווידעראַמאָל זיך אָנהייבן נערווירן, שרײַען, טײַטלען אויף אײַך מיט די פֿינגער, שפּײַען אין אײַער זײַט, שעלטנדיק דעם מענטשנס אָקשאָנעס. אין דער היים האָט ער אַלץ, וועט ער שרײַען: אַ ווײַב, אַ באַקאַנטע, אָבער אָט יענע זאַך איז ניטאָ! און ווייסט איר פֿאַרוואָס? ווײַל איר זײַנט אַ ליימענער גוילעם, אַ שלימאַזל און צו וואָס איר זאָלט זיך ניט נעמען, גייט עס אײַך מיט דער פּוטער אַראָפּ, אַפֿילע אויף אײַער נאָז איז אָנגעשריבן, אַז איר זײַנט אַ שלימאַזל!..

אונטער דעם זוניקן טורעם, ניט ווײַט פֿונעם בילד „הערמאַן אינעם שלאָף־צימער פֿון דער גראַפֿיניע", דאָרט, וווּ דער מענטשן־יאַם בייגט זיך אויס און מאַכט אַ שאַרפֿן קער צו דעם פֿאַרשאָטנטן טורעם, קעדיי זיך ווידער פֿאַרבייגן אין אַ זיגזאַג אויף צוריק, — האָט צעלייגט זײַן סכוירע אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ ריין אויסגעגאָלטער און זייער אַ באַדאַכטער. אַפֿילע פֿאַר יענע, וועלכע האָבן אויף דער טאָלקוטשקע שוין אופֿגעגעסן ניט איין פּוד זאַלץ, אין די סכוירע פֿון אָט דעם הענדלער געווען ניט פֿון די געוויינלעכע: מענטשן האָבן זיך געכידעשט, זקיינעס האָבן זיך געצייילעמט. אויף אַ רעדנע זײַנען געלעגן אַטריבוטן פֿון קלויסטער־דינסט: איקאָנעס אין זילבערנע רעמעלעך, לאַמפּאַדעס, אַ פּאַניקאַדילע, אָן אַ שיר באַגילדעטע צלאָמים, הייליקע בעכער, אַ ווײַרעך־פֿאַן, אַ קרישטאָלענער בעכער אויף אַ דרײַפּיסל, אַ טויפֿבעקן... און אַ ביבל — אין אַ לעדערנעם אײַנבונד, מיט גאָלדשניטן, בלעכלעך און שלעסער.

פֿרידקע איז נישטוימעם געוואָרן.

— וויפֿל ווילט איר פֿאַר דער ביבל? — האָט זי געפֿרעגט מיט אַ ציטערדיקן קאָל, כאָטש זי האָט גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, אַז קיינמאָל איז באַ איר ניט געווען און אויך אין גיכן וועט ניט זײַן אַזויפֿיל געלט, ביפֿראַט, אַז זי האָט זיך אויסגעבײַטלט ביזן לעצטן גראָשן אויף צו קויפֿן אַן אַלטינקע שרײַב־מאַשינקע.

דער קלויסטער־גאַנעוו האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט פֿאַראַכטונג:

— אײַך פֿאַרקויף איך גאָרניט.

פֿרידקע האָט אָפּגעמאָסטן דעם פֿרעכן סוחער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס: הערט נאָר אַ ביסל! אויף דער אָדעסער באַראַכאָלקע זאָגט מען זיך אָפּ צו פֿאַרקויפֿן אַ זאַך! אָט אַן אָפּגעריסענער טיפּעש! די האַנט אירע האָט דערבײַ מעכאַניש זיך אַ ציִ געטאָן צו דער ביבל, זי האָט אוועקגעשטעלט אויף דער ערד די מאַשינקע, זיך אוועקגעזעצט פֿאַרן פּאַליאַנט אויף די שפּיץ פֿינגער, האָט זיך צוגעריירט צו דעם שלאָס אָפֿן טאָוול. דער באַלעבאָס האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעבויגן איבער זײַן גאַנצער סכוירע און געגומען רײַסן די ביבל פֿון אירע הענט.

— וואָס איז די מײַסע? — האָט אַ פֿרעג געטאָן פֿרידקע און האָט מיט דעם פּויסט צוגעדריקט די ביבל צום טעפּיכל. דער הענדלער האָט זיך אָנגעגאָסן פֿול מיט צאָרן — אָפּאָנעם

דערפאַר, וואָס ער איז געשטאַנען אין אַן אומבאַקוועמער פּאָזע, צי ווײַל די קרישטאָלענע וואַזע האָט געשטערט, ער זאָל טאָן אַן אַנטשיידענעם שפּרונג. און ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס אַלץ וואָלט זיך פאַרענדיקט, ווען ניט עפּעס אַ באַקאַנט קאָל הינטער איר פּלייצע:

— אַ בולגאַרישער סוויטער! אַ מאַנטל אַף פאַראַלאָן! איך פאַר אַוועק, פאַרקויף איך אַלץ בעכאָצי־כינעם!

„אָט באַ וועמען מע קאָן נעמען געלט אַף קויפן די ביבל", — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אָפּגעלאָזט דעם פּאָליאַנט און אַ געשריי געטאָן צום הענדלער:

— באַלד וועל איך זיך אומקערן! — אַ כאַפּ געטאָן די מאַשינקע און זיך געלאָזט נאָכן קאָל.

די שטראָמענדיקע מאַסע האָט זי אײַנגעשלונגען, פרידקע האָט געפּרוווט זיך דורכשטופּן אין אָט דער ברויזנדיקער כוואַליע, צוהערנדיק זיך צו די קוילעס און טאַפּנדיק מיט די אויגן די מאַנצבלשע פּנעמער. אָבער ער איז נעלעם געוואָרן.

זיי האָבן זיך צוזאַמען געלערנט אין דער אָוונט־שול און דערנאָך צוזאַמען געהאַלטן עקזאַמענעס אין אינסטיטוט. ער איז געווען פּראַכטפּול, ווי לאָרד בײַראָן, אָדער אַפילע פּרעכטיקער פון אים. די צעשפּרייטע ברעמען האָבן אים צוגעגעבן דעם אָנבליק פון אַ שפּאַרבער. עס האָבן אים ניט געשאַדט ניט די קרענקלעכע בלאַסקייט, ניט די באָראָדאַווקע אַף דער ליפּ, ניט דער געבראָכענער טענאָר, וועלכער האָט לאַכלוטן ניט געפּאַסט צו זײַן היפּשער פיגור און צום לאַקירטן דזשעק פון אַ יאַם־מענטש.

אָפּאַנעם, ער פלעגט ניט דערעסן, אָדער געליטן פון עפּעס אַ מאָגן־קראַנקייט. לערנען זיך איז אים געווען זייער שווער, דערפאַר, ווײַזט אויס, פלעגט ער שטענדיק אַף די לימודים שווײַגן. אָבער נאָר באַ אים האָט מען געקאָנט אַנטלײַען אַ ביסל געלט צי צעבײַטן אַ צע־נערל. לײַען פלעגט ער באַדאַכט, לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט זאָגן: „אָט, איך האָב אַ מעגלעכקייט דיר לײַען, דו אָבער מיר — ניט!" עפּשער טאַקע איבער אָט די האַלוואָעס און בײַטענישן האָט ער געהונגערט... ער האָט קיינמאָל ניט דערמאָנט וועגן דעם כויוו, ווען ס'איז געקומען די צײַט אָפּצוגעבן, אַפילע געסטאַרעט זיך ניט צו קוקן אין די אויגן, אויסמײַדן באַגעגענישן מיט דעם, וואָס האָט באַ אים אַנטליִען. נאָר דאָס געזיכט זײַנס איז געוואָרן אין אַזעלכע פאַלן נאָך מער כוישעכדיקער, ער האָט אויפגעהערט אינגאַנצן צו ריידן, און וועגן אַ שמייכל טאָן איז שוין אָפּגערעדט. די מוירע, אַז עמעצער קאָן אים מיט דער אומבאַפליכטלעכקייט דערנידעריקן, פלעגט ווי מעגולגל ווערן אין אַ הויקער אַף דער פּלייצע. אַז מע פלעגט אָפּגעבן דעם כויוו, האָט ער געזאָגט: אַ דאַנק! — און די פּלייצע פלעגט אָנווערן דעם הויקער.

אָנגעקומען זיך לערנען אין דער אָוונט־שול, האָט פרידקע, געוויינלעך, גלײַך זיך אײַנגעליבט אין אים. לעבן אים אַף דער פּאַרטע איז געווען אַ פרײַ אָרט, און פרידקע האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ געשאַנק פון גאָט.

— פאַרוואָס ביסטו אין דער אָוונט־שול? — האָט ער זי געפרעגט. — עס פעלט דיר אויס צום לעבן?

פרידקע האָט אים גלײַך דערציילט, אַז אין איר נאָרמאַלן נײַנטן קלאַס האָט די שלאַנג סאָנקע גאָראָכאָווסקאַיאַ זי אונטערגערעדט אָפּצושנײַדן די צעפּ, וועלכע זײַנען איר נימעס געוואָרן, און זיך מאַכן אַ כעמישע פריזור. סאָנקע איז, פונעם קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, געווען גערעכט, נאָר פרידקעס אופּטו איז ספּעציעל באַהאַנדלט געוואָרן אַף אַ זיצונג פונעם פּעדאַגאָגישן ראַט. פרידקע האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, זי האָט געהאַלטן, אַז דאָס, וואָס זי האָט זיך אונטערגעשוירן, ווי אַ ייִנגל, פּאַסט איר, — זעסט, עס איז דען ניט אַזוי? — און זי האָט געוואָרפן די שול. איצטער איז זי אַ ניאַניע אינעם קינדער־גאָרטן, ווו זי האָט אַמאָל זיך אליין דערצויגן.

— ווי רופט מען דיך? — האָט ער געפרעגט, און זי האָט אים גלײַך אויסגעלייגט אַלע אירע צונעמענישן פון דער שול: צוציק, טשיזשיק, פּריקאַדעלקע. ער האָט זיך אַ קרים געטאָן מיט דער באָראָדאַווקע אַף דער אייבערשטער ליפּ און האָט גענומען הערן, וואָס דער לערער פון טריגאָנאָמעטריע דערקלערט.

אַ גאַנצער אָרקעסטער האָט געבושעוועט באַ איר אין האַרצן. עס האָט געדאַרפט פאַר־גיין אַ גאַנצער כוידעש, זי זאָל זיך איבערצײַגן, אַז זי האָט אים שוין ניט ליב.

ער אָבער האָט זי פּאָשעט ניט געקאָנט פאַרטראָגן. גיכער פאַר אַלץ דערפאַר, ווײַל זי האָט מיט איר ליבע אים געשטערט זיך לערנען, און אים האָט דאָך זייער טײַער געקאָסט דאָס לערנען. אָדער — ווײַל דער גאַנצער קלאַס, וועלכער איז באַשטאַנען פון פּאָרט־אַרבע־טער, מײַסטערס פון דער שוך־פאַבריק, מאַטאָריסטקעס פון דער ניי־פאַבריק, קאַדראָווע אָפּי־צערן, יאַמלײַט, מענטשן, וועלכע זײַנען אַף אַ סאַך עלטער געווען פון פרידקען, האָבן זי

ליב באקומען און געבאלעוועט — פאר איר קינדערישער שטיפערישקייט, פאר דער שול־פארמע מיטן פארטעך, פארן מאטעמאטישן קאפ, פאר דער גרייטקייט זיך איינליבן אין יעדערן פון זיי, ווי גלייך זיי וואלטן געווען אין איין עלטער מיט איר, פארן שארפן צינגל און מילדן כאראקטער — אייגנשאפטן, וועלכע זיינען אין אדעס געשעצט און געאכטעט. מע האט זי פארבעטן צוגאסט, באקאנט זי מיט די מישפאכעס, געפירט, אנטלויפנדיק פון די לימודים, אין רעסטאראן, באגלייט נאך די לימודים אהיים ביז דער שטוב.

אים האט קיינער ניט גערופן צוציק, קיינער האט אף אים ניט געווארט נאך די לימודים. ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן, האט דאס ארט לעבן אים אף דער פארטע געווארט אף פרידקען, ניט בעקיוון, נאר עס איז פאשעט געווען פריי. ארום אים איז שטענדיק געווען א פוסטקייט...

אינעם אינסטיטוט, בייס די אריינטרעט־עקזאמענעס אף כעמיע, האט ער זיך צוגעזעצט צו פרידקעס טיש, און זי האט באלד, שמייכלענדיק צו אים, געגעבעטן איר אונטערזאגן עפעס א קליינינקייט, וואס איז איר ארויס פון קאפ פונקט אין דער רעגע, ווען זי האט געדארפט גיין צום עקזאמענאטאר. נאר ער האט א שאקל געטאן מיטן קאפ אף ניין און מיט די אויגן איר געוויזן, אז אונטערזאגן איז ניט גוט, ווייל דעם אונטערזאגער וועט מען שניידן דעם באל, און דער קאנקורס איז א גרויסער, און זיי זיינען מיט פרידקען קאנקורענטן.

אך, ווי ער האט זיך דערמיט באנאריִשט! אין א מינוט ארום, איבערלייענענדיק זיין בילעט, איז ער בלייך געווארן, אזוי שטארק, ווי ער האט נאר געקענט. און, א קוק טוענדיק אף פרידקען מיט צערודערטע, נאך מער שענער געווארענע אויגן, האט ער מיט א לייכטער באוועגונג פון דער האנט אונטערגערוקט איר אף דער באנק א צעטעלע. פרידקע האט קאנספיראטיוו א קאסע געטאן די אויגן. מיט גרויסע אויסיעס, ס׳זאל באקוועמער זיין צו לייענען אף א מעהאלעך, איז אין צעטעלע געווען אנגעשריבן: „איך בעט ראכמים!!! סכ. ז־ד שוו. ז־ף!!!” — ער האט געדארפט האבן די סכעמע פון א זאוואד, וואס ארבעט אויס שוועבל־זויערשטאף, ניט מער און ניט וויניקער.

פרידקע האט אפילע ניט אנגעשטרענגט דעם זיקארן. זי האט אף אים א ווארף געטאן איר ברענענדיקן כויזעק־בליק, פאשעט זיך פארכלינעט מיטן געפיל פון נעקאמע, וואס זי האט נאך קיינמאל ניט געהאט, און האט אפילע זיך ניט צוגערוקט צום צעטעלע — ניט צוגערוקט זיך, ניט אפגערוקט זיך, עס איז אזוי געבליבן ליגן קאסע צווישן זיי.

פארשטענדלעך, אפן עקזאמען איז ער דורכגעפאלן.

— א בולגארישער סוויטער! א מאנטל אף פאראלאן! איך פאר אוועק! בעכאצי־כינעם! — האט ער געשריגן, ווען פרידקע האט אים דערזען א דריי שפאן פון זיך. עמעצער האט גע־נומען טאפן דעם בולגארישן סוויטער.

ער האט זיך אף קיין האר ניט געענדערט, דער קראסאוועץ: דער זעלבער אומעט אין די אויגן, אפילע דאס היטל מיטן לאקירטן דאשעק איז געווען דאס זעלבע. פרידקע האט גענומען זיך דורכשלאגן צו אים דורך אט די דריי שפאן, קעדיי זיך דורכשמועסן וועגן די כאוויירים פון די יארן אין דער אוונט־שול, זיך דערוויסן, ווּהין ער קלייבט זיך עס אוועק־פארן, און אין איינוועגס אנטליי׳ען בא אים געלט אף צו קויפן די ביבל.

איר איז זייער שווער געווען זיך שטופן מיט דער מאשינקע צווישן די פלייצעס און אקסלען. אט די מאשינקע האט זי צופעליק דערזען צווישן א קופע ברוכווארג — דער שווארצינקער אויצער האט א שמייכל געטאן צו איר מיט אלע קלאווישן, און זי האט פארשטאנען שוין פונעם ערשטן בליק, אז זיי זיינען פונקט ווי געבוירן איינע פאר דער אנדערער און וועלן שוין קיינמאל זיך ניט צעשיידן. אויסגעדונגען האט זי דעם אויצער פאר א גאנץ ביליקער פרייז, אבער ווען זי האט זיך צעצאלט, איז זי געבליבן אן א גראשן. דער מעכאניזם פון די אינטערוואלן איז בא דער מאשינקע געווען צעבראכן, און פרידקע האט זיך דערפרייט מיט דער מעגלעכקייט עפעס אין איר פאריכטן מיט די אייגענע הענט. קיין פוטליאר האט די מאשינקע ניט געהאט, האט מען זי געדארפט טראגן צוגעטוליעט צו דער ברוסט, ווי א קינד.

ער האט זיך ניט פארכידעשט, ניט געווארן געריִרט, זיך ניט דערפרייט, נאר אויך זיך ניט געערגערט. ער האט אפילע זיך ניט באגריסט. ער האט באטראכט פרידקען פון קאפ ביז די פיס, אפשאצנדיק, אזוי צו זאגן, איר מאטעריעלע ווערט בא הייַנטיקן טאג. אף א רעגע האט פרידקע זיך פארשעמט פאר איר אפגעטראגן רעקל און פאר די אייביקע דזשינסן, איר איז געווען א שאד, וואס זי האט זיך ניט באוויזן אף דער באראכאלקע אינעם בלויען קאסטיום.

ער האט אויסגעווארט, ביז דער מעגלעכער קונע האט גוט אויסגעטאפט די סכוירע און זי אים אומגעקערט.

— דו פאַרקויפסט... אויך? — האָט ער געפרעגט, אָנווײַזנדיק אַף דער מאַשינקע.

ער האָט געפרעגט, און אַף זײַן בעגימעסדיק געזיכט האָט מען געקאָנט איבערלייענען אומצופרידנקײַט. ווײַזט אויס, אַף אַזאַ באַגעגעניש און אין אַזאַ אָרט האָט ער זיך פונדעסט־וועגן ניט געריכט.

— ניין! — האָט פרידקע אויסגעשריִען — ניין, איך האָב זי געקויפט!

און דאָ, אפּאָנעם, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז אין קומענדיקן זומער וועט פרידקע נאָכאַמאָל קומען אהער, קעדיי זיך א דריי טאָן צווישן די אָדעסיטן, און ווו ער וועט דעמלט זײַן, האָט ער טרעפן ניט געקאָנט. פון אָט די געדאַנקען — פונעם אומרו און פון די מאַטער־נישן, איז ער נאָך בלאסער געוואָרן, דערנאָך א קוק געטאָן אַף איר מיט עקל און ראַכמאָנעס, זיך אָפּגעקערט, אַנטרונען געוואָרן אין דער מאַסע מענטשן, און פרידקע האָט בלויז באַוויזן צו באַמערקן, אַז עס האָט זיך אופגעבלאָזן, ווי א הויקער, דאָס מאַנטל אַף זײַנע אַקסל. זי האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען, נאָר געוואָרן צערודערט און אוועקגעײַלט נאָך אים. זי וואָלט אים עפשער ניט דעריאָגט, ווען שוין בא די סאַמע טויערן, בישכיינעס מיט די זינג־פויגלען און אקוואַריִומען, וואָלט עמעצער אים ניט א כאַפּ געטאָן באַם סוויטער — דאָס מאַנטל אַף פּאַראַלאָן האָט קיין דערפאָלג ניט געהאַט.

— ווארט נאָר! — האָט פרידקע זיך א וואָרף געטאָן צו אים. — עפשער בייטיקסטו זיך אין הילף, אַ! איך האָב א סאַך פרײַנט, אָן א שיר באַקאַנטע!..

ער האָט נאָכאַמאָל זיך ניט פאַרוווּנדערט, דערזעענדיק זי, נאָר א בויער געטאָן מיט זײַנע שיינע אויגן אירע שווארצאפּלען, און פרידקע האָט פאַרשטאַנען, אַז לויט אָט דער דורכנעמענדיקער קעלט, וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן פון זײַנע אויגן צו איר אונטערן דיך, איז ער פּעיִק זי צעמיימעסן אפן אָרט.

און זי איז אָפּגעטראָטן, זי האָט זיך אָפּגעקערט צו די שטײַגן מיט די פייגעלעך און האָט שוין ניט געזען, וויִאַזוי און וווהין ער איז אוועקגעגאַנגען...

— קיין בלויערל דאַרף מען ניט קויפן, — האָט מיט איר פאַרפירט א שמועס אויך אַזאַ זאָקן, ווי דער, וואָס פאַרקויפט אַלטע כפייצים, און, ווײַזט אויס, א פאַרברענטער ליבהאָבער פון פּאַפּוגײַען. ער האָט באַשלאָסן, אַז פרידקע שלאָגט זיך מיט דער דייע, וואָס פאַר א פייגעלע צו קויפן. — איך בין א זיידע, און שלעכטס וועל איך אײַך ניט אייצענען. א בלויערל דאַרף האָבן וואָס? ערשטנס, אויבס, צווייטנס, פּעטס, בלויז מיט הירזש וועט איר עס ניט האָדעווען. איז וואָס, וועט האַלטן פאַרן פייגעלע א קאַבאַן? דאַרפט איר האָבן א שטאַל, איר דאַרפט האָבן הני. ניין, איך אייצע ניט. א פּאַפּוגײַ — אָט דאָס איז שוין אַן אַנדער זאַך. פאַרוואָס? וועל איך אײַך באַלד ענטפערן. איך זאָג אים: באָסיאַק! ענטפערט ער מיר: ביסט אַליין א באָסיאַק! איז דאָס אײַך ווייניק? גוט. ער האָט זיך אויסגעלערנט רעדן ניוולפּע — אַנטשולדיקט, ניט איך האָב אים געלערנט. ער איז א פּעיִקער. עפשער האָט ער זיך פון די שפּערלעך אויסגעלערנט, און עפשער האָט ער אין ראַדיִאָ געהערט. א קאַנאַרייקע? אייצע איך ניט. פאַרוואָס? וועל איך אײַך באַלד ענטפערן. לאָמיר זאָגן, אַז לויטן ראַציִאָן קומט איר צוויי און צוואַנציק קערנער, און איר האָט זיך פאַרקלערט — מאַלע־וואָס עס קומט אין קאָפּ אַרײַן! — און איר האָט א טאָעס געהאַט, פיר און צוואַנציק איר געגעבן. און שוין — ניטאָ דאָס פייגעלע. א פּאַפּוגײַ איז לוינבאַרער. פאַרוואָס? וועל איך אײַך באַלד געבן צו פאַרשטיין...

אָדעסער טאָלקוטשקע! זי האָט א שעם אַף דער גאַנצער וועלט — און ניט אומזיסט. ווער עס איז כאָטש איין מאָל אָט דאָ געווען, וועט ניט פאַרגעסן די אַזאַרטנע שטופּעניש, דעם שאַרפזיניקן שווינדל, די כאָכמאַטשעס און די טשודאַקעס. איר פאַליטרע איז א קאָמפּליצירטע און א ברויזנדיקע, איר טומלדיקער אָרקעסטער איז בונט, דער אָרנאַמענט פון די צווישנ־באַציִונגען פון אירע קליִענטן איז פאַרפּלאָנטערט. טויזנטער אַנעקדאָטן, געזעענע און געהערטע, קאָן מען איבערדערציילן. נאָר דעמלט וועט אינעם יאַם פון וויצן און שפּאַסן זיך פאַרלירן דאָס קליינינק שיפעלע — א געשיכטע וועגן אַן אומגעלומפּערטער באַגעגעניש פון צוויי שול־כאַוויירים, וועגן א שמייכלענדיקער שרײַב־מאַשינקע און א ניט געקויפטער ביבל...

ייִדיש — ב. קאָוויטש

איוואן ריאדטשענקא

מײַן צוואנציקסטער יאָרהונדערט

אזא דו ביסט,
מײַן צוואנציקסטער יאָרהונדערט!
ווי פּולווער, ביסט געפערלעך —
הייס און שארף.
מיט אטאָם־קראפט, וואָס האָט די וועלט
באוווּנדערט...

אין דיר איך וויל
ניט לעבן אָפּגעזונדערט:
איך דארף בלויז דיך,
קיין אנדערן כ׳באדארף.

דאָס לעבן ניט געווען איז קיין גאנײדן,
נאָר אָט — דערגרייכט ביז שטערן פון דער ערד.
דו גייסט איבער די ראכוועסן גערעמע,
פון כאשכעס רײַסטו אויס
דער וועלטס געביין.
און מיט דער שווארצער אפריקע צוזאמען
די קייטן דו צעשמעטערסט אף א שטיין.
מײַן צוואנציקסטער יאָרהונדערט, היילכסט
און טראסקעסט,

שרעק — און א שיר,

מיר טײלן צווישן זיך סײַ פרייד, סײַ ליידן,
רו און געוויטער,
זון און קעלט — פאר ביידן,
דעם רוף פון פרויען־ליפּן,
גליק פון נעכט...

און זייער קארג אף לאסקע.
כ׳בין אָפּגעבן מײַן לעבן גרייט פאר דיר.
שוין צײַט, דו זאָלסט אראָפּנעמען די קאסקע —
פאר טויבן ברויט ארײַנברעקלען אין איר...

איזמאַיל גאַרדאַן

נאָך א שלאַכט בא דער אָזערע באלאטאָן

לעם באלאטאָן כ׳בין אף דער וועלט־מאפּע געלעגן,
אין שול־צימער אף פּײַכטן דיל. א רעגן
געשמיסן האָט אין אויסגעזעצטע שויבן.
די פינצטערניש פארקלעפּט האָט מיר די אויגן,
און ס׳האָט אין מיר געברומט די לעצטע שלאכט,
זיך אויסגעמישט מיט שוידער פון דער נאכט...
כ׳האָב זיך דערוואַרעמען געוואָלט אפן עקוואַטאָר,
אוועקלייגן די הענט אף גאָנאָלולו
און הערן, ווי פון הארץ דעם ווייטעקפולן
טרעט אָפּ דער האס מיט יעדן נײַעם פלאטער,

און גוטסקײַט גייט אַרײַן אין נערוו אין לינדסטן —
אָן וואָרענונג און אָן א שאָס א מינדסטן...

די מענטשן שלאָפֿן, אויך אין צאַר פֿאַרגעסן,
כאָטש ניט געגאָלטע, אָן א ברעקל עסן,
און — אויסגעצויגן יעדער אַף זײַן פּאַרטע —
אין שלאָף כאָלוימעס זעען זיי בלויז צאַרטע:
אָן אייגן שטעגל, אייגן פעלד און וואַלד —
ווײַל זען איז נימעס זיי שוין לאַנג געוואָרן
בלויז דורך דער אַמבראַזור דעם הימל קלאָרן
און דורך א רער — די שקיע, ווען זי פאַלט...

לעם באַלאַטאָן כ'בין אַף דער וועלט-מאַפּע געשלאָפן,
און טײַכן זײַנען אין מײַן האַנט געלאָפן,
און ס'איז געוועזן מיר ווויל אַזוי, צום האַרצן,
זיך צוטוליען צום יאַם מײַנעם דעם שוואַרצן —
איך האָב דערפילט מיט פינגער מײַנע מאַמעש,
ווי ער געצערטלט האָט מיך צאַרט און יאַמיש.
א בלענד געטאָן האָט בוילעט אין שוואַרצאַפּל
פון סקומבריעס דער לעבעדיקער צאַפּל,
געזעגן כ'האָב, דוכט זיך, מײַן מערידיאַן
אַף קאַוועגעס אין צײַטיקן באַשטאַן...
און ס'האָט די זון געליכטן ריין און רויט,
ניט ווייסנדיק פון אופרײַסן און טויט.

פאַרשוווּנדן זײַנען פאַרטעס, טירן, ווענט —
געגלעט איך האָב די זון מיט מײַנע הענט.

אלעקסאנדער אוואָראָוו

די ליד פון דראָקערס

שיפן, פונקט ווי מענטשן, ווערן מיד —
רו זיי דאַרפן, און צום פאָרט זיי ציט...

פון נעסיעס ווײַטע וויפל טעג
וואַרטן מיר אַף זיי בא אונדזער ברעג.
אינעם דאָק מיר פירן זיי אַרײַן —
זאָל זיי וואַרעם און געמיטלעך זײַן.

ס'איז פאַר אונדז דער טײַערסטער געשאַנק,
ווען די יאַם-לײַט זאָגן אונדז א דאַנק,
און, געזעגנטשט מיט אונדזער מי און שוויס,
ווידער גייען זיי אַוועק אין רייס.

אין די ווײַטע יאַמען גאַנץ אַדעס
זײַ באַגלייט מיט דופּטיק-פרישן בעז:
זײַט מאַצלעך, שיפן, און צוריק
קערט זיך אום אהיים מיט פרייד און גליק!

וויטאַלי בערעזינסקי

אָדעס

אָדעס שפּיגלט אָפּ זיך אין יאַם מיט פּלאַטאַנען,
פּאַלאַצן און טורעמס, אין בלויקייט באַצירט.
באַ וועלכער נאָך שטאָט אַזאַ גליק איז
פאַראַנען —
צו שטיין פאַרן שפּיגל און זען איר געזיכט?

אָט־אָט וועט דער יאַם אירע הײַזער פאַרגיסן,
שוין פול די באַלקאָנען מיט כוואַליעס און שײַן,
די וואַסער־געוויקסן — אַף אַלע קאַרניזן,
און פיש גלײַך אין פענצטער עס שווימען אַרײַן.

אין בילד אין אומענדלעכן אייביק זיך מינען
די מאָלדאַוואַנקע. אַרקאַדיע. דיוק.
אָדעס כאַפּט זיך אויף, ווי אַ דאָרף, אין באַגינען,
די פּלעצער קלײַבט צו און די גאַסן באַקוקט.

אָט־אָט וועט דער יאַם דאָ די הײַזער פאַרגיסן,
שוין פול די באַלקאָנען מיט כוואַליעס און שײַן,
די וואַסער־געוויקסן — אַף אַלע קאַרניזן,
און פיש גלײַך אין פענצטער עס קוקן אַרײַן.

סטאַניסלאַוו סטריזשעניוק

די שוועל

ביז הײַנט צו איר כ׳בין צוגעזאָטן,
און אָפּט זי קומט אָפּן געדאַנק,
אָט יענע שוועל, וואָס אויסגעטראָטן
עס האָט מײַן טאַטע יאָרנלאַנג.

פון איר מײַן מאַמע האָט אַ שטילע
געשעפּטשעט: „גאָט זאָל זײַן מיט דיר...",
די קאַץ געוואַשן האָט אַפילע
מיט פּלײַס די לאַפּקעס בא דער טיר.

געגלייבט אין דאָרף מ׳האָט אין סימאָנים:
עס וואַשט די קאַץ זיך — וואַרט אַף געסט,
כאָטש ווילד געווען דאָס וואָלט, אַפּאָנעם,
אין צײַט פון אַטאָם און פּראָגרעס.

איך זע דעם הויף אין כאָלעם שײנעם.
נאָר פּרווו דײַן דאַרשט הײַנט שטילן דאָ,
ווען אין דעם ברונעם אין דעם רײנעם
עס איז קײן וואַסער שוין ניטאָ.

געטרונקען כ׳האָב דעם אויצער זיסן,
די צײַט — זי ראַשט, די צײַט — זי לויפט.
אין שטאָט — געקאָנט איך האָב דען וויסן? —
אַף גלעזער וואַסער מע פאַרקויפט...

אַ דאָרפס־יונג, האָב איך זיך געזעגנט
מיט לאַנדסלײַט, און ס׳האָט מיטאַמאָל
די גרויסע יאַם־שטאָט מיך באַגעגנט
מיט גאַסן־רויש, מיט קלאַנג פון שטאָל.

אין אָרעמס פונעם וועג־געפּלאָנטער
האָט האַסטיק מיך פאַרדרייט און שנעל, —
נאָר כ׳דאַנק אײַך, שפּאַלעס! מיר דערמאָנט איר
מיט סמאָלע־רייעך — אין מײַן שוועל!

א י ג אָ ר נ ע װ ע ר אָ װ

ס'איז פּונקט פאַרקערט

ס'א ליגן, ווען מע זאָגט: דו לעב זיך פּראָסט
און ווי א פויגל זינג, און דו ביסט איינער,
און גלעט מיט דײַן שערשאַווער האַנט די שטיינער,
און פאַרגעניגן האָב פון דעם, וואָס האָסט, —
די שכינע רוט אַף דיר: די גאַנצע ערד
פאַר דיר זיך שפּרייט — און פילסט שוין ניט קיין ליידן,
ווי גאָר די וועלט געווען וואָלט א גאַניידן,
און דאַרפסט שוין גאָרניט — נאָכעס בלויז באַשערט...
נאָר אינדערעמעסן עס איז דאָך פּונקט פאַרקערט!
דער אָקעאַן מיט אומרו שלאָגט דערנעבן,
און כוואַליעס שאַרפן פעלדזן בייז און האַרט.
„בלויז דער די ווערט האָט פרײַ און ווירדיק לעבן,
ווער אַלע טאָג עס גייט פאַר דעם אין שלאַכט!“..

װ אָ ל אָ ד י מ י ר ה ע ט מ אַ ן

אין א שלאָפלאָזער נאַכט

און ווידער — ווי אַף סאַרפּענדיקע פעלדער,
מײַן לעבן וואָלט געצאַפּלט שווער.
קיין ברעקל ברויט, קיין טראָפּן וואַסער.
נאָר כ'בין א זעלנער —
ניט איך קרעכץ און ניט איך בעט אַף זיך דעם טויט.

און ווידער — ווי די ערד וואָלט נעמען הוילן
פון ווייטעק, וואָס דער גענעם האָט געבראַכט.
אַנשטאָט פאַר קינדער ברויט — א האָגל קוילן,
און טיפע גריבער, און א שוואַרצע נאַכט.

און ווידער — ווי געקומען וואָלט די צײַט די גרויע,
פאַרצוימט מיט שטעכדראָט, פון דער זון פאַרשטעלט,
מײַן יוגנט שלאָגט זיך — הימלען זאָלן בלויען,
מײַן יוגנט פלאָגט זיך — בליִען זאָל דאָס פעלד.

און ווידער — ווי עס זאָל די בײַטש זיך מעלדן,
זי טוט א פײַף — און ס'קאָרטשעט זיך די ערד...

נאָר ס'קלינגט דער רוף פון פרײַהײט איבער װעלטן,
און שטרענג די יוגנט נעמט זיך פאַר דער שװערד.

און אפן רוף גײט אוף די זון, און יעדער
אַנטקעגן איר שטרעקט אױס די פרײַע הענט,
מיט צװײַט און פרוכט באַדעקן זיך די סעדער,
אַף כורועס װאַקסן אױס באַנײַס די װענט.

און הײמיש־װאָרעם װערט אַזױ און מענטשלעך —
ס'איז רו און מי, און זון איז צאַרט און ליב!
אָ, האַרעפּאַשנע, קלוגע ערד, איך בענטש דיך:
געביר דײַן שעפע, ברױט און װאַסער גיב!

װלאַדימיר איװאַנאָװיטש

דער העלפאַנד און די שלאַנג

(אַ מאָשל)

ס'איז דאָ ניט לאַנג געװען, צי עפּשער שױן גאַנץ לאַנג:
דעם העלפאַנד אײַנשלינגען פאַרטראַכט עס האָט די שלאַנג.
דער העלפאַנד ניט געהאַט אפילע האָט קײן כשאַד,
אַז ס'האָט די שלאַנג אַ פּלאַן אַזאַ געהאַט.

דערװײַל האָט אָנגעמערקט די שלאַנג דעם טאָג — און דאַן
זי װעט שױן אױספילן איר פּלאַן:
צוערשט פאַרהלושען אים,
דערנאָך — אַ שמיץ אין דר'ערד,
און שױן, דאָס העלפאַנדל אַ פּײגער װערט!
אַ שפּרונג —
און דער גערעגנגל איז אַװעק, װי מע באַדאַרף:
געטאָן די שלאַנג האָט אפן העלפאַנד זיך אַ װאַרף,
אַרומגעװיקלט אים מיט קערפּער אירן פעסט —
און אָנגעהױבן האָט זיך אַ פאַרמעסט.
עס טרײסלט זיך די ערד, עס רױשט דער װאַלד —
די שלאַנג באַזיגן װעט דעם גיבער באַלד,
און דעמלט װעט זי, ניט בלױז דאָ אין גראַז —
אין אַלע דזשונגליעס זײַן דער באַלעבאָס!
נאָר אָט — דער העלפאַנד האָט געטאָן אַ צוק
די בײזע שלאַנג מיט זײַן פאַרדרײטן שנוק,
אַ הײב געטאָן זי אין דער הײך מיט צאָרן,
דערנאָך אַ װאָרף געגעבן זי אַף דר'ערד...
האַקלאַל, מ'האָט איר געשרײ אַף מײַלן װײַט געהערט.
געדױערט האָט ניט לאַנג —
ס'איז פון דער כוצפּעדיקער שלאַנג
אַ זאַק מיט פלײש געװאָרן...

ייִדיש — כאַיִם ביידער

אף די שפּורן
פון געשעענעק

דער טאַטע און זײַן זון

איטשע לעווינס זון — אבראשע — האָט געארבעט אינעם מאָסקווער אווטאָמאָביל־זאַ־וואָד. אין די ערשטע מילכאָמע־טעג איז אבראַשע צוזאמען מיט א קאָמיוגישן אָטריאַד פונעם זאַוואָד פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. געשיקט האָט מען אים אינעם פּאָלק, וואָס האָט גראָד דעמלט זיך פאָרמירט אין דער שטאָט בראָניצע, ראמענסקער ראיאָן פון מאָסקווער געגנט. איטשע לעווין, אליין א שאָפער, איינער פון די סאמע קוואליפיצירטע אין דער אווטאָ־קאָלאָנע, ווו ער האָט געארבעט, האָט פעסט באַשלאָסן נאָכטאָן דעם זונס בײַשפּיל און גיין פרײַוויליק אפן פראָנט. ער האָט אָנגעשריבן וועגן דעם א מעלדונג. דער שעף פון דער קאָלאָנע האָט אים געזאָגט:

— איסאַק מאָיסייעוויטש, איך פארשטיי, פארוואָס איר האָט אָנגענומען אזא באשלוס. און דאָך מוז איך אײַך דערמאָנען, אז מע האָט אײַך באפרײַט פון מיליטער־דינסט גראָד דערפאַר, ווײַל דאָס הינטערלאנד נייטיקט זיך מילכאָמע־צײַט אין שאָפערן ניט ווייניקער, ווי דער פראָנט. איך האָב דאָך פּאָשעט קיין רעכט ניט צו באפרידיקן אײַער באקאָשע...

— און אויב איך וועל אָן אײַער דערלויבעניש אוועקגיין אפן פראָנט?

— וועלן מיר אײַך מוזן פארעכענען אלס א דעזערטיר. עס איז דאָך מילכאָמע־צײַט!

— מיילע, וועל איך זײַן א דעזערטיר פאר דעם הינטערלאנד, דערפאר — א שלאכטמאן אפן פראָנט! דעם פראָנט זײַנען שאָפערן און מעכאניקער נייטיקער. און איך, אן אלטער רויטארמייער, נאָך פון די בירגערקריג־יאָרן, קאָן זיך אין אזא צײַט ניט דערלויבן צו זיצן דאָ.

דאָס איז געווען אין אָקטיאבער 1941. די היטלעריסטן האָבן זיך געריסן צו מאָסקווע. איטשע לעווין האָט זיך ארײַנגעזעצט אין א בײַשטאָטישן צוג און איז אוועקגעפאָרן קיין בראָניצע. אים האָט זיך זייער געוואָלט שלאָגן דעם סוינע, צוזאמען, האנט־בא־האנט, מיטן זון. אזוי האָט זיך עס אים געוואָלט, אז ער האָט אָן א דערלויבעניש פון דער קאָמאנדשאפט ארײַנגעשמוגלט זיך באנאכט אינעם וואגאָן, ווו עס האָט זיך געפונען אבראשע. נאָר דער זון האָט אים געזאָגט: „ניין, טאטע, אזוי טוט מען ניט! עס גייט א מילכאָמע, מוז יעדערער זײַן דאָרט, ווו ער איז נייטיק, ניט דאָרט, ווו אים ווילט זיך. אויב עס איז באשערט, וועלן מיר שלאָגן דעם סוינע, געפינענדיק זיך אין פאר־



פּיאָנערן אף דער ערן־וואך בא די ברודער־קוואָרים

שיידנע פֿאַלקן. אָט, נאָך דער מילכאָמע, — דעמלט וועלן מיר שוין ווידער זײַן צוזאַמען...״

איטשע לעווין האָט א טראַכט געטאָן מיט שטאָלץ, ווי קלוג דער זון רעדט. ער האָט זיך ערשט איצט געכאַפּט, אז ער האָט שיר ניט געבראָכן די מיליטערישע דיסציפּלין.

און לעווין דער טאַטע איז אוועק אין זײַן קאַזאַרמע.

אף מאָרגן אינדערפרי איז אין דער קאַזאַרמע געקומען א פּאַדפּאָלקאָווניק אָפּקלײַבן דרײַסיק שאָפערן פארן ארטילעריש דיוויזיאָן. דערזען לעווינען, פרעגט אים דער פּאַדפּאָלקאָווניק:

— ווי קומט איר אהער, אײַער יאָר האָט מען דאָך ניט מאָביליזירט...

לעווין ענטפערט:

— איך בין א שאָפער פון ערשטן קלאַס. א מעכאַניקער. געדינט אין אינערלעך־טעריטאָריעלן מיליטער, אַנטיילגענומען אינעם בירגערקריג.

אויסגעהערט דעם קורצן ראַפּאָרט, האָט דער פּאַדפּאָלקאָווניק באַשטימט לעווינען אלס עלטסטן אין דער אווטאָ־קאָלאָנע.

דער סטאַרשינע לעווין האָט דורכגעמאַכט מיט דעם 4־טן גוואַרדייִשן מעכאַניזירטן טייל א מילכאָמע־וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פון נאַראָ־פאָמינסק, הינטער מאָסקווע, ביז שטעטין, הינטער בערלין. אף אָט דעם גאַנצן וועג האָבן געדונערט די קאַטיושעס, וועלכע לעווין האָט געבראַכט צו פירן אף דער פאָדערשטער ליניע; די היטלעריסטן זײַנען באַגאָסן געוואָרן מיטן פײַער פון די קוילן, גראַנאַטעס און מינעס, וועלכע לעווין האָט צוגעשטעלט די ארטילעריסטן. ער האָט ארויסגעפירט פון דער פײַער־ליניע פאַרוווּנדעטע, געאַרבעט, ווען נייטיק, אין די פעלד־שפּיטאָלן, אָבער די יאָרן האָבן זיך געלאָזט פילן. שטאַרקער פון אַלץ האָט געווירקט אף זײַן געזונט די שרעקלעכע יעדיע, וועלכע ער האָט באַקומען אין פעוראַל 1942, — אבראַשע איז געפאַלן אין שלאַכט מיט א העלדן־טויט. צו קוורע איז ער געבראַכט געוואָרן אינעם דאָרף זשיגאַראָווא. אף זײַן קייווער שטייט א מאַצייווע, וועלכע ווערט טאָג און נאַכט באַלויכטן מיטן אייביקן פײַער. אף איר איז אויסגעקריצט אזא טעקסט:

דעם 22 פעוראַל 1942, אף אָט דעם אָרט,
איז דער שלאַכטמאַן פונעם 881־טן שיסער־פאָלק
פון דער 158־טער מיטן סוואָראָוו־אָרדען
באַלוינטער
צוויי מאָל רויטפאַניקער שיסער־דיוויזיע
לעווין אבראַם איסאַקאָוויטש
באַגאַנגען א העראָישן העלדנטאַט,
פאַרדעקנדיק מיט זײַן קערפּער
די אַמבראַזור פונעם סוינעס א דזאָט.
אייביקער רום דעם העלד!

איטשע לעווינס זון, דער פריילעכער און ערנסטער, דער שטאָלצער און צערטלעכער, דער אויסגעצייכנטער טאַלמיד אין שול און אין טעכניקום, דער קוואַליפיצירטער אווטאָמעכאַניקער, דער קאָמיוגיסט פונעם אווטאָ־זאַוואָד, וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט טעכניק, און ניט ווייניקער האָט ער ליב געהאַט לידער און מוזיק, — אבראַם — אבראַשע — לעווין האָט איבערגעכאַזערט דעם אומשטערבלעכן העלדנטאַט פונעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד אלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו. די פאַשיסטן האָט טײַער אָפּגעקאָסט אבראַשעס טויט: די קוילן, וועלכע זײַנען געבליבן שטעקן אין זײַן הייסן קערפּער, האָבן פונקט ווי פאַרשטאָפּט זייער קוילנוואַרפער, און אבראַשעס פרײַנט האָבן זיך א וואָרף געטאָן אין אטאַקע, אומגעבראַכט א סאַך פאַשיסטן און באַפרײַט זיבן דערפער.

איטשע לעווין האָט נאָך דער מילכאָמע אומגעקערט זיך אהיים צו זײַן פרוי און טאָכטער. די ברוסט איז בא אים באַפּוצט מיט אָן אָרדען פון רויטן שטערן און מיט זעקס מעדאַלן. ער האָט ווײַטער געאַרבעט אלס שאָפער, שעף פון אן אווטאָ־קאָלאָנע, בריגאַדיר. זײַן אַרבעטס־וועג איז אָפּגעמערקט מיט פיל גראַמאָטעס. די סאַמע ווערטפולע, די מיליטערישע גראַמאָטע, וועלכע עס האָט אים, דעם גוואַרדייער אי. מ. לעווין, אונטערגעשריבן מיט דער אייגענער האַנט דער מאַרשאַל ק. ק. ראָקאָסאָווסקי, הענגט בא אים אין שטוב אונטער א גלאָז.

דאָס היימלאַנד פאַרגעסט ניט זײַן זון אבראַם לעווין. אויסער דער מאַצייווע אף זײַן קייווער אינעם דאָרף זשיגאַראָוואָ, שטייט אויך אַן אָבעליסק מיט זײַן פאָטאָגראַפיע אפן ברודער־קייווער אין דעם דאָרף כאָלמעץ. אין קאַלינינער געגנטלעכן קאַנטקענטעניש־מוזיי איז אויסגעשטעלט א ספּעציעלער סטענד, געווידמעט דעם לעבן און דעם העלדנטאַט פון אבראַם לעווין. און אינעם אווטאָמאָביל־זאַוואָד אף ליכאַטשאָווס נאָמען איז פאַרגעקומען א פײַערלעכע פאַרזאַמלונג, אף וועלכער מע האָט דעם טאַטן איבערגעגעבן דעם זונס אָרדען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

אבראַם לעווינס העלדנטאַט איז באַשריבן אינעם בוך פון דעם פּאָלקאָווניק מ. אי. אָגאַנקאָוו „די גרענעץ פון דער גרויסער שלאַכט״, אין פיל זשורנאַל־ און צײַטונגס־ארטיקלען.

איטשע לעווין איז שוין איצט אלט 80 יאָר. ער פילט זיך נאָך גאַנץ מונטער. ער דערציילט, ווי צום ברודער־קייווער אין דאָרף כאָלמעץ, ווו עס האָבן געפונען זייער אייביקע רו רוסן, יידן, אוקראַינער, ווײַסרוסן, וועלכע האָבן מאַקריוו געווען זייערע לעבנס פאַרן גליק פון דער מענטשהײַט, קומען אָפט צו גיין פּיאָנערן, קעדיי באַגעגענען זיך מיט די טאַטעס, זין און כאַווײרים פון די אומגעקומענע. די פּיאָנערן גיבן אָפּ באַם ברודער־קייווער א שוווע פון טרײַהײַט דעם היימלאַנד און דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, זיי זאָגן: „מיר וועלן אָפּהיטן דאָס היימלאַנד פונקט אזוי, ווי אלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו און זײַנע נאָכפאָלגער, אזעלכע ווי אבראַם לעווין״.

ו. סאָלאָוויי

רעפאָעל מילנערס לעבנס=וועג

מאָנאַסטירישטשע איז געווען אַ ייִדיש שטעטל אין דער געוועזענער קיִעווער גובער־ניע. אַ שטעטל, ווי אַלע ייִדישע שטעטלעך: מיט אײַנגעקאָרטשעטע שטיבעלעך, מיט אויסגעגאָסענע פאָמויניצעס פאַר די טירן, מיט ענגע, קרומע פאַרשטויבטע געסלעך און מיט אַ שלאַל קאַפצאָנים.

אין מאָנאַסטירישטשע האָט געלעבט אַ ייִד מיט זײַן ווײַב און מיט זיבן קינדער. געהייסן האָט ער שײַע־נאָטע־מוישע, און אין די ביכער איז ער געווען פאַרשריבן — מילנער. ניט, כאַלילע, ווײַל ער האָט געהאַלטן אַ מיל אָדער זײַן טאַטע איז געווען אַ מעשאָרעס אין אַ מיל. קיין פאַך האָט ער ניט געהאַט, נאָר פאַרמאָגט האָט ער אַ פאָר געזונטע הענט און אַ ברייטע פלייצע. האָט ער געזוכט און געטאָן קאָלערליי אַרבעטן, אַבי צו ברענגען אהיים ברויט פאַר ווײַב און קינדער: געווען אַ טרעגער אויפן מאַרק, אַ וועכטער אין דער אָרטיקער גוראַלניע. ווען נאָך דער רעוואָליוציע האָט זיך די גוראַלניע אָפגעשטעלט, איז ער געוואָרן אַ וואַסערפירער, צעפירט וואַסער פאַר די היגע באַלעבאַטעס אויף אַ פרעמדער קליאַטשע.

און אַזוי ווי שײַע־נאָטע־מוישע האָט געקענט האָבן פון אַזעלכע פאַרנאָסעס ניט מער, ווי וואַסער אויף קאַשע, האָט טאַקע זײַן ווײַב צוגעלייגט אירע הענט: געווען אַ קעכן בײַ רײַכע באַלעבאַטים, אַ סאַרווערקע אויף ייִדישע כאַסענעס, אַ ניאַנקע בײַ פרעמדע קינדער. און די אייגענע קינדער האָבן געמוזט, פונקט ווי דערוואַקסענע, אויך האָרעווען: איינער בײַ אַ קירזשנער, דער צווייטער בײַ אַ קאָוועל, די מיידעלעך — אויף די בורעקעס־פלאַנטאַציעס און אין צוקער־זאַוואָד, פאַרדינענדיק אַ קאָפעקע צי אַ ביסל מעליאַס צו פאַרזיסן דעם אָקרעפ און דעם שאַבעסדיקן צימעס.

אין דער דאָזיקער מישפאָכע איז אין 1910 געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אַ זון רעפאָעל, אַ באָכער מיט שטאַרקע הענט, ווי בײַם טאַטן, אַ כוואַט. וועמען ס׳איז מיט דער צײַט באַשערט געווען באַרימט מאַכן ניט נאָר טאַטע־מאַמע, נאָר גאַנץ מאָנאַסטירישטשע. ער איז געוואָרן אַ קאָמאַנדיר אין דער רויטער אַרמיי, אין דער מילכאָמע — אַ פאָלקאָווניק און אַ העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, דערנאָך אַ לערער פון מיליטערישע קענטענישן. צו 12 יאָר, ווען רעפאָעל פאַרענדיקט דרײַ קלאַסן, האָט אים דער פאָטער אָפגעגעבן פאַר אַ לערן־ייִנגל צו אַ שטריקלדרייער, דערנאָך צו אַ קאָוועל. רעפאָעלן אָבער זײַנען די קוסטאַרישע מעלאָכעס ניט געווען צום האַרצן. ער האָט איבערגעלאָזט זײַן באַלעבאָס דעם קאָוועל און איז אַוועק אַרבעטן אויפן אָרטיקן צוקער־זאַוואָד, טאַקע אין קוזניע. אַ לעבעדיקער, אַ צוגעלאָזטער, מיט פייִקע הענט און קלאָרן סייכל, איז ער באַלד

רעפאָעל מילנער

געוואָרן אַן אַקטיווער קאָמיוגיסט, און מע האָט אים פאַרטרויט אָנפירן מיטן זאַוואָדישן פיאָנער־אָטריאַד.

שפעטער שיקט אים דער קאָמיוג אין אַ קרימער קאָלווירט, ווו ער אַרבעט אַלס טראַקטאָריסט און קאָמבײַנער און העלפט מיט דורכצופירן די קאָלעקטיוויזאַציע אין דאָרף.

געווען איז דעמאָלט די צײַט, ווען דאָס לאַנד האָט גענומען פלאַנמעסיק צו בויען אַ נײַע סאָציִאַליסטישע אינדוסטריע. די יוגנט האָט זיך מיט אימפעט אַ לאָז געטאָן אויף די גרויסע בויונגען פונעם פינפיאָר. אין 1930 איז מילנער מיט אַ קאָמיוגישער פוטיאָווקע אוועקגעפאָרן אויף איינער פון די גרעסטע בויונגען פון לאַנד — אויפן סטאַלינגראַדער טראַקטאָר־זאַוואָד. און ווען מע לאָזט דעם זאַוואָד, פאַרבלײַבט דאָרט מילנער אַרבעטן אויף אַן אויטאָקאַרשטשיק.

אין 1932 טרעט ער אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

ער באַנוגנט זיך שוין ניט מיט די דרײַ קלאַסן, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט אין שטעטל, — אין די אָוונטן באַזוכט ער דעם ראַבפאַק, דערנאָך קומט ער אָן זיך לערנען אין אַ העכערן לערן־אַנשטאַלט. די מיליטערישע דינסט האָט ער דורכגעמאַכט אין אַ טעריטאָריִעלער טייל, אָפגעגעבן עקזאַמען אויף אַ קאָמאַנדיר פון אַ וויזוואָד. דרײַ יאָר לערנט ער זיך שפעטער אין דער מיליטעריש־פאָליטישער אַקאַדעמיע אויף לענינס נאָמען און פאַרענדיקט זי דעם 23 יוני 1941.

פון די ערשטע מילכאָמע־טעג איז מילנער אַפן פראָנט. עטלעכע כאַדאָשים איז ער געווען אינסטרוקטאָר אין דער פּאָליט־פּאַרוואַלטונג פו־נעם מייַרעוודיקן פראָנט און פון דעקאַבער 1941 — קאָמיסאַר פונעם 332־טן שיסער־פּאָלק פון דער 12־טער גוואַרדייַישער שיסער־דיוויזיע. מיטן פּאָלק נעמט ער אָן אָנטייל אין דער פּאַרטיידיקונג פון מאָסקווע, אין באַפרייַען קאַלוגע, באָלכאָוו, אָריאָל, ווערט באַלוינט מיט די אָרדענס פון רויטן שטערן און פון אַלעקסאַנדער נעווסקי.

באַזונדערס צייכנט זיך מילנער אויס בייַסן פאַרסירן דעם דניעפּער אין סענטיאַבער 1943 לעבן דעם שטעטל ליוביטש, טשערניגאָווער געגנט. זייַן פּאָלק איז, אין אַוואַנגאַרד פון דער דיוויזיע, דער ערשטער אריבערגעשווומען דעם טייַך, געפירט פאַרביסענע קאַמפן אַפן פאַר־כאַפּטן פּלאַצדאַרם און אים אייַנגעהאַלטן אין משך פון עטלעכע טעג. פאַר דער דאָזיקער שלאַכט זייַנען צוועלף סאָלדאַטן און אָפיצערן פונעם פּאָלק באַלוינט געוואָרן מיטן טיטל „העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד", צווישן זיי אויך רעפאַעל מילנער.

זומער 1944 האָט מילנער געענדיקט קורצ־טערמיניקע קורסן פאַר קאָמאַנדירן און געוואָרן קאָמאַנדיר פונעם 37־טן פּאָלק פון דער 12־טער דיוויזיע. דער פּאָלק נעמט אָנטייל אין באַ־פרייַען ריגע, פוילן, פירט שלאַכטן אַף דער דייַטשישער טעריטאָריע אין דער שטעטינער ריכטונג, פאַרסירט דעם טייַך אָדער און פאַר־כאַפּט דעם 2 מייַ 1945, אייַנגענעם מיט אַנדערע סאָוועטישע טיילן, די שטעט אַלט־רופּין און נייַ־רופּין, אַף צפון פון בערלין. פאַר אָט דער אָפּעראַציע ווערט מילנער באַלוינט מיטן אָרדען פון דער רויטער שלאַכט־פאָן.

נאָך דער מילכאָמע פאַרבלייַבט מילנער א געוויסע צייַט אין דער גרופּע פונעם סאָוועטישן מיליטער אין דייַטשלאַנד, דערנאָך שטייט ער בעראָש פון גוואַרדייַישע טיילן אין מאָסקווער און אין קיִעווער מיליטערישע קרייַזן. זיבן יאָר — פונעם 1953 ביזן 1960 — איז ער געווען פאַרוואַלטער פון מיליטערישע קאַטעדרען אין הויכשולן. אין 1960 גייט ער ארויס אין דעמי־סיע, ווערט א לערער פון געשיכטע פון קפּסס, אַרבעט אין דאָנעצקער און כאַרקאָווער הויכ־שולן, שרייַבט אָן פאַר אָט דער צייַט 25 וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטן.

איצט לעבט רעפאַעל מילנער אין כאַרקאָוו. זייַנע פיר קינדער האָבן באַקומען העכערע ביל־דונג און אַרבעטן לויט זייערע פאַכן.

א. פריבלודע

פונעם געהענעם ארויס

שימען שאַפּיר שטאַמט פון א טיראַספּאָ־לער אַרבעטער־מישפּאָכע. זייַן פאָטער איז גע־ווען א שנייַדער, די מוטער — אַן אַרבעטערן אַפן קאָנסערוון־זאַוואָד, א דעפּוטאַט פונעם טי־ראַספּאָלער שטאָטראָט. שימענס עלטערע שוועס־טער סאָניע, א קאָמיוגיסטקע פון די 20־ער יאָרן, האָט געאַרבעט אין שטאָטישן פּאַרטיי־קאָ־מיטעט, זייַנע עלטערע ברידער — עליע, מיכל, יורי און אַרקאַדי — האָבן אָנטיילגענומען אינעם בירגערקריג.

אין 1940 גייט שימען אַוועק אין דער רויט־טער אַרמיי. ער פאַרענדיקט א מיליטערישע פּאַרטיי־שול און באַקומט דעם טיטל פּאָליטרוק. דעם 18־טן יוני 1941, פיר טעג פאַרן אָנהייב פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, איז דער פּאָלק, ווו שאַפּיר האָט געדינט, אַוועק אַף מאַנעוורען. אין וועג האָט אים פאַרכאַפּט דער קריג, און דעם 25־טן יוני איז ער צווישן מינסק און דזערזשינסק אַרייַנגעפאַלן אין אַרומרינג־לונג. שימען שאַפּיר האָט זיך אָוועקגעלאָזט אויסצושפּירן א פּאַסיק אָרט, ווו מע זאָל קאָנען זיך אַרויסרייַסן פון דער אַרומרינגלונג. די אָפּעראַציע האָט זיך אייַנגעגעבן. א סאַך רויט־אַרמייער האָבן זיך דורכגעריסן, נאָר שאַפּירן האָט געטראָפן א שפּליטער פון א סנאַריאַד, ער איז געבליבן ליגן אַפן שלאַכט־פעלד. גע־עפנט די אויגן, האָט ער דערזען שטיין איבער זיך צוויי דייַטשישע סאָלדאַטן. זיי האָבן אים אַרייַנגעוואָרפן אין א לאַסטמאַשין, ווו עס זייַ־נען שוין געווען אַנדערע קריגסגעפאַנגענע. אין וועג האָט איינער פון די געפאַנגענע אַראָפּגע־ריסן בא אים אַלע צייכנס, עס זאָל ניט קענטיק זייַן, אַז ער איז א פּאָליטרוק.

אין לאַגער האָט ער געזאָגט, אַז מע רופט אים סעמיאָן שאַפּעראָוו. א סאָוועטישער דאָק־טער, אויך א קריגסגעפאַנגענער, האָט אַרויסגע־צויגן בא אים דעם שפּליטער און אים איז גע־וואָרן א ביסל לייַכטער. א באַזונדערע זאָרג האָט וועגן אים אַרויסגעוויזן איינער א סאָווע־טישער אָפיצער: זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן, אים איבערגעבונדן די ווונדן. שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך נעענטער באַקאַנט, האָט שאַ־פּיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז א לייטענאַנט — סטעפּאַן מיכײַלאָוויטש באַקלאַנאָוו, וועלכער איז ביזן קריג געווען א לערער, געקענט עטלעכע אויסלענדישע שפּראַכן, צווישן זיי דייַטש. אין געפאַנגענשאַפט האָט ער זיך געהאַלטן מוטיק, ניט דערלאָזט די כאַווײרים זאָלן אַרייַנפאַלן אין ייִעש.

אין אויגוסט 1941 האָט שאַפּיר געמאַכט א פּרווו צו אַנטלויפן. שוין דערקלייבן זיך קימאַט ביז מינסק, ווו ער האָט געהאָפט אייַנשטעלן א פאַרבינדונג מיט פּאַרטיזאַנער, נאָר די נאַציסטן האָבן אים פאַרהאַלטן, שטאַרק געשלאָגן און אָפּגעשיקט צוריק אין דזערזשינסקער לאַגער.

7--276

שימען שאַפּיר

אין סענטיאַבער האָט מען אינעם לאַגער אָפּ־
געקליבן א גרויסע גרופּע מענטשן אָף צוואַנגס־
אַרבעט קיין דײַטשלאַנד, צווישן זיי אויך שאַ־
פּירן און באַקלאַנאָוון. הונגעריקע, אויסגעמאַ־
טערטע, אונטער א באַגלייטונג פון עסעסאָווי־
צעס מיט בייזע הינט, האָט מען זיי געטריבן
צופוס גאַנצע צוויי וואָכן.
אינעם לאַגער מאַזבורג, וועלכער האָט זיך
געפונען אין סאַקסאָניע, האָט מען זיי אויסגע־
שטעלט אָף א פּלאַץ. דער קאָמענדאַנט פונעם
לאַגער, אין דער באַגלייטונג פון א סוויטע מיט
בייזע הינט, איז געגאַנגען צווישן די רייען און
זיך נאָכגעפרעגט: „פאַראַן צווישן אײַך מעדי־
קער, סאַניטאַרן, פעלדשערס?" באַקלאַנאָוו האָט
א שטויס געטאָן שאַפּירן און א שעפּטשע גע־
טאָן: „הייב אוף די האַנט, אין לאַזאַרעט וועט
דיר זײַן גרינגער אויסצוהיילן די וואונדן"...
אַזוי איז שאַפּיר אַרײַנגעפאַלן אין דער סאַ־
ניטאַר־קאָמאַנדע. יעדן טאָג האָט מען די גע־
פאַנגענע געטריבן אָף קאַטאָרגע־אַרבעט. דעם
7־טן נאָיאַבער, אין 24־טן יאָרטאָג פון דער
גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, האָבן איינ־
קע קריגסגעפאַנגענע באַשטימט ניט אַרויסצוגיין
אָף אַרבעט. שאַפּיר האָט געמאָלדן דעם דאָק־
טער, אַז די מענטשן זײַנען קראַנק, און זיך
דערשלאָגן א דערלויבעניש אַריבערצופירן זיי
אין „סאַניטאַר־באַראַק". אין אָוונט איז דער לאַ־
גער־קאָמענדאַנט געקומען אין באַראַק און
אַליין גענומען קאָנטראָלירן די טעמפּעראַטור.
זײַנע באַגלייטער, די עסעסאָווצעס, האָבן זיך
אַרופגעוואָרפן אָף די קריגסגעפאַנגענע, געשלײַ־
דערט זיי פון די בעטן אָפּן דיל, אַכזאָריעסדיק
זיי געשלאָגן. שאַפּירן האָט מען, א צעבלוטיקטן
אַרײַנגעוואָרפן אין דער „טויט־קאַמער" —
אַזוי האָט מען זי גערופן אין לאַגער, ווײַל ווער
ס'איז אַהין אַרײַנגעפאַלן, פלעגט קיין לעבעדי־
קער ניט אַרויס. אָף מאָרגן אינדערפרי האָט
מען אים אַוועקגעשלעפּט אָפּן פאַרהער. די הענ־
קער האָבן אים אונטער די נעגל אַרײַנגע־
שטאָכן נאָדלען און געשריגן: „זאָג, ווער איז
דער אָרגאַניזאַטאָר פונעם סאַבאָטאַזש?", נאָר
ער האָט געשוויגן. ביז שפּעט אין דער נאַכט
האָבן די פאַשיסטישע הענקערס אים געפּײַניקט.
ער איז געבליבן ליגן א האַלב־טויטער אָפן
דיל. געקומען צו הילף איז סטעפּאַן באַקלאַ־
נאָוו. באַנאַכט האָט ער זיך צוגעשמוגלט אין קאַ־
מער און אַרויסגעשלעפּט אים פונדאָרט דורכן
פענצטער. אין באַראַק האָבן די קריגסגעפאַנ־
גענע אים אָפּגעמינטערט, איבערגעבונדן די
וואונדן.
זיך געכאַפּט, אַז די „טויט־קאַמער" איז ליי־
דיק, האָבן די הענקער גענומען זוכן אין אַלע
באַראַקן און סאָפּקאָלסאָף געפונען שאַפּירן א
האַלב־לעבעדיקן. די אויספאָרשונג איז אַריבער
אין די הענט פון געסטאַפּאָ. ווידער — פאַר־
הערן, פּײַניקונגען. דאָס מאָל האָבן די באַנדיטן
פון געסטאַפּאָ צוגעצויגן צום פאַרהער אויך
באַקלאַנאָוון און נאָך איינציקע קריגסגעפאַנגענע,
מיט וועלכע, ווי זיי האָבן געוווּסט, ער איז
געווען באַפרײַנדעט. מע האָט זיי שרעקלעך
געפּײַניקט, נאָר זיך גאָרנישט ניט דערשלאָגן.
שאַפּירן און באַקלאַנאָוון האָט מען אָפּגעשיקט
אין בוכענוואַלד. דאָס איז געווען אין פעברואַר
1942.

וואָס אַזוינס עס איז געווען בוכענוואַלד, איז
איצט שוין אַלעמען גוט באַוווּסט. טאָג און
נאַכט האָבן דאָרט געגרויכערט די קוימענס פון
די קרעמאַטאָריעס. אָף טויט זײַנען געווען פאַר־
מישפּעט אויך שימען שאַפּיר און זײַנע כאַווי־
רים. אָף שאַפּירס האַנט האָט מען אויסגעברענט
א נומער, צו די בגאָדים צוגענייט א רויטן
דרײַעק מיט אויסיעס: „SU" (סאָוויעט־אוניאָן).
לויט דער נאַטור א פעסטער, סטאַטנער מאַן,
האָט ער איצט געוווגן 45 קילאָגראַם און זיך
קוים געהאַלטן אָף די פיס.
אָף שטענדיק האָבן זיך אײַנגעקריצט אין
שאַפּירס זיקאָרן די ציניש ווערטער בא די
טויערן פון בוכענוואַלד: „יעדן זײַנס!" און ווי
פאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט זײַן, האָבן די גע־
פאַנגענע אין די באַראַקעס אָף זייער אויפן
און שטייגער אופגענומען די דאָזיקע פאָרמולע,
אויסטײַטשנדיק זי אַנדערש: יעדערער איז באַ־
רופן אויסצוקלײַבן צווישן קנעכטשאַפט און
קאַמף. און א גרויסע גרופּע געפאַנגענע האָט
אונטער דער אָנפירונג פון סטעפּאַן באַקלאַנאָוו
אויסגעקליבן דאָס לעצטע: קאַמף!
לויט דער איניציאַטיוו פון באַקלאַנאָוון איז
געשאַפן געוואָרן אַן אונטערערדישער מיליטער־
ריש־פּאָליטישער צענטער, אין וועלכן עס זײַ־
נען אַרײַן סאָוועטישע אָפיצערן און סאָלדאַטן,
צווישן זיי שאַפּיר. מיט דער צײַט האָט באַק־
לאַנאָוו זיך אײַנגעגעבן אײַנצושטעלן פאַר־
בינדונגען מיט קאַצעטלער פון אַנדערע נאַציאָ־
נאַליטעטן, דערין אויך מיט דײַטשישע קאָמו־
ניסטן און אַנטיפאַשיסטן. אין טיפן אונטער־
ערד איז געגאַנגען די צוגרייטונג צו א באַ־
וואָפנטן אופשטאַנד. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן
אינטערנאַציאָנאַלער אונטערערדישער קאָמי־
טעט אונטער דער אָנפירונג פונעם דײַטשישן

אנטיפאַשיסט וואַלטער באַרטעל. באַקלאַנאָוו האָט באַשטימט שאַפּירן אַלס קאָמאַנדיר פון איינער פון די קאַמפּס־גרופּעס, וועלכע איז באַשטאַנען פון סאָוועטישע אָפיצערן און סאָלדאַטן — יעפים סטעפּענקאָוו, סעמיאָן יאַניטשקין, וויקטאָר אָסטאַפּעץ אאַ. די גרופּעס זײַנען געווען פאַרייניקט אין ווזוואָדן. מיטן ווזוואָד, אין וועלכן עס איז אַרײַן שאַפּירס גרופּע, האָט אָנגעפירט א סאָוועטישער אָפיצער — סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש קאַרפּאָוו. קאַרפּאָווס ווזוואָד איז אַרײַן אין באַשטאַנד פונעם באַטאַליאָן, וועמענס קאָמאַנדיר ס'איז געווען באַקלאַנאָוו.

מיט דער הילף פונעם אונטערערדישן קאָמיטעט האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנאָרדענען שאַפּירס גרופּע (זי איז באַשטאַנען פון געוועזענע מעכאַניקער, שלאָסערס) אַף אַרבעט אינעם שלאָסער־מעכאַנישן צעך, וווּ מע האָט פּראָדוצירט קריגס־מאַטעריאַלן. דאָ האָט שאַפּיר זיך באַקאַנט מיט עריך בערן, א דײַטשישן קאָמוניסט, וועלכער איז פאַרמישפּעט געוואָרן צו לאַנגיאָריקער טפיסע פאַר אַנטיפאַשיסטישער טעטיקײַט. אַלס הויכקוואַליפיצירטן אַרבעטער האָבן די פאַשיסטן אים געשטעלט פאַר א מײַסטער, און ער האָט, מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט, געהאָלפן די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די געפערלעכע, העלדישע אונטערערדישע אַרבעט פון שאַפּירס גרופּע. אָט זײַנען בלויז אייניקע עפּיזאָדן.

דער אָנפירער פונעם צעך שיקט זיי אין די קאַזאַרמעס פון די עס־עס־לײַט רעמאָנטירן די אײַזערנע בעטלעך. באַקלאַנאָוו באַאופטראָגט שאַפּירס גרופּע זיך דערוויסן און צושטעלן אין אונטערערדישן צענטער ידיעות וועגן דעם, וויפל סאָלדאַטן עס וווינען אין יעדן צימער פון די קאַזאַרמעס, וווּ עס געפינט זיך זייער געווער. שימען שאַפּיר האָט אויסגעפילט די אויפגאַבע, ער האָט אָנגעצייכנט א גענויעם פּלאַן פון די קאַזאַרמעס, און דאָס איז צוניץ געקומען בײַסן אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פונעם אויפשטאַנד.

דער מיליטער־פּאָליטישער צענטער פלעגט יעדע צוויי וואָכן אַרויסגעבן א צײַטונג, געשריבן אַף זײַטלעך פון א שילער־העפט. איר נאָמען איז געווען «Правда пленных». שאַפּירס גרופּע האָט באַקומען אַן אויפגאַבע באַקאַנען מיט איר אינהאַלט די קריגסגעפאַנגענע. דאָס איז געווען זייער א געפערלעכע אַרבעט, ניט אַלעמען פון די קאַצעטלער האָט מען געקאָנט טרויען. אין אָוונט, באַקומענדיק די צײַטונג, פלעגט די גרופּע זי איבערלייענען, דערנאָך אין מעשך פון עטלעכע טעג איבערדערציילן איר אינהאַלט. די צײַטונג פלעגט געוויינלעך באַשטיין פון דרײַ אָפּטיילן: מיטיילונגען פון די פראָנטן, לאַגער־נײַס און ידיעות פונעם היימלאַנד. אינעם ערשטן און דריטן אָפּטייל זײַנען מיטגעטיילט געוואָרן ידיעות, וואָס מע פלעגט באַקומען דורך א געהיימען ראַדיאָ־אויפנעמער, דער צווייטער אָפּטייל האָט אַנטהאַלטן די נעמען פון נײַע קאַצעטלער און פון אומגעבראַכטע פאַר די לעצטע טעג, ווי אויך וואָרענונגען וועגן פאַררעטער — אַגענטן פון געסטאַפּאָ, פאַר וועלכע מע דאַרף זיך היטן. אונטערן קעפּל פון דער צײַטונג איז געשטאַנען א דעוויז: „זײַענדיק אין געפאַנגענשאַפט, געדענק וועגן דײַן סאָוועטיש היימלאַנד”.

א געוויסע צײַט האָט שאַפּיר געאַרבעט אינעם צעך, וווּ מע האָט פּראָדוצירט רערן פון האַרמאַטן. אין א ספּעציעל־אָפּגעצוימט אָרט איז געשטאַנען זייער א קאָמפּליצירטער אַפּאַראַט אַף קאָנטראָלירן די רערן. דער שעף פונעם צעך האָט ניט איין מאָל געוואָרנט, אַז אַזוינע אַפּאַראַטן זײַנען ווייניק אין דײַטשלאַנד און מע דאַרף זיך באַגיין מיט אים פאָרזיכטיק. באַקלאַנאָוו האָט פאַראָרדנט שאַפּירן און זײַן גרופּע קאַליע מאַכן דעם אַפּאַראַט. אַרײַנגיין הינטער דער פאַרצוימונג איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. נאָר אָט האָט די גרופּע באַקומען פונעם שעף א באַפעל ברענגען אין אָרדענונג די ווענטילאַציע אַקוראַט דאָרט, וווּ עס שטייט דער אַפּאַראַט. אַרבעטנדיק אונטערן באַלקן, האָט שאַפּיר אומיסטן אַראָפּגעוואָרפן זײַן האַמער אַהין, וווּ עס איז געשטאַנען דער אַפּאַראַט. ווען דער קאָנוואָיִר איז אַוועק אין דער קעגנזײַטיקער ריכטונג, איז ער שנעל אַראָפּגעשפּרונגען — קלוימערשט אויפהייבן דעם האַמער — און גענומען שנעל דרייען די הענטלעך פונעם אַפּאַראַט, ביז אים האָט זיך אײַנגעגעבן דערפירן צו א קורץ־שלוס. א ספּעציעלע קאָמיסיע פון בערלין האָט זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן די סיבה פון דער אַוואַריע און איז געקומען צום אויספיר, אַז שולדיק זײַנען די עסעסאָווצעס, וועלכע האָבן באַדינט דעם אַפּאַראַט. אייניקע פון זיי זײַנען פאַרמישפּעט געוואָרן צו טפיסע, אַנדערע האָט מען אַוועקגעשיקט אַפן פראָנט.

ניט איין מאָל האָט שאַפּירס גרופּע קאַליע געמאַכט די ווערקשטעלן, אַף וועלכע עס פלעגן באַאַרבעט ווערן די דעטאַלן פאַר די האַרמאַטן־רערן, הונדערטער דעטאַלן פלעגן גיין אין בראַק.

און אָט איז נאָך אַן עפּיזאָד.

אינעם צעך, וווּ עס האָבן געאַרבעט שאַפּיר און זײַן גרופּע, האָט מען געבראַכט אַף רעמאָנט צוויי אויטאָמאָבילן פון א ספּעציעלער באַדינונג, וועלכע מע האָט געדאַרפט דרינגענד אָפּשיקן אַפן פראָנט. שאַפּירס גרופּע האָט באַקומען א פאַראָרדענונג — פאַרהאַלטן דעם רעמאָנט. און כאָטש אויספילן די אויפגאַבע איז געווען זייער שווער, האָט די גרופּע פאַרצויגן דעם רעמאָנט אַף היפּשע עטלעכע וואָכן.

שווערער פון אַלץ איז געווען קריגן געווער. אָבער אויך דאָ האָט מען זיך אַן אייצע געגעבן. אינעם צעך, וווּ שאַפּירס גרופּע האָט געאַרבעט, פלעגט מען פּראָדוצירן גראַנאַטעס. שאַפּיר, אַלס מעכאַניקער, פלעגט זיי באַאַרבעטן אַפן טאָקער־ווערקשטעל. געוויינלעך האָט מען אויסבראַקירטע גראַנאַטעס אַרויסגעוואָרפן אין אויטיל. און אָט די אַרויסגעוואָרפענע האָט שאַפּיר פאַרנעטעוועט אויטאָגעניש. מיט גרויס

פּאַרזיכטיקייט זיי באַאַרבעט און איבערגעגעבן דורך באַקלאַנאָוון דעם אונטערערדישן קאָמי־טעט. אַזויאַרום האָט מען פּאַרגרייט, לויטן אויפ־טראַג פונעם קאָמיטעט, אויך האַמערס, שערן, דאָלאָטעס.

אין אָנהייב אַפּריל 1945 איז די אַטמאָספער אין בוכענוואַלדער לאַגער געוואָרן זייער אָנגעשטרענגטע. עס האָט זיך שוין געפילט דער אָטעם פון די נאָענטע פראָנטן. יעדער קאַצעט־לער האָט געגלייבט, אַז עס נעמט אַ סאָף צו דער פאַשיסטישער הערשאַפט, און איז גרייט געווען זיך באַטייליקן אינעם אופשטאַנד. נאָר ניט געדרעמלט האָבן אויך די אָנפירער פונעם לאַגער. די געפאַנגענע האָבן געזען, ווי אַף די וואַך־טורעמס ווערט פאַרדאָפּלט די צאָל קוילנ־וואַרפער, באַ די טויערן און אַרום די באַראַקן איז די וואַך אַ פאַרשטאַרקטע. דער אונטערער־דישער צענטער האָט זיך דערוווּסט, אַז היטלער האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל עוואַקויִרן דעם לאַ־גער. דורך זײַנע גרופּעס האָט דער צענטער איבערגעגעבן אין אַלע באַראַקן, אַז עוואַקואַציע באַטײַט טויט און האָט געראָטן אַנטשיידן זיך קעגנשטעלן.

אין איינעם אַן אַפּריל־אָוונט האָט באַקלאַנאָוו געזאָגט שאַפּירן:

— דעם 11־טן אַפּריל הייבן מיר אָן. גרייט צו דײַן גרופּע.

דער אופשטאַנד איז טאַקע פאָרגעקומען אין דעם באַשטימטן טאָג, נאָר שאַפּיר און באַקלאַ־נאָוו זײַנען שוין דאַן אין בוכענוואַלד ניט גע־ווען. מיט צוויי טעג פריִער האָבן די עסעסאָוו־צעס, פילנדיק, אַז אין לאַגער איז ניט רויִק, באַשטימט עוואַקויִרן אַלע, אַף וועמען ס'איז גע־פאַלן אַ חשד, און אין דער ערשטער ריי די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע. דעם 9־טן אַפּריל האָט זיך אין לאַגער אַרײַנגעריסן אַ ראָטע עסעסאָווצעס — מאָטאָציקליסטן. לויט צוגע־גרייטע צעטלען האָבן זיי גענומען אַרויסשלעפּן פון די באַראַקן די אָנגעמערקטע מענטשן, ניט זשאַלעווענדיק דערבײַ קיין קלעפּ. מע האָט זיי אַרײַנגעוואָרפן אין לאַסט־וואַגאָנעס, און בלויז אין וועג האָבן די פאַרורטיילטע אַף טויט זיך דערוווּסט, אַז מע פירט זיי צו דער טשעכאָס־לאָוואַקישער גרענעץ.

ניט ווײַט פון דער גרענעץ האָט דעם צוג באָמבאַרדירט די אַמעריקאַנער אַוויִאַציע. אַ סך זײַנען אומגעקומען אונטער די באָמבעס, אייניקע האָט זיך אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן, די איבערגעבליבענע האָט מען אונטער אַ שטאַר־קער וואַך אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס. איצט האָט מען זיי שוין געטריבן צופוס. וווּהין זיי גייען, האָט קיינער ניט געוווּסט. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מע וועט זיי פאַר־טרײַבן אין די בערג לעבן דער טשעכאָסלאָוואַ־קישער גרענעץ און דאָרט זיי צעשיסן. באַקלאַ־נאָוו, די סאָוועטישע אָפיצערן ניקאָלײַ סימאַ־קאָוו, מיכאַיִל לעוואָשענקאָ האָבן געמונטערט די כאַווערים, זיי זאָלן זײַן גרייט צו אַ ווידער־

שימען שאַפּיר (רעכטס) און סעמיאָן יאַניטשקין

שטאַנד (באַ אייניקע איז געווען געווער, וואָס עס האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַהאַלטן באַם אַרויסגיין פונעם לאַגער), אויסנוצן די מינדסטע מעגלעכקייט צו אַנטלויפן און גרופּעסווײַז זיך דערקלײַבן צו די טשעכישע פּאַרטיזאַנער אָדער צו דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע איז גע־שטאַנען ניט ווײַט פון פּראָג.

אין איינער אַ פינצטערער נאַכט, דעם 28־טן אַפּריל, גייענדיק איבער אַ בריק, שוין גאָר נאָענט צו דער טשעכאָסלאָוואַקישער גרענעץ, זײַנען שימען שאַפּיר, יעפים סטעבנענקאָ און סעמיאָן יאַניטשקין אַראָפּגעשפּרונגען אין טײַכל. די קאַנוואָיִרן האָבן עפּעס באַמערקט און אָנ־געהויבן שיסן, נאָר אין קיינעם ניט געטראָפן. איבערגעשווומען דאָס טײַכל, האָבן זיי זיך דערקליבן צו אַ געדיכטן וואַלד. דאָ האָבן זיי באַשלאָסן זיך פאַנאַנדערגיין אין פאַרשיידענע זײַטן, קעדיי ניט וואַרפן זיך אין די אויגן. נאָך עטלעכע טעג בלאָנדזשעניש, האָט זיך שאַפּירן אײַנגעגעבן צו דערקלײַבן זיך צו די טשעכישע פּאַרטיזאַנער. דעם 9־טן מײַ איז ער שוין געווען אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי און אָנטיילגענומען אין באַפרײַען פּראָג. שפּעטער האָט ער געדינט אין דער אַרמיי אַף דער טער־ריטאָריע פון דײַטשלאַנד. אין סענטיאַבער 1946 ווערט ער דעמאָביליזירט און קערט זיך אום אין זײַן היימשטאָט טיראַספּאָל.

און אָט איז שימען שאַפּיר ווידער אין טי־ראַספּאָל. ער קומט אָן אַרבעטן אַלס מעכאַני־קער אַף דער ניי־פאַבריק, וווּ ער מידט זיך ביז הײַנט־צו־טאָג. פאַרליבט אין זײַן פאַך, האָט ער פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר אַרײַנגעטראָגן 30 ראַציִאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע און העכערן די אַרבעטס־פּראָ־דוקטיווקייט. מע האָט אים צוגעטיילט דעם טיטל „בעסטער ראַציִאָנאַליזאַטאָר“, ניט לאַנג צוריק האָט ער באַקומען אַ גאָלדענע מעדאַל פון דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג.

אָפּט ברענגט דער פּאָטשטאַליאָן שאַפּירן בריוו פון זײַנע פרײַנט און מיטקעמפער אין בוכענוואַלדער לאַגער. באַזונדערס האָט ער זיך דערפרייט, ווען עס האָבן זיך אָפּגעזוכט די שפורן פון סטעפאַן באַקלאַנאָוו — יענעם האָט זיך אויך אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן, דער־קלײַבן זיך צו די טשעכישע פּאַרטיזאַנער און פאַרענדיקן די מילכאָמע אױף דער טעריטאָריע פון דײַטשלאַנד. שאַפּיר האָט אים אָנגעשריבן:

„טײַערער סטעפאַן!

מיט גרויס פרייד האָב איך זיך דערוווּסט אײַער אַדרעס. ניט געווען קיין איין טאָג, איך זאָל אײַך ניט דערמאָנען, און ניט נאָר איך, אויך מײַן גאַנצע מישפּאָכע, מײַן פרוי און מײַנע ביידע טעכטער. איר האָט דאָך ניט איין מאָל מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. מעגלעך, אַז איר האָט שוין פאַרגעסן. מיר זײַנען צוזאַמען געווען אין בוכענוואַלד. מע רופט מיך שימען שאַפּיר (אין לאַגער — שאַפּעראָוו)”...

באַקלאַנאָוו האָט אים גלײַך געענטפערט:

„סעמיאָן באָריסאָוויטש, טײַערער פרײַנט מײַנער!

דײַן בריוו איז געווען פאַר מיר א סיורפּריז. דו האָסט גענוי באַשריבן אַלע דײַנע איבער־לעבונגען, קעדיי איך זאָל זיך דערמאָנען וועגן דיר. עס איז ניט נייטיק, ברודער! אַזעלכעס פאַרגעסט מען ניט. ווי נאָר איך האָב דערזען דײַן נאָמען אױפן קאָנווערט, האָב איך זיך גלײַך דערמאָנט וועגן אַלע פרײַנט און קאַמפּס־כאַ־ווײרים פון בוכענוואַלד! איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ביסט א גוטער, איבערגעגעבענער אָר־בעטער און ראַציאָנאַליזאַטאָר. איך באַגריס דיך מיט דער מעדאַל פון דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג און ווינטש דיר גרויס דערפאָלג... און איך בין א בויער, דורכגעלייגט אַן אײַזנבאַן אין דער טײַגע, געאַרבעט אױף דער בויונג פון דער בראַטסקער געס, איצט בוי איך אין סיביר די שטאָט אַנזעבאַ.

א דאַנק פאַר דער אײַנלאַדונג קיין טיראַס־פּאָל. בא דער ערשטער מעגלעכקייט וועל איך קומען. איך נעם דיך אַרום, ווי א לײַבלעכן ברודער.

סטעפּאַן באַקלאַנאָוו”.

שימען שאַפּירן האָט זיך אײַנגעגעבן אויפזוכן נאָך אייניקע פון זײַנע כאַווײרים (קאַרפּאָוו, יאַניטשקינען אאַ.) ניטאָ קיין טאָג, ווען די פּאָטשט זאָל ניט ברענגען קיין בריוו אין הויז נומ. 112 אױף קאַרל־מאַרקס־גאַס אין טיראַספּאָל, וווּ ער וווינט. אויך מיט אייניקע דײַטשישע מיטקעמפער שרײַבט ער זיך איבער. זײַן על־טערע טאָכטער איזאַבעלאַ האָט זיך באַפרײַנ־דעט מיט עריך בערס טאָכטער סאַניע.

עריך בער האָט אים דאָ ניט לאַנג געשריבן:

„מײַן טײַערער פרײַנט סעמיאָן!

שוין אַדורך אַזויפיל יאָרן, זינט מיר האָבן זיך באַפרײַט פון בוכענוואַלד, נאָר איך האָב דיך ניט פאַרגעסן, טײַערער סעמיאָן! דײַן בריוו האָט מיר דערמאָנט אין אַלץ, וואָס מיר האָבן צוזאַמען איבערגעלעבט. אונדזער קאַמף קעגן דעם פאַשיזם, אונדזער געמיינזאַמע אַרבעט האָט אויסגעשמידט א פעסטע פרײַנטשאַפט אױף שטענדיק.

אין בוכענוואַלד ביסטו געווען א בײַשפּיל פאַר אַלעמען. מיר, דײַטשישע קאָמוניסטן, וועלן דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

מיר וועלן זײַן זייער צופרידן זיך טרעפן מיט דיר. מיט פרייד און שטאָלץ נעם איך אָן דײַן אײַנלאַדונג צו באַזוכן דיך און דײַן פאַ־מיליע אין דײַן שיינעם היימלאַנד”.

י. הוטנער, א. שפּילבערג.

ליטעראַרישע געדענק=דאַטעס

צום 100־טן געבורטסטאָג

פון ב. שאַפּיר

די ליד פון א שטריק

בּאָרוועס, האַלב־נאַקעט, פאַרברענט פון דער זון,
געגאַרטלט מיט פלאַקס, דעם רוקן געבויגן,
דער שוויס פון אים רינט, די הענט אויסגעצויגן,
און דוכט זיך, פון האַרצן ער ציט אויס דאָס פלאַקס
און זעט אויס א שאָטן. און געל, ווי א וואַקס,
ער גייט און ער שפּינט, גייט הין און צוריק
און זינגט זיך דערבּײַ א ליד פון א שטריק:
„היי, גיכער, נו, דריי, דער שטריק איז נאָך דין,

דריי, דריי, דריי,
פייגעלעך פליִען,
דו קוק ניט אהין.
דריי, דריי, דריי...
נאָך א סטאָלקע
און נאָך צוויי.
דער שטריק איז נאָך דין,
צי ווייסטו דערפון?
דריי, דריי, דריי...

און פלעגט ער אַמאָל אין ביידער ניט קומען,
א ייִנגל א שייגעץ, וואָס אים גאַר זיך גלוסט:
א פייגעלע כאַפּן, צעוואָרפן א נעסט,
אין וואַלד אַרײַן גיין — ניס דאָרטן רײַסן,
דערפאַר האָט דער רעבע געשראָקן מיט שמײַסן
און טאַקע געשמיסן, דערצו נאָך גענומען
דעם שייגעץ געבונדן צום טיש מיט א שטריק:
— „איצט גיי נאָר, נו, פּרוּוו נאָר, דו מאַמזער, דו, זניק!
שטיי, שטיי, שטיי!"

איצט? דריי, דריי, דריי,
פייגעלעך פליִען,
דו קוק ניט אהין.
דריי, דריי, דריי.
נאָך א סטאָלקע
און נאָך צוויי.
דער שטריק איז נאָך דין,
צי ווייסטו דערפון?
דריי, דריי, דריי...

אים ווילט זיך שוין לערנען, א לערער אים פעלט
און פידל צו שפּילן אים האָט זיך פאַרגלוסט.
דער טאַטע שרײַט: „באַכער! וואָס גייסטו אום פּוסט?
אָט נא דיר א שטריק, גיי אַרויס אויפן מאַרק!

נישקאָשע, גיי, גיי, דו טראָג אַפּן קאַרק
א זעקל, א קעסטל, פאַרדין דיר אַף ברויט,
דו ביסט מיר צו שווער, דו מאַכסט מיר דעם טויט,
דו האָסט מיר די הויט שוין פון לײַב אָפּגעשיילט!
גיי, גיי, גיי".

איצט? דריי, דריי, דריי...
בלימעלעך בלײַען —
דו קוק ניט אַרײַן.
דריי, דריי, דריי.
נאָך א סטאַלקע
און נאָך צוויי.
דער שטריק איז נאָך דין —
צי וועסטו דערפון?
דריי, דריי, דריי...

אַט ליבט ער א מיידל, אָ, לײַדט ער דערפון!
זי איז דאָך דעם שוסטערס... זײַן טאַטע איז פרום.
און זוכט ער זי אָפּ, רעדט אויס נאָר איין וואָרט,
וואַקסט אויס די מאַמע דאָ באַלד אַפּן אָרט:
— „אוי, ווי, דו פאַרשעמסט מיך, דו מאַכסט מיר צום נאַר!
א שוסטער! איך וויל ניט, וואָס קומט מיר דערפאַר?
גיי, האָרעווע אַף קינדער... אַט האָסטו א זון!
ווי, ווי, ווי".

נו, דאָרטן, דריי, דריי, דריי...
און שײַנט שוין די זון —
וואָס האָב איך דערפון?
דריי, דריי, דריי.

דער דיכטער פון דער אָדעסער אָרעמשאַפט

אין די יאָרן פון דער אימפּעריאַליסטישער מיל־כאָמע האָט מען אין די אָרעמסטע געסלעך פון דער אָדעסער מאָלדאַוואַנקע געקאָנט באַגעגענען איינעם א ווייניק־באַוווּסטן שרײַבער — ב. שאַפּירן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבער די קויטיקע פאַרדומפּענע קעלער־שטיבער, באַקאַנט זיך מיט די דאָרטיקע אײַנוווינער, און אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געזען, איז פאַרשריבן געוואָרן אין נאָטיץ־ביכל.

„דער טאַטע איז א צײַטונג־פאַרקויפער, די מאַמע גייט מיטן קויש אַרום. צוויי ייִנגלעך מיט א מיידל פון א יאָר נײַנצן אַרבעטן אַף דער פּאַפּיראָסן־פאַבריק" — אַט וועמען ב. שאַפּיר האָט פאַרצייכנט אין זײַן בוך „קעלער־שטיבער".

אָדער:

„דאָס זיבן און דרײַסיקסטע יאָר גייט איר שוין, און קיין איין גוטן, ליכטיקן טאָג האָט זי נאָך ניט געהאַט אין איר לעבן. שוין פינף און צוואַנציק יאָר אַרבעט זי בא די בלומען".

אַט דאָס זײַנען געווען די העלדן, וואָס ב. שאַפּיר האָט דערזען אַף דער מאָלדאַוואַנקע, פאַרשטייער פון אָקאָרשט־פּראָלעטאַריזירטער און האַלב־פּראָלעטאַריזירטער אָרעמשאַפט, וואָס איז שוין אין א געוויסער מאָס פאַרבונדן מיט דער פאַבריק, טראָגט אַף זיך דעם יאָך פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און רײַסט זיך — אַמאָל באַוווּסטזיניק און אַמאָל נאָך גאָר אומבאַוווּסטזיניקערהייט — פון אַט דעם יאָך זיך צו באַפרײַען.

באַוויזן זיך אין ב. שאַפּירס ווערק, האָבן די

נאָך א סטאָלקע
און נאָך צוויי.
דער שטריק איז נאָך דין,
צי ווייסטו דערפון?
דריי, דריי, דריי...

און פּרוּווט ער זיך האנדלען, און האנדלט מיט פלאקס
„וואָס דען איז דער טאכלעס, דער טאטע ז׳געֶרעכט.
ער מיינט דאָך מײַן טויווע, צי איז עס דען שלעכט?״
דאָס טראכט זיך מײַן באָכער און האנדלט און לויפט.
דערזעט ער נאָר טויבן, פארווילט זיך, ער קויפט,
„אוי, באָכער, דו טויגסט ניט פונדאַנען אהין,
צעשרײַט זיך דער טאטע — וואָס טויג דיר דאָס טון?
נו, זע, זע, זע״?

היי, דאָרטן, דריי, דריי, דריי...
טײַבעלעך פליִען,
זיי רופן און ציִען
דריי, דריי, דריי...
נאָך א סטאָלקע
און נאָך צוויי...
דער שטריק איז נאָך דין —
צי ווייסטו דערפון?
דריי, דריי, דריי...
געטריבן, געיאָגט אזוי לאנג, אזוי ברייט,
געפּײַניקט מיט קלאָלעס, מיט דאכקעס, מיט נויט.
און ווערט ער א דרייער בא שטריק פארן ברויט,
און ארבעט און ארבעט און דרייט אָן א סאָף,
ווען גאָט אליין שלאָפט נאָך, פון שלאָף שטייט ער אוף
און ארבעט, און ארבעט, גייט הין און צוריק.

דאָזיקע העלדן ניט בלויז אין זײַנע פארצייכענונגען פון דער מאָלדאוואנקע, נאָך מיט א היפשער צײַט פריִער, אין די יאָרן 1905 — 1906, ווען ב. שאפּיר איז ארויסגעטראָטן מיט זײַנע ערשטע דערציילונגען („דער פרעמדער״, „ווידער אין פאבריק״), האָט זיך געלאָזט מערקן, ווי זײַנע העלדן שטאמען דאָסראָוו פון אָט יענע קעלער־שטיבער, ווו ער האָט זיך צונויפגעשטויסן מיט דער אָרעמשאפט.

און פונקט דאָס זעלבע האָט מען געקאָנט זאָגן אויך וועגן זײַנע לידער. אויך אין ב. שאפּירס לײַדער טרעפט מען אף שריט און טריט עפּיזאָדן, גענומענע פונעם לעבן פון דער גרויס־שטאָטישער אָרעמשאפט, אויך דאָ זעט מען, ווי נאָענט צונויפגעוואקסן ב. שאפּיר איז געוועזן מיט די אײַנוווינער פון די אָרעמע פאָרשטעט, האָט ב. שאפּיר געשריבן א גרעסערע פּאָעמע „פרומעלע״, האָט ער פאר דער העלדן פון זײַן פּאָעמע גענומען אן אָרעם מיידל.

א פרויען־געשטאלט, ענלעך צו די, וועלכע ב. שאפּיר האָט פארצייכנט אין זײַנע בילדער פון דער מאָלדאוואנקע.

שטענדיק און אומעטום, אף אלע וועגן פון זײַן שאפן האָט ב. שאפּיר געהאלטן אין זיקאָרן דאָס גרויליקע בילד פון דער אָדעסער מאָלדאוואנקע, שטענדיק און אומעטום האָט ער געדענקט וועגן די פארפּײַניקטע לעבנס, וואָס ווערן דערשטיקט דאָרט אין די האלב־כאָרעווע קעלער־שטיבער. און דאָס איז, אייגנטלעך, געוועזן זײַן אייניציקער בארוף אין דער ליטעראטור: לאָזן הערן די שטים פון די אָרעמע פאָרשטעט. די שטים פון דער גרויסשטאָטישער ייִדישער אָרעמשאפט.

א שווערן, ביז גאָר שווערן, וועג האָט דורכגעמאכט דער דיכטער ב. שאפּיר. געקומען אין דער ליטעראטור דירעקט פון דער פאבריק, ווו ער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט אף זיך דעם יאָך פון קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע, האָט ער אין פארלויף פון זײַן פופצניאָריקער ליטערארישער טעטיקײַט — ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע — ניט אופגעהערט צו זײַן דער אָביעקט פון דער סאמע שענדלעכסטער, סאמע דערנידערנדיקסטער עקספּלואטאציע דורך ליטעראטור און קלוימערשט לעשעם ליטעראטור.

פאר א פרעמדלינג אין דער בורזשואז־קליינבירגערלעכער סוויווע פון דער דעמלטיקער ליטעראטור האָט ב. שאפּיר טאקע געמעגט פארעכנט ווערן. ער איז געוועזן דאָ א פרעמדער נאָך דעמלט, ווען ער האָט געשריבן אף א פארשטעלטן אויפן קלוימערשט אין נאָמען פון זײַנעם א יוגנט־פרײַנט הערשל!

שפּעטער — הערשל ווערט א מאסקיל,
האלט פון ביאליקן און פרוגן.
אים נאָר איינס אין זיי געפעלט ניט,
וואָס זיי יאָמערן און קלאָגן.

דורכגעדרונגען מיט טיפן אָפּטימיזם, האָט שאפּיר זיך ניט געשראָקן פאר די שווערע דערשיטערונגען,

אָט קלאַפּט ער דאָס פלאַקס, אָט שפּינט ער דעם שטריק,
עס בינדט זיך דער טאָג מיט דער נאַכט און ער דרייט,

דריי, דריי, דריי!
די יאָרן גיך פליִען,
עס ווילט זיך אָפּרוען,
דריי, דריי, דריי...
נאָך א סטאָלקע
און נאָך צוויי...
דער שטריק איז נאָך דין —
צי ווייסטו דערפון?..

באָרועס, האלב־נאַקעט, פארברענט פון דער זון,
געגאַרטלט מיט פלאַקס, דעם רוקן געבויגן,
דער שווייס פון אים רינט, די הענט אויסגעצויגן,
גייט ער און שפּינט ער, גייט הין און צוריק
און זינגט זיך דערבײַ א ליד פון א שטריק...

היי, גיכער, נו דריי, ווען לאָזט זיך עס אויס?
דריי, דריי, דריי!..
ביז די נעשאָמע פון מיר וועט ארויס,
דריי, דריי, דריי...
זאָלן פייגעלעך פליִען,
זאָל שײַנען די זון,
זאָלן בלימעלעך בליִען,
זאָל קרייען דער האָן,
זאָל קומען די נאַכט,
זאָלן בלישטשען די שטערן —
דער שטריק מוז דאָך ווערן
וואָס גיכער געמאַכט!

וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך דער גאַנג פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָליוציע. פול מיט אַקטיוון, טעטיקן גלויבן, האָט ער געקוקט אין מאָרגנדיקן טאָג ארײַן.

ער שרײַבט אין זײַנער א ליד:

אָ, שטאַרקער דרייט ארויס דעם לאָמפּ!
די שאָטנס, שווארצע וואָלקן,
זעט, קריכן שטיל אום אף די ווענט,
ווי רוכעס גאַנצע פאָלקן.
ניט קאַרגט, ניט קאַרגט קיין נאַפט און קנויט,
נאָך גרעסער מאַכט דאָס פײַער —
א בלינדער זאָל דערזען די שײַן.
די שײַן, וואָס איז אונדז טײַער.

וועמענס מוט, וועמענס האָפעדיקײַט האָט ב. שאַפיר דעמלט אויסגעדריקט? וועמענס אָפּטימיזם האָט באַפליגלט זײַנע לידער? קיין צילבאַוווסטער קעמפער, קיין אידייִש־באַוואָפנטער רעוואָליוציאָנער איז ב. שאַפיר ניט געווען. וואַרפנדיק אין זײַנער א ליד דעם רוף: אין קאַמף פאַר מענטשן־רעכט — פאָרויס — האָט ב. שאַפיר דערבײַ אָבער גאָרנישט ניט געטאָן אף צו קאָנקרעטיזירן אָט דעם אַלגעמיינעם רוף צום „קאַמף פאַר מענטשן־רעכט“. ער האָט עס ניט געטאָן דערפאַר, ווײַל אים האָט געפעלט יענער קלאָר־אויסגעשפּראָכענער רעוואָליוציאָנערער קלאַסן־באַוווּסטזײַן, וואָס מיר טרעפן, לעמאָשל, בא מאָריס ווינטשעווסקין. פאַר יעדן איינעם, ווער עס לייענט ב. שאַפירס ערשטע לידער, מוז אָבער ווערן קלאָר, אַז דאָ איז געקומען צום אויסדרוק דער אָפּטימיזם פון א יונג־אופשטײַגנדיקן סאָציאַלן שיכט, וואָס האָט אין די יאָרן ארום 1905 דערפילט אַן אופברויז פון פרישע קויכעס, א פריש־באַנײַטן ווילן צום לעבן, אַן ערשט־דערוואַכטן ווילן צום קאַמף.

אין ב. שאַפירס קראַפטפולע לידער פון יענער צײַט האָט זיך דורכגעריסן צום וואָרט דער וועלט־באַנעם פון יענעם האָרעפּאַשניק, וואָס איז ניט לאַנג ערשט אריבערגעטראָטן די שוועל פון דער קאַפּי־טאַליסטישער פאַבריק און האָט זיך דאָרטן אָנגע־הויבן דורכדרינגען מיטן באַוווּסטזײַן, אַז אויסער די קייטן האָט ער, דער פּראָלעטאַריער, גאָרנישט ניט צו פארלירן אין קאַמף — געווינען קאָן ער אָבער די גאַנצע וועלט. אָט דער דאָזיקער אָקאָרשט־דער־וואָרבענער באַוווּסטזײַן שפּילט נאָך מיט דער גאָרער פרישקײַט אין ב. שאַפירס ערשטע לידער, דאָס דיקטירט אים א דורכויס נײַע באַציִונג צום גאַנצן ארום, דאָס גיט אים מוט ארויסצוטרעטן פון דער פּאָזיציע פון נאָענטקײַט צו די אָקאָרשט־אופגעוואַק־טע שיכטן פון דער גרויסשטאָטישער אָרעמשאַפט, וועלכע האָבן אין גאַנג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע זיך א צי געטאָן צו א נײַעם לעבן, צו נײַע ליכטיקערע האָריזאָנטן.

די גרויסע רעוואָליוציע־כוואַליע איז אָבער אײַנ־גיכן געפאַלן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שווערע יאָרן פון רעאַקציע. פונעם דיכטער, וואָס האָט ניט לאַנג ערשט אזוי פעסט און גלויביק גערופן: „אין

דריי, דריי, דריי.
נאָך א סטאָלקע
און נאָך צוויי...
דער שטריק איז נאָך דין —
צי וויסטו דערפון?
דריי, דריי, דריי!..

בא גאָט אף קעסט

זיצן זיך צוויי פייגעלעך
שטיל אין זייער נעסט.
זיצט די „זי” אף אייעלעך,
„ער” — בא גאָט אף קעסט.

וואקסן אויס די קינדערלעך,
בויען זיי א נעסט.
זיצט די „זי” אף אייעלעך,
„ער” — בא גאָט אף קעסט.

וואקסן אויס די אייניקלעך,
בויען זיי א נעסט.
זיצט די „זי” אף אייעלעך,
„ער” — בא גאָט אף קעסט.

* * *

ס'איז ווידער פארוואָלקנט דער הימל,
די זון איז שוין ווידער פארשטעלט,
עס ציטערט שוין ווידער אין דרימל
פאר דונער און בליצן די וועלט.

עס שושקען זיךביימער אין וועלדער,
עס דרייט זיך דער שטויב אף דער ערד
און לויפט איבער שטעט, איבער פעלדער,
ווי רוכעס און שיידים אף פערד...

אָ, צי ניט און שרעק ניט, דו, הימל,
א בליץ און א טראַך מאך דערפון!
א גאַס און א שווענק אָפּ דעם שימל —
און גיכער באווײַז אונדז די זון!

קאמף פאר מענטשן־רעכט פאָרויס”, האָט זיך געפאָדערט, ער זאָל אָט דעם רוף מיט א באזונדערער קראפט איבערכאזערן אין דער וויסטער צײַט פון דער רעאקציע, ווען די ליטעראטור איז פול געוואָרן מיט אלערליי רענעגאטן־שטימונגען, קליינבירגערלעכער פארצווייפלונג און פרום־פאנאטישן נאציאָנאליזם, וואָס האָט גערופן „צוריק אין שול אריין”.

ב. שאפיר האָט קעגן דעם דאָזיקן אָנגריף פון דער שווארצער רעאקציע זיך ניט געקענט אנטקעגנשטעלן. אָנשטאָט צו ווארפן אין דער רעאקציאָנערער ליטעראטור דאָס טיף־איבערצײַגטע וואָרט פון רעוואָליוציאָנערן מוט, רעוואָליוציאָנערן גלויבן האָט ב. שאפיר אָנגעהויבן צווייפלען אין זײַנע אייגענע קויכעס. ער האָט אָנגעהויבן פארלירן די זיכערקײַט אין זײַן אייגענעם בארוף. מיטגעווירקט דערבײַ האָט, פארשטייט זיך, די סאָציאַלע באזע, פונוואנען עס האָט געשטאמט ב. שאפירס שאפן.

צו דער צײַט פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט זיך געקאָנט דאכטן, אז ב. שאפיר איז שוין קימאט אינגאנצן אן אויסגעשעפטער שרײַבער מיט א קנאפן גלויבן אין זיך, אין זײַן מאָרגנדיקן טאָג. די רעוואָליוציע האָט אָבער באוויזן ארײַנצוהויכן איר אָטעם אין אָט דעם אויסערלעך־דעמאָראליזירטן דיכטער, זי האָט אפסנײַ אים דערמונטערט, געשאפן באדינגונגען, ער זאָל ווידער זיך א נעם טאָן צו דער פען. ב. שאפיר האָט זיך גענעצט שרײַבן א סאָציאַלע קאָמעדיע „רענטגען־שטראלן”, וואָס זאָל ברענגען צום וואָרט זײַן נעגאטיווע שטעלונג צו דער יידישער בורזשואזיע. די קאָמעדיע איז אָנגענומען געוואָרן צום דרוק אין מעלוכע־פארלאג. זי איז שוין אפילע אויסגעזעצט געוואָרן, און ס'איז געווען צו גלייבן, אז דאָס וועט נאָך מער דערמונטערן ב. שאפירן צו ווײַטערדיקער ארבעט, אָבער דאָ איז געקומען דער טויט און האָט געמאכט א סאָף צו אלע ליטערארישע פלענער שאפירס.

אין ב. שאפירס שאפונג איז בוילעט אָפּגעשפיגלט דער סטילן־קאמף, וועלכער הייבט זיך אָן אין דער יידישער ליטעראטור אין פעריאָד ארום 1905. די גרונט־טענדענץ פון שאפירס ווערק איז געווען — אן אָפענער ארויסטריט קעגן דער הערשנדיקער טראדיציע פון דער קליינבירגערלעכער ליטעראטור. ניט אידעאליזירנדיק ב. שאפירן, אָבער אויך ניט פארמינערנדיק זײַנע עמעסע פארדינסטן, דארפן מיר ריכטיק אָפּשאצן די ווערק זײַנע, פון וועלכע עס ציִען זיך קלאָרע און דײַטלעכע פעדים, פון איין זײַט — צו דער עלטערער פראָלעטארישער דיכטונג אין אמעריקע, פון דער צווייטער זײַט — צו די אָנהויבן פון דער סאָוועטיש־פראָלעטארישער דיכטונג אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

נ. אויסלענדער
(פון זײַן שעפערישער ירושע)

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל

אלעקסאנדער האק

א מישפּאָכע פון אַלטע באָלשעוויקעס

דער אווטאָר פון דער דאָזיקער פאַרצייכענונג איז א וויסנשאַפטלעכער טוער פונעם צענטראַלן רעוואָליוציע־מוזיי פון פּסטר, א קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן. אַלץ, וואָס עס ווערט דאָ דערציילט וועגן דער מישפּאָכע ראָזאָווסקי, איז באַשטעטיקט דורך דאָקומענטן.

אין איינעם א פרילינג־פרימאָרגן פון 1921 האָט אַנע דאַווידאָוונאַ ראָזאָווסקאַיאַ, די פּאַרטײַוואָרטלעכע טוערן פונעם מאָסקווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, באַקומען א צעטעלע פון פעליקס דזערזשינסקי מיט דער ביטע, זי זאָל אַרײַנגיין צו אים אויף א שמועס. פעליקס עדמונדאָוויטש האָט געקענט ראָזאָווסקען נאָך פון די יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע — זייערע וועגן האָבן זיך אָפּט איבערגעקרייצט אין די שווערע צײַטן פונעם קאַמף קעגן דעם צאַריזם.

אַנע דאַווידאָוונאַ האָט געטראַכט וועגן דזערזשינסקיס צעטעלע: ער וויל, אַפּאַנעם, זי זאָל אַריבערגיין אַרבעטן אין טשעקאַ, וועלכע האָט דעמלט זיך שטאַרק געניייטיקט אין דערפאַרענע, געבילדעטע מענטשן. זי האָט זיך דערמאָנט אין אירע פאַררעוואָלוציאָנערע יאָרן. אָט זעט זי זיך אין הויף פונעם פעטערבורגער מעטאַלורגישן זאַוואָד, וווּהין די פּאַרטיי האָט זי געשיקט אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן אין דער מעלוכע־דומע. דאָס איז געווען אין יאָר 1912. די קאַדעטן האָבן זיך דעמלט בלאָקירט מיט די ליקווידאַטאָרן און מענשעוויקעס, געפירט א ברייטע קאַמפּאַניע, מע זאָל אויסוויילן אין דער דומע א געוויסן דעפּוטאַט — א געמיינזאַמען פאַר די אַרבעטער און פאַר די פאַבריקאַנטן. שטייענדיק לענגויס די ווענט, זיצנדיק אויף די פאַררייכערטע פענצטער־ברעטער, אָדער אויף די קאַסטנס פון אינסטרומענטן, האָבן די זאַוואָד־אַרבעטער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די אַרויסטרעטונגען פון די רעדנער. דאָס ערשטע וואָרט האָט באַקומען דער פאָרשטייער פון די קאַדעטן.

א הויכער יונגערמאַן, מיט א וויזיטקע אויפן קאָפּ, האָט ער, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זײַן שטעקן מיט א גאָלדן קעפּל, גערעדט מיט א קוויטשיקער שטים, דרייענדיק אַלע ווײַלע נערוועז דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, אונטערהייבנדיק יעדעס מאָל מיט איין פינגער די פּענסנע.

— אונדזער אויפגאַבע, — האָט ער אויסגערופן מיט פּאַטאָס, — באַשטייט איצט דערין, מיר זאָלן אויסוויילן אין דער מעלוכע־דומע קאַנדידאַטן, וועלכע זאָלן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. לאָמיר פאַרגעסן, כאָשעווע בירגער, די פּאַרטיי־רײַסערײַען, לאָמיר דערקלערן א בעקאָוועדיקן וואָפנשטילשטאַנד און אויסוויילן אונדזערע געמיינזאַמע דעפּוטאַטן, וואָס זאָלן אויסדריקן די אינטערעסן פון דער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי...

עס האָבן זיך דערהערט שיטערע אַפּלאָדיסמענטן, באַלד האָט זיך צעקלונגען דאָס גלעקל פונעם פאָרזיצער, וועלכער האָט געגעבן דאָס וואָרט דעם פאָרשטייער פון די אַרבעטער. אַנע ראָזאָווסקאַיאַ האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס, האַסטיק אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס קאָפּטיכל, אַרומגעכאַפּט מיטן בליק דעם זאַל און אָנגעהויבן ריידן מיט א זיכערער, מוטיקער שטים:

— טײַערע כאַווײרים! מיר האָבן נאָרוואָס אויסגעהערט דעם פאָרשטייער פון די קאַדעטן. ווי שיין ער האָט גערעדט! און ניט נאָר שיין — אפילע גוט. — דער פאָרזיצער האָט א צופּרייטענער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זי באַגריסט מיט א שמייכל, ווי מע זאָגט: „אונדזערער א

אף דער פאָטאָ, ווו עס זײַנען באַוויזן וו. אי. לענין און נ. ק. קרופסקאַיאַ בא דער קרעמל־וואַנט בײַס דער ערשטמײַיקער דעמאָנסטראַציע אין 1919, זעט מען א. ד. ראָזאָווסקאַיאַ (די דריטע פון לינקס)

מענטש! — אָבער, — האָט פאַרגעזעצט ראָזאָווסקאַיאַ, — בא דעם דאָזיקן רעדנער קלעפּט זיך עפּעס ניט א וואָרט צו א וואָרט. וועדליק זײַנע רייד, זײַנען מיר אַלע, די אַרבעטער און די זאַוואָד־אייגנטימער, ברידער, מיר לעבן אין פרײַנטשאַפט און אין ליבשאַפט. איז דאָס ניט קאָמיש? שטעלט זיך פאָר: א שלאָסער פונעם אינסטרומענטאַלן צעך און דער זאַוואָד־פאַרוואַלטער זײַנען לײַבלעכע ברידער... שוין איינמאָל ברידערלעך! (דער זאַל האָט אויסגעבראָכן מיט א געלעכטער. דער פאָרזיצער האָט שוין ניט געקאָנט רויִק אײַנזיצן אף זײַן שטול)...

די דאָזיקע דערמאָנונג האָט ראָזאָווסקען פאַרשאַפט פאַרגעניגן, און זי איז א פריילעכע אוועק אין טשעקאַ. א מינוט צוואַנציק האָט זי זיך געזאַמט אין דזערזשינסקיס קאַבינעט. ניט געקוקט אף דער שווערער פאַמיליען־לאַגע, ניט געקוקט אף דער קרענק פון איר מאַן, איז זי אַריבער אף אַרבעט אַלס געהילף פון דעם שעף פונעם אינפאָרמאַציע־אָפּטייל פון טשעקאַ.

אין דרײַ און פערציק יאָר אַרום נאָך דער דאָזיקער געשעעניש, אין סענטיאַבער 1964, האָט די מאָסקווער געזעלשאַפטלעכקײַט אָפּגעמערקט אינעם הויז פון די געלערנטע דעם 90־טן געבורטסטאָג פונעם ערשטן פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר געזונט־פאַרהיטונג, לענינס נאָענטסטן מיטקעמפער — ניקאָלײַ אַלעקסאַנדראָוויטש סעמאַשקאָ. דער יובילאַר אַליין האָט שוין דעמלט ניט געלעבט (ער איז געשטאָרבן אין 1949), נאָר דער אָנדענק וועגן אים, וועגן זײַנע גרויסע אויפטוען איז פאַרבליבן אף אייביק. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם אָוונט איז געווען דער רעוואָליוציע־מוזיי פון פּססר. און מיר, אַלס וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער פונעם מוזיי, האָט די דירעקציע באַופטראָגט צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר דער דאָקומענטאַלער פאָטאָ־אויסשטעלונג לעקאָוועד דעם יובילאַר.


Мандат
Революционный Комитет при Бутырском Совете Рабочих и Кол...
...
...Комиссаром Военной части Бутырского Района
27 Октября 1917

דער מאַנדאַט פון ראָזע ראָזאָווסקאַיאַ (ראָזאָוואָ), וועלכן עס האָט איר אַרויסגעגעבן דער בוטירסקער סאָוועט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן

ארבעטנדיק איבער די ארכיוון, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אַף א צעטעלע פון וו. אי. לענינען צו נ. א. סעמאַשקאָ, דאַטירט דעם 9 דעקאַבער 1921: „כ׳סעמאַשקאָ! דער דאָקטער גאַטיע בעט מיך, איך זאָל אָנעמען מיטלען צו היילן ראַזאָווסקין (בעסער פון אַלץ אין אויסלאַנד, אין דײַטשלאַנד). ער האָט א קראַנק האַרץ און ווינטער פילט ער זיך ערגער. אײַער לענין״.

פון אָט דעם דאָקומענט האָבן זיך אָנגעהויבן מײַנע זוכענישן, וועלכע האָבן געדויערט קימאַט צען יאָר, און דויערן נאָך ביז הײַנט.

דאָס צעטעלע איז פאַרעפנטלעכט אינעם 54־טן באַנד פון דער פולער זאַמלונג פון וו. אי. לענינס ווערק. אין די קאָמענטאַרן צו אָט דעם באַנד האָב איך געפונען ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן וועגן ראַזאָווסקין: א מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי פון 1901. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געווען אַף אָנפירנדיקער ארבעט אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, דערונטער אינעם אינטערנאַציאָנאַלן ראַט פון די פראָפאַריינען און אין פאַלקאָמיסאַרן־האַנדל. געשטאָרבן אין 1924.

עס איז אַוועק א יאָר נאָכן סעמאַשקאָ־אָוונט אינעם הויז פון די געלערנטע, און איך האָב אַלץ ניט געקאָנט פאַרגעסן וועגן דער פאַמיליע ראַזאָווסקי. איינמאָל האָב איך — צום ווייפלטן מאָל — איבערגעלייענט ל. נ. טאָלסטאָיס ראָמאַן „וואָסקרעסעניע״ און אָנגעטראָפן אָפן עפּיזאָד, ווו דער פירשט נעכליודאָוו באַגלייט קאַטיושע מאַסלאָוואַ קיין סיביר. אין וועג (אין יעקאַטערינבורג) באַקאַנט זיך נעכליודאָוו מיטן פאַרשיקטן קרילצאָוו, א זון פון א רײַכן גוטבאַזיצער. קרילצאָוו דערציילט דעם פירשט א געשיכטע, ווי מע האָט אופגעהאַנגען א יונגן ייִדישן סטודענט. די פאַמיליע פונעם סטודענט איז ראַזאָווסקי. ער איז געזעסן אין איין טפיסע מיט קרילצאָוון. טאָלסטאָי האָט אַזוי אויסגעמאָלט דעם פאָרטרעט פונעם סטודענט: „א דאַרינקער, א קליינינקער, מיט גלאַנציקע שוואַרצע אויגן, א לעבעדיקער און... זייער א מוזיקאַלישער. זײַן שטים האָט זיך נאָך געבראָכן, נאָר געזונגען האָט ער פרעכטיק. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַלט זיבעצן, נאָר אויסגעזען האָט ער ניט מער פון פופצן״. איינמאָל האָט מען ראַזאָווסקין אַרויסגערופן פון טפיסע אין געריכט, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער צו וויסן געגעבן, אַז מע האָט אים צוגעמישפּעט צום טויט. קיינער האָט אין דעם ניט געגלייבט, ווײַל די שולד פונעם סטודענט איז געווען ניט קיין ערנסטע. נאָר אין איינעם א פרימאָרגן האָט מען אים אַרויסגעפירט, און מער האָט ער אין דער קאַמער זיך ניט אומגעקערט. דער אורטייל איז אויסגעפילט געוואָרן, דעם יונגן סטודענט האָט מען אופגעהאַנגען. אַזוי באַשרײַבט די געשיכטע ל. נ. טאָלסטאָי.

אינעם נאָמען־רעגיסטער פונעם ראָמאַן איז וועגן ראַזאָווסקין אָנגעוויזן: „ראַזאָווסקי יאָסיף איסאַקאָוויטש (אַרום 1860 — 1880), א רעוואָליוציאָנער־נאַראָדאָוואָלעץ, אופגעהאַנגען אין קיִעוו״, און, אַזויאַרום, איז צו זען, אַז ניט אַלע פערסאָנאַזשן פונעם ראָמאַן זײַנען אויסגעטראַכטע. יאָסיף ראַזאָווסקי איז א רעאַלע פערזאָן.

אין יענער צײַט אָבער האָט מיך אינטערעסירט בלויז דער פאַקט, וואָס בא טאָלסטאָיען איז דערמאָנט די פאַמיליע ראַזאָווסקי, און בא לענינען איז געבראַכט די פאַמיליע ראַזאָווסקי. זײַנען דאָס צופעליקע מענטשן, וועלכע טראָגן איין פאַמיליע, צי קרויווים? מיקויעך אַנע ראַזאָווסקאַיאַ, וואָס פון איר האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער פאַרצייכענונג, האָב איך דעמלט נאָך גאָרנישט ניט געוווּסט.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער איניען איז ווײַט ניט אַזאַ קאָמפּליצירטער. איך האָב באַשלאָסן אָפּזוכן עמעצן פון די קרויווים פון די צוויי ראַזאָווסקיס, און קוידעמקאָל האָב איך זיך געווענדט אין „מאָסגאָרספּראַווקאַ״. און שטעלט זיך פאָר מײַן כידעש, ווען איך האָב באַקומען אַדרעסן פון העכער צוואַנציק ראַזאָווסקיס, וועלכע וווינען אין מאָסקווע! מיט א טאָג שפּעטער — נאָך אַזויפיל אַדרעסן, אַרום און אַרום מער פון פופציק. וועלכער פון די אַדרעסן האָט א שײַכעס צו דעם, וועמען איך זוך? די פאַרשונג האָט אָפּגענומען אַן א שיר צײַט, געדולד און נערוון, אָבער אַלע מײַנע נײַע אַדרעסאַטן — איך האָב זיי באַזוכט אָדער אין א וואָכנטאָג, נאָך דער ארבעט, אָדער זונטיק — האָבן זיך לאַכלוטן ניט אָנגעקערט ניט מיט דעם ראַזאָווסקי, וואָס וועגן אים האָט געשריבן ל. נ. טאָלסטאָי, ניט מיט דעם, וועגן וועמען וו. אי. לענין האָט געשריבן אין זײַן צעטעלע צו סעמאַשקאָן. עפּשער זײַנען יענע, וועמען איך זוך, שוין אַלע געשטאָרבן? — האָב איך געטראַכט. פון דער צווייטער זײַט, עפּשער לעבן זיי ניט אין מאָסקווע? עס קאָן אויך זײַן, אַז זיי טראָגן אַנדערע פאַמיליעס, באַזונדערס די פרויען? עס איז דאָך שוין פאַרגאַנגען מער פון אַכציק יאָר. עפּשער לוינט בעסער א זוך טאָן אין די ביבליאָטעקן?

דאָרטן טאַקע האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַרן ערשטן פּעדעמל. אין דער היסטאָרישער ביבליאָטעק און אין דער לענין־ביבליאָטעק האָב איך אין אַלטע ביכער און אין פאַרגעלטע צײַטונגס־קאָמפּלעקטן געפונען צוזאַמלעכע ידיעות וועגן יאָסיף ראָזאָווסקין — דעם זעלבן, וועלכן מע האָט געקעפּט אין קיִעוו. אינעם בוך פונעם היסטאָריקער און ליטעראַטאָר וו. יאַ. באָגוטשאַרקי — „פון דער געשיכטע פונעם פּאָליטישן קאַמף״, דערשינען נאָך אין 1912 — ווערט דערציילט, אַז דעם 21 פעברואַר 1880 איז אין קיִעוו „פאָרגעקומען דער פּראָצעס איבער לאָזינסקין און דעם 20־יאָריקן ראָזאָווסקין, וועלכע עס האָט באַשריבן מיט זייערע אייגענעמען ל. נ. טאָלסטאָי אינעם ראָמאַן „וואָסקרעסעניע״. ראָזאָווסקי איז באַשולדיקט געוואָרן אין אויסבאַהאַלטן רעוואָלוציאָנערע פלוגבלעטלעך, אויך אין דעם, אַז בײַ אים האָט געגעכטיקט עמעצער פון די אומלעגאַלע. דערפאַר איז ראָזאָווסקי פאַרמישפּעט געוואָרן צו טויט־שטראָף. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר טשערטקאָוו האָט באַשטעטיקט דעם אורטייל, און דעם 5 מאַרט איז ראָזאָווסקי אויפגעהאַנגען געוואָרן״. דער פאַקט, אַז מע האָט ראָזאָווסקין אויפגעהאַנגען ווערט באַשטעטיקט אין פיל קוואַלן.

אין אַ צווייט בוך, דערשינען אין 1926, ווערן אויך געבראַכט וויכטיקע דעטאַלן וועגן ראָזאָווסקין און זײַן מישפּאָכע. ער האָט געלעבט, ווי מיר דערוויסן זיך, צוזאַמען מיט זײַן מוטער, אַן אָרעמער פרוי, און מיט זײַן ייִנגערן ברודער. די פּרעסע האָט געשריבן, אַז אַלע אָרנטלעכע מענטשן פון רוסלאַנד זײַנען דערשיטערט געוואָרן פון אָט דער טויט־שטראָף. ראָזאָווסקי איז געוואָרן אַ קלאַל־נאָמען אין דער ליטעראַטור פון יענע יאָרן. „אין יענעם טאָג, ווען מע האָט אויפגעהאַנגען דעם סטודענט ראָזאָווסקי, — לייענען מיר, — האָט זײַן ייִנגערער ברודערל זיך אַרויסגעוואָרפן פונעם פענצטער. זייער אומגליקלעכע מאַמע איז אַראָפּ פון זינען״. אָט אַזוי האָבן אַלץ מער פאַקטן דערגאַנצט די טראַגישע געשיכטע פונעם סטודענט ראָזאָווסקי.

אָף דעם אָבער האָט זיך דאָס פּעדעמל, וואָס האָט מיך פאַרבונדן מיט די ראָזאָווסקיס, ווידער איבערגעריסן. קיין נײַע ידיעות וועגן זיי האָב איך ניט געפונען. איך האָב געבלעטערט צײַטונגס־קאָמפּלעקטן, שטודירט ביכער — אומזיסט, מער האָב איך זיך גאָרנישט ניט דערוווּסט. איך וואָלט שוין פאַרלאָרן די האָפענונג, ווען ניט איין אומגעריכטע באַגעגעניש, וואָס וועגן איר לוינט צו דערציילן גענויער.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מײַן קאָלעגע לויט דער אַרבעט אין צענטראַלן רעוואָלוציע־מוזיי פון פּסטר מיך געבעטן, איך זאָל צופאָרן צו אַן אַלטער באָלשעוויטשקע אַהיים און זיך באַקאַנען מיט אירע דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן — עפּשער איז דאָרט פאַראַן אַזוינס, וואָס טויג פאַר די מוזיי־פאָנדן. איך בין אָבער געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אַנדערע איניאָנים. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מײַן קאָלעגע איבערגעכאַזערט די באַקאָשע, און איך בין אין איינעם אַ שאַבעס־טאָג אַוועקגעפאָרן לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס. די פאַמיליע פון דער פרוי איז געווען מאַזעל. איר געשיכטע איז טאַקע אַן אינטערעסאַנטע. געבוירן אין ווילנע אין 1888, איז זי נאָך אין די יונגע יאָרן צוגעשטאַנען צו די רעוואָלוציאָנערע קרײַזן. אין אָנהייב 1905 האָט אונטערן אײַנדרוק פונעם „בלוטיקן זונטיק״ אין פּעטראָגראַד זיך פאַרשטאַרקט אין ווילנע, ווי אין אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד, די כוואַליע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די יונגע רעוואָלוציאָנערקע האָט געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר אָרגאַניזירן שטרײַקן, פאַרשפּרייט פלוג־בלעטלעך פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אין אָקטיאַבער 1905 האָט די ווילנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, לויטן רוף פון די פּעטערבורגער און מאָסקווער אײַזנבאַנער, דערקלערט אַ שטרײַק, וועלכער האָט שפּעטער אַרומגעכאַפּט אויך אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון ווילנע האָבן אַלע אונטערנעמונגען אָפּגעשטעלט די אַרבעט. ווי אומעטום אין רוסלאַנד, האָט דער ווילנער פּראָלעטאַריאַט באַוויזן זײַן באַהעפטקײַט און אַנטשיידן דערקלערט וועגן זײַנע רעכט.

אין סאָף פונעם 1905 איז ציליע מאַזעל אַרויסגעפאָרן קיין קאָוונע און האָט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פונעם קרײַזל, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן צווישן די קוסטאַרן און בעקערס. אין ווילנע גופא האָט זי אָנגעפירט מיט אַ צווייט קרײַזל, וועלכן עס האָבן באַזוכט די לעדער־אַרבעטער. אין 1907 איז זי אָפיציעל געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (באָלשעוויקעס). וועגן איר אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט איז געוואָרן באַוווּסט אין דער פּאָליציי, און אין 1908 האָט מען זי, נאָך אַן אונטערזוכונג אין איר דירה, אַרעסטירט. צען כאַדאָשים האָט מען זי געהאַלטן אין טפיסע, ווי אַ געפערלעכן פּאָליטישן פאַרברעכער. אַרויס אָף דער פרײַ, איז זי, לויט דער אָנווײַזונג פונעם ווילנער פּאַרטיי־קאָמיטעט, אַריבערגעפאָרן מיט אַ פרעמדן פּאַספּאָרט קיין

פעטערבורג, ווו מע האָט דעמלט אַרעסטירט איר מאַן — ייִסראָעל מאַזעל (דער פּאַרטיי־נאָמען „סערגיי"). אין פּעטערבורג האָט זי שנעל אײַנגעשטעלט פאַרבינדונגען און זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט. אירע כאַווײרים זײַנען אין יענעם פּעריאָד געווען די באַוווּסטע רעוואָליוציאָנערע טוער וו. סלוצקאַיאַ, יע. קראַווטשענקאָ, יע. סטאַסאָוואַ און אײניקע אַנדערע.

אין 1911 איז צ. מאַזעל צום צווייטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן.

די אַלטע באָלשעוויטשקע האָט דערציילט, און איך האָב מיט פלײַס פאַרשריבן אירע דערינערונגען. אין די איבערײַסן האָב איך באַטראַכט די דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן און אָפּגעקליבן יענע, וואָס האָבן אַן אינטערעס פאַרן מוזיי.

שפּעטער, ווען איך האָב געזוכט צוגאָבלעכע מאַטעריאַלן וועגן דער מישפּאָכע ראַזאָווסקי, האָב איך אין מאָסקווע, אויף דער גאַס באָלשאַיאַ פּיראָגאָווסקאַיאַ, אינעם צענטראַלן מעלוכע־אַרכיוו, געפונען אין פאָנד פונעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַ מעמאָראַנדום, אָנגעשריבן דעם 5 סענטיאַבער 1911 אויפן נאָמען פון „זײַן מאַיעסטעט דעם הער דירעקטאָר פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט". אין מעמאָראַנדום איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז אין פּעטערבורג האָט מען אַרעסטירט אַ נײַע גרופּע רעוואָליוציאָנערן, צווישן זיי די „ווילנער מעשטשאַנקע מאַזעל..."

ווי עס איז אָנגעוויזן אין דער מיטיילונג פון דער זשאַנדאַרמעריע, האָט מען „קיינע דאָקומענטן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן איר פאַרזענלעכקײַט, ניט געפונען. דעריבער האָט מען זי אויך אונטערזוכט און אַרעסטירט". אָפּהאַלטנדיק זי דרײַ כאָדאָשים אין דער פּעטערבורגער טפיסע, האָט מען זי אַרויסגעשיקט אין איר היים־שטאָט ווילנע. פון דאָרט איז זי מיט איר מאַן אַוועקגעפאָרן קיין דאָנבאַס. אין 1916 — אַ נײַער אַרעסט. בייס דער פעוורואַל־רעוואָליוציע און דערנאָך בייס דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט זי געלעבט אויף דער אוקראַינע און דאָרט אַקטיוו געקעמפט פאַרן זיג פון דער סאָוועטנמאַכט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג, די סיטואַציע אין די ראַיאָנען, ווו זי האָט געפירט דעם קאַמף, האָט זיך זייער אָפט געביטן: סקאָראָפּאַדסקי, די הײַדאַמאַקעס, מאַכנאָווצעס...

אַרעסטירט האָט מען זי צופעליק, בייס אַ מאַסן־אָבלאַווע. מע האָט זי געבראַכט אין שטאַב פונעם ווײַסגוואַרדייִשן טייל. „פאַרהערן און דערשיסן" — האָט אַרויסגעזײַט צווישן די ציין דער דעניקינישער אָפיצער. דעם אורטייל האָבן די ווײַסגוואַרדייער בעדייע געהאַט אויסצופילן אינדערפרי.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן: וויפל שווערע ניסיוינעס איז אַרויסגעפאַלן אויף די שוואַכע אַקסלען פון אָט דער פרוי. און זי דערציילט וועגן דעם אַזוי רויִק!

איר גרופּע האָט אָפּגעגליקט צו ראַטעווען זיך. דער ווײַסגוואַרדייער, וואָס האָט געפירט דעם פאַרהער, האָט זיך, אָפּאַנעם, דערפילט מיד און איז אויף אַ ווײַלע אַרויס אין שכייניש צימער אָפּצורוען: דער איניען איז דאָך שוין פאַרענדיקט, די פראַגע געלייזט. ציליע מאַזעל האָט אַ קוק געטאָן אויפן טעלעפאָן־אַפּאַראַט, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש: מע דאַרף אויסנוצן די געלעגנהײַט. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל און אָנגעקלונגען אין שכייניש דאָרף — דאָרט זײַנען געשטאַנען אונדזערע רויטאַרמייער און פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זי געקענט. איצט זעט עס אויס, ווי אַ פאַנטאַזיע, נאָר דעמלט איז דאָס געווען די לעבעדיקע וואָר. באַנאַכט זײַנען די פּאַרטיזאַנער פונעם שכייניש דאָרף באַפאַלן די ווײַסגוואַרדייער און האָבן באַפרײַט די גרופּע סאָוועטישע טוער.

נייַן, ניט שטענדיק האָט איר געשפּילט דאָס מאַזל. אין איינעם אַ טאָג האָבן די דעניקינצעס געכאַפּט איר מאַן און אים דערשאָסן.

אינגיכן זײַנען פון אוקראַינע פאַרטריבן געוואָרן די ווײַסגוואַרדייער און אינטערווענטן, און ציליע מאַזעל איז אויף פּאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. אין 1921 שיקט זי די דאָנבאַסער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אַלס דעלעגאַט אויפן X צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מאָסקווע. דאָ האָט זי געהאַט דאָס גליק ניט בלויז צו זען און הערן לענינען, נאָר אויך ריידן מיט אים ערעוו דעם צוזאַמענפאָר.

דערנאָך זײַנען אַוועק אָנגעשטרענגטע יאָרן פון אַרבעט און לער. „צײַט, פאָרויס!" — אַזאַ איז געווען דער לאָזונג פון די מענטשן פון איר דאָר. אָט ליגט פאַר מיר אַ דאָקומענט פון איר גרויסן אַרכיוו. „אין 1922, — שרײַבט צ. מאַזעל, — האָט דער צק רקפּ(ב) מיך מאָביליזירט אויף אַרבעט אין פינאַנצ. דאָרט האָט מען מיך באַשטימט אַלס מיטגליד פון דער קאָמיסיע צו קעמפן קעגן באַנדיטיזם, מיטגליד פונעם גובערניאַלן געריכט און פאָרזיצער פון דער קאַסאַציע־קאָלעגיע. נאָך דרײַ יאָר אַרבעט האָט מען מיך אָפּגערופן קיין מאָסקווע און אַריבערגעפירט אינעם פּרויען־אָפּטייל פון צק אַלקפּ(ב). אין 1926 בין איך געשיקט געוואָרן אין „קרעסטיאַנסקאַיאַ גאַזעטאַ", ווו איך בין פינף יאָר געווען פאַרוואַלטער פונעם

די מישפּאָכע ראַזאָווסקי

וואסילי מאַקאַשעוו און זײַן טאָכטער אירינא

סאָלאָמאָן ראַזאָווסקי

פריץ פּלאַטען און ל. ראַזאָוו־סקאַיא. ציוריך, 1924

מאסן־אָפטייל. פון 1931 ביז 1933 האָב איך זיך געלערנט אינעם אינסטיטוט פון דער רויטער פּראָפעסור, אָבער ענדיקן דעם אינסטיטוט האָט זיך מיר ניט איַינגעגעבן. לויט דער מאָביליזאציע פונעם צק אלקפ(ב) בין איך געשיקט געוואָרן אין מאָסקווער געגנט־קאָמיטעט פון דער פארטיי. איך האָב געארבעט אלס פארטיי־פאָרשער און אלס מיטגליד פון דער געגנטלעכער קאָנטראָל־קאָמיסיע. אין דער זעלבער צייַט בין איך געווען א קאָנסולטאנט פון דער קינדער־קאָמיסיע באם וצִיק. אַף אָט דעם פאָסטן האָב איך אָפגעארבעט ביזן 1941".

און אָט איז א דאָקומענט פון גאָר אן אנדער פעריִאָד.

1942. די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע. ציליע מאזעל איז צוזאמען מיטן געזינד עוואקויִרט אין נאָוואָסיבירסקער געגנט. אַף א בלאנק פון דעם נאָוואָסיבירסקער געגנטקאָם פון דער פארטיי איז פארשריבן אן אָפיציִעלע צייַגעניש: „כ־טע מאזעל צ. ז. ווערט קאָמאַנדירט אין מאָשקאָווער ראיאָן אַף אויסצופילן א ספּעציִעלן אופטראָג פונעם געגנטקאָם פון דער אלקפ(ב). סעקרעטאר פון נאָוואָסיבירסקער געגנטקאָם סיאָמין".

מיט צ. מאזעל זייַנען מיר אָפגעזעסן ביז שפעט אין אָוונט. פארן אוועקגיין האָבן מיר אָפגערעדט, אז מאָרגן וועלן מיר פאָרזעצן די ארבעט. צונויפקלייַבנדיק פון טיש די דאָקומענטן, האָב איך פארן געזעגענען זיך מעכאניש א פרעג געטאָן: „ציליע זאכאראָוונא, ווי איז אייַער מיידלשע פאמיליע?" „ראָזאָווסקאיא", — האָט זי געענטפערט. צי דערפאר, וואָס איך האָב זייער שארף זיך א קער געטאָן אין איר זייַט, צי ווייַל זי האָט דערזען, אז איך בין אויסערסט פארכידעשט, האָט זי איבערגעכאזערט נאָכאמאָל לויט די זילבן: „ראָ־זאָווסקאָ־יא". דעמלט האָב איך זיך צו איר געווענדט מיט נאָך אייך פראגע: „צי זייַנען בא אייַך פאראַן ברידער, ווענמען וו. אי. לענין האָט געקענט?". „איך האָב אייַך הייַנט דערציילט בלויז וועגן מייַן לעבן, — האָט זי געזאָגט. — וועגן דעם לעבן פון מייַנע ברידער און שוועסטער האָב איך זיך געקליבן דערציילן דאָס צווייטע מאָל. נאָר אַף וויפל איר פרעגט, וועל איך אייַך זאָגן, אז מייַנע ברידער און שוועסטער זייַנען געווען פערזענלעך באקאנט מיט וולאדימיר איליטשן. איינעם פון די ברידער, סאָלאָמאָנען, דערמאָנט וו. אי. לענין אין א צעטעלע צום פאָלקס־קאָמיסאר פאר געזונט־אָפהיטונג סעמאשקאָ".

דאָס איז געווען אזא גליקלעכער צופאל, וואָס עס איז גאָר שווער זיך צו פאָרשטעלן. באזונדערס אינטערעסאנט איז אָבער דאָס, וואָס ראָזאָווסקי, ווענמען לעוו טאָלסטאָי האָט באשריבן אין זייַן ראָמאן, געהערט אויך צו דער דאָזיקער מישפּאָכע!

אַף מאָרגן גאנצפרי בין איך שוין געווען בא ראָזאָווסקאיא־מאזעל. דאָס מאָל האָט געגעבן דערקלערונגען צו די דאָקומענטן און פאָטאָגראפיעס ניט בלויז ציליע זאכאראָוונא, נאָר אויך איר טאָכטער ליודמילע סערגייעוונא, א קאנדידאט פון עקאָנאָמישע וויסנשאפטן. פון יענעם טאָג אָן, וואָס ער איז בא מיר געווען געגליכן צו א וויסנשאפטלעכער אנטדעקונג, בין איך געווען אן אָפטער אריַינגייער אין אָט דער דירע אַף ארבאט. ס'האָט זיך מיר בעהאדראָגע אייַנגעגעבן צו פעסטשטעלן דעם גוירל פון אלע מיטגלידער פון דער ווילנער מישפּאָכע ראָזאָווסקי.

דער סטודענט ראָזאָווסקי, ווענמען די צארישע מאכט־אָרגאנען האָבן אופגעהאנגען אין קיִעוו, איז געווען ציליעס א פעטער, און ראָזאָווסקי, וואָס וו. אי. לענין האָט זיך געזאָרגט וועגן זייַן געזונט, איז געווען איר לייַבלעכער ברודער. אין ציליע זאכאראָוונעס היימישן אָרכיוו האָבן מיר געפונען דאָקומענטן און פאָטאָגראפיעס, וועלכע האָבן באשטעטיקט די היסטאָרישע וואָרהאפטיקייַט פון דעם, וואָס די אלטע באָלשעוויטשקע האָט דערציילט. די דאָקומענטאלע מאטעריאלן האָבן געהאָלפן אופלעבן די געשטאלטן פון מענטשן, וועלכע זייַנען פארבליבן אין זיקאָרן אלס פלאמיקע רעוואָליוציִאָנערן.

עס האָט זיך פארהיט א פאָטאָגראפיע, אַף וועלכער מע זעט די מערהייַט מיטגלידער פון דער פאמיליע ראָזאָווסקי. די פאָטאָגראפיע האָט זיך באַוויזן אַף דער וועלט מיט זיבעציק יאָר צוריק. אַף איר זעט מען קימאט בלויז פרויען. און ווו זייַנען ציליעס ברידער? גאנץ פּאָשעט: אין יענעם טאָג, ווען די פאָטאָגראפיע איז געמאכט געוואָרן, האָבן די ברידער ניט געקאָנט זייַן — זיי זייַנען געזעסן אין טפיסעס פאר רעוואָליוציִאָנערער טעטיקייַט. אין צענטער פון דער פאָטאָגראפיע זיצט נאדעזשדע גריגאָריעוונא ראָזאָווסקאיא — א גלידשוועסטערקינד פון יענעם יאָסיף ראָזאָווסקי, וועלכן מע האָט געקעפט אין קיִעוו. נאדעזשדע גריגאָריעוונא איז ארומגערינגלט פון אירע קינדער. פערצן קינדער האָט זי געהאט. איינס איז געשטאָרבן נאָך אן אייפעלע, די איבעריקע דרייַצן האָבן אָנטיילגענומען אינעם רעוואָליוציִאָנערן קאמף. עלף פון זיי זייַנען געוואָרן קאָמוניסטן. אין אָנהייב פון די דרייַסיקער יאָרן האָט דער ראט פון די פאָלקס־קאָמיסארן פון פססר באשטימט פאר נאדעזשדע גריגאָריעוונא ראָזאָווסקאיא

קרעמל 1918. וו. אי. לענין צווישן א גרופּע מיטאַרבעטער פֿונעם סעקרעטאַריאַט פֿון ראַטפֿאָלקאָם (אין דער ערשטער ריי די ערשטע פֿון רעכטס סילווע ראַזאָווסקאַיאַ)

א פּערסאָנעלע פּענסיע אלס אָנטיילנעמערן אין דער רעוואָליוציע און אלס א מוטער, וועלכע האָט דערצויגן עלף קאָמוניסטן. זיי אַלע זײַנען געבוירן געוואָרן אין ווילנע. דאָרט זײַנען זיי אויסגעוואַקסן און אַרײַנגעטראָטן אין רעוואָליוציאָנערן קאַמף. דער פֿאָטער האָט געאַרבעט אויף א ציגל־זאַוואָד. ער איז געשטאָרבן אין 1921. די מוטער, נאַדעזשדע גריגאָריעווּנאַ ראַזאָווסקאַיאַ, האָט געהאָלפֿן די קינדער אויסבאַהאַלטן פֿלוגבלעטלעך און אומלעגאַלע ליטעראַטור, זי האָט שטאַרק איבערגעלעבט יעדן אַרעסט. געשטאָרבן איז זי אין 1933.

אויף דער פֿאָטאָ (זײַט 127) די ערשטע פֿון לינקס שטייט סילווע ראַזאָווסקאַיאַ, אין שטוב האָט מען זי גערופֿן פּאָשעט: סילווע. זי איז געווען אן אַקטיווער אָנטיילנעמער פֿונעם קאַמף קעגן צאַריזם. אין 1911, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פֿון בערלין, וווּ זי האָט שטודירט אין דער אַקאַדעמיע פֿון אויסלענדישע שפּראַכן, איז זי געקומען קיין פּעטערבורג צום ברודער. איינמאָל האָט זי באַקומען א פּאַרטיי־אויפֿגאַבע צו אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלע דרוקערײַ. מיטן ברודערס צעטעלע איז זי אַוועק אויף דער „יאַוּוקע״. צוגעגאַנגען צו דער טיר און אָנגעקלאַפּט, ווי מע האָט איר געהייסן. די טיר האָט זיך געעפֿנט — און זי איז גלײַך אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון פּאָליציי־לײַט: די „יאַוּוקע״ איז דורכגעפֿאַלן. בײַ דער אונטערזוכונג האָט זי אַרויסגענומען פֿון דער קעשענע דאָס קאָנספּיראַטיווע צעטעלע פֿון איר ברודער און פֿאַר די זשאַנדאַרן אין די אויגן קעהערעף־אײַן אַראָפּגעשלונגען עס. מע האָט זי אַכזאָריעסדיק געשלאָגן, דערנאָך אַרעסטירט און עטלעכע כאָדאָשים אָפּגעהאַלטן אין טורמע.

אין 1915 — 1916 האָט סילווע געלעבט אין לאָזאַן (שווייץ), וווּ זי האָט זיך געטראָפֿן מיט א גאַנצער ריי רוסישע פּאַרטיי־טוער. אין א יאָר אַרום, ווען זי האָט זיך אומגעקערט קיין ווילנע, איז זי ווידער אַרײַנגעפֿאַלן אין טפּיסע.

אין א קורצער צײַט אַרום נאָכן באַפֿרײַט ווערן, איז סילווע אַריבערגעפֿאָרן קיין פּעטראָגראַד. אין דער פּאַרטיי איז זי אַרײַנגעטראָטן אין סענטיאַבער 1917, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, אין 1919 פֿרײַוויליק אַוועק אויפֿן פֿראָנט. אין 1921 איז זי אַריבערגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. עס האָבן זיך פֿאַרהיט עטלעכע דאָקומענטן וועגן איר אַרבעט. אין איינעם פֿון זיי, אַרויסגעגעבן דעם 14 יול 1920, ווערט באַשטעטיקט, אַז ס. ראַזאָווסקאַיאַ איז געווען „א מיטאַרבעטערן פֿונעם אַרכיוו באַם סעקרעטאַריאַט פֿון צק רקפּ״. א צווייטער דאָקומענט שטעלט מיט זיך פֿאָר א כאַראַקטעריסטיק, אַרויסגעגעבן דעם 25 דעקאַבער 1932 מיצאַד דעם סעקרעטאַר פֿונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט באַם אַלפֿאַרבאַנדישן קאָמו־

ניסטישן אינסטיטוט פון זשורנאַליסטיק אפן נאָמען פון „פּראַוודאַ“, ווו סילווע ראָזאָווסקאַיאַ האָט דעמלט געלערנט.

געשטאָרבן איז זי אין 1949, אין עלטער פון 52 יאָר.

סילוואַ ראָזאָווסקאַיאַ מיט איר פאָטער

אין דער אונטערשטער ריי, אַף רעכטס פון סילווען, זעען מיר יעליזאַוועטע ראָזאָווסקאַיאַ. אין אַפּרעל 1917, ווען זי איז געווען אַ נײַנצניאָריק מיידל, האָט זי געהאַט דאָס גליק צו הערן וו. אי. לענינען, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן מיט זײַן היסטאָרישער רעדע אין קסעשינסקעס פּאַלאַץ.

אינגיכן האָט יעליזאַוועטעס שוועסטער — ראָזע, וועלכע האָט געוווינט אין מאָסקווע, געביטן זיך מיט איר מיט די דירעס. יעליזאַוועטע איז אַזוי־אַרום געוואָרן אַ מאָסקווער אײַנוווינערן און איז אָנגעקומען אַף אַרבעט אין דעם מאָסקווער סאָוועט. פּונקט דאַן איז זי געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דערנאָך האָט מען זי איבערגעפירט אינעם אַפּאַראַט פון וציק, שפּעטער אין דער פאַרוואַלטונג מיט די איניאַנים פון ראַטפאָלקאָם. דאָ האָט זי פיל מאָל געזען און געהערט וולאַדימיר איליטשן און אַפילע אויסגעפילט זײַנע קלענערע אויפטראָגן. אינעם צענטראַלן פּאַרטיי־אַרכיוו פון דעם אינסטיטוט פון מאַרקסיזם־לעניניזם באַם צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָב איך געפונען צוויי פאָטאָ־בילדער, אַף וועלכע ליזע ראָזאָווסקאַיאַ איז פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט לענינען. די פאָטאָגראַפיעס געהערן צו דער צײַט, ווען וולאַדימיר איליטש האָט ערשט זיך אויסגעהיילט נאָך דער פאַרוווּנדונג און האָט ווידער געפירט די זיצונגען פונעם ראַטפאָלקאָם. פון דער פאָטאָגראַפיע קוקט אַף אונדז אַראָפּ אַ באַשיידן מיידל פון אַכצן יאָר.

ליזע האָט געוווינט אין קרעמל. איר פרײַע צײַט פלעגט זי אָפט פאַרברענגען באַ איר שוועסטער בערטע, וועלכע האָט צוזאַמען מיטן מאַן פּאַוועל מאַלקאָוו אויך געוווינט אין קרעמל (פּאַוועל איז געווען קאָמענדאַנט פון קרעמל). איינמאָל אין אַ זונטיק־טאָג האָט אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן לענין און געפרעגט באַם קאָמענדאַנט: „צי וועט זיך אָפּזוכן אַ פרײַער צימער פאַר אַן אויסלענדישן קאָמוניסט?“. דער אויסלענדישער קאָמוניסט איז געווען פריץ פּלאַטען, סעקרעטאַר פון דער שווייצאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער, שפּעטער קאָמוניסטישער, פּאַרטיי, דער זעלבער פּלאַטען, וועלכער האָט אין 1917 אָרגאַניזירט דאָס אָפּפאָרן פון אַ גרופּע רוסישע רעוואָליוציאָנערן מיט וו. אי. לענינען בעראָש פון דער שווייץ, דעם לעצטן אָרט פון זייער עמיגראַציע, דורך דײַטשלאַנד קיין רוסלאַנד. אין פרילינג 1918, בייס וו. אי. לענין איז געפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל מיט פ. פּלאַטענען איבער די מאָסקווער גאַסן, האָבן באַנדיטן באַשאָסן די מאַשין. דערהערט די שאָסן, האָט פּלאַטען גיך צוגעבויגן וו. אי. לענינס קאָפּ צו זיך און פאַרשטעלט אים מיט זײַן קערפּער. פּלאַטען איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער האַנט.

פּלאַטען האָט זיך באַזעצט אין קרעמל. ער פלעגט אָפט באַזוכן די דירע פון בערטעס מאַן. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט ליזען, און אין אַ יאָר אַרום איז זי געוואָרן זײַן פרוי. דעם זעלבן זומער זײַנען פּלאַטען מיט יעליזאַוועטע ראָזאָווסקאַיאַ אַרויסגעפלויגן מיט וו. אי. לענינס אַ ספּעציעלן אויפטראָג קיין אויסלאַנד. דאָס איז געווען אין 1920, אין רעכטן ברען פון דער מילכאָמע מיט די ווײַספּאָליאַקן. ווען זייער אַעראָפּלאַן איז איבערגעפלויגן די פראָנט־ליניע, איז ער באַשאָסן געוואָרן, אַ קויל האָט געטראָפן אין בענזין־באַק. דער פליִער האָט, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, געלאַנדעט אין אַ זומפּ ניט ווײַט פון קאָוונע. פּלאַטענען און יעליזאַוועטע ראָזאָווסקאַיאַ האָט מען אַרעסטירט און אָפּגעהאַלטן אַ האַלב יאָר אין טפיסע. געראַטעוועט זיי האָט פּלאַטענס שווייצאַרישער פּאַספּאָרט. אין דער שווייץ האָט יעליזאַוועטע אָפּגעלעבט פינף יאָר און אין 1925 זיך אומגעקערט אַהיים. דאָ האָט זי געאַרבעט אַלס סאָ־

ליסטקע אין לענינגראדער מאריִנער טעאטער, וועלכער הייסט איצט טעאטער פון אָפּערע און באַלעט אַף קיראָווס נאָמען.

אין 1939 איז יעליזאַוועטע ראָזאָווסקאַיאַ ווידער אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד און האָט זיך אומגעקערט אַהיים שוין נאָך דער מילכאָמע. אין 1971 איז זי געשטאָרבן.

די דריטע טאָכטער פון נאַדעזשדע גריגאָריעוונאַ (אַף דער פּאָטאָ די ערשטע פון לינקס) איז ראָזע ראָזאָווסקאַיאַ, לויטן מאַנס פאַמיליע — באַגראָווע. איר לעבן איז אויך געווען ענג פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציע. לאָמיר דאָ באַמערקן אַן אינטערעסאַנטן היסטאָרישן פאַקט — איר מאַנס ברודער ד. באַגראָוו איז באַקאַנט אין דער געשיכטע אַלס דער, וואָס האָט דערשאָסן דעם צאַרישן מיניסטער, דעם שוואַרצמייעניק סטאָליפּין.

ראָזע ראָזאָווסקאַיאַ איז אַרײַנגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי אין 1912. איר פאַרטיי־נאָמען איז געווען „ראָזאָווא״. אין האַרבסט 1917 האָט זי געאַרבעט אין בוטירקער ראַיאָן אַלס פאַרטיי־אַגיטאַטאָר. דער בוטירקער ראַיאָן איז געווען איינער פון די גרעסטע אין מאָסקווע, דאָ האָבן זיך געפונען אַ פינף צענדליק פאַבריקן און זאַוואָדן, און אַפן כאָדינקער פעלד — די קאַזאַרמעס פונעם מאָסקווער גאַרניזאָן. ראָזאָווא פלעגט אָפט אַרויסטרעטן פאַר די סאָלדאַטן. אַ פּרעכטיקער אָראַטאָר, האָט זי געקאָנט פאַרכאַפּן מיט אירע רייד אַ גרויסע אַודיטאָריע, איבערצײַגן די צוהערער. דערפאַר טאַקע האָט דער פאַרטיי־קאָמיטעט איר אָנגעטרויט די פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין די מיליטער־טיילן.

ראָזאָווא איז געווען איינע פון די זיבן מיטגלידער פונעם קריגס־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין אָקטיאַבער 1917 אַף אָנצופירן מיטן באַוואָפנטן אויפשטאַנד אינעם ראַיאָן. אין רעוואָלוציע־מוזיי געפינט זיך אַ צײַגעניש, וואָס ראָזע ראָזאָווסקאַיאַ האָט באַקומען דעם 27 אָקטיאַבער 1917. אין דער צײַגעניש ווערט געזאָגט, אַז זי איז באַשטימט אַלס קאָמיסאַר פון די מיליטער־טיילן פונעם בוטירקער ראַיאָן. די סאָלדאַטן פונעם גאַרניזאָן, וווהין זי איז געקומען מיט אַ פאַרטיי־אויפטראָג פונעם קריגס־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, האָבן אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקײַט איר רעדע, און זיי זײַנען לויט איר רוף טייקעף אַוועק צוהילף דעם מאָסקווער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד פאַרן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. בעראָש פון אַ ווזוואָד רויטגוואַרדייער איז געגאַנגען אין שלאַכט קעגן די יונקערס ראָזע ראָזאָווסקאַיאַ.

דעם 7 נאָיאַבער 1918 זײַנען אין מאָסקווע, ווי אין אַנדערע שטעט פון לאַנד, פאָרגעקומען מאַניפעסטאַציעס פון די אַרבעטנדיקע אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. ראָזע ראָזאָווסקאַיאַ איז אַלס פאָרשטייער פון דעם בוטירקער ראַיאָנישן פאַרטיי־קאָמיטעט געווען אַפן רויטן פּלאַץ. אַף די פיל פאָטאָגראַפיעס פון יענעם טאָג זעט מען זי באַנאַנד מיט לענינען, סווערדלאָוון.

ר. ראָזאָווסקאַיאַ איז דרײַ מאָל אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון ווציק. אין די דרײַסיקער יאָרן איז זי געוואָרן אַ מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר. אונטערן ליטעראַרישן פּסעוודאָנים אָ. גיול האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ ריי ווערק וועגן אירע רײַזעס און באַגעגענישן מיט מענטשן פונעם פאָלק.

ראָזע ראָזאָווסקאַיאַ איז געשטאָרבן אין 1959.

צווישן די קינדער פון נאַדעזשדע גריגאָריעוונאַ, צוזאַמען מיט ראָזען, זעען מיר אַף דער פּאָטאָ אויך די טאָכטער בערטע, וועלכע איז גאָר פרי אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. נאָך ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט זי זיך באַקאַנט מיטן באָלשעוויק פּאַוועל מאַלקאָוו, וועלכער האָט געדינט אין פלאָט. שפּעטער איז ער געוואָרן איר מאַן. אין 1917 איז פּ. מאַלקאָוו אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם באַלטישן פלאָט („צענטראָבאַלט״). ער איז געווען קאָמאַנדיר פון אַ פאַראייניקטן מאַטראָסן־אָטריאַד, וואָס האָט געשטורעמט דעם ווינטער־פּאַלאַץ. באַלד נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט מען מאַלקאָוון באַשטימט אַלס קאָמענדאַנט פון סמאָלני, און ווען די סאָוועטן־רעגירונג איז אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע — אַלס קאָמענדאַנט פונעם מאָסקווער קרעמל. אין דער פולער זאַמלונג פון וו. אי. לענינס ווערק זײַנען פאַראַן פיל דאָקומענטן, אַדרעסירטע פּ. ד. מאַלקאָוון. לענין פלעגט זיך אָפט ווענדן צו אים מיט אויפטראָגן, צומאָל פּאַשעט אַרײַנגיין צו אים דערליידיקן וויכטיקע איניאָנים. בערטע האָט אַ לאַנגע צײַט געאַרבעט אין פאָלקאָמבילד צוזאַמען מיט א. וו. לונאַטשאַרסקין, נ. ק. קרופּסקאַיאַ, מ. פּ. פּאָקראָווסקין. אין יוני 1918 איז זי געווען אַפן ערשטן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון לערער־אינטערנאַציאָנאַליסטן, אַף וועלכן עס איז אַרויסגעטראָטן לענין.

בערטע ראָזאָווסקאַיאַ איז אַוועק פונעם לעבן אין 1950.

אַף רעכטס פון בערטען זעען מיר איר שוועסטער מאַריִע ראָזאָווסקאַיאַ (אין דער היים

האָט מען זי גערופן מאַניע), אויך אָן אָנטיילנעמערן פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף קעגן דעם
צאַריזם. זי איז געווען אַ באַשיידענער און ערלעכער מענטש. ליידער האָבן זיך קיין דאָקר־
קענטן וועגן איר לעבן און אַרבעט ניט פאַרהיט. זי איז געשטאָרבן אין 1950.
באַנאַנד מיט דער מוטער זיצט איר עלטסטע טאָכטער ראַכיל (מיט אַ מעדאַליאָן אויף דער
ברוסט). זי איז אויך געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, אַ רעוואָליוציאָנער. אינעם רעוואָליר־
ציאָנערן קאַמף האָט זי אַקטיוו געהאָלפן אירע ייִנגערע שוועסטער, וועלכע זײַנען געווען
ענערגישער פון איר. זי איז שוין לאַנג ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. אויפן בילד זעט
מען אירע צוויי זין. נעענטער צו איר — דער עלטערער, גרישע. אין 1917 איז ער געוואָרן
אַ מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי. געשטאָרבן אין די 50־ער יאָרן. וועגן דעם
ייִנגערן זון, לעאָנידן, איז באַוווּסט, אַז ווען די פאַשיסטן זײַנען אָנגעפאַלן אויף אונדזער לאַנד,
איז ער פרײַוויליק אַוועק אויפן פראָנט און איז געפאַלן מיט אַ העלדנטויט אויף דער סמאָלענסקער
ערד, ניט ווײַט פון דער שטאָט יאַרצעוואָ.
צווישן די שוועסטער איז סאָפיע ראָזאָווסקאַיאַ (אויף דער פאָטאָ סאַמע רעכטס) געווען
די איינציקע, וואָס האָט געטראָגן ברילן. הינטער איר זעט מען איר מאַן ייִסראָעל הערשאַ־
טער. סאָפיע ראָזאָווסקאַיאַ האָט אויך אָנטיילגענומען אינעם קאַמף קעגן דעם צאַריזם, איר
פאַרטיי־נאָמען איז געווען „וויסאָקאַיאַ” (די הויכע). וועגן איר האָבן מיר קנאַפּע ידיעות.
איר לעבן איז טראַגיש איבערגעריסן געוואָרן אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדי־
שער מילכאָמע: אין 1942 האָבן זי די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן אומגעבראַכט אין ווילנע צוזאַ־
מען מיט איר גאַנצן געזינד.
אויף לינקס פון סאָפיע ראָזאָווסקאַיאַ זעען מיר אויף דער פאָטאָגראַפיע איר שוועסטער
יעווגעניע (זשעניע). זי איז זייער פרי אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָליוציאָנערער
אַרבעט. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט זי באַגעגנט אין פּעטראָגראַד און האָט מיט לײַב־
און־לעבן זיך אָפּגעגעבן דער רעוואָליוציע. געשטאָרבן איז זי ערעוו דער גרויסער פאָטער־
לענדישער מילכאָמע, איבערלאָזנדיק אַ טאָכטער אירינע. זשעניעס מאַן איז געווען דער באַ־
וווּסטער לענינגראַדער אַרכיטעקטאָר מאַקאַשאָוו.

וועגן די זין פון נאַדעזשדע גריגאָריעוונאַ — יאָסיף און סאָלאָמאָן — האָבן מיר שוין
דערמאָנט. יאָסיף איז געבוירן געוואָרן אין 1876. צו צוואַנציק יאָר איז ער שוין געווען אַן
אָנטיילנעמער אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אין רסדאַפּ אַרײַנגעטראָטן אין 1902.
זײַן פאַרטיי־נאָמען איז געווען „אָסיפּ”. אויף דער פראַגע אין אַן אַנקעטע, צי ער איז פאַר־
פאָלגט געוואָרן מיצאַד דעם צאַריזם, האָט ער געענטפערט: „געזעסן אין דער צענטראַלער
טפיסע אין ריגע אין 1906, 1908 אאַז״וו.”. אין זײַן פּערזענלעכן איניען אַלס מיטגליד פון דער
געזעלשאַפט פון אַלטע באָלשעוויקעס (געפינט זיך אינעם צענטראַלן פאַרטיי־אַרכיוו – פון
דעם אינסטיטוט פון מאַרקסיזם־לעניניזם באַם צק פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון
סאָוועטנפאַרבאַנד) איז פאַראַן אַ רעקאָמענדאַציע פון דעם פאַרטיי־מיטגליד פון 1898
פּ. אַ. קאָבאָזעוו, וועלכער שרײַבט וועגן יאָסיף ראָזאָווסקין: „בײַ דעם אויפשטאַנד פון 1905
און 1906 האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט סײַ פון די לעגאַלע,
סײַ פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס; צוזאַמען מיט מיר געווען אַ מיטגליד פונעם
פינפלינג, וואָס האָט געשטעלט אַן אולטימאַטום דעם ריגער גובערנאַטאָר; געווען דער אָרגאַ־
ניזאַטאָר פונעם רעוואָליוציאָנערן רויטן קרייץ, אָרגאַניזירט די פאַרטיידיקונג פון די, וועלכע
מע האָט געמישפּעט לויט די איניאָנים „34” און „44”; זײַן פאַרטיי־יאַווקע האָט געטראָגן
דעם פאַראָל „אַ זשורנאַל פאַר אַלעמען”. ער האָט געלייענט לעקציעס וועגן פּאָליטגראַמאָטע
אין דער האַלב־לעגאַלער געזעלשאַפט „בילדונג”. פאַרבליבן אין ריגע און געאַרבעט אין
אונטערערד און אין די פּראָפאַרייִנען ביזן 1915”.
יעדע פון אָט די לאַקאָנישע מיטיילונגען, בפּראַט וועגן דעם אולטימאַטום דעם ריגער
גובערנאַטאָר, איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז זי וואָלט געקאָנט געבן מאַטעריאַל פאַר אַ ספּע־
ציעלער פאָרשונג. די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע אין פעווראַל 1917 און די אָק־
טיאַבער־רעוואָליוציע האָט יאָסיף ראָזאָווסקי אויך באַגעגנט אין פּעטראָגראַד. פונעם 1918
ביזן 1924 האָט מען אים זיבן מאָל אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוועט
פון דעפּוטאַטן פון די אַרבעטנדיקע. ער האָט געהאַט דאָס גליק אַ סאַך מאָל צו זען און
צו הערן וו. אי. לענינען. יאָסיף האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אָנגעזעענע טוער פון דער
פאַרטיי — מיט מ. באָראָדינען, נ. סקריפּניקן, פּ. פּלאַטענען און אַנד. געשטאָרבן איז ער אין
לענינגראַד אין 1927 אין עלטער פון 51 יאָר.
דער צווייטער פון די ברידער — סאָלאָמאָן ראָזאָווסקי — איז געבוירן געוואָרן אין 1879.

אף דער פראגע פון דער אנקעטע, „צי זײַנט איר געזעסן אין טפיסע?“, האָט ער געענטפערט: „געווען פארמישפעט און געזעסן אין ריגער, קיִעווער, מינסקער טפיסעס, און, אין אדמיניסטראטיווער אָרדענונג, אין קאָוונע, קאטערינאָסלאוו, ווילנע און אָריאָל“. סאָלאָמאָן ראָזאָווסקי האָט געהאט צוויי אומלעגאלע נעמען: „פאָמא“ און „אווגוסט“. אין 1905 איז ער אנטלאָפן פון דער ריגער טפיסע און גענומען אן אָנטייל אין דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע. אין דעקאבער 1905 איז ער אונטערן נאָמען „פאָמא“ בײַגעווען אף דער טאמערפאָרסער קאָנפערענץ פון דער רוסלענדישער סאָציִאל־דעמאָקראטישער ארבעטער־פארטיי. אין סאָף 1905 האָט דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער פארטיי באופטראָגט סאָלאָמאָן ראָזאָווסקין ארויספאָרן קיין קאָוונע, אָרגאניזירן און אָנפירן מיטן קאָוונער קאָמיטעט פון דער רסדאפ. אויסגעפילט דעם דאָזיקן אופטראָג, האָט ער זיך געווענדט אין ווילנער קאָמיטעט פון דער פארטיי, בעראָש פון וועלכן עס איז דעמלט געשטאנען מ. פרומקין (דער פארטיי־נאָמען „מינאי“), מע זאָל אים העלפן אָרגאניזירן א געהיימע דרוקערײַ און אקטיוויזירן די פראָפאגאנדע־ארבעט. ווען די דרוקערײַ איז געשאפן געוואָרן, האָט סאָלאָמאָן ראָזאָווסקי אָרגאניזירט אין דער שטאָט אן אומלעגאלן קרײַז און אליין אָנגעפירט מיט אים. דעמלט איז אויך געשאפן געוואָרן די מיליטערישע גרופע באם קאָוונער קאָמיטעט, וועלכע האָט זיך פארנומען מיט פראָפאגאנדע צווישן די סאָלדאטן פונעם אָרטיקן גארניזאָן. פון קאָוונע איז סאָלאָמאָן ראָזאָווסקי איבערגעפירט געוואָרן אף פארטיי־ארבעט קיין ליבאווע. די פעווראל־רעוואָליציע און די גרויסע סאָציִאליסטישע אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָבן אים געטראָפן אין פעטראָגראד. אין 1917 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אלס מיטגליד פונעם פעטראָגראדער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס, א ביסל שפעטער — אלס מיטגליד פון דער קאָלעגיע פון פאָלקאָמדערנערונג. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז ער געווען פארנומען מיט ווירטשאפטלעכער ארבעט. אין 1920 איז ער צוזאמען מיט ל. קראסינען און וו. נאָגינען געפאָרן קיין ענגלאנד אלס מיטגליד פון דער ערשטער סאָוועטישער האנדלס־דעלעגאציע. אין פארשיידענע צײַטן האָט סאָלאָמאָן ראָזאָווסקי געארבעט צוזאמען מיט די אָנגעזעענסטע טוער פון אונדזער פארטיי — פ. דזערזשינסקי, נ. פאָדוואָיסקי, מ. ליטווינאָוו, מ. פרומקין און אנד. דאָס האָט וועגן זײַן געזונט־צושטאנד וו. אי. לענין געשריבן צום פאָלקס־קאָמיסאר פאר געזונט־איניאָנים נ. סעמאשקאָ. סאָלאָמאָן ראָזאָווסקי איז געשטאָרבן אין 1924 פון א שווערער קרענק. די צײַטונג „פראַוודא“ האָט צוויי מאָל געדרוקט ארטיקלען, געווידמעט זײַן אָנדענק.

אנע דאווידאָוונא ראָזאָווסקאיא, וועגן וועלכער עס איז געגאנגען א רייד אין אָנהייב פון אונדזער פארצייכענונג, איז געווען סאָלאָמאָן ראָזאָווסקיס פרוי. זי איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין 1889, אין דער קאָמוניסטישער פארטיי ארײַנגעטראָטן אין 1904. איר פארטיי־נאָמען איז געווען „יאלטע“. ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז זי דרײַ מאָל געזעסן אין די צארישע טפיסעס — אין 1905, 1906 און 1907. אין 1911 האָט זי צוזאמען מיט יעלענע סטאסאָווא געארבעט אין דער פינאנץ־קאָמיסיע באם צק רסדאפ, פארנומען זיך מיט פראגן פון דער פארטיי־קאסע.

דער פארטיי־מיטגליד פון 1905 מ. פושאס האָט, רעקאָמענדירנדיק אנע ראָזאָווסקאיא אין דער געזעלשאפט פון אלטע באָלשעוויקעס, געשריבן, אז זי איז געווען א מעסירעסנעפעשדיקע טוערן אין דער ווילנער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע. עס האָט זיך פארהיט א צײַגעניש, אונטערגעשריבן דורך דעם סעקרעטאר פונעם מאָסקווער קאָמיטעט פון רקפ(ב) וו. זאגאָרסקי דעם 29 אווגוסט 1919 (מיט 26 טעג ערעוו זײַן אומקום פון א באָמבע, וועלכע קאָנטררעוואָליוציִאָנערן האָבן געוואָרפן אין מאָסקווער פארטיי־קלוב), ווו עס ווערט געזאָגט, אז א. ד. ראָזאָווסקאיא איז איינע פון די סאמע אקטיווע טוער פונעם מאָסקווער פארטיי־קאָמיטעט. טאקע אף אָט דער ארבעט האָט זי פיל מאָל זיך באגעגנט מיט וו. אי. לענינען און איז בײַגעווען אף זײַנע ארויסטרעטונגען אין דעם דאָזיקן פעריִאָד.

אינעם צענטראלן פארטיי־ארכיוו פונעם אינסטיטוט פון מארקסיזם־לעניניזם זײַנען פאַראַן העכער 200 פאָטאָגראפיעס, אף וועלכע א. ראָזאָווסקאיא איז פאָטאָגראפירט צוזאמען מיט אָיליטשן. באזונדערס גוט זעט מען זי אף דער פאָטאָ נומ. 147/149, וועלכע איז ארײַן אינעם ב. 1 פונעם בוך־אלבאָם „לענין. זאמלונג פון פאָטאָגראפיעס און קינאָ־קאדרען“, דערשינען אין 1970. דאָס איז געווען בייס די מײַ־פײַערונגען אין 1919. אנע דאווידאָוונא איז אין יענעם טאָג געווען אפן רויטן פלאץ און איז געשטאנען לעבן וו. אי. לענינען בא דער קרעמל־וואנט צווישן א גרופע אָנפירנדיקע פארטיי־טוער און געסט. אין יענער צײַט איז זי געווען אן אקטיווער טוער פונעם מאָסקווער פארטיי־קאָמיטעט. שפעטער, ווי מיר האָבן שוין פריִער דערציילט, האָט זי געארבעט אין די אָרגאנען פון ווטשעקא — געפעו. אין 1924 האָט דער צק רקפ(ב) זי געשיקט פארענדיקן איר בילדונג. זי האָט זיך געלערנט אפן מעדיציניש

פאַקולטעט פונעם צווייטן מאָסקווער אוניווערסיטעט. אין 1926, אין עלטער פון 37 יאָר, האָט זי באַקומען אַ דיפּלאָם פון אַ דאָקטער. אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן האָט זי געאַרבעט אין דער פּאָליקליניק פונעם קאָמבינאַט „פּראַוודאַ". געשטאָרבן איז זי אין 1955.

מיר האָבן דאָ דערציילט קימאַט וועגן אַלע ראַזאָווסקיס — דער מערקווירדיקער מישפּאָכע פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציאָנערן. די דאָזיקע דינאַסטיע איז שוין עלטער פון 100 יאָר. וועגן אייניקע אירע מיטגלידער האָבן מיר אָנגעגעבן מער פּראָטים, וועגן אַנדערע — ווייניקער, אויף וויפל די דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן דערלויבן. מע דאַרף דאָ, ליידער, צוגעבן, אַז קיינער פון די, וועלכע זײַנען פאַרפיקסירט אויף דער גרופּן־פּאָטאָ, לעבט שוין ניט.

דער קאַמפּס־וועג פון די ראַזאָווסקיס, זייער אָנטייל אין דער רעוואָליוציע — דאָס איז אַ שטיק געשיכטע וועגן דעם העלדישן קאַמף, וועלכן די אַלטע באָלשעוויקעס האָבן געפירט פאַרן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וועגן זייער בײַטראָג אין דער סאָציאַליסטישער בויונג פון אונדזער לאַנד. די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון דער אַלטער באָלשעוויסטישער גוואַרדיע זעצן פאָר די זאַך, פאַר וועלכער זייערע זיידעס און באָבעס האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן.

יידיש — מ. אײַטקאָוויטש

כראָניק

בירָאבידזשאַנער נײַס

די פּאָטאָ־קונסט — זייער צווייטער באַרוף

„די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן" — אַזוי הייסט די פּאָטאָ־אויסשטעלונג, וועלכע ווערט עקספּאָנירט אינעם בירָאבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ לויט דער פּראָגראַם פונעם אַלפאַרבאַנדישן פעסטיוואַל פון פאָלקס־שאַפונג. עס זײַנען פאָרגעשטעלט צענדליקער אַרבעטן, פאַרשיידנאַרטיקע לויט דער טעמאַטיק, וועלכע מע האָט אָפּגעקליבן אויף די ראַיאָנישע אויסשטעלונגען.

פּאָטאָ־קונסט איז דער צווייטער באַרוף פונעם וואַלדהיימער קאָלווירטניק נ. פּײַמאַן. אין זײַנע בילדער באַזינגט ער די מי פון די דאָרפישע האָרעפּאַשניקעס אויף די פעלדער און פערמעס. אַ גוט־מוטיקן שמייכל רופן אַרויס די אַרבעטן פונעם אינזשעניער אַי. סערוווערנאַיאַ „אַליאָנושקאַ" און „שוועסטערלעך", געווידמעט דעם נײַעם דאָר בירָאבידזשאַנצעס.

די בירָאבידזשאַנער טוישווים און די געסט פון דער שטאָט באַקענען זיך איצט מיט נאָך צוויי אויסשטעלונגען פון פאָלקס־שאַפונג אין געביט פון דעקאָראַטיווער און גראַפישער קונסט. אויף זיי זײַנען פאָרגעשטעלט מאָלער, האָלץ־שניצער, מײַסטערס פון אָרנאַמענט. צען געמעלן געהערן דאָ דעם טוער פונעם בידזשאַנער סאָווירט וו. טשערנישאָוו. לאַנג פאַרהאַלטן זיך די באַזוכער בײַ זײַנע אַרבעטן „אַקערער", „אונדזער קאָמסאָרג", „די מעלקערן וואַלענטינע לעסקאָווא". ל. בראַגינסקי פון בירָאבידזשאַן און אַ. פּאַרטניאַגין פון אָבלוטשיע ווידמענען זייער פרײַע צײַט דעם נײַעם מין קונסט וואָרצלפּלאַסטיק — פון וואָרצלען און צווײַגן שניצן זיי אויס פאַרשיידענע שפּילכלעך און אַנדערע טשיקאַווע זאַכן.

אַן אָוונט פון קלאַסישער מוזיק

דעם לייען־זאַל פון דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אויף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען האָבן פאַרפולט ליבהאָבער פון קלאַסישער פּאָרטעפּיאַנע־מוזיק — אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, פּעדאַגאָגן, סטודענטן, מיליטערלײַט פונעם בירָאבידזשאַנער גאַרניזאָן. מיט אַ קאָנצערט־פּראָגראַם פון פרעדעריק שאָפּענס ווערק איז אַרויסגעטראָטן די סאָליסטקע פון דער מאָסקווער פילהאַרמאָניע זינאַידע איגנאַטיעווא.

ז. איגנאַטיעווא איז אַ לאַורעאַט פון דעם צווישנפעלקערלעכן קאָנקורס אויף שאָפּענס נאָמען.

■ ■ ■

זכרונעס

כאים טאמארקין

ווארשעווער יאָרן

עס זײַנען געשטאַנען שיינע זוניקע האַרבסטיקע טעג, ווען איך האָב ווידער פאַרלאָזט מײַן שטעטל, מײַנע אייגענע און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַרײַן קיין ווארשע. מיט צוויי יאָר צוריק בין איך דורכגעפאָרן אָט די וווּנדערבאַרע שטאָט, איבערגענעכטיקט און גאַנצפרי ווײַטער געפאָרן קיין קאַליש.

איצט, זיצנדיק נאָך אין צוג, האָט זיך מיר אין דער פאַנטאַזיע אויסגעמאָלט די שטאָט, פון וועלכער איך האָב זיך אַזויפיל אָנגעלייענט אין ביכער, אין צײַטונגען. דאָרט וועל איך באַגעגענען די העלדן פון די ראָמאַנען און עפשער זען מיט מײַנע אויגן די באַרימטע ייִדישע שרײַבער, וועלכע האָבן זיך מיר פאָרגעשטעלט אין דימיען, ווי געשטאַלטן פון א לעגענדע.

דער צוג, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פון בערדיטשעוו גלײַך קיין ווארשע, איז געווען איבערפולט מיט פאַסאַזשירן: קאָמיוואָיאַזשאָרן, קרעמער, אַלערליי סאָכרים, נאָר מערסטנטייל יונגעלײַט, אַזוינע, ווי איך. מע פאָרט אין גרויסן קראַך, ווו ייִדן מעגן וווינען, ווו עס איז פאַראַן א סאַך פאַבריקן און פאַבריקלעך פון פאַרשיידענע בראַנזשעס, ווי גאַלאַנטעריי, זייגערס, פאַראַן פיל האַנדלס־געשעפטן. מע פאָרט פון גרעסערע און קלענערע שטעטלעך מיט דער האָפענונג „ווערן א מענטש” אין דער גרויסער פּויליש־ייִדישער שטאָט. אין וואַגאָן איז טומלדיק. וואָס נעענטער צו ווארשע, אַלץ אָנגעשטרענגטער און צעטראָגענער האַלטן זיך די יונגע באָכערים. איך בין רויִקער און זיכערער פון די, וואָס פאָרן דאָס ערשטע מאָל. די גאַסן שטייען מיר פאַר די אויגן, און איך וואַרט אױף זיי מיט אומגעדולד. דער צוג וועט זיך אָפּשטעלן באַם וואָקזאַל, און איך וועל זיך גלײַך אַוועקלאָזן אין שטאָט אַרײַן.

אַרויסגייענדיק פונעם וואָקזאַל, פאַרליר איך גלײַך אין טומל מײַנע מיטפאָרער צווישן די כוואַליעס מענטשן, וואָס פאַרפלייצן דעם וואָקזאַל־פּלאַץ. איך פאָר מיטן טראַמוויי, וועלכער גייט צו די ייִדישע גאַסן. איך גיי איבער דער סמאָטשע־גאַס און לייען אױף די טויערן די מעלדונגען, אַז עס גיט זיך אָפּ א צימער, א געלעגער. ס'האָט זיך מיר פאַרגעדענקט דאָס הויז נומער 40, ווו איך האָב אין א ייִדישער שטוב געקראָגן די ערשטע וווינונג אין ווארשע.

אין אָוונט זיץ איך שוין בײַ א גרויסן טיש אין עס־צימער, צוזאַמען מיט דער פאַמיליע און מיט נאָך דרײַ לאָקאַטאָרן. מע באַקענט זיך, מע פרעגט אויס וועגן דאָס און יענץ, — אײַנגיכן ווערט מען היימיש. דער באַלעבאָס אַליין איז א בערדיטשעווער, און דער געשפּרעך פירט זיך אין אונדזער וואָלינער ייִדיש, געמישט מיטן ליטווישן פון די לאָקאַטאָרן. בײַם טיש זיצט א באָכער פון א שטעטל אין דער ליטע. ער לייענט פאַר אַלעמען זײַנע אייגענע לידער אױף העברעיִש און רוסיש. לייענט מיט האַרץ און געפיל, נאָר ניט אַלע הערן זיך אײַן. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל לייענט ער פאַר זיי די אייגענע לידער. ער זעט, אַז איך הער אים מיט אינטערעס, פירט ער מיך אַוועק אין צימער צו אונדזערע געלעגערס. איך פאַל צו צום געלעגער. א זיסער דרעמל לייגט זיך אױף די אויגן, נאָר מײַן נײַער כאַווער פאַרהאַלט מיך. ער דערציילט, אַז ער האָט געלערנט אין א העברעיִשער גימנאַזיע, ניט פאַרענדיקט, געקומען קיין ווארשע זיך ערגעץ אײַנצואָרדענען, נאָר פאַר די עטלעכע וואָכן, וואָס ער איז דאָ, קאָן ער קיין פּאַסיקע אַרבעט ניט קריגן. ער האָט שוין זײַנע העברעיִשע לידער געלאָזט אין רעדאַקציעס, בײַ שרײַבער. עפשער וועט מען אָפּדרוקן? ווילסט, זאָגט ער מיר, וועל איך דיר לייענען ניט מײַנע לידער. עפשער זײַנען זיי דיר באַקאַנט? ער לייענט אױף רוסיש איין ליד נאָך דער אַנדערער.

איך זאָג אים, אַז אייניקע פון אָט די לידער ווייס איך און קען זיי אױף אויסוווייניק — פּושקינס, לערמאָנטאָווס, נאַדסאָנס. איך דערצייל אים, אַז דעם זומער האָב איך געלעבט אין אָדעס. מײַן באַלעבאָס' זינדל, א גימנאַזיסט, פלעגט גרייטן די אוראָקן אױף א קאָל, כאַזערן אױף אויסוווייניק לידער, וועלכע האָבן זיך מיר לײַכט פאַרגעדענקט.

ס'איז אַריבער דער האַרבסט. עס האָבן זיך געצויגן די ווינטערדיקע כאָדאָשים. שוין גע־

גאנגען דאָס 1913 יאָר. דער ווארשעווער ווינטער איז ניט אזא בייזער, און עס פילט זיך ניט דער איבערגאנג צו די פרעסט.

פאר די עטלעכע כאדאָשים האָב איך זיך צוגעווינט צום ווארשעווער שטייגער־לעבן, צו די היגע ייִדן און צו זייער ייִדיש ריידן, וואָס האָט זיך אונטערשיידט פון דעם קאליִשער ייִדיש. איך האָב שוין געארבעט אף א גרעסערער אונטערנעמונג און געווינט אף אן אנדער גאס. געהאט נײַע כאווײרים, מיט וועלכע די אינטערעסן זײַנען געווען נאָענט. צוזאמען האָבן מיר געגעסן מיטיק אין דער גרויסער ביליקער גאָרקיך. אין אָוונט פלעגט מען זיך טרעפן אין אונדזער קאוויארניע. דאָרט איז מען שאָענווײַז געזעסן, געטרונקען קאווע און געלייענט די ווארשעווער ייִדישע צײַטונגען.

ביז איצט זע איך פאר די אויגן דעם אויסערלעכן אויסזען פון יעדערער פון אָט די צײַטונגען און זייער נוסעך געדענק איך — פון דער ערשטער ביז דער לעצטער זײַט.

„דער הײַנט”

די סאמע רײַכע און פארשפרייטע צײַטונג איז געווען „דער הײַנט”, וואָס האָט אָנגעהויבן ארויסגיין אין 1908, אלע טאָג אף זעקס זײַטן און פרײַטיק אף אכט. אף דער ערשטער זײַט פלעגן זײַן די נײַס פון טאָג מיט שרײַענדיקע קעפלעך, רעפאָרטאזשן פון אייגענע קאָרעספאָנדענטן פון פעטערבורג און פון אנדערע רוסישע גרעסערע שטעט, ווי אויך פון אויסלאנד. פון צײַט צו צײַט פלעגן געדרוקט ווערן קליינע לייטארטיקלען, אונטערגעשריבן פונעם באוווּסטן זשורנאליסט ש. ק. ש (ש. ק. שנייפאל). בא א זײַט און פון אונטן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אנאָנסן פון גרויסע פירמעס, גראטולירונגען און נעקראָלאָגן. אף דער צווייטער זײַט — יעדיעס און געשעענישן פון דער גאָסודארסטווענע דומע. אויך מיט גרויסע קעפ זײַנען באשריבן די גזיירעס, צאָרעס און רעדיפעס אף ייִדן. אף לינקס איז געווען א קאָלאָנקע אונטערן שטענדיקן נאָמען „מארבה פינות עולם”. דאָרט זײַנען געדרוקט געוואָרן טשיקאווע רייצנדיקע נײַס אין פעטיט. דאָס האָט געצויגן דעם אינטערעס (די מיטיילונגען זײַנען אָפט געבליבן אָפגעהאקט, ניט פארענדיקט). אונטן איז געווען דער טאָגטעגלעכער קעלער פון די העכסט אינטערעסאנטע ראָמאנען מיט פאָרזעצונגען אפן סאמע פיקאנטן אָרט, אזוי אף א גאנץ יאָר. ס׳האָט זיך געענדיקט דער ראָמאן „די שרעקלעכע סוידעס”, האָט באלד אין דעם נומער זיך אָנגעהויבן א נײַער ראָמאן — „די פארשלייערטע דאמע”. די ראָמאנען האָט געשריבן איין אווטאָר, וועלכער פלעגט זיך אונטערשרײַבן נאָכן וואָרט „סאָף” — ל. שרײַבער. קיינער האָט ניט געוווּסט ווער עס איז אָט דער „שרײַבער”. די שפראך פון די ראָמאנען איז געווען א גאנץ לײַטישע, ווי בא די באוווּסטע ליטעראטן. די פערסאָנאזשן זײַנען אויך געווען ייִדישע: הײַנטצײַטיקע יונגעלײַט, מיידלעך, דאמען, הערן און אויך פרומע כסידישע ייִדן, וואָס זייערע שיינע פרויען נארן זיי אָפ און ווערן פארפלאָנטערט אין א קנויל פון אומגעוויינלעכע געשעענישן, צוגעפעפערט מיט אלקער־סוידעס און געפערלעכע מאָמענטן. אלץ קומט פאָר אין דער גרויסער זינדיקער שטאָט ווארשע. צוביסלעך אָבער צעפלאָנטערט זיך דער קנויל און צום סאָף באקומען די בייזוויליקע פארדאָרבענע פערזאָנען זייער פארדינטע שטראָף, און די אומשולדיקע, פארנארטע אין נעץ פון פארברעכן, ווערן בעשאָלעם אויסגעלייזט. דאָס זעלבע כאזערט זיך איבער אין די ווײַטערדיקע ראָמאנען, נאָר מיט אנדערע פערסאָנאזשן, אינטריגעס און געשעענישן.

א מענטשן, וועלכער האָט אָנגעהויבן לייענען דעם נײַעם ראָמאן, האָט שוין געצויגן אלע טאָג וואָס גיכער קויפן „דעם הײַנט” און זיך אראָפלאָזן אין „קעלער”, אראָפשלינגען די פאָרציע ביז „פאָרזעצונג קומט” און מיט אומגעדולד ווארטן אף מאָרגן.

נאָר כוץ דעם קעלער מיט די העכסט אינטערעסאנטע ראָמאנען, זײַנען אין דער צײַטונג פארעפנטלעכט געוואָרן ווערק פון פיל באוווּסטע טאלאנטפולע שרײַבער און זשורנאליסטן.

יעדן פרײַטיק, רעכטס פון אויבן, אף דער פינפטער זײַט, איז געווען: י.־ל. פרץ. אין מײַן ווינקעלע. קורצע, געפרעסטע פראזן — געדאנקען, שארפע מיינונגען וועגן די פאָליטישע געשעענישן פאר דער וואָך. פיל לייענער האָבן מיט באזונדערן אינטערעס געוואַרט אף פערעצעס „ווינקעלע”.

ה.־ד. נאָמבערג האָט אָפט געשריבן (סײַ אינמיטן דער וואָך, סײַ פרײַטיק) ארטיקלען, רײַזע־באשרײַבונגען פון פארשיידענע שטעט און איבער אייראָפע. ז. ווענדראָף האָט זייער פראָדוקטיוו מיטגעארבעט אין דער צײַטונג, שרײַבנדיק קאָרעספאָנדענצן פון שטעט און שטעטלעך, פעליעטאָנען און די באוווּסטע סעריעס דערציילונגען (אלע פרײַטיק) „מעשומאָדים”, „פראוואָזשיטעלסטוואָ”.

א שמאָלע קאָלאָנקע אף דער רעכטער זײַט האָט געהאט דער שרײַבער איזידאָר לאזאר (א. לייזעראָוויטש). ער האָט טעגלעך געשריבן אינטערעסאנטע פאָליטיש־געזעלשאפטלעכע ארטיקלען און פעליעטאָנען. דאָוויד פרישמאן איז אויך געווען א שטענדיקער מיטארבעטער אין „הײַנט”. דער רעדאקטאָר פון „הצפירה” נאָכעם סאָקאָלאָוו פלעגט אויך צומאָל דרוקן זײַנע ארטיקלען אין די פרײַטיק־נומערן. אין „הײַנט” האָט מיטגעארבעט דער באוווּסטער עקאָנאָמיסט יאנקעוו לעשטשינסקי, וועלכער פלעגט שרײַבן ארטיקלען וועגן „אָרט”, „יקא” אאוו. אף די איבעריקע זײַטן פון דער צײַטונג זײַנען געווען געדרוקט פארשיידענע קאָרעספאָנדענצן פון שטעט און שטעטלעך. א גאנצע זײַט האָט פארנומען כראָניק — „וואָס הערט זיך אין ווארשע” און „ווארשעווער נײַס”. נאָך דעם אלעמען איז שוין געגאנגען דער אופ־

שריפט: רעדאַקטאָר — ש. י. יאַצקאַן, ארויסגעבער — ברידער פינקלשטיין.

אין פרײַטיקדיקן נומער איז די לעצטע זײַט געווען באדעקט מיט אנאָנסן. צום ערשטן — די ווארשעווער ייִדישע טעאטערן, דערנאָך — לעקציעס, קאָנצערטן, קינאָ־טעאטערן, גלאט מוידאָעס, כאסענעס, גראטולירונגען, ווונטשן, נעקראָלאָגן. ס׳האָבן זיך אויסגעטײלט שײנע מוידאָעס מיט ספּעציִעלע קלישע וועגן אָפּהיטן די האָר און וועגן מיטלען צו בלײַבן שיין און יונג, און ביכלאל קאָלערליי רעצעפּטן פאר פרויען, מענער, יונג און אלט.

די רעדאקציע פונעם „הײַנט" האָט זיך געפונען אין צענטער פון דעם האנדלס־ראיאָן אף די נאלעווקעס און האָט פארנומען א גרויס הויז. אין הויף פלעגט זיך טומלען באטאָג און באנאכט. ס׳האָבן זיך דאָ צונויפגעזאמלט יעדיִעס, קאָרעספּאָנדענצן און מאטעריאלן פארן טאָג, און אין אָוונט איז דער מאטעריאל שוין געווען אין דרוקערײַ. פארטאָג פלעגן פונעם הויף ארויס די פרישע נומערן „הײַנט".

„דער מאָמענט"

די דאָזיקע צײַטונג האָט ניט געהאט אזא גרויסן פארנעם און אזא לייענער־מאסע, ווי דער „הײַנט". דער רעדאקטאָר איז געווען צווי פרילוצקי, דער ארויסגעבער — א קאָאָפּעראטיווע געזעלשאפט. „דער מאָמענט" האָט ניט פארמאָגט קיין קעלער פאר „עכט־אינטערעסאנטע ראָמאנען". אין 1910—1911 האָט זיך געדרוקט דער צווייטער טייל פון שאָלעם־אלייכעמס באוווסט ווערק „בלאָנדזנדע שטערן", אין 1913 — 1914 — באגראָווס „א ווידע פון א ייִד" און ראָכל פײַנבערגס ראָמאן „טעכטער", ווי אויך די דערציילונגען פון מ. ספּעקטאָר. יעדן פרײַטיק האָבן זיך באוויזן הילעל צייטלינס ארטיקלען וועגן כאסידים, ראבאִים אדגל. דעם רעדאקטאָרס זון נויעך פרילוצקי האָט געדרוקט א סעריע ארטיקלען וועגן ייִדישער שפּראך און וועגן אויסלייג. דער שרײַבער־הומאָריסט ב. יעאושזאָן האָט געשריבן פעליעטאָנען, אום פרײַטיק — „איטשעלעס איבערגעכאפּטע בריוו" וועגן פּאָליטישע געשעענישן פון דער וואָך. ביכלאל זײַנען פרײַטיק די צײַטונגען געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט אינטריגירנדיקע מאטעריאלן. „דער מאָמענט" האָט פּרעטענדירט אף הויכער קוואליטעט: דער הומאָריסט יויסעף טונקעל (דער טונקעלער) האָט געדרוקט הומאָרעסקעס אין פּראָזע און אין גראמען, מיט פײַנעם פאָלקסטימלעכן הומאָר זײַנען רײַך געווען די דערציילונגען פון זאלמען שנייער.

„דער הײַנט" מיטן „מאָמענט" האָבן צווישן זיך געלעבט גאָרניט בעשאָלעם. פון צײַט צו צײַט פלעג מען זיך דורכווארפן מיט שטעכווערטער. איינמאָל האָט אויסגעבראָכן אזא סקאנדאל צווישן ביידע צײַטונגען. אין „מאָמענט" האָט הילעל צייטלין אָנגעשריבן, אז דאָוויד פרישמאן, פאָרנדיק ערגעץ־ווו, האָט אף א וואָקזאל געגעסן כאזער בעפארהעסיע. פרישמאן האָט אין „הײַנט" אָפּגעענטפערט. צייטלין האָט פארקאטשעט די פּאָלעס און נאָך שארפער אָנגעוויזן אף דעם טרייפניאק, דעם כאזער־יונג פרישמאן. דער סקאנדאל האָט זיך צעוואקסן און עס האָבן זיך געשאָטן זידלערײַען פון איין צײַטונג אף דער אנדערער. דער אוילעם האָט געקויפט ביידע צײַטונגען, מע האָט געלעקט די פינגער.

ווען שאָלעם־אלייכעם האָט אָנגעשריבן זײַן „בײַ־קאסרילעווקע" און באשריבן די דאָרטיקע צײַטונגען „דער קאפּעליוש" און „די יארמעלקע", האָט דאָס אויסגעזען, ווי א מין פארשטעלטע באשרײַבונג פונעם סקאנדאל.

„דער פרײַנד"

די אופגעקלערטע ארבעטער־יוגנט און די ייִדישע דעמאָקראטישע אינטעליגענץ האָבן גערן געלייענט „דעם פרײַנד".

די צײַטונג האָט זיך וועזנטלעך אויסגעטיילט פון דער באלעבאטישער פּרעסע, סײַ אין דער אויסערלעכער פאָרם, סײַ אין אינהאלט. דער אווטאָריטעט פונעם רעדאקטאָר ש. ראָזענפעלד, פון זײַן נאָענטן מיטארבעטער מעשאָלים־שרײַבער כ. טשעמערינסקי (רעב מאָרדכעלע), אויך פון א ריי באוווסטע פּובליציסטן און ליטעראטן — שטענדיקע מיטארבעטער — איז געווען גרויס, און דאָס האָט מיטגעווירקט, אז „דעם פרײַנד" האָבן אויך געלייענט צוליב אינטערעס און דערעכערעץ די שטענדיקע לייענער פון די פריִער־דערמאָנטע צײַטונגען.

אין „פרײַנד" פלעגן זיך דרוקן אווראָם רייזען, יוינע ראָזענפעלד, א.־מ. ווײַסנבערג, מוישע טײַטש (א וואנדערער) און אנד. די טאלאנטירטע יונגע שרײַבער האָבן זיך אָפּט געדרוקט אין „פרײַנד".

דער טיראזש פון אָט דער צײַטונג איז אין פארגלײַך מיט די צוויי אנדערע געווען גאָר ניט קיין גרויסער. אָפּט האָט זי געהאט אויסצושטיין פון דער צענזור און פון שטראָפן. אין סאָף 1913 איז זי פארמאכט געוואָרן. אף איר אָרט האָט אינגיכן אָנגעהויבן ארויסגיין די צײַטונג „דאָס לעבן".

אז מע פלעגט זיך טרעפן אין די אָוונטן אין אונדזער קאוויארניע, האָט מען זיך געטיילט מיט די אײַנדרוקן פון דעם איבערגעלייענטן אין די צײַטונגען. אָפּט האָט זיך אנטוויקלט א דיסקוסיע. עס זײַנען געווען אזעלכע כאווייריִם, צו וועמעס מיינונג מיר פלעגן זיך צוהערן און פון וועלכע מע האָט געקאָנט זיך לערנען.

בא דעם זײַטיקן טישל, לעמאָשל, זיצט מיכל מענדעלסאָן. ער איז דער עלטסטער צווישן אונדז און איז זייער אן אָנגעלייענטער. זײַן שיינער קאָפּ געדיכט־שווארצע האָר, די שמאָלע וואָנצן, קורץ — דער גאנצער אויסזען טיילט

זיך מיט עפעס אויס. מיר הערן אים גערן. ער האַלט זיך פראָסט און כאַוועריש. טרינקט צו ביסלעך זײַן קאַווע און קוקט אַרײַן אין דער צײַטונג „פראוודא“, וועלכע ער באַקומט אַזש פון פעטערבורג. אָט כאַפט ער א קוק אין אונדזער זײַט, לייגט אַוועק זײַן צײַטונג, טרינקט אויס דאָס לעצטע ביסל קאַווע און זאָגט:

— אויב איר ווילט, וועל איך אײַך איבערלייענען וואָס עס שרײַבט זיך אין „פראוודא“. פאַר וועמען עס איז שווער פאַרשטיין רוסיש, וועל איך דערנאָך איבערזעצן...

מיר הערן מיט אינטערעס. דאָרט איז וועגן אַלץ געזאָגט אַנדערש, ווי אין אונדזערע צײַטונגען. שפעטער פלעג איך און פיל אַנדערע בא א געלעגנהײַט קויפן די „פראוודא“.

צו אכט יאָר, ווען איך האָב שוין אין כיידער געלערנט געמאָרע, האָב איך דעמלט באַהאַלטענערהייט געלייענט קליינע און גרעסערע ביכלעך פון שאָמערן, בלאָשטיינען און אַנדערע. אוי, האָב איך זיי געשלונגען די ביכעלעך. בא אונדז איז געווען א דאַרדעקע־מעלאַמעד עוועדי. ער האָט, אויסער דעם, געהאַלטן א קרעמל פון עסנוואַרג. זײַנע איבערגעוואַקסענע טעכטער זײַנען געשטאַנען אין קלייטל און אויך געגעבן קליינע ביכעלעך אַף פראָקאַט. א דין ביכעלע פאַר א האַלבער קאָפעקע און א גראָב ביכל פאַר דרײַ־פיר קאָפעקעס. איך האָב גענומען קליינע ביכעלעך און אַמאָל א ראָמאַן. איך האָב זיי געשלונגען, ווי דעם געשמאַקסטן ביסן — אין כיידער בייסן לערנען די געמאָרע, האַלטנדיק דאָס ביכל אונטערן טיש, אין דער היים, אין שטאַל, אַפן בוידעם.

ווינטער־צײַט, פרײַטיק נאָך דער וועטשערע, האָט מען זיך פאַרקליבן צו אונדזער שכיינע אין אַלקער, בא דער הרובע. די שאַבעס־ליכט האָבן נאָך געברענט, אין לאָמפ איז געווען גענוג קעראָסין, איז מען געזעסן און דערציילט פאַרשיידענע מײַסעס פון צאַדיקים, מעכאַשייפעס, שיידים, ניט־גוטע. איינמאָל האָב איך זיך אײַנגעשטעלט אין אַלקער און איבערגעלייענט אַף א קאָל שאָמערס א קליין ביכעלע — אַן עכט־אינטערעסאַנטע געשיכטע מיט א גוטן סאָף. די מײַסע איז שטאַרק געפעלן געוואָרן. מײַן מאַמע אָבער האָט צוגעגעבן, אַז עפשער טרעפן ערגעץ־ווו אַזעלכע מײַסעס, נאָר עפעס גלייבט זיך ניט, אַז א קאַפצן ווערט אויפגעריכט און דער ראָשע קריגט נאָך אַף דער וועלט זײַן שטראָף.

איינמאָל האָב איך געבראַכט א ביכעלע מיטן נאָמען „דאָס טעפל“ — פון שאָלעם־אַלייכעמען. אַז איך האָב נאָר גענומען לייענען, האָט מען שוין אָנגעהויבן לאַכן און דערבײַ מיך איבערשלאָגן מיט אייגענע ווערטער: עמעצער זיפצט: „אַז אָך און וויי איז צו איר, דער וויסטער אַלמאָנע“... די שכיינע זאָגט: „ווי געפעלט אײַך? — זי שיט מיט נײַן מאָס רייד“... מײַן מאַמע דערווידערט: „זי רעדט דען? אירע צאָרעס רעדן. וואָס מיינט איר, ס'איז דען עפעס אַן אויסגעטראַכטע מײַסע?“ דעם שאָכן אונדזערן איז געפעלן, וואָס דער, וועלכער באַשרײַבט די מײַסע, הייסט שאָלעם־אַלייכעם, גלאַט שאָלעם־אַלייכעם. איך האָב געזען, אַז דאָס ביכעלע האָט אויסגענומען, האָב איך א צווייט מאָל געבראַכט נאָך שאָלעם־אַלייכעמס א ביכל. מײַן מאַמע איז געוויינלעך א גאַנצע וואָך געווען פאַרטרויערט און פאַרזאָרגט. ווו נעמט מען א קערבל אַף אָפבאַקן ברויט פאַר די קינדער? זי האָט קיינמאָל זיך ניט פאַרגינט צו לאַכן, אַפילע א שמייכל צו טאָן, און דאָ, אַז איך האָב געלייענט דאָס ביכל, האָבן אַלע געלאַכט, און מײַן מאַמע אויך. זי האָט געזאָגט: ווי געפעלט אײַך, וויאַזוי דער שאָלעם־אַלייכעם באַשרײַבט די מײַסע, פונקט ווי ער וואָלט געווען דערבײַ“... די שכיינע זאָגט: „א לעץ, א פאַרשלעפטע קרענק“... צופרידן זײַנען געווען אַלע, און איך האָב שוין נאָכדעם אָפט באַקומען פון דער שכיינע און פון מײַן מאַמע א פאָר קאָפעקעס אַף קויפן ביכלעך.

צו 10 יאָר האָב איך אויפגעהערט לערנען אין כיידער, געוואָרן א „פאַרדינער“. פאַרדינט האָב איך קאָפעקעס פאַרן טאָג בא פאַרשיידענע אַרבעטן. די פאַרדינסטן אָפגעגעבן דער מאַמען, אָבער איך האָב געהאַט אַף ביכער אויך. איך האָב געלייענט גראָבע ראָמאַנען — שאָמערס און בלאָשטיינס. אויך, געדענק איך, האָב איך איבערגעלייענט א ראָמאַן פון בוכבינדערן „דער קויהען, אָדער די אַגונע“. עפעס איז דאָס געווען אַנדערש, ווי בא שאָמערן, מיט א טרויעריקן סאָף. דאָס אייגענע — בא יאַנקעוו דינעזאָן. איך פלעג זיך אַזוי אָנוויינען, אַז נאָכדעם האָב איך שוין ניט געוואָלט נעמען דינעזאָנס א ראָמאַן אין די הענט און ווידער אָנגעהויבן לייענען שאָמערן. אין שאָמערס ביכלעך איז געווען א סאַך דײַטשישע ווערטער, און דאָס איז מיר זייער געווען געפעלן. איך האָב טאַקע זיך אויסגעלערנט א ביסל דײַטש. די ווערטער האָב איך פאַרגעדענקט און זיך אָנגעשטויסן, וויאַזוי מע דאַרף זיי פאַרשטיין אין מײַן יידיש. שיינע ווערטער: געמאַל, וויטווע, מעדכען, פרינציפאַל, דער מאַנד, דאָנער וועטער, פערפלוכטער הונד, ברוטאַל, פערדאָרבענער קערל, ערקונדיקן, קנאַבע, שיקזאַל, זעעלע, טייפל און נאָך פיל אַנדערע ווערטער.

צו 16 יאָר האָב איך געמוזט פאַרלאָזן מײַן שטעטל און פאָרן קיין קאַליש, ווו מײַן ברודער האָט געדינט אין קאַוואַלעריע. פאַרן אָפפאָרן האָב איך אין ביכער־קראָם געקויפט א ביכל פון מ.־ז. פײַערבערג „לאָן?“ „וווהין?“. קויפן עס האָט מיך צוגערעדט דער פריקאַשטשיק, זייער אַן אָנגעלייענטער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז פײַערבערג איז געווען א כאָסן פון מוישע דעם שויכעטס טאָכטער; פאַר דער כאַסענע האָט מוישע דער שויכעט אָפגעלאָזט דעם שידעך, ווײַל דער כאָסן איז געוואָרן אַן אַפיקוירעס, שרײַבט טרייף־פאָסל. פײַערבערג איז פון גרויס

ליבע צו זײַן שיינער קאַלע פֿון צאָרעס קראַנק געוואָרן און איז יונג געשטאָרבן. מוישע דעם שויכעטס שטוב איז געווען די דריטע פֿון אונדזערער. איך פֿלעג אָפּט זײַן דאָרט. דאָס קלענסטע ייִנגל ייִסראָליק איז געווען מײַן כאַווער. איך האָב געפֿרעגט מײַן מאַמע, האָט זי מיר טאַקע דערציילט, אַז צוריק מיט אַ יאָר אַכט האָט געזאָלט זײַן די כאַסענע פֿון מוישע דעם שויכעטס עלטסטער טאָכטער, נאָר דער שויכעט האָט פּלוצעם אָפּגעשיקט די טנאָיִם, ווײַל דער כאָסן איז אַראָפּ פֿונעם גלײַכן וועג. די טאָכטער האָט מוישע דער שויכעט אײַנגיכן כאַסענע געמאַכט. זי איז געווען זייער אַ שיינע. שפּעטער, ווען זי האָט שוין געבוירן אַ קינד, האָט זי אָנגעהויבן קרענקען און פֿלעגט אָפּט אַראָפּקומען אַהיים. איך האָב זי דעמלט געזען אין שטוב אַ שוויַגנדיקע, אַ פֿאַרטראַכטע. זי האָט לאַנג ניט געלעבט...

דאָס דינע ביכל מיט דעם קורצן נאָמען „וווּהין?" האָב איך באַהאַלטן צווישן מײַנע וועג־זאַכן און, פֿאָרנדיק קיין קאַליש, געלייענט עס אײנמאָל און נאָכאַמאָל. ס׳איז מיר געוואָרן אייגן, און דעם מעכאַבער האָב איך ווי געזען פֿאַר די אויגן, זײַן שוואַך טרויעריק קאָל געהערט בײַסן לייענען.

מיט אַ שטיקל צײַט שפּעטער, אין קאַליש, בין איך אַריבער וווינען אין אַ צימער מיט נאָך דרײַ יונגעלײַט, געוועזענע יעשיוועניקעס פֿון קליינע פּוילישע שטעטלעך. זיי האָבן נאָך געטראָגן די לאַנגע כסידישע קאַפּאָטעס מיט די היטעלעך, ווײַל די פֿאַרדינסטן האָבן זיי קוים געקלעקט אויף עסן. דערפֿאַר אָבער האָט מען געלייענט אַ סאַך. אין דעם ווינקל־צימער, אין אַ נידעריקער קעלער־שטוב בײַ אַ טרעגער, בײַ וועמען מיר האָבן געוווינט, איז געווען זייער היימלעך. מע האָט געלייענט העברעיִשע און ייִדישע ביכער, באַזונדערס פּערעצעס. איך פֿלעג זיך צוהערן, ווי די יעשיוועניקעס רעדן פֿון אַזוינס, וואָס מיר איז עס ניט געווען פֿאַרשטענדלעך. איינער איז צו מיר צוגעשטאַנען, צי איך בין געווען אין קאָסרילעווקע. איך זאָג, אַז איך ווייס ניט פֿון אַזאַ שטעטל. נו, און מאַזעפּעווקע און יעהופּעץ זײַנען ווײַט פֿון אײַך? איך זאָג, אַז פֿון אַזעלכע שטעט האָב איך קיינמאָל ניט געהערט. אַרום אונדזער שטעטל געפֿינען זיך זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, קיִעוו. האָבן זיי שטאַרק געלאַכט. איינער האָט זיך אָנגערופֿן: „לאָז אים אָפּ, ער וועט נאָך הײַנטיקן ווינטער זיך דערקלײַבן קיין קאָסרילעווקע, קיין מאַזעפּעווקע און יעהופּעץ"... איך האָב זיך געפֿילט עפּעס פֿאַרשעמט. דערפֿאַר האָב איך אַרויסגענומען פֿײַערבערגס ביכל „וווּהין?" און דערציילט וועגן דעם שרײַבער מיט גאַדלעס, ווי וועגן אַן אייגענעם מענטשן. די יעשיוועניקעס האָבן מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט. יאָ, זאָגן זיי, דאָס ביכל האָבן מיר שוין פֿון לאַנג געלייענט. אויף העברעיִש הייסט עס „לאָן?". ווען פֿײַערבערג זאָל ניט געווען אַזוי יונג שטאַרבן, וואָלט פֿון אים אַרויס

אַ גרויסער שרײַבער. דו ווייסט, זאָגט מיר איינער פֿון די יעשיוועניקעס, לאָמיר זיך בײַטן...

— אָט האָב איך אַ גראָבן ראָמאַן „דער קאָשערער ייִד, אָדער צוויי קעץ אין איין זאַק", אַן עכט־אינטערעסאַנטן ראָמאַן פֿון י. מ. שײַקעוויטש — שאָמער. האָסט געוויס ניט געלייענט דעם ראָמאַן. טאַקע ניט געלייענט?..

איך נעם דעם בוך, און די הענט ציטערן שיר ניט בײַ מיר, עס פֿאַרכאַפּט מיך דער אָטעם און די אויגן בלאָנדזשען שוין איבערן ערשטן זײַטל. „נו, בײַטן מיר זיך?" — יענע באָכערים קוקן אויף מיר און לאַכן. איך האָב זיך פֿאַרטראַכט און אָנגעהויבן זיך קווענקלען: אַזאַ גראָבן בוך פֿון שאָמערן גיט ער מיר אָפּ פֿאַר מײַן דין ביכל? איך גיב אים אָפּ זײַן בוך. און ניט געמאַכט דעם בײַט. פֿון דעמלט אָן האָב איך מיטאַמאָל אָנגעוווירן דעם אינטערעס צו שאָמערן. טאַקע אין אָט דער צײַט האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „מאָמענט" שאָלעם־אַליי־כעמס ראָמאַן „בלאָנדזנדע שטערן"...

די פּאָליטישע סיטואַציע אין 1913 איז געווען זייער אָן אָנגעשטרענגטע סײַ אין לאַנד, סײַ אין אויסלאַנד. אויף די באַלקאַנען האָט געטליִעט אַ געפֿערלעך פֿײַער, און דאָס איז געווען די פּרעליודיע צום ערשטן וועלט־קריג. אין וואַרשע האָט זיך געטומלט מיט די וואַלן אין דער פֿערטער דומע. די ייִדישע וויבאָרשטשיקעס זײַנען געווען די מערהײַט און האָבן געקאָנט אויסקלײַבן אַ ייִדישן דעפּוטאַט. די פּוילישע „ענדעקעס" האָבן געפֿאָדערט, אַז די ייִדן זאָלן שטימען פֿאַר זייער קאַנדידאַט, אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיט. די בורזשואַזע ייִדישע וויבאָרשטשיקעס האָבן געמוזט אויסקלײַבן דעם פּוילישן סאָציִאַל־דעמאָקראַט יאַגעלאַ, אָנשטאָט דעם אַנטיסעמיטישן קאַנדידאַט. די פּרעסע האָט אָנגעהויבן אַ ווילדע העצע קעגן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די ייִדישע צײַטונגען האָבן פּראָטעסטירט. „דער מאָמענט" האָט פֿעריִאָדיש געדרוקט אַרטיקלען אויף פּויליש, זיך פֿאַרענטפֿערט, דערוויזן, געטײַנעט, גערופֿן צו יוישער. אָט אַזוי האָט זיך געצויגן אַ שטיק צײַט.

אין דעם זעלבן 1913 האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק מיט דער פֿײַערונג פֿון דרײַהונדערט יאָר פֿון ראָמאַנאָווס הויז. „דער הײַנט" האָט אָנגעהויבן דרוקן אַ לאַנגע באַשרײַבונג „די געשיכטע פֿונעם קייזערלעכן הויף" — אין פֿאָרזעצונגען אויף כאַדאָשים.

פּונקט דעמלט, אין אַפּרעל כוידעש, אין איינעם אַ פֿרײַטיק, האָט זיך באַוויזן אינעם זעלבן „הײַנט" אַ נײַע סעריע מענאַכעם־מענדלס בריוו צו שיינע־שיינדלען. מיר האָבן שוין לאַנג ניט געהערט פֿון מענאַכעם־מענדלען. איצט איז ער גאָר אין וואַרשע און איז געוואָרן אַ זשורנאַליסט, אַ דיפּלאָמאַט... אין „מאָמענט" האָט דער הומאָריסט ב. יעאָושזאָן אַלע פֿרײַטיק געדרוקט זײַנע איבערגעכאַפּטע

פאָליטישע בריוו פון איטשעלען. ער לאכט אין די בריוו אויס מענאכעם־מענדלען אלס דיפלאָמאט און מאכט פון אים אויסצודרייען. דאָס פארשטארקט די נײַגעריקײַט באם אוילעם. מע לייענט מענאכעם־מענדלס בריוו מיט גרויס פארגעניגן און מע ווארט, וואָס עס וועט אָפענטפערן שיינע־שיינדל...

בא דער ווארשעווער ייִדישער יוגנט איז פערעץ געווען דער שרײַבער פונעם אייגענעם שטאם. מע האָט שטאָלצירט מיט אים און אים געהאלטן העכער פון דעם רעבן, וועגן וועלכן עס כאָלעמען מאמעש זייערע כסידישע טאטעס. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז מיט שאָלעם־אלייכעמען אינטערעסירט מען זיך ווייניקער. אין די טעג אָבער, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן מענאכעם־מענדלס בריוו, איז ניט געווען קיין איין מענטש, וועלכער זאָל ניט האלטן די צײַטונג בא יעדער געלעגנהײַט און לייענען מיט האנאָע, איבערדערציילן פאר אנדערע.

אין די צײַטונגען פלעג איך, ווי געזאָגט, לייענען אנאָנסן און אפישן וועגן לעקציעס און קאָנצערטן. אף אייניקע בין איך שוין געווען. און אָט האָב איך איבערגעלייענט, אז אין א זאל פון א ייִדישער געזעלשאפט וועט דעם ערשטן טאָג כאלעמויעד פאָרקומען א ליטערארישער אָוונט פון צוויי באקאנטע ייִדישע שרײַבער, וועלכע איך האָב שוין ניט איין מאָל געלייענט, נאָר ניט געזען. דאָס איז דאָוויד פרישמאן און כ. טשעמערינסקי (רעב מאָרדכעלע). איך האָב גלײַך זיך באזאָרגט מיט בילעטן. א קלייניקײַט: דאָס ערשטע מאָל וועל איך זען און הערן די באוווסטע שריפטשטעלער...

דער ניט גרויסער זאל איז געווען פול געפאקט. פרישמאן האָט געלייענט זײַן דערציילונג „שלשה שאכלו” („דרײַ, וועלכע האָבן געגעסן”) און נאָך עפעס. ער האָט, ווי דערציילט אן עמעסע מײַסע, געקוקט יעדערן אין די אויגן און קלוג געשמייכלט. רעב מאָרדכעלע האָט זייער אויסגענומען מיט זײַנע ייִדישע מעשאָלים. ער האָט אויסגעצייכנט געלייענט אויסווייניק אויך די איבערזעצונגען פון קרילאָוון. ס׳איז געווען א מעכײַע צו הערן ביידע שרײַבער.

אף די קאריקאטורן האָט רעב מאָרדכעלע אויסגעזען א צעטראָגענער, דער קאָלנער פונעם אויבערהעמד א צעשפיליעטער און דער האלדזטוך א צעפלאָכטענער, מיט איין עק אפן אקסל... אזוי, האָט מען געמיינט, זעט ער קעסיידער אויס. און דאָ מיטאמאָל — עס הייבט זיך גאָרניט אָן. רעב מאָרדכעלע איז אפן אָוונט געווען אקוראט אָנגעטאָן, ער האָט אויסגעזען רירעוודיק, באוועגלעך, זײַנע אויגן האָבן רויִק געקוקט דורך די ברילן, פון זײַן מויל האָט געפלייצט, ווי פון א קוואל, פאָלקסטימלעכע כאָכמע.

די מערהײַט ארבעטער בא אונדז אין דער פאבריק פון זייגערס איז געווען פון וואָלין און ליטע, א קלענערע טייל — פון די קליינע שטעטלעך פון פוילן און פון ווארשע. די אויסשפראך איז געווען ניט קיין אייניהײַטלעכע, אפילע בא די יונגעלײַט פון די פוילישע שטעטלעך און ווארשע, דערפאר אָבער, איז זייער ייִדיש געווען ריינער, אָן א צומיש פון אנדערע שפראכן. מע האָט איינער באם אנדערן איבערגענומען דאָס בעסטע.

איך בין געווען באפרײַנדעט מיט איינעם א באָכער — כאָנע־לייב, מיט וועלכן איך האָב געארבעט בא איין אָפעראציע. כאָנע־לייב איז געווען עלטער פון מיר אף עטלעכע יאָר. ניט לאנג צוריק כאסענע געהאט. געווען גוט באקאנט מיט דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראטור. זײַן פאָטער, דער איינציקער זייגערמאכער בא זיי אין פוילישן שטעטל, איז געווען א הייסער כאָסיד, פלעגט אים פירן אף יאָמטעוו צום רעבן. כאָנע־לייב האָט געארבעט פריִער באם טאטן, דערנאָך זיך געלערנט אין א יעשיווע. דאָס ערשטע ייִדישע ביכל, וואָס ער האָט איבערגעלייענט איז געווען „כסידיש” פון י.־ל. פערעץ. ער האָט אין אָנהייב געמיינט, אז ס׳האָט עס אָנגעשריבן א כאָסיד, האָט ער געוויזן עס דעם טאטן. ווען יענער האָט זיך געכאפט, אז אָנגעשריבן האָט דאָס ביכל אן אפיקוירעס, האָט ער עס פארברענט און דעם זון אײַנגעטיילט די פײַנע פעטש. כאָנע־לייב איז אוועק פון דער היים מיט נאָך א באָכער, וואָס האָט געארבעט בא זײַן טאטן. אין ווארשע זײַנען זיי אָנגעקומען אין דער גרויסער זייגער־פאבריק פונעם כאָסיד שווארצשטיין. בא אים האָבן געארבעט בלויז פרומע כסידישע ייִנגלעך. געצאָלט האָט מען זיי ווינציק, נאָר אף דער פאבריק איז געווען א כסידיש שטיבל, ווו מע האָט געדאווונט, געלערנט טוירע. כאָנע־לייב מיט זײַן כאווער האָבן געטאָן א קאָמפליצירטע ארבעט, האָבן זיי באקומען מער באצאָלטס, נאָר זיי האָבן געטראָגן זייערע כסידישע קאפאָטעס. מיט דער צײַט האָבן זיי אופגעקלערט די איבעריקע ייִנגלעך, אז דער רײַכער כאָסיד שווארצשטיין נוצט זיי אויס, ווי קאָשערע שעפעלעך, און ווערט נאָך מער רײַך פון זייער ביליקער מי. שפעטער, אז דעם פאבריקאנטס מעשאָרסים זײַנען וועגן דעם געוויר געוואָרן, האָט מען די צוויי אגיטאטאָרן דורכגעטריבן.

כאָנע־לייב האָט זיך אריבערגעקליבן מיט זײַן פרוי אין א דירעלע אף עלעקטראלנע גאס, פונקט אנטקעגן דער רעדאקציע „דער פרײַנד”. ער האָט מיר פאָרגעלייגט ווױנען בא אים. איך האָב מיט צופרידנקײַט מאסקים געווען. פון דעם פענצטער, וועלכער איז ארויסגעגאנגען צו דער גאס, האָב איך געזען דאָס באשיידענע שילדל: „קאָנטאָר און רעדאקציע פון דער טעגלעכער צײַטונג „דער פרײַנד”. איך האָב געקוקט אָפט אף דעם הויז, אף דער פאראדנער טיר, ווו מע פלעג ארײַנגיין און ארויסגיין — גע־

ווים זשורנאַליסטן, שרײַבער. אָבער ווער זײַנען זיי? איינמאָל האָב איך געזען אַרײַנגיין דעם רע־דאַקטאָר ש. ראָזענפעלד, ער האָט מיר אויסגע־וויזן צו זײַן א שטרענגער און א שטאָלצער. מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט אַרײַנגיין און זען, ווי אַזוי עס זעט אויס א רעדאַקציע, נאָר טאָמער שטעלט מיך אָפּ ראָזענפעלד און פרעגט: „וואָס פאַרלאַנגט איר, יונגערמאַן?..״

כאַנע־לייב האָט געלאַכט פון מיר. „אַרײַנ־גיין אין רעדאַקציע קאָנסטו, ווען דו ווילסט. אָט בין איך שוין געווען דאָרט. ווען איך בין אַוועק פון שוואַרצשטיינס פאַבריק, האָב איך אָנגעשריבן א מין קאָרעספּאָנדענץ, וועגן דעם, ווי דער כאָסיד שוואַרצשטיין שערט זײַנע קאָן־שערע שעפּעלעך, די כסידישע יינגלעך. מע האָט עס אָפּגעדרוקט. האָב איך געזען, ווי מע אַרבעט אין רעדאַקציע. מע לייענט אָנגע־שריבנס, מע שנײַדט מיט א שער און מע קלעפּט אַרײַן, ווו מע דאַרף, און עס גייט אין דרוק אַרײַן. אָף מאָרגן לייענען מיר שוין די צײַטונג און באַמערקן ניט, וואָס פאַר אַן אַרבעט עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן פריִער אין רעדאַק־ציע...״

אַן אַנדערש מאָל איז כאַנע־לייב געווען שטרענג: „אַרײַנגיין אַהין גלאַט אַזוי, ווי א נײַגעריקער, ווי א זײַטיקער איז ניט באַקוועם. א רעדאַקציע איז א מין קיך, ווו עס גרייטן זיך די פּאָטראַוועס פאַר טויזנטער לייענער אין דער וועלט. עפּשער איז טשיקאַווע זיך צוקוקן, ווי עס גרייט זיך, וואָס דו וועסט אָף מאָרגן פאַרזוכן, נאָר ניט יעדער באַלעבאָסטע האָט ליב, מע זאָל שטיין בא איר אין קיך, ווען זי גרייט אירע מײַכאָלים. שוין בעסער פאַרדײַען דאָס פאַרטיקערהייט...״

אָט אַזעלכע שמועסן האָבן מיר געפירט, אַרויסקוקנדיק פון קעגניבער צו דער רעדאַק־ציע „דער פרײַנד״.

צו יענער צײַט, צוליב א קאָנפליקט צווישן די אַרבעטער מיט אונדזער באַלעבאָס, האָט מען געשטרײַקט און ניט געאַרבעט. פון די פריִערדיקע פאַרדינסטן איז ווינציק פאַרבליבן אָף דורכקומען. האָט מען געגעסן האַלב אָף האַלב און פון קויפן ליטעראַטור אפילע ניט געטראַכט. דערפאַר אָבער, האָב איך געפאַקט אַן אויצער מיט ביכער אין קליידער־שראַנק בא כאַנע־לייבן. קיין קליידער זײַנען דאָרט קימאַט ניט געווען, נאָר ברייט צעלייגט זײַנען געלעגן ביכער אָף ביכער. עטלעכע בענדער פון מענ־דעלע מויכער־ספאָרים. אַלע ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמס, פּערעצעס ביכער. אויך שאָלעם אַש, רייזען, בערגעלסאָן, נאָמבערג. די זאַמלביכער „יודיש״ און אַנדערע צײַטשריפטן. כאַנע־לייב האָט ליב געהאַט קויפן ביכער, כאָטש זײַן יונג ווײַבל האָט ניט געקאָנט לײַדן, וואָס ער טרענצלט געלט.

גאַנצפרי, עס איז נאָך שטיל אין שטוב. איך נעם אַרויס פון שראַנק אַלע ביכער, צעלייג זיי. איך בין מאַמעש פאַרבלענדט. כ׳ווייס ניט, צו וואָס נעמט מען זיך פריִער. אָט איז „דאָס קליינע מענטשעלע״. איך נעם אַפּגיך לייענען, און קאָן זיך שוין ניט אָפּרײַסן. איך פיל שוין ניט, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. דער אײַנ־דרוק איז געבליבן אָפן גאַנצן לעבן... שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען און באַזונדערס די מײַסעס פאַר קינדער האָב איך שוין מערסטנ־טייל געלייענט, נאָר דאָ גייט איינס נאָכן אַנ־דערן און לייענען אפילע נאָכאַמאָל איז דער אייגענער פאַרגעניגן, ווי דאָס ערשטע מאָל. איך לייען און לאַך שטיל פאַר זיך און ער־טערווײַז פאַרקלעמט עפּעס פאַרן האַרצן. עס דערמאָנט זיך די היים. עס קאַפּען טרערן. מײַן מאַמע איז אויך אַזוי אָרעם, ווי מאָטל פּייסי דעם כאַזנס מאַמע.

עס איז שוין באַלד האַלבער טאָג. איך וויש די אויגן און לייען ווײַטער. הינטער מיר שטייט כאַנע־לייב. — גיב נאָר א קוק, — לייענט שאָ־לעם־אַלייכעמען און וויינט. ס׳איז דאָך ניט דינענזאָנס „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״. נו, טו זיך אָן, קויף א פּעקל קוילן, זעמעלעך, פּו־טער, וועט סאָרצע מאַכן פרישטיק. ביז מירן אָנהייבן אַרבעטן, וועסטו נאָך באַווײַזן אַלץ איבערלייענען. געדענק, פּערעצן זאָלסטו לייע־נען ניט געאײַלט, באַטראַכטערהייט...

פּערעצעס „באַנאַכט אָפן אַלטן מאַרק״, דאָס אונטערקעפּל: „א דראַמאַטישער כאָלעם״. די לעבעדיקע און טויטע געשטאַלטן זײַנען טראַ־גיש איבערגעפלאָכטן מיט כאָלעם און וואָר. איך בין צעטומלט, עס גרוילט אַזש באַם לייע־נען. שפּעטער האָב איך עס ווידער געלייענט, זיך אומגעקערט צו דעם אָף מאָרגן, געטראַכט, געוואָלט זיך דערגרונטעווען צום געדאַנק, צום טיפן מיין, וואָס פּערעץ לאָזט איבער אָף פאַר־טראַכטן זיך.

עס זײַנען אַוועקגעגאַנגען נאָך עטלעכע טעג. איך האָב שוין געאַרבעט, געהאַט ווינצי־קער צײַט, און דאָך האָב איך ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט צו לייענען בוך נאָך בוך — פון די יינגערע שרײַבער: שאָלעם אַש, אַווראָם רייזען, ווײַסענבערג, בערגעלסאָן, נאָמבערג.

אַזוי האָב איך פאַרן 1913 באַוויזן צוביסלעך זיך צו באַקאַנען מיט די וואַרשעווער צײַטונ־גען, מיט די בעסטע שאַפונגען פון דער יידי־שער ליטעראַטור און אויך פון מאָל צו מאָל באַזוכן די וואַרשעווער יידישע טעאַטערן.

אין געצײַלטע ווערטער

ערלעכקײַט

איך זוך פאַר מײַנע לידער קיין אומשטערבלעכקײַט,
אלץ, וואָס איך זוך פאַר זיי,— דאָס איז בלויז ערלעכקײַט.
און זאָל מײַן ליד קיין הייסע זון ניט ווערן,
אפילע ניט קיין קאַלטער שטערן,
נאָר זאָל זי זײַן אן ערלעכער לאַמטערן —
באַלײַכטן עמעצן באַנאַכט דעם וועג דעם שווערן.

די מײַסע מיט א קופּערנעם גראָשן

האַרבסט־צײַט, סאָף כּודעש טישרע,
אונטערן דריבנעם רעגן
האָט זיך געקײַקלט א קופּערנער גראָשן
איבער צעקראָכענע וועגן.

דעם זעלביקן וועג איז געגאַנגען
איינער א שווינדלער אן אַלטער,
האָט ער געטראָפן דעם גראָשן
ליגן אין בלאָטע אין קאַלטער.

ער האָט דעם גראָשן געהאָלפן
אַרויסצוקריכן פון בלאָטע,
האָט אים מיט זיך גענומען
און ניט געהאַט קיין כאַראָטע.

ער האָט אים גערייניקט, געוואַשן
און אים אַזוי לאַנג געריבן,
ביז ס'איז פונעם קופּערנעם גראָשן
קימאַט ווי גאָרנישט געבליבן.

דערפאַר אָבער שײַנט איצט דער גראָשן
אַזוי־ווי א גאָלדן רענדל
און טוט די נאַרישע מענטשן
זייערע אויגן פאַרבלענדן.

געוואָרן א גאַנצער מעיוכעס,
האָט א דייע אין בײַטלשע זאַכן...
דער שווינדלער קוקט אף זײַן שײַנלינג
און טראַכט: „א געשעפט וועל איך מאַכן"

אַז אַלע זײַנען נאַראָנים —
זאָל דער שווינדלער ניט־מײַנען:
עס וועט זיך געפינען איין קלוגער
און אָנרופן אים: געמיינער!

דער בוים פון מײַן קינדהײַט

פון אַלץ, וואָס איך האָב,
איז דער אויצער דער שענסטער—
א טאָפּאָל, וואָס שטייט
אנטקעגן מײַן פענצטער.

צעשפּרייט האָט ער ברייט
די צווײַגן, ווי פליגל;
אף זיי איז אמאָל
געהאַנגען מײַן וויגל.

לעם בוים ס'ערשטע מאָל
די ערד כ'האָב באַטראָטן,
דערנאָך יאָר נאָך יאָר
געשפּילט זיך אין שאָטן.

איך האָב אים פאַרטרויט
די סודעס די גרעסטע;
געווען צווישן אונדז
א פרײַנטשאַפט א פעסטע.

זיך ביידע געפרייט
מיט קינדערשע פריידן,
פון צאַר און פון פּײַן
געוויינט האָבן ביידע.

מײַן ערשט־ערשטע ליד
פאַר אים כ'האָב געשריבן,
זי איז מיר ביז איצט
אין הארצן פאַרבליבן.

ביז הײַנט איז ער מיר
א כאווער א טרײַער,

זײַן יעטווידע בלאַט
איז ליב מיר און טײַער.

ווי שיין זעט ער אויס
אין העלער צעגרינטקײַט,
מײַן הארציקער פרײַנט —
דער בוים פון מײַן קינדהײַט!

אַף דער גאַס פון מײַן ליבער

כ'האָב ליב אַן א שיר
אַט די אלטיטשקע גאַס,
וואָס האָט מיך אמאָל
מיט מײַן ליבער פאַרקנאַסט.
די שטיבעלעך דאָ —
מײַנע טײַערע פרײַנט,
אלץ, וואָס איז געווען,
זיי געדענקען ביז הײַנט.

ס'געדענקט אָט דער גאַנעק,
ס'געדענקען די ווענט,

ווי צאַרט כ'האָב געגלעט
אירע איידעלע הענט.

זיי געדענקען, ווי איך
האָב געוויינט אינעם גראָז,
ווען ס'האָט זיך א בוידעם
פון אלץ אויסגעלאָזט.

אַף דער גאַס פון מײַן ליבער
כ'גיי אום אָן א קאָפּ,
און עס לאַכן די שטערן
פון הימל אַראָפּ.

א ליד וועגן גענעם

איטע דאָבערער געווידמעט

כ'וועל דערציילן דיר פון גענעם,
ניט ווי דאנטע אליגיערי —
שרײַבן ריזן־גרויסע ביכער
וואָלט געווען אווידאס פערעך.
כ'וועל דערציילן דיר בעקיצער,
מאמעש אין געציילטע ווערטער,
וועגן גענעם אומגעהערטן.
ווען דו שווימסט אין יאם פון צאָרעס
און עס גייט דײַן שיפל אונטער,
ווען עס שפּאַלט זיך די נעשאָמע
און דער אויסזען בלײַבט דיר מונטער,
ווען דו טאָרסט זיך ניט באַקלאָגן

(ס'איז דערצו ניטאָ פאַר וועמען),
ווען דו פילסט, ווי קורץ דער וועג איז
פון גאַניידן ביזן גענעם,
ווען דו זעסט צום לעצטן מאָל
די געליבטע אויגן שווארצע,
ווען אכזאָריעסדיקע רעדער
שנײַדן זיך אַרײַן אין הארצן —
דאָס איז דיר א רעכטער גענעם,
ניט פון דאַנטע אליגיערי;
און דערציילן עפּעס ווײַטער
וואָלט געווען אווידאס פערעך.

א ד א נ ק

א דאנק אײַך, טײַערע, פאַר אלץ א דאנק —
פאַר יעדער רעגע, ווען עס טוט מיר באַנק,
פאַר יעדן וואָרט, וואָס כ'האָב מיט אײַך גערעדט,
פאַר ווייטעקן פון פרי ביז אָוונט־שפּעט,
פאַר יעדן אָנריר פון דער מילדער האַנט,
פאַר אופירן צעווישן אונדז א וואַנט,
פאַר ווונדן, שטאַרק באַשאָטענע מיט זאַלץ —
א דאנק אײַך, טײַערע, א דאנק פאַר אלץ!

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

אירמע דרוקער

נאָטיצן וועגן י.-ל. פּערעץ

פּערעץ האָט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו פון צײַט... עס זײַנען געווען אַזעלכע באַלאַנים, וואָס האָבן געפּרוּווט דעם גרויסן שרײַבער דערווײַטערן פון אונדז, און באַקומען האָט זיך דאָס פאַרקערטע: פּערעץ ווערט אונדז פון מאָל צו מאָל אַלץ נעענטער און נעענטער.

אין אונדזער ליטעראַטור־וויסנשאַפט איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנהייב צו דערלערנען די צווישנבאַציִונגען צווישן פּערעצן און שאָלעם־אַליכעמען, ס׳איז אָבער נאָך לאַכלוטן ניט געוואָרפן געוואָרן קיין שײַן אַף די באַציִונגען צווישן מענדעלען און פּערעצן.

פּערעץ דער ראָמאַנטיקער האָט אין זײַן צײַט געהאַט טײַנעס צו מענדעלען דעם אויסגעשפּראָכענעם רעאַליסט פאַרן גיין האַרט בא דער ערד, ער האָט געהאַט טײַנעס צום „גרויסן אָדלער“, וואָס קריכט ניט אַראָפּ פון פערד־און־וועגעלע.

„איך ווייס ניט, וואָס וואָלט געווען מיט מענדעלען, ווען מ׳וואָלט בא אים פּלוצעם צוגעגאַנוועט דאָס פערד־און־וועגעלע“ (פון פּערעצעס אַן אַרטיקל וועגן דעם זאַמלבוך „פּרדס“ („פּאַרדייס“), געדרוקט אין זײַן העברעיִשער זאַמלונג „החץ“ („האַכייץ“) 1894 י.

פון מאָל צו מאָל איז אָבער פּערעצעס פּיִעטעט צו מענדעלען געוואַקסן. אין 1910־טן יאָר, ווען ס׳איז געפּײַערט געוואָרן מענדעלעס 75־יאָריקער יובילײ, רעדט פּערעץ וועגן מענדעלען, ווי וועגן דעם ערשטן און גרעסטן.

„ער איז נישט נאָר דער עלטסטער צווישן די לעבנדיקע שרײַבער, ער איז אויך, און דער איקער — דער ערשטער.

...ער איז דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט ליבע און אַכטונג צו זײַן „קינסטלערישן אינסטרומענט — צום ייִדישן וואָרט, און האָט עס געהאַלטן און דערצויגן ריין“.

ער איז דער ערשטער, וואָס האָט דאָס ייִדישע לעבן „ייִדיש אייגנאַרטיק געצייכנט“.

אויך מענדעלע האָט ביז גאָר הויך געשאַצט פּערעצן, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער, פּערעץ, איז נישט געגאַנגען אין זײַנע דראָכים און האָט זיך אַליין אויסגעטראָטן זײַן אייגענעם וועג.

מענדעלע האָט געהאַלטן, אַז פּערעץ געהערט צו די שרײַבער, וואָס שטאַרבן ניט, וועמענס ווערק עס לעבן אייביק.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז אופדעקן די צווישנבאַציִונגען צווישן פּערעצן און שאָלעם אַשן. פּערעץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט שאָלעם אַשן געגעבן סמיכע: „אַש, נישט אַש נאָך אויסגעלאָשענעם פלאַם, נאָר שאָלעם אַש, וואָס צעפלאַמט זיך אַלץ העלער און העלער“.

איצכאָק פאַנער (שאָלעם אַשס סעקרעטאַר) דערציילט אין זײַן בוך „שאָלעם אַש אין זײַן לעצטער היים“, אַז שאָלעם אַש האָט געהאַלטן פּערעצן פאַר זײַן רעבן. „איך בין געווען איינער פון זײַנע טאַלמידים. איך האָב אים א

סאַך צו דאנקען, קוידעמקאָל, וואָס איך בין געוואָרן א ייִדישער שרײַבער".

צווישן דעם רעבן און זײַן טאַלמיד זײַנען אָבער אויך פאָרגעקומען לײַדנשאפטלעכע שטרײַטן. פּערעץ האָט געראטן שאָלעם אשן זײַן פּיעסע „גאָט פון נעקאָמע" פארברענען, ער האָט אויך געהאלטן פאר ניט אָרגאניש דאָס לויפן פון איין טעמע צו דער צווייטער. אין א טעמע באדארף מען זיך אײַנלעבן, אײַנוואקסן און ארויסוואקסן פון איר. אויבנופיקע אלזײַטיקײַט איז דער העכסטער אויסדרוק פון איינזײַטיקײַט.

באנאנד מיט אָט די וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס ווארטן אַף זייער לייזונג, דארף ברייט געשטעלט ווערן די פּראָבלעם פון פּערעצעס ראָמאנטיק, וואָס דרינגט ארויס פון זײַן טיפן און פילזײַטיקן רעאליזם. וואָס טיפער פּערעץ האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין די קעלערס, אלץ מער האָט ער געטרוימט וועגן דער בעסערער און שענערער וועלט, אלץ מער האָט אים גע־צויגן אין דער הייך. אָט דער רעאליסטישער ראָמאנטיזם איז געווען דער קנופּ, וואָס האָט פארקניפּט פּערעצן מיט גאָרקין.

אויך פּערעצעס סימבאָליזם איז ווײַט ניט אזא, ווי עס האָבן אים פאָרגעשטעלט די ווול־גארע סאָציאָלאָגן. פּערעצעס סימבאָליזם פירט ניט צו קיין מיסטיק. אויסמײַדנדיק דעטאלן, כאפּט פּערעץ אוף די סאמע שארפסטע און הארבסטע פּראָבלעמען פון דער ווירקלעכקײַט. און לאָזט ער זיך אַף „יענער וועלט", רײַסט ער זיך אַף קיין מינוט ניט אָפּ פון דער וועלט.

זייער און זייער א סאַך פּראָבלעמען, זייער און זייער א סאַך נאָך ניט קיין באריקטע מאָ־טיוון זײַנען פארבאָרגן אין פּערעצעס שאפונג. אנטפּלעקן און ארויסברענגען זיי, דאָס איז דער כיוּוּן פון יעדן איינעם, וואָס האָט א שײַכעס צו דער ייִדישער ליטעראטור. איינע פון די נאָך ניט באריקטע מאָטיוון איז דער מאָטיוו — פּערעץ און נעגינע. אָט וועגן דעם מאָטיוו וויל איך אינקורצן זיך אָפּשטעלן.

פּערעץ, — האָט געזאָגט ביאַליק, — איז גע־קומען אין דער ייִדישער ליטעראטור א זינ־געוודיקער — פּרץ עלה בשירה (פּערעץ אָלאָ בעשיראָ). און געקומען איז ער ניט אַף קיין פערד און וועגעלע און ניט אין וואגאָן פון צוג, נאָר אַף א פײַערדיקן רײַטוואָגן.

אין דעם פײַערדיקן רײַטוואָגן, — האלט ביאַ־ליק, — האָט פּערעץ דורכגעמאכט אלע זײַנע רײַזעס, אלע זײַנע אנטפּלעקונגען, און מיטן פײַערדיקן רײַטוואָגן איז ער אוועק פון דער וועלט.

און נישט נאָר ביאַליק, נאָר יעדער איינער, וואָס האָט זוכע געווען צו זען פּערעצן, האָט גלײַך באמערקט אין אים דאָס פײַערדיקע, גלײַך דערהערט דעם ניגן, וואָס עס זינגט פון אים ארויס.

„איבער די ווארשעווער גאסן, — דערציילט עפראַיִם קאגאנאָווסקי, — איז אין יענע יונגע פריידיקע טעג ארומגעגאנגען דער מענטש מיט דער ברייטער פעלערינע, מיט צעפלאָשעטע פריצישע וואָנצן איבערן פולן שטורעמדיקן מויל. מיט פײַער האָט געשפּריצט פון זײַנע אויגן, מיט פײַער האָט געזעצט פון זײַן וואָרט. ווי א קישעפמאכער, האָט ער געוואָרפן ליכ־טיקע שטורקאצן אין די טונקעלע הײַזער פון די ענגע, אָרעמע ייִדישע ווארשעווער גאסן".

דער ניסטער דערמאָנט זיך ווי פּערעץ „האָט זיך צעהיצט, צעפלאמט, גערעדט מיט קורצע אָפּגעהאקטע זאצן, אפאָריסטיש".

פּערעצעס פײַער האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן, פּערעצעס ניגן האָט זיך קיינמאָל ניט איבערגעריסן.

און ניט אומזיסט, ווען מוישע אלטמאן האָט געפּרוּווט אין זײַן גלענצנדיקער פאָלקס־שפּיל „מאָניש" זיך דערגרונטעווען צום פּערעץ־טאָך, האָט ער עס דערגרייכט דורך אופדעקן דעם ניגן.

ארום און ארום איז בלאָטיק און פינצטער, און מאָניש לייגט פאָר יויעלן, ער זאָל טראכטן און שפּילן פון ליכטיקײַט און שניי — „שפּילט שניי".

„מע דארף שפּילן, — זאָגט מאָניש צו רעב יויעלן, — מע דארף! מע טאָר ניט אופהערן! איז אומעטיק, שפּילט מען א פריילעכס, און די פרייד איז גויוער די אומעטיקײַט. שפּילט, רעב יויעל... שפּילט וואָס מער... אפילע די אומע־טיקײַט אליין, אז מע שפּילט זי גוט אויס, ווערט פון איר א פרייד".

האָבן גוטע אויערן, באטײַט אויך פארמאָגן גוטע אויגן, דאָס זען און דאָס הערן זײַנען ענג געבונדן, און מאָניש רופט יויעלן דערזען די שרעקלעכע אָרעמקײַט, דעם טיפן טרויער ארום און ארום, דערזען „ווי אונטער דעם טרויער טליִעט די בענקשאפט, די בענקשאפט נאָך א בעסער און שענער לעבן. און פוןביידע, פר־נעם טרויער מיט דער בענקשאפט, ווערט א ניגן... און דעם ניגן ווילט זיך אויסטאנצן... מע באהעפט זיך. מע ווערט א קלאל, ווערט מען שטארקער, איז מען גויוער דעם טרויער, מע טאנצט! א פינגער־טאנצט, אן אקסל טאנצט, א ברעם פון אויג טאנצט".

ווי עכט פּערעציש דאָס איז!

דער ניגן איז געווען איינע פון פּערעצעס ערשטע אנטפּלעקונגען. נאָך גאָר אין די פריִע קינדער־יאָרן, — דערציילט פּערעץ אין זײַנע זיכרוינעס, — האָט אים געצויגן צו דער פאר־שיידנארטיקער קלאנגען־וועלט.

די קלאנגען־וועלט האָט פּערעצן געצויגן ביז דער לעצטער מינוט פון זײַן לעבן. פּערעצעס שטוב, ווי פּערעצעס הארץ, זײַנען שטענדיק פול געווען מיט געזאנג. א נײַער ניגן איז ווי א נײַ וואָרט, האָט מען עס געבראכט צו פּע־רעצן.

פּערעץ דרינגט טיף ארײַן אין דער פאָלקס־ליד, אינעם כסידישן ניגן, אין דער ליטורגיִע און אין דער וועלטלעכער קלאסישער מוזיק. ס'איז באוווּסט פּערעצעס ראָל אין ווארשע־

ווער „הזמיר" („האזאָמיר"). לויט זײַן איניציאַטיוו האָט דער האזאָמיר־כאָר, וואָס איז באשטאנען פון 300 זינגער, 200 מענער און 100 פרויען, אין מעשעך פון א יאָר געארבעט איבער בעטהאָווענס „נײַנטער סימפאָניע". פערעץ באזוכט די מערהײַט רעפעטיציעס. זײַנע אָנווײַזונגען העלפן מיט טיפער צו פארשטיין בעטהאָווענען.

אין דער רוסישער ליטעראטור זײַנען טורגעניעוו און טשעכאָוו פארעכנט געוואָרן אלס „מוזיק אין דער ליטעראטור". אין דער ייִדישער ליטעראטור האָט אָט די רעכט אויסגעקעמפט נישט קיין אנדערער ווי י.־ל. פערעץ. פערעץ איז דער גרעסטער מענאגן אין דער ייִדישער ליטעראטור.

געקומען צו דער נעגינע איז פערעץ צום אלעם ערשטן דורך דער דיכטונג. בעלינסקי זאָגט, אז ס'זײַנען דאָ אזעלכע לירישע ווערק, אין וועלכע עס ווערן אָפּגעווישט די גרענעצן, וואָס טיילן פאנאנדער דיכטונג פון מוזיק.

פערעץ האָט די מוזיק ארײַנגעבראכט ניט בלויז אין דער ליריק, נאָר אויך אין די סאָציאלע מאָטיוון, נישט בלויז אין דער דיכטונג, נאָר אויך אין דער פּראָזע. די זינגעוודיקײַט פון וואָרט, אָן וואָס ס'איז אומעגלעך איבערגעבן געזאנג, נעגינע, דערגרייכט פערעץ דורך דעם קורצן לאקאָנישן זאץ, דורך דעם ענערגיש־שלאָגעוודיקן, שטרענג־געפרעסטן ריטם, וואָס ער האָט דער ערשטער ארײַנגעבראכט סײַ אין דער ייִדישער דיכטונג און סײַ אין דער ייִדישער פּראָזע.

אין זײַן ערשטער עפנטלעכער ארויסטרעטונג אין ייִדיש, אין זײַן פּאָעמע, „מאָניש" (1888) פילט שוין אויס די נעגינע איינע פון די וויכטיקסטע פונקציעס צו כאראקטעריזירן די ענדערונגען, דעם געמיט־צושטאנד, דעם איבערבראָך און די צוזאמענשטויסן פונעם הויפּט־העלד מאָניש.

מאריִעס ניגן ווערט אין מאָנישן שטארקער און שטארקער און שטויסט פון אים ארויס אלע פריִערדיקע ניגונים. און מאָנישעס מוטער אפילע דערקאָנט לויט די נײַע ניגונים די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין איר זון:

„אז דו פלעגסט זינגען
די זמירעס באם עסן; —
הײַנט האָסטו גאָר יענע
ניגונים פארגעסן!

הײַנט זינגסטו גאָר אנדערש,
הײַנט זינגסטו נישט גוט,
עס קלעמט מיר דאָס הארץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט;

עס שנײַדט, ווי מיט מעסער,
אין הארץ דײַן געזאנג:
וואָס איז פאר א שטייגער,
וואָס איז פאר א גאנג?"

און מאָניש ענטפערט:

„צי ווייס איך דען, מאמע,
וואָס ס'זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נאָר, אין הארץ איז
גאָר אנדערש ווי פריִר"

אין דער פּאָעמע „באם פרעמדן כופּע־קלייד" ווערט דער פאָלקס־ווייטעק אויסגעדריקט דורך דער זינגעוודיקער פאָלקס־ליד. א סאָציאלפארביטערטער געזאנגען־דיאלאָג קומט פאָר צווישן די מאָדיסטקעס מיט דער מאדאם... דאָס געזאנג ווערט שטארקער און שטארקער, און די מאדאם באפוילט: „שטילער, שטילער, שטילער".

„וואָס האָט איר פון די לידער?
דריקעניש נישט מער!
עס ציטערן די ברעמען,
אָט, אָט, פאלט א טרער...
און אז טרערן פאלן
פון דער שווערער נויט —
אף די ווײַסע קליידער
ווערט א פלעק אף טויט".

געזאנג — דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע שטריכן, וואָס כאראקטעריזירן פערעצעס פּאָזיטיוון העלד. געזאנג איז דער אויסדרוק פון ליבע, פון בענקשאפט און פון די ליכטיקסטע טרוימען וועגן דער נײַער זונשטראליקער וועלט.

ווען דער „זינדיקער" פון „אין פּאָליש אפן קייט" וויל זײַן בענקשאפט אויסשפּילן, ווענדעט ער זיך צום פידלער, צום פידל: „פידל שפּיל! גיס די זיסע קעניגלעכע בענקשאפט אויס". רײַסנדיק די קייט, כאָלעמט דער „זינדיקער וועגן נײַע זונשטראלנדיקע, מיט געזאנג באגאָסענע, בליִענדע וועלטן".

און ווען פערעץ טרוימט און פארלאנגט, אז שאבעס זאָל זײַן אף גאָר דער וועלט, און ווען פערעץ בענקט נאָך די שאבעס־יאָמטעוודיקע סימכעס, שטעלט ער זיי זיך אנדערש ניט פאָר ווי זינגענדיקע.

„ווען מע זינגט, איז אלץ קלאָר, פרעגט מען ניט ווּהין. דאָס געזאנג באפרײַט. ווען מע זינגט, בייגט מען זיך ניט, בעט מען ניט, שטרעקט מען ניט אויס די הענט"...

אין דער פּראָזע ווערט דער מאָטיוו פון נעגינע נאָך מער פארטיפט, נאָך מער צעצווײַגט. פערעץ האָט געוווּסט, וואָס אין פידעלע שטעקט, ער האָט זיך דערגרונטעוועט ביז צום גילגל פונעם ניגן, ער האָט אנטפּלעקט זײַן פילאָסאָפיע, זײַן עמאָציאָנעלע אופווירקונגס־קראפט.

פערעץ האָט ווירטואָזיש געשפּילט אפן מוזיקאלן אינסטרומענט פון דער ייִדישער שפּראך, נישטאָ בא אים קיין שווײַגנדיק וואָרט, קיין שטומער אָס. די געפרעסטע שטרענגקײַט פון ריטם פארלאָזט פערעצן אינערגעץ ניט. קלאנגען דאָמינירן בא אים איבערן געמעל, איבערן פייזאזש.

ל. נ. טאָלסטאָי האָט געזאָגט — מוזיק דאָס איז די סטענאָגראפיע פון געפיל. פערעץ האָט

אַט די סטענאָגראַפיע געקאָנט אויסגעצייכנט. ער האָט מײַסטערהאַפט אויסגענוצט די פּאַוזע, דעם אונטערטעקסט, די פּינטעלעך, וואָס האָבן אַזוי געשראָקן זײַנע קעגנער.

יויכענען דער מעלאַמעד רעדט אין דער נאָוועלע „ווער עס גיט לעבן, דער וועט געבן צום לעבן" וועגן די צווישן־שורעס:

„איך עטעם אײַן און זויג פונקען פון צווישן די שורעס, פון די ווערטער, פון די אויסיעס און איך ווער פול מיט דער שײַן, וואָס איז באַהאַלטן פאַרן לעתיד לבא, פאַר די קומענדיקע צײַטן".

אין דער ניטדערזאָגטקײַט ווערט אָפט א סאַך געזאָגט.

„דער צויבער אין טשעכאָווס פּיעסן, — שטרײַכט אונטער סטאַניסלאַווסקי, — באַשטייט ניט אין דעם, וואָס ווערט איבערגעגעבן דורכן וואָרט, נאָר אין דעם, וואָס עס ליגט הינטערן וואָרט, דה., אין דער קאָמפּליצירטער סיסטעם פונעם אונטערטעקסט".

פּערעצעס שטים איז די שטים פון שטימען, זײַן פאַקטור איז א פּאָליפאָנישע. אומעטום איז דער ניגן א הויפּט־מעכוטן. מיטן ניגן ווערט מען געבוירן, מיטן ניגן לעבט מען, מיטן ניגן באַטראַכט מען די וועלט, מיט אים, מיטן ניגן, לעבט מען און מע שטאַרבט.

סאַטיע דער פישער פון האָלאַנד אין דער דערציילונג „ניסים אפן יאַם" איז ניט געווען קיין באַלדאַברען: דער יאַם לערנט שווײַגן.

אין די מינוטן פון געפאַר אפן יאַם, ווען ער לאָזט זיך כאַפּן די פיש אַף יאָמקיפּער, דערמאָנט ער זיך פּלוצעם א ניגן און ער הייבט אָן נאָכצוזינגען דעם ניגן. „די דאָזיקע שטומע נעשאָמע האָט נאָר דאָס אײנציקע לאָשן צו רעדן מיט גאָט, און ער זינגט".

דער שטורעם ווערט גרעסער און גרעסער, און סאַטיע זעצט פאָר זינגען דעם ניגן פון „מי ינוח ומי ינוע". „סאַטיע וויל שטאַרבן זינגענדיק. און ווען סאַטיע וויל עפּעס זאָגן, וויל עפּעס פרעגן, זאָגן אים די אויסגעדוכטע, ווי פון נעפּל געוועבטע, צוויי ווײַסע געשטאַלטן:

„זינג בעסער, סאַטיע, זינג! דײַן געזאַנג וועט גויווער זײַן דעם צאָרן פון יאַם". ער אַליין, פּערעץ, האָט זויכע געווען צו דעם, אַז זײַן גרויס הארץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן באַם שרײַבן די ערשטע שורעס פון זײַן לעצט קינדער־ליד:

שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער.

אַלץ אין לעבן, — האָט גלינקא געזאָגט, — איז א קאָנטראַפּונקט, אַלץ איז אין קעגנזעצלעכן, אין קאָנטראַסטאַרטיקן. פּערעץ האָט גלענצנד געקאָנט און באַהערשט די פאַרשיידענע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע קאָנטראַפּונקטן פון אָרעם און רײַך, פון אונטערדריקער און אונטערדריקטע, פון דערהויבענע און גע־פאַלענע, פון די „צווישן צוויי בערג", פון צווישן די פאַרשיידענע וועלטן — די מענערישע און ווײַבערישע וועלט — פונעם אַסקעטישן און טײַוועסדיקן ציִען זיך צום לעבן.

פּערעץ, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע ניט נאָר לערנען דאָס פאָלק, נאָר אויך זיך לערנען בא אים, האָט ווי א פאָלקס־שרײַבער ניט געקאָנט פאַרבײַגיין די פאַרשיידענע אָנטפּלעקונגען פונעם פאָלקס־שאַפן.

פּערעץ האָט שטענדיק געקאָנט אויסגעפינען דעם קערנדיקן פאָלקס־יאָדער, אין וואָס פאַר א שאָלעכץ דער יאָדער האָט זיך ניט געפּרוווט אויסבאַהאַלטן, פון אַלטן גאָלד האָט דער שרײַבער געשמידט נײַ צירונג. די גאָלדענע קייט איז בא פּערעצן באַשטאַנען ניט בלויז פון עטלעכע געציילטע רינגען, נאָר פון זייער א סאַך פאַרשיידענע רינגען.

פּערעץ דיכטעט איבער די כסידישע מײַסע, טיילט אויס פון איר דעם הומאַנישן און דעמאָקראַטישן טאָך, גיט איבער די פאַרשיידענע שאַטירונגען פונעם ניגן, דרינגט ארײַן אין זײַן פילאָסאָפיע.

„דער פּאַסטעך שפּילט אויס זײַן ניגן לויט דעם גראָז פון די לאָנקעס, אַף וועלכע ער פּאַשעט די טשערעדע, לויט די בערג, וואָס רינגלען אים ארום, און לויט דעם הימל, וואָס הענגט איבער זײַן קאָפּ".

„פונוואַנען מיר האָבן נעגינעס? עפּשער קומט זי שוין בעיערושע, און עפּשער ליגט זי אין דער געגנט. אין אונדזער קיִעווער געגנט איז איין באַיִס אָן א פידעלע". („א גילגל פון א ניגן"). דער ריינער ניגן קאָן ריין ארויסגעבראַכט ווערן בלויז פון א ריין הארץ. „דער איקער פון אַלע ניגונים איז הייליק, די טומע קאָן ניט זינגען". אין דער נאָוועלע „מעסירעס־נעפעש" לייענען מיר: „א מענטש, וואָס איז נישט גאַנץ, קאָן האָבן אָן אויבער־קאָל, אָן אונטערקאָל, א בײַ־קאָל, א צעשפּאָלטן קאָל, א ציטערדיק קאָל, אָבער ניט קיין ריינעם קלאָרן קלאַנג, קיין רעכט קאָל האָט ער נישט".

דער היסלײַוועסדיקער ניגן ווערט פאַרגליכן צו א פלאַמפּײַערדיקן טײַך. דער נעמיראָווער אין „מישנאַס כסידים" האָט געקאָנט דעם גאַנצן ניגן, דעם ניגן אין אַלע זײַנע גוסטן און איבערגאַנגן. פון דעם נעמיראָווער האָט די היסלײַוועס געשלאָגן, ווי פון א קוואַל, און מיט א ווונק האָט ער געקאָנט איבעררײַסן די שפּיל פון די קלעזמער, פאַרוואַנדלען דעם ראַש אין שטילקײַט, אין יענער שטילקײַט, וואָס גיט איבער די רוכניִעס פונעם ניגן, די אינערלעכע קוילעס, וועלכע מ'זעט און מע הערט אײנצײַטיק.

דער ראָש־יעשיווע פון „מעקובאָלים" איז מעקאַנע דעם רעבן, וואָס האָט געקאָנט דעם גאַנצן ניגן אפילע מיט א צושפּיל. — „איך (האָט ער צוגעגעבן טרויעריק) האָב קוים די זכיִע צו א פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס". דער ניגן, — דערקלערט דער ראָש־יעשיווע, — האָט פאַרשיידענע בכינעס: „עס איז פאַראַנען א ניגן, וואָס מוז

האָבן ווערטער: דאָס איז גאָר א נידעריקע בכינע. עס איז פאראַן א העכערע בכינע: א ניגן, וואָס זינגט זיך אליין, נאָר אָן ווערטער. ...דער עמעסער ניגן אָבער זינגט זיך גאָר אָן א קאָל, עס זינגט זיך אינווייניק, אין האַרץ, אין די געדערים".

פערעץ הערט אומעטום דעם ניגן, נאָר פריִער פון אַלץ פילט דער ניגן זיך בא דער ארבעט. „ווער עס ארבעט און באשאפט אין דער ארבעט, דער זינגט! דאָס געזאנג ווערט אויך אין דער ארבעט פארקישעפט! אז מאָשיִעך וועט קומען, וועלן אלע אזוי ארבעטן" („דריַי כּוהפעס"). אין „א גילגל פון א ניגן" לייענען מיר:

„...מענטשן און פייגל זינגען, כּיַיעס און בעהיימעס זאָגן שירע... א שטיין אין א שטיין קלאפּט, מעטאל קלינגט... וואסער אז עס לויפט, שוויַיגט עס ניט. היַינט א וואלד! באַם קלענסטן ווינטל זינגט ער דאָך א „וואָלאך", אָן עמעסן שטילן זיסן „וואָלאך"! און די באַן, לעמאָשל, — די כּיַיע ראָע, מיט די רויטע פלאמענדיקע אויגן, אז זי לויפט, באַטויבט זי ניט מיט איר געזאנג? אפילע די שטומע פיש האָב איך אין אַן אלטן סייפער געזען, גיבן אויך אמאָל ארויס פון זיך א קאָל נעגינע. טייל פיש, שטייט אין סייפער, שווימען פון ציַיט צו ציַיט צום ברעג, קלאַפּן מיט די עקן אין זאמד אין א שטיין און זיַינען זיך דערמיט מעכיַיע". די נאַטור, וואָס הערט ניט אויף שפּילן מיט פארבן און קלאנגען, איז אין יעדן אָרט אנדערש. און וויבאלד אנדערש, זיַינען די פארבן און אנדערש זיַינען די קלאנגען, איז אנדערש דער ניגן.

דער ניגן פון אינווייניק קאָן, לויט פערעצן, געזונגען ווערן בלויז דאַן, ווען צו אים דערגייען די קוילעס פון דרויסן, פונעם ארומיקן לעבן. און טאקע דערפאַר, וואָס דער ראָשיעשיווע האָט זיך אָפּגעריסן פון אלע דרויסנדיקע קוילעס, האָט ער געהאַט די זכיִע צום פּיצעלע ניגן, נאָר ניט צום גאנצן.

דער כסידישער ניגן, סיַי אין זיַין דווייקעסדיקן אוועקגיין פון וואָכיקן גרויען ארום, סיַי אין זיַין היסלאַיוועסדיקן אויסגעשריי, איז געווען א פּראָטעסטירנדיקער. דער ניגן האָט אָפט געטיַינעט, אז ניט שטענדיק איז דער מענטש שולדיק קעגן גאָט, נאָר אדעראבע, זייער אָפט איז גאָר גאָט שולדיק קעגן מענטשן. דאָס פילזאָגנדיקע און פיל מיינענדיקע געזאנג האָט זיך איבעריקס ניט גענייטיקט אין ווערטער. „אוי — אוי", „בים־באָם", „דיי — דאָם", אָדער בלויז דאָס איינציקע וואָרט „ביזוואנען?" אָדער די ווערטער „טאַטעניו זיסער", „גוואלד, ריבוינעשעל־אוילעם", „גוואלד דער רעבע" און אנדערע ענלעכע זיַינען גענוג אויסצודריקן וואָס מע וויל. און אָפט האָט געטראָפן, אז די עטלעכע געציילטע ווערטער זיַינען אויך געווען איבעריק, פארקערט, ערשט דאָרט, ווו עס ענדיקט זיך דאָס וואָרט, הייבט זיך אָן דער ניגן...

פערעץ האָט גלענצנד באוויזן ווי א פּראָזאִישע, טרוקענע שורע האָט געקאָנט דורך דעם ניגן דערהויבן ווערן צו פּאָעטישן מאזשאָר און מינאָר.

„נעמט כאָטש דאָס לידל רעב דאָווידל האָט געוווינט אין וואסילקאָוו — אין וואסילקאָוו, און היַינט וווינט ער אין טאלנע. עס זינגען עס טאלנער, עס זינגען עס וואסילקאָווער! נאָר אז די טאלנער זינגען עס, איז עס אַן עמעס „פריילעכס", שפּריצט עס און ברענט מיט סימכע, מיט טיַינעג; זינגען עס אָבער וואסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צאַר און מאָרעשכוירע! און ווענדן ווענדט זיך עס אין דער נעשאָמע, וואָס מ׳גיט ארײַן אינעם ניגן".

(„א גילגל פון א ניגן")

פערעץ האָט געהאלטן, אז יעדער שריַיבער מוז זיַין א מענאגן. אויב ניט, בליַיבט ער טויב צום ארום, אויב ניט, קאָן ער ניט שפּילן אַפן אינסטרומענט פונעם וואָרט. און ניט בלויז מוזיק, נאָר אלע געביטן פון קונסט דארפן זיַין נאָענט און דארפן באריַיכערן דעם שריַיבער.

צווישן די, וואָס האָבן געווירקט אַף זיַין שאפן, האָט העמינגוויי אָנגערופן באכן און מאָצארטן. העמינגוויי האָט געהאלטן, אז יעדער שריַיבער דארף דערלערנען הארמאָניע און קאָנטראַפּונקט.

„מאָלעריַי, — שטריַיכט אונטער פּאוסטאָווסקי, — לערנט מיך זען די וועלט מער פארביקער, מיט אלע איבערגאנגען און מיט אלע ניואנסן אירע. מוזיק העלפט מיר אויסטראָגן אין זיך דעם פארטראַכט. דאָס באטראכטן און דאָס רײַף ווערן פון א נײַ ווערק גייט בא מיר פרוכטבארער און פריַיער אין דער באַרירונג מיט מוזיק".

דעם זעלבן געדאנק כאַזערט איבער קאָנסטאנטין פעדין:

„דעם שריַיבער איז אבסאָליוט וויַיניק צו וויסן בלויז זיַין קונסט. די מוזעס זיַינען בלוטנאָענטע קרויווים צווישן זיך און האלטן אונטער איינער דעם צווייטן אפילע דאַן, ווען זיי זיַינען אייפערזיכטיק".

איינמאָל אַף א סימפאָנישן קאָנצערט, ווען דער אוילעם האָט הילכיק אפּלאָדירט, האָט פערעץ אויסגעשריגן — „די קלאנגען טראָגן זיך נאָך אינדערלופטן, סע קומט דאָך פאָר דער העמשעך, איז פארוואָס הערט איר ניט? פארוואָס אפּלאָדירט איר?"

דאָס זעלבע ווילט זיך זאָגן וועגן דער גרויסער פערעץ־סימפאָניע. די קלאנגען טראָגן זיך נאָך אינדערלופטן, זיי טראָגן זיך ווי ערשט ארויסגעבראַכטע.

פערעץ ווערט פאַרגעזעצט.

לעוו אָזעראָוו

וויאַזוי ווערט געבוירן א ליד

ווי אַזוי ווערט געבוירן א ליד?

דער ווונדער פון איר געבירט פארדינט, מיר זאָלן באַגײַסטערט ווערן און, נאַטירלעך, אז מיר זאָלן עס פארשטיין. קאָן זײַן, אז אין דער ליד גופא איז פארבאָרגן דער געדאַנק, ווי עפּעס א באַפּעל, ווי אַן אָנזאָג. דאָס איז מעגלעך, אַזוינס טרעפט אָפּט. נאָר דעמלט וועט דער פארטראַכט, דער געדאַנק, די פּרוזשינקע ארויסשטאַרצן. אָבער אין אַזוינע פאַלן ווערט שוין דעם לייענער ניט אינטערעסאַנט — ער זעט, אז דער דיכטער האָט זײַן ליד פארטראַכט, ריכטיקער געזאָגט, צוגעטראַכט.

און עפּשער האָט דער דיכטער זיך אַרײַנגעלאָזט אין דער סטיכיִע פון א מעטושטעשן פארטראַכט, און דער „אומקלאָרער געדאַנק", שווימט איבער די כוואַליעס פון מעלאָדיע, און ער, דער דיכטער, פארטראַכט זיך ניט אפן טאָך פון זײַנע אייגענע אײַנדרוקן? אַזוינס איז אויך מעגלעך. נאָר מעטושטעשקײַט בלײַבט מעטושטעשקײַט, דאָס וואָס איז ניט קלאָר דעם דיכטער, איז א ספק צי עס קאָן באַנעמען דער לייענער.

א מײַסטער, א רײַפער מײַסטער, פאַרייניקט אינעם מאָמענט פון שאַפן דעם פּלאַם פון געפיל מיט דער אַנאַליטישער ארבעט פונעם מויעך, פונעם געדאַנק. זיי זײַנען ניט קיין אַנטיפּאָדן, דער געפיל און דער געדאַנק, פאַרקערט, זיי שטרעבן צו פרײַנטשאַפט, צו מיטארבעטערשאַפט. נאָר צוליב דעם, עס זאָל פארווירקלעכט ווערן די איינהײַט פון געפיל און געדאַנק, דאַרף דער פּאָעט טיף באַגרײַפן דאָס לעבן, די מענטשן, זיך, ער דאַרף צוגרייטן א רעאַלע מעגלעכקײַט, רעאַלע באַדינגונגען פאַר דער באַגעגעניש פון געפיל און געדאַנק. דאָס איז אָפּהענגיק פון דערפאַרונג, געשמאַק, טאַקט, וויסן און פריִער פאַר אַלץ, נאַטירלעך, פון טאַלאַנט.

אווראָם גאָנטאַר שטרעבט צו מאָס און גלײַכגעוויכט. ער איז ווײַט פון צעפּאַטלטער ליריִשער דערציילערישקײַט, פון דער אויסערסט מאָדערנער נאַכלעסיקײַט, ער איז ווײַט פון ריינשרײַבערײַ, פון קונציקער פאַרפּאַסערישקײַט אָן אימפּראָוויזאַציע, אָן באַגײַסטערונג. ער נעמט זיך פאַר דער פּען, ווען דער שוים פאַרשווינדט און די וואַסער איז קלאָר אף דורך־און־דורך און מע זעט זי ביזן דעק. דאָס איז ניט קיין באַדאַכטקײַט, דאָס איז רײַפקײַט.

אַזאַ שטרענגער שעצער פון דיכטונג, ווי לעאָניד פּערוואָמײַסקי, האָט ליב געהאַט גאָנטארס לידער „פאַר זייער דורכדרינגלעכן ליריזם, פאַר זייער טיפן איבערגעלעבטן אינהאַלט און צוריקגעהאַלטענער שטרענגער אויסערלעכקײַט".

אָט די דאָזיקע צוריקגעהאַלטענע שטרענגע אויסערלעכקײַט דאַרף ניט פאַרפירן. ווי נאָר דער לייענער וועט נעמען אַרײַנדרינגען אינעם טאָך פונעם דיכטערס געשטאַלט, וועט ער פאַרשטיין, אז די צוריקגעהאַלטנקײַט — איז בלויז א מיטל אף צוימען די ברויזנדיקע לײַדנשאַפט.

דער לייענער האָט געוויס אף זײַנע וועגן באַגעגנט מענטשן מיט א שטרענגן צוריקגעהאַלטענעם אויסזען, אָבער ווען דו קוקסט זיך גוט צו, דערשפּירסטו, אז פון אָט דער שטרענגקײַט קוקט אָפּט ארויס א זייער אייגנאַרטיקער מענטש.

מיט אָט אַזאַ מענטשן וויל איך אײַך באַקאַנען.

אווראָם גאָנטאַר איז געבוירן געוואָרן אין מאַרט כוידעש פונעם 1908 יאָר. וועגן זײַן געבורטס־שטאָט שרײַבט ער: „איך בין דאָך א באַרדיטשעווער, — גוטמאָרגן, מײַנע שכיינים! ווו כ'זאָל זיך ניט א טיטשע טאָן, דאָרט קען איך יעדן איינעם".

ער איז געבוירן געוואָרן אין באַרדיטשעוו, אין דער שטאָט, ווו די האָרעפּאַשניקעס האָבן געלעבט אין נויט, און ווו די גווירים האָבן געלעבט א טאָג, אין דער שטאָט, ווו דער גרויסער באַלזאַק האָט כאַסענע געהאַט מיט דער גרעפן גאַנסקאַיאַ.

אווראָם גאָנטאַר האָט באַגלײַך מיט זײַנע עלטערע ברידער געיאַרשנט די מלאָכע פון זײַן טאַטן — ער איז געוואָרן א מוליער. געוואַקסן איז ער צווישן האָרעפּאַשנע מענטשן, צווישן שוסטער און בלעכער, שנײַדער און סטאָליער, באָנדער און טעסליער. און נאַטירלעך — צווישן דעם מוליער־אוילעם. אָט די אַלע מענטשן וועלן שפּעטער ווערן פּראָטאָטיפּן פון זײַנע ווערק, און זיי וועלן שאַפן א גאַנצע גאַלעריי פון לעבעדיקע געשטאַלטן סײַ אין זײַנע לידער־ביכער, סײַ אין די ביכער פון פּראָזע. די וועלט פון ארבעטער־ווירדע האָט באַשטימט ניט נאָר די טעמאַטיק פון זײַנע ווערק, נאָר אויך דעם טאָן און דעם גאַנג פון זײַן בילדערישער געשטאַלטלעכקײַט.

А. Гонтарь «Избранное» (Авторизованный перевод) изд-во «Художественная литература», Москва, 1976.

דער טײַך גנילאָפּיאַט ווערט פֿיל מאָל דערמאָנט אַף די זײַטלעך פֿון גאָנטאַרס ווערק און פֿון אַן אומבאַוווּסט טײַכל ווערט ער פֿאַרוואַנדלט אין אַ בעעמעסן טײַך פֿון געזאַנג:

איך האָב זיך אָפּגעבריט אין טויזנט פֿײַערן —
איך בין מיט אַלץ שוין זאַט.
נאָר ביז אַצינד עס איז מיר טײַער נאָך
דאָס ווילדע סטעזשקעלע באַם גנילאָפּיאַט.

אַט דאָס ווילדע סטעזשקעלע האָט דער דיכטער מיט דער קראַפֿט פֿון זײַן ווילן און מיט דער קראַפֿט פֿון זײַן באַגאַבונג פֿאַרוואַנדלט אין אַ גוט־אײַנגעפֿאָרענעם וועג, איבער וועלכן ער שפּאַנט שוין באַלד זיבעציק יאָר.

איינמאָל — אינגיכן נאָך דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע — האָט באַם נידעריקן שטיבל אַפֿן ברעג פֿון גנילאָפּיאַט, וועלכן עס האָט באַזונגען מענדעלע מויכער־ספֿאָרים, זיך אָפּגעשטעלט אַ וואָגן. אַפֿן וואָגן האָט מען אַרויסגעלייגט דאָס ביסל האָב־און־גוטס, וואָס די מישפּאָכע פֿונעם מוליער ייִדל גאָנטאַר האָט פֿאַרמאָגט, אוראַם איז דאַן אַלט געווען קוים נײַן יאָר. דער וואָגן האָט זיך געלאָזט צום גרעסטן הויז, וואָס איז געשטאַנען אַף דער צענטראַלער גאַס פֿון בערדיטשעוו, צום הויז, וואָס האָט געהערט דעם גוויר מוישע קאַביליאַנסקי. די אַרבעטער־בויער האָבן באַקומען דירעס אין דעם דאָזיקן פּאַלעץ.

דער קומענדיקער דיכטער איז געווען דער ערשטער אין דער מישפּאָכע, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב אַ בוך. און דער דאָזיקער בוך איז געווען לערמאָנטאָווס „מציריי". מעטושטעשדיק זײַנען געווען פֿאַרן ייִנגל די בילדער, נאָר דער האַסטיקער באַרג־שטראָם פֿון דער מעכטיקער לידער־מוזיק איז געווען ווי אַ מין שפּרוך, אַ ווונדער, אַ צויבער. דער ווידוי־כאַראַקטער פֿון לערמאָנטאָווס פּאָעמע, איר אָפֿריכטיקײַט און צאַרטע שטרענגקייט זײַנען געוואָרן פֿאַרן יונגן מענטשן אַ סינאָנים פֿון פּאָעזיע. אַפֿן גאַנצן לעבן וועט שוין גאָנטאַר פֿאַרהיטן אין זיך און אין זײַנע לידער אָט די שטרעבונג צום לערמאָנטאָווישן ראָמאַנטישן שווונג, צו דער דיכטונג פֿון האַרציקן ווידוי.

דער באָכער האָט גענומען שרײַבן לידער אַף ייִדיש, דערווײַל פֿאַרבאָרגן פֿון אַלעמען. צו זעכצן יאָר האָט ער זיך אײַנגעשטעלט אַרײַנצושיקן איינע פֿון זײַנע לידער אין דער צײַטונג „די וואָך", און מע האָט זי אָפּגעדרוקט.

פֿיל יאָרן איז געגאַנגען אַ מיזאַמע אַנגעשטרענגטע אַרבעט איבער דער ליד. די דאָזיקע אַרבעט האָבן קאָרעגירט דאָס לעבן און די מײַסטערשאַפֿט. גאָנטאַר האָט זיך ניט געײַלט צוגעבן צו די אַלטע לידער נײַע, ער האָט געזוכט ניט קיין באַטראָטענע וועגן אין דער ליטעראַטור. אַזוי האָט איין מאָל דער יונגער דיכטער באַקומען אַ בריוו פֿון אַ מענטשן, וועלכן מ'האָט באַם לעבן פֿאַררעכנט פֿאַר אַ קלאַסיקער, — אַ בריוו פֿון דאַוויד האָפֿשטיינען; דער אַנערקענטער פּאָעט האָט געלויבט גאָנטאַרס לידער און אים אײַנגעלאַדן צו זיך קיין קיִעוו. האָפֿשטיינס אַ לויב־וואָרט האָט באַטײַט זייער פֿיל.

דער יונגער אויטאָר האָט זיך גלײַך אָפּגערופֿן אַף דער אײַנלאַדונג פֿון זײַן לערער. ווען ער איז געקומען קיין קיִעוו, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האָפֿשטיין איז אַוועקגעפֿאָרן. וואָס טוט מען? גאָנטאַר איז אַוועקגעגאַנגען אין ראַיקאָם פֿון קאָמיוג. דאָרט האָט מען אויסגעהערט זײַנע לידער, אים אַ לויב געטאָן און גלײַך אים אַוועקגעשיקט אין אַ יוגנטלעכער סאַנאַטאָריע. מ'האָט אים געזאָגט: „רו זיך אָפּ, שרײַב. דאָרט וועסטו אויסוואַרטן ביז דער מאַעסטראָ וועט זיך אומקערן".

ס'איז געווען ווי אין אַ מײַסעלע — לעבן צווישן סאָסנעס, עסן מיט פֿרישער לופֿט, שרײַבן לידער און טראַכטן וועגן דער צוקונפֿט. אין אַ כוידעש אַרום, ווען גאָנטאַר האָט זיך אומגעקערט קיין קיִעוו, האָט האָפֿשטיין אים באַגעגנט מיט די ווערטער: „אויב דו האָסט אָפּגעשוווּנקט די פֿיס אין דניעפּער, הייסט עס, אַז דו ביסט שוין אַ קיִעווער". דער אַלטער דיכטער האָט אײַנגעלאַדן דעם יונגן אין דער וועלט פֿון פּאָעזיע.

דאָס מײַסעלע ווערט פֿאַרגעזעצט. אין אַ יאָר דרײַ אַרום, ווען גאָנטאַר איז שוין געווען אַ סטודענט פֿונעם אַדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, איז פֿון כאַרקאָוו געקומען אַ פֿאַרשטײַער פֿונעם פֿאַרלאַג „ליטעראַטורא אי מיסטעצטוואָ" („ליטעראַטור און קונסט"), וועלכן ס'האָבן ספּעציעל געשיקט צום יונגן דיכטער דער הויפּט־רעדאַקטאָר הענעך קאַזאַקעוויטש, דער פֿאָטער פֿונעם שרײַבער עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש, און דער דיכטער איציק פֿעפֿער. גאָנטאַר האָט איבערגעגעבן דעם פֿאַרשטײַער פֿונעם פֿאַרלאַג אַלע זײַנע העפֿטן, און אין צוויי יאָר אַרום איז דערשינען זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג „אַף רישטעוואַניעס", אונטער דער רעדאַקציע פֿון פֿעפֿערן, מיט וועלכן דער יונגער דיכטער האָט זיך באַפֿרײַנדעט.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם אינסטיטוט, אין 1933, איז גאָנטאַר אײַנגעלאַדן געוואָרן קיין קיִעוו אַלס מיטאַרבעטער פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור". אויך שפּעטער וועט דער פּאָעט אָפּגעבן פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט דער רעדאַקטאָרישער טעטיקייט, דער אַרבעט מיט אָנפֿאַנגער.

עכטע פֿרײַנטשאַפֿט האָט פֿאַרבונדן גאָנטאַרן מיט פֿיל ייִדישע און אוקראַיִנישע שרײַבער. די אוקראַיִנישע דיכטער האָבן, אַגעוו, איבערגעזעצט אַף דער אוקראַיִנישער שפּראַך און אַרויסגעגעבן זײַנעם אַ בוך „העלער טאָג". אויך ער, גאָנטאַר, איז ניט געבליבן קיין באַלכויוו פֿאַר זײַנע פֿאַרערער — ער האָט איבערגעזעצט און פּראָפּאַגאַנדירט די דיכטער פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער.

די שפּעטערדיקע יאָרן איז גאָנטאַר דורכגעגאַנגען באַנאַנד מיט איינעם פֿון זײַנע לערער, דעם שטאַרקן מײַסטער — ליריקער שמואל האַל־

קין. טאקע ער, האלקין, האָט צוגעגרייט צום דרוק, רעדאגירט און רעקאָמענדירט דעם רוסישן פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא" גאָנטארס בוך „די מאָס פון ליבע", וואָס איז דערשינען אין 1966. האלקין האָט דעמלט געשריבן:

„די ליריק פונעם טאלאנטפולן פּאָעט א. גאָנטאר איז דין און דורכדרינגלעך..." די דאָזיקע מיינונג פון אזא איידעלן קינסטלער, ווי האלקין, האָט געקלונגען ווי א גרויסע לויב.

פאר די יאָרן פון זײַן שפּערישער טעטיקײַט האָט גאָנטאר ארויסגעלאָזט העכער פופצן פּאָעטישע זאמלונגען און צוויי ראָמאנען — „אין א פארוואָרפן ווינקל" און „די גרויסע מישפּאָכע".

אין די פארמילכאָמע־לידער און אין די לידער, וואָס דער דיכטער האָט געשאפן בייסן קריג, איז דאָס טיף־איבערגעלעבטע און אויסגעטראָגענע איבערגעוואקסן אין א געפיל פון האס צום פאשיזם. אין דער ליד „מײַן שאָטן" זאָגט דער פּאָעט, אז ווו ער זאָל ניט גיין, גייט שטענדיק אים נאָך דער שאָטן פון א געהארגעט קינד, און דער שאָטן פון דעם געהארגעטן קינד — איז איצט זײַן שאָטן. „איצט לויפט ניט נאָך מיר מײַן שאָטן, דער שאָטן, וואָס פארפאָלגט מיך, איז אצינד אן אומשולדיק פארשאָכטן קינד. ס'איז זומער אף דער וועלט, און די לעוואָנע שײַנט, ווי שטענדיק טוקן זיך אין הייך די שטערן. נאָר לאכן יענע קינדער, כ'וועל שוין מער ניט הערן. ס'וועט בליִען קאָרן נאָכאמאָל אין פעלד און זיסער ווײַן וועט זײַן מיט ברויט מיט פרישן, נאָר יענע מאמעס וועלן שוין ניט גרייטן צו די טישן". דאָס איז טרויער, נאָר גלײַכצײַטיק פּראָטעסט און וואָרענונג.

די אוועקגעגאנגענע מיטן רויך דורך די קוימענס פון די גאזקאמערעס, די אומבאוווּסטע, וואָס זײַנען געוואָרן אש, די אומשולדיקע נאָמענלאָזע מענטשן קלאפּן אינעם הארצן פונעם פּאָעט. און ער קאָן נישט ניט זאָגן:

איך בין פאראנטוואָרטלעך פאר אלץ —
אויך פאר דער טרער, וואָס שטיקט דײַן האלדז.
עס פאלט אף מיר די שולד פאר דעם,
וואָס ס'האָט מיט ווייטעק זיך דײַן ברעם
א הייב געטאָן,
געטאָן א פלי
און גלײַך, אין זעלבן אויגנבליק
געפאלן מאכטלאָז אף צוריק.

דאָס איז געווענדט צו איין מענטשן, נאָר אין דער ווענדונג איז דער ווײ פאר אלע, וואָס דער פאשיזם האָט פארטיליקט. אין גאָנטארס לידער „לייעלע", „ס'איז שטיל אין פּאָנאר", „די מוטער" און אין א סאך אנדערע וואקסן אויס געשטאלטן פון אומגעבראכטע. דער דיכטער האלט פאר זײַן כויוו דערמאָנען וועגן זיי דאָס גאנצע לעבן.

אין איינער א ליד ווערט געזאָגט: „כ'בין געווען דער ייִנגסטער, איצטער שוין דער עלטסטער". דאָס זײַנען עמעסע און ביטערע שורעס, וואָס ריידן וועגן דעם, ווי אומענדלעך גרויס עס איז, נאָר דאָך קורץ, דער וועג פונעם מענטשלעכן לעבן, און ניט געקוקט אף דער הארבקײַט און שווערקײַט פון דעם דאָזיקן וועג, האָט דער פּאָעט ניט אופגעהערט צו ליב האָבן דעם מענטשן, ער האָט ניט פארלוירן צו אים דעם לעבעדיקן געפיל און אינטערעס. ער פארשטייט, אז יעדער מענטש באזונדער איז א פארענדיקט ווערק, וואָס כאזערט ניט איבער דאָס אנדערע, פונקט אזוי ווי עס איז יעדעס פּאָנעם, יעדעס וואָרט, יעדע ליד, יעדע באגעגעניש.

כ'האָב קינדווײַז נאָך געוווּסט: ווען איך וועל שטארבן,
וועט אלץ פארבלײַבן ווי געווען.
נאָר קיינער וועט ניט זען אזוי די פארבן,
ווי איך האָב זיי געזען.

דאָס איז ניט קיין זעלבסטפארליבטקײַט. פארקערט, דער דאָזיקער געדאנק איז וועגן דעם, ווי וויכטיק ס'איז, אז אין יעדן מענטשן זאָל אנטפּלעקט ווערן זײַן טאָך, זײַן פערזענלעכקײַט, זײַן איך.

כ'האָב קינדווײַז נאָך געוווּסט: ווען כ'וועל ניט ווערן,
וועט אלץ פארבלײַבן ווי געווען.
נאָר קיינער וועט אזוי, ווי איך, ניט הערן, —
אנדערש וואָלט ניט קאָנען זײַן שאָפן.

יאָ, שאָפן איז געבוירן געוואָרן, און מיר גלייבן אין דער אייגנארטיקײַט פונעם מענטשן, אז קיין איין מענטש איז ניט קיין קאָפּיִע פונעם אנדערן. און וואָס מער די געזעלשאפט פארמאָגט אייגנארטיקע נאטורן, אלץ רײַכער איז זי, אלץ פולקאָמער.

דער פּאָעט האָט ניט גלײַך געפונען זײַן וועג, אָבער שוין בייס דער מילכאָמע און נאָך איר איז זײַן דיכטונג געוואָרן דראמאטישער, שארפער.

אָט יענע פרעמדע זאָרג, וואָס ווערט אייגן, איז שוין אייגענע זאָרג. זי רופט זיך אָפּ אין אלעמענס הערצער — אָט וואָס ס'איז ארײַנגעדרונגען אין זײַן ליריק, אין זײַנע לידער. דאָס לעבן, די וואָרצלען פונעם לעבן האָבן געגעבן דעם דיכטער א מעגלעכקײַט צו שאפן זאכן, פון וועלכע דער לייענער קאָן שעפן ניט ווייניק ווערטפולס פאר זיך. דאָס ווערטפולע איז די לעבנסדערפארונג, די באטראכטונגען, דער פאראלגעמיינערטער געדאנק וועגן אונדזער זײַן.

ווען מיר ריידן וועגן אייגנארטיקײַט און אָריגינעלקײַט פון טאלאנט, ריידן מיר אײַנצײַטיק אויך וועגן דעם, אז דער דיכטער זעט דאָס וווּנדערלעכע רעאל, און דאָס ניט ווארשײַנלעכע מאכט ער ווארשײַנלעך.

אנדערש גערעדט, דער ליריקער באקומט די אייגנשאפטן פונעם מײַסע־דערציילער. דאָס בילד באקומט באם דיכטער דרײַ מאָסן און ווערט פונעם פארגאנגענעם פּראָעצירט אין דער וואָר און אין דער צוקונפט.

אין אונדזער צײַט שטרעבט די פּאָעזיע פּאַרייניקן זיך מיט אַנדערע, שכנישע קונסטן: מאָלערײַ, מוזיק, טעאַטער, קינאָ. מע קאָן ריידן וועגן דעם, וואָס פּאַרא קונסט דעם אָדער יענעם פּאָעט איז נעענטער. אויב בלאָק האָט פֿריִער פֿאַר אַלץ געשעצט מאָלערײַ, האָט באַלמאָנט הויפּטזאַכטלעך געהאַלטן פֿון מוזיק. „מאָלערײַ לערנט באַאַבאַכטן און זען (דאָס זײַנען זאַכן פֿאַרשיידענע און פֿאַלן זעלטן צונויף). — האָט געזאָגט בלאָק. — אַדאַנק דעם פֿאַרהיט די מאָלערײַ לעבעדיק און אומבאַרירט דאָס געפֿיל, וועלכעס איז אייגנטימלעך פֿאַר קינדער". אין די דאָזיקע שורעס פֿון בלאָקן איז וויכטיק די באַהויפּטונג, אַז קוקן און זען — זײַנען זאַכן פֿאַרשיידענע און פֿאַלן זעלטן צונויף. אַנדערש גערעדט, דער קינסטלער קאָן קוקן אויף דער נאַטור, זי אויסמאָלן, נאָר ניט זען זי. וויכטיק אָבער איז זען און פֿאַרשטיין. דאָס איז זייער אַ קאָמפּליצירטער ציקל, וואָס גיט אַ פֿאַרשטעלונג וועגן כאַראַקטער פֿונעם פּאָעט.

גאָנטאַר שטרעבט צו פֿאַרייניקן מאָלערײַ מיט מוזיק. ער זאָגט: „איך הער מיט דער ריִע". פֿאַר אים איז פֿול מיט שײַן יעדער קלאַנג — „פֿון שקיִע און באַגינען". ער קאָן זען, וויאַזוי די בעהיימע איז אַרײַן ביז די קני אין וואַסער, מיט די הערנער צעבויטעט דעם שפּיגל פֿון טײַך, וויאַזוי די כוואַליע איז בייז געוואָרן און צעבראָכן דער בעהיימע די הערנער. דאָס קאָן מען איבערטראָגן אויף אַ לײַוונט. מע קאָן אָנשוילעך זיך פֿאָרשטעלן וויאַזוי דער שטיפֿער פֿון גאָנטאַרס ליד קריכט איבער דעם שטראַל צו דער לעוואָנע. דאָס זײַנען אַלץ דערשײַנונגען פֿון איין מין, און גאָנטאַר זאָגט, אַז דאָס זעט ער ניט מיט דער ריִע, „נאָר מיט אַן אַנדער זכּיִה". אָט די דאָזיקע באַזונדערע זכּיִה איז וויכטיקער פֿון אַלץ אין דעם שאַפֿן פֿונעם ליריקער, זי שמידט אים צו ניט נאָר צו דער וועלט פֿון זײַנע פּערזענלעכע, אינטימע איבערלעבונגען, נאָר אויך צו אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אַרום אים.

ווען דעם דיכטער ווערט — לאַנגווײַליק זיך צו פֿאַרנעמען מיט זיך זעלבסט, זיך גריבלען אין זיך, פֿאַרקוקט ער זיך אויף אַרום, און דעמלט ווערט זײַן ליריק, די ליריק פֿון ווידע־כאַראַקטער אָנגעפּילט מיט אַ באַזונדער געדאַנק, זי באַקומט אַ באַדין.

די שפּראַך פֿון גאָנטאַרס פּאָעזיע — איז די שפּראַך פֿון געפֿילן. ער איז אַ דיכטער פֿון שטימונג. אייגנטלעך, איז יעדער פּאָעט, אויב ער איז אַ ליריקער — אַ פּאָעט פֿון שטימונג. נאָר וועגן גאָנטאַרן דאַרף מען דאָס זאָגן אין דער ערשטער ריי. ער איז פֿריילעך, ער איז טרויעריק.

צווישן אָט די ביידע פּאָליוסן, די קעגנזעצלעכע צושטאַנדן, ליגט אַ גאַנצע גאַמע פֿון געפֿילן, הונדערטער שאַטירונגען.

וועגן ייִדיש — דער שפּראַך פֿון זײַנע לידער און פֿון דער פּראָזע — שרײַבט גאָנטאַר:

דאָס לאָשן דאָס איידעלע,
צאַרטע און גראָבע
עס גייט פֿונעם זיידן,
עס קומט פֿון דער באָבע,
פֿון אייגענע ערטער —
די טרער, דאָס געלעכטער,
דער טרייִער פֿון ניגן —
פֿון קינדערשן וויגל.

אַזאַ איז די שפּראַך, וועלכע נערט אים פֿון קינדווײַז, גיט אים אַ מעגלעכקײַט באַגײַסטערט צו זינגען.

לאָמיר פֿאַרזעצן דעם איבערזיכט פֿון גאָנטאַרס פּאָעטישער וועלט. „צו יעדן וווּנדער ווערט מען צוגעוווינט", — זאָגט ער. ער איז געוווינט צו וווּנדער, נאָר צו איינס קאָן ער ניט געוווינט ווערן: צום וווּנדער פֿון געבוירן... צום וווּנדער פֿון דעם געבירט פֿון אַ קינד, פֿון אַ שטערן, פֿון אַ ליד. אַ געוויינלעכער וווּנדער! דער דיכטער איז איבערפֿולט מיט אײַנדרוקן, און זײַן אויפֿגאַבע איז — זיך ספּראַווען מיט די דאָזיקע אײַנדרוקן, זיי לאָזן מיטן שטראָם, ניט דערלויבן זיי צו צעשווימען זיך, ניט דערלאָזן, אַז די נעשאָמע־אויפֿגעבערויזטקײַט זאָל אים, דעם דיכטער, בײַקומען. „מײַן קלומעקל איז קליין, נאָר שווער, אַך, שווער! ס'איז פֿול מיט ריטמען און מיט גראַמען. כ'האָב יאָרנלאַנג אַרײַנגעפּאַקט אַהער די שײַן פֿון טאָג, דעם רויש פֿון יאַמען".

ווי שײַערן, פֿולע מיט בילדער, אַנטשטייט פֿאַר אונדז דער בוך פֿונעם פּאָעט.

דער לייענער וועט זיך איבערצײַגן, אַז גאָנטאַר האָט געשעפּט פֿולע הויפֿנס פֿון די לעבנס־אײַנדרוקן, נאָר ער האָט זיי ניט פּאַשעט פּאַרייגנט, ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם לייענער, דורכגעלאָזטע דורך זײַנע שעפֿערישע פֿילטרען. ער האָט לאַנג און געדולדיק געזאַמלט סײַ די אײַנדרוקן פֿון לעבן, סײַ דאָס, וואָס מיכאַיל סוועטלאָוו האָט געלונגען אָנגערופֿן „רעזערוו פֿון צוויבער". גאָנטאַר האָט ניט איין מאָל אונדז געוואָרנט, אַז דאָס לעבן איז אַנטשטאַנען פֿאַר אים אין פֿריידן און אין ליידן, אַז ער האָט פֿאַרזוכט פֿון דעם און פֿון יענעם, און זײַן ליריק וואָלט געוווען אָרעם, ווען ער וואָלט אויסגעוויילט בלויז איין טאָן, איין מאָטיוו, איין פֿאַרב.

איך דענק, אַז אין דעם גלײַכגעוויכט פֿון די מאָטיוון, אין דעם ווילן צו פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אין דער שײַן־און־שאָטן־פּאַליטרע פֿון דער וועלט, איז פֿאַרבאָרגן איינע פֿון די וויכטיקסטע אייגנשאַפֿטן פֿון גאָנטאַרס דיכטונג. אײַנקוקנדיק זיך אין לעוויטאַנען, טראַכט ער, אַז ס'איז מעגלעך, דער דאָזיקער קינסטלער, וואָס מאָלט אַ פֿעלד, צי אַ בערעזע־וועלדל, נעמט פֿאַרשטיין, אַז די טרויעריקע וועלט איז אָפּט ביז טרערן שיין! אָט דאָס קענען איבערגעבן קעגנזעצלעכע געפֿילן — איז נאָך איינע פֿון די הויפּט־מײַלעס אין גאָנטאַרס פּאָעזיע. ער פֿאַרשטייט, אַז פֿאַר גליק דאַרף מען קעמפֿן. נאָר קוים האָסטו דאָס גליק באַקומען, דאַן צאָל דערפֿאַר מיט ליבע.

אַלץ פֿאָדערט לוין — פֿליכט, צוגעבונדנקייט, לײַדנשאַפֿט, פֿאַרכאַפּטקייט, אַנציקונג.

ליריק איז צומאָל אָנגעזעטיקט מיט אַזױפֿיל לעבנס־מאַטעריאַל, אַז אין איר ווערן געבוירן אויך עפּישע מאָטיוון, עס שווימען אויף געשטאַלטן פֿון מיטצײַטלער אָדער פֿאַרגייער, געשטאַלטן, וועלכע קענען אויסגעמאָלט ווערן אַף ווערטערלעכע לײַוונטן. דערמיט וויל איך זאָגן, אַז גאַנטאַר דער ליריקער דערלויבט זיך זײַן אַן עפּיקער. דער זיקאָרן פֿונעם מענטשן איז שטאַרק, נאָר דאַך ווערן פֿאַרלוירן שטריכן פֿונעם מענטשן, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען די ערד און געלאָזט זייערע שפּורן אַף איר. און דער כּיוון פֿונעם דיכטער איז — פֿאַרפֿיקסירן אין זיקאָרן די אין לעבן באַגעגנטע וווּנדערלעכע מענטשן. מיט גרויס צאַרטקייט רעדט גאָנטאַר וועגן זײַן מוטער און זײַן געליבטער. די דאָזיקע געשטאַלטן שווימען אַרויס אין צוזאַמענהאַנג מיט די דערמאָנונגען וועגן די קאָרבאָנעס פֿונעם פֿאַשיזם, צוזאַמען מיט די געשטאַלטן פֿון קינדער, וועלכע פֿרעגן נאַיִוו — פֿאַרוואָס שמייכלט די לעוואָנע, צוזאַמען מיטן געשטאַלט פֿונעם פֿידלער אין די וואָלקנס, מיטן שטיין, וואָס קאָן אָפֿליגן אומנוצלעך אין טאָל און פֿאַרשטעלן די מענטשן דעם וועג, נאָר קאָן אויך זײַן אַן אָרט פֿאַר דער אָדלער־נעסט, — דער שטיין איז ניט קיין צופֿעליק בילד, דער דיכטער דענקט, אַז בעסער פֿאַר אַלץ איז, ווען דער שטיין איז פֿאַרמויערט אין אַ טורעם, וואָס ווײַזט דעם וועג, „וואָס בײַ שטיין ווערט דעם גרעסטן שטורעם״.

לאָמיר פֿאַרגעדענקען דעם דאָזיקן געדאַנק פֿונעם פּאָעט: דער שטיין, וואָס איז אײַנגעמויערט אין אַ וואַנט, דינט דעם מענטשן, צוזאַמען מיטן מאַיאַק צײַגט ער דעם וועג צום ציל. אַן אײנזאַמער שטיין אין טאָל און אַ שטיין אין דער וואַנט פֿון מאַיאַק — דאָס איז אַ געוואַגט און שטאַרק בילד!

די מאָראַלישע אָריִענטירן פֿון גאָנטאַר דעם ליריקער זײַנען ניט פֿאַרהוילן פֿונעם לייענערס אויג, זיי זײַנען אָנשוילעך:

דאָס הארבע וואָרט,

וואָס ניט באַטראַכט

דײַן בעסטן פֿרײַנט האָסט הײַנט געוואָרפֿן

פּונקט, ווי דער שאָטן,

אײַנגעשפּאַרט

עס גייט דיר נאָך

און לאָזט ניט שלאָפֿן.

דאָס צווינגט דעם לייענער צו פֿאַרטראַכטן זיך אַף זײַן אויפֿפֿירונג. עס גייט אַ רייד וועגן דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם נאָענטן און ווײַטן מענטשן, פֿאַר דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. און דער דאָזיקער פּאַטאָס פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט איז אין טאָך גענומען — בירגערלעכקייט.

גאָנטאַר ווענדעט זיך צום וואָרט, צו דער ליד, ווי צו לעבעדיקע וועזנס, און די דאָזיקע ווענדונג קלינגט ניט ביכלדיק; דאָס איז אַ געשפּרעך ניט מיט דער שורע פֿון דער ליד, ניט מיט די ווערטער, ווי אַזעלכע, נאָר מיטן דיכטערישן געוויסן, מיט דעם, וואָס עס שטייט הינטער דער ליד, מיט דעם, וואָס באַוועגט זי, שאַפֿט די דיכטונג. דער פּאָעט רופֿט דעם לייענער צו זײַן אַ לעבעדיקער מיטשמועסער, מאַכט אים פֿאַר אַן איידעס פֿון זײַנע ליידן און פֿריידן. אַזעלכע שמועסן זײַנען מעגלעך ניט נאָר דאַן, ווען דער דיכטער ווענדעט זיך אָרמיטלבאַר צום לייענער, ווי צו אַן אומבאַוווּסטן פֿרײַנט, נאָר אויך דאַן, ווען ער ווענדעט זיך צו זײַן מוטער, צו זײַן געליבטער, צו זײַנע מיטצײַטלער. און ענדלעך, ווען ער ווענדעט זיך צו קיינעם ניט, און רעדט צו זיך זעלבסט, רעדט וועגן גראַד פֿון זײַן פֿרייד, אָדער וועגן גראַד פֿון זײַן טרויער, שוין דאָס אַליין איז אַ סימען פֿון דער נויטוווענדיקייט אין אַ מיטשמועסער. אַפֿילו טיוטשעוו, וואָס האָט געזאָגט: „שווײַג, באַהאַלט זיך, און פֿאַרטײַע די טרוימען און געפֿילן דײַנע״, וועלכער האָט באַהויפּט, אַז „דער אַרויסגעבראַכטער געדאַנק איז אַ ליגן״ — האָט דאַך זיך אײַנגעשטעלט אָנצושרײַבן די דאָזיקע ליד, דאָס הייסט שענקען זי אַנדערע מענטשן.

די לירישע מיניאַטורע, וואָס איז אויסגעבויט אַף ניט קיין גרויסן וואָרט־פּלאַצדאַרם, קאָן אַרײַנעמען אין זיך די איבערלעבונגען סײַ פֿון איין מענטשן, סײַ פֿון מיליאָנען מענטשן, ווײַזן, וויאַזוי דער אינדיווידוום איז אָפּהענגיק פֿון דעם, וואָס טוט זיך אַף דער וועלט, און וויאַזוי אַלץ, וואָס טוט זיך אין דער וועלט איז אָפּהענגיק דערפֿון, וואָס יעדער מענטש באַזונדער לעבט איבער. אין דער געבונדנקייט פֿונעם פּערזענלעכן מיטן אַלגעמיינעם, אין דער מאָס פֿון זייערע צווישנבאַציִונגען, וואָס רעגט אַזוי גאָנטאַרן — איז פֿאַרבאָרגן די אַטמאָספֿער פֿון זײַן פּאָעזיע, איר בירגערלעכער פּאַטאָס. די לידער פֿון גאָנטאַרן גיבן, אין דער הינזיכט, אַ היפּשן מאַטעריאַל אַף צו דענקען וועגן דעם אָרט פֿונעם מענטשן אין דער הײַנטצײַטיקייט און וועגן דער הײַנטצײַטיקייט אינעם האַרצן פֿון יעדער מענטש באַזונדער.

אַשער מאַרגוליס

אימאַנועל האַרוימי

(צום 700־טן יאָר פון זײַן געבורט)

דער אָנגעזעענסטער ייִדישער שרײַבער־הומאַניסט אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע איז אימאַנועל האַרוימי. א מענטש מיט גרויס ווּיסן, איז ער געווען באַקאַנט מיט דער אַלטגריכישער און אַראַבישער פילאָסאָפיע, מיט מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און מעדיצין. וועגן דער אַלטערטימלעכער ליטעראַטור באַ ייִדן (טאַנאַך, טאַלמוד, קאַבאָלע) איז שוין אָפּגערעדט. די קריסטלעכע סכאָלאַסטישע ליטעראַטור איז אים אויך געווען ניט פרעמד. מעגלעך, אז ער האָט זיך פאַרנומען מיט מעדיצינישער פּראַקטיק.

דער דיכטער איז א געטרײַער יורעש פון אונדזער אַלטער קולטור, באַזונדערס פון דער ספאַרדיש־אַראַביש־שפּראַכיקער טקופע. ער באַנײַט און מאַכט פרישער אירע זאַפטן, ברענגט אַרײַן אין איר א רײַכן צושטײַער: די ווירקונג פונעם אויפקומענדיקן רענעסאַנס.

ניט אַלץ, וואָס אימאַנועל האָט געשאַפן, האָבן מיר די מעגלעכקײַט צו שטודירן. א טייל פון זײַן יערושע, עפשער ניט קיין קלענער, איז פאַרפאַלן געגאַנגען. דאָס וויכטיקסטע פונעם פאַרבליבענעם איז א זאַמלונג פון פאַרשיידענע קסאָווים — 28 „העפטן" („מאַכבאָרויס"), פון וועלכע זיבן און צוואַנציק האָבן א קליינע צאָל זײַטן און דער לעצטער, א גרעסערער, איז א פּאָעמע („געהענעם און גאַניידן"). דער אײַנהאַלט פון די „העפטן" שליסט אײַן מאַקאַמען, ד. ה. פּראָזאַיִשע געגראַמטע נאָוועלן, איבערגעמישטע מיט ליבע־לידער, סאַטירעס, סאָנעטן, עלעגיעס, געלעגנהײַט־לידער, קונציק־פּאַרטײַטשטע פּסוקים און אַנדערע העברעיִשע טעקסטן און אויסדרוקן, בריוו און אַנד. דער גרונטמאַטעריאַל זײַנען די מאַקאַמען. „געהענעם און גאַניידן" באַשטייט בלויז פון געגראַמטער פּראָזע, אָן לידער.

אין די מאַקאַמען טרעטן אויף צוויי הויפּטפיגורן: אימאַנועל האַרוימי און אַן אויסגעטראַכטע פּערזאָן — א ייִדישער גוויר א מעצענאַט. דער דיכטער האַלט זיך קלוימערשט אויף באַם סאַר (שר — גראַנד, מאַגנאַט) אין זײַן פּאַלאַץ. דאָס איז א קולטור־צענטער, ווו עס זאַמלען זיך צונויף פאָרשטייער פון ליטעראַטור און קונסט. דער פּאָעט און דער סאַר ווערן שטאַרק באַפרײַנדעט. זיי שפּאַצירן אָפט, פירן לאַנגע שמועסן.

אימאַנועל האַרוימי האָט געשריבן אין העברעיִש. אַף דער דאָזיקער שפּראַך האָט מען שוין ניט גערעדט א סאַך הונדערטער יאָרן. געדינט האָט זי אַלס שריפטלעכע לאָשן איבערהויפּט צוליב רעליגיעזע צוועקן: א הייליקע שפּראַך, לאָשנקוידעש.

כאָטש דער גרויסער מײַסטער איז געווען א קענער פון דער העברעיִשער שפּראַך פון פאַרשיידענע עפּאָכעס, האָט ער געשריבן אַף דעם קלאַסישן, טאַנאַכישן העברעיִש מיט א ביסל נעאָלאָגיזמען, וועלכע ס'האָבן אַרײַנגעבראַכט די פּײַטאָנים (מעכאַברים פון רעליגיעזע געדיכטן) און די איבערזעצער פון אַראַביש און אַלטגריכיש אַף העברעיִש.

דעם מײַסטער איז אויסגעקומען ניט ווייניק אַרבעטן ביז ער האָט דערפירט די שפּראַך, ווי עס שרײַבט דער היסטאָריקער גרעץ, צו דער מאַדרייגע, ווען זי איז געוואָרן „קימאַט ווי א מיטל צו געפליגלטן מיינונג־אויסטויש בײַם א שאַרפזיניקן שמועס"[1].

פּראָפעסאָר גרעץ טרײַבט א ביסל איבער, נאָר אז אימאַנועל האָט א סאַך אויפגעטאָן אין פּראַט פון אויפלעבן די בִּיבלישע שפּראַך — איז א פאַקט.

אימאַנועל האָט געשריבן: „דאָס בעסטע אין דער ליד איז דער ליגן" (העפטן 8 און 21),

---

[1] Г. Грец. История еврейского народа от древнейших времен до настоящего времени. Перевод с немецкого. Одесса, 1907, т. 8, стр. 218.

דאָס הייסט די פאַנטאַזיע, דאָס אויסגעטראַכטע. לאָמיר איצט באַטראַכטן דעם דיכטערס פאַנטאַזיע, וועלכע איז דאָך זײַן ווירקלעכקייט.

מאַקאַמע

די מאַקאַמע שטאַמט פון די אַראַביש־שפּראַכיקע שרײַבער. אין דער העברעיִשער דיכטונג האָט זי אַרײַנגעבראַכט דער אָנגעזעענער מיטל־אַלטערלעכער פּאָעט פון אָנהייב 13־טן יאָרהונדערט יעהודע אַלכאַריזי. אימאַנועל האַרוימי האַלט שטאַרק פון זײַן פּאָרגייער: „מיט אַלכאַריזיס פּערל באַפּוץ איך מײַן האַלדז... אָפּן געבײַט פון געזאַנג האָט ער ניט צו זיך קיין גלײַכן" (העפט 1). דאָך האָט דער טאַלמיד איבערגעשטיגן דעם לערער.

דער דיכטער טוט אָפּ אַ שפּיצל — אַן עמעס שטיק אַרבעט אין גײַסט פונעם יונגן, האָפערדיקן איטאַליענישן רענעסאַנס. אומעטום אין דער מאַקאַמע פיגורירט טאַקע ער אַליין אַלס איינער פון אירע צוויי הויפּט־העלדן, דאַן ווען באַ אַלכאַריזי זײַנען עס צוויי זײַטיקע מענטשן. דאָס האָט געבראַכט צו אַ סאַך, ווײַט ניט צופעליקע מיסטיפיקאַציעס.

אַדאַנק דעם מײַסטערס אָנטייל אין דער מאַקאַמע ווערט זי שטאַרק באַלעבט — דער לייענער זעט פאַר זיך ווי צוויי אימאַנועלן: דעם אוטאָר און דעם פלינקן פּאַרשוין מיט זײַנע פריילעכע און געלונגענע אײַנפאַלן און אָפּטוען.

סאָנעט

פאַרן לייענער שטעלט דער דיכטער זיך פאָר אַלס „טאַלמיד האַכאַרזאָנים" (תלמיד החרזנים — אַ שילער) פון די באַרימטע יידישע מיטלאַלטערלעכע פּאָעטן איבן־גאַבירואָל, יעהודע האַלייווי, אַלכאַריזי אאַוו.). באַ זיי נעמט ער די מוסטערן פון דער אַראַביש־שפּראַכיק־ספּאַרדישער לידער־סטרוקטור. דער גרעסטער טייל פון דעם פּאָעטס שירים זײַנען גאַזעלן און קאַסידעס.[1]

אימאַנועלן געהערט דער פּריאָריטעט אין פּראַט פון אַרײַנברענגען אין דער העברעיִשער דיכטונג אַ נײַע פּאָעטישע פאָרם, וועלכע האָט זיך באַוויזן אין דער איטאַליענישער ליטעראַטור בײַסן פריִיקן רענעסאַנס — דעם סאָנעט. צווישן די איטאַליענישע דיכטער איז ער איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו שרײַבן סאָנעטן אין איטאַליעניש נאָך פריִער פאַרן באַרימטן וועלט־קלאַסיקער פּעטראַרקאַ (ווי באַקאַנט, איז פּעטראַרקאַ געוואָרן באַוווּסט אַ דאַנק זײַנע סאָנעטן).

אַ סאָנעט באַשטייט פון צוויי טיילן. די ערשטע צוויי סטראָפן צו פיר שורעס, די אַנדערע צוויי סטראָפן צו דרײַ שורעס. סאַכאַקל — פערצן שורעס, דער גראַם צום סאָף שורע איז פאַרשיידן. דער גרונט־געדאַנק איז געגעבן אין דער ערשטער אָדער אין דער לעצטער שורע. ביידע טיילן זײַנען אָפט קעגנגעשטעלט (טעזיס און אַנטיטעזיס), פרעגן אָפּ איינע די אַנדערע. לעגאַבע די גאַזעלן און קאַסידעס האָט דער סאָנעט באַדײַטנדיקע מײַלעס: אַ באַשטימטע גרייס, קורץ, פאַרשיידענע גראַמען, טעזיס און אַנטיטעזיס.

איינער פון די אָנגעזעענסטע דיכטער פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור — שאָול טשערניכאָווסקי — שרײַבט, אַז אימאַנועל איז „דער ערשטער, וועלכער האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור אייראָפּעיִשע ליטעראַרישע פאָרמען" וועגן סאָנעטן ביכלאַל און זײַנע סאָנעטן ביפּראַט גיט ער צו: „דער סטיל פון די סאָנעטן (אין אונדזער פּאָעטס ווערק) איז מערסטנטייל פּליסיק, זייער וואָרט איז פול מיט ענערגיע, די געדאַנקען — קאָנצענטרירט, די אויסדרוקן — שאַרף. געציילטע עטלעכע שטריכן גיבן אַ גאַנץ גלענצנדיק בילד... די באַהעפטונג פון אייראָפּעיִשן פּראַכט מיט העברעיִש־אַראַבישן גײַסט גיט די סאָנעטן צו כוץ דעם אַ באַזונדער מין כיין. די לעצטע שורע איז שטענדיק פול מיט קראַפט"[1].

סאַטירע

דער מײַסטער נוצט אויס אַ רײַ פאַרשיידענע אַסאָציאַציעס, פאַרגלײַכן, אָנדײַטונגען, עזאָפּשפּיצלעך (פאַרמאַסקירטע רייד פול מיט אָנצוהערענישן), פּסוקים פון די „הייליקע שריפטן" אאַוו.

בײַסן רענעסאַנס איז געווען שטאַרק אין דער מאָדע „פריילעכער פרײַדענק", דה. לײַכטע, איראָנישע באַציִונג צו רעליגיע. דאָ איז אימאַנועל אַן עמעסער „זון פון זײַן צײַט". דעם „פריילעכן פרײַדענק" באַגעגנט מען זייער אָפט. מיט אים איז פול די פּאָעמע „געהענעם און גאַניידן", אַ צאָל סאָנעט־סאַטירעס, „גאָטספאַרכטיקע" לידער מיט אַפּיקאָרסישן מיין.

ס'איז באַוווּסט אַ פאַל, איינעם אַ ראָוו האָט דער דיכטער אויסגעלאַכט אין זײַנער אַ סאַטירע. דער ראָוו שיקט אימאַנועלן אַ בריוו מיט טאַרומעס, האַלעמײַ האָט יענער אים אַרויסגעשטעלט אָף לײַטיש געלעכטער. פויִלט זיך ניט אונדזער שרײַבער און שיקט דעם ראָוו אַן ענטפער. ערשטנס, באַווײַזט ער דעם גאָטס דינער, אַז ער איז אַן אַמהאָרעץ אין דער העברעיִשער

[1] שאָול טשערניכאָווסקי. עמנואל הרומי, ברלין, תכפה, 1925, זז. 136 — 139.

[1] גאַזעל — אַ קליינע ליד, מערסטנטייל אַ ליבע־געדיכט פון אַ רײַ צווײַשורעדיקע סטראָפן („בײַן") מיט אַן אייגנאַרטיקן גראַם צום סאָף שורע. קאַסידע. מערסטנטייל אַ פײַערלעכער שיר (אָדע), באַשטייט פון בײַטן מיט אַן אייגנאַרטיקן גראַם צום סאָף שורע, ווי די גאַזעל.

גראַמאַטיק — „מיט וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן דיר דער דיקדעק, וואָס דו האָסט אַף זײַן קאָפּ אַרופגעוואָלגערט אַזאַ ביזיאָיען?". ווײַטער לאַכט ער אויס דעם ראָווס „קענטעניסטן" — „וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס דו האָסט זיך פאַרנומען מיט די שפּאַרענישן צווישן די טאַלמודישע אַווטאָריטעטן, צי מיט דער פראַגע וועגן פאַרבאָט צו עסן פליישיקס מיט מילכיקס? פונוואַנען האָסטו אַרויסבאַקומען דײַנע יעדיעס אין נאַטורוויסנשאַפט און גאָטקענטעניש? אַפּאָנעם פון דער גמאָרע?" אאַז. (העפט 8).

אָפט באַגעגענען זיך אין די „העפטן" שאַרפזיניקע מוסיור־„טײַטשן". דאָס זײַנען, קלויַמערשט, קאָמענטאַרן צו פאַרשיידענע העברעיִשע פסוקים, אויסדרוקן, ווערטלעך אאַז. דאָס דאָזיקע גײַסטיקע געווער באַנוצט דער שרײַבער מיט גרויס געניטקײַט. ער מאָנטירט זײַן וואָרט־מאַטעריאַל פאַרשיידנאַרטיק, ווי אים גלוסט זיך. צומאָל לאָזט ער אין גאַנג אויך פריוואָליטעט, ניט אָנשטענדיקע רייד. אין לעקסיקאָן פון די דערמאָנטע איטאַליענישע שרײַבער איז דאָס ניט קיין זעלטנקײַט.

א קליינער בײַשפּיל פון פריוואָל־שפּראַך: אין איינער א פּיקאַנטער ליד (העפט 17) פאַרבײַט דער דיכטער בלויז איין אָס (אין וואָרט „שמים" — „שאָמאַיִם" — הימלען — דעם „מ" אַף „ד"), ווערט פון דעם הימל... א פרויען־ברוסט.

אין אונדזער פאָלקס־שפּראַך, אין דער ליטעראַטור לעבט דער מוסיור שוין פון קאַדמוינים.[1] דערמאָנט זיך, לעמאָשל, ווי טעוויע דער מילכיקער „טײַטשט" דאָס באַקאַנטע טאַלמודישע יאָה עניותא לישראל — יאָאָ אַניוסאָ לעיִסראָעל. אָרעמקײַט פּאַסט דעם יידישן פאָלק. „גאָט אַליין האָט פײַנט א קאַפּצן. א סימען האָט איר, אַז גאָט זאָל ליב האָבן א קאַפּצן, וואָלט א קאַפּצן קיין קאַפּצן ניט געווען".

אייניקע מיינען, אַז טעוויע „טײַטשט" מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרוף, מאַכמעס ער קען קיין איוורע ניט. ער קען זי גאַנץ וווּל. ער וויל אָבער וואָס פעסטער צו באַגרינדן זײַן אַפּיקאָרסישן געדאַנק, ווענדט ער אָן דעם טראַדיציִאָנעלן מוסיור־„אַרײַנזאָגן".

לאָמיר קאָנקרעט באַטראַכטן יענע ווערק, וועלכע זײַנען אופגעגאַנגען איבערהויפּט אַף רענעסאַנס־הייוון.

שטייגער־הומאָר

שטאַרק פאַרשפּרייט איז דער אינטערעס, די סימפּאַטיע צו דעם קאָמישן באַם מין מענטש. עס איז בעפיירעש „הומאַניש", עס שטימט מיטן מענטשנס נאַטור. „בלויז דער אָקס פאַרש־

[1] אויספירלעך וועגן דעם — אין מײַן אַרטיקל „וועגן טעוויע דעם מילכיקן און זײַן צײַט", „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 11, פאַרן 1966.

טייט ניט קיין וויץ" — באַהויפּט א מיזרעכדיק שפּריכוואָרט[1]. אימאַנועל צעעפּנט ברייט טיר און טויער פאַרן געלעכטער, וועלכער איז גאַנצענע דוירעס געווען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור ניט קיין אָפטער גאַסט. דער דיִאַפּאַזאָן פון זײַן געלעכטער איז אויסערסט ברייט — אָנהייבנדיק פון שטייגער־הומאָר ביז שאַרפער סאָציִאַלער סאַטירע. אָט זײַנען אייניקע מוסטערן.

דער דאָקטער

מע רופט דעם דאָקטער צו א כוילע. דער פּאַציִענט איז א פרײַלן. דער דאָקטער וויל אָנטאַפּן איר דעם דויפעק. זי שעמט זיך אים דערלאַנגען די האַנט, לייגט ער איר א שטיין אַף דער האַנט און טאַפּט דעם פּולס דורכן שטיין. דערנאָך פאַרשרײַבט ער איר א רעפוע: עטלעכע גראַן צעשטויסענעם וואָלף־האָרן, צונויפגעמישט מיט הינערמילך, לעוואָנעשײַן, רויטן ראָב־פליגל און ווײַרעך. דאָס אַלץ אופקאָכן, דערנאָך אויסטריקענען אַף דער הויט פון א מערעשקע און צולייגן צום בויך.

דער פּאָעט

דעם פּאָעטס א גוטער פרײַנט באַרימט זיך, אַז ער פאַרמאָגט א זעלטענעם זיקאָרן און וואַרפט פאָר דעם דיכטער, אַז יענער איז צעשטרײַט — ער פאַרגעסט א סאַך זאַכן. דער שרײַבער איז מוידע, אַז ער געדענקט טאַקע ניט קיין פּליאָטקעס, ניט קיין נעמען פון גרויסע לײַט, פון זייערע געליבטע. אים איז שווער אונטערצושיידן א געוויסן ריטער פון אַן אַנדערן. ער האָט ניט באַמערקט ניט זייער קליידונג, ניט דעם מין פּאַראַזיטן, וועלכע האַלטן זיך אוף אין זייערע מאַלבושים. (העפט 18).

דער העספּעד

דער הומאָריסט האָט צוגעגרייט באַצײַטנס א העספּעד מיט הוילע שוואָכים טאַקע נאָך זיך אַליין באַ זײַן באַערדיקונג. ער מעלדעט, אַז מע וועט טרויערן, מאַכמעס נאָך זײַן טויט וועט מען פאַרגעסן ווי צו לאַכן. דאָך וועט מען זיך טרייסטן דערמיט, וואָס אים וועלן טיילווײַז פאַרבײַטן זײַנע ווערק; נאָך וועט מען זיך טרייסטן דערמיט, וואָס נויטיק איז אויך געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זײַנע ווײַנשטאָקן, שלוימע האַמעלעך — די ווײַבער און דער נאָווי דאַניִעל די כאַלוימעס (העפט 21).

דער באַאָבאַכטער

א קענער פון העברעיִשער גראַמאַטיק שפּאַרט זיך מיטן פּאָעט. ער קריטיקירט דאָס, פרעגט

[1] Пословицы и поговорки народов Востока. М., 1961, стр. 258.

אָפּ יענץ. אימאַנועל אײַלט זיך ניט צו דערווידערן: ער איז שטארק פארטאָן אין באטראכטן דעם פײַנעם ביוסט פונעם באל־דיקדעקס שיין ווײַבל.

(די פיר נאָוועלן זײַנען אראָפּגעשריבן קימאט בוכשטעבלעך פון זייער קורצן איבערדערצייל בא די געשיכטלער גרעץ און צינבערג).

ווער עס האָט געלייענט דעם בוך „דעקאמעראָן”, וועט געוויס דערפילן א געוויסע קרוויוועשאפט צווישן אימאַנועלס און באָקאטשיאָס נאָוועלן. עס קאָן אָבער קיין רייד ניט זײַן וועגן דער ווירקונג פון „דעקאמעראָן” אף אימאַנועלס שאפונג, ווײַל דער אווטאָר פון דעם דאָזיקן וועלט־בארימטן בוך איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1313 — דאן, ווען דער ייִדישער קינסטלער איז שוין אלט געווען אריבער 40 אָדער אפילע גאנצע 50 יאָר און זײַנע „העפטן” זײַנען שוין געווען שטארק פארשפרייט.

סאטירישע ווערק

פארדריסלעכער געבאָט

וועלכער געבאָט איז פארדריסלעך מער פאר אלע? — „ניט קאָך קיין ציגעלע אין זײַן מוטערס מילך” (העפט 6).

(פונעם דאָזיקן קליינעם טוירע־פארבאָט איז אין טאלמוד און בא די ווײַטערדיקע רעליגיעזע אווטאָריטעטן אויסגעוואקסן א מאסע שפּײַז־פארבאָטן: פליישיקס — מילכיקס און אנדערע).

ברייטע ווילטעטיקײַט

ברייט טוט זי ווילטאָן יעדן איינעם.
זי זאָגט ניט אָפּ קיינעם.
אלעמען באשענקט זי מיט א שלאל נעכאָמע —
סײַ מיטן גוף און סײַ מיט דער נעשאָמע.

קוים אנטלאָפן

פון יאַם מיט לײַדנשאפטן בין איך אהער
געקומען.
פרעגן לײַטן מיך: „וואָס האָסטו דאָרט
געפונען?”
דער גרעסטער וווּנדער, — כ'האָב געענטפערט, — איז אָט דער,
וואָס קוים דערלאָפן בין איך פונדאָרטן ביז
אהער. (העפט 14).

א בעקאָוועדיקער האָרנטרעגער

א ווײַבל האָט מיט אירע אייגענע הענט ארויסגעגעבן איר מאן א צײַגעניש, אז ער איז א גאָטספאָרכטיקער מענטש: ס'שטייט דאָך בעפיירעש געשריבן: „הייבן זאָל זיך דער האָרן פונעם צאדיק” (אין סייפער „טילים”).

באזונדערס וואָגיק איז דעם שרײַבערס סאָציאַלע סאטירע. זי איז אָפט אין דער אָדער יענער מאָס פארבונדן דירעקט אָדער אומדירעקט מיט געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן און געשעענישן, מיט רעליגיעזער פרײַדענקערײַ, צומאָל — מיט פאקטן פונעם דיכטערס ביאָגראפיע.

„געהענעם און גאנײדן”.

די גרויסע פאָעמע „געהענעם און גאנײדן” דערציילט וועגן אימאַנועלס א כאָלעם. אים כאָלעמט זיך, אז ער זאָל געווען ארויפּכאַפּן זיך „אף יענער וועלט”. דעם ערשטן וויזיט שטעקט ער אָפּ דעם געהענעם, ווו ער באגעגנט א גאנצע גאלעריי „שיינע ייִדן” — גווירים, יאכסאָנים, ראבאָנים, קאָהאָלשע אָנטרײַבער, וועלכע האָבן באם לעבן געבאלעבאטעוועט אין ייִדישן וועלטל. דער שרײַבער שילדערט די פּניי פון דער רוימער קעהילע (דאָס איז צו זען פון א ריי אָנדײַטונגען). ער קען די דאָזיקע לײַט אויסגעבונדן, פירט ער זיי ארויס אָדאָם־נאקעט, אינײנעם מיט אלערליי קרימינעלע פארברעכער — שווינדלער, זנוס־מעקלער, פאלשע איידעס־זאָגער אדג. דאָרט, אינעם געהענעם, שטייען זיי אויס געבראָטענע לײדן. אימאַנועל באגעגנט א גרויסע גרופּע בלינדע. ער דערקענט זיי: דאָס זײַנען מענטשן, וועלכע „האָבן אף דער ערד געגאָסן פון רום און קאָוועד”, אָבער אלס ווילדע אָבסקוראנטן זײַנען זיי פארורטיילט צו זײַן בלינד, ווײַל געהאט האָבן זיי אויגן און ניט געוואָלט זען די גרויסע ווערט פון וויסן. ניט נאָר זיי האָבן ניט געשטיצט די געלערנטע מענטשן, נאָר זיי האָבן זיך איבער זיי איזדיעקעוועט.

דער דיכטער דערהערט מוירעדיקע גוואלדן. דאָס שרײַען פאר ווייטעק ראבאָנים. זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך קאָוועד, גענומען כאבאר. אין די טיפסטע, באזונדערס שוידערהאפטע גריבער פונעם געהענעם, צווישן די עקלהאפטע פארברעכער, שלײַדערט דער קינסטלער ארײַן די קאָהאָל־לײַט, וואָס האָבן אונטערדריקט דאָס פאָלק.

דעם געהענעם שטעלט דער סאטיריקער אנטקעגן די סוויווע פונעם גאנײדן. ווי נאָר ס'באווײַזט זיך דאָרט דער קינסטלער, דערהערן זיך אויסגעשרייען: „ארויפגעקומען אימאַנועל, ס'וועט שוין זײַן רעכט פריילעך!” דעם פּאָעט גייען אנטקעגן מיט א ברייטן באָרעכהאבאָ די נעוויִים, דער ראמבאם, יעהודע האלייווי און נאָך און נאָך ריזן פון דער ייִדישער געשיכטע. דאָ גיט דער מײַסטער א שיט אונטער א ביסל האלב־סאטירישן, האלב־הומאָריסטישן פעפער. ער דערזעט לעבן דאָוויד האמעלעך, וועלכער שפילט אפן פידעלע און זינגט קאפּיטלעך טילים, און לעבן דעם באוווּסטן ביבלישן מילכאָמע־העלד יויִנעסן צוויי פרויען — אויך „העלדן” פונעם טאנאך. איינע איז די גאסן־פרוי ראָכאָוו, וועלכע האָט אויסגעבאהאלטן בא זיך די מעראגלים, געשיקטע פון מוישע ראבײנוס נאָכפאָלגער יעהוישוע אויסצוקוקן קנאאן ערעוו

דעם פאַרכאַפּן דאָס לאַנד. די צווייטע איז טאָמאַר, די שנור פון יאַנקעוו אָווינוס זון יעהודע[1]. באַלערעוודיק איז איינער אַן עפּיזאָד אין גאַניידן. דער דיכטער דערזעט „א סאך מענטשן ארומגערינגלט מיט א שײַן, וואָס איז שטאַרקער פון דער זון־שײַן... דאָס זײַנען גאָטספּאָרכטיקע לײַט פון אנדערשגלויביקע פעלקער... זיי האָבן פון אלע רעליגיעס ארויסגענומען די אמערסטן יוישערדיקע אידייען, וועלכע ווערן ניט אָפּגעפרעגט פון די מענטשן פון וויסנשאפט... און זיי האָבן באַשלאָסן: „בא פארשיידענע אומעס הייסט גאָט מיט אן אנדער נאָמען. נאָר ווי ער זאָל ניט הייסן, גלייבן מיר אין דער ערשטער, ריכטיקער און שעפּערישער סיבע... מיט איר אומענדלעכן פארשטאנד און בארעמהארציקײַט צו אירע באשעפענישן”.

די דאָזיקע פאר יענער צײַט פּראָגרעסיווע געדאנקען האָט ארויסגעזאָגט דרייסט דער פרײַדענקער און קעגנער פון ייִדישן שאָוויניזם אימאָנועל האָרוימי[2].

פיל שארפער, איידער אין „געהענעם און גאניידן” קלינגט דעם מײַסטערס סאָציאַלע סאטירע אין איינציקע סאָנעטן. דאפקע אָט די ספּעציפיש־לירישע פּאָעטישע פאָרם האָט ער אויסגעקליבן, קעדיי צו דערגרייכן זײַנע סאטירישע צוועקן. עס קאָן געוויס זײַן, אז דער פּאָעט האָט אָנגעשריבן דעם דאָזיקן סאָנעט אין שײַכעס מיט די מאָשיִעך־באוועגונגען, וועלכע זײַנען אויסגעבראָכן בא זײַן לעבן.

אין מעשעך פון יאָרהונדערטער האלטן גלויביקע ייִדן אין איין בעטן, אין פארשיידענע טפילעס, מאָשיִעכן, ער זאָל וואָס גיכער קומען: דער גאָלעס איז אויסערסט ביטער, עס גיסן זיך טײַכן טרערן, אלע קוקן ארויס אף גאָטס שאָליִעך אאוו.

אין די ערשטע סטראָפן פון זײַן סאטירע כאזערט עמאָנועל איבער די טראדיציִאָנעלע געבעטן צו מאָשיִעכן, נאָר פלוצעם, אין די לעצטע סטראָפן, גיט ווי א שפּרונג ארוף אף דער בינע דער לעץ, דער סקעפּטיקער מיט

[1] יעהודע האָט געהאט דרײַ זין. דער עלטערער האָט כאסענע געהאט מיט טאָמאָרן, איז ער געשטאָרבן, און טאָמאָר האָט מיט אים קיין קינדער ניט געהאט. האָט זי, לויטן ייִדישן דין, געמוזט כאסענע האָבן מיטן צווייטן זון. איז ער אויך געשטאָרבן, און טאָמאָר האָט ווידעראמאָל קיין קינדער ניט געהאט. יעהודע האָט שטארק ניט געוואָלט זי זאָל האָבן דאָס דריטע מאָל פאר א שנור, האָט ער געפונען אן אויסרייד און זי אָפּגעשיקט צו אירע עלטערן. טרעפט זיך א מײַסע, און יעהודע געפינט זיך גאָר ניט ווײַט פון טאָמאָרס עלטערנס ווויִן־אָרט. נעמט טאָמאָר (איר האָט זיך שטארק געוואָלט האָבן א קינד), טוט זיך איבער פאר א גאסן־פרוי און זעצט זיך אוועק אף יעהודעס וועג אהיים. יעהודע האָט זי ניט דערקענט און האָט באשאָנקען זײַן געוועזענע שנור מיט א צווילינג.

[2] די פּאָעמע „געהענעם און גאניידן” איז געשאפן אמשפּעטסטן זיבעטהאלבן הונדערט יאָר צוריק. זי איז אין א געוויסער מאָס אָנגעהויכט פון דאנטעס „געטלעכער קאָמעדיע”. דער געניִאלער איטאליענישער פּאָעט און איינצײַטיק באגרענעצטער פרומער קאטאָליקער האָט אָבער אין זײַן „גאניידן” קיין ניט־קריסטן ניט ארײַנגעלאָזט.

מעפיסטאָפעלס אופרײַס־געלעכטער, און מאכט פון דער טפילע צו מאָשיִעכן אויסצודרייען! ער דערלויבט זיך צו ווענדן צו גאָטס געזאלבטן מיט אייצעס.

ערשטנס, אייצעט דער דיכטער מאָשיִעכן, ער זאָל אראָפּקומען אין א רײַכער קארעטע, געשפּאנט מיט די פלינקסטע פערד[1].

וויבאלד אָבער מאָשיִעך פאָלגט ניט, גיט אים דער דיכטער אן אייצע נומער צוויי:

אויב אף אן אייזל געריטן
קומסטו אראָפּ,
מײַן אָפּנהארציקע אייצע
הער אויס מיט קאָפּ:
צוריק קער זיך אום
אין דײַן רוע ארײַן
און לייג זיך אוועק.
א סאָף מאך צום קעץ[2],
צום כאָלעם — אן עק.

ענדלעך, פארמעסט זיך דער פרײַדענקער אף גאָט אליין:

וויבאלד פון אויבן
האָט געניידערט די גזיירע,
וויבאלד הויך אופגעהויבן,
וויבאלד יענער,
וואָס קניט ניט
פארן גאָלדענעם אָפּגאָט,
ווערט צעבראָכן אף שערבלעך,
ווי א ליימענע קיילע,
וויבאלד בלינד איז דאָס מאזל,
וואָס ערלעכע, גוטע
מיט גוטס ניט באטיילט
און מענטשעלעך־נישטלעך
מיט זידלען ניט באגלייט, —
דאן מעלדע איך אָפּן:
„בלינד בין איך אויך,
און ניט געדאכט
זאָל מען ווערן.
מײַן געדאנק
וועגן שיינקײַט,
עפּשער צו גוטן
מײַן נאָמען
פארשריבן
וועט ווערן”.

אין דער זעלבער סאָנעטן־זאמלונג לייענען מיר נאָך איינעם אן אטעיִסטישן סאטירע־סאָנעט אף אן ענלעכער טעמע. אימאָנועל האָרוימי אנטפּלעקט זיך פאר אונדז ווי א גרויסער מײַסטער פון סאָציִאלער סאטירע, וועלכער איז בא די בורזשואז־קלעריקאלע פאָרשער געבליבן אין שאָטן.

[1] ס'שטייט געשריבן, אז מאָשיִעך וועט זיך באווײַזן אין אויסזען פון אן אָרעמאן, וואָס פאָרט רײַטנדיק אף אן אייזל.

[2] דאָס העברעיִשע וואָרט „קעץ” („קעץ”, א סאָף) באטײַט דאָ סאָף פון ייִדישן גאָלעס, מאָשיִעכס באווײַזן זיך.

אליא ערענבורג, א מענטש מיט זייער א פײַנעם געשמאַק פאַר ליטעראַטור, האָט איבער־געלייענט בלויז עטלעכע איטאַליענישע סאָנעטן אימאַנועלס און פאַרצייכנט, אַז זיי זײַנען „פול מיט כויזעק, ביטערער, און איינצײַטיק זײַנען זיי פול מיט אנציקונג. פאַרן לעבן". ערענ־בורג האָט דערזען דאָס, וואָס דובנאָוו, צינבערג און אַנדערע האָבן פאַרזען!

ליבע־ליריק

ליבע־ליריק פאַרנעמט אין די „העפטן", ווי אין דער גאַנצער איטאַליענישער רענעסאַנס־פּאָעזיע, שיִר ניט דאָס אָנגעזעענסטע אָרט.

דער סאָנעט „ליבע בענטשט ניט קיין „אווע מאַריא" איז א מין דעקלאַראַציע וועגן דער ליבע־ליד:

ליבע בענטשט קיינמאָל
קיין „אווע מאַריא".
ליבע ווייסט ניט
פון געזעצן, פון גלויבנס.
ליבע פאַרשטייט ניט,
וואָס הייסט מאָס אַף דער וועלט.
ליבע איז מאַכט אומבאַגרענעצטע...

דורך א ריי נעגירונגען („ניט", „ניט", „ניט") ברענגט דער פּאָעט ארויס זײַן „יאָ", „יאָ", „יאָ" — זײַן מיינונג, אַז די איטאַליענישע ליבע־ליד איז פאַרעלטערט, זי מוז ווערן לאַכ־לוטן אַן אַנדערע, אין איינקלאַנג מיט דער צײַט — מיט דער רענעסאַנס־עפּאָכע.

אימאַנועל טרעט ארויס אַלס קאָנסעקווענטער הומאַניסט אינעם דעמלטיקן זינען פון דאָזיקן וואָרט. ער איז קעגן קרענקלעכע, אומנאַטיר־לעכע, מיט טרערן באַוואַשענע טענער פון פּלאַטאָנישער ליבע („כ'בין פון יענע, וואָס טרערן זײַנען זיי צום האַרצן", — שרײַבט פּעטראַרקאַ אין סאָנעט 37); אימאַנועל איז קעגן יעטווידער רעליגיעזער ליבע־ליריק (קעגן טפילעס סײַ צו גאָטס מוטער, סײַ צו גאָט אליין), קעגן טרובאַדורישער ריטער־פּאָע־זיע. דאָס דאָזיקע גאַנצע אַלטוואַרג איז געווען נאָך גאַנץ שטאַרק אין דער איטאַליענישער ליבע־ליריק פון 13 — 14־טן יאָרהונדערטער.

עס דערמאָנט זיך, ווי א ייִדיש מיידל פלעגט אַמאָל זינגען:

א ליבע צו שפּילן
איז דאָך אוואדע קעדײַ,
איז דאָך אוואדע קעדײַ.
נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? —
מיט איינעם, ניט מיט דרײַ.

מיט איינעם, ניט מיט דרײַ
איז דאָך אוואדע קעדײַ,
איז דאָך אוואדע קעדײַ.
נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן?
אַז גאָט איז דאָ דערבײַ.[1]

[1] איינער פון די וואַריאַנטן: „אַז דו ביסט דאָ דערבײַ".

דעם פּאָעטס ליבע איז מיט גאָט א קנאַפּע מעכוטענעסטע, פון מאַרעשכוירע איז זי זייער ווײַט. די געליבטע איז ניט קיין פּלאַטאָנישע־אויסגעפאַנטאַזירטע. זי איז ניט קיין געהויבענע גרעפין אָדער מאַרקיזע. דער פאַרליבטער איז ניט קיין ריטער, דאָס איז ער טאַקע אליין — אימאַנועל, רעב שלוימעס זון.

די ביבל דערציילט, אַז שלוימע האַמעלעך איז געווען ניט נאָר „קלוג, ווי די וועלט", נאָר קליגער פון דער וועלט. פאַרמאָגט האָט ער סאַכאַקל טויזנט ווײַבער, און דאָך איז ער ניט געווען אימשטאַנד צו באַגרײַפן דעם וועג פון א מאַנצבל צו דער פרויס האַרץ. עמאַנועל האַרוימי איז א סאַך באַשיידענער אין אַלע הינזיכטן, און דאָך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז

ליבע, ווי געוויקס, וואַקסט ארויס
דורך אַלערליי וועגן.

דער פּאָעט איז באַכערווײַז „א יונג מיט ביי־נער". פרויען האַלטן פון אים א וועלט —

פוסטריט מײַנע
היטן זיי.
מײַן שווענק־וואַסער
טרינקען זיי.

גייט זיך אזוי דער יונגערמאַן שפּאַצירן און פאַרקוקט זיך אין א סאָד אַף א שיין מיידל:

דאָרט דערזען האָב איך א יונגפרוי,
פול מיט שײַן און איידעלע רייכעס...
אירע ליפּן — דופט זיי טריפן...
אירע אויגן — שאַרף פון שווערד!
אין אַלע ווינקלען
זי זיי קערט.
— — — — — — — — — — — —
און מיטאַמאָל
א העליש פײַער
האָט אין מיר
זיך אָנגעצונדן...
(העפט 4).

ער ווערט שוין דאָ אַפן אָרט פאַרליבט. ער ווענדט זיך צו דער פרײַלן: „ווי שיין ביסטו, אָפראָ (עפרה — א יונג מיידל)! צי איז ווער אימשטאַנד עס צו באַגרײַפן? דײַנע אויגן — זיי מאַכן א טעל פון מיר. כ'בין געפלעפט! האָב ראַכמאָנעס: גיב מיר א קליינעם געשאַנק — א ביסל קרײַטעכצער פון דײַן ליבע, דו, טײַבעלע שיין"... דאָס מיידל לייגט פאַר דעם יונגנמאַן א ליבע־שפּיל: זי וועט צעטיילן זיך אליין אַף צוויי טיילן — אַן אייבערשטן און אַן אונ־טערשטן. די גרענעץ צווישן ביידע איז איר גאַרטעלע — קלײַב אויס! דער יונגערמאַן ווערט שטאַרק אָפּהענטיק — ער ווייסט ניט, וואָס עס איז בעסער און צעווײַנט זיך מיט ביטערע טרערן. ענדלעך, באַשליסט ער — ער נעמט דעם אייבערשטן כיילעק. די יונגפרוי איז איבע־ראַשט — „ווײַל דו פאַרמאָגסט אזא איידל האַרץ, קריגסטו ביידע מאַטאָנעס."

און אָט האָט איר נאָך איינעם א וועג צו דער

פרויס האַרץ (העפט 3) — א מער קאָמפּליצירטן:

דער פּאָעט איז פאַרליבט אין א שיין, קלוג מיידל. די געליבטע איז א פרומע קאַטוילן, א נאָנע (א מאָנאַשקע). זי האַלט זיך אוּף אין א מאָנאַסטיר. עס וויקלט זיך פאַנאַנדער א ליבע־געפּעכט, א געפּעכט ווען

ליבע פאַרשטייט ניט,
וואָס הייסט מאָס אף דער וועלט.

דער פאַרליבטער שיקט דעם מיידל א בריוו מיט א סאָנעט. דעם שאָליעך זאָגט ער אָן איבערצוגעבן דער פרײַלן, אז געשריבן האָט די ליד „דער הויפּט פון הײַנטצײַטיקע דיכטער, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי פאַרליבטע — אימאַנועל, רעב שלוימעס זון".

דאָס מיידל ווערט שטאַרק אופגעבראַכט. לעכאַטכילע באַשליסט זי ניט ענטפערן, נאָר באַלד טראַכט זי איבער און שיקט א טשוווע: „ניט דערפאַר ענטפער איך דיר, וואָס ביסט מיר געפעלן, נאָר קעדיי זאָלסט וויסן, אז איך האָב אויך א קאָפּ אף די פּלייצעס... דעריבער שלאָג זיך אַרויס פון זינען דײַן פאַרלאַנג: דאָס מאַזל וועט דיר ניט צושפּילן".

דער פאַרליבטער טוט זיך זײַנס. ער שיקט נאָך א בריוו און קריגט א נײַעם ענטפער: „מיך עקלט צו הערן וועגן ליבע פון עפּעס א שנעק. ער קאָן נאָך צעפּויקן, אז אין ליבע בין איך הינטערשטעליק".

דער פאַרליבטער שיקט אַוועק א דריטן בריוו מיט נאָך א ליד. ער שווערט: „כ'וועל ניט אָפּשטעלן מײַן קאַמף קיינמאָל. די שטאַרקסטע קויכעס וועל איך אײַנעמען, קופּערנע טויערן צעשמעטערן, און דאָרט, ווו דו וועסט אפילע שטאַרבן, דאָרט וועל איך צו קווורע קומען, ווײַל אַזוי הייסט גאָט!".

דאָס מיידל איז שוין ניט געווען בעקויעך זיך ווידערצושטעלן, און עס האָט זיך אין איר צעפלאַקערט א ליבע־סרייפע. זי שיקט אַוועק דעם פאַרליבטן א לאַנגן בריוו. אָט איז פון אים אן אויסצוג: „עס בליט מײַן ווײַנגאָרטן, און ניטאָ איז דער זאַמלער, רײַף זײַנען מײַנע ווײַנטרויבן, און ניטאָ ווער ס'זאָל זיי פּרעסן... טײַערינקער מײַנער! איך האָב פאַר דײַנעטוועגן אָפּגעהיט א געטרײַע ליבע און א האַרץ א וואַרעמס. אין אים באַהאַלט דײַן גלוסט און דעם פלאַם פון דײַן ליבע. צו דיר איז זײַן (דעם האַרצס) שטרעבן, און דו וועסט אין אים הערשן. זאָל קומען דער געליבטער מײַנער אין זײַן גאָרטן, זאָל ער עסן מײַנע זיסע פּיירעס. דאַן וועל איך שענקען דיר מײַן ליבע. פרעגן וועל איך גאָרניט. ווי ס'געפעלט דיר צו טאָן, אַזוי טו... אַלע דײַנע געננג וועלן שיקן ליכט אין דער נעשאָמע פון יענער, וועלכע איז קראַנק אף ליבע צו דיר, וועלכע לעכצט נאָך די וואַסערן פון דײַן פרײַנטשאַפט..."

די גאַנצע געשיכטע, בּיפּראַט דער לעצטער בריוו זײַנען אָנגעשמעקט מיט די מיזרעך־דופּ־טיקע ליבע־געזאַנגען ביכלאַל און אוואַדע שוין מיטן באַרימטן אָפּאָטעאָז פון דער לײַדנשאַפטלעכער יונגער ליבע, דעם „שיר השירים".

אַגעוו, איז די דאָזיקע ליבע־עפּאָפּייע א מוסטער פון דער קרויוועשאַפט פון א רײ מאַקאַמען אין אימאַנועלס „העפטן" מיט באָקאַטשיאָס נאָוועלן אין „דעקאַמעראָן".

דאָס וויכטיקסטע אָרט פאַרנעמט דאָ די פרוי. זי פיגורירט אין די „העפטן" מער פונעם מאַנצבל. מיר זעען זי אַלס א פאַרליבטע און אן אויסגעגעבענע, אַלס א „שיינהײַט" און א „מיעסקײַט", אַלס א פאַרזעסן מיידל, אפילע אַלס א ווײַט אורייניקל פון דער מוטער כאַווע, וועלכע האָט, אויב גלייבן די ביבלישע לעגענדעס, אַראָפּגעבראַכט אף דער וועלט בלויז צאָרעס און אומגליקן.

ביכלאַל איז די פרוי בײסן רענעסאַנס פרײַער, ווייניקער געבונדן, איידער בײסן פעאָדאַליזם. דאָס איז א וויכטיקסטע דערגרייכונג פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע.

הילכיק לאָזן זיך הערן דעם פּאָעטס געזאַנגען אף איינער פון די גרונט־טעמעס פון דער עראָטישער ליריק — וועגן דער שיינער פרוי.

אונדזערע עלטער־זיידעס פלעגן, ווי ס'דערציילט די טוירע, אָפּטמאָל פאַראַטן דעם יידישן גאָט און נעמען דינען צו „פרעמדע געטער", בויען פאַר זייערטוועגן „מיזבייכעס פון זינד", פלאַנצן „הייליקעביימער" אאַוו. גיט דער פּאָעט צו וויסן דער וועלט, אז

וווען ניט שעמען זיך פאַר גאָט,
באַם פאָלק באַם הייליקן
ניט זײַן צו שאַנד
און צו שפּאָט —
פאַר שיינע פרויען
מיזבייעכעס פון זינד
וואָלט איך בויען,
א הייליקן בוים
כ'וואָלט געפלאַנצט
פאַר יעטווידער יעלה![1]

„גוטע און פרומע לײַט" זײַנען ניט געווען צופרידן. וואָס איז די מײַסע? — דער „העפקער־יונג" נעמט און מעלדעט:

פון גאַניידן עקלט מיך,
און דער גענעם ציט צו זיך.
פון ליבע, פון שיינהײַטן
איז עס דאָס אָרט,
האָניק אף האָניק
נאַשן כ'וועל דאָרט.

איצט לאָמיר אויסהערן אן אויסצוג פון דעם פּאָעטס שטערן־געזאַנגען אין מיזרעך־סטיל:

„... ווער וואָלט אַזאַ ווונדער גלייבן געקאָנט? אין די הימלען שײַנען דײַנע אויגן און די שטערן־פּראַכט דערזע איך אין דעם העלן טאָג, ווען איך באַטראַכט דײַן שטראַלנדיק געזיכט.

---

[1] יעלה — יאַאַלאַ — פּאָעטישער נאָמען פאַר א שיינער פרוי.

ווערק פון ייִדישע קינסטלער

לויטן בוך פון כיל אראָנסאָן „בילדער און געשטאלטן פון מאָנפארנאס״, פאריזש

ייִעש. סקולפטאָר נאָכעם אראָנסאָן



צוויי פרויען, דאָס מיידל מיטן הוט. קינסטלער זשיל פאסקין



א מיידל מיט לאנגע האָר. קינסטלער לאזאר סעגאל

שוועסטער. קינסטלער מאַיס קיסלינג

ליבע דו מײַנע! מײַן גאַנץ לעבן הענגט געפאַנגען אַף דעם געבייג פון דײַן געטאָקטן אויער. פונעם ווײַטסטן מיזרעך שענסטע שטיקערײַען זײַנען ניט אימשטאַנד מיט אים זיך צו פאַרגלײַכן! איך בין געבלענדט, ווען עפנסט די אויגן! איך בין פאַרקישעפט פון די צויבערפּערל, וואָס באַשיצן דײַנע ראָזע ליפּן... אָ, זאָג מיר, דו האַרציקע: דײַנע ווּנדער־אויגן — זײַנען זיי שטערן פון הימל, וואָס דו נעמסט באַם קאַיאָר געפאַנגען און נאָך דורך די נעכט וואַנדערן זיי פרײַ אין די הימלען, אָדער דאָס זײַנען אונדז געשענקטע שטערן די ערד צו באַשײַנען, ביכדיי דער גלאַנץ פון דײַן געזיכט זאָל אונדז אין די הימלען דערמאָנען, און די שענסטע אַף דער וועלט זאָלן וויסן און געדענקען, אַז זייער רייץ און כיין זײַנען קעגן דײַן הימלשער פּראַכט, ווי אַ קליין שטויבעלע, וואָס ווערט אַף דער ערד געטראָטן?..״

העפט 16 פרײַע געקירצטע איבערזעצונג פון י. צינבערג אין זײַן „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור באַ ייִדן״.

עלעגיעס

דער דיכטער האָט אַ סאַך געלאַכט און אַ סאַך מענטשן געצוווּנגען צו לאַכן. ער האָט אָבער געוויינט אויך, באַזונדערס אַף דער עלטער.

די יאָרן 1320 — 1321 האָבן פאַרשאַפט דער רוימער ייִדישער געמיינדע גרויסע יעסורים. אַפן פויפּסטלעכן טראָן איז דאַן געזעסן אין דער פראַנצויזישער שטאָט אַוויניאָן יאָהאַן דער צוויי און צוואַנציקסטער. וועגן אים האָט מאַרקס געשריבן, אַז ער „האָט זיך קוינע־שעם געווען אַדאַנק זײַנע דרייסטע ספּעקוליאַציעס און אַדאַנק קענען צוטראַכטן נײַע האַכנאָסעס פאַר דער פויפּסטלעכער קאַזנאַ... ווי אויך אַנדערע מיטלען צו צאַפּן געלט (לויט ווי עס האָט אײדעס געזאָגט זײַנער אַ קאָרעוו), האָט ער איבערגעלאָזט אַ יערושע פון זיבעצן מיליאָן גאָלדענע גולדנס און — לויט אַנדערע קוועלן — כוץ דעם פאַר זיבן מיליאָן זילבער געשיר און איידלשטיינער״.

אין 1321 קומט פּלוצעם אָן קיין רוים דעם פויפּסטס אַ באַפעל, מע זאָל פאַרברענען אַלע עקזעמפּליאַרן פונעם טאַלמוד, וועלכע געפינען זיך אין שטאָט באַ ייִדן, מאַכמעס דער טאַלמוד איז פול מיט לעסטערונגען קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע. אויסגערעכנט האָט דער הייליקער ספּעקוליאַנט ניט שלעכט: די רוימער געמיינדע איז די רײַכסטע אַפן האַלב־אינדזל; ייִדן וועלן זיך דאָך אַ לאָז טאָן קיין אַוויניאָן, קעדיי אָפּראַטעווען זייערע הייליקע ספאָרים, — אָט דאָ וועט ער אָפּלעקן אַ ביינדל. און אַזוי איז עס טאַקע געשען. אין שטאָט ווערט אַ מעהומע. ראַבאָנים זײַנען גויזער־טאָנעס (באַפוילן, מע זאָל פאַסטן), קאָהאָל רײַסט געלט אַף אָפּרופן די גזיירע, מע שיקט אַ דעלעגאַציע צום פויפּסט ריינצוואַשן דעם טאַלמוד — באַצאָלן פאַר דעם אַ סומע געלט דעם פויפּסט און זײַן באַנדע. אָפּגעצאָלט האָט מען, און דעם טאַלמוד האָט מען פונדעסטוועגן געברענט. דער אופגערייצטער האַמוין מאַכט דערווײַל אַ ייִדן־פּאָגראָם.

בייסן פּאָגראָם קומט אום אימאַנועלס שווער, אַ רוימער ראָוו — רעב שמועל. אָפּאָנעם, ניט זײַענדיק בעקויעך איבערצולעבן דעם פּאָגראָם און דעם פאָטערס טויט, שטאַרבט אין זעלבן יאָר דעם שרײַבערס פרוי. געלעבט האָט דאָס פּאָרפאָלק אין גרויס נאַכעס. דער דיכטער שרײַבט, אַז זי איז קלוג און שיין און האָט אַ כיילעק אין זײַן רום (העפט 1).

כוץ דעם, שטאַרבט אויך אין 1321 דער באַרימטער איטאַליענישער שריפטשטעלער דאַנטע־אַליגיערי, וועלכן אימאַנועל האָרוימי האָט הויך געשעצט, און ער איז, וואַרשײַנלעך, מיט אים געווען באַפרײַנדעט.

דער דיכטער לעבט דאָס אַלץ איבער ביז גאָר קרענקלעך. אַ לענגערע צײַט קאָן ער גאָרנישט שרײַבן. עס גייען אוועק נאָך עטלעכע יאָר, ס׳קומט אַ נײַער בראָך, וועלכער האָט געוויס אַ כיילעק אינעם דיכטערס טויט (אַרום 1330). אימאָנועל האָט געהאַט גאַראַנטירטע קרעדיט־פעיִקײַט מיצאַד זײַנעם אַ באַקאַנטן.

ווען ס׳איז געקומען צום צאָלן, איז יענער אַנטרונען געוואָרן און אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט צום שרײַבערס קאָפּ. אומגעקערט, אַפּאָנעם, אַ טייל פונעם כויוו, בלײַבט אימאָנועל בעדיל־האַדאַל. אַלס באַנקראָט, איז ער דערצו נאָך געצוווּנגען צו אויקער זײַן פון רוים, פון זײַן געבורט־שטאָט, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, מיט וועלכער ער האָט זיך געגרויסט, און זיך אַוועקלאָזן אין דער וועלט אַרײַן צו זוכן פּאַרנאָסע. ווו ער האָט געוואַנדערט, ווו און וויאַזוי ער איז געשטאָרבן — איז אומבאַוווּסט.

ביז באַנקראָטירן האָט דער שרײַבער פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער רוימער ייִדישער געזעלשאַפט און אין דער קעהילע־פאַרוואַלטונג. געווען איז ער, זעט אויס, סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג. איצט, ווען דאָס רעדל האָט זיך אים געגעבן אַ דריי איבער, טרייסלען זיך אַלע פון אים אָפּ. מיִעסע ברויִם, וועלכע ער האָט פריִער ניט געשאַנעוועט מיט זײַן סאַטירישער פען (זיי זײַנען עס געוויס געווען די ווערט), נעמען אַצינד נעקאָמע אינעם „אַפּיקוירעס״, אינעם „הולטײַ״ (העפט 1).

דער דיכטער איז שטאַרק דערשלאָגן. ס׳לאָזט זיך פילן די עלטער. ער קרעכצט אונטערן צווייענדיקן יאָך פון דאַלעס און פון עלטער, וועלכע „גייען אין געשפּאַן״ („העוני והזקנה רוכבים צמדים״ — העפט 1). אין צוויי מעכטיקע עלעגיעס, פול מיט ביטערניש, געפאַלנקײַט און פאַראַכטונג צו די סאָנים, ברענגט ער אַרויס זײַן שווער געמיט:

כ׳זע מײַן צײַט — ווי טאָג אַף טאָג זי גייט און גייט.

כ׳זע ניט פון מײַן זון איר פראכט — זי זינקט אלץ טיפער.
גלײַך ווי א גאנעוו, יאָגט מען מיך.
מיט זיי איז דאָס מאזל...

עס האלט דערבײַ, אז דעם זינגער פון ליבע באזוכן אלץ אָפטער שווערע טשוווע־שטימונגען. ער האָט כאראָטע, וואָס ער „האָט די טײַוווע געקרוינט פאר דער קיניגן פון לידער“; „שוין צײַט, מײַן פרײַנט... צו באפרײַען אונדזער גײַסט, וואָס איז אזוי לאנג געווען אין קנעכטשאפט בא די ערדישע טײַוועס“...

אונדזערע לייענער וועלן זיך אָנשטויסן אף ווידערשפרוכן. זיי וועלן מיט רעכט פרעגן, ווי קומט עס, אז דער גרויסער מײַסטער, דער אויסגעשפּראָכענער פרײַדענקער, דער קעגנער פון „אטאָ־באָכארטאָנו“ זאָל שרײַבן רעליגיעזע לידער, פארפאסן פיירושים צום טאנאך. ער זאָל האלטן, אז כראָנאָלאָגיש איז די ערשטע שפראך אף דער וועלט געווען העברעיש, אז ייִדן זײַנען געווען אמאָל די געבילדעטסטע אומע אף אונדזער ערד; ער זאָל צײַטנווײַז כאראָטע האָבן אף זײַנע אמאָליקע „זינד“.

דער ענטפער איז אזא: מע דארף ניט פארגעסן, ווען אימאָנועל האָט געשריבן זײַנע ווערק. אין יענער צײַט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אין דעם ערשטן אייראָפּעיִשן לאנד דער איבערגאנג פון פעאָדאליזם צום פריִיקן קאפּיטאליזם. דאָס איז דער אָנהייב פון א לאנגן געשיכטלעכן פּראָצעס. פאר די קולטור־שעפער פון אזא צײַט איז אָפט כאראקטעריסטיש דאָס אידייִישע וואקלען זיך צווישן דעם אלטן און דעם אָנוואקסנדיקן נײַעם וועלט־באנעם בכלאל, אין געביט פון רעליגיע ביפראט.

ענגעלס שרײַבט: „דאָס מיטלאלטער האָט באהעפט צו דער טעאָלאָגיע (רעליגיע־„וויסנשאפט“) אלע איבעריקע פאָרמען פון אידעאָלאָגיע: פילאָסאָפיע, פּאָליטיק, יוריספּרודענץ. דעריבער איז יעדע געזעלשאפטלעכע און פּאָליטישע באוועגונג געצוווּנגען געווען אָנצונעמען א טעאָלאָגישע פאָרם“[1].

[1] Маркс—Энгельс. Сочинения. 2-ое издание, т. 22, стр. 314.

דער רעליגיעזער פרײַדענקער, דער הומאניסט, האָט זײַנע פּראָגרעסיווע געדאנקען אָנגעטאָן א מײַמאָניסטישן בעגעד.

ווײַטער דארף מען נעמען אין אכט, אז דער מײַסטער האָט געשאפן א ריי ווערק, וועלכע מע האָט בא אים באשטעלט. וועגן דעם זאָגן אײדעס א צאָל געלעגנהײַט־לידער אין די „העפטן“, אויך באשטעלונגען פון קאָמענטארן צו אייניקע ביבלישע ספאָרים.

פארענדיקנדיק די דאָזיקע נאָטיצן, האלטן מיר, אז ס׳איז צום אָרט אָנצוווײַזן אף פאקטישע פעלערן, וואָס ווערן דערציילט אין ארטיקלען וועגן דעם גרויסן דיכטער און דענקער, לעמאָשל, דער אוטאָר פון א קורצער נאָטיץ אין א פרישער אויסגאבע — אין דער קורצער ליטערארישער ענציקלאָפּעדיע[1] — מוישע בעלענקי, שרײַבט וועגן אימאָנועל האָרוימי אזוינס, וואָס האָט ניט קיין גרונט:

ערשטנס, האָט דער דיכטער ניט געשריבן אף איווריט און אראביש, ווי עס באהויפּט דער אוטאָר. געשריבן האָט ער אפן קלאסישן (טאנאכישן) העברעיִש. צווישן קלאסישן העברעיִש און הײַנטצײַטיקן איווריט ליגן א סאך יאָרהונדערטער. אראביש האָט אימאָנועל ניט געקענט.

צווייטנס — ווו אימאָנועל האָרוימי איז געשטאָרבן, איז ניט באוווּסט. ניט גרעץ, ניט דובנאָוו, ניט צינבערג אין זײַן קאפּיטאל ווערק „געשיכטע פון דער ליטעראטור בא ייִדן“ שרײַבן ניט וועגן דעם אָרט פון אימאָנועלס טויט, ווײַל וועגן דעם זײַנען ניט פאראן קיינע זיכערע ידיִעס.

דריטנס, ס׳איז מאָדנע, וואָס מיר לייענען אין דער נאָטיץ, אז „די קריסטלעכע (?!) קלעריקאלן האָבן אימאָנועלן דעם רוימער ארײַנגעלייגט אין כײַרעם (предали анафеме) און פארבאָטן צו לייענען זײַנע ווערק“.

די סאָוועטישע ליטעראטור־וויסנשאפט האָט נאָך פיל וואָס צו זאָגן אין דער אָפּשאצונג פון אזעלכע היסטאָרישע געשטאלטן, ווי אימאָנועל האָרוימי.

[1] Краткая литературная энциклопедия (КЛЭ), т. 3, М., 1966, стр. 110—111.

פון דעם
שרייבערס נאָטיץ-ביכל

שמואל גאָרדאָן

די פאַרזעצונג פון איינער א פאַרצייכענונג

מעגלעך, אז ניט אין אלע אמאָליקע ייִדישע ייִשוּווים פון קרים בין איך אויסגעווען, כאָטש זיכער אין דעם בין איך ניט. נאָר אז בייס מײַן ארומרײַזן איבערן קרימער סטעפּ — מערסטנטייל אף א בעדארקע, אָדער רײַטנדיק און אָפטער פון אלץ צופוס — האָב איך ניט פארפעלט דאָס דאָרף קאַדימאָ, — דעם קאָלווירט אף סוועדלאָווס נאָמען, וואָס אין דזשאנקאָיער ראַיאָן, — דאָס קאָן איך שוין זאָגן באַשטימט. כ׳ווייס בלויז ניט, צי האָט נאָך דאָרט דעמלט געוווינט כאַיִם דיסקין — דאָס באָכערל, וואָס האָט געיארשנט זײַן פויערשן ייִכעס נאָך פונעם זיידן, פון נאָכעמען דעם קאָלאָניסט. און ווען אפילע יאָ, ווייס איך אויך ניט, צי איז מיר דעמלט אויסגעקומען הערן נאפּטאָליע דעם קאָלווירטניקס ציטעריק בעניאָכידל, כאַיִמקען, שפּילן פידל און פאָרלעזן אין שול איזי כאריקס „ברויט״ און כאָנע ווײַנערמאנס דאָרפישע לידער. און ווי קאָן מען דאָס געדענקען, אז ס׳איז שוין פון דאַן אריבער א פײַן ביסל צײַט — עטלעכע און פערציק יאָר.

און זאָגן אף זיכער, אז וועגן דעם דאָזיקן ייִדישן דאָרף האָט מיר דערמאָנט די פארצייכענונג, וואָס איז אָנגעקומען קיין קוּיבישעוו אפן אנדערן יאָר פון דער מילכאָמע אינעם ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט, א פארצייכענונג וועגן דעם ייִנגסטן צווישן די ייִנגסטע העלדן פון סאָוועטנפארבאנד כאַיִם דיסקינען, — קאָן איך אויך ניט. ס׳איז שוין פון דעמלט דאָך אויך דורך העכער דרײַסיק יאָר. און אויסער אלעם, געדענקט זיך מיר פּאָשעט ניט, אז אין דער דאָזיקער פארצייכענונג זאָל געווען זײַן אָנגעוויזן, אז דער העלד כאַיִם דיסקין האָט ווען־ניט־איז געוווינט אפן קרימער סטעפּ. מיר האָט זיך אָבער פארגעדענקט דער טאָג, ווען די פארצייכענונג איז אָנגעקומען, כאָטש דער זיקאָרן מײַנער האָט ניט פארהיט, ווער עס האָט זי אָנגעשריבן — דער מיטארבעטער פונעם פארלאג „דער עמעס״ ראכמיִעל פיש, צי דער דיכטער מוישע כאשטשעוואצקי, וועלכער האָט אין א קנאפּן יאָר ארום ארויסגעלאָזט אין „עמעס״־פארלאג א ביכעלע „כאַיִם דיסקין — דער העלד פון סאָוועטנפארבאנד״.

פארגעדענקט האָט זיך מיר יענער טאָג ניט מיט זײַנע זומערדיקע צי ווינטערדיקע סימאָנים, נאָר מיט דעם, וויִאזוי דאָוויד בערגעלסאָן האָט זיך ארומגעטראָגן מיט דער צוגעשיקטער קאָרעספּאָנדענץ, וויִאזוי ער האָט זי פאָרגעלייענט פאר די פארזאמלטע אָנפירער און מיטארבעטער פונעם קאָמיטעט — פאר שאכנע עפּשטיינען, איציק פעפערן, הערשל אָרלאנדן, אווראָם גאָנטארן, עליע וואטענבערגן.

אויך עטלעכע טעג נאָך דעם האָט בערגעלסאָן געהאלטן אלץ אין איין דערציילן וועגן דעם יונגינקן כאַיִם דיסקין, פונקט ער זאָל זײַן זײַנער א זון, צוגעבנדיק צו דיסקינס געשטאלט נײַע און נײַע איינצלהײַטן און דערבײַ אזעלכע, וואָס קיין איינע פון זיי איז ניט געווען אין דער צוגעשיקטער פארצייכענונג, נאָר וועלכע עס קאָן וויסן בלויז שטארק א נאָענטער מענטש. און ווען דאָוויד בערגעלסאָן האָט גענומען פארגלײַכן כאַיִם דיסקינען מיט פּעטיע ראָסטאָוון, מיט דעם פּאָעטיש אויסגעדיכטעטן געשטאלט אין לעוו טאָלסטאָיס „קריג און פרידן״, איז געוואָרן קלאָר, אז דער גרויסער שעפער פון דער ייִדישער ליטעראטור האָט פארטראכט א ברייט עפּיש ווערק וועגן דער פאָטערלענדישער מילכאָמע און אז איינער פון זײַנע הויפּט־געשטאלטן וועט זיכער זײַן דאָס אכצניאָריקע באָכערל, נאפּטאָליע דעם קאָלווירטניקס ציטעריק בעניאָכידל — דער ייִדישער פּעטיע ראָסטאָוו, וואָס האָט פארקערפּערט אין זיך די גווורע און גײַסט פון זײַן פאָלק, די ליבע און איבערגעגעבנקײַט פון זײַן פאָלק צום סאָוועטישן היימלאנד.

ווען מיר האָבן אין א שטיקל צײַט ארום

צום ערשטן מאָל דערזען כאַים דיסקינס פּאַטאַ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ווי צוויי טראָפּן ענלעך אַף דעם מילדן באַשיידענעם באָכערל, וואָס ס'האָט אונדז אויסגעמאָלט מיט זײַן קינסטלעריש וואָרט דאָוויד בערגעלסאָן.

פאַרוואָס איז ניט מעקויעם געוואָרן בערגעלסאָנס פאַרטראַכט? וועגן דעם האָב איך זיך ניט איין מאָל פאַרקלערט אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

פאַריקן זומער בין איך ווידער געווען אַפן קרימער סטעפּ, אין די קאָלווירטן פון קראַסנאָגוואַרדייער און דזשאַנקויער ראַיאָנען, כ'בין אויך פאַרפאָרן אינעם אַמאָליקן ייִדישן דאָרף קאַדימאַ, וואָס איך האָב עס ניט דערקאַנט, ווי איך האָב ניט דערקאַנט די דערפער פונעם געוועזנעם ראַטנדאָרפער דאָרפסראַט, אין וועלכע איך האָב מיט יאָרן צוריק אַ קורצע צײַט געוווינט. ניטאָ שוין מער אין די אַמאָליקע ייִדישע יישוּווים די צוויי מעסוקן לאַנגע, און שיר ניט אַף אַ קילאָמעטער דערווײַטערטע איינע פון דער אַנדערער, גאַסן, דורכויס פאַרבויטע מיט איינשטאָקיקע הײַזער און אָפענע האַלבנאַקעטע הויפן. ניטאָ שוין אויך די קאָלווירטישע הויפן מיט די שטאַלן פאַר פערד. ניטאָ די סילאָס־טורעמס. עס קלאַפּן שוין ניט אין די בודקעס די מאָטאָרלעך, וואָס באַטאָג פּלעגן זיי פּאָמפּען וואַסער פון די טיפע אַרטעזיאַנער ברונעמס און אין אָוונט שענקען עלעקטרישע ליכט. גיי דערקען די פריִערדיקע דערפער, אַז אַלץ האָט זיך דאָ געענדערט. נײַע גאַסן, נײַע הײַזער פון פיר און פינף שטאָקן, מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן, אַרום און אַרום געדיכטע סעדער, אַספאַלטירטע טראָטואַרן און אַלייען שלאַנקע טאָפּאָלן באַ די וועגן. און די מענטשן זײַנען דאָ אויך נײַע, אָנגעפאָרענע פון פאַרשיידענע קאַנטן און געגנטן. זעלטן־ווו ס'באַגעגנט זיך עמעצער פון די אַלטע טוישווים. אין די אַמאָליקע ייִדישע יישוּווים האָבן אַ פּאָר יאָר געוועלטיקט די פאַשיסטישע ראָצכים. אין פונוואַנען קאָנען דאָ זײַן אַלטע טוישווים?!

אין קאָלווירט אַף סווערדלאָווס נאָמען האָב איך אויך קיינעם ניט באַגעגנט פון די אַמאָליקע אײַנוווינער, נאָכגעפרעגט האָב איך זיך דאָ וועגן זייער באַוווסטן לאַנדסמאַן. אייניקע פון די, בא וועמען כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט, האָבן געהערט וועגן דעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד כאַים דיסקין, נאָר ווו ער איז און וואָס ער טוט, דאָס ווייסן זיי ניט.

און מיטאַמאָל דערזע איך פאַר זיך כאַים דיסקינען. ער קוקט אַראָפּ צו מיר אַ שמייכלענדיקער פון דער מאָסקווער „מעדיצינישער צײַטונג“, וואָס כ'האָב דערהאַלטן.

מיר דוכט, אַז איך האָב אים דערקענט נאָך איידער כ'האָב דורכגעלייענט דעם אונטערשריפט אונטערן בילד, ווו ער איז פאָטאָגראַפירט אין דער אַרומרינגלונג פון יונגינקע סטודענטן און סטודענטקעס, וועמען ער דערציילט וועגן דער העלדישקײַט פון זײַנע שלאַכט־כאַוויירים אַף דער מילכאָמע.

מיר איז, דוכט זיך, אַפילע באַקאַנט דער מילדער שמייכל זײַנער, וועלכער שטראַלט אַרויס פון זײַנע גוטהאַרציקע אויגן און באַלויכט דאָס לענגלעכע אָפענע געזיכט, אַ געזיכט פון אַ מענטשן, וואָס זאָגט: נעם מיך אויף אַזאַ, ווי דו זעסט מיך, איך האָב ניט פון דיר קיין סוידעס.

די פאַרצייכענונג פון ע. קאַמענעוון „אַ מענטש פון דער לעגענדע“ אין דער „מעדיצינישער צײַטונג“ איז אַ מין פאָרזעצונג פון דער פאַרצייכענונג וועגן כאַים דיסקינען, וועלכע איז דערהאַלטן געוואָרן אַפן אַנדערן יאָר פון דער מילכאָמע אינעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, און וואָס דער גרויסער וואָרטמײַסטער דאָוויד בערגעלסאָן האָט זי מיט אַזאַ ליבע פאַרגעלייענט דאַן פאַר אונדז.

די דאָזיקע גרויסע ליבע צו כאַים דיסקינען, דעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, דערפיל איך פון די ערשטע שורעס פון קאַמענעווס פאַרצייכענונג „אַ מענטש פון דער לעגענדע“, וואָס

פון רעכטס אַף לינקס: כאַים דיסקין בײַס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. כ. דיסקין, דער דאָקטאָר פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן צווישן סטודענטן־מעדיקער

ווערט דאָ געבראַכט אין דער איבערזעצונג פון רוסיש:

„די סטודענטן פון דער לענינגראַדער ערשטער מיליטערישער שול אפן נאָמען פונעם אַקאַדעמיקער אי. פּ. פּאַוולאָוו האָבן די טעג זיך באַגעגנט מיטן העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, פּאַלקאָווניק פון מעדיצינישער דינסט יעפים אַנאַטאָליעוויטש דיסקינען, מיט דעם מענטשן פון א לעגענדע.

דער סטודענט פונעם צווייטן קורס פון דעם מאָסקווער „איפלי" (אינסטיטוט פון געשיכטע, ליטעראַטור און פילאָסאָפיע), דער אַכצניאָריקער דיסקין גייט פרייַוויליק אוועק אפן פראָנט.

נאָיאַבער 1941 יאָר. דער פינפטער כוידעש, זינט ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע. די דייַטשישע פאַשיסטן דערנעענטערן זיך צו מאָסקווע. די צוטריטן צו דער הויפּטשטאָט פאַרטיידיקן מעסירעסנעפּעשדיק די פּאַנפילאָווצעס. אין די בלוטיקע שלאַכטן האָבן זיי פאַרניכטעט ניט ווייניק פאַשיסטן און פייַנטלעכע טעכניק. די באַוווּסטע ווערטער פונעם פּאָליטרוק וו. ג. קלאָטשקאָוו: — „רוסלאַנד איז גרויס, אָבער אָפּטרעטן איז ניטאָ וווהין. הינטער אונדז איז מאָסקווע", — זייַנען געוואָרן א שלאַכט־רוף פאַר אַלע סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן. זיי האָבן זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט געשלאָגן פאַר יעדן שפּאַן סאָוועטישער ערד.

די דריטע באַטאַרייע פונעם 694־טן אַרטילערישן פּאָלק, אין וועלכן ס'האָט געדינט דער אַנצילער דיסקין, האָט געפירט א שווערן קאַמף מיט די פאַשיסטישע טאַנקען, וואָס האָבן זיך געריסן אין דער ריכטונג פון וואָלאָקאָלאַמסק. פאַר צוויי טעג האָט די באַטאַרייע פאַרניכטעט צוואַנציק פייַנטלעכע טאַנקען.

דעם 17־טן נאָיאַבער האָט בא דעם דערפל גאָרקי זיך צעפלאַקערט א הייסע שלאַכט. די פאַשיסטן, ניט רעכענענדיק זיך מיט זייערע שווערע פאַרלוסטן, האָבן געפּרווט זיך דורכרייַסן, אַרייַנשנייַדן זיך אין אונדזער שוץ־ליניע. באַזונדערס געדיכט איז געווען דאָס פייַער קעגן די אַרטילעריסטן. עס זייַנען אומגעקומען, שווער פאַרווונדעט געוואָרן אַלע אַרטילעריסטן פון דער דריטער באַטאַריי. דרייַ האַרמאַטן זייַנען צעשעדיקט געוואָרן. באַשאָסן די אָנגרייַפערישע פאַשיסטישע טאַנקען האָט איצט בלויז דער האַרמאַט, וווּ דער ערשטער אַנצילער איז געווען דער יונגינקער סאָלדאַט כ. דיסקין.

צוויי פאַשיסטישע טאַנקען האָט דיסקין פאַרניכטעט. נאָר די איבעריקע זעצן פאָר אָנצוגרייַפן: איינער נאָכן אַנדערן קומען אום אינעם ניט גלייַכן גוראַנגל דיסקינס כאַווייריִם. דער העלדישער פּאַטריאָט איז שוין דרייַ מאָל פאַרווונדעט. בייַקומענדיק די ווייטיקן, זעצט ער פאָר די שלאַכט, שיסט אונטער נאָך דרייַ טאַנקען, נאָכדעם — נאָך צוויי. זיבן טאַנקען האָט ער פאַרניכטעט. דיסקין ווערט צום פערטן מאָל פאַרווונדעט.

א האַלב־טויטן ברענגט מען אים צו פירן אפן מעדיצינישן פּונקט, פונוואַנען ער ווערט עוואַקויִרט קיין מאָסקווע און פון דאָרט אין דעם סווערדלאָווסקער מיליטערישן האָספּיטאַל. זיבעצן ווונדן. פערצן מינען־ און גראַנאַטןשפּליטערס האָבן די דאָקטוירים אַרויסגענומען פון זייַן יונגן קערפּער.

אין איינעם א פרימאָרגן ברענגען די כאַווייִרים אים צו טראָגן פון פּאַלאַטע א צייַטונג, אין וועלכער ס'איז פאַרעפנטלעכט אַן אוקאַז פונעם פּרעזידיום פון אויבערסאָוועט פאַרן 12־טן אַפּרעל וועגן באַלוינען מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד דעם גענעראַל־מאַיאָר א. וו. פּאַנפילאָוו, דעם רויטאַרמייער יע. א. דיסקין און אַנדערע שלאַכטלייַט. אינעם אוקאַז רעדט זיך וועגן זיי ווי וועגן אומגעקומענע.

די פאַרווונדעטע פונעם האָספּיטאַל האָבן באַגריסט דעם העלדישן אַרטילעריסט מיט דער הויכער באַלוינונג, נאָר דיסקין גלייבט אַלץ ניט, אַז דאָס איז וועגן אים. עס רעדט זיך וועגן אומגעקומענע. ער איז דאָך אָבער ניט קיין טויטער. ער לעבט. עמעצער האָט אים געראַטן אָנשרייַבן קיין מאָסקווע אין פּרעזידיום פון אויבערסאָוועט. אינגיכן איז אָנגעקומען א טעלעגראַם פון מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינין, וווּ עס ווערט באַשטעטיקט, אַז מיטן הויכן טיטל „העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד" איז באַלוינט טאַקע ער, דער סאָלדאַט פונעם 694־טן פּאָלק. דער „אַלפאַרבאַנדישער סטאַראָסטע" פרייט זיך מיט דער אומדערוואַרטער נייַעס, אַז דער העלד דיסקין לעבט, ווינטשט אים אַלדאָס גוטס.

אין יענע טעג האָט באַזוכט דעם סווערדלאָווסקער האָספּיטאַל דער שעף פון דער הויפּט־אָנפירונג פון דער מיליטעריש־סאַניטאַרער דינסט פון דער רויטער אַרמיי יע. סמירנאָוו. נאָך א קורצן שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט דיסקינען, לייגט ער אים פאָר זיך גיין לערנען אין דער מיליטעריש־מעדיצינישער אַקאַדעמיע.

אין 1947 יאָר פאַרענדיקט דיסקין די אַקאַדעמיע, אין פיר יאָר אַרום פאַרטיידיקט ער זייַן קאַנדידאַט־דיסערטאַציע און אין 1961 איז ער דאָקטאָר פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן.

דיסקין האָט פאַרעפנטלעכט 90 וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. ער איז לאַורעאַט פון דער פּרעמיע אפן נאָמען פונעם אַקאַדעמיקער בורדענקאָ, מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט פון גיסטאָלאָגן און עמבריאָלאָגן, פירט אָן מיט דער קאַטעדרע פון נאָרמאַלער אַנאַטאָמיע אין דער לענינגראַדער מיליטעריש־מעדיצינישער אַקאַדעמיע אפן נאָמען פון ס. מ. קיראָוו.

יעפים אַנאַטאָליעוויטש דיסקין נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין דערציִען אונדזער יוגנט.

אַזאַ איז די פאַרזעצונג פון דער פאַרצייכענונג וועגן כאַיִם דיסקינען אין פיר און דרייַסיק יאָר אַרום...

קלאַרע פעשטשאַנסקע און אירע לידער

קלאַרע פעשטשאַנסקעס ליד „דער טרוקענער ברונעם”, וואָס מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אינעם נום. 10 פון אונדזער זשורנאַל פאַרן פאַריקן יאָר, איז אופגענומען געוואָרן מיצאַד די לייענער מיט גרויס אינטערעס. די רעדאַקציע האָט באַקומען פיל אָפּרופן, באַזונדערס פון קיִעוו און פון דאַרניצע, ווו דער אווטאָר פון דער ליד איז גוט באַקאַנט. אין א סאך בריוו בעטן די לייענער גענויער דערציילן וועגן קלאַרע פעשטשאַנסקע.

די מיטגלידער פונעם ראַט פון דאַרניצער מוזיי, וועלכע האָבן אונדז צוגעשיקט קלאַרע פעשטשאַנסקעס ליד „דער טרוקענער ברונעם”, טיילן אונדז מיט אייניקע פּראַטים.

קלאַרע פעשטשאַנסקע, א געבוירענע אין 1899, האָט פאַר דער מילכאָמע געאַרבעט אלס אינספּעקטאָר אינעם פּעטשערסקער ראַיאָנישן אָפּטייל פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג (קיִעוו). צוזאַמען מיט די מיטאַרבעטער פונעם פּעטשערסקער ראַיאָנישן אויספּירקאָם האָט זי זיך עוואַקויִרט פון קיִעוו דעם 18 סעפּטיאַבער 1941. זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן אַף לאַסט־אַוטאָמאָבילן, נאָר באַם דניעפּער זײַנען אָנגעפלויגן פאַשיסטישע אעראָפּלאַנען, און די עוואַקויִרטע האָבן זיך באַהאַלטן אין וואַלד. קלאַרע פעשטשאַנסקע האָט א גאַנצע נאַכט געבלאָנדזשעט איבערן וואַלד און גאַנצפרי צוגעשטאַנען צו אונדזערער א מיליטער־טייל. מע האָט זי פאַררעכנט אלס סאַניטאַרקע. 11 מעסלעס האָט די מיליטער־טייל געזוכט א מיטל זיך אַרויסצורײַסן פון דער אַרומרינגלונג, נאָר דאָס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן.

אזוי איז ק. פעשטשאַנסקע אַרײַנגעפאַלן אין פאַשיסטישער געפאַנגענשאַפט. אונטערן נאָמען קלאַוודיִע גאָלובקאָווא איז זי דורכגעגאַנגען דורך דרײַ טויט־לאַגערן — אין באָריספּאָל, דאַרניצע און סלאַוויטע, נאָר אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען איז זי ניט אַרײַנגעפאַלן אין ייִעש. פאַרקערט, זי האָט געפונען א מעגלעכקײַט אונטערמונטערן אירע כאַווײרים, געהיילט די פאַרווונדעטע, געהאָלפן די קראַנקע און שוואַכע.

אין יאַנוואַר 1942 האָבן די פאַשיסטן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אז די דײַטשישע אַרמיי האָט פאַרכאַפּט סטאַלינגראַד און אינגיכן וועט פאַלן אויך מאָסקווע. די דאָזיקע יעדיִעס האָבן געהאַט איין ציל: אָנוואַרפן א שרעק אַף די סאָוועטישע מענטשן. און קלאַרע פעשטשאַנסקע (דאָס איז שוין געווען אין דאַרניצער לאַגער) באַשליסט זיך אַף אַן אופטו, וואָס וואָלט געקאָנט איר קאָסטן דאָס לעבן: זי שרײַבט אָן א ליד אַף רוסיש — „ניט אַרײַנפאַלן אין ייִעש!”. אָט איז דער טעקסט פון דער ליד:

НЕ ПАДАТЬ ДУХОМ

Товарищи, не падать духом!
Пусть враг силён, но мы сильней.
Не верьте злобным, лживым слухам,
Вранью проклятых палачей.

Не выйдет: не удастся гадам
Увидеть звезды на Кремле,
Не овладеть им Сталинградом
И не ходить по той земле!

Им не сломить России нашей,
Им наш народ не покорить,
Им не пахать богатых пашен,
Из наших рек воды не пить.

Пусть Гитлер лопнет от досады,
Пусть немцев ляжет миллион,
Но от твердыни Сталинграда
Погонят эту нечисть вон.

Тут им судьбина роковая,
Война подпишет приговор:
России слава мировая —
Фашистам гибель и позор!

די ליד האָט מען גלײַך אונטערגעכאפּט, זי איז פארשפּרייט געוואָרן צווישן די קאצעטלער ווי א פלוגבלעטל. צו עטלעכע עקזעמפּליארן האָבן זי איבערגעשריבן נינע טיכאָמיראָווא, א געוועזענע סטודענטקע, אלעקסאנדרע מערט־ווישטשעווא און אנדערע געוואגטע מענטשן. קלארע אליין האָט געלייענט איר ליד דעם קא־צעטלער איוואן סטאריקאָוו און דעם מיידל אירא, וועלכע מע האָט גערופן „דאָס מיידל אין א סאָלדאטישער שינעל" (סטאריקאָוו פלעגט פאנאנדערפירן געקעכץ פאר די ארעסטירטע, אירא האָט געארבעט אין דער לאגער־אפּטייק, מע האָט זי שפּעטער אין סלאווּטער לאגער צעשאָסן). דער אָריגינאל פון דער ליד, וואָס מע האָט ארויסגעטראָגן פונעם לאגער, ווערט איצט עקספּאָנירט אינעם דארניצער מוזיי.

וואָס שײַעך דער ליד „דער טרוקענער ברוי־נעם", האָט זי אויך איר געשיכטע. עטלעכע כא־דאָשים פאר דער באפרײַונג פון קיִעוו האָבן די פאשיסטן ארויסגעפירט פונעם לאגער א גרופּע פרויען און זיי צעטיילט איבער אייניקע ווירט־שאפטן פונעם דאָרף סודילקאָוו, שעפּעטאָווקער ראיאָן, אנדערש גערעדט — זיי פארוואנדלט אין דינסטן. ווען מע האָט באפרײַט קיִעוו, האָט קלארע פעשטשאנסקע, וועלכע האָט אויך גע־ארבעט אין סודילקאָוו אלס דינסט בא א פּויער, זיך געלאָזט צוזאמען מיט אנדערע צופוס אהיים. צוואנציק טעג האָט געדויערט דער וועג. אין איינעם א דאָרף האָט מען איר דערציילט, ווי־אזוי אן אלטער קאָלווירטניק האָט אָפּגעראַ־טעוועט פון טויט א ייִדיש מיידל — און זי האָט וועגן דעם אָנגעשריבן די ליד, וועלכע אונדזער זשורנאל האָט פארעפנטלעכט.

קלארע פעשטשאנסקע זעצט פאָר איר שאַ־פונג אויך איצט. מיר ברענגען דאָ צוויי פון אירע נײַע לידער.

בלעטער פאלן

די סטעזשקעלעך אין סאָד — פארשאָטענע מיט בלעטער,
די פארבן — ברוינע, גאָלדענע, און רויטע.
זיי האָבן ניט געקלערט פון דעם, וואָס זײַן וועט שפּעטער —
זיי זײַנען דאָך געווען אי גרין, אי פריש, אי לויטער.

אין סאָד איז שטיל. עס דאכט זיך, אז א גוואר
רוט אָפּ פון מידקײַט אָף די הויכע צווײַגן.
עס הענגט נאָך ווו אן עפּל, ווו א באר,
מע הערט ניט קיין געזאנג, די פויגלען שווײַגן.

דו מאכסט א טראָט, און ס'רוישט אונטער די פיס,
פארטריקנטע, שוין אָפּגעלעבטע בלעטער...
ניין, ניט קיין בלעטער זײַנען דאָס — ס'איז מיסט,
אמאָל גאָר ניט געטראכט, וואָס זײַן מיט זיי וועט שפּעטער...

דער סאָד וועט שלאָפן, אין א ווײַסן שניי פארוויט,
ביז ווידער קומען וועט צו אים דער פרילינג
מיט זונען־שײַן, מיט צוויט, מיט פרוכט —
מיט פרייד,
מיט ליבע, מיט געזאנג, מיט ריינע קוואלן שפּילנדיק!

דעם 25־טן צוזאמענפאָר פון דער פארטיי

דאָס וואָרט פארמאָגט א שטארקן קויעך,
מײַן לאנד איז גרויס, מײַן לאנד איז ברייט.
פארטיי איז אונדזער הארץ און אונדזער מויעך
און אונדזער קראפט און אונדזער יונגע פרייד.
צו נײַע זיגן פירט זי אונדז, איך ווייס:
ווי לענין לערנט און ווי לענין הייסט —
פאר ריינעם הימל און פאר ריינע יאמען,
פאר יונגקײַט, פרײַהײַט און פאר קינד אין וויג,
אז ס'זאָל קיין טרער דעם נאכעס ניט פארסאמען,
ניט וויסן מער מיר זאָלן פון קיין קריג.
מיר אלע גייען אָף דײַן רוף דעם הייסן,
און ס'איז דײַן וואָרט ווי פארן טאָג די שײַן.
דאָס פאָלק וועט טאָן, ווי די פארטיי וועט הייסן,
ווי אָנגעמערקט דו האָסט — אזוי וועט זײַן!

בריוו פון לייענער

דער מעמאָריאַל אין ראָסטאָוו

דער ראָסטאָווער מעמאָריאַל באַם זמיִעווקער טאָל

אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

איך בעט אָפּדרוקן אין זשורנאַל פאָלגנדעס. אַף צאָפן־דאָרעם פון דער שטאָט ראָסטאָוו, לעבן דעם יישעוו זמיִעווקע, איז פאַראַן א טיפער טאָל מיט א פאַרלאָזטן קאַריער. בײַס דער צײַטווײַליקער פאַשיסטישער אָקופּאַציע איז דער קאַריער געוואָרן א ברודער־קייווער פאַר 27 טויזנט סאָוועטישע בירגער, צווישן זיי באַ 18 טויזנט יידן, וועלכע די היטלערישע מערדער האָבן אכזאָריעסדיק אומגעבראַכט.

די פאַשיסטן האָבן געוועלטיקט אין ראָסטאָוו אינגאַנצן דרײַ כאָדאָשים, זיי האָבן אָבער באַוויזן איבערצולאָזן נאָך זיך בלוטיקע שפּורן און א צערוּיִנירטע שטאָט.

צום 30־טן יאָרטאָג פונעם זיג איבער דעם פאַשיזם איז אין זמיִעווקער טאָל אופגעשטעלט געוואָרן א מעמאָריאַלער דענקמאָל.

אין צענטער פון דעם מעמאָריאַל שטייט א סקולפּטור פון א פרוי אין פולן וווקס, איין האַנט האַלט זי אויסגעשטרעקט אין דער הייך, מיט דער צווייטער פאַרשטעלט זי די אויגן באַ דעם קינד, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט צו איר ברוסט. לעבן דער פרוי מיטן קינד — א פיגור פון א מאַנצבל מיט פאַרשמידטע אין קייטן הענט.

ניט ווײַט פון דעם סקולפּטור־אַנסאַמבל שטייט א פאַנטעאָן, פונוואַנען ס'הערט זיך שטענדיק טרויעריקע מוזיק. אינעם פאַנטעאָן ווערן עקספּאָנירט פאָטאָ־דאָקומענטן וועגן די פאַרברעכנס פון די פאַשיסטן.

באַם מעמאָריאַל ברענט א נייער־טאָמיד. צום דענקמאָל קומען אַלע טאָג מיט בלומען־קרענץ אײַנוווינער פון דער שטאָט און טוריסטן. די פּיִאָנערן און די יוגנט האַלטן דאָ די ערן־וואַכטע.

מוישע קאַנטאָר, ראָסטאָוו

נײַע ווערק — נאָענטע מענטשן

געערטער כאַווער רעדאַקטאָר!

דורך מײַנעם א באַקאַנטן פון סמאָלענסק האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל באַקאַנט מיטן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". דאָס איז געווען דער נומער 7 פאַר פאַריקן יאָר. פאַר מיר האָט זיך ווידער אַנטפּלעקט א קימאַט שוין פאַרגעסענע ליטעראַטור, איך האָב זיך דערמאָנט מײַן מאַמע־לאָשן אַפּסנײַ. איצט לייען איך דעם זשורנאַל רעגוליער און מיט גרויס פאַרגעניגן.

אין יעדן נומער באַגעגן איך זיך מיט אינטערעסאַנטע מענטשן — העלדן פון די ווערק, וועלכע ווערן געדרוקט. זיי ווערן נאָענט און ליב — ווי צו מיר וואָלטן געקומען אָנגעלייגטע געסט.

שמועל טשערניאַכאָווסקי, פּאַטשינאָק

אינטערעסאַנט און באַלערעוודיק

כאַשעווע רעדאַקציע!

אין נאָיאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן פאַריקן יאָר האָב איך איבערגעלייענט דאָס אַרטיקל „ייִדן און אַראַבער קאָנען און דאַרפן לעבן אין פרײַנטשאַפט". איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דער געשיכטע פון דער פרײַנטשאַפט צווישן ביידע אוראַלטע פעלקער, וועגן די היסטאָריש־באַרעכטיקטע גוטע באַציִונגען צווישן זיי אין מעשעך פון לענגערע צײַטן.

איך מיין, אַז דאָס אַרטיקל איז באַלערעוודיק ניט נאָר פאַר די לייענער פון אונדזער לאַנד, נאָר פאַר פּראָגרעסיווע מענטשן פון אַנדערע לענדער, בעסויכעם אויך פון ייִסראָעל.

מיט אינטערעס וועל איך וואַרטן אַף דער פּובליקאַציע אין זשורנאַל פון ווײַטערדיקע מאַטעריאַלן אַף אָט דער וויכטיקער און איצט ביז גאָר אַקטועלער טעמע.

ש. דאַשעווסקי, עקאָנאָמיסט, וויניצע

מעסירעסנעפעשדיק — ווי בײַס דער מילכאָמע

טײַערע כאַווײרים פון „סאָוועטיש היימלאַנד"!

באַם אַרײַנגאַנג אין דער מינסקער מעבל־פאַבריק איז פאַראַן א סטענד מיט די פּאָרטרעטן פון פאָרגעשריטענע אַרבעטער פון דער אונטערנעמונג. אין סאַמע אויבנאָן זעט מען דעם פּאָרטרעט פונעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, דעם מײַסטער פון א באַצירק — סעמיאָן שלאָמאָוויטש גורעוויטש.

וועגן אָט דעם מענטשן וויל איך דערציילן.

באַלד נאָך דער מילכאָמע האָט זיך סעמיאָן גורעוויטש אומגעקערט אַף דער פאַבריק, ווו ער האָט געאַרבעט פריִער. אַלץ איז דאָ געלעגן אין רויִנען. מע האָט געדאַרפט אופשטעלן די קאָרפּוסן, מאָנטירן די אויסשטאַטונג, אויסלערנען די נײַ־אָנגעקומענע מענטשן דעם פאַך. צוזאַמען מיטן גאַנצן קאָלעקטיוו האָט סעמיאָן גורעוויטש זיך געפרייט, ווען דורך די טויערן פון דער פאַבריק איז אַרויסגעפאָרן די ערשטע לאַסט־מאַשין, אָן אָנגעלאָדענע מיט מעבל.

גורעוויטש איז אַלע יאָרן געווען א שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי. זײַנע דערפינדונגען, וועלכע מע האָט רעאַליזירט אַף דער פאַבריק, האָבן אײַנגעשפּאָרט א סאַך מאַטעריאַלן און געלט־מיטלען.

ווען ס'איז אופגעקומען די פראַגע, וועמען שטעלן פאַר א מײַסטער פון א באַצירק, איז בא דער אָנפירונג פון דער אונטערנעמונג דער אויסוואַל געפאַלן אַף סעמיאָן גורעוויטשן. און זי האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. דער באַצירק איז איצט איינער פון די פאָרגעשריטנסטע. צו די פּילצאָליקע באַלוינונגען פון דער מילכאָמע־צײַט זײַנען בא סעמיאָן גורעוויטשן צוגעקומען די באַלוינונגען פאַר מעסירעסנעפעשדיקער מי, צווישן זיי א מעדאַל „פאַר אַרבעטס־העלדנמוט".

גורעוויטש איז א באַשיידענער מענטש. נאָר ווען די יונגע כעווערע שטייען צו אים צו, ער זאָל דערציילן, פאַר וועלכע פאַרדינסטן ער איז באַערט מיטן טיטל „העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד", דערציילט ער:

...דעם 25 אָקטיאַבער 1943 האָט ער, א קאָמאַנדיר פון א פאַרבינדלער־ווזוואָד, באַקומען א באַפעל: אײַנשטעלן די פאַרבינדונג מיט דער מיליטער־טייל, וועלכע האָט פאַרכאַפּט א פּלאַצדאַרם אַף דעם קעגנײַבערדיקן ברעג פונעם דניעפּער. דער טײַך האָט מאַמעש געזאָטן פון קוילן און באָמבעס: די פאַשיסטן האָבן באַשאָסן דעם פּליט, אַף וועלכן ס'האָבן זיך געפונען גורעוויטש און פיר סאָלדאַטן פון זײַן ווזוואָד. נאָר די פאַרבינדלער האָבן דעם באַפעל אויסגעפילט.

סעמיאָן גורעוויטש האָט אָנטיילגענומען אין א סאַך אַנדערע שלאַכטן, ער איז געווען פאַרוווּנדעט, נאָר אומגעקערט זיך אַף דער פאָדערשטער ליניע און העלדיש זיך געשלאָגן ביזן סאָף פון דער מילכאָמע.

לייבע פריד. אָנטיילנעמער פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, מינסק.

א באַגעגעניש אין בוקאַרעשט

די דאָזיקע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין סאָף פונעם פאַריקן יאָר. צוזאַמען מיט א גרופּע סאָוועטישע טוריסטן האָב איך באַזוכט די סאָציִאַליסטישע רעפּובליק רומעניע, זיך באַקאַנט מיט זייער אינטערעסאַנטע ערטער. אָבער מער פון אַלץ האָט זיך אײַנגעקאָרבט אין זיכּאָרן די באַגעגעניש מיט די מענטשן פון דער ברידערלעכער סאָציִאַליסטישער רעפּובליק.

אונדז, סאָוועטישע טוריסטן, האָט מען אומעטום אײַנגעאָרדנט א פרײַנטלעכן קאַבאָלעס־פּאָנעם, געבעטן דערציילן וועגן אונדזער לעבן, וועגן די דערפאָלגן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

איך האָב געוווּסט, אַז אין בוקאַרעשט איז טעטיק א ייִדישער מעלוכע־טעאַטער (וועגן אים שרײַבט זיך אָפט אין „סאָוועטיש היימלאַנד"), און איך האָב, נאַטירלעך, געוואָלט זיך טרעפן מיטן טעאַטראַלן קאָלעקטיוו.

און אָט בין איך צוזאַמען מיט נאָך איינעם א סאָוועטישן טוריסט אין דער געבײַדע פונעם טעאַטער. באַם אַרײַנגאַנג האָט אונדז באַגעגנט א יונגע אַקט־

ריסע און אַרײַנגעפירט אין צושויער־זאַל. ער איז געווען פּוסט (דער טעאַטראַלער סעזאָן האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן), נאָר אָף דער בינע איז געגאַנגען א רעפּעטיציע.

דערוויסנדיק זיך, ווער מיר זײַנען, האָט דער רעזשיסער פונעם טעאַטער יסראַעל בערקאָוויטש איבערגעריסן די רעפּעטיציע, זיך אַראָפּגעלאָזט צו אונדז אין זאַל, און עס האָט זיך אָנגעהויבן זייער אַן אינטערעסאַנטער שמועס. מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל אונדז באַקאַנען מיט דער יוגנט פונעם טעאַ־טער, און י. בערקאָוויטש האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין איינעם פון די אַרטיסטישע צימערן, ווו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט מיידלעך און יינגלעך אין אונד־זער עלטער, וועלכע זײַנען אין אָט דעם טאָג געווען פרײַ פון דער רעפּעטיציע. גערעדט האָבן מיר אָף רוסיש און אָף יידיש (אונדזערע רומענישע פרײַנט באַהערשן גוט אָט די ביידע שפּראַכן).

— אויב איר ווילט וויסן אַלץ וועגן דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, — האָב איך זיך אָנגע־רופן, — וואָלט געווען גוט, ווען איר שרײַבט אויס דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

און ווי אַנגענעם איז אונדז געווען, ווען אין איין אויגנבליק איז עמעצער פון די יונגע אַרטיסטן אַרויסגעגאַנגען פונעם צימער און האָט זיך גלײַך אומגעקערט מיט א פרישן נומער פונעם זשורנאַל. מיר האָבן געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו הערן זייער גוטע אָפּרופן וועגן די ווערק פון די סאָוועטישע יידישע שרײַבער, וועלכע דרוקן זיך אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

צוויי שאָ האָבן מיר פאַרבראַכט מיט אונדזערע בוקאַרעשטער פרײַנט גריטשי אבראַמאָוויטש, גילדע אורסעאַנו, לענאַ מאַראַרו און אַנדערע, און אָט די צוויי שאָ זײַנען געווען ווי איין גליקלעכער אויגנ־בליק. אַלס אָנדענק פונעם באַזוך האָט מען אונדז געשענקט א פּרעכטיקן אַלבאָם, געווידמעט דעם 25־יאָריקן יובילײַ פונעם טעאַטער, און א ריי פּראָגראַמ־בלעטלעך פון אייניקע ספּעקטאַקלען מיט אויטאָגראַפן פון די אַרטיסטן.

אָט די פרײַדיקע באַגעגעניש וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

א. פעלדמאַן,
אינזשענער, 27 יאָר, שט. ניקאָלײַעוו

מיר פּילן אויס די באַקאַשע

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד" באַקומט בריוו פון מענטשן, וועלכע בעטן אָפּדרוקן דעם יידישן אַלעפבייס פאַר זייערע באַקאַנטע און קרויווים, וואָס ווילן זיך אויסלערנען זעלבשטענדיק לייענען און שרײַבן אָף יידיש.

אַזעלכע בריוו האָבן אונדז צוגעשיקט אַשער ליוושיץ (סוועטלאָגאָרסק, האָמלער געגנט), שאַליף ערליך (באַקו), יאַקאָוו שויכעט (נאָרילסק), מיכאל פרידמאַן (סאַמבאָר, לוואָווער געגנט) און אַנדערע. מיר פילן אויס די באַקאַשע און דרוקן נאָכאַמאָל איבער דעם יידישן אַלעפבייס.

דער יידישער אַלעפבייס

מיר ענטפערן אף פראגעס

פון אלעקסאנדער לייענדער

ס'איז בעפיירעש א גרויסער געווינס פאר די לייענער, וואָס אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" ווערט געגעבן דאָס פולע בילד פון די קויכעס־פאָרהעלטענישן אף דער פּאָליטישער ארענע אין ייִסראָעל, און עס ווערט דערבײַ ניט ארויסגעלאָזט פון אויג דער פרידנסליבנדיקער קויעך.

אף וויפל די געשעענישן אנטוויקלען זיך אינטענסיוו, בעטן מיר אָפּטער באלײַכטן די פּראָבלעם וועגן דעם איצטיקן מאצעוו פון דער שאָלעם־באוועגונג אין דער מעדינע, און אויב מעגלעך, פארעפנטלעכן אף אָט דער טעמע א מאטעריאל פון א ייִסראָעלדיקן אווטאָר.

פרויִם גלוז, אנאטאָלי גאָלדבערג, וולאדיוואָסטאָק

די שאָלעם=קויכעס אין ייִסראָעל

זינט דער מילכאָמע פון יון 1967 קומט אין ייִסראָעל פאָר א קאמף קעגן דער אָקופּאציע און פאר שאָלעם מיט די אראבישע פעלקער. נײַן יאָר דויערט שוין די ייִסראָעלדיקע אָקופּאציע. בא דער דאָזיקער לאגע פרעגן מיר ניט איין מאָל: צי קומען פאָר אין דער ייִסראָעל־געזעלשאפט ערנסטע ענדערונגען לעטויוועס דעם שאָלעם־לאגער?

אן אָביעקטיווע אָפּשאצונג פירט צו א קלאָרן און פּאָזיטיוון ענטפער. יאָ, דער שאָלעם־לאגער אין ייִסראָעל איז אוסגעוואקסן, עס דויערט דער פּראָצעס פון אויסניכטערונג פון דער ייִסראָעל־געזעלשאפט. עס מערן זיך די, וועלכע איבערצײַגן זיך, אז זיי האָבן געהאט א טאָעס, אָנעמענדיק די אײַנשטעלונג פון גאָלדע מעיִר, אז אין ראיאָן וועלן ניט פאָרקומען קיין ענדערונגען און אז דער סטאטוס־קוואָ פון אָקופּאציע וועט אָנהאלטן. די מילכאָמע פון אָקטיאבער 1973 האָט באוויזן די פאלשקײַט און דעם באנקראָט פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע.

עס מערן זיך אין ייִסראָעל די, וועלכע פאָדערן צוריקקערן זיך פון אלע שעטאָכים, וועלכע זײַנען אָקופּירט געוואָרן אין דער מילכאָמע פון יון 1967, אָנערקענען די געזעצלעכע נאציאָנאלע רעכט פונעם אראבישן פאלעסטינער פאָלק, צונויפרופן די זשענעווער קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון אלע פאקטאָרן, אײַנשליסנדיק די אָפיציעל־אָנערקענטע אָרגאניזאציע פאר באפרײַען פאלעסטינע. אז בלויז אף דער דאָזיקער באזע קען מען דערגרייכן א שאָלעם, איבערצײַגן זיך אלץ מער מענטשן מיט פארשיידענע פּאָליטישע אָנשויונגען.

ברייטער ווערט דער אזויגערופענער „טויבן־לאגער". עמעס, די „טויבן" האלטן ניט פולשטענדיק אונטער די נויטווענדיקײַט פון א ייִסראָעלדיקן צוריקצוג פון אלע שעטאָכים, אָקופּירטע אין יון 1967. זיי קריטיקירן אָבער די רעגירונגס־פּאָליטיק פון קאָלאָניזאציע אף די אָקופּירטע געביטן.

די דאָזיקע פּאָזיטיווע און דערמוטיקנדיקע אנטוויקלונג אין דער ייִסראָעל־געזעלשאפט ווערט באאײַנפלוסט דורך דער ענדערונג אין די קויכעס־פאַרהעלטענישן לעטויוועס דעם לאגער פון שאָלעם און סאָציאליזם, פונעם דערפאָלג פון דער העלסינקי־קאָנפערענץ, פון די ניצכוינעס פון פארשיידענע פעלקער אין זייער קאמף קעגן אימפּעריאליזם, ווי, לעמאָשל, דער ניצאָכן פון די פעלקער פון אינדאָ־כינע און אנגאָלא. אין ייִסראָעל פארשטייט מען, אז די אמעריקאנער פאָלקס־מאסן וועלן זיך מער ניט לאָזן ארײַנפירן אין א מין „וויעטנאמישער" אוואנטיור אין אן אנדער וועלט־טייל, דערונטער אין מיטעלן מיזרעך. מע דארף נאָך אין זינען האָבן די אלץ שטײַגנדיקע סימפּאטיע אף דער וועלט צום קאמף פונעם אראבישן פאלעסטינער פאָלק פאר זײַנע נאציאָנאלע רעכט און אז די אָרגאניזאציע פאר באפרײַען פאלעסטינע איז אָנערקענט געוואָרן דורך די פעלקער אלס אָפיציעלער פאָרשטייער פונעם אראבישן פאלעסטינער פאָלק.

מיר איגנאָרירן ניט אָבער אויך דעם באומרויִקנדיקן פאקט, אז דער עקסטרעם־רעכטער בלאָק, דער לאגער פון אנעקסיע און מיליטאריזם — איז שטארק אין ייִסראָעל און אז א באדײַטנדיקער טייל פון דער באפעלקערונג געפינט זיך אונטער דער האשפּאָע פון דער רעאקציאָנערער דעמאגאָגישער אָנפירונג פון בעגין — דאיאַן — האמער. דער אײַנפלוס פון דער רעאקציע אין לאנד דרינגט ארויס, צווישן אנדערס, פון דעם, וואָס זי ווערט געשטיצט מיצאד דער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, וועלכע סאבאָטירט די אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן שאָלעם, מיצאד דער פּאָליטיק פון סטאטוס־קוואָ, פון דער פּאָ־

ליטיק צו „געווינען צײַט", פון קאַפּיטולציע פאַר יעדן דרוק מיצאַד די קאָלאָניזאַטאָרן. אין דער רעגירונג זיצן דאָך דירעקטע פאָרשטייער פונעם אנעקסיאָניסטישן קורס — אַזעלכע, ווי זוווּלון האַמער, שימען פּערעס, ייִסראָעל גאַלילי, גאַד יאַקאָבי און אַנד.

עס שטײַגט אָבער די נערוועזקײַט אינעם לאַגער פון דער רעאַקציע און מיליטאַריזם, ווײַל אַלץ מער און מער אַרבעטנדיקע און יוגנט הייבן אָן צו פאַרשטיין, אַז דער העמשעך פון דער אָקופּאַציע פירט צו אַ נײַער מילכאָמע און אין אַ מילכאָמע איז ניטאָ קיין שום לייזונג — זי טראָגט מיט זיך בלויז אומגליקן און קאָרבאָנעס.

די ייִסראָעל־רעגירער און דער עקסטרעם־רעכטער ליקוד זײַנען נערוועז אין אָנבליק פונעם פאַרשטאַרקטן מאַסן־קאַמף פון דעם פּאַלעסטינער פאָלק אַף די אָקופּירטע געביטן. טראָץ דעם טעראָר, אַרעסטן, פּײַניקונגען, גײַרושים און אונטערדריקונג — האָבן די אײַנוווינער פון די שעטאָכים פאַרגעזעצט דעם קאַמף קעגן דער אָקופּאַציע, פאַר פרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט.

וואָס מער עס ווערט אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציע פון די עקסטרעם־רעכטע און פון קאָלערליי אַנעקסיאָניסטן, פאַרשטאַרקן זיי זייערע אַטאַקעס אַף די שאָלעם־קעמפער. הײַנט איז קלאָר, אַז די רעאַקציאָנערע קויכעס אין ייִסראָעל זײַנען ניט בלויז אַ געפאַר פאַרן שאָלעם, נאָר ניט ווייניקער — אַ סאַקאָנע פאַר דער דעמאָקראַטיע. די רעאַקציע ווענדט אָן די פינצטערסטע מיטלען, קעדיי אָפּצונאַרן דאָס פאָלק. זי שאַפט אָן אַטמאָספער פון נאַציאָנאַליסטישן פאַנאַטיזם, וואָס דערמאָנט די 30־ער יאָרן אין אייראָפּע פאַרן אויפשטײַג פונעם פאַשיזם.

די דאָזיקע לאַגע פאַרפליכטעט נאָך מער די קויכעס פון שאָלעם און פּראָגרעס, און די לינקע פאַרטייען צו מאַקסימאַלער וואַכזאַמקײַט.

עס איז אַ פאַקט, אַז אין אַלע פּאַרטייען, אַכוץ דעם „כיירוט", קומען פאָר דיסקוסיעס וועגן דער נייטיקײַט צו ענדערן די פּאָליטיק. ניט צופעליק קאָנצענטרירט זיך די דיסקוסיע דעריקער אַרום דער פּאַלעסטינער פראַגע. עס שטײַגט די פאַרשטענדעניש, אַז די דאָזיקע פראַגע האָט זיך פאַרשאַרפט, און אַף דער וועלט איז מען איבערצײַגט, אַז דאָס לייזן די פּאַלעסטינער פראַגע איז דער יעסאָד פאַר אַ גערעכטן און סטאַבילן שאָלעם אַפן מיטעלן מיזרעך.

דאָס איז בולעט צו זען אין אַזעלכע פּאַרטייען, ווי די זעלבשטענדיקע ליבעראַלן, מאַפּאַם און אין דער אַרבעטס־פּאַרטיי. אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די זעלבשטענדיקע ליבעראַלן איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער צוזאַמענשטויס צווישן דער מערהײַט, וועלכע שטיצט די אָנערקענונג פון די נאַציאָנאַלע רעכט פונעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק, און די קעגנער.

ס׳איז אַ דערמוטיקנדיקער פאַקט, אַז אין אַלע פּאַרטייען, אויסער „מיפּדאַל" און „כיירוט", זײַנען, אין אַלגעמיין גענומען, די יונגע סעקציעס מעסיקערע אָדער „טויבן". מע קאָן זען אין דעם אַן אויסדרוק פון דעם, אַז די יוגנט וויל ניט קיין נײַע מילכאָמעס.

עס איז ניטאָ דער טאָג, אַז די ייִסראָעלדיקע פּרע־

סע זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט דער פּאַלעסטינער פראַגע. די דאָזיקע פראַגע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט־פראַגע, באַזונדערס נאָך די דעבאַטן אין דעם זיכערהײַטס־ראַט וועגן דעם קריזיס אין מיטעלן מיזרעך, אין וועלכע עס האָט זיך באַטייליקט אַ פאָרשטייער פון דער פּאַלעסטינער באַפרײַונגס־אָרגאַניזאַציע. אין דער פּרעסע באַווײַזן זיך אויך אַרטיקלען, וועלכע קריטיקירן די ליניע פון סטאַטוס־קוואָ און די קאָנצעפּציע, אַז די צײַט אַרבעט לטובת אונדז.

ווי מע געדענקט, האָט די רעאַקציע אויפגעהויבן אַ גרויסן ליאַרעם, ווען פּראָפ. ש. אַווינערי האָט געזאָגט אין אַ ראַדיאָ־אינטערוויו, אַז ער איז ניט מאַסקים מיט דער שטעלונג פון דער רעגירונג צו דער פּאַלעסטינער פראַגע.

די דירעקציע פון דער ייִסראָעל־ראַדיאָ האָט זיך דערשראָקן פאַר דער היסטערישער קריטיק און האָט באַשלאָסן אײַנאָרדענען מיט אַ וואָך שפּעטער, צוליב באַלאַנסירונג, אַן אינטערוויו מיטן אָריענטאַליסט, פּראָפ. יעהושעפֿעט האַרקאַווי. עס איז אָבער דאָ געשען אַזוי, ווי אין דער געשיכטע מיט בילעמס אייזל. פּראָפ. האַרקאַווי האָט אין זײַן אינטערוויו דערקלערט: „דער אָפּזאָג צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע „קיינמאָל ניט, אייביק ניט און אָן באַדינגונגען" — ווערט אויפגענומען ניט בלויז מיט טאַדלונג לעגאַבע אונדז, נאָר אויך מיט שטוינונג שוין אַליין בענעגייע דעם צוגאַנג צו אָט דער פראַגע..." און נאָך האָט ער געזאָגט: „ייִסראָעל האָט מיטן מויל פון אַלע רעגירונגען אָנגענומען דעם באַשלוס פונעם זיכערהײַטס־ראַט נומ. 242. דער דאָזיקער באַשלוס, וועלכער פאַרורטיילט די דעראָבערונג פון שעטאָכים דורך אָקופּאַציע, איז פאַרבונדן מיט אונדזער שטעלונג פון צוריקקערן זיך צו זיכערע ליניעס, וואָס באַטײַט, אַז ייִסראָעל זאָל ניט איבערבלײַבן אַף די גאָלאַנער הייכן, אין שאַרם־אַ־שייך, אין יעהודע און שאָמראָן". די דאָזיקע ווערטער פון פּראָפ. האַרקאַווי זײַנען אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, אַף די קעפּ פון די מיניסטאָרן און פון די רעכטע פירער אין ייִסראָעל. פאַרוואָס? וועגן דעם האָט ריכטיק געשריבן מאַטיסיאָהו פּעלער אין זײַן אַרטיקל אין „מאַאַריוו": „אין משך פון יאָרן האָט יעהושעפֿעט האַרקאַווי צופרידנגעשטעלט דעם וויסנשאַפטלעכן און אידעאָלאָגישן אַפּאַראַט פון דער שפּאַרבערישער פּאָליטיק, וואָס ייִסראָעל האָט דורכגעפירט. הײַנט אָבער, שטרײַכט אונטער מיט רעכט פּעלער, קריטיקירט ניט האַרקאַווי די טאַקטיק פון דער רעגירונג, נאָר ער איז ניט מאַסקים מיט די צענטראַלע יעסוידעסדיקע האַנאָכעס פון איר פּאָליטיק".

דאָס, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען מיטן פּראָפ. האַרקאַווי, איז בלויז אַ מוסטער פון דעם, ווי עס האָבן זיך געענדערט די אָפּשאַצונגען בײַ פיל פּערזענלעכקײַטן, געלערנטע און אַרבעטנדיקע.

די שאָלעם־קויכעס אין ייִסראָעל, וועלכע דריקן אויס אַ רעאַלע שטעלונג לעגאַבע דער מעגלעכקײַט צו דערגרייכן שאָלעם און ליקווידירן די אָקופּאַציע, קאָנצענטרירן זיך דעריקער אינעם קאָמיטעט פאַר

א גערעכטן שאָלעם צווישן ייִסראָעל און די אַראַבישע מדינעס. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט מיט א צײַט צוריק אונטערגעצויגן א סאַכאַקל פון זײַן טעטיקײַט פאַרן יאָר 1975. דער קאָמיטעט האָט טאַקע פיל אויפגעטאָן פאַר שאָלעם און קעגן אָקופּאַציע, פאַרשטאַרקנדיק לעצטנס די טעטיקײַט. די דערקלערונג, וואָס דער קאָמיטעט האָט פּובליקירט נאָך דער זיצונג פונעם זיכערהײַטס־ראַט וועגן דעם קריזיס אין מיטעלן מיזרעך, האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער נוסעך פון דער רעזאָליוציע, וועלכע איז ניט אָנגענומען געוואָרן איבער דער אַמעריקאַנער וועטאָ, איז די איינציקע רעאַלע באַזע פאַר דערגרייכן א גערעכטן שאָלעם, און די דאָזיקע פאָרמולירונג פאַרפולקומט בלויז די רעזאָליוציעס פונעם זיכערהײַטס־ראַט נומ. 242 און 338.

לעצטנס איז אַנטשטאַנען נאָך אַן אָרגאַניזאַציע — „געזעלשאַפטלעכער ראַט פאַר א ייִסראָעל־פּאַלעסטינער שאָלעם”. דער דאָזיקער ראַט פאַרנעמט זיך, לויט דער דערקלערונג פון זײַנע גרינדער, מיט איבערצײַגן, ווי ווײַט מעגלעך, די ברייטע קרײַזן פון דער ייִסראָעל־געזעלשאַפט אין דער נייטיקײַט צו אָנערקענען די געזעצלעכע רעכט פון דעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק, אײַנשליסנדיק זײַן רעכט אויפצושטעלן זײַנע א מדינע. דאָס איז, אַזוי־אַרום, א בעקאַוועדיקער ציל. ווי באַוווּסט, רעדט זיך אין דער פּראָגראַם פונעם קאָמיטעט בעפּיירעש וועגן דער פּאַלעסטינער פּראָבלעם. עס רעדט זיך דאָרט אויך, אַז ייִסראָעל דאַרף זיך צוריקציִען פון די שטעטאָכים אָקופּירטע אין יוני 1967, וואָס וועט דערפירן, אַזוי־אַרום, צו ליקווידירן דעם סיכסעך צווישן ייִסראָעל און די אַראַבישע מדינעס און צווישן ייִסראָעל און דעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק. איך בין איבערצײַגט, אַז די אַלע, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין ראַט, האָבן געקענט אַקטיוו מיטאַרבעטן אינעם קאָמיטעט פאַר א גערעכטן שאָלעם. אויב אַזוי, צוליב וואָס איז נייטיק געווען נאָך א קאָמיטעט? צי איז ניט פאַרשטענדלעך, אַז די שוואַכקײַט פון די שאָלעם־שטרעבנדיקע קויכעס אין ייִסראָעל באַשטייט אין דער צעשפּליטערונג צווישן זיי? ווען די שאָלעם־שטרעבנדיקע קויכעס וואָלטן געשאַפן א פאַראייניקטן שאָלעם־פראָנט, וואָלט דאָך מעגלעך געווען צו פאַרמירן אַן אַלטערנאַטיוו פאַר די ייִסראָעלדיקע מאַסן, קעגנשטעלנדיק זי דער רעכטער רעאַקציאָנערער פאַראייניקונג.

מיר פירן א פּאָלעמיק מיט די איניציאַטאָרן פונעם ייִסראָעל־פּאַלעסטינער געזעלשאַפטלעכן ראַט וועגן זייער פּראָגראַם, אין וועלכער עס איז פאַראַן אַזאַ פּאַראַגראַף: „ביידע מדינעס וועלן זײַן סוווערענע אין אַלע געביטן, אײַנשליסנדיק די געביטן פון אַליע און צוריקקערונג. מדינאַס ייִסראָעל וועט אָפּהיטן איר פאַרבינדונג... מיטן ציִוניזם און מיטן ייִדישן פאָלק אויף דער וועלט, די אַראַבישע פּאַלעסטינער מדינע — איר פאַרבינדונג מיט דער אַראַבישער וועלט”. עס איז קלאָר, אַז מיט דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף קאָנען די קאָמוניסטן ניט מאַסקים זײַן. דאָס האַלט אויך אָפּ דאָס אָנשליסן זיך פון אַראַבישע ייִסראָעלדיקע בירגער צום ראַט. וויאַזוי איז מעגלעך אַן אַראַבער — א ציִוניסט? די, וועלכע טרעטן הײַנט אַרויס קעגן דער אָקופּאַציע, פאַר אָנערקענען די רעכט פונעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק, פאַר שאָלעם און קעגן מילכאָמע, האַלטן זיך פאַקטיש פאַר דער שטעלונג פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זינט דער מילכאָמע פון יוני 1967, ווען זי האָט געפירט א קאַמף אָפּילע איינע אַליין. עס איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע מענטשן ווייסן און פאַרשטייען, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען גערעכט, נאָר זיי זאָגן זיך אָבער אָפּ דאָס צו אָנערקענען. זיי זײַנען אויך אונטער דער ווירקונג פון דער אַנטיקאָמוניסטישער העצע, און דעריבער פּרוּוון זיי באָיקאָטירן ראַקאַך. עס איז אָבער אוממעגלעך צו קעמפן פאַר שאָלעם און קעגן מילכאָמע אָן דער מיטאַרבעט מיט דעם סאַמע קאָנסעקווענטן קויעך, וועלכער האָט באַוויזן די גערעכטיקײַט פון זײַן וועג אין דעם דאָזיקן קאַמף — די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ווער עס פּרוּווט באָיקאָטירן די קאָמוניסטן, קאָן ניט פירן קיין קאָנסעקווענטן קאַמף פאַר שאָלעם. די פּרוּוון פון אַזא באָיקאָט זײַנען פאַרורטיילט אויף א דורכפאַל. דער אײַנפלוס פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צווישן די ייִדישע און אַראַבישע מאַסן וואַקסט אַדאַנק איר קאָנסעקווענטן קאַמף פאַר שאָלעם און פאַר די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן.

דעריבער דאַרף מען באַדויערן די צעשפּליטערונג פון די ייִסראָעלדיקע שאָלעם־קעמפער, וועלכע ברענגט שאָדן דעם קאַמף פאַר שאָלעם. ריכטיק האָט געהאַנדלט דער קאָמיטעט פאַר א גערעכטן שאָלעם צווישן ייִסראָעל און די אַראַבישע מדינעס, באַשליסנדיק אונטערצוהאַלטן אַלע שאָלעם־קויכעס אָן אונטערשייד פון פּאַרטייִשער אָנגעהעריקײַט, ווײַל די פּראַגעס, וועלכע שטייען הײַנט אויף דער טאָג־אָרדענונג, זײַנען: וויאַזוי צו שטרויכלען די בעשוט־פּעסדיקע פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג און פונעם עקסטרעם־רעכטן ליקוד, וואָס פירט צו א נײַער מילכאָמע. דאָס שטרויכלען די דאָזיקע פּאָליטיק איז מעגלעך מער ווי ווען־עס־איז פריִער, צוליב דעם איז נייטיק א פאַרשטאַרקטע פאַראייניקונג פון אַלע שאָלעם־קויכעס.

אוזי בורשטיין
(„דער וועג”)

צו די געשעענישן אין יערושאָלאַיִם און אפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן

אפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן זײַנען אין דער לעצטער צײַט דורכגעגאנגען מאסן־דעמאָנסטראַציעס פון די אראבער קעגן דעם ווילקיר און גוואלדטאטן פון די יִסראָעל־אָקופּאנטן. דער ערשטער שטויס דערצו איז פאָרגעקומען, ווען א גרופּע פּראָוואָקאטאָרן פון יִסראָעל האָט פארשוועכט דאָס הייליקטום פון די מוסולמענער — דעם מעטשעט אל־אקסא אין יערושאָלאַיִם. די דאָזיקע געשעעניש איז גיך אריבערגעטראָטן די ראמען פון א רעליגיעזן אינצידענט.

דער שוץ־מיניסטער פון יִסראָעל שימאָן פּערעס איז זיך מודיע געווען, אז די פרידלעכע דעמאָנסטראַציעס שפּיגלען אָפּ די אלגעמיינע שטימונג פון דער באפעלקערונג אין דער אראבישער טייל פון יערושאָלאַיִם און אפן מײַרעוו־יאַרדן. פונדעסטוועגן שיקט ער ארויס קעגן די אומבאוואָפנטע דעמאָנסטראנטן מיליטער־טיילן. און ווען בא די אראבער פלאצט דאָס געדולד, זיי פּרוּוון שטעלן א ווידערשטאנד און נעמען זיך צו די שטיינער פון ברוק, דעמלט עפענען די סאָלדאטן א פײַער. די אמאנער צײַטונג „אד־דוסטור” טיילט מיט, אז אין אָט די געראנגלען זײַנען פינף אראבער געוואָרן דערהארגעט (צווישן זיי צוויי שול־קינדער), צענדליקער אראבער — שווער פארוווּנדעט (צוויי זײַנען געשטאָרבן פון די ווונדן. וועלנדיק מאכן א סאָף צו די דעמאָנסטראַציעס, האָבן די אָקופּאנטן אײַנגעפירט אן אויסעראָרדנטלעכן צושטאנד אין אלע שטעט אפן מײַרעוו־ברעג.

די בלוטיקע רעציכעס פון די ציִעניסטישע רעגירער האָבן ארויסגערופן צאָרן אין גאָר דער וועלט.

נײַע כוואַליע פון מאַניפעסטאַציעס

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער פראנצויזישער צײַטונג „מאָנד” אין טעל־אוויוו אנדרע סעמאמא שרײַבט, אז די דעמאָנסטראַציעס קעגן דער בארבארישער פּאָליטיק פון דער יִסראָעל־רעגירונג ווערן אלץ ברייטער, זיי כאפּן ארום אלץ גרעסערע מאסן. אין ראמאלאך און על בירע האָבן די פּראָטעסטן אָנגענומען אזא כאראקטער, אז די אײַנוווינער איז פארבאָטן געוואָרן ארויסצוגיין פון די הײַזער. אָבער די אָרטיקע באפעלקערונג רעכנט זיך ניט מיט די פארבאָטן פון דער מאכט. די יוגנטלעכע פון א לאַגער פון אראבישע פּליטים, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון אָט די שטעט, האָט זיך אָנגעשלאָסן צו די דעמאָנסטראַציעס און צוגעגעבן זיי נאָך א מער שטורמישן כאראקטער.

די מערן און מוניציפּאלע ראטגעבער פון א רײ אראבישע שטעט אפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן האָבן אָנגעגעבן אין דעמיסיע, אויסדריקנדיק דערמיט זייער פּראָטעסט. דער ביולעטען פון דער יִדישער טעלעגראפן־אגענטור טיילט מיט, אז דער מער פון שכעם (נאבלוס) האָט געפאָדערט, מע זאָל אָפּרופן די „ווילדע קאָלאָניסטן” אין ראיאָן פון שכעם, באפרײַען די אדמיניסטראטיווע ארעסטירטע און די פארדעכטיקטע, וועלכע מע האלט אין טפיסע אָן א געריכט. ביזוואנען די פאָדערונג וועט ניט אויסגעפילט ווערן, וועט ער פון דער דעמיסיע זיך ניט אָפּזאָגן.

אלע פאר, אײנער — קעגן

דער טאסס־קאָרעספּאָנדענט טיילט מיט, אז אָף דער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פונעם זיכערהײַט־ראט האָבן די מערהײַט לענדער פארורטיילט די האנדלונגען פון יִסראָעל — דאָס אײַנשטעלן אָף די אומגעזעצלעך אָקופּירטע אראבישע טעריטאָריעס אן אויסערסט שטרענגן רעזשים.

עס איז ארײַנגעטראָגן געוואָרן א פּראָיעקט פון א רעזאָליוציע, וועלכע באשטעטיקט נאָכאמאָל די דרינגענדיקע נייטיקײַט צו אײַנשטעלן אפן נאָענטן מיזרעך א יוישערדיקן און פעסטן שאָלעם, און זי וואָרנט, אז עס איז ניט דערלאָזבאר צו פארכאפּן פרעמדע טעריטאָריעס דורך א מילכאָמע, אז יִסראָעל מוז צונעמען דאָס אָקופּאציע־מיליטער פון די אראבישע טעריטאָריעס. אין דער רעזאָליוציע ווערט געזאָגט, אז עס דארף נעמען א סאָף צו דער פּאָליטיק פון עקספּראָפּריִאציע פון דער אראבישער ערד, צו דער פּאָליטיק פון שאפן אָף די אראבישע טעריטאָריעס מיליטאריזירטע יִשוּווים פון יִסראָעל, צו די פאלן פון ברעכן די מענטשן־רעכט.

פאַר דעם דאָזיקן פּראָיעקט האָבן געשטימט 14 מיטגלידער פונעם זיכערהײַט־ראַט. אָבער די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָבן זיך באַנוצט מיט זייער וועטאָ־רעכט און ניט דערלאָזט, דער דאָקומענט זאָל אָנגענומען ווערן.

די פּאָזיציע פון די פאַרייניקטע שטאַטן איז שאַרף קריטיקירט געוואָרן אינעם זיכערהײַט־ראַט.

דער „טאָג פון פאַרטיידיקן די אַראַבישע ערד"

דער „טאָג פון פאַרטיידיקן די אַראַבישע ערד" (30 מאַרט ד. י.) האָט געדאַרפט זײַן אַ טאָג פון פרידלעכע דעמאָנסטראַציעס קעגן די סיסטעמאַטישע קאָנפיסקאַציעס פון אַראַבישער ערד, קעגן פאַרוואַנדלען דעם גאַליל אין אַ ייִדישן ראַיאָן, כאָטש די מערהײַט פון זײַן באַפעלקערונג איז אַן אַראַבישע.

די ציִעניסטישע רעגירער פון טעל־אַוויוו האָבן אַרויסגעשיקט קיין גאַליל פּאָליציי און מיליטער. איבער די פרידלעכע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין עטלעכע פונקטן פון גאַליל, איז געעפנט געוואָרן אַ פײַער. 6 אַראַבער זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן, צווישן זיי איין שול־ייִנגל, מער פון 30 — פאַרוווּנדעט, מער פון 300 — אַרעסטירט.

אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן אָנטיילגענומען אַלע 40 טויזנט אַראַבער, וועלכע וווינען אין נאַזאַרעט. עס איז דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינער שטרײַק. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג אין אַלע ייִשובֿים פון גאַליל איז ניט אַרויס צו דער אַרבעט. אַזעלכע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס פון די אַראַבישע אײַנוווינער פון ייִסראָעל, — שרײַבן די אינפאָרמאַציע־אַגענטורן, — זײַנען ניט פאָרגעקומען פאַר דער גאַנצער צײַט, זינט עס עקזיסטירט די מעלוכע ייִסראָעל.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ ווענדונג, אין וועלכער ס'ווערט געזאָגט: דער 30 מאַרט 1976 וועט אַרײַן אין דער געשיכטע פונעם לאַנד אַלס טאָג פון אַן אַלגעמיינעם שטרײַק פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון ייִסראָעל און אַלס טאָג פון אַ בלוטיקער צערעכענונג פון די מאַכט־אָרגאַנען פון ייִסראָעל מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

אַ צעמישונג צווישן די רעגירער פון ייִסראָעל

דער מאַסשטאַב פונעם „טאָג פון פאַרטיידיקן די אַראַבישע ערד", דער שטורמישער כאַראַקטער פון די דעמאָנסטראַציעס, דער אַלגעמיינער שטרײַק פון די אַראַבער האָט אַרײַנגעבראַכט אַ צעמישונג צווישן די רעגירער פון ייִסראָעל.

שמואל טאָלעדאַנאָ, דעם פּרעמיער־מיניסטערס ראַטגעבער פאַר אַראַבישע איניאָנים, האָט געזאָגט, אַז עס האָט, ווי עס ווײַזט אויס, זיך אָנגעהויבן אַ נײַע עפּאָכע אין די באַציִונגען פון דער מעדינע מיט אירע אַראַבישע אײַנוווינער. די געשעענישן פונעם 30 מאַרט, האָט ער באַמערקט, וועלן זיכער אויפוועקן פון שלאָף די ייִסראַעלים: „זיי וועלן קומען צום סייכל און פאַרשטיין, אַז עס עקזיסטירט אַ פּראָבלעם"...

וועגן די אומרוען פונעם 30 מאַרט איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ דערקלערונג אויך דער שוץ־מיניסטער שימאָן פּערעס. ער האָט געפּרוּווט אַרויסווײַזן ציניש און גאַנץ אומגעלומפּערטע „כאַראָטע". „די עמעסע סיבע פונעם קריזיס דאַרף מען זוכן ניט אין ייִסראָעל און ניט אַפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן, נאָר אין די 28 יאָר פעלערן, וועלכע ווערן באַגאַנגען לעגאַבע די אַראַבער פון ייִסראָעל"...

דער „טאָג פון פאַרטיידיקן די אַראַבישע ערד" האָט געבראַכט צו אַ שטורעם אין דער קנעסעט, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן אויף אַ זיצונג לויט דער פאָדערונג פון דער קאָמוניסטישער פראַקציע. די 4 קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן האָבן שאַרף קריטיקירט די רעגירונגס־פּאָליטיק, פאַרורטיילט די אַטאַקעס קעגן די אַראַבער, געפאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל אָנגעבן אין דעמיסיע.

די פאַרכאַפּערישע פּאָליטיק פון די ציִעניסטן

דער קאָמענטאַטאָר פון „איזוועסטיִא" אַ. אַכמעדזיאַנאָוו שרײַבט וועגן די געשעענישן אַפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן און אין יערושאָלאַיִם:

דער מײַרעוו־ברעג פון יאַרדן און די שטאָט יערושאָלאַיִם זײַנען אין די לעצטע כאָדאָשים געוואָרן אַן אַרענע פון קעסיידערדיקע רעפּרעסיעס פון די מאַכט־אָרגאַנען פון ייִסראָעל קעגן דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

די סיבע פון דער נײַער כוואַליע רעפּרעסיעס איז דאָס, וואָס די אַראַבישע באַפעלקערונג וויל ניט מאַסקים זײַן מיט די ציִעניסטישע פּלענער צו אַנעקסירן דעם מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן, מאַכן אים פאַר אַ באַשטאַנדטייל פון דער עקאָנאָמיק פון ייִסראָעל, זי זאָגט זיך אָפּ צו שאָלעם מאַכן מיטן טעראָר מיצאַד ייִסראָעל, צו קוקן רויִק אויף די מאַסן־רעדיפעס, אַרעסטן, באַגרענעצונג פון די בירגערלעכע און רעליגיִעזע פרײַהײַטן.

די ייִסראָעל־רעגירונג האָט באַשטעטיקט דעם פּלאַן פון קאָנפיסקירן 12 טויזנט אַקער אין גאַליל און באַזעצן דאָרט ייִדישע אוילים. דאָס איז אַ צוגאָב צו די 100 טויזנט העקטאַר, וועלכע די ייִסראָעל־רעגירונג האָט אין דעם ראַיאָן שוין קאָנפיסקירט בא די אַראַבער אין 1948. זינט 1967 האָבן די מאַכט־אָרגאַנען פון ייִסראָעל אויסגעגלײַכט מיט דער ערד 20 טויזנט הײַזער פון די אַראַבער. אין די אַראַבישע געגנטן האָבן זיי פאַר דער זעלבער צײַט געשאַפן 41 מיליטאַריזירטע ייִשובֿים.

די רעגירנדיקע קרײַזן פון דער מעדינע באַהאַלטן ניט אויס זייערע פּלענער צו אַנעקסירן פולשטענדיק די ערד פון די פאַרכאַפּטע אַראַבישע טעריטאָריעס. אַ ריי עקסטרעמיסטישע גרופּעס האָט ניט לאַנג צוריק זיך געווענדט צו דער רעגירונג מיט אַ פּלאַן צו שאַפן אין משך פון 10 יאָר 100 מיליטאַריזירטע ייִשובֿים אַפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן. די רעגירונג גופא פּלאַנירט, פון איר זײַט, צו שאַפן דאָרט ייִשובֿים פון אַן אינדוסטריִעלן טיפּ.

קעדיי צו פאַרוואַנדלען יערושאָלאַיִם אין א ריין ייִדישער שטאָט ווערט געפירט א פּאָליטיק צו אָפּרייניקן זי פון די מוסולמענישע רעליגיִעזע דענקמעלער און מעטשעטן. די אָקופּאַנטן מאַכן כאָרעוו, פאַרמאַכן, פאַרשוועכן די מעטשעטן.

די פראַגע וועגן דער האַנדלונג פון ייִסראָעל אף די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס איז באַטראַכט געוואָרן אין דער קאָמיסיע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס פאַר צווישנפעלקערלעכן רעכט. די קאָמיסיע האָט די דאָזיקע האַנדלונג כאַראַקטעריזירט אַלס אַן אַקט פון ברעכן די גרונטנאָרמעס פון צווישנפעלקערלעכן רעכט און פון די קאָנווענציעס וועגן פאַרטיידיקן די ציווילע באַפעלקערונג אין מילכאָמע־צײַט. די קאָמיסיע האָט קוואַליפיצירט די האַנדלונג פון ייִסראָעל אַלס קריגספאַרברעכנס, און די גענעראַלע אַסאַמבליי פון די פאַראייניקטע נאַציעס האָט אף איר XXX סעסיע פאַרורטיילט דעם ציִעניזם, וועלכער איז דער באַגײַסטערער פון דער ייִסראָעל־פּאָליטיק, דערקלערנדיק אים אַלס א פאָרם פון ראַסיזם.

דער טעראָר, די געוואַלט־אַקטן און די העפקיירעס פון די מאַכט־אָרגאַנען פון ייִסראָעל אף די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס האָט אין דער לעצטער צײַט דערגרייכט צום העכסטן פּונקט און אַרויסגערופן פּראָטעסטן אין דער וועלט.

פון אַן אַרטיקל פון ר. ניקאָלײַעוו אין דער צײַטונג „קראַסנאַיאַ זווערדאַ״

...די אינפאָרמאַציע־אַגענטורן טיילן מיט, אַז דער שווערפּונקט פון די אַרויסטרעטונגען קעגן דעם טעראָר פון דער ייִסראָעל־רעגירונג איז אין דער שטאָט שכעם (נאַבלוס). אף די גאַסן פון שכעם זײַנען אויפגעשטעלט באַריקאַדעס, די זיכערהײַט־אָטריאַדן, וועלכע פּרוּוון דערשטיקן די אַרויסטרעטונגען פון די אײַנוווינער, ווערן באַגעגנט מיצאַד די דעמאָנסטראַנטן מיט א האָגל שטיינער. די נאַהײַקעס און אַרעסטן קעגן שול־קינדער און סטודענטן, וועלכע פּראָטעסטירן קעגן דער פּאָליטיק פון טעראָר, פון באַגרענעצן די בירגערלעכע און רעליגיִעזע פרײַהײַטן פון די אַראַבישע אײַנוווינער אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער צאָרן קעגן די אָקופּאַנטן איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. די ייִסראָעל־אַדמיניסטראַציע שיקט קיין שכעם פאַרפעסטיקונגען, וועלכע זי קאָמפּלעקטירט פון די זיכערהײַט־אָטריאַדן און פון אַרמיי־טיילן.

די האַנדלונגען פון די ציִעניסטישע רעגירער פון ייִסראָעל אויפן אָקופּירטן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן דערווײַזן נאָכאַמאָל ווי געזעצמעסיק עס איז געווען די רעזאָליוציע פון דער לעצטער סעסיע פון דער גענעראַלער אַסאַמבליי פון די פאַראייניקטע נאַציעס, וועלכע קוואַליפיצירט דעם ציִעניזם אַלס א פאָרם פון ראַסיזם און ראַסן־דיסקרימינאַציע.

די אויסערן־ און אינערן־פּאָליטיק פון די רעגירער פון ייִסראָעל איז די סיבע פון דער ניט־סטאַבילער לאַגע אויפן נאָענטן מיזרעך. „אויפן נאָענטן מיזרעך, — האָט געזאָגט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד לעאָניד איליטש ברעזשניעוו אויפן XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, — איז איצט ניטאָ קיין מילכאָמע. דאָרט איז אָבער ניטאָ אויך קיין שאָלעם, און ביפראַט קיין רו. און ווער קאָן עס האָבן די מוט צו גאַראַנטירן, אַז דער מילכאָמע־פלאַם וועט דאָרט אפּסנײַ ניט אויפפלאַקערן. אַזאַ געפאַר וועט זיך פאַרהיטן, קאָלזמאַן די ייִסראָעל־אַרמיי וועט פאַרבלײַבן אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. אַזאַ געפאַר וועט זיך פאַרהיטן, קאָלזמאַן עס זײַנען באַרויבט פון זייערע געזעצלעכע רעכט און לעבן אין פאַרצווייפלטע באַדינגונגען די הונדערטער טויזנטער פּאַלעסטינער, וועלכע זײַנען פאַרטריבן פון זייער ערד, און דאָס אַראַבישע פאָלק פון פּאַלעסטינע איז באַרויבט פון דער מעגלעכקײַט צו שאַפן זײַן נאַציאָנאַלע מעלוכע״.

בראָניק

אין דער קיִעווער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע

אין קיִעוו איז פאָרגעקומען די באַריכט־ און וואַל־פאַרזאַמלונג פון דער שטאָטישער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע. מיט א פאָרטראָג וועגן דער ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט פון די קיִעווער שרײַבער איז אַרויסגעטראָטן דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג, דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יורי זבאַנאַצקי.

די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעוויילט א נײַע פאַרוואַלטונג, אין וועלכער עס גייט אַרײַן, צווישן אַנדערע, די ייִדישע דיכטערן דאָרע כײַקין.

א שפּעריש באַגעגעניש מיטן דראַמאַטישן אַנסאַמבל

ניט לאַנג צוריק איז אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד״ פאָרגעקומען א באַגעגעניש מיטן קאָלעקטיוו פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל. די שרײַבער כאַיִם בײַדער און רוּווּן פּוסטילניקאָוו האָבן פאָרגעלייענט זייער פּיעסע „א כמעלניקער געשיכטע״ — א לירישע קאָמעדיע אין דרײַ אַקטן, וועלכע איז געווידמעט דעם הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן מענטשן.

אינעם מיינונגס־אויסטויש האָבן זיך באַטייליקט דער טעאַטערקריטיקער יעשוע ליובאָמירסקי, דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר בינימין שוואַרצער, דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם אַנסאַמבל יויסעף ריקלין, די אַרטיסטן פונעם טעאַטער־קאָלעקטיוו.

די פּיעסע האָט באַקומען גוטע אָפּרופן און איז רעקאָמענדירט געוואָרן פאַר דעם רעפּערטואַר פונעם אַנסאַמבל.

■ ■ ■

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

א טערעץ פאַר די בענטש=ליכט

אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" פאַרן 16 מאַרט ד. י. האָט דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג פ. נאָוויק אָפּגעדרוקט א בריוו צו דער רעדאַקציע, דאָס הייסט... צו זיך אליין. ווײַזט אויס, אז עס איז אים מיטאמאָל באפאלן דער געוויסן, און ער האָט בא זיך געפּויעלט געפינען א טערעץ פאַר זײַן דעמאָנסטראַטיוון אײַנרײַס מיט דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

נאָוויק פאַרופט זיך אַף דעם, וואָס איינער פון די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אין איר רעוואָליוציאָנערן פּעריאָד — מוישע קאַץ — איז פאַרן אַרײַנטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי געווען א טוער אין דער פאַרטיי פון די ציִעניסטן־סאָציאַליסטן (ס.ס.). עמעס, ער פאַרשפּאָרט אונדז אָן אַרבעט און ברענגט אליין מוישע קאַצס אָן אופקלערונג (אינעם אווטאָביאָגראַפישן בוך „א דאָר, וואָס האָט פאַרלאָרן די מוירע"): „זיכער זוך איך ניט צו באַהאַלטן, און איך דאַרף זיך ניט פאַרענטפערן דערפאַר, וואָס איך האָב דעמלט, מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק (די שורעס זײַנען געשריבן אין די 50־ער יאָרן — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד"), בא מײַנע ערשטע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע שריט, געהערט צו דער דאָזיקער פאַרטיי, וועלכע איז בא איר אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער פּראַקטיק געווען אידעאָלאָגיש א נאַציאָנאַליסטישע קליינבירגערלעך־סאָציאַליסטישע גרופּירונג אין ייִדישן לעבן. אָבער מע קאָן קיין וואָרט פון ליד ניט אַרויסוואַרפן: זי איז געווען, און איך, צוזאַמען מיט א סאַך אַזעלכע ווי איך, בין געווען אין איר, און דורך איר האָב איך געזוכט אַן ענטפער אַף פּראַגעס, וואָס האָבן געמאַטערט מיך און אַזעלכע ווי איך, ביז מיר האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן אַפן ברייטן וועג פון דעם קעמפנדיקן מאַרקסיזם".

מיר קאָנען ניט פאַרשטיין, וואָס עס איז אויסן פ. נאָוויק, פאַרופנדיק זיך אַף דער ציִעניסטישער פאַרגאַנגענהײַט פון מוישע קאַץ, וועלכער האָט אין דעם ציטירטן שטעל פון זײַן בוך געגעבן א טרעפלעכע אָפּשאַצונג פון דער קליינבירגערלעכער סאָציאַל־ציִעניסטישער פאַרטיי און באַוויזן, ווי קאָנסעקווענט ס'איז געווען זײַן, מוישע קאַצס, קומען צום קעמפנדיקן מאַרקסיזם. דאָס הייסט — מוישע קאַץ טרעט דאָ אַרויס קעגן פּייסעך נאָוויקן, וועלכער איז פונעם קעמפנדיקן מאַרקסיזם אַוועקגעגאַנגען.

נאָר די זאַך ווערט קלאָר, ווען מיר לייענען ווײַטער נאָוויקס בריוו צו זיך אליין. „אַלע בויער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" זײַנען געקומען פון די ציִעניסטן־סאָציאַליסטן (ווי ק. מאַרמאָר, וועלכער איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פונעם פּאָעלי־ציִעניסטישן אָרגאַן „ייִדישער קעמפער"), מייִנסטנס פון „בונד" — אָלגין, איך אליין און אַנדערע..." — אַזוי שרײַבט נאָוויק, פּרוּווּנדיק באַרויִקן דעם אייגענעם געוויסן. עס באַקומט זיך, ווי ער וואָלט אײַנגערעדט די לייענער: „די „מאָרגן־פרײַהײַט" שטאַמט פון „דאָרטן", און ס'איז געזעצמעסיק, וואָס זי גייט צוריק „אַהין".

געשיקט זיך פאַרשטייט ניט אַזאַ דערפאַרענער פּאָליטיקער, ווי נאָוויק, אַז —

דאָס, וואָס א געזעלשאַפטלעכער טוער איז געגאַנגען פונעם ציִעניזם אָדער פונעם „בונד" צום מאַרקסיזם, — איז נאַטירלעך; ווייטעקלעך און שענדלעך איז, ווען אַזאַ טוער קערט זיך אום אין אונדזערע טעג צוריק אַהין, פונוואַנען ער איז אַמאָל געקומען.

וואַנדאַליזם און אַמעראַצעס

מיר דרוקן איבער (מיט קירצונגען) א נאָטיץ פון דער טעל־אוויווער צײַטונג „לעצטע נײַעס".

„וואַנדאַליזם און אַמעראַצעס. ווען מיר האָבן אַנומלטן אַרײַנגעקוקט אין פערצנטן באַנד פון די „מוסטער־ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור" (א סעריע ביכער, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין אַרגענטינע אַף די מיטלען פון א יערושע־פאָנד — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד"), האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איבער האָפּשטיינס לידער איז דאָרט געמאַכט געוואָרן אַזאַ וואַנדאַלישע אָפּעראַציע, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער. דער צונויפשטעלער און רעדאַקטאָר שמועל ראָזשאַנסקי האָט ניט נאָר געענדערט די נעמען פון האָפּשטיינס לידער, נאָר ער האָט אויך זיך גענומען די רעכט צו קירצן און „אויסבעסערן". אין דער „ליד פון מײַן גלײַכגילט", לעמאָשל, האָט ער אַפילע געענדערט דעם ריטם און די פאָרם פון די סטראָפעס און א העלפט פון זיי אַרויסגעוואָרפן. נאָך ווילדער איז ש. ראָזשאַנסקי זיך באַגאַנגען מיטן קלאַסישן ליד „אין ווינטער־פאַרנאַכטן אַף רוסישע פעלדער". ער האָט פון אים פּאַשעט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אַרויסגעריסן דאָס האַרץ און די נעשאָמע. אויך דאָס מאַמעש קרישטאָלענע ליד „אוועק דער שאַבעס שוין" האָט ער אינגאַנצן אַמפּוטירט, צעריסן עס אַף שטיקער, געמאַכט דערפון צוויי לידער און זיי געגעבן צוויי פאַרשיידענע נעמען"...

די נאָטיץ האָבן אָנגעשריבן פייגע האָפּשטיין (דעם דיכטערס פרוי) און ל. פּאָדריאַטשיק. זיי שטעלן די פראַגע: וואָס איז דאָס — העפקייִרעס?

ווער נאָך, אויב ניט די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און לייענער — די שעפערישע און אידייִיש־קינסטלערישע יאָרשים פון דאָוויד האָפּשטיינס דיכטערישע אוצרעס — פאַרשטייען, ווי גרויס עס איז דער פאַרברעכן, וואָס עס באַגייען די ראָזשאַנסקיס. און איינציִיִטיק פרעגן מיר מיט צאָרן די אונטערגעכאַסמעטע אונטער דער נאָטיץ:

נו, און איר? אַרויסגעפאָרענע פונעם לאַנד פון אָקטאָבער, — איר פאַרנעמט זיך דען ניט מיט מאַכן אין ייִסראָעל אַזעלכע טענדענציִעז אונטערגעקליבענע פּובליקאַציעס פונעם זינגער פון אָקטאָבער, וועלכע זײַנען מעסוגל צו פאַרקריפּלען זײַן וועלטאָנשויונג, און דאָס איז דאָך דער זעלבער וואַנדאַליזם און דאָס זעלבע אַמעראַצעס!

■ ■ ■

פאַרשיידנס

יעסעניִנס שטים — אַף א פּלאַט

זײַנערצײַט האָט מען אין פּעטראָגראַד, אינעם „אינסטיטוט פון לעבעדיקן וואָרט", ספּעציעל זיך פאַרנומען מיט „זאַמלען", היטן און דערלערנען די שטימען פון די דיכטער. מיט דעם דאָזיקן ציל איז דער ווּיסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט ס. אי. בערנשטיין אין 1922 געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע, ווו ער האָט פאַרשריבן, ווי סערגיי יעסעניִן לייענט זײַנע לידער.

דאָס איז געווען די איין־און־איינציקע אַרויסטרעטונג פונעם באַרימטן דיכטער פאַרן פאָנאָגראַף. קעדיי די דאָזיקע פאַר־נאָטירונג זאָל אָפּסנײַ א קלונג טאָן, האָט מען זיי באַדאַרפט רעסטאַווּרירן, איבער־פירן אַף דער הײַנטצײַטיקער טעכניק. איצט זײַנען אַלע פאָנאָגראַמעס צונויפ־געזאַמלט אַף א פּלאַט.

אַן אויצער פון אוראַלטע ביכער

אין דער ביבליִאָטעק פון דער עסטלענדישער ווּיסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָט מען אָנגעקלונגען פונעם טאַלינער בוך־אַנטיקוואַריִאַט — זיי האָבן באַקומען און אוראַלטע אויסגאַבע פון סערוואַנטעסעס „נאָוועלן". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז א בוך, וואָס איז דערשינען אין 1614 און ווערט אַפילע ניט דערמאָנט אין קיין שום ביבליִאָגראַפישע אויס־גאַבעס.

וויִאַרום האָט זיך דער בוך באַוויזן אין עסטלאַנד, איז ניט באַוווּסט. וועגן זײַנע פריִערדיקע באַזיצער האָט געקאָנט איידעס זאָגן בלויז דער הערב אַפן אײַנבונד: דער קאָפּ פון א ציגנבאָק און דער נאָמען פ. קאַרדאָנע, וואָס האָט געהערט, זעט אויס, צו א שטאַם פון שפּאַנישע גראַנדן.

סערוואַנטעסעס „נאָוועלן" זײַנען ניט די איינציקע זעלטנהײַט צווישן די צוויי מיט א האַלבן מיליאָן בענדער פון דער ביבליִאָטעק. איר דירעקטאָר פעליקס קאָובאַ דער־ציילט:

— איינע פון די אינטערעסאַנטסטע קאָלעקציעס פון אונדזער ביכער־אויצער איז די זאַמלונג פון דער אַזויגערו־פענער טאַלינער דאָמער שול: זי איז באַוווּסט מיט ווערט־פולע געאָגראַפישע אויסגאַבעס פון XVIII — XIX יאָרהונ־דערטן. מעגלעך, אַז די דאָזיקע ביכער האָבן באַגײַסטערט די אַנטדעקער פון נײַע געאָגראַפישע ערטער — וורַאַנגעלן,

די שעדעווערן פאַרשווינדן פון מוזייען

אין פאַריקן יאָר האָט אין פראַנקרײַך אַף די פּאָליצעס פון די צײַטונגס־קיִאָסקן זיך באַוויזן א ניט געוויינלעכער זשורנאַל — „אָפיציעלע צווישנפעלקערלעכע רעשימע פון אַרויסגעגאַנווטע בילדער און קונסט־ווערק". דאָס איז געווען א גאַנץ באַרעכטיקטע אויסגאַבע. אין די מײַרעוו־לענדער האָט דאָס אַרויסגאַנווענען וועלט־באַרימטע שעדעווערן פון מאָלערײַ, אַנטיקוואַרע און יוּועליר־כפייצים פון די מוזייען, פּריוואַטע קאָלעקציעס און סאָבאָרן אָנגענומען א גרויסן מאַסשטאַב. בלויז פאַר דער לעצטער צײַט זײַנען פאַרשווּנדן זעלטענע לײַוונטן פון ראַפאַעלן און פּיעראָ דעללאַ פראַנטשעסקאַ פון דער גאַ־לעריי אורבינאָ אין איטאַליע און פונעם קעלנער סאָבאָר, פיל בילדער פון די מוזייען אין א ריי סקאַנ־דינאַווישע לענדער אאוו.

אָפּזוכן די פאַרשווּנדענע שעדעווערן ווערט אַלץ שווערער. אַזוי צום בײַשפּיל, האָט זיך דער איטאַליענישער פּאָליצײַ בלויז אין רעזולטאַט פון א דעטאַל דורכגעטראַכטער אָפּעראַציע אײַנ־געגעבן צו אַרעסטירן צוויי שווינדלער, וועלכע האָבן אומלעגאַל געהאַנדלט מיט צוגערויבטע בילדער. אין זייערע הענט האָט זיך געפונען דער לײַוונט פונעם אומבאַוווּסטן איטאַליענישן מײַסטער פון XIV יאָרהונדערט „די מאַדאָנע מיטן קינד", וואָס ווערט אָפּגעשאַצט אין 400 מיליאָן ליר. דאָס בילד איז אַרויסגעגאַנווּעט געוואָרן פונעם קלויסטער סאַן־דזשאָוואַני אין דער פּראָווינץ קונעאָ.

ווער זשע איז דער אָרגאַניזאַטאָר פונעם רעוואָכימדיקן ביזנעס? אין דער מײַרעווודיקער פּרעסע האָבן זיך באַוויזן מיטיילונגען וועגן דער טעטיקײַט פון א צווישנפעלקערלעכער אונטערערדישער אָרגאַניזאַ־ציע, וועלכע פאַרמאָגט א ברייט צעצווײַגטע נעץ פון פיליִאַלן אין איטאַליע, פראַנקרײַך און שווייצאַ־ריע. די אַרויסגעגאַנווּעטע קונסט־ווערק ווערן געבראַכט קיין זשענעווע, און פון דאָרטן פאַלן זיי אַרײַן אין פּריוואַטע זאַמלונגען פון אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנער מיליאָנערן. נאָך מער, די געלטזשעק גופע דינגען אָפּט אָן רויבער אַף אַרויסצוגאַנווענען די שעדעווערן, וועלכע זײַנען זיי „געפעלן" געוואָרן. באַנדעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט גאַנווענען קונסט־ווערק, איז פאַראַן עטלעכע צענדליק אָדער אַפילע עטלעכע הונדערט. ווי עס האָט מיטגעטיילט די מילאַנער צײַטונג „קאָריערע דעלאַ סעראַ", איז די טער־ריטאָריע פון איטאַליע, ווו אין מעשעך פונעם נאָכמילכאָמע־פּעריִאָד איז צוגערויבט געוואָרן העכער 40 טויזנט קונסט־ווערק, צעטיילט אַף ראַיאָנען, און אין יעדער ראַיאָן אָרודעוועט א באַזונדערע מאַ־פיע. די דאָזיקע „אַרבעט" ווערט קאָאָרדינירט דורך פּערזאָנען, וועלכע זײַנען גוט באַקאַנט צווישן די אַנטיקווואַרן און געפינען זיך „אויסער יעדן פאַרדאַכט". ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז א סאַך אַזעלכע באַנדעס זײַנען ענג פאַרבונדן מיט די אונטערערדישע נעאָפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

די מײַרעווודיקע צײַטונגען שרײַבן, אַז די מוזייען, ווו עס געפינען זיך די זעלטענע קונסט־ווערטן, זײַנען זייער געענגט אין פינאַנצן און זײַנען ניט בעקויעך צו זיכערן א גוטע וואַך — דעריבער איז לײַכט צו גאַנווענען די דאָזיקע ווערק. די הויפּט־סיבע אָבער איז אַן אַנדערע: פאַרן וווּקס פון דער פאַרברעכע־רישקײַט, וואָס איז א רעזולטאַט פון די סאָציִאַלע באַדינגונגען פון דער הײַנטצײַטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט, איז אָנמעכטיק א באַליביקע וואַך.

נ. שעווצאָוו („איזוועסטיִא")

קאַצעבו, קרוזענשטערנען, בעלינסהאַוזענען און אנדערע אַף זייערע ווײַטע נעסיעס. מיר פארמאָגן העכער 40 אינקונאַבולן — ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען ביזן 1500.

דער פארוואלטער מיטן סעקטאָר פון זעלטענע ביכער וואָלדעמאר מילער באַווײַזט אן אָפּגעריבענעם באנד אין א לעדערנעם אײַנבונד — „דער לערער פונעם מענטשלעכן לעבן”, א לאכלוטן אומבאַוווּסטער וואריאַנט פונעם ווערק, וואָס אונטערשיידט זיך פון די פריִערדיקע אויסגאַבעס מיט 15 איליוסטראציעס. דער בוך איז געווען אָפּגעדרוקט אין 1489—1493 יאָרן.

אינטערעסאנט זײַנען די ווערק, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער אנטוויקלונג פון דער עסטלענדישער געשיכטע און נאציאָנאלער קולטור. אין דער ביבליאָטעק געפינט זיך העגריק פאָיסמאנס „דיספּוטאציע”, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין טארטו אין 1631. דאָס איז דער אײנציקער עקזעמפליאר פונעם ערשטן געדרוקטן בוך אין עסטלאנד.

ס׳איז באַוווּסט דער איינציקער דערווײַל עקזעמפליאר פון אאוגוסט פאָן קאָצעבוס פּיעסע „די פּאַטערלעכע באַגערן”, וואָס איז דערשינען אין טאלין אין 1789. עס איז ווערט אָפּצומערקן, אז די באלעבאַטים ריידן דאָרט אַף דײַטש, און זייערע דינער — אַף עסטיש. אדאנק דעם דאָזיקן ווערק איז די עסטישע שפּראך דאן צום ערשטן מאָל ארויס אַף דער טעאטראלער בינע.

אי. ריידי („פּראַוודא”)

די באַפעלקערונג פון דער פּלאַנעטע

די באַפעלקערונג פונעם ערדקײַלעך האָט באַטראָפן אין דער מיט פונעם 1974 יאָר 3,89 מיליארד מענטשן, און אויב די איצטיקע טעמפּן פון איר צוּוווּקס וועלן דויערן, וועט צום 2010 יאָר אַף דער וועלט זײַן קימאַט אכט מיליארד מענטשן. וועגן דעם טיילט מיט דער דעמאָגראַפישער יאָרבוך פון אָאָן.

דער סאמע באַפעלקערטער ראיאָן פון אונדזער פּלאנעטע איז אזיִע, ווו, לויט די אָנגאבן פונעם יאָרבוך, האָבן אין 1974 געלעבט 2.206 מיליאָן מענטשן — העכער א העלפט פון דער באַפעלקערונג פונעם ערדקײַלעך. נאָך אזיִע גייען צאָפן־דאָרעם־אמעריקע — 550 מיליאָן, אייראָפּע — 470 מיליאָן, אפריקע — 391 מיליאָן.

דער סאמע נידעריקסטער לעבנס־דויער איז אָפּגעמערקט אין אפריקע — אין 19 לענדער פון דעם דאָזיקן קאָנטינענט דערגרייכט ניט דער דורכשניטלעכער לעבנס־דויער צו 40 יאָר.

אפן אפריקאנער קאָנטינענט און אין לאטײַן־אמעריקע איז דער גרעסטער ניווא פון קינדער־שטערבלעכקײַט: אין ליבעריע, רואנדע, לעסאָטאָ, גוואטעמאלע און טשילי שטארבן צו 60 קינדער פון יעדע טויזנט, ניט אָפּלעבנדיק אפילע קיין איין יאָר.

דער פידל פון א רעוואָליוציאָנער

אין די פאָנדן פונעם מוזיי פון מוזיקאלער קולטור אַף מ. אי. גלינקאס נאָמען געפינט זיך אן אינטערעסאנטער עקספּאָנאט — דער פידל, וואָס האָט געהערט צו פּיאָטער אנאניעוויטש קראסיקאָוון, לעבינס א טרײַען מיטקעמפער.

א געבוירענער אין קראסנאָיארסק, האָט קראסיקאָוו דאָס ערשטע מאָל זיך באגעגנט מיט לענינען אין 1897, ווען יענער האָט זיך געפונען אין וועג צו דער מינוסינסקער פארשיקונג. וו. אי. לענין איז ניט איין מאָל געווען אין קראסיקאָווס הויז און איין צײַט אפילע געוווינט בא אים.

בייס דער ערשטער באגעגעניש מיט לענינען איז קראסיקאָוו שוין געווען א פּראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער און איז ארויסגעשיקט געוואָרן אין זײַן היים־שטאָט אונטערן אופזיכט פון דער פּאָליציי. די באגעגענישן מיט לענינען האָבן געהאט אן אנטשיידנדיקע ווירקונג אַף דער וועלט־אָנשויונג פונעם יונגן רעוואָליוציאָנער. נאָך די קראסנאָיארסקער באגעגענישן האָט זיך בא אים מיט לענינען, ווי ס׳האָט שפּעטער געשריבן פּיאָטער אנאניעוויטש, אײַנגעשטעלט א פארבינדונג אפן גאנצן לעבן.

קראסיקאָוו איז געווען אן אגענט פון דער לענינישער „איסקרא”, א מיטגליד פונעם אָרגאניזאציאָנעלן קאָמיטעט אַף צונויפרופן דעם II צוזאמענפאָר פון דער רסדאפּ. נאָך דער פעוורואַל־רעוואָליוציע איז ער געוואָרן איינער פון די אָרגאניזאטאָרן פונעם פּעטראָגראדער סאָוועט. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט קראסיקאָוו פארנומען וויכטיקע מעלוכע־פּאָסטנס. ער איז געשטאָרבן אין 1939.

א. פּ. קראסיקאָוו האָט זייער ליב געהאט מוזיק. פון די יונגע יאָרן אָן האָט ער זיך ניט צעשיידט מיטן פידל, און, לויט די אָפּרופן פון די מיטצײַטלער, געשפּילט גלענצנדיק. ניט אומזיסט האָבן די כאוויירים לויטן אונטערערד אים גערופן „מוזיקאנט”. לענין איז פון זײַן שפּילן געווען באגײַסטערט.

א. פּ. קראסיקאָוו האָט אָבער דעם פידל אויסגענוצט ניט בלויז צו שפּילן פאר זײַנע פרײַנט. דער אווטאָר פונעם בוך וועגן קראסיקאָוון „ווער דארף זײַן דער ריכטער” וו. בודאנין שרײַבט: „...מיט סאָציאל־דעמאָקראטישער ליטעראטור איז אָנגעפילט אויך דער פוטליאר פונעם פידל, וואָס ליגט אַף די קני. דער פידל העלפט באזונדערס מיט פּיאָטערן אין די רײַזעס. קיין איינעם פון די טאמאָזשניע־אָנגעשטעלטע איז דערווײַל ניט געקומען אפן געדאנק א קוק צו טאָן אין פוטליאר...”

ווי ס׳האָט מיטגעטיילט דער דירעקטאָר פונעם מוזיי פון מוזיקאלער קולטור יע. נ. אלעקסייעווא, וועט דעם רעוואָליוציאָנערס פידל עקספּאָנירט ווערן אינעם אָפּטייל „מוזיק אין לענינס לעבן”, וואָס וועט הײַנטיקס יאָר זיך עפענען.

(לויט פּ. קאמענסקיס נאָטיץ אין „איזוועסטיִא”)

וויצן פון ייִסראָעל

אײַנצײַען דעם פּאַסיק

א ייִד קומט אַרײַן אין א קליי־דער־געשעפט אין טעל־אַוויוו און בעט, מע זאָל אים פאַרקויפן א פּאָר קינדער־הויזן.

— וויפל יאָר איז אַלט דאָס קינד? — פרעגט אים דער פאַרקוי־פער.

— איך דאַרף די הויזן פאַר זיך.

— איז וואָס זשע זוכט איר קינדער־הויזן?

— איר פאַרשטייט, — ענטפערט דער ייִד, אונדזער רעגירונג פאָ־דערט, מיר זאָלן אײַנצײַען דעם פּאַסיק, און לויט ווי עס וואַקסן די פּרײַזן, וועל איך אינגיכן מוזן טראָגן קינדער־הויזן.

אלץ איז בא זיי פאַרקערט

אײנער שטײט אפן פלי־פעלד אין לאָד און זעט ווי געוויסע ייִדן קומען פון ייִסראָעל און געוויסע ייִדן פאָרן אוועק פון ייִסראָעל. פרעגט ער דעם פאַראַנטוואָרט־לעכן: וואָס טוט זיך עס דאָ?

— די, וואָס קומען, — ענטפערט אים יענער, — זײַנען אולים, און די, וואָס פאַרלאָזן ייִסראָעל זײַנען יורדים...

— איך פאַרשטיי ניט, — מאַכט



ווידער דער ייִד, — איך זע ווי די, וואָס קומען, גייען אָפּ, און די, וואָס פאָרן אוועק, גייען אַרויף...

אימפּאָרט — עקספּאָרט

דער פינאַנץ־מיניסטער פון ייִס־ראָעל לייגט אײַן וועלטן, קעדיי צו פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט און פאַרקלענערן דעם אימפּאָרט. ער שרײַט טאָג און נאַכט, מע זאָל וואָס מער עקספּאָרטירן. דאָ קו־מען זײַנע קלאָגן און ריידן גאָר פון אימפּאָרטירן... ייִדן. — איך פאַרשטיי ניט די פּאַ־ליטישע שטיק זייערע, — זאָגט א ייִסראָעל־אײַנוווינער צו זײַן שאָכן. — ייִדן, אויך מיר א סכוי־רע! אַן אַרטיקל, וואָס מאָנט עסן, אַרבעט און דירעס. און וואָס, מישטיינס געזאָגט, קענען מיר זיי געבן?

— זיי ניט קיין נאַר, — ענט־פערט דער שאָכן, — דו זעסט דען ניט, ווי די ייִדן, וואָס קומען קיין ייִסראָעל, עקספּאָרטירן זיך גלײַך אַלייִן?..

א וואָרט אפן געהעריקן אָרט

מע גייט און מע גייט און מע שטייט אף איין אָרט. — אונדזע־רע מיניסטאָרן זײַנען איבערגעש־פּיצטע קעפּ. זיי שפּילן זיך מיט ווערטער. אָט האָבן זיי אַרויסגע־לאָזט אין דער וועלט אזא מין זאָג, ווי „אָפּשאַפן דעם מילכאָמע־צושטאַנד”, אָנשטאָט „שליסן א שאָלעם”.

א פאַרעוועער זאָג, מיט וועלכן מע גייט און מע גייט און מע שטייט אף איין אָרט...

וועגן מוישע דאַיאַנען. — מיר האָבן געהאַט א מיניסטער, איז ער געווען א גרויסער אַרכעאָלאָג. ער פלעגט אויסגראָבן אַלטע שטיינער און אַרײַנלייגן אין דער ערד יונגע באָכערים...

ווען גאָלדע מעיר איז געווען פּרעמיער, האָט א סאָברע זיך גע־ווענדעט צו איר: — גאָלדע, שיק אונדז קיין סאָוועטנפאַרבאַנד,

וועלן מיר קומען צוריק, און דו וועסט אונדז געבן דירעס...

ס'וועט זיך אויסלאָזן א בוי־דעם — די פּאָליטיק פונעם ציוִ־ניזם דרייט זיך אינעם פלאָנטער פון צוויי ווערטער: אַרויסלאָזן און אַרײַנלאָזן. אָט מאַכן די ציוִ־ניסטן דעמאָנסטראַציעס, מע זאָל אַרויסלאָזן ייִדן, און אָט מאַכן זיי א גוואַלד, מע זאָל ניט אַרײַנ־לאָזן ייִדן — יורדים פון דער מע־דינע אין אַנדערע לענדער. מיר דוכט זיך, אַז פון דעם אַרויסלאָזן און אַרײַנלאָזן וועט זיך אויסלאָזן א בוידעם...

די וויצן זײַנען גענומען פון דער ייִסראָעלדיקער פּרעסע.

זיאמע טימענטשיק

מײַן ענטפער

(פעליעטאָן)

אין דער הויפּטשטאָט פון בעלגיע איז אין סאָף פעוורואל ד. י. פאָרגע־קומען נאָך איין „אלוועלטלעכע" ציִוניסטישע קאָנפערענץ וועגן די איניאָנים פון די סאָוועטישע יידן.

פון די ציַיטונגען

האָט זיך עס געטאָן א ביסל
אין דער הויפּטשטאָט בעלגיע —
בריסל!
עס זײַנען זיך צונויפגעקומען:
דיפּלאָמירטע שטעקל־דרייער,
קאָשערע טאכריכים־נייער,
אויסשטודירטע שויפער־קרייער,
וועלט־בארימטע ליידיקגייער —
און אָנגערופן האָבן זיי זיך:
קאָנפערענץ!
(האלט מיך צו און קוילעט מיר ניט מײַנע גענדז!) —
קאָנפערענץ פון די באשיצער
און פון אלדאָס בייז די שטיצער,
אָפּגעקליבן
פון איעדער מין צו זיבן:
7 אומפארשעמטע זשורנאליסטן,
7 שוין פארקלעמטע פינאנסיסטן,
7 פעסטגעשטעלטע אפעריסטן,
7 היטגעשטעלטע ציִוניסטן.
זיבן...
(זיבן איז א ליגן!).
הײַנט די גאלאָכים!
און די פאסטערס!
און די דאיאָנים!
(ווי איצט פאסט עס).
און די ראבאָנים! —
אלע יעוואָנים, האָבן איין פּאָנעם...
דער אווער האָט צעשפּרייט זיך אף דער גאנצער
וועלט!

און איך, איך האָב זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט,
אז ס'איז לעטויוועס מיר,
אז דאָס איז מיר צוליב,
אז צוליב מיר איז זייער שטארק־זיך־זאָרגן,
אז ס'גייט ניט אײַן זיי ניט דער הײַנט,
און ס'גייט ניט אײַן זיי ניט דער מאָרגן...
מע הערט ניט אוף מיך זשאלעווען:
ס'איז ערגער מיר פון אלעמען!
זיי קענען שוין אָן מיר זיך ניט באגיין,
אן אנדער לאנד זיי שטופן מיר געמיין:

א לאנד פון ראָזשינקעס און מאנדלען,
מיט האנדלען און מיט וואנדלען,
מיט ציצעס און מעליצעס,
כאליצעס און מעציצעס!
ס'איז וואָגיק?
נאָר איך, —
איך פאָר ניט און איך פאָר ניט...
הייסט עס, אז מע לאָזט מיך ניט, איך טאָר ניט!
ריכטיק,
ווי אין קוימען איז ליכטיק...
נעמען זיי זיך שרײַען.
שרײַען אף די ציין.
זיי מיינען, אז איך ווייס ניט,
כ'פארשטיי ניט זייער מיין.
דער מיין, ער איז מיר גוט באקאנט
פון אָט דער שווארצער כופּע.
מיך — פון מײַן סאָוועטיש לאנד
מיט גוואלד ארויסקאלופּען.
זיי רופן אָן זיך: ברידער.
זיי רופן אָן זיך: שוועסטער.
א ליגן איז עס ווידער
און ווײַט נאָך ניט דער לעצטער.
עס איז שוין דאָס א ליגן,
אז ס'ווארט מיך די מעדינע.
זיי וואָלטן זײַן צופרידן,
ווען כ'פאָר קיין... ארגענטינע.
ווען כ'פאָר קיין האָצע־פּלאָצע,
ווען כ'פאָר אין אלע קלאָגן,
וווּהין די אויגן גלאָצן,
וווּהין די פיס עס טראָגן.

איך דארף ניט פרעמדע היימען,
איך דארף ניט פרעמדע פאָנען.
איר — הערט מיך אוף באווייִנען
און ריידן אין מײַן נאָמען:
אזוי איך זאָג די בעטערס,
די טרייפענע מאשגיכים:
— זײַט מיר ניט קיין פעטערס
און נייט מיר ניט טאכריכים!

ביבליאָגראַפיע

אבע פינקעלשטיין

ווערק וועגן י.־ל. פּערעצן, דערשינענע אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין די יאָרן 1917—1974

9. באַזונדערע ווערק וועגן פּערעצן (אין א בוך־פאָרם, אין ייִדיש).

108. זאַמלבוך פון קינדער־לידער און שפּילן מיט געזאַנג. געווידמעט דעם אָנדענק פון יצחק־לייבוש פּערעץ. געזאַמלט און צונויפגעשטעלט דורך א. בול־קין און ל. עפּראַן. ווילנע, פ־ג „די נײַע ייִדישע שול", 1917. 40 ז. מיט נאָטן.

109. דאָס פרײַע וואָרט [זשורנאַל]. קיִעוו, פ־ג „דאָס פרײַע וואָרט", 1917, נומ. 3. געווידמעט י.־ל. פּע־רעצן (ק).

110. שאַכנע עפּשטיין. דאָס ארבעטס־פאָלק אין י.־ל. פּערעצעס ווערק. יעקאַטערינאָסלאַוו, „די וועלט", 1918. 72 ז. + 1 בל. פּאָרט.

פּערעצעס באַציִונג צו ייִדיש און זײַן דעמאָקראַ־טיזם. — פּערעץ און די סאָציאַליסטישע באַווע־גונג. — די ארבעטס־מענטשן בא פּערעצן. פּערעץ וועגן די באַציִונגען צווישן מאַן און פרוי בא ארבעטס־מענטשן. — פּערעץ וועגן דער אַר־בעטס־פרוי. — דער מאָדערנער ארבעטער בא פּע־רעצן. — פּערעץ אלס פרײַהײַטס־גײַסט.

111. מ. ספּעקטאָר. מיט י.־ל. פּערעצן אין פּעסטונג. אָדעס, פ־ג „ליטעראַטור", 1919. 80 ז. + 1 בל. פּאָרט. (אף די זז. 68 — 80 ביִאָגראַפישע נאָטיצן וועגן י.־ל. פּערעצן).

112. אײַזיק ראָזענצווײַג. דער ראַדיקאַלער פּעריאָד אין פּערעצעס שאַפן. כאַרקאָוו — קיִעוו, אוקרמעלו־כענאַצמינדפאַרלאַג, 1934. 187 ז. — אוקראַיִנישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור. סעקציע פאַר ליטעראַטור און קריטיק.

פּערעץ און די „יאָמטעוו־בלעטלעך" (ליטעראַריש־היסטאָרישער אַרײַנפיר). טעקסטן: דרײַ „יאָמטעוו־בלעטלעך" („הוישײַנע", „שאַבעס־אויבס", „האַ־מענטאַש"); אַרטיקלען פון די „יאָמטעוו־בלעט־לעך", געדרוקט אין „ליטעראַטור און לעבן"; א פאַרגעסענע ליד „אויסגעשטאָרבן" און מאָריס ווינטשעווסקיס ענטפער־ליד „זײַ לעבן נאָך"; זוכצעטלען און קאָמענטאַרן (כראָנאָלאָגיע פון פּערעצעס ווערק ביז אינמיטן פון די 90־ער יאָרן; אינהאַלט־פאַרצײַכענונג פון פּערעצעס אויסגאַבעס צו העלפט פון די 90־ער יאָרן; רעשימע פון פּערעצעס ווערק, געדרוקט אין דער אַמעריקאַ־נער „ארבעטער־צײַטונג" און אין „צוקונפט", פאַר די יאָרן 1893 — 1895 אונטערן פּסעוודאָנים „פּלאַי"[1]. פּערעצעס און פּינסקיס פּסעוודאָנימען אין די אויסגאַבעס פון די 90־ער יאָרן; פאַרטײַ־טשונגען און דערקלערונגען).

113. י.־ל. פּערעץ אין ליכט פון ייִדישער קריטיק. זאַמלונג. ווילנע, 1940. 232 ז. (ק).

אַרטיקלען און פראַגמענטן פון גרעסערע ארבעטן פון באַל־מאַכשאָוועס, ש. ניגער, שאָלעם־אלײ־כעם, ה.־ד. נאָמבערג, א. ליטוואַק, י. י. טרונק, אווראָם רייזען, לעאָ קעניג, דר. כאַים זשיט־לאָווסקי, וו. מעדעם, מאַקס עריק, מ. ליטוואַ־קאָוו, ש. עפּשטיין, ב. וולאַדעק, באַל־דימיען [נאָכעם שטיף], יעהויאַש, נ. אויסלענדער, דאָוויד בערגעלסאָן, ביינוש מיכאַלעוויטש, ש. אַנ־סקי, א. א. ראַבאַק, נאַכמען מײַזיל, זרובאָוועל, יאַנ־קעוו דינעזאָן, זאַלמען רייזען, כ. ש. קאַזשדאַן, ש. מענדעלסאָן.

114. י.־ל. פּערעץ פאַר דער יוגנט. העפט 1. ארויס־געגעבן צום 25־טן יאָרצײַט פונעם דיכטער. פ־ג „גרינינקע ביימעלעך", ווילנע, 1940. 16 ז. — באַ־וועגלעכע כרעסטאָמאַטיע. צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

י.־ל. פּערעץ דער זינגער — דער זיגער. — א. רײַ־זען. אָן א סאָף. — ה. דינאַמבערג. דער רוף פון פרילינג. — די ערשטע באַגעגעניש פון אווראָם רייזען מיט י.־ל. פּערעצן. — שאָלעם אַש. פּע־רעץ דער רעבע. — פון פּערעצעס א בריוו צו זײַן פרוי. — בריוו פון י.־ל. פּערעצן (פון נאַכמען מײַזילס זאַמלונג).

115. ג. יאַבראָוו. י.־ל. פּערעץ פאַר דער שול. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג פון ווססר, 1941, 42 ז. + 1 בל. פּאָרט. — פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג פון ווססר. שול־פאַרוואַלטונג.

אַרײַנפיר. — י.־ל. פּערעץ (קורצע ביִאָגראַפיע). —

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5 פון 1976.

[1] די רעשימע האָט צוגעשטעלט קאַלמען מאַרמאָר.

מעטאָדישע אָנווײַזונגען. — פּערעץ־אויסשטעלונג אין שול.
116. ריווקע רובין. יִצחאָק־לייבוש פּערעץ (1851 — 1915). מ. אָגיז, מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", 1941. 58 ז. מיט איל., 2 פאָטאָס (י.־ל. פּערעץ אין טורמע, 1899), פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל. די פּובליקאַציע פון די פאָטאָס האָט צוגעגרייט אבע לעוו, לויט די מאַטעריאַלן פון צענטראַלן היסטאָרישן אַרכיוו אין מאָסקווע.

10. אַרטיקלען (אין פאַרשיידענע יִדישע ביכער) וועגן פּערעצן

117. צווי הירשקאַן. עטיודן. ערשטער באַנד. פונדערווײַטנס. קיִעוו, „יִדישער פאָלקס־פאַרלאַג", 1919.
יִצחאָק־לייבוש פּערעץ (ראַיוינעס), זז. 28 — 42.
118. מ. ליטוואַקאָוו. אין אומרו. ב. 1. זאַמלונג אַרטיקלען פון די יאָרן 1906 — 1918. קיִעוו, „קיִעווער פאַרלאַג", 1919. 120 ז.
י.־ל. פּערעץ. — פּערעצעס דיכטונג. — י.־ל. פּערעץ און דער יִדישער פּראָלעטאַריאַט. — סאָפן און אָנהייבן. זז. 96 — 108.
119. נ. אויסלענדער. גרונט־שטריכן פון יִדישן רעאַליזם. קיִעוו, „קיִעווער פאַרלאַג", 1919, 152 ז.
י.־ל. פּערעץ זז. 74 — 98.
120. באַל דימיען [נאָכעם שטיף]. הומאַניזם אין דער עלטערער יִדישער ליטעראַטור. א קאַפּיטל ליטעראַטור־געשיכטע. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1920. 64 ז.
וועגן פּערעצן אף די זז. 6, 31 — 32, 38.
121. באַל־מאַכשאָוועס. קריטיק. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1920, 126 ז.
דרײַ שטעטלעך. — י.־ל. פּערעץ, שאָלעם אַש און ווײַסענבערג. זז. 7 — 23.
122. י. דאָברושין. געדאַנקענגאַנג. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1922, 136 ז.
י.־ל. פּערעץ (פּערעצעס שאַפן; פּערעצעס נעשאָמע; פּערעצעס מײַסעלעך; פּערספּעקטיוון), זז. 54 — 65.
123. נ. אויסלענדער. וועג־אײַן־וועג־אויס. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1924, 202 ז.
וועגן פּערעצן אין די קאַפּיטלען: „ערשטע טריט" און „אונדזער נאָכקלאַסישער פּעריאָד". זז. 163 און 173.
124. מ. ליטוואַקאָוו. פינף יאָר מעלוכישער יִדישער קאַמער־טעאַטער (1919 — 1924). מ., „שול און בוך", 1924, 138 ז.
וועגן פּערעצן אף די זז. 58, 125, 134.
125. מ. ליטוואַקאָוו. אין אומרו. צווייטער באַנד. מ., פ־ג „שול און בוך". 1926, 219 ז.
י.־ל. פּערעץ, זז. 34 — 44. — טעזיסן, (באַווייליקט דורך דער יִדסעקציע באַם פאָלקאָמבילד פון רספּסר), זז. 44 — 49.
126. ג. יאַבראָוו. די יִדישע ליטעראַטור אין פּראַגעס, אופגאַבעס און טעמעס. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג פון ווססר, 1928, 44 ז.
פּראַגן פון פּערעצעס ליריק, זז. 33 — 42.
127. י. ראַבראָשין. בינימין זוסקין. מ., אָגיז, מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", 1939, 61 ז.
זוסקינס באַדכן אין י.־ל. פּערעצעס „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק", זז. 19 — 22.
128. נ. אויסלענדער. יִדישער טעאַטער. 1887 — 1917. מ., מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", 1940. 318 ז.
וועגן פּערעצן, זע זז. 27, 70 — 87, 90 — 92, 96, 98, 100 — 102, 105, 107 — 108, 119, 127, 130, 136, 138, 140, 148, 152, 155, 164, 174, 204, 240, 256, 266, 299 — 300, 316.
129. מ. ווינער. צו דער געשיכטע פון דער יִדישער ליטעראַטור אין XIX יאָרהונדערט. עטיודן און מאַטעריאַלן. קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1940. 454 ז. (גרויסער פאָרמאַט).
וועגן י.־ל. פּערעצן זע זז. 240, 274 — 275, 378 — 379, 382, 384.
130. ש. קליטעניק. ווערק און שרײַבער. מאָסקווע, מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", 1945. (זע וועגן פּערעצן) (ק).
131. י. דאָברושין. די דראַמאַטורגיע פון די קלאַסיקער (א. גאָלדפאַדען, מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם־אַלייכעם, י.־ל. פּערעץ). מ., מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", 1948. 192 ז.
די דראַמאַטורגיע פון י.־ל. פּערעץ זע זז. 133 — 191.
132. איציק פעפער. לידער. באַלאַדעס. פּאָעמעס. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל". 1967, 430 ז. נאָכוואָרט: ה. רעמעניק. דער דיכטער פון זיג.
זע די ליד „א ווענדונג צו פּערעצן", זז. 280 — 283.
133. ריווקע רובין. שרײַבער און ווערק. וואַרשע, פ־ג „יִדיש בוך" (וואַרשע) — פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" (מאָסקווע), 1968, 310 ז.
די האַרמאָניע פון שאַפן (וועגן י.־ל. פּערעצן), זז. 11 — 61.

11. וועגן י.־ל. פּערעצן אין זאַמלונגען, אַלמאַנאַכן, זשורנאַלן

„ביכער־וועלט". [זשורנאַל]. קיִעוו, 1919, נומ. 4 — 5. מאַטעריאַלן צו דער פאָרשונג פון דער יִדישער ליטעראַטור.
134. רעשימע פון ליטעראַטור וועגן י.־ל. פּערעצן, זז. 131 — 132.
„די נײַע וועלט". כוידעש־זשורנאַל. אַרויסגעגעבן פון דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג אין ליטע. ווילנע, 1919, נומ. 3.
135. ש. יעדידאָוויטש. פּערעץ און דער יִדישער אַרבעטער (צום פערטן יאָרצײַט נאָך י.־ל. פּערעצן).
136. אַרבעטער־מאָטיוון בא פּערעצן. זז. 66 — 71.
„די קאָמוניסטישע וועלט". פּאָליטיש־ליטעראַרישער זשורנאַל. אָרגאַן פון צק פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) און צ. ב. פון די יִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס. מ., 1919, נומ. 1.
137. ש. אגורסקי. י.־ל. פּערעץ אַלס קעמפער קעגן אָבערגלויבן.
138. ש. ניגער. י.־ל. פּערעץ — א סאָציאַלער דיכטער (וועגן שאַכנע עפּשטיינס בראָשור פון 1916, ניו־יאָרק. אין 1919 דערשינען אין פאַרלאַג „די וועלט", קאַטערינאָסלאַוו, אונטערן נאָמען „דאָס אַרבעטס־פאָלק אין י.־ל. פּערעצעס ווערק).

„רויטער פּינקעס". היסטאָרישע סעקציע פון „קולטור־ליגע", קיעוו, 1920, ז. 135 (דאָס ערשטע זאַמלבוך).

139. א. ליטוואַק. די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן. זז. 109 — 132 (ק).

„ניי־ערד". ליטעראַרישער זאַמלבוך. מ. צענטרפאַרלאַג, 1925, נומ. 1.

140. י. ראַבינאָוויטש. „באַנאַכט" אין מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער (איינדרוק).

141. א. גראַנאָווסקי. „באַנאַכט אפן אלטן מארק" לויט י.־ל. פּערעצן. סצענישער טעקסט מיט א פאָרוואָרט און רעזשי־באַמערקונגען.

142. „באַנאַכט". בילד פון ר. פאַלק (ק).

„די רויטע וועלט". פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער, ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער צווייוועכנטלעכער זשורנאַל. כאַרקאָוו. 1926. נומ. 2.

143. י. דאָברושין. י.־ל. פּערעצעס „באַנאַכט אפן אלטן מארק". נומ. 4.

144. נ. אויסלענדער. י.־ל. פּערעצעס מייסטערשאַפט. נומ. 7.

145. ה. ק. [הענעך קאַזאַקעוויטש]. י.־ל. פּערעץ (ראַיוינעס).

146. י. נוסינאָוו. פּערעצעס פּובליציסטישע יערושע.

147. נ. אויסלענדער. פּערעצעס וועג.

148. י. דאָברושין. י.־ל. פּערעצעס „באַנאַכט אפן אלטן מארק" אין מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער (דאָס צווייטע אַרטיקל).

149. א. גורשטיין. פּערעצעס ערשטע טריט. (היסטאָריש־ליטעראַרישער עטיוד). אפן שאַרבלאַט: פּערעצעס פּאָרטרעט (סקולפּטור) פון קינסטלער קראַטקאָ. נומ. 8.

150. ל. שור. בא פּערעצן אין שטוב. זיכרוינעס און איינדרוקן וועגן י.־ל. פּערעצן. געווידמעט זיין צענטן יאָרצייט.

„שטערן". ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל. מינסק, פ״ג „שול און בוך", 1925. נומ. 1.

151. א וווּראַרקע. ריכטיקס און פאַלשס וועגן י.־ל. פּערעצן. „צייטשריפט". בוך 1. מינסק, 1926. 272 ז. (גרויסער פאָרמאַט). — אינסטיטוט פאַר ווייסרוסישער קולטור. יידישע אָפּטיילונג.

152. נ. אויסלענדער. די שעפערישע געשיכטע פון י.־ל. פּערעצעס „שטעט און שטעטלעך": 1. צווישן „כסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן"; 2. פּערעץ און „יוד"; 3. „מיר שווימען צוריק". זז. 61—72.

153. א. גורשטיין. דער איצטיקער צושטאַנד פון פּערעצעס ביאָגראַפיע. זז. 73 — 86.

„די רויטע וועלט", זשורנאַל, כאַרקאָוו. 1926. נומ. 4 (19).

154. ד. וואָלקאָוו. פּערעץ (צו זיין 11־טן יאָרצייט).

155. עלישע ראָדין. זיכרוינעס וועגן פּערעצן.

„ראַטנבילדונג". פּעדאַגאָגישער כוידעש־זשורנאַל. אָרגאַן פון פאָלקאָמבילד פון אוססר. כאַרקאָוו. 1930. נומ. 3.

156. מ. רובילעט. י.־ל. פּערעץ אין דער אַרבעט־שול. (צום 15־טן יאָרצייט).

„די יידישע שפּראַך". זשורנאַל פאַר יידישן שפּראַכוויסן. קיעוו „קולטור־ליגע". — אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור בא דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

1930. נומ. 3־2 (21־22) מארט — יוני.

157. נ. אויסלענדער. וועגן צוויי שטראָמען אין פּערעצעס קינסטלערישער שפּראַך פון די 90־ער יאָרן.

ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך. נומ. 1. אונטער דער רעדאַקציע פון י. ליבערבערג. 1930. צענטערפאַרלאַג מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק. — אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור בא דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. ביבליאָלאָגישע קאָמיסיע. (גרויסער פאָרמאַט).

158. אַרן גורשטיין. הויסאָפּעס און אויסבעסערונגען צו בער באָראָכאָווס „פּערעץ־ביבליאָגראַפיע". זז. 487 — 506. (בער באָראָכאָווס „פּערעץ־ביבליאָגראַפיע" האָט זיך געדרוקט אין מאַנאַטשריפט „ליטעראַטור און לעבן", פ״ג „די נייע יידישע וועלט", ניו־יאָרק, 1915, נומ. 5, זז. 103 — 126.

159. י. רימיניק. ווען האָט פּערעץ אָנגעהויבן שרייבן יידיש. זז. 517 — 518.

160. נ. רובינשטיין. ביאָ־ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן דער פראַגע: ווען איז געבוירן געוואָרן י.־ל. פּערעץ.

„וויסנשאַפט און רעוואָלוציע". „פּערטל יאָרשריפט. פ״ג פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון אוססר, קיעוו (וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון אוססר. אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור). 1934, נומ. 1־2.

161. י. רעזניק. י.־ל. פּערעצעס „באַנאַכט אפן אלטן מארק".

„שטערן". זשורנאַל. מינסק. 1935, נומ. 2.

162. נ. אויסלענדער. וועגן י.־ל. פּערעצעס „מיינע זיכרוינעס". צו דער כאַראַקטעריסטיק פון לעצטן פּעריאָד פון פּערעצעס שאַפן.

נומ. 4. צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון י.־ל. פּערעצעס טויט.

163. פּערעצעס ליטעראַרישע יערושע (ליטאַרטיקל).

164. מאַקס עריק. צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער פּערעץ־געשטאַלט (נאָטיצן).

165. א. גורשטיין. אף דער פּערעץ־טעמע.

166. מ. ווינער. א טראַגישער גורל.

167. ד. קורליאַנד. וואָס אמאָל ווייניקער (וועגן פּערעצן).

„פאָרמעסט" ליטעראַריש־קינסטלערישער כוידעש־זשורנאַל. קיעוו. 1935, נומ. 12.

168. ד. קורליאַנד. אַרום פּערעצעס יאָרצייט. — פּערעץ אין שפּיגל פון דער בורזשואַזער יידישער פּרעסע.

1936, נומ. 5.

169. ד. קורליאַנד. פּערעץ אין די 70־80 יאָרן.

„וויסנשאַפט און רעוואָלוציע". פערטליאָר־שריפט. קיעוו, 1936, נומ. 1 (8).

170. נ. אויסלענדער. י.־ל. פּערעצעס שאַפן אין 1904 (אַן אויסצוג פון א גרעסערער אַרבעט: „י.־ל. פּערעצעס שאַפן אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע").

171. מאַקס עריק. פּערעץ אף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. א קאַפּיטל פון דער פּערעץ־ביאָגראַפיע.

„שטערן”. ליטעראַריש־קינסטלערישער כוידעש־זשורנאַל. מינסק.

1939, נום. 3 — 4.

172. י.־ל. פּערעץ וועגן שאָלעם־אַלייכעמען (איבער־זיכט).

1940, נום. 1.

173. כאַיִם גילדין, זיכרוינעס וועגן פּערעצן און שאָ־לעם־אַלייכעמען.

נום. 2.

174. מוישע טײַטש. אוואנס (זיכרוינעס וועגן פּע־רעצן).

175. ריווקע רובין. י.־ל. פּערעץ. 1851 — 1915.

נום. 3.

176. י. דאָברושין. מיכאָעלס אינעם „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק”.

נום. 10. פּערעץ־נומער (צו זײַן 25־טן יאָרצײַט. מיט א פּערעץ־פּאָרטרעט).

177. ב. מאַרק. פּערעצעס ליטעראַרישע אַנשויוּנגען (לויט זײַנע ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען).

178. י. רעזניק. מאָטיוון פון פּערעצעס נאָוועלן.

179. ד. קורליאַנד. באַנציע שווײַג. געשטאַלט און אידיי.

180. א. אַלבעק. זיכרוינעס וועגן י.־ל. פּערעצן.

181. ראָזע לאַקס־פּערעץ. „די דאַמע באַם מעער” (פּערעצעס טראַגישע ליבע).

182. ייִסראָעל סערעבריאַני. פּערעצעס פּיר ניט פאַר־בליקירטע בריוו צום איבערזעצער יו. פּינוס.

„פּאָרפּאָסט”. ליטעראַריש־קינסטלערישער זשור־נאַל. בירָאָבידזשאַן.

1940, נום. 4.

183. ה. בוידער. י.־ל. פּערעץ.

„זײַ גרייט”. כוידעשלעכער קינדער־זשורנאַל, קיִעוו.

184. ב. סלוצקי. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ.

„בלעטער”. זאַמלונג פון ליטעראַטור און קונסט. ווילנע, 1940.

185. געווידמעט י.־ל. פּערעצן (ק).

„קאָוואַג”. זשורנאַל (אין לעטיש). ריגע.

1940, נום. 4.

186. לייזער לעווין. פּערעצעס אָנדענק.

„סאָוועטישע ליטעראַטור”. קיִעוו. ליטעראַריש־קינסטלערישער און קריטיש־ביבליִאָגראַפישער כוידעש־זשורנאַל. אָרגאַן פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע שרײַבער פון אוקראַיִנע.

1940, נום. 10. פּערעץ־נומער (געווידמעט פּערע־צעס 25־טן יאָרצײַט. מיט א פּערעץ־פּאָרטרעט).

187. דאָוויד האָפּשטיין. צום יובילײ פון י.־ל. פּערעץ (ליד).

188. א. יודיצקי. דער ערשטער וואַריִאַנט פון פּע־רעצעס „די גאָלדענע קייט”.

189. י.־ל. פּערעץ. דער אונטערגאַנג פונעם צאַדיקס הויז. דראַמע אין 4 אַקטן, 8 בילדער. פון העב־רעיִש — א. יודיצקי.

190. א. גאָנטאַר. כ׳זינג איצט דײַנע לידער (ליד).

191. מ. האַרצמאַן. א באַפרײַט געזאַנג. — דײַן בוך (לידער).

192. שאַכנע עפּשטיין. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ.

193. נויעך לוריע. עטלעכע ווערטער.

194. ד. קורליאַנד. צו דער פראַגע וועגן לעגענדאַרע סוזשעטן אין פּערעצעס ווערק („רעב כאַנינאַ בען דויסאַ” — 1891, דער גוילעם — 1894).

195. ב. סלוצקי. פּערעץ און די יונגע שרײַבער (פּע־רעץ דער טאַלאַנטן־זוכער, פּערעצעס קאַמף פאַר גוטער ליטעראַטור).

196. ש. שנייפּאַל. פּערעץ (א בלעטל זיכרוינעס).

197. כ. נאַדעל. פּערעץ דער פאָלקלאָר־זאַמלער.

„אויפבוי”. פּאָליטיש־ליטעראַרישער כוידעש־זשורנאַל. פאַרלאַג „קאַמף”, ריגע.

1940. נום. 2.

198. מ. שאַץ [מ. שאַץ־אַנין]. פּערעץ צערײַסט קייטן און פאַרבינדט דוירעס.

נום. 3.

199. נאַכמען דימענשטיין. זײַן יאָמטעווו לעבט (א ליד פּערעצן).

200. דער 90־יאָריקער יויוול פון י.־ל. פּערעצעס גע־בוירנטאָג.

נום. 8.

201. צוגרייטונגען צו די פּערעץ־פּײַערונגען.

נום. 9.

202. וויכטיקע אַרכיוו־מאַטעריאַלן וועגן פּערעצן.

נום. 11.

203. מ. שאַץ־אַנין. פּערעץ נעכטן און פּערעץ הײַנט.

204. ב. ווײַסמאַן. דער נאָבעלער ריטער פון פּראָ־גרעס און הומאַניזם.

מיכאָעלס (1890 — 1948). זאַמלונג. מ., מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס”, 1948. 175 ז.

205. פּערעץ מאַרקיש. דער אַרטיסט און טריבון זז. 72 — 74.

206. י. דאָברושין. דער עמעסער פאָלקס־אַקטיאָר זז. 132 — 134.

12. ביכער, געווידמעט י.־ל. פּערע־צעס יאָרצײַטן (אין ייִדיש)

207. ליטעראַרישע זאַמלונג „י.־ל. פּערעץ”. פּעטראָ־גראַד, אויסגאַבע פון „די ייִדישע פאָלקס־בלאַט”, 1917 (ק.).

„צום צווייטן יאָרצײַט פון י.־ל. פּערעץ”. זאַמלונג. קיִעוו, פ״ג „דאָס פרײַע וואָרט”, 1917, 10 ז.

208. דער ניסטער. א קאַדיש.

209. מ. ליטוואַקאָוו. י.־ל. פּערעץ און דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט.

210. י. דאָברושין. פּערעצעס מײַסעלעך.

211. נ. מײַזיל. פּערעץ מיט אונדז.

212. ד. בערגעלסאָן. י.־ל. פּערעץ.

213. שימוינִי (שימעון דאָבין). פאַרוואָס?

214. צום אָנדענק פון י.־ל. פּערעץ (צו זײַן דריטן יאָרצײַט. 1918). (ק).

צום אָנדענק פון י.־ל. פּערעץ. צו זײַן פינפטן יאָרצײַט. אַרויסגעגעבן דורך דער ייִדישער סעקציע באַם „גובנאַראָבראַז” [גובערניִאַלער בילדונגס־אָפּ־טייל]. אָדעס, 1920. 32 ז. + 1 בל. פּאָרט. הילע פון י. אַפּטער.

215. י. איידלמאַן. צווישן צוויי בערג.

216. ב. עפּלבוים. אונדזערער.

217. א. קאַגאַנאָווסקי. בא זײַן צוקאָפּנס.

218. מ. יאָפּע. עס האָט געלעבט א מאַן.

219. וו. לאַנדוי. דער ריטער פון צופאַל.

220. י.־ל. פערעץ. צוויי ברידער (פון א „פרעמדן כופּע־קלייד“. אין פּערזן).

221. א. שטיינמאַן. י.־ל. פּערעץ.

222. מ. ספּעקטאָר. אין צענטן פּאַווילִיאָן (פון מײַנע זיכרוינעס).

223. וויקטאָר. די פרוי בא פּערעצן.

224. א. י. „זײַן אײדלסטע מאַכשאָווע“.

225. פּערעצעס געדאנקען און אפאָריזמען.

226. וועגן פּערעצן (אויסצוגן פון ש.־אַנ־סקי, ד. בערגעלסאָן, צווי הירשקאָן, ש. ניגער, באַל־מאַכשאָוועס, י. פיכמאַן, בען־נאָסן).

227. פאַטאָס: י.־ל. פּערעץ אפן טויטן־בעטן; י. דינעזאָן באם טויטן־בעט פון י.־ל. פּערעץ; י.־ל. פּערעץ בא דער ארבעט.

י.־ל. פּערעץ. זאמלונג. צום זעקסטן יאָרצײַט. 1915—1921, זשיטאָמיר, וואָלינער גובערניע. ייִדישע בילדונגס־סעקציע. 1921. 24 ז.

228. י.־ל. פּערעץ. ברידער (ליד).

229. י.־ל. פּערעץ און זײַנע ווערק.

230. י. כאַיִט. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ.

231. ל. ל. י.־ל. פּערעץ און די פּראָבלעמען פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

232. א. מ. העלמאָנד. פּערעץ און דאָס ייִדישע קינד.

233. פּ. ש. פון דיר, מיט דײַן הילף, פון דיר דערציילט.

234. א. מאָרדיש. זיכרוינעס וועגן פּערעצעס טויט. צום אָנדענק פון י.־ל. פּערעץ. זאמלונג. וויטעבסק, גובפּאָליט־אָפּטייל, ייִדישע אָפּטיילונג. 1921, 16 ז.

235. י.־ש. לעמאַן. י.־ל. פּערעץ און זײַן עפּאָכע.

236. א. ר. צווײַג (אײַזיק ראָזענצווײַג). „אויב ניט נאָך העכער“...

237. א. סאפראָ. דער נאָווי פון ערגעץ־לאַנד.

238. מ. בלעכמאַן. פאַרן אָנהייב.

239. י. זײַדענוואָר. זיכרוינעס וועגן י.־ל. פּערעצן (פּערעץ בא דער ייִדישער ארבעטער־יוגנט. — פּערעץ אף א פאַרזאמלונג לעקאָוועד דעם פּרויען־טאָג).

י.־ל. פּערעץ. זאמלונג. צו זײַן 7־טן יאָרצײַט. מינסק „קולטור־ליגע“, 1922, 64 ז. (אוניווערסאלע ביבליאָטעק נומ. 1).

240. ש. אַנ־סקי. „פּערעץ איז אוועק פון אונדז. ער האָט איבערגעלאָזט א גרויסע און אומשטערבלעכע ירושע. אָבער די שענסטע, די איידלסטע. די מוזיקאַלישע פּאָעמע — פּערעצן אליין — האָבן מיר פאַרלאָרן“.

241. א. פראנקפורט. פּערעץ דער פרײַהײַטס־דיכטער. (אָנשטאָט א האקדאָמע).

242. ל. קוויטקאָ. י.־ל. פּערעץ (ליד).

243. דאָוויד בערגעלסאָן. רעוואָליוציאָנערער גײַסט.

244. באַל־דימיען [נאָכעם שטיף]. די פּאָן.

245. אורי פינקעל. פּערעץ און דער ארבעטער.

246. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. י.־ל. פּערעץ (ליד).

247. סאָרע רייזען. דער ווירקער.

248. זעליק אקסעלראָד. פּערעצן (ליד).

249. ש. ראָסין. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ (ליד).

250. ייִדישע קריטיקער און שרײַבער וועגן פּערעצן: א) ווער איז פּערעץ? 1. ש. אַנ־סקי. בא פּערעצן אין קאַבינעט. — פּערעצעס באַציִונג צו „גוטע־ייִדן“. — פּערעץ לײַדט ניט פאַלשע מענטשן. 2. ש. ניגער. פולגעבנדיקע פּערזענלעכקײַט. ב) וויִאַזוי האָט פּערעץ געשריבן?: 1. ש. אַנ־סקי. וויִאַזוי ער פלעגט שאַפן פאָלקסטימלעכע געשיכטן? — זיבן און זעכציק מאָל איבערגעשאַפן. 2. באַל־מאַכשאָוועס. פּערעץ און זײַן „גאָלדענע קייט“. 3. ש. ניגער. דער אָטעם פון פּערעצעס זאָץ־סטיל. — דיִאַלאָג: פרײַהײַט דער ייִדישער שפּראַך. ג) פּערעץ אייראָפּעיִזירט די ייִדישע ליטעראַטור: 1. ש. אַנ־סקי. פּערעץ און דינעזאָן. — זײַנע ווערק באַצויבערן די ייִדישע אינטעליגענץ. 2. ש. ניגער. זײַן וואָרט א רינג אין דער קייט. 3. פּערעץ און די ייִדישע שרײַבער. 1. ש. אַנ־סקי. דער דערציִער פונעם יונגן דאָר שרײַבער. 2. באַל־מאַכשאָוועס. אונדזער רעבעניו.—פּערעץ ציט צו נײַע מיטארבעטער. 3. ש. ניגער — פּערעץ און ייִדיש. — פּערעץ און העברייִש. — פּערעץ און דער לייענער.

13. וועגן י.־ל. פּערעצן אין רוסישע אויסגאבן

צום אָנדענק פון י.־ל. פּערעצן. אויסגאבע פון ייִדישן אָפּטייל פון פּאָלאָצקער אופּאָליטפּראָסוועט. 27 אפּרעל 1921, 20 ז.

251. *** 19־טער ניסן 1915 — 19־טער ניסן 1921.

252. יא. בליאכאָוו. כסידיש אין פּערעצעס שאַפונג.

253. יו. דאַרדיק. „דערנידעריקטע און באַליידיקטע“.

254. ל. נ. ראָם. פּערעצעס וועלט־באַנעם.

255. ש — — — פּערעץ. זײַן באַדײַטונג אין דער אנטוויקלונג פונעם געזעלשאַפטלעכן און רעוואָליוציאָנערן ייִדישן געדאַנק.

256. שיגאַן. דערינערונגען.

„יעווריייסקאיא לעטאָפּיס“. לענינגראַד, 1924, ב. III.

257. מ. ריוועסמאַן. דערינערונגען און באַגעגענישן מיט י.־ל. פּערעצן. 1877 — 1915. זז. 77־80.

„דרוזשבאַ נאַראָדאָוו“. אַלמאַנאַך פון קינסטלערישער ליטעראַטור פון די פעלקער פון פססר. מאָסקווע, 1940, נומ. 5.

258. שאַכנע עפּשטיין. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ (צום 25־טן יאָרצײַט). זז. 336 — 346.

„טרידצאַט דניי“. אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר. מאָסקווע, 1940. נומ. 9־10.

259. שאַכנע עפּשטיין. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ (צו זײַן 25־טן יאָרצײַט). זז. 44—45.

260. יא. דאַקמאַן. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ (צום 90־טן געבורטסטאָג). זז. 58—59.

„זנאַמיאַ“. ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל. מאָסקווע. 1941. נומ. 5.

261. ר. רובין. י.־ל. פּערעץ (צום 90־טן געבורטסטאָג). זז. 243—245.

„אָקטיאַבער“. ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל־מאָסקווע, 1941. נומ. 5.

262. שאַכנע עפּשטיין. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ (צום 90־טן געבורטסטאָג). זז. 213—214.

א. גרינוואַלד. מיכאָעלס. קריטיש־ביִאָגראַפישע עסיי. מאָסקווע, מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס“, 1948, 95 ז.

263. מיכאָעלס אין דער ראָל פון באַדכן אינעם ספּעקטאַקל פון י.־ל. פּערעצעס „באַנאַכט אפן אלטן מאַרק“. זז. 34 — 37.

א. גורשטיין. אויסגעוויילטע ארטיקלען. מאָסקווע, „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1959, 255 ז.

264. וועגן פערעצן זע זז. 140, 153, 157.

ס. מ. מיכאעלס. ארטיקלען, שמועסן, רעדעס. מאָסקווע, מעלוכע־פארלאג „איסקוסטוואָ", 1960. 298 ז.

265. י.־ל. פערעץ. באם פאקיר. זז. 156—161.

אי. דרוקער. קלעזמער. ראָמאַן. מאָסקווע, „סאָוועטסקי פיסאטעל", 1964. 282 ז.

266. צוגאסט בא פערעצן. זז. 252—265 און 276—282.

י. סערעבריאַני. מיטצײַטלער און קלאסיקער. אַרטיקלען און פּאָרטרעטן. אוטאָריזירטע איבערזעצונג פון ייִדיש א. בעלאָוו. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל".

267. וועגן פערעצן זע זז.: 46, 48, 106, 115, 137, 141, 145, 148—149, 155, 170, 180, 229—231, 239, 248.

14. ליטעראַריש־קינסטלערישער קוידעש־זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"

1961, נומ. 2.

268. ריווקע רובין. ארום בערגעלסאָנס פּראָזע. זז. 119. נומ. 3.

269. יאנקעוו שטערנבערג. אן אָנהייב פון א שמועס. ז. 122.

270. א. רובינשטיין. מאקסים גאָרקי און י.־ל. פערעץ. זז. 109—110. נומ. 4.

271. נאָכעם אויסלענדער. איך בעט א וואָרט. זז. 116—118. 1963, נומ. 3.

272. יאנקעוו לוואָווסקי. דער ניסטער אין זײַנע יוגנט־יאָרן. ז. 109. נומ. 4.

273. ארן ווערגעליס. די גאָלדענע קייט פון דער ייִדישער ליטעראטור. זז. 102, 104.

נומ. 5.

274. מוישע נאַטאַנוויטש. אין שעפערישן אומרו. זז. 122—123.

1964, נומ. 1.

275. נאָטיצן אפן קאלענדאר. צום 70־טן יאָרטאָג פּרעם דערשײַנען פון פערעצעס „יאָמטעוו־בלעטלעך". ז. 160.

1965, נומ. 1.

276. ארן ראַסקין. א בלעטל פערעץ־פּובליציסטיק (צו י.־ל. פערעצעס 50־טן יאָרצײַט) זז. 137—142.

נומ. 4.

277. אויזער האַלדעס. אונדזער פערעץ. זז. 128—135 (מיט א פּאָטאָ: י.־ל. פערעץ).

1965, נומ. 5.

278. מוישע אלטמאן. מאָניש. לויט די מאָטיוון פון י.־ל. פערעץ. א פאָלקס־שפּיל אין 4 אקטן און 7 בילדער. זז. 62—94.

279. ייסראָעל סערעבריאַני. א וויכטיקער בײַטראָג אין דער פערעץ־פאָרשונג זז. 130—132.

280. הערש רעמעניק. י.־ל. פערעץ און שאָלעם־אַלייכעם. ליטעראטור־היסטאָרישער עטיוד (סאָף פונעם ארטיקל אין נומ. 6, ז. 141—145). זז. 133—139.

281. כ. נאַדעל. צו דער פערעץ־בלבליאָגראַפיע. זז. 140—141.

282. ארטור קאַלניק. דרײַ גראַוויורן. ליטאָגראַפיעס פונעם אלבאָם „א גילגל פון א ניגן" לויט י.־ל. פערעצן. 2 בל.

283. כראָניק. „אין צוזאמענהאנג מיט י.־ל. פערעצעס 50־טן יאָרצײַט". ז. 132.

נומ. 7.

284. עליע ספּיוואַק. י.־ל. פערעץ און די ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך. זז. 138—145.

נומ. 8.

285. נ. אויסלענדער. פערעצעס פּאָעמעס. זז. 145—152.

נומ. 11.

286. יעשועו ליובאָמירסקי. י.־ל. פערעץ און דער ייִדישער טעאטער. זז. 146—150.

נומ. 12.

287. אירמע דרוקער. זינגען מוזן אלע. זז. 84—92 (פאָרזעצונגען אין די נומערן 2 און 5 פון 1966). (פאָטאָ: י.־ל. פערעץ און יאנקעוו דינעזאָן).

1966, נומ. 2.

288. הערש רעמעניק. פּאָלעמישע נאָטיצן. זז. 148—155.

נומ. 5.

289. הערש רעמעניק. ליכטיקע באגאבונג. זז. 148—149.

1966, נומ. 7.

290. מ. ראָזענהויז. א פּאָר באמערקונגען צו אן אינטערעסאנטער אויסשטעלונג. ז. 142.

נומ. 8.

291. פונעם פאָרוואָרט צו מוישע טייפס פּרײַער איבערזעצונג פון „שיר־השירים".

„שיר־השירים" איז איינער פון די שענסטע דענקמעלער פון דער ביבלישער דיכטונג, וואָס האָט שטענדיק צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאמקייט פון פאָרשער, שרײַבער און קינסטלער פון פארשיידענע פעלקער.

„מע האָט דאָס נאָך פארשלייערט — שרײַבט י.־ל. פערעץ — אין א רעליגיעז־סימבאָלישן שלייער; מיר נעמען אים אראָפּ און עס פאלט א רעטראָספּעקטיווער פלאם אָף א גאנצן אונדז אומבאקאנטן ווינקל פון אלט־העברעישן לעבן — א לעבן פון נאטור". ז. 107.

292. מענדל גאָרשמאַן. אילוסטראציע צו י.־ל. פערעצעס דערציילונג „שאָלעם־באַיס" (ליטאָגראַפיע).

נומ. 9.

293. מוישע נאַטאַנוויטש. ארן גורשטיין — דער מענטש און שרײַבער. ז. 138.

294. הילעל אלעקסאנדראָוו. א בריוו פון י. דינעזאָן. זז. 132—133.

1967, נומ. 2.

295. ארן ווערגעליס. מיט וואָס איז לעבעדיק די ייִדישע ליטעראטור. ז. 124.

נומ. 4.

296. קאָמענטארן פון רעדאקציע. ז. 147.

נומ. 8.

297. עליע ספּיוואַק. מענדעלעס נוסעך, ז. 137.

1968, נומ. 1.

298. יאנקעוו שטערנבערג. מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם, פערעץ. זז. 128—136.

נומ. 3.

299. י.־ל. פערעץ וועגן גאָרקיס „נא דניע". זז. 8—10.

300. הערש־דאָוויד נאָמבערג וועגן פערעצן און גאָרקי

קין, ז. 10.

301. לעאָניד פּאַרבער. ייִדישע בעלעטריסטן אין דער צייטונג „ניזשעגאָראָדסקי ליסטאָק" (1901—1903). זז. 24—25.

נומ. 9.

302. אַרן ראַסקין. פּערעץ און ביאַליק. זז. 143—146. 1969, נומ. 2.

303. אַרן ראַסקין. אַ וויכטיקע דערשיינונג. זז. 139—140.

נומ. 10.

304. אַרן ראַסקין. י.־ל. פּערעץ: „אונדזער איידעאַל איז אינטערנאַציאָנאַל" (וועגן פּערעצעס ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויונגען). זז. 134—141.

נומ. 11.

305. נאָכעם אויסלענדער. ניסטער דער דיכטער. ז. 72.

נומ. 12.

306. פּאָטאָ: דאָוויד בערגעלסאָן, י.־ל. פּערעץ און דאָוויד איינהאָרן אין וואַרשע, 1909. ז. 149.

1970, נומ. 2.

307. אַרן ראַסקין. דער שעפערישער וועג פון אַ קריטיקער (צו י. נוסינאָווס 80־טן געבורטסטאָג). ז. 127.

נומ. 3.

308. דאָוויד בערגעלסאָן. מיכאָעלס (עטיודן). ז. 128.

נומ. 8.

309. יאַנקעוו שטערנבערג. ווידעראַמאָל: י.־ל. פּערעץ (אַ פּאָפּולערער, נאָר דערפאַר ניט וויניקער נייטיקער שמועס). זז. 115—122.

נומ. 10.

310. מוישע שאַפּירע. עליע ספּיוואַקס ביישטײַער צו דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפט. ז. 141.

נומ. 12.

310. פּערעצעס דערציילונגען אין דײַטש. ז. 191.

311. ייסראָעל סערעבריאַני. ער האָט געקענט די שווערסטע שאָ פאַרגרינגערן. ז. 154.

1971, נומ. 5.

312. מ.שאַק־אַנין. אַף מײַן לעבנס־וועג. ז. 141.

נומ. 7.

313. אַרן ראַסקין. אונדזער גאָב דער קלאַסישער ליטעראַרישער ירושע. זז. 90—93.

1972, נומ. 2.

314. אַרן ווערגעליס. שיילעס און טשוּוועס. ז. 157.

נומ. 5.

315. ביניאָמין שוואַרצער. פאַרבליבן אין זיקאָרן. זז. 153—154.

316. פאָרוואָרט צו י״ל. פּערעצעס עסיי „וועגן יאַנקעוו דינעזאָן". ז. 166—169.

1973, נומ. 1.

317. אַרן ראַסקין. כ״נ. ביאַליק אין זײַנע בריוו און געשפּרעכן. ז. 179.

נומ. 6.

318. ביניאָמין שוואַרצער — פאַרבליבן אין זיקאָרן. ז. 152.

1974, נומ. 2.

319. הערש רעמעניק. פּראָבלעמען פון דער הײַנט־צייטיקער ייִדישער ליטעראַטור. זז. 146—154.

נומ. 3.

320. עליע פאַלקאָוויטש. וועגן דעם כאָווער זאַבאַראַס באַמערקונגען. ז. 130.

321. הערש אינגער. איליוסטראַציע צו י.־ל. פּערעצעס דערציילונג „דער מעשוגענער באַטלען".

נומ. 5.

322. אַרן ווערגעליס. די ייִדישע ליטעראַטור איז ניט קיין ליטעראַטור פונעם נעכטן. ז. 26.

נומ. 8.

323. אַרן ראַסקין. נײַע לעבנס־פאָרמען — נײַע קונסט. זז. 155, 158.

נומ. 9.

324. הערש רעמעניק. אַ קלאַסיקער פון קינסטלערישער פּראָזע. שטריכן פון רעאַליסטישן סטיל. ז. 145.

15. וועגן י.־ל. פּערעצן אין רוסישע ענציקלאָפּעדיעס

325. ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע. מאָסקווע, 1934, ב. 8, זז. 538—542.

י. נוסינאָוו. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ.

326. קליינע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע. מאָסקווע, 1959—1960. 3־טע אופלאַגע. ב. 7, זז. 44—45.

327. פּערעץ ייִצכאָק־לייבוש (לעאָן פּערעץ).

328. ענציקלאָפּעדישער ווערטערבוך פון דעם רוסישן ביבליאָגראַפישן אינסטיטוט גראַנאַט. 11־טע סטערעאָטיפּישע אופלאַגע. ב. 31, זז. 554—555.

פּערעץ לעאָן (איסאַאַק לייב).

329. ענציקלאָפּעדיש ווערטערבוך אין 2 בענדער. מאָסקווע, 1964, ב. 2, ז. 137.

פּערעץ ייִצכאָק־לייבוש (לעאָן פּערעץ).

330. קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע. מאָסקווע, 1964, ב. 2, ז. 854. הערש רעמעניק. די נײַע און די נײַסטע ייִדישע ליטעראַטור.

331. טעאַטראַלע ענציקלאָפּעדיע. מאָסקווע, 1965, ב. 4. ז. 313.

פּערעץ ייִצכאָק־לייבוש.

332. קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע. מאָסקווע, 1968, ב. 5, ז. 672—673.

ריווקע רובין. פּערעץ ייִצכאָק־לייבוש.

333. אוקראַאינישע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע. קיִעוו, 1963, ב. 2, ז. 70.

פּערעץ ייִצכאָק־לייבוש יודאָוויטש.

אייניקע באַמערקונגען

1. אין די פילצאָליקע ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיעס פאַר דער מיטלשול, דערשינענע באַ אונדז אין לאַנד, זײַנען געדרוקט י.־ל. פּערעצעס ווערק. אין אונדזער איצטיקער אַרבעט ווײַזן מיר זיי ניט אָן.

2. אין די „פּרסומים" (פּובליקאַציעס), וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן אין טעל־אָוויוו, איז י.־ל. פּערעץ פאַרטראָטן סאַכאַקל מיט 14 ווערק אין אַ בוכפאָרם, דערשינענע אין ייִדיש און העברעיִש. 55 ווערק אין אַ בוכפאָרם אין ייִדיש זײַנען אין די „פּרסומים" ניטאָ... באַם פאָרשן פּערעצעס ווערק, דערשינענע באַ אונדז אין לאַנד, מוז מען דאָס נעמען אין אַכט.

■ ■ ■

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

בעריאָזקין, הירש (1918)

— ליטעראַטור־קריטיקער. געבוירן אין מאָלעוו, פארענדיקט דעם מינסקער פעדאגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1935. פארעפנטלעכט א ריי ארטיקלען וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור (וועגן פעפערן, פינינבערגן, הארצמאנען און אנד). שפעטער אָנגעהויבן שרײַבן וועגן דער ווײַסרוסישער סאָוועטישער ליטעראטור. אַף ווײַסרוסיש זײַנען אין א בוך־פאָרם דערשינען זײַנע ליטעראַריש־קריטישע און ליטעראטור־פאָרשערישע ארבעטן „פאָעזיע פון עמעס” (1958), „צײַט־מיטגייער, געשפרעך וועגן פאָעזיע” (1961); אַף רוסיש איז דערשינען דער קריטיש־ביִאָגראפישער עטיוד „ארקאדי קולעשאָוו”. אין „סאָוועטיש היימלאנד” האָט בעריאָזקין פארעפנטלעכט ארטיקלען וועגן מאָטל גרוביאן, אײַזיק פלאטנער.

בערעגאָווסקי, מוישע (1892 — 1961)



— פאָלקלאָריסט, מוזיקער. געבוירן אַף דער סטאנציע טערמאכאָווסקאיא (קיִעווער געגנט); אין 1905 אריבערגעפאָרן קיין קיִעוו און עקסטערן געענדיקט א גימנאזיע. פון 1910 אָנגעהויבן לערנען מוזיק, געשפילט אַף א וויִאָלאָנטשעל. שטודירט אין דער קיִעווער (1922 — 1915) און אין דער לענינגראדער (1924 — 1922) קאָנסערוואטאָריעס. געארבעט אלס לערער פון מוזיק און מוזיקאלישן פאָלקלאָר אין די ייִדישע שולן אין קיִעוו, לענינגראד, אין דער ייִדישער מוסטער־שול פון דער מאלאכאָווקער קינדער־קאָלאָניע (1926 — 1924). אין די יאָרן 1936 — 1930 איז ער געווען א מיטגליד פונעם קינסטלערישן ראט פון דער קיִעווער ייִדישער קאפעלע „ייִדוואָקאנס” (ייִדישער וואָקאלער אנסאמבל), אָנגעפירט מיט דער עטנאָגראפישער סעקציע און מיטן קאבינעט פאר מוזיקאלישן פאָלקלאָר באם אינסטיטוט פון ייִדישער קולטור בא דער אלוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. שפעטער פארוואלטער פון דער פאָלקלאָר־סעקציע פונעם קאבינעט פאר דערלערנען די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור, שפראך און פאָלקלאָר בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוסער (1937—1948). אין 1944 איז אים צוגעייגנט געוואָרן דער וויסנשאפטלעכער טיטל קאנדידאט פון מוזיקאלישע וויסנשאפטן. מוישע בערעגאָווסקי האָט נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן געזאמלט און פארשריבן ייִדישע פאָלקס־לידער. ער האָט פאר זײַן שעפעריש לעבן צונויפגעזאמלט העכער דרײַטויזנט מוזיק־אײַנסן פון ייִדישן פאָלקלאָר (לידער, ניגונים).

ווערק: „צו די אופגאבן פון ייִדישער מוזיקאלישער פאָלקלאָריסטיק”, אין דער זאמלונג „פּראָבלעמען פון פאָלקלאָריסטיק”, קיִעוו, 1932; „ייִדישער מוזיק־פאָלקלאָר”, ב. 1, אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע פון מ. ווינער, מאָסקווע, 1934; „קעגנזײַטיקע ווירקונגען צווישן דעם אוקראַיִנישן און ייִדישן מוזיק־פאָלקלאָר”, זשורנאל „וויסנשאפט און רעוואָליוציע”, קיִעוו, אפּרעל — יון, 1935, נום. 6—2; „ייִדישע אינסטרומענטאלע פאָלקס־מוזיק”, קיִעוו, 1937; „ייִדישע פאָלקס־לידער” מיט נאָטן (צוזאמען מיט י. פעפערן), קיִעוו, 1938; „ייִדישע קלעזמער, זייער שאפן און שטייגער”, אלמאנאך „סאָוועטיש”, נום. 12, מאָסקווע, 1941; „ייִדישער פאָלקלאָר ביז דער אָקטיאבער־צײַט” (פּראָיעקט, קאבינעט פאר ייִדישער קולטור בא דער אוקר. וויסנשאפט־אקאדעמיע), אופא, 1942; „וועגן דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליד”, „אייניקײַט”, 4 סענטיאבער, 1947. עס זײַנען אויך באקאנט בערעגאָווסקיס ארבעטן, פארטיקע צום דרוק: „ייִדישער מוזיק־פאָלקלאָר”, ב. 2 און „ייִדישע פאָלקס־טענץ”. א ריי ארבעטן בערעגאָווסקיס זײַנען געשריבן און פארעפנטלעכט אין רוסיש און אוקראַיִניש.

ביבליִאָגראפיע. א. בלאָנדער, „א בוך, וואָס מע דארף פּאָפּוליאריזירן”, צײַטונג „שטערן”, כארקאָוו, 1934, נום. 151; ד. קורלאנד, „פון פולן הארצן”, זשורנאל „סאָוועטישע ליטעראטור”, נום. 8, קיִעוו, 1940; א קאהאן, „ייִדישע שפראך־קענער בא דער ארבעט”, צײַטונג „אייניקײַט”, מאָסקווע, 5 אפּרעל, 1943; כ. לויצקער, „צוויי ייִדישע וויסנשאפטלעכע דיסערטאציעס”, „אייניקײַט”, 10 פעווראל, 1944; י. נוסינאָוו, „די סאָוועטישע ייִדישע קולטור”, „אייניקײַט”, 8 נאָיאבער, 1944; „ייִדישער פאָלקלאָר”, „אייניקײַט”, 1945.

בורג, יויסעף (1912)

— פּראָזאַיקער. געבוירן אין שטעטל ווישניצע (טשערנאָוויצער געגנט) אין א פאַמיליע פון פליטן־טרײַבער. געלערנט אין א פאָלקס־שול. פון 1935 ביז 1938 געלעבט אין ווין, שטודירט אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט גערמאַניסטיק. דעבּיוטירט אין 1934 מיט א דערציילונג „אויפן ספּלאָוו", אין די „טשערנאָוויצער בלעטער", ווו עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון פליטן־טרײַבער. בײַס דער פאַטערלענדישער מילכאָמע געלעבט אַף אוראַל (טשעליאַבינסק), זיך פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט.

יויסעף בורג האָט פּובליקירט זײַנע ווערק אין די „ליטעראַרישע בלעטער", „די וואָך", „שויבן" (ביז דער מילכאָמע). נאָך דער מילכאָמע פּובליקירט ער זײַנע דערציילונגען אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

ווערק: „אויפן טשערמוש", דערציילונגען, בוקאַרעשט, 1939. „סאַם", א זאַמלונג נאָוועלן, טשערנאָוויץ, 1940.

ביבליאָגראַפיע. מוישע שימל, „א בוך פון אויסלאַנד", צײַטונג „הײַנט", וואַרשע, 1939; שלוימע ביקל „דער דערציילער יויסעף בורג", אין בוך „רומעניע", בוענאָס־איירעס, 1961; „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 1, 1967, מאַטעריאַלן צום 60־טן געבוירנטאָג; מוישע גלייזער — צום 60־טן געבוירנטאָג פון יויסעף בורג, צײַטונג „פאָלקס־שטימע", נום. 20, 1972; נאַטאַן מאַרק, „יידישע ליטעראַטור אין רומעניע פון איר אָנהייב ביז 1968", טעל־אַוויוו, 1971; דער זעלבער, „ספרות יידיש ברומניה", תל־אביב, 1973.

בראַכמאַן, אַלעקסאַנדער (1897 — 1942)

— פּובליציסט, פּעדאַגאָג. געבוירן אין האָמעל, געענדיקט דעם מײַרעוו־אוניווערסיטעט אַף מאַרקסלעווסקיס נאָמען אין מאָסקווע, געלייענט לעקציעס איבער געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלינען אין מאָסקווער הויכשולן. בראַכמאַן האָט פאַרעפנטלעכט א ריי אַרטיקלען איבער סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָגן און וועגן יידישער ליטעראַטור אין די זשורנאַלן „פּאַרפאָסט", „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע" און אַנד. אין 1942 יאָר איז ער אומגעקומען אַפן פראָנט אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

ווערק: „עקאָנאָמישע געאָגראַפיע" (אינאיינעם מיט י. זשיוו), כרעסטאָמאַטיע, מאָסקווע, 1928; „קלאַסנקאַמף", כרעסטאָמאַטיע (אינאיינעם מיט ג. טאָמסינסקי און ש. פאַלאַטניק), מאָסקווע, 1928; „א יאָר אַרבעט פון דער געזעלשאַפט צו שטודירן די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע". „צײַטשריפט", ב. 2—3, מינסק, 1928; „ביבליאָגראַפיע צו דער שפּראַך־באַראַטונג", זשורנאַל „אַפן שפּראַך־פראָנט", נום. 3—4, קיִעוו, 1935.

בראָמבערג, דאָוויד (1915)

— דיכטער. געבוירן אין הײַסין (אוקראַיִנע), אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1932 אין „זײַ גרייט", „פּאַרמעסט". פאַרעפנטלעכט לידער אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אין מעשעך פון די לעצטע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר. דער הויפּט־זשאַנער פון זײַן דיכטונג איז די ליריש מיניאַטיור, אין וועלכער עס ווערן פאַרקערפּערט אויך הײַנטצײַטיקע סאָציאַלע פּראָבלעמען. בראָמבערגס לידער זײַנען דערשינען אין א באַזונדערער זאַמלונג אין דער רוסישער איבערזעצונג.

ביבליאָגראַפיע. הערש רעמעניק, „מיטן אייגענעם גאַנג", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 11, פאַרן 1975. אַווראָם דאָברינקי, „דער פּאָעט דאָוויד בראָמבערג", „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, 29 נאָיאַבער, 1975.

בראַנפּמאַן, איציק (1912)

— דיכטער, געבוירן אין שטעטל כאַשטשעוואַטע (אוקראַיִנע). איינער פון די ערשטע איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן, ווו ער האָט געאַרבעט אלס טראַקטאָריסט און געהילף־מאַשיניסט אין לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָ. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין יאָר 1929. פאַרעפנטלעכט לידער און לידער־ציקלען אין צײַטונגען און זשורנאַלן וועגן דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישערווירקלעכקײַט · און וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועגן דעם לעבן און די אויפטוען פון די סאָוועטישע מענטשן אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

ווערק: „אַף ליכטיקע וועגן", לידער, ביראָבידזשאַן, 1948.

ביבליאָגראַפיע. יִסראָעל סערעבריאַני, „דער דיכטער איציק בראַנפּמאַן". פון דער סעריע „סילועטן פון אייניקע ביראָבידזשאַנער יידישע שרײַבער־טוישווים", „פאָלקס־שטימע", וואַרשע 31 יאַנוואַר, 1976. י. דאָברושין, „אייניקײַט", מאָסקווע, 18 נאָיאַבער, 1948; נ. פרידמאַן, „אייניקײַט", מאָסקווע, 17 מײַ, 1947.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Ш. Ан-ский (1863—1920)

Портной

Дом мал, дом стар,
в каждом углу сор и грязь.
Темно, грустно и холодно.
Больной портной сидит и шьет.
Портной шьет,
игла идет,
мозг (голова) кружится:
велика нужда —
нет хлеба, нет хлеба.
— Что делаешь, портной, на свете?
— Живу! — ужасный холод
охватывает сердце: проклятая нужда!
Если это жизнь, то что же смерть?

ש. אנ־סקי (1920 — 1863)

דער שנײַדער

די שטוב איז קליין, די שטוב איז אלט,
אין יעדן ווינקל מיסט און קויט.
ס'איז פינצטער, אומעטיק און קאלט.
א קראנקער שנײַדער זיצט און נייט.
דער שנײַדער נייט,
די נאָדל גייט,
דער מויעך דרייט:
ס'איז גרויס די נויט —
ניטאָ קיין ברויט, ניטאָ קיין ברויט.
— וואָס טוסטו, שנײַדער, אַף דער וועלט?
— „איך לעב". — א שוידערלעכע קעלט
נעמט אָן באם הארץ: פארפלוכטע נויט!
אז דאָס הייסט לעבן, וואָס איז טויט?

И.-Л. Перец (1852—1915)

Три швеи * (отрывки)

Глаза красные, губы сини(е),
ни капли крови в щеке,
лоб бледен, покрыт потом,
дыхание прерывисто и горячо —
сидят три девушки и шьют...

Игла — блеск, полотно — снег.
А одна думает: я шью и шью,
шью днем, шью ночью,
подвенечного платья себе не сделала,
что толку, что шью?

Вторая думает, я шью и строчу,
выстрачиваю себе лишь седые косы!
Голова горит, в висках стучит,
а машина пристукивает к такту:
та-та, та-та, та-та!

י.־ל. פערעץ (1915 — 1852)

דרײַ נייטערנס (פראגמענטן)

די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באק נישטאָ,
דער שטערן בלאס, באדעקט מיט שוויס,
דער אָטעם אָפּגעהאקט און הייס —
עס זיצן דרײַ מיידלעך און נייען...

די נאָדל — בלאנק, דער לײַוונט — שניי
און איינע טראכט: איך ניי און ניי,
איך ניי באטאָג, איך ניי באנאכט,
קיין כופּעקלייד זיך נישט געמאכט,
וואָס קומט ארויס, איך ניי?

די צווייטע טראכט, איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס נאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — זי האקט,
און די מאשין קלאפּט צו צום טאקט:
— טא־טא, טא־טא, טא־טא!

Платье, одежда

Одежда	דער בעגעד
Одежда	דער (דאָס) מאלבעש־ מאלבושים
Бельё	דאָס וועש, דאָס גרעט
Рубаха, сорочка	דאָס העמד — ער
Рубаха нижняя	דאָס אונטערהעמד־ער
Рубаха верхняя	דאָס אייבערהעמד־ער
Рубашка	דאָס העמדל־עך
Бюстгалтер	דער ביוסטהאלטער־ס
Бюстгалтер	דער ברוסטהאלטער־ס
Трусики	(די) טרוסיקעס
Кальсоны	(די) גאטקעס
Кальсоны	(די) טאכטוינים
Брюки, штаны	(די) הויזן
Жилет	דער זשילעט־ן
Жилет	דער וועסט־ן, דאָס וועסטל־עך
Воротник	דער קאָלנער־ס
Воротник	דער קראגן־ס
Галстук	דער שניפּס־ן
Галстук	דער אויסבינדער־ס
Пиджак	דער פּידזשאק־עס
Тужурка	די טוזשורקע־ס
Френч	דער פרענטש־ן
Куртка	די קורטקע־ס
Куртка	דאָס רעקל־עך

בגאָדים

Куртка, пиджак	די מארינארקע־ס
Халат	דער כאלאט־ן
Костюм	דער קאָסטיום־ען
Костюм	דער אַנצוג־ן
Блузка	די בלוזקע־ס
Платье	דאָס קלייד־ער
Платье	דאָס קליידל־עך
Юбка	די יופּקע־ס
Капот	דער קאפּאָט־ן
Передник, фартук	דער פּארטעך־ער
Кофта	די קאָפטע־ס
Кофточка	דאָס קאָפטל־עך
Жакет	דער זשאקעט־ן
Пояс, кушак	דער גארטל־ען
Шарф	דער שארף־ן
Шаль	די שאל־ן
Пелерина	די פּעלערינע־ס
Пальто	דער מאנטל־ען
Пальто летнее	דער זומער־מאנטל־ען
Пальто осеннее	דער הארבסט־מאנטל־ען
Пальто зимнее	דער ווינטער־מאנטל־ען
Шуба, меховое пальто	דער פוטער־ס
Тулуп	דער פּעלץ־ן
Шляпа	דער קאפּעליוש־ן
Шапка	דאָס היטל־ען
Шапочка, шляпка	דאָס היטעלע־ך

* дословный перевод.

Кепка	די קעפּקע־ס
Берет	דער בערעט־ן
Козырек	דער דאשעק־עס
Меховая шапка	די קוטשמע־ס
Шлем	דער העלם־ען
Вуаль, покрывало	דער שלייער־ס
Платок	די טוך

Платок	דאָס טיכל־עך
Платок большой	די פאַטשיילע־ס
Платок носовой	דאָס נאָזטיכל־עך
Перчатки	די הענטשקע־ס
Муфта	די מופטע־ס
Зонтик	דער שירעם

Семь чернильниц *

Птица прилетела бы,
послал бы её к радуге:
Птица, птица,
принеси быстро
семь чернильниц
с чернилами.
Буду писать на бумаге
каждое слово с его колером.
реку — синим,
песок — желтым,
траву — зеленым,
день — светлым.
Но письмецо маме —
из всех чернильниц вместе.

Овсей Дриз

* Дословный перевод

זיבן טינטערלעך

וואָלט א פויגל דורכגעפלויגן,
שיק איך אים צום רעגנבויגן:
פויגל, פויגל,
ברענג געשווינד
זיבן טינטערלעך
מיט טינט.
וועל איך שרײַבן אַף פּאַפּיר
יעדעס וואָרט מיט זײַן קאָליר.
טײַך — מיט בלויען,
זאמד — מיט געלן,
גראָז — מיט גרינעם,
טאָג — מיט העלן.
נאָר דאָס בריוועלע דער מאמען —
פון אלע טינטערלעך צוזאמען.

שיקע דריז.

Шолом-Алейхем

(из книги «Мальчик Мотл»)

...Из-за бутылок в доме тесно... Прибегает паренек. Он уже жених. Я его знаю. Его зовут Копл. Его отец портной...

— Здесь продают чернила в розницу?
— Да. А что такое?
— Я бы хотел немного чернил.
— Сколько тебе нужно?
— Дайте мне на копейку.

Мой брат Эля вне себя, если бы не стыд перед матерью, он бы этого жениха Копла раньше отшлепал, а потом вышвырнул бы из дому. Однако он сдерживает себя и наливает тому чернил на копейку.

Не проходит и четверти часа, прибегает девочка. Её я не знаю. Она ковыряет (пальцем) в носу и говорит моей маме:

— Здесь делают чернила?
— Да, а что такое?
— Сестра просила, не можете ли вы ей одолжить немного чернил? Ей нужно написать письмо жениху в Америку.
— Кто твоя сестра?
— Бася, швейка.
— А! Смотри, как она выросла! Не сглазить бы! Я тебя совсем не узнала. Чернильница есть у тебя?
— Откуда у нас чернильница?

Моя сестра просила, может быть, у вас есть перо. Она только напишет письмо в Америку и вернет вам чернила и перо.

שאָלעם־אַלײכעם

(פון „מאָטל פּייסי דעם כאזנס”)

...איבער די פלעשער איז ענג אין שטוב... לויפט ארײַן א באָכערל... ער איז שוין א כאָסן. איך קען אים. קאָפּל הייסט ער. דער טאטע זײַנער איז א שנײַדער...

— דאָ פארקויפט זיך טינט לאאכאָדים?
— יאָ, וואָס איז דען?
— איך האָב געוואָלט א ביסל טינט.
— וויפל דארפסטו טינט?
— גיט מיר פאר א קאָפּעקע טינט.

מײַן ברודער עליע איז אויסער זיך. ער זאָל זיך ניט שעמען פאר דער מאמען, וואָלט ער אָט דעם כאָסן קאָפּל פריִער דורכגעפּאטשט און נאָכדעם ארויסגעוואָרפן פון שטוב. ער האלט זיך אײַן און גיסט אים אָן פאר א קאָפּעקע טינט.

עס גייט ניט אוועק קיין פערטל שאָ, קומט ארײַן א מיידל. דאָס מיידל קען איך ניט. זי קאלופּעט מיטן פינגער די נאָז און רעדט צו מײַן מאמען:

— דאָ מאכט מען טינט?
— יאָ, וואָס איז דען?
— די שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער קאָנט איר איר לײַען א ביסל טינט? זי דארף אוועקשרײַבן א בריוול קיין אמעריקע צו איר כאָסן.
— ווער איז דײַן שוועסטער?
— באסיע די נייטערן.
— אָ! זע נאָר, ווי זי איז אויסגעוואקסן! קיין אײַנהאָרע! איך האָב דיך גאָר ניט דערקענט. א טינטערל האָסטו?
— ווי קומט צו אונדז א טינטערל?

מײַן שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער האָט איר א פען, זי וועט נאָר אָנשרײַבן דאָס בריוול קיין אמעריקע, גיט זי אײַך אָפּ צוריק די טינט און פען.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

טיקן־טאָעס

איבער טעכנישע סיבעס איז די ליד „כ׳קען און קען” („סאָוועטיש היימלאנד”, נומ. 4, ז. 38) אלפי־טאָעס אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין מ. ריזאנטס ציקל „פון ברייטע וועלטן”. דער אווטאָר פון דער ליד איז מ. מאָגילעוויטש (זע זײַן ציקל „דער בונד פון הימל מיט דער ערד” אין דעם זעלבן נומ., ז. 28 — 29).

12—276

© Журнал «Советиш геймланд», 1976 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный

литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

На еврейском языке

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. ВЕРГЕЛИС

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай,
И. Чичельницкий
Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91

ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция

М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18.V.1976 г. Формат 70×108 1/16,
Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 276.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 6

1976

В НОМЕРЕ:

Публицистика: А. Кислов, С. Рогов. Антисемитизм в США.
Т. Ген. В наши дни. (Роман. Продолжение).
Рассказы С. Баруздина, Д. Калиновской (Перевод с русского).
Стихи А. Вергелиса, Б. Шафира, М. Лифшица, И. Рядченко, И. Гордона, А. Уварова, В. Березинского, С. Стриженюка, И. Неверова, В. Гетмана, В. Ивановича, А. Белоусова.
А. Гак. Семья старых большевиков (очерк).

Литературная критика.
Библиография.
Вопросы искусства

И. Друкер. О творчестве И.-Л. Переца.
Л. Озеров. Рождение песни.
Комментарии редакции. Наши сообщения. Разное. Хроника. Библиография.
Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.